STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03113

TSVISHN YIDN IN VAYTE LENDER

Henry Shoskes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר חיים שאָשקעס

*

צווישן יידן אין ווייטע לענדער

מיין דאַנק

דער חשובער פאַרוואַלטונג פון קהילת ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, בראַזיל, פאַר זייער מיטהילף ביים אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

דער מחבר

ד״ר חיים שאָשקעס

צווישן יידן
אין
ווייטע לענדער

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ״ד - 1964

Dr. Haim Shoskes

Zwishn Yidn In Weite Lender

פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, רח' זנגביל 24
„HAMENORAH" Publishing House
24, Zangwill str. Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תשכ"ד
Printed in Israel 1964

דפוס „אורלי", ת"א, רח' יסוד המעלה 27, טלפון 32062

אינהאַלט

זייט

דער תנ״ך פון אַלעפּאָ	7
אין דער שול פון דמשק	12
אויף די שפּורן פון די פּרעהס	18
באַגעגענישן מיט יידן אין פּערסיע	28
כישוף אין די פּערסישע געטאָס	43
אַ געשפּרעך מיטן שאַך פון איראַן	48
ביי די יידן אין דער הויפּטשטאָט פון אינדיע	58
מאָדנע באַגעגענישן אין אינדיע	67
מיינע באַגעגענישן אין ציילאָן	77
די פאַרוואָגלטע יידן אין סינגאַפּור	90
אויסטראַליע, דאָס לאַנד מיט ווייניק מענטשן	96
טויטשרעק אין אַעראָפּלאַן	101
אין מאַדאַגאַסקאַר	106
אין די טיפענישן פון אַפריקע	117
צווישן יידן אין קאָנגאָ	138
ווידער אין ראַטן־פאַרבאַנד	145
אַ ווינטערטאָג אין מאָסקווע	151
ביי די „אַנוסים״ אין דער מאָסקווער שול	164
אַ באַזוך אין רעדאַקציע פון מאָסקווער יידישער צייטשריפט	172
וואָס דערציילט מען אין מאָסקווע וועגן יידישן ישוב אין ביראָ־בידזשאַן	193
אין יידישע שטובן אין מאָסקווע	197
אַנטי־יידישע בלבולים אין אַ סאָוויעטיש בוך	205
ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַנטי־יידישן קורס אין ראַטן־פאַרבאַנד ?	209
אַ שפּאַציר איבערן היינטיקן מאָסקווע	215
דער פּראָצעס אין ווילנע	220
אין אַעראָפּלאַן מאָסקווע—וואַרשע	224

אין וואַרשע 229
אין מאָסקווע אויף אַ קאָנצערט 243
באַגעגענישן אין קאַווקאַז 247
אין סאָטשי 253
יידן לעבן נאָך אַלץ אין שרעק 261
מיט יידן אין קרים 267
סאָוויעטישע יידן דערציילן 274
סעוואַסטאָפּאָל 274
ווי אַזוי לעבן איצט יידן אין קרים 293
באַגעגעניש מיט יידן אין ריגע 301
אויף אַ בר־מצווה אין ראָסטאָן־פּאַרבאַנד 313
אַ שמועס מיט אַן אַלטן יידישן קאָמוניסט 319
דער גורל פון די יידן אין סאָוויעטישן ריגע 324
אַ באַזוך אין לענינגראַד 329
ווי אַזוי לעבן יידן אין לענינגראַד 345
אין ווינטער־פּאַלאַץ 352
דיסקרימינאַציע פון דער יידישער רעליגיע אין ראָסטאָן־פּאַרבאַנד . . 359
ווילנע — אַ שטאָט פון אומעט און יידישן צער 375
דאָס יידישע לעבן אין ווילנע און אין קאָווונע 386
דער לעצטער עטאַפּ — אין וואַרשע 411

קיעוו, 1963

אויפן יידישן בית־עולם אין קיעוו 418
אין באַבי יאַר 424
אין דער קיעווער שול 437

דער תנ״ך פון אַלעפּאָ

צו די אינטערעסאַנטסטע מאָמענטן פון מיין רייזע איבער די אַראַבישע לענדער געהערט די באַגעגעניש מיט אַ ייד פון אַלעפּאָ, סיריע. איך האָב דעם ייד געטראָפן אין ביירוט, די הויפּטשטאָט פון לבנון.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ סך באַגעגענישן בעת מיין רייזע איבער רוסלאַנד, למשל, אָדער איבער מצרים, סיריע, לבנון, ירדן — בלייבן נישט פאַרעפנטלעכט: דער זשורנאַליסטישער יצר־הרע קעמפט דאָ מיט דעם אינערלעכן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכער דיקטירט בעסער שווייגן, אײדער שאָדן ברענגען אַ ייד דורך אַ פּריצייטיק דערציילן...

דעם פאַל אָבער מיטן ייד פון אַלעפּאָ, וועלכע איז נישט קיין אַנדערע ווי די זעלבע אַרם־צובא, וואָס איז נאָך דערמאָנט געוואָרן אין תהילים, קאַפּיטל ס׳, אָדער ווי דער נאָמען חלב, מיט וועלכן אַלעפּאָ איז באַוווּסט אין דער העברעישער ליטעראַטור, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן נאָך דעם, ווי איך האָב געהאַט צוויי לאַנגע שמועסן מיטן פאָרשער פון יידישן אַלטערטימלעכקייטן און עטנאָגראַפיע יצחק בן־צבי ז״ל, וועלכער איז אויך געווען דער העכסטער פאַרשטייער און סימבאָל פון מדינת ישראל — איר פרעזידענט.

אינטערעסאַנט, אַז מיינע לאַנגע צוויי־שעהדיקע באַזוכן און שמועסן מיטן בן־צבי האָב איך געהאַט אין די וואָכן ווען די היץ פון דער „פּרשה״ בן־גוריון—לבון איז געווען אין סאַמע ברען, — ווען מיניסטאָרן און פּאָליטישע טוער זענען אַריין און אַרויס פון דעם אַזוי באַשיידענעם „פּאַלאַץ״ כביכול, ווו דער פרעזידענט פון ישראל וווינט און אַמטירט.

וויפל מאָל פלעגן מיך באַקאַנטע, נאָך אַזאַ שמועס מיטן פרעזידענט, אַ פרעג־טאָן: „נו, וואָס האָט ער געזאָגט וועגן סכסוך? דו האָסט דאָך מסתם די סאַמע לעצטע אינפאָרמאַציעס נאָך אַזעלכע לאַנגע שמועסן אויג־אויף־אויג מיטן הויפּט פון דער מדינה?״

און איך האָב געענטפערט, אַז עס איז גאָרנישט געקומען אַפילו צום דערמאָנען די ענינים פון לויפנדיקער פּאָליטיק, אַז אונדזערע געשפּרעכן האָבן זיך געהאַלטן נאָר אין די ראַמען פון דעם, וואָס איך האָב געזען ביי די יידן אין די אַראַבישע לענדער, — אַ טעמע, וועגן וועלכער בן־צבי

האָט אַזוי פיל געפּאַרשט און אָנגעשריבן, — אַז עס האָט פּשוט קיין צייט נישט געסטייעט אַפילו צו באַנוצן דעם כיבוד, וואָס מען האָט געשטעלט אויף דעם פּרעזידענטס טיש. איך האָב געדעט, דער פּרעזידענט האָט געהערט און געשטעלט פראַגן און זיין אַדיוטאַנט, אַלוף י. כרמל, האָט אַלץ פאַרשריבן. ווען כרמל פלעגט ווערן מיד, האָט מען גערופן אַ צווייטן סעקרעטאַר.

אַרום, אין לאַנד, האָט געברענט אַ מחלוקת — מיניסטאָרן זענען גע־לאָפן „דחופים ומבוהלים" צווישן תל־אביב און ירושלים — אָבער דאָ אין קליינעם צימערל פון בן־צביס פּריוואַטער וווינונג, האָט מען גערעדט וועגן די אַלטע „שמות" פון דער רואינירטער סינאַגאָגע אין טריפּאָלי, וועגן דעם נייעם „ריינעם" צוגאַנג צום כותל־מערבי, וועגן די אַזוי טייערע „קרובים", וועלכע איך האָב גאָר־וואָס באַזוכט אין מערת המכפלה, — נו, און וועגן דער לאַגע פון די יידן אין מצרים, דמשק, אַלעפּאָ און אין ביירוט.

איז איצט מיש איך אויף די פּרשה אַלעפּאָ, אַנשטאָט די פּרשה לבנון...

בעת מיין באַזוך אין דער הויפּטשטאָט פון לבנון — ביירוט — האָט מען מיר געזאָגט, אַז גראַד געפינט זיך דאָ אַ סירישער ייד פון אַלעפּאָ, וועלכער האָט זיך ממש מיט נסים אַרויסגעריסן פון דער דאָזיקער שטאָט. ווו יידן זענען פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ, באַרויבט פון זייער פאַרמעגן און אויסגעשטעלט דורך די סיריער צו שאַנד און צו שפּאָט.

האָט מען איינגעאָרדנט פאַר מיר אַ באַגעגעניש מיט דעם ייד אין דער שול „מגן אברהם", גלייך נאָך מעריב. דער שמש פון שול, — אַ האַרבאַטער ייד מיט אַ רויטן פעז אויפן קאָפּ, וואָס רעדט נאָר אַראַביש, — האָט באַקומען אַ באַפעל אונדז ביידן, מיך און דעם ייד פון אַלעפּאָ, צו פאַרשליסן אין דער פוסטער שול, לאָזן אונדז דאָרט אַליין און וואַרטן ביי דער טיר ביז מיר וועלן אָנקלאַפּן און ער וועט אונדז אַרויסלאָזן.

דער אַנטלאָפענער פון סיריע — אַן אינטעליגענטער ייד אין די מיטעלע יאָרן, וואָס רעדט אַ פליסיקן פראַנצויזיש — איז צוויי מאָל בעתן געשפּרעך צוגעגאַנגען צום פענצטער אַ קוק טאָן, צי מען הערט זיך נישט אונטער. דאָס האָט מיך דערמאָנט אין די פאַרזיכטס־מיטלען, וועלכע מען נעמט אָן אויך אין רוסלאַנד, ווען מען וויל זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן.

און ער האָט דערציילט: פון די צען טויזנט יידן, וואָס זענען דאָרטן

געווען בעת מיין ערשטן וויזיט, זענען אין אַלעפּאָ געבליבן נאָר אַרום צוויי טויזנט.

די וווּנדערלעכע שול דאָרטן, וועגן וועלכער מיר האָבן נאָך געהערט לעגענדעס אין אונדזער פריסטער קינדהייט, איז אונטערגעצונדן און טייל־וויז צעשטערט געוואָרן אין טאָג ווען מען האָט דערקלערט די אומאָפּהענ־גיקייט פון ישראל. פאַרברענט איז געוואָרן דער הייליקער כסא של אליהו הנביא, אַ מוזעאַלע מערקווירדיקייט. פאַרשוווּנדן איז דער תנ״ך, דער „כתר בן אשר״, וואָס, ווי מען האָט געגלייבט, איז ער געשריבן געוואָרן דורך עזרא הסופר.

און דאָ האָט מיין מיטשמועסער זיך צעוויינט: „דער דאָזיקער ספר איז דאָך געווען דער שטאָלץ פון אונדזער יידנטום. געלערנטע פון אַלע טיילן פון דער וועלט זענען געקומען אים אָנקוקן און פאָטאָגראַפירן. מיר האָבן אים געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, און די לעצטע צוואַנציק יאָר איז אַ שטענדיקע וואַך געשטאַנען ביי דעם אייזערנעם קאַסטן, ווו דער „כתר ארם־צובא״ איז געלעגן. מיר האָבן אים אויפגעהערט וויזן אַפילו די געלערנטע, וואָס זענען געקומען אים אָנקוקן פון פאַרשידענע אוניווער־סיטעטן. איז ער איצט פאַרשוווּנדן, ווער ווייסט, צי מען וועט אים שוין אַ מאָל געפינען?

פאַר אונדז, די יידן פון אַלעפּאָ, איז דאָס פאַררעכנט פאַר אַ גרעסער אומגליק, ווי די צרות, וואָס מיר האָבן אַליין אויסצושטיין.

שווינדלערישע באַאַמטע פון דער סירישער רעגירונג האָבן אונדז מיט עטלעכע יאָר צוריק געראַטן צו פאַרקויפן אונדזערע הייזער, אונדזער פאַרמעגן און באַצאָלן דערפון געוויסע אָפּצאָלונגען, וועט מען אונדז אַרויס־לאָזן פון לאַנד. און אַזוי האָבן מיר געטאָן. פאַר יעדן דערוואַקסענעם האָבן מיר, נאָכן ליקווידירן דאָס פאַרמעגן, באַצאָלט די אָרטיקע באַאַמטע אַרום צוויי טויזנט פונט (זעקס הונדערט דאָלאַר), פאַר יעדן קינד — צו טויזנט פונט. דאָס געלט האָט מען צוגענומען און געהייסן קומען נאָך אַן עמע־גראַציע־דערלויבעניש אין אַ האַלב יאָר אַרום; שפּעטער נאָך אַ מאָל — אין אַ יאָר אַרום... איצט לאַכט מען זיך אויס, ווען מיר קומען דאָס דער־מאָנען. מען האָט פּשוט אויף אַזאַ אופן צוגענומען ביי די מער פאַרמעג־לעכע יידן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט.

מען איז פאַרשפּאַרט אין געטאָ. מען לעבט פון אויספאַרקויפן דאָס ביסל זאַכן, וואָס איז אונדז געבליבן. מען דערלויבט נישט אַפילו קרובים

פון אויסלאַנד צו שיקן אונדז שטיצע. מיר גייען אונטער. איך רעד מיט אייך דעריבער, ווייל איך וויל, אַז אונדזער געשריי זאָל דערגיין אין אויס־לאַנד. איר פאָרט קיין מצרים — דאָרט זיצט דאָך אונדזער „באַלעבאָס״ גאַסער. אפשר וועט ער אָפּשטעלן די גזירות קעגן זיינע נייע ידישע אונ־טערטאַנען?״

און נאָך זאַכן און איינצלהייטן דערציילט מיר דער ייד, אַ צעשראָ־קענער און צעוויטאַגטער פון דער פּאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז געפאַלן אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס מיטן פאַקט, וואָס ער איז אַנטלאָפן פון אַלעפּאָ. אָבער ער איז דאָך אַלץ אין די גרענעצן פון אַן אַראַבישער מלוכה, לבנון, און ווייס נאָך נישט, ווי אַזוי ער וועט זיך פון דאַנען אַרויסקריגן. ווייל ער דורך מיר עפּעס דערגרייכן. און ער פאַרענדיקט מיט אַ ביטע:

„דערוויסט זיך, צי מען האָט געפונען אונדזער „כתר חלב״, אונדזער הייליקן תנ״ך. זאָל מען אים זוכן אין דער וועלט, ווייל מיר זענען חושד, אַז מען האָט אים גענגבעט בעת דער שרפה״...

צו מאָרגנס בין איך אַליין שוין אַרויסגעפאָרן פון לבנון און איך האָב דאָס געשריי פון ברודער פון ארם־צובא (אַלעפּאָ) דערבראַכט דאָרטן, ווו ער האָט געדאַרפט דערהערט ווערן — אַפילו צו די איינפלוסרייכע פירער פון דער קהילה אין קאַירא, וואָס האָבן נאָך איצטער אַ צוטריט צו נאַסערן...

און איצט ברענג איך אים צום פּרעזידענט פון ישראל.

אָבער די גרעסטע איבעררעאַשונג לעב איך איבער ווען דער פּרעזידענט בן־צבי טיילט מיר מיט:

„דער הייליקער ספר „כתר חלב״, דער קאָדעקס בן־אשר, איז געראַ־טעוועט און געפינט זיך איצטער אין זיכערע הענט אין אייראָפּע. איך דער־וואַרט יעדן טאָג ער זאָל אָנקומען אַהער. אמת, די לעצטע זייטן זיינע זענען שטאַרק באַשעדיקט, אָבער צום גליק, האָט מען אַ מאָל געמאַכט פאָטאָסטאַטן פון זיי און מען קאָן זיי רעסטאַווירן״.

פאַלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון הארצן. קאָמבינירן איך שנעל אויס אַ וועג, ווי אַזוי מען קאָן די דאָזיקע בשורה מיטטיילן די יידן פון דמשק און פון אַלעפּאָ. וועט דאָס אפשר שטאַרקן זייערע הערצער און זייער גלויבן אין די שווערע צייטן, וועלכע זיי לעבן איצט דורך.

דערמאָן איך זיך מיין אייגענעם באַזוך אין אַלעפּאָ מיט מער ווי 30 יאָר צוריק, ד. ה. אין יאָר 1929.

אויך דאַן האָבן די יידן, לויט זייער אייגענעם ווילן, געלעבט אין אַ געטאָ און אויפן מויער איז געווען אויפגעצייכנט דאָס יאָר, ווען מ׳האָט די געטאָ־וואַנט געשטעלט: אתרס, ד. ה. 1349.

און די סינאַגאָגע האָב איך באַזוכט. זי איז באַשטאַנען פון אַ צענטראַלער שטיינערנער געביידע מיט קליינע בנינים, צוגעבויטע שפּעטער. לויט דער מסורה האָט די הויפּט־געביידע געשטאַמט פון די צייטן פון עזרא הסופר. אָבער אַן אויפשריפט אויף איינער פון די זייטיקע געביידעס גיט אָן דאָס יאָר 345 פון אונדזער צייט־צײַלונג. אין יעדער פון די קליינע געביידעס האָט מען געדאַוונט בציבור. אין צענטער פון דער שול איז געשטאַנען דער באַרימטער כסא של אליהו, אויף וועלכן מען האָט זיך אויפגעהויבן מיט צוואַנציק טרעפּ. מען האָט מיר דאַן דערציילט, אַז בעתן אַן אָנפאַל אויפן יידישן געטאָ מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, האָבן זיך די צעיושעטע אָנפאַלער אַריינגעריסן אין דער סינאַגאָגע, ווו די יידן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט, און דאַן האָט זיך פּלוצלינג אויבן, אויפן כסא של אליהו, באַוויזן די פיגור פון אליהו הנביא, וואָס האָט געברענט ווי פייער. האָבן זיך די אָנפאַלער דערשראָקן און זיך צעלאָפן.

איך בין דאַן געפירט געוואָרן צום לינקן פליגל פון דער סינאַגאָגע, ווו עס געפינט זיך די מערת אליהו הנביא, און דאָרט, אויף אַ שטיינערנער פּליטע, איז געשטאַנען דער אייזערנער קאַסטן מיט דער גרויסער הייליקייט — דעם „כתר חלב״, — דעם תנ״ך, פון וועלכן דער רמב״ם האָט קאָפּירט די ציטאַטן פאַר זיינע ספרים. דער גבאי האָט בשום אופן נישט געוואָלט עפענען דעם קאַסטן און ווייזן מיר דעם ספר. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָר איין שליסל און דער צווייטער געפינט זיך ביים רב. האָב איך אָבער נישט געוואָלט אָפּלאָזן און אַזוי לאַנג געבעטן, ביז עס איז געראָד געקומען דער רב לאַניאַדאָ דאַווענען מנחה. האָט מען זאַלבעצווייט אויפגעשלאָסן דעם אייזערנעם קאַסטן און געעפנט דעם ספר, נישט אַרויסנעמענדיק אים.

דאָס איז דער עלטסטער עקזעמפּלאַר פון תנ״ך, וואָס איז אין אונדזער באַזיץ מיט אַלע צייכנס פון די „פּתוחות״ און „סתומות״, וועלכע זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס יסוד פאַר קומענדיקע דורות.

און די גלגולים — די היסטאָריש באַשטעטיקטע גלגולים, וואָס דער

דאָזיקער ספר האָט דורכגעמאַכט: געשריבן אין פּערסיע, געבראַכט קיין ירושלים מיט מער ווי טויזנט יאָר צוריק. אין 1099 האָבן די „קרייצציג־לער־סאָלדאַטן" דעם ספר אַוועקגענומען קיין קאַיראָ. דאָרט האָבן די מצרישע יידן אים אויסגעקויפט פאַר גרויס געלט און באַהאַלטן אין זייער שול. און שפּעטער, ווען ר' משה בן מימון, דער רמב״ם, איז אָנגעקומען קיין קאַיראָ, האָט ער דאָרט דעם ספר געפונען און זיך באַנוצט מיט אים צו פאַרריכטן די אַלע גרייזן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די געשריבענע תנכ״ן פריער. שפּעטער מיט הונדערטער יאָרן, אין סוף פון פערצנטן יאָרהונדערט, איז דער „כתר" געבראַכט געוואָרן קיין אַלעפּאָ (חלב) דורכן רמב״מס אור־אייניקל ר' דוד.

און דער „גלגול" גייט אָן ווייטער: איך זע, אַז דער פּרעזידענט בן־צבי קאָן מיר נישט זאָגן, ווי אַזוי נאָכן פּאָגראָם אין יאָר 1948 און נאָך דער שריפה אין דער אַלעפּאָער סינאַגאָגע האָט דער ספר „פאַרבלאָנדזשעט" קיין איראָפּע.

מעגלעך, אַז אויך איצט, ווי אין די צייטן פון די ערשטע קרייצצוגן מיט אַרום טויזנט יאָר צוריק, האָבן יידן אויסגעקויפט דעם ספר פאַר גאָר־גאָר גרויס געלט ביי די רויבער־מוסולמענער...

אין דער שול פון דמשק

ווען איך האָב בעת מיין לעצטן וויזיט אין ישראל זיך געטראָפן מיטן פּרעזידענט בן־צבי, האָט ער מיר געגעבן אַלס מתנה זיינעם אַ קליין ספרל אונטערן נאָמען „מסעות ארץ־ישראל לרבי משה באסולה" (אַ ארץ־ישראל־רייזע פון ר' משה באַסולה). דאָס איז אַ גרינטלעכע קריטישע באַאַרבעטונג פון די רייזעס פון אַן איטאַליענישן רב, וואָס האָט אין דער צווייטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט פאַרלאָזן ווענעדיג מיט אַ שיף און נאָך אַ רייזע פון פערצן וואָכן דערגרייכט דעם פּאָרט טריפּאָלי אין איצטיקן לבנון. שפּעטער האָט ער באַזוכט דמשק, ארץ־ישראל — און זיינע איינדרוקן באַשריבן מיט אַ סך גענויע פּרטים: ווי ס'האָבן אויסגעזען די שטעט, די יידישע ישובים, די האַנדלס־באַדינגונגען, די הייליקע פּלעצער אאַז״וו.

יצחק בן־צבי מאַכט אַ קריטישן אַנאַליז אבער אַ ריי אַנגעוואַקסענע טעותים, וואָס זענען אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור אַרום דער דאָזיקער רייזע, און עס באַקומט זיך אַ קלאָר בילד, וואָס אַנטשפּרעכט סיי די פּערזאָן פון ר׳ משה באַסולה און סיי די אומשטענדן, אין וועלכע ער האָט געררייזט.

פּאַר אַזעלכן ווי מיר, וואָס איז געקומען דערציילן יצחק בן־צבי (נישט דעם פּרעזידענט, נאָר דעם פאָרשער), וואָס איך האָב געזען אין אַ טייל פון די פלעצער, וועלכע זענען באַזוכט געוואָרן פון דערמאָנטן ר׳ משה, פּונקט מיט פיר הונדערט יאָר צוריק, — איז אַזאַ שמועס אַ טיפע איבער־לעבעניש: אָט דערמאָנט ר׳ משה, אַז אין טריפּאָלי האָט ער געפונען אַרום הונדערט יידישע בעלי־בתים און אין ביירוט נאָר צוועלף יידן. אַז אין טריפּאָלי שטייט אַן אַלטער שיינער בית־הכנסת און אין ביירוט האָט ער קיין שול נישט געפונען, — קום איך מיט הונדערטער יאָר שפּעטער, און געפין נאָר איין־און־איינציקע יידישע משפּחה אין טריפּאָלי (דער סוחר ר׳ יצחק מזרחי און זיינע פיר דערוואַקסענע זין), אָבער מער ווי זיבן טויזנט יידן אין ביירוט. יענעם בית־הכנסת, וואָס ר׳ משה האָט געזען, האָב איך געטראָפן אָן אַ דאַך און היפּשלעך רואינירט; שוין לאַנגע יאָרן איז דאָך דאָ קיין מנין נישטאָ. און דער לעצטער ייד מיט זיין משפּחה קלאַמערט זיך ביי די דאָזיקע רואינען, וויל נישט דעם פּלאַץ פאַרקויפן, כאָטש ער געפינט זיך אין צענטער פון טריפּאָלי און מען קען פאַר אים אָפּנעמען אַ סך געלט, ווייל, זאָגט ער, „רק עם אחרון היהודי גם אחרית תקותינו״, נאָר אַז דער לעצטער ייד וועט פאַרשווינדן, וועט אונדזער האָפענונג פאַרשווינדן.

באַמערקט: דאָס זענען דאָך די ווערטער פון אונדזער הימן „התקוה״. אַלס „הימן״ איז ער פאַרווערט צו זינגען אין אַראַבישן לאַנד, אַלס „תפילה״ זינגט מען אים נאָכן דאַווענען. די ווערטער קען ר׳ יצחק מזרחי, — זאָגט ער זיי מיט אַ באַזונדער געפיל און מיר ביידע ווייסן גוט, פון וואַנען די ווערטער שטאַמען.

אין ביירוט, ווו בעת דער רייזע פון ר׳ משה איז קיין בית־הכנסת נישט געווען, — טויערט איצט איבערן יידישן קוואַרטאַל דער מאָנומענטאַלער בנין פון „מגן־אברהם״־שול און אויסער דעם געפינען זיך נאָך אַ צענדליק קלענערע בתי־תפילה.

הייסט דאָס, אַז נישט קוקנדיק אויף די רדיפות, מלחמות און בלוט־בעדער אין משך פון די פאַרגאַנגענע פיר הונדערט יאָר, זענען מיר אַרויס פון זיי אין לבנון מיט אַ באַדייטנדיקן צוווּקס. הלוואי ווייטער!

פאַרשטייט זיך, מען קאָן דאָס זעלבע נישט זאָגן וועגן אַ ריי מלוכות און שטעט, וועלכע זענען באַרייזט געוואָרן פון געוואַגטע יידן אין משך פון די פאַר טויזנט יאָר נאָכן חורבן בית שני און וועגן וועלכע עס זענען גע־בליבן כתבים און פאַרצייכענונגען. איך בלעטער זיי פון צייט צו צייט. — פּרוביר פאַרשטיין זייער אַרכאַישן העברעיש און דורכדרינגען דעם נעפּל פון די פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס רינגלען אַרום דאָס קערנדל אמת. דערקען איך בעת מיינע רייזעס די פּלעצער, נעמען פון שטעט, פון לענדער. פון אַנדערע מקומות זענען יידן אין גאַנצן פאַרשוווּנדן — ווי פון סאַוד־אַראַביע, למשל, און אין די לעצטע דרייצן יאָר — פון ירדן־קעניגרייך (אַלט־ירושלים, חברון, שכם), אַ מאָל בליענדיקע ישובים זענען פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אָרעמע, פאַרשרומפּענע, קליינע געטאָס — ווי אין דמשק און אַלעפּאָ, און גאָר לעצטנס, אין אַלעקסאַנדריע של מצרים. אָבער עס איז מערקווירדיק, ווי דאָ און דאָרט געפין איך נאָך דעם „פאַרוואַלגערטן" ייד, וואָס האַלט זיך פאַרעקשנט און וויל נישט פאַרשווינדן.

און איך באַוווּנדער דעם אויסדויער און בטחון פון אָט די אַלע אַמאָליקע יידישע רייזנדערס, וואָס האָבן זיך געריסן צו די קברים פון אַלטן ארץ־ישראל, — פון ר׳ בנימין מטודלה, מיט ניין הונדערט יאָר צוריק, ר׳ עובדיה מברטנורא, מיט פינף הונדערט יאָר צוריק, פון דעם פריער דערמאָנטן ר׳ משה באַסולה מיט פיר הונדערט יאָר צוריק ביז ר׳ משה מאָנטעפיאָרע מיט 100 יאָר צוריק.

פערצן יאָר האָבן געדויערט די רייזעס פון מיין גלענצנדן פאָרגייער ר׳ בנימין מטודלה, אויפן זעלבן שטח, וואָס ביי מיר פערצן טעג... אָבער זיין באַשרייבונג פון מרדכי און אסתרס קבר אין דער פּערסישער שטאָט האַמאַדאַן (אַמאָליקער שושן הבירה) אין עלפטן יאָרהונדערט, שטימט כמעט גענוי מיט דעם, וואָס איך האָב געזען מיט ניין הונדערט יאָר שפּעטער. און אין דעם ליגט דער זיסער סוד און דער זיסער אמת פון דער אייביקייט פון אונדזער מסורה און אויך פון צענטראַלן פונקט פון אַלע מער ווי צוואַנציק אַלטע יידישע רייזנדערס, וואָס האָבן זייערע איינדרוקן פאַרצייכנט — און דער דאָזיקער פונקט איז געווען — ארץ־ישראל.

אָבער פאַראַן פיל־פיל מערקווירדיקייטן פון יידישן עבר, וואָס זענען פון קיינעם פון די פריערדיקע רייזנדערס נישט פאַרצייכנט געוואָרן פשוט דערפאַר, ווייל מען האָט זיי אויסגעגראָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אַנדערע אַזוי שפּעט, ווי שוין אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די באַדייטנ־

דיקסטע פון זיי — אין מיינע אויגן, ווי אויך אין דער אָפּשאַצונג פון גרעסערע ספּעציאַליסטן און געלערנטע ווי איך בין, — איז די אויסגעגראָבענע שול אין דער מדבר־שטאָט דוראַ־אייראָפּאָס, צווישן סיריע און איראַק (בוכשטעבלעך: „בין נהר פרת ונהר חדקל" — די טייכן פון אונדזער חומשדיקן גן־עדן). די אַרכעאָלאָגן פון אַמעריקאַנער יעיל־אוניווערסיטעט האָבן די דאָזיקע סינאַגאָגע אַנטדעקט אין יאָר 1933, אַ פאַרשאָטענע אונטער די הייסע מדבר־זאַמדן. אַזוי ווי מען האָט אַזאַ אוצר נישט געקאָנט איבערלאָזן אין וויסטן מדבר, האָט מען אים איבערגעטראָגן טיילווייז און רעסטאַוורירט אויפן מוזיי־שטח פון דמשק. און דאָרט טאַקע האָב איך די סינאַגאָגע געזען צום ערשטן מאָל אין יאָר 1935, גלייך ווי זי איז צונויפגעשטעלט געוואָרן.

אַ נס, וואָס אין משך פון די נאָענטע יאָרן איז זי גענוי באַשריבן געוואָרן דורך אַ ריי זאַכקענער, צווישן אַנדערע, פון פאַרשטאָרבענעם ירושלימער פּראָפעסאָר א. ל. סוקעניק.

מיין ווייניקייט האָט באַשריבן דעם דאָזיקן בית־הכנסת, אין דעם אופן און סטיל, ווי איך האָב דאָס פאַרשטאַנען, גלייך נאָכן ערשטן באַזוך (אין וואַרשעווער „היינט", איבערגעדרוקט אין פיל אַנדערע צייטונגען).

איך זאָג „אַ נס", ווייל דאָס וואָס איך האָב געזען אין דמשק בעתן איצטיקן באַזוך (ענדע 1960) איז שוין נישט די זעלבע סינאַגאָגע. איצט איז דאָס בלויז אַ גרויסער צימער אין מלוכה־מוזיי פון דמשק, באַהאָנגען מיט די בילדער, וועלכע האָבן זיך אויף אַזאַ וווּנדערלעכן אופן פאַרהיט מיט אַלע זייערע פאַרבן אין משך פון די זיבעצן הונדערט יאָר, וואָס די סינאַגאָגע איז געווען פאַרשאָטן מיט זאַמדן פון מדבר.

בעת מיין ערשטן באַזוך האָב איך נאָך געזען דעם בית־הכנסת אין דער פאָרם, ווי אונדזערע אַמאָליקע ברידער האָבן געדאַוונט אין אים, בעת די ערשטע יאָרהונדערטער נאָכן חורבן בית־שני:

אין צענטער — די שטיינערנע שטול פון נשיא ר' שמואל הכהן. אויף דער מערב־וואַנט, וואָס „קוקט" אויף ירושלים (אין דעם טייל פון דער וועלט — מערב, אַנשטאָט אונדזערער מזרח) אַ געשניצטע שטיינערנע „נישע", אַ מין ארון־קודש; אַן אָפּגעצאַמטע טייל פאַר פרויען; אַ הויף מיט אַ קאָלאָנאַדע, אין מיטן פון וועלכן עס איז געווען אַ מין וואַסער־באַסיין. די קריסטלעכע אַרכעאָלאָגן האָבן געהאַלטן, אַז אין דער דאָזיקער טייל האָבן געדאַוונט די „נייע סעקטאַנטן" — די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן שוין

געגלייבט אין נוצרי און זיך געהאַלטן ביים אָפּטן מנהג פון טובל זיין; נישט יידישע קריסטן זענען נאָך דאַן געווען ווייניק אויף דער וועלט. יידישע פּאַרשער מיינען, אַז אַזאַ מין נאָענטע שכנות צווישן אמתע יידן און דער דאַן נייער קריסטלעכער סעקטע, האָט נישט געקאָנט געמאָלט זיין.

אלזאָ, דאָס אַלץ איז איצטער פאַרשוווּנדן געוואָרן. די סירישע רעגירונג האָט נישט פאַרשטאַנען, אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַן אוצר זי האָט געפונען אונטער די זאַמדן פון מדבר! נישטאָ מער דער כסא פון נשיא, נישטאָ דער „ארון קודש״ און די גאַנצע „סעקטאַנטישע״ קאָלאָ־נאַדע, ווי אויף די ווייבער־שול. אָבער געבליבן זענען די מערקווירדיקע פאַרביקע בילדער אויף די ווענט, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן מיט קרוב צוויי טויזנט יאָר צוריק, מערסטנטיילטס דורך נישט־יידישע, וואַרשיינלעך גריכישע, מאָלערס. (צווישן די בילדער האָט מען געפונען זידלערייען אויף יידן אין גריכיש, רוימיש און אַראַמעיש).

בעתן ערשטן וויזיט מיינעם זענען געווען מער ווי צוויי הונדערט בילדער — פיל פון זיי שטאַרק באַשעדיקטע. איצטער אָבער האָב איך אָנגעציילט אַרום ניינציק, אַלע אויף ביבלישע מאָטיוון.

איר ווערט פּשוט פאַרכאַפּט פון געדאַנק, אַז אָט אַזוי האָבן אונדזערע ווייטע עלטערן געזען די דערציילונגען פון תנ״ך — ווי מיר אַליין האָבן זיי געזען און פאַרשטאַנען מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער.

איר קוקט פאַרגאַפּט אויף דער געוויקסיקער פיגור פון יונגן משה רבינו, ווי ער האַלט דעם פאַרמעט מיט דער תורה צוגעקוועטשט צו זיין ברוסט. ער איז אַ ברונעט, מיט אַ קליין קיילעכדיק בערדל, מיט פייערדיקע אויגן און צעפּלאָשעטע שוואַרצע האָר, אַרומגעוויקלט אין אַ טאָגע, ווי אַ טלית, מיט ציצית אויף צוויי עקן.

וויל איך אייך עפּעס זאָגן: דאָס געזיכט פון משה רבינו האָבן פון אונדז צוגענומען יענע מיטגלידער פון דער „נוצרישער סעקטע״, וואָס האָבן פון זעלבן געזיכט — פון משהן — געמאַכט דעם סימבאָל פון דער נייער רעליגיע. און אַזוי איז דאָס אַוועק דורך דער וועלט, דורך די פעלקער, דורך אַלע יאָרהונדערטער, עד היום הזה... און אָט פירט אַרויס משה די יידן פון ים־סוף, מצרים מיט פערד און רייטוועגענער ווערן איינגעשלונגען דורך די כוואַליעס.

אַ גאַנצע וואַנט פאַרנעמט די וויזיע פון יחזקאל אין טאָל מיט די טרוקענע ביינער: עס ליגן רייען טויטע, עס ליגן אויך אָפּגעריסענע קעפּ,

הענט, פיס, געוויסע טיילן פון בילד דערמאָנען דעם אולטראַ־מאָדערנעם סטיל פון פּיקאַסאָ, ווו אַ מענטש האָט אַ מאָל דריי הענט און פיר פיס... מלאכים קומען אַראָפּ און העלפן יחזקאלן אויפשטעלן די טויטע. זיי ווערן לעבעדיק, הויך, געזונט;ביימער בליען זיך פונאַנדער.

ווייטער זעט מען אַזעלכע בילדער: יהושע בן־נון ביי יריחו; דוד ווערט געזאַלבט אַלס קעניג; יעקב בענטשט זיינע קינדער. אויף דער וואַנט אַנטקעגן זעט מען די דערמאָנונג פון זכריהו הנביא און ווי די יידן טוען תשובה צוליב דעם. אַ גרויס בילד פון דער געשיכטע פון „מגילת אסתר": לינקס — מרדכי אויפן ווייסן פערד (אַ ריזיק פערד) געפירט דורך המנען; רעכטס — אחשורוש אויפן טראָן און אַ דינינקע שוואַרץ־געקליידטע אסתר מיט אַ כמעט מאָדערנעם קנויף האָר אויפן קאָפּ און אַ צאַרט, דורכזיכטיק פנים — קניט אין געבעט. מען זעט, אַז די דעמאָלטיקע יידן האָבן געהאַלטן, ווי די גמרא האָט שפּעטער פעסטגעשטעלט, אַז „אסתר ירקרקת היתה", אַז אסתר האָט געהאַט אַ הויט פון אַ גרינלעכן קאָליר.

אַז איר קוקט אויף אָט־די בילדער, זעט איר באַשיינפּערלעך אונדזער אוראַלטע „מעטריקע", אונדזערע נישט־געענדערטע גלייבונגען במשך פון טויזנטער יאָרן. מיר האָבן בעת די דאָזיקע דורות גאַרנישט אימפּראָ־וויזירט: אָט אַזוי האָבן געלערנט יענע קינדער גלייך נאָכן חורבן, אַזוי ווי מיין אייניקל לערנט דאָס היינט אין זיין שולע אין פאָרעסט הילס, ניו־יאָרק. פאַראַן זיך מיט וואָס איבערצונעמען.

אָבער נאָך אַ וויכטיקע זאַך לערנט איר: מען האָט גלייך נאָכן חורבן פון בית־המקדש זייער ליבעראַל אויפגעפאַסט דעם פאַרבאָט: „לא תעשה לך פסל וכל תמונה" (מען טאָר נישט מאַכן קיין סקולפּטורן און נישט מאָלן קיין בילדער); מען האָט בילדער געפונען אויף די ווענט פון די סינאַגאָגעס נישט נאָר אין דוראַ־אייראָפּאָס, איצט אין דמשק, נאָר אויך אין ישראל (בית אלפא, נהרון אאַז"וו).

אָבער שפּעטער, האָבן זיך די דעמאָלטיקע יידן אַליין דערשראָקן פאַר זייער ליבעראַליזירן אין אויסטייטשן דעם פאַרבאָט. זיי האָבן פּלוצלינג דערזען, ווי די ביזאַנטישע מלכים „גנבנען" אַוועק די זעלבע בילדער און מאַכן זיי פאַרן וויזואַלן אויסדרוק פון נייע רעליגיעס. דאַן האָבן יידן אָנגע־הויבן אויסקראַצן און צעשטערן די בילדער אין זייערע אייגענע סינאַגאָגעס דאָס איז אָבער שוין געשען שפּעטער, ווי דוראַ־אייראָפּאָס איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט זאַמדן און דורך דעם אויפגעהיט פאַר אונדז אַן אומשעצבאַרן אוצר פון געשיכטע.

עס איז געווען פאַר מיר אַ ווייטיק צו קלערן, אַז נישט די דמשקער יידן, וואָס זענען אין אַ געטאָ, נישט קיין שום אַנדער ייד אין דער וועלט, קאָן איצט נישט באַזוכן און באַקוקן די דאָזיקע בילדער. ווי איך האָב בשעתו דערקלערט, דערלויבט מצרים יאָ, אַז יידן זאָלן אַריינגיין אין אירע גרענעצן, אָבער סיריע דערלויבט דאָס נישט.

אויף די שפורן פון די פרעהס

ווען איך בין אַריינגעפאָרן אין קאַיראָ, מצרים, דירעקט מיטן עראָפּלאַן פון אַמאַן (רבת־עמון) די הויפּטשטאָט פון ירדן, — האָב איך געהאַלטן אין מיטן לייענען אַ רוסישן בוך, געשריבן אין לענינגראַד דורך אַ פּסעוודאָ־געלערנטן מ. שאַכנאָוויטש.

דאָס בוך האָב איך געקויפט אין מאָסקווע בעת מיין לעצטן וויזיט דאָרטן, אין טאָג ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן (מאַי 1960).

און כאָטש איך רוף דעם דאָזיקן שאַכנאָוויטש — פּסעוודאָ־געלערנטן, מוז איך מודה זיין, אַז שוין לאַנג האָט מיך אַ בוך נישט געהאַלטן אין אַזאַ מאָדנער נישט־געזונטער שפּאַנונג, ווי דער דאָזיקער פּאַשקוויל אויפן יידנטום, יידישע געשיכטע, יידישע מאָראַל, אַרויסגעגעבן דורך אַזאַ אַנ־געזעענער, דוכט זיך, אינסטאַנץ, ווי די וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע פון ראַטן־פאַרבאַנד.

די שפּאַנונג בעת איך האָב געלייענט און נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט די איינציקע הונדערט זייטן פון דעם בוך אונטערן נאָמען „דער רעאַקציאָנע־רער אינהאַלט פון יידנטום״, האָט מיר דערמאָנט יענע יונגע יאָרן, ווען אין מיינע הענט פלעגט אַריינפאַלן אַ נישט צענזורירט־פאָרנאָגראַפיש ביכל. דוכט זיך, אַז די שמוץ, די אומגעזונטע באַשרייבונגען ליגן אָפן, רייסן די אויגן, — און דאָך ציט מען אין זיך אַריין דעם סם מיטן אונטערבאַוווסטזי־ניקן טייוול אין אונדז.

איז פאַר וואָס האָט מיך שאַכנאָוויטשעס רוסיש בוך אַזוי געקרענקט, ווען איך בין גראָד געפלויגן דעם גאַנצן וועג איבער די אַלט־היסטאָרישע פּלעצער, דורך וועלכע, לויטן תנ״ך און דער מסורה, די יידן זענען געפירט געוואָרן פון מצרים ביז דער ערד פון כנען?

ווייל אַט דער שאַכנאָוויטש, אויפן סמך פון מאַרקסן, ענגעלסן און די שוין לאַנג דיסקרעדיטירטע ביבל־קריטיקער פון דער דייטשער וועלהויזען־דעליטש שולע, לייקנט אין גאַנצן די געשיכטע, אַז יידן זענען ווען עס איז איבערהויפּט געווען אין מצרים, אַז אַ משה איז געווען, אַז יהושע בן־נון איז אַ היסטאָרישע פיגור. ער זאָגט, אַז אברהם, יצחק ויעקב זענען ניט מער ווי סימבאָלישע נעמען פון אַלטע געטער. דאַקעגן הערט ער ניט אויף אויף די הונדערטער זייטן פון בוך דערוויזן, אַז מיר זענען שטענדיק, אין אַלע פעריאָדן פון אונדזער געשיכטע, געווען אַ פאָלק פון שקלאַפן־הענדלער, פון עקספּלואַטאַטאָרן ביז... דעם באַוווּסטן זאָג פון מאַרקסן אין זיין בריוו צו ענגעלסן (מיט 120 יאָר צוריק), אַז דער יידישער גאָט איז — געלט און גאָלד.

נו, פאַרשטייט איר, וואָס עס פילט אַ ייד, ווען ער פאָרט אַריין אין „לאַנד פון די פּיראַמידן" — דאָרט, ווו „עבדים היינו" — קנעכט זענען מיר געווען — מיט דער מאַרקע, אַז זיין יידיש פאָלק דורך דער גאַנצער געשיכטע זיינער איז גאָר געווען אַ פאָלק פון שקלאַפן־הענדלער — נישט מער.

ווייל איך דווקא בעת מיין איצטיקן וויזיט אין קאַיראָ נאָך אַ מאָל באַ־קענען זיך מיט די איבערבלייבענישן פון יענע אוראַלטע צייטן, וועלכע ווערן דערמאָנט אין אונדזערע ספרים און זענען איבערגעגאַנגען פון טאַטע צום זון דורך אומצאָליקע דורות.

ווייס איך פון פריער, אַז די עגיפּטישע פּרעהס האָבן זייערע שרייבער געהייסן פאַראייביקן בלויז נצחונות, קיין מאָל נישט קיין מפּלות.

זוך איך צווישן מיינע אַלטע באַקאַנטע אין קאַירא עמיצן, וואָס זאָל קאָנען מיט מיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער די אַרכעאָלאָגישע זעלטנקייטן און טאַקע זיך פאַרשטיין אויף די היעראָגליפן.

בעת מיין פריערדיקן באַזוך, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט נאָך אין עגיפּטן געלעבט דער בן־הרב ד״ר זכאי, אַ ייד, וואָס האָט צוזאַמען מיטן איצט באַרימטן עגיפּטאָלאָג קאַמאַל־על־מאַלאַך אַנטדעקט די שיף פון פּרעה כעאָפּס אין ווינקל פון זיין גרויסער פּיראַמידע.

איצט איז שוין ד״ר זכאי אַ פּראָפעסאָר אין רוים. איך האָב זיך אָבער דערמאָנט, אַז אין קאַירא וווינט נאָך אַ באַקאַנטער מיינער, אַן עגיפּטאָלאָג און אַן אַראַבישער מיצרי, וועלכער האָט מיך מיט צען יאָר צוריק, נאָך אין די צייטן פון קעניג פאַרוק, זייער פריינדלעך אויפגענומען. ער און

זיין געלערנטע, שאַרמאַנטע פרוי, מיטן עקזאָטישן נאָמען סאַמאַיאַ (איך געדענק דעם נאָמען שוין דעריבער, ווייל זיי האָבן ביידע געלאַכט, ווען איך האָב געזאָגט, אַז דער דאָזיקער נאָמען, איבערגעזעצט אין רוסיש באַדייט: „איך אַליין", דאָס הייסט, אַז זי וויל אַלץ טאָן אַליין אָן דער הילף פון מאַן).

האָב איך אים טעלעפאָנירט און מיר האָבן זיך געטראָפן אויף דער טעראַסע פון האָטעל „סעמיראַמיס", אויפן ברעג פון טייך נילוס. ער איז שוין נישט מער דער דירעקטאָר פון אַרכעאָלאָגישן מוזיי, ווי ער איז דאָס געווען אין די צייטן פון פאַרוק, אָבער אַ לעקטאָר אין אוניווערסיטעט איז ער נאָך אַלץ. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווען איך האָב מיט אים געשמועסט, אַז ער פילט זיך זייער באַעוולט דורכן נאַסער־רעזשים.

זיצנדיק צוזאַמען אויף דער טעראַסע פון האָטעל, דערזע איך, ווי איבערן בריק פון נילוס ציט זיך אַ לאַנגע קאָלאָנע טאַנקען.

דערקלערט מיר מיין מיטשמועסער, אַז דאָס גרייט מען זיך אויפן מאָרגנדיקן מיליטערישן פאַראַד, וואָס וועט פאַרקומען אָט־דאָרטן אויפן פעלד פון די אויסשטעלונגען — דער פאַראַד צוליבן נצחון אין יאָר 1956 איבער ענגלאַנד, פראַנקרייך, ישראל...

שעם איך זיך ניט צו פרעגן מיט אַ קוים־באַהאַלטענעם שמייכל:

„אָבער איך ווייס דאָך גענוי, אַז דער צווייטער צד דערציילט וועגן אַ גרויסער עגיפּטישער מפּלה, און די ישראלים „באַרימען" זיך, אַז טויזנטער עגיפּטישע געפאַנגענע זענען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט אין משך פון עטלעכע טעג"...

פאַרשטייט מיין עגיפּטער, וואָס איך דערזאָג נישט, און באַמערקט:

„אויף די שטיינער פון אַלטן עגיפּטן זענען אויסגעהאַקט פיל דערציילונגען וועגן נצחונות, וואָס די פּרעהס האָבן געזאָלט אָפּהאַלטן, כאָטש די אַסיריער, בבלער און פּערסישע קוועלן דערציילן די זעלבע פאַקטן גאַנץ אַנדערש. און אַז מען פאַרגלייכט זיי געשיכטלעך, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פּרעה, וואָס האָט זיך אַזוי באַרימט מיט זיינע „טריומפן" איז גאָר קוים מיטן לעבן צוריקגעלאָפן אין זיין פאָטערלאַנד, איבערלאָזנדיק די אַרמיי אין שונאס הענט".

„הייסט דאָס, אַז דער דאָזיקער פאַלסיפיקאַט פון דער געשיכטע גייט שוין אַזוי אָן טויזנטער יאָרן; הייסט דאָס, אַז אין אַ סך דורות שפּעטער וועלן די קינדער פון היינטיקע עגיפּטער זיך באַרימען און זינגען

לידער וועגן גלענצנדן „זיג״ פון מצרים איבער ישראל אין יאָר 1948 ; זיי וועלן האָבן פאַר זיך נישט נאָר געפעלשטע באַשרייבונגען, נאָר אויך די פּאָסט־מאַרקע מיט דער דאַטע פון 15־טן מאַי 1948, וואָס ווייזט דאָס בילד, ווי אַזוי עגיפּטישע חילות צערייסן די געאָגראַפישע מאַפּע פון ישראל ?״.

מיין מיטשמועסער, דער „יורד״, שווייגט. מיר גייען איצט צום מוזיי, וואָס ליגט אַ קוואַרטאַל ווייט פון דער טעראַסע, אויף וועלכער מיר זענען געזעסן. פאַרבייגייענדיק דער בריק גיב איך אַ נענטערן קוק אויף אַ טאַנק, וואָס האָט זיך צוליב אַ מעכאַנישן דעפעקט פאַרהאַלטן און קאָן דערווייל נישט פאָרן צום אָרט פון מאַרגנדיקן פּאַראַד.

איך ווייז שווייגנדיק אָן מיין עגיפּטאָלאָג אויף די אויפשריפטן אויפן פאָדערשטן טייל פון טאַנק ; כאָטש מיין געלערנטער לייענט גוט אַלערליי מיסטעריעזע היעראָגליפן, קען ער אין דעם פאַל די בוכשטאַבן נישט לייענען. איך אָבער קען יאָ : דאָס זענען רוסישע בוכשטאַבן — די פאַבריק־מאַרקע פון וואַגנען דער טאַנק שטאַמט...

איך גיב אַ טראַכט : דער „למדן״ שאַכנאָוויטש, וואָס האָט אָנגעשריבן דעם פּאַשקוויל איבערן „רעאַקציאָנערן מהות פון יידנטום״, וואָלט גע־מוזט לאַנג שוויצן כדי צו דערקלערן „מאַרקסיסטיש״ אַלס פּראָגרעסיוו דעם מאַרש פון רוסישע טאַנקען צווישן די פּיראַמידן און טייך נילוס.

אין עגיפּטישן באַרימטן מוזיי געפין איך איצט אַן אינטערעסאַנטע נייעס : מען האָט ווידער אומגעקערט די באַלזאַמירטע מומיעס פון די פּרעהס, וועלכע זענען אַ לאַנגע צייט געווען פאַרשלאָסן פאַר באַזוכער, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז עס איז אַ בזיון פאַר מלכותדיקע מתים אויסגעשטעלט צו ווערן פאַר טוריסטן.

בין איך געווען צופרידן ווידער איבערצוטרעטן די שוועל פון ספּעציעלן צימער אין מוזיי (מען נעמט אַ באַזונדערן געצאָלט הויכן אָפּצאָל פאַרן אַריינגאַנג אין דעם צימער), ווו עס ליגן די מומיעס פון זיבעצן פּרעהס און צוויי פּרויען־קעניגינס, איינע פון זיי איז די שוויגער פון רעמסס דעם צווייטן. זי ליגט אין איר גלעזערנעם קאַסטן ריכטיק אַנט־קעגן איר איידעם. און, אפשר האָט זיך מיר דאָס געדוכט, זי קוקט נאָך אַלץ קרום אויף אים, ווייל ער האָט אַרויסגעוויזן אַ מאָמענטאַלע שוואַכ־קייט און נאָכגעגעבן משה רבינו ?...

די פּנימער פון עטלעכע באַלזאַמירטע פּרעהס זענען טרוקן און

שוואַרץ ווי קויל און מער ווי די ביינער זעט מען נישט, אָבער ביי אַנדערע איז די מומיע גוט קאָנסערווירט און פאַרטריקנט — כמו פליש דעקט צו די ביינער.

איך פאַרהאַלט זיך ביי דער מומיע פון רעמסס דעם צווייטן. דאָס איז לויט דער מסורה, דער זעלבער, וואָס האָט פאַרשקלאַפט די יידן אין מצרים און שפּעטער, נאָכן באַקומען די צען מכות, זיי אַרויסגעלאָזן.

אייגנטלעך איז ער דאָך דערטרונקען געוואָרן, נאָכיאָגנדיק די בני־ישראל („פּרעה און זיינע מיליטער־לייט זענען דערטרונקען געוואָרן אין די טיפענישן פון ים״), איז ווי קומט ער דען דאָ? דער בעסטער ענטפער — נישט געגוג ווײסנשאַפטלעך — וואָלט געווען: „אָט זעסטו דאָך אים, — דעם בעל־דבר אַליין, — איז וואָס פרעגסטו קשיות?״ אגב, האָט דאָך געקאָנט געמאָלט זיין, אַז מען האָט דעם קערפּער פון דעם תכשיט שפּעטער אַרויסגעצויגן פון ים און באַלזאַמירט.

נאָר אָט פאַרהאַלטן מיר זיך אונטן אין זאַל, נישט ווייט פון טוטאַנקאַמענס גאָלדענעם קאַטאַפאַלק, ביי אַ שוואַרצן שטיין. מיין עגיפּטאָלאָג לייענט די היעראָגליפן און דערציילט מיר איבער: „און אין זיינע צייטן (געמיינט פון פּרעה רעמסס דעם צווייטן) האָט מען אַרויסגעטריבן פון לאַנד דעם קרעציקן שבט „הבירי״...

עס איז אָנגענומען, אַז „הבירי״ מיינט „עברי״ און דאָס וואָרט „קרעציקער שבט״ איז אָפּט באַנוצט געוואָרן אַלס אַ צונאָמען פאַר שונאים, וואָס האָבן זיך די אַלטע עגיפּטער גוט איינגעגעסן אין די ביינער.

אַלזאָ, די געשלאָגענע מיט „כנים״ און „שחין״ — אַליין לייזיקע און קרעציקע — האָבן איבערגעטראָגן זייער חרפּה אויפן פאַרהאַסטן הבירי־שבט, וועלכן זיי האָבן אַרויסגעטריבן פון לאַנד, ווען יענע האָבן נאָך אפילו זייער אָרעם קנעכט־ברויט נישט דערבאַקן.

און נאָך אַן אויפשריפט ווייזט מיר מיין באַגלייטער אין מוזיי. דאָרט ווערט דערציילט אויך וועגן די צייטן פון רעמסס דעם צווייטן, אַז עס איז געשטאָרבן זיין עלטסטער זון, דער טראָנפאָלגער, בעת אַ מגפה אויף קינדער. אין לאַנד איז געוואָרן אַ מהומה און די מאַכט האָט אויפגעהערט צו רעגירן. מיט דער מהומה האָבן זיך באַנוצט פיל קנעכט פון די געגנטן נאָענט צום מדבר סיני און אַנטלאָפן פון לאַנד...

איז אַז איר ווילט, האָט איר דאָ די „מכת בכורות״, אַזוי ווי אַ ליגנערישער „פּרעסע־אַגענט״ פון יענע צייטן האָט רעכט געהאַט צו צענזורירן און אויסהאַקן היעראָגליפן.

און איצט שטייען מיר פאַרן באַרימטן שוואַרצן „שטיין פון די טויטע". דאָ ווערט שוין מיט עפּעס דערמאָנט ישראל.

*

דעם דאָזיקן צימער מיט די קעניגלעכע מתים האָט פאַרשפּאַרט פאַר באַזוכער דער קעניג פאַרוק, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אויסשטעלן „זיינע" אָבות, די פּרעהס, פאַרן עפנטלעכן באַזוך איז אַ „בזיון המת" — אַ בזיון פאַר „זיין" דינאַסטיע. אָבער די וועלט האָט דאָך געוווּסט, אַז דער מלך פאַרוק מיט זיין טאַטן דעם מלך פואַד, שטאַמען נישט פון די פּרעהס, נאָר פון אַ טערקישן פעלדפעבל, וואָס האָט גוט געדינט די ענגלישע הערשער אין ניינצנטן יאָרהונדערט, און זיי האָבן אים געמאַכט פאַר אַ „כעדיוו" — אַ פירשט אַזאַ.

אויך אין די ערשטע יאָרן פון דער נאַגיב—נאַסער־הערשאַפט איז דער צוטריט צו די קעניגלעכע מומיעס געבליבן פאַרשפּאַרט.

איך בין דעריבער צופרידן געווען נאָך אַ מאָל (מיט 35 יאָר צוריק האָב איך זיי געזען) אָנקוקן די גרויסע פּרעהס פון מצרים און זיך אַ „רייץ" טאָן מיט דער גוט־קאָנסערווירטער מומיע פון רעמסס דעם צווייטן, וואָס האָט פאַראָרדנט, אַז אַלע יידישע יינגלעך זאָלן געוואָרפן ווערן אין טייך. האָב איך אים „געזאָגט": „אָט קוק מיך אָן, איך פאָר איצט קיין מדינת ישראל און דאָרט וועל איך טרעפן אַ סך, אַ סך יידישע יינגלעך... פיל פון זיי האָבן אַ פּאָר מאָל געשלאָגן מכות־רצח דיינע מצרים. און געזען האָב איך זיי, די יידישע יינגלעך, וואָס דו האָסט געוואָלט דערטרינקען אין אַלע טיילן פון דער וועלט — געזונטע, שאַפנדיקע, קעמפנדיקע. דער נייער „פּרעה"־נאַסער, וועט זיי נישט „אָפּווישן פון דער ערד", ווי ער באַרימט זיך. אַ סך פאַר אים האָבן דאָס געוואָלט טאָן און זענען אַליין אָפּגעווישט געוואָרן מיט מיתות משונות"...

און רעמסס דער צווייטער קוקט אויף מיר מיט די פאַרשטשירעטע ציין פון שוואַרץ־פאַרטריקנטן פּנים און אָנמעכטיק קלאָטשעט זיך צוזאַמען אַ פאַרקוילטע פויסט...

אַרויס פון דעם „מומיעס־צימער" שטייען מיר שוין פאַרן שוואַרצן שטיין פון פּרעה מענעפטאַך — אַ גרויסער מיליטער־פירער, וואָס האָט באַזיגט אַ סך לענדער פון מצרים ביז פּערסיע.

אויפן דאָזיקן טריומפאַלן מאָנומענט זעען מיר די מצרישע הערשער

מיט שווערדן און פון בײדע זײטן שטײען באַזיגטע פיגורן, וואָס הײבן אויף די הענט אויף אונטערגעבן זיך. און אונטן — די היעראָגליפן. מײן באַגלײטער, וואָס איז אין פּאַרוקס צײטן געווען דער דירעקטאָר פון מוזײ, קען די היעראָגליפן לײענען. דאָס איז די געשיכטע פון פּרעה מענעפּטאַ־כס נצחונות, באַשריבן אין גלײענדיקע גוזמאות. און אָט לײענט ער:

„כנען געפינט זיך אין שאַנדע און צרות. אשקלון איז געוואָרן גע־פּאַנגען. גזר איז פּאַרכאַפּט. ישראל איז אָפּגעשוואַכט און זײנע זוימען זענען שוין מער נישטאָ״...

ווילט זיך לאַכן אויף די גרימאַסן פון דער געשיכטע. לײענט איבער דעם דאָזיקן „מיליטער־באַריכט״ פון מיט דרײ טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק, אָבער לײענט אים אין ליכט פון דער הײנטיקער ווירקלעכקײט:

„כנען איז אַ שטאָלץ פון די פעלקער. אשקלון אַ מאָדערנע בליענ־דיקע שטאָט. גזר איז אַ מוזעאַלער אוצר אין ישראל, און נאָך אַלץ אויפן סטראַטעגישן וועג צווישן עגיפּטן און סיריע, דער כלומרשט „פאַראײניקטער אַראַבישער רעפּובליק״.

נו, און ישראלס זוימען זענען נישט נאָר נישט „אָפּגעשוואַכט אויף שטענ־דיק״, נאָר זענען פּרוכטבאַר און טיף אײנגעוואָרצלט אין אײגענעם באָדן, ווי קײן מאָל נישט אין דער געשיכטע.

— — — — — — — — — — — —

איך גײ אַרײן אין ביוראָ פן דער פּאַן־אַמעריקען פלי־געזעלשאַפט אין קאַיראָ ענדערן דעם מאַרשרוט אויף מײן בילעט: איך האָב לכתחילה געמײנט, אַז מען קאָן פליען ווי אין די פריערדיקע צײטן פון קאַיראָ קײן ציפּערן און אַזוי האָב איך אויסגעשטעלט דעם בילעט אין ניו־יאָרק. ווײזט זיך אַרויס, אַז עגיפּטן איז נאָך אַלץ צעקריגט מיט ציפּערן און לאָזט נישט אירע אַעראָפּלאַנען דאָרט פליען. אין דער אַמעריקאַנער ביוראָ פון דער פלי־געזעלשאַפט אַרבעטן עגיפּטישע בירגער. איז, ווען זײ פאָדערן איך זאָל זײ ווײזן מײן בילעט, מיט וועלכן איך בין געפלויגן פון ניו־יאָרק, האָב איך אַ ביסל מורא: דער בילעט איז פון „אל־על״ און איך

האָב אים פאַרשטעקט טיף אין מיינע וואַליזעס מען זאָל אים נישט געפינען. אָבער דער עגיפּטישער באַאַמטער, ווען ער זעט, אַז איך קווענקל זיך, גיט אַ שמייכל:

„איך פאַרשטיי, אַז איר האָט מורא צו ווייזן אַ בילעט פון ישראל; און אַז איר פאָרט פון אונדז אויף אַן אומוועג קיין תל־אביב, דאַרפט איר וויסן, אַז אַזוי טוען דער גרעסטער טייל פון אונדזערע טוריסטן. עס וועט אייך גאָרנישט שאַדן, מיר זענען אַ ביזנעס־אינסטיטוציע און נישט קיין פּאָליציי־ביוראָ"...

האָב איך אים שפּעטער געבראַכט מיין אָריגינעלן „אל־על"־בילעט מיט די העברעישע אותיות און ער האָט אויפן זעלבן בילעט אויפגעשריבן, אַז איך קאָן פאָרן קיין ציפּערן, תל־אביב דורך ביירוט.

איז דאָך גוט. קויף איך אָבער ביים זעלבן באַאַמטן דאָס פּאָפּולערסטע בוך פאַר רייזנדע, דעם „פּאַן־אַמעריקען טוריסטן־גאַיד" און זוך דאָרט אַ לאַנד אַזאַ, וואָס הייסט „ישראל". ווייזט זיך אַרויס, אַז די זייטן וועגן ישראל זענען אין די פּאַן־אַמעריקען־ביכער, וואָס ווערן פאַרקויפט אין אַלע אַראַבישע לענדער, בכלל נישטאָ. זיי זענען אויסגעשניטן.

וואָס זשע איז דער וווּנדער, אַז אין אַמאָליקן מצרים האָט מען זיך „געפּוילט" אויסהאַקן אויף די מאָנומענט־שטיינער אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אַזאַ אומאָנגענעמער זאַך ווי אַ גרויסער און מעכטיקער שבט קנעכט, וואָס איז פון מצרים אַוועק, נאָך דעם ווי זיי, די מצרים, האָבן באַקומען „מכות"?

נישט דאָ איז דאָס אָרט, אַז איך זאָל פּאָלעמיזירן מיט בן־גוריונען וועגן דער צאָל פון די יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזן מצרים. ער זאָגט, אַז נאָר זעקס הונדערט משפּחות, און איך גלייב, אַז שישים רבוא, דאָס הייסט זעקס הונדערט ט ו י ז נ ט משפּחות. אָבער דאָ וויל איך מאַכן בלויז עטלעכע קליינע באַמערקונגען: פאַר די פאָר הונדערט משפּחות, וואָס זענען געווען אין קנעכטשאַפט, וואָלט דען פּרעה געהאַלטן אַזש צוויי „אַקושערקעס" (מילדות) — די אונדז גוט־באַקאַנטע שפרה און פועה?... און טאַקע דער זעלבער רעמסס, מיט וועלכן איך האָב היינט „געשמועסט" האָט דאָך געזאָגט: „עם בני ישראל רב ועצום ממנו... וכאשער יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ"... (שמות א') — דאָס פאָלק פון ישראל איז צאָלרייכער און שטאַרקער פון אונדז... און וואָס מער מען פייניקט אים, אַלץ פאַרמערט ער זיך, אַלץ שטאַרקער ווערט ער...).

און די עגיפּטער דערציילן אויף אַן אַנדער שטייגער פון פריער דער־מאָנטן פרעה מענעפּטאַך:

„דאָן איז געווען אַ מגפה אויף קינדער. אין לאַנד איז אַ מהומה. די מאַכט רעאַגירט נישט. פיל קנעכט האָבן זיך באַנוצט מיט דער מהומה אין די געגנטן נאָענט צו מדבר סיני (אין לאַנד גושן — ה. ש.) און אַנטלאָפן פון לאַנד״... אָדער די אויפשריפטן אויפן פּאַפּירוס, וואָס געפינט זיך אין דער האָלענדישער שטאָט לעידען, אין וועלכן אַן אויפזעער איבער אַ שקלאַפן־לאַגער מיטן נאָמען קאַניסאַר, ראַפּאָרטירט צו זיין עלטסטן:

„איך האָב געגעבן תבואה צו אונדזערע שוטרים, ווי אויך צו די העברעער, וואָס האַקן די שטיינער אין דער פעסטונג אונטער דער קאָמאַנדע פון קאַפּיטאַן אַמענעמאַן״.

די לעצטע ביידע פאַקטן ברענג איך אין צוזאַמענהאַנג מיטן שוין דער־מאָנטן שענדלעכן בוך פון שאַכנאָוויטש.

אין דעם דאָזיקן בוך פון 236 מיט בלבולים אָנגעפּיקעוועטע זייטן וועגן „פאָלק פון שקלאַפן־הענדלער״ — אונדזער יידיש פאָלק מיינט עס, — שרייבט שאַכנאָוויטש, אַז קיין מאָל זענען יידן גאָר אין מצרים נישט געווען. איז שוין די גאַנצע מעשה פון יציאת מצרים ממילא אַ ליגן. משה איז געווען אַן אָפּגאָט מיט הערנער, ווי מיקעל אַנדזשעלאָ האָט זיין סטאַטוע אין רוים אויסגעפורעמט. און אַזוי, זאָגט דער מומר שאַכנאָוויטש, שטייט דאָך אין דער תורה, און ער ווייזט אפילו אָן דעם פּסוק 29 אין חומש שמות ל״ד: „ומשה לא ידע כי קרן אור פניו״ — אַז ווען משה איז נאָך די פערציק טעג אַראָפּ פון באַרג סיני, האָט ער גאָרנישט געוווסט, אַז זיין פּנים שיינט מיט שטראַלן. און אַזוי איז אויך איבערגעזעצט אין די אַמאָליקע רוסישע „ביבליעס״, אַרויסגעגעבן דורכן „הייליקן סינאָד״. זאָגט שאַכנאָוויטש: „דער קולט פון יידן און זייער גאָט אַדושם, איז געווען אַן אָקס מיט הערנער, זיין סימבאָל איז געווען משה מיט די הערנער. און אַז משה איז אַ צייט לאַנג נישט צוריקגעקומען פון באַרג, האָבן יידן געגאָסן אַ נייעם גאָט מיט הערנער — אַ גאָלדן קאַלב״.

און פון אַזאַ זאַג איז שוין נישט ווייט צום באַרימטן זאַג פון מאַרקסן אַליין, אַז „דער גאָט פון יידן איז גאָלד און נאָר אים דינען זיי״.

איז שטעלט איך פאָר, אַז דווקא אין מצרים האָב איך גע־פונען אַ באַשטעטיקונג, אַז יידן האָבן אין אַמאָליקן מצרים געלעבט אין גרויסע מאַסן. די באַשטעטיקונג האָב איך געפונען ביי דעם צורר

היהודים אַפּיאָן. אויך ער איז געווען אַ געלערנטער פון דער דעמאָלטיקער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון די סטאָיקער (אין יאָר 40 פאַר דער קריסט־לעכער צייטרעכענונג). און אין זיין בוך, פאַרעפנטלעכט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק שרייבט ער, אַז די יידן זענען געווען קנעכט אין מצרים, זענען געווען קרעציקע און פון זייער אַ נידעריקן כאַראַקטער, האָט מען זיי אַרויסגעטריבן פון מצרים און זיי זענען אַוועק וואַנדערן אין דער מדבר.

דער באַרימטער היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס האָט גלייך דאַן געענט־פערט אַפּיאָנען און אויפגעדעקט, אַז די דאָקומענטן פון דער צייט פון „יציאת מצרים” ווייזן גראָד אַן אויף די העכסטע גייסטיקע ווערטן פון די יידישע קנעכט, וואָס זענען פון דאָרטן אַרויס. דאָס איז דער זעלבער אַפּיאָן, וואָס האָט געמסרט, אַז די יידן פון יענער צייט ווילן זיך נישט בוקן צו דעם קאָפּ פון טיראַנישן רוימישן אימפּעראַטאָר קאַליגולאַ.

באַגעגענישן מיט יידן אין פערסיע

פאַר מענטשן, וואָס האָבן אַ געפיל פאַר דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון קולטור און ציוויליזאַציע אויף דעם פּלאַנעט אונדזערן, איז פּערסיע (איראַן) אַן אמתער אוצר פון מאָנומענטן און דאָקומענטן, דורך וועלכע מיר שפּאַצירן זיך דורך העט־העט פון די צייטן, ווען דער אַזוי־גערופענער מענטש איז געלעגן טיף פאַרשטעקט אונטער דער ערד ביז אונדזער „ליכטיקער" עפּאָכע פון אַטאָם, פון יענעם אויפגעריסענעם אַטאָם, וואָס וועט נאָך, חלילה, ווידער דאָס ביסל איבערגעבליבענע פון מענטשלעכן מין פאַריאָגן טיף אונטער דער ערד.

אָבער לאָמיר נישט גיין אַזוי ווייט ווי מיט הונדערט טויזנט יאָר צוריק, צו דעם פאַרהיסטאָרישן פּעריאָד,פון וועלכן איך זע פאַר מיר די שטיינערנע כלים פון פּרימיטיוון מענטשן, וועלכע ער האָט באַנוצט אין דער פינצטערניש פון זיינע היילן אונטער דער ערד.

לאָמיר זיך אַ רוק טאָן פאָרויס ביזן „בראשית" פון אונדזער חומש, אין וועלכן עס ווערט דערציילט די געשיכטע (בראשית י"ד), ווען אין אברהם אבינוס צייטן האָבן די פיר מלכים געשלאָגן די פינף, ווען מען האָט געפאַנגען לוטן, און אברהם מיט זיינע העלדישע קנעכט האָבן אים „אָפּגעשלאָגן" פון שונאס הענט.

שטיי איך אַ פאַרגאַפטער פאַרן מאַסיוון שטיין (אַכט פוס הויך), אויף וועלכן איינער פון יענע מלכים, אמרפל מלך שנער — באַוווסט אין דער וועלט־געשיכטע אַלס דער מעכטיקער און קלוגער געזעצגעבער האַמוראַבי (כאָטש לעצטנס האָבן געוויסע געלערנטע באַקעמפט די טעזע, אַז יענער אמרפל איז האַמוראַבי), — האָט אויסגעקריצט זיין באַרימט געוואָרענעם „קאָדעקס פון געזעצן".

געפונען דעם שטיין האָט מען אין פערסישן שושן אין סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט און ער האָט אַנטפּלעקט פאַר אונדז די געזעצגעבונג, לויט וועלכער עס האָט רעגירט און געלעבט די באַדייטנדיקע גרופּע סעמיטישע מלכים און זייערע פעלקער פון בבל ביז כנען.

ביבל־קריטיקער און אונדזערע אייגענע אַפּיקורסים האָבן געפונען אַ גרויסע ענלעכקייט אין די דאָזיקע געזעצן מיט אונדזערע תורה־פאַר־

שריפטן, אַזוי ווי זיי זענען פאַרשריבן אין משפטים כ״א ביז כ״ג. דאָס האָט געזאָלט דינען אַלס ראיה, אַז משה רבינו האָט קאָפּירט די דאָזיקע געזעצן.

עס האָט לאַנג געדויערט (און עס דויערט נאָך אַלץ) די דאָזיקע דיס־קוסיע. עס זענען אויך געקומען נייע אויסגראָבונגען און אויך האָט מען אָנגעהויבן בעסער לייענען די פלעקל־שריפט אויפן האַמוראַבי־שטיין און מען האָט דערזען דעם גרויסן אונטערשייד: אמת איז, אַז די גאַנצע גרופּע טעמיטישע פעלקער פון דער צייט פון אברהם אָבינו ביז די צייטן פון משה רבינו האָבן געהאַט געוויסע געמיינזאַמע קרימינעלע און ציווילע געזעצן, וואָס זענען שטענדיק — אויך אין אונדזערע צייטן — אַן אייגנ־שאַפט פון פעלקער, וואָס לעבן אין אַ נאָענטער שכנותדיקער סביבה. אָבער וואָס פאַר אַ גוואַלדיקער אונטערשייד איז צווישן דעם מאָראַלישן מענטש־לעכן גייסט, וואָס שוועבט איבער דער תורה און דעם טרוקענעם, האַרטן „געזעץ פון שטאַרקן״, וואָס עמאַנירט אָט פון דעם גראַפּיט־שטיין, פאַר וועלכן איך שטיי איצט. נישטאָ אין אים די רחמנות צום קנעכט, דער מיטגעפיל צום אָרעמאַן, וואָס מוז פאַרזעצן זיין קלייד; דער רוף פון ליבע צום נאָענטן (ואהבת לרעך כמוך), וואָס באַהויכט די תורת משה.

דער שטיין מיט די געזעצן איז שוין קרוב פיר טויזנט יאָר אַלט. מען האָט אים קיין פּערסיע געבראַכט נאָך דעם, ווי די פּאַלאַצן אין בבל זענען צעשטערט געוואָרן דורכן גרויסן כורש. מער ווי צוויי טויזנט יאָר איז דער דאָזיקער שטיין געלעגן באַגראָבן, ביז מען האָט אים — שוין כמעט אין אונדזער צייט — געפונען אין שושן און דעשיפרירט זיינע אויפשריפטן.

קוק איך זיך גוט צו צו דעם בערדיקן פּנים פון האַמוראַבי־אַמרפל, ווי אַזוי דער אָפּגאָט שאַמאַש (די זון) גיט אים איבער זיין קאָדעקס, און אַ רייע אַנאַלאָגיעס פון מסורות און לעגענדעס קעמפן אין מיין נשמה. אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט: פון האַמוראַביס „תורה״ איז געבליבן אָט דער שטיין — נו, און פון תורת משה? זי לעבט דאָך און שפּרודלט מיט אַלץ באַנייענדיקער קראַפט.

איך גיי שפּעטער אַלס גאַסט אין קלוב פון דער יוגנט, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען: „מועדון כורש הכביר״ (דער קלוב פון העלדישן כורש), ווו נאָך, אויב נישט אין פּערסיע, פון וואַנען דער העל־דישער כורש איז אַרויס מיט צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק אויפן מאַרש צו דעראָבערן די וועלט — קאָן מען דעם נאָמען געפינען? אין זיין נצחון איבער בבלס אימפּעריע איז דערוויל אויך די קליינע

יהודה באַפרייט געוואָרן, און איצט קומען יונגע יידן פון זעלבן פּערסיע און רופן אָן מיט דאַנקבאַרקייט זייער קלוב אויף כורשס נאָמען.

צוויי געסט זענען מיר ביים שבתדיקן טיש פון דער יוגנט, שמואל בחר פון ירושלים און מיין ווייניקייט. הערן מיר אויס אַ סדרה פון דער לויפנדיקער פּרשה, הערן מיר אויס געזאַנגען אין פּערסיש און העברעיש, ווייסן מיר, אַז די ירושה, וואָס משה רבינו האָט איבערגעלאָזן, שטייט נישט ווי אַ שטיין אין אַ מוזיי, נאָר לעבט אָט ביי דעם טיש. מאַך איך שפּעטערדיקע באַזוכן אין די ציכטיקע קינדער־גערטנער, שולעס און ישיבות, וואָס זענען עטאַבלירט געוואָרן דורך דעם מערקווירדיקן רב ר׳ יצחק מאיר לוי.

דאָס איז די שול־נעץ פון „אוצר התורה״ מיט אירע טויזנטער תלמידים און תלמידות (געשטיצט בשותפות דורכן דזשאָינט און תורה־פאָנד אין ניו־יאָרק), ווו די קינדער פון די דומפּיקע געסלעך און הויפן פון די געטאָס (מאַהלעס) אין פּערסיע, לערנען נישט נאָר תורה און אַל־געמיינע לימודים, נאָר אויך היגיענע און פּשוטע מענטשלעכע מידות.

*

ר׳ יצחק מאיר לוי, מיט זיין ווייסער פּאַטריאַרכאַלער באָרד און דורכדרינגלעכן ענערגישן קוק, געפינט זיין וועג צו אַלע אָמטן אין פּערסיע, ביז דעם שאַכס פּאַלאַץ איינשליסלעך. עס איז צו באַוואונדערן, ווי דער דאָזיקער רב פון שטעטעלע קאָנסטאַנטינאָוו, לעבן לאָדזש, וואָס איז דאָ געקומען פון ירושלים ברענגען תורה און וויסן צווישן די פאַר־פינצטערטע געסלעך פון די פּערסישע געטאָס, ווו עס לעבן נאָך איצ־טער ביז זיבעציק טויזנט יידן, האָט דורכגעבראָכן אַלע שטערונגען און איז געוואָרן אַ פּראָמינענטע פיגור אין פּערסישן לעבן בכלל. אגב, איז איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק דערהערט זיין רוף אין אַמעריקע, געוועזן הרב הגאון ר׳ אהרן קאָטלער, ראש פון דער באַ־רימטער ישיבה אין לעיקווּד. אויך דער באַקאַנטער ניו־יאָרקער מיליאָנער שלום, וואָס שטאַמט אַליין פון סיריע, האָט זיך מיט זיין ענערגיע און געלט אַריינגעוואָרפן אין די פּראָיעקטן פון הרב י. מ. לוי.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט נעמט מיך הרב לוי מיט אין אַ ווייטן וועג, אויסער טעהעראַן, ווו ער זוכט צו דינגען — און אויב מען וועט געפינען פּאַר פּאַסיק, אויך צו קויפן — אַ „גוט״, אַ „מאַיאָנטעק״, ווו מען וועט איינאָרדענען אַ זומער־קאָלאָניע פאַר די קינדער פון די געטאָס.

מיר פאָרן אין דער ריכטונג פון דער שנייבערג־קייט אַלבוירן, וואָס הייבט זיך מאַיעסטעטיש איבערן האָריזאָנט און ענדיקט זיך אַזש אין טורקעסטאַן בײַם קאַספּישן ים. דורך די דאָזיקע בערג האָט מאַרשירט די בלוטיקע מענטשלעכע געשיכטע: די מאָנגאָלן, די אַראַבער, כורש דער גרויסער, ווי אויך אַלעקסאַנדער מוקדון. פון דאָרט זענען געקומען די רוסישע צאַרן און אויסגעשניטן שטיקער פון פּערסיע. פון דאָרט, פון יענע בערג, דערוואַרט דאָס איצטיקע פּערסיע אַ נייעם רוסישן מאַרש.

און דאָ פאָרט גאָר דירעקט אין יענע בערג אַ פלאַמענדיקער מיט אהבת־ישראל און מיט אהבת־תורה אַמביציעזער רב און זוכט אַ פּלאַץ מיט ביימער און בלומען, מיט טייכן און באַקוועמע הייזער, כדי איינצוּ־אָרדענען אין אַזאַ ווינקל אַ פּאָר הונדערט פאַרחושכטע קינדער פון די געטאָס, פון די שמאָלע שטיינערנע זעק וווּ זיי לעבן שוין פון די צייטן פון גלות בבל... און ווען מיר געפינען זיך אין אַזאַ פּלאַץ, גייען אַרויס צו אונדז די פּערסישע אייגנטימער און דינגען זיך מיטן רב — און קומען צו אַן אויסגלייך.

דעם אָוונט פון זעלבן טאָג האָב איך פאַרבראַכט אין הויז פון איינעם פון די אָנגעזעענסטע פירער פון פּערסישן יידנטום, ר׳ אברהם מורה.

ער איז אַן אונטערנעמער פון הייזער־בוי און פּרעזידענט פון אַ געּ־מישטער פּערסיש־ישראלדיקער בוי־געזעלשאַפט, וואָס שטעלט אויף די מאָדערנע פילשטאָקיקע געביידעס אין טעהעראַן. ער האָט זיך דערוווּסט פון ישראל־פאָרשטייער ד״ר דוריאל, אַז איך פרעג זיך נאָך אויפן אַלטן בלינדן פּערסישן רב ר׳ חיים, וועלכן איך האָב באַזוכט און באַשריבן נאָך בעת מיין וויזיט אין פּערסיע מיט מער ווי דרייסיק יאָר צוריק. איז ער געקומען צו מיר אין האָטעל און זיך פאָרגעשטעלט אַלס זיין איינציקער זון. דאָס האָט אונדז גלייך דערנענטערט. דער בלינדער רב ר׳ חיים איז געבליבן איינגעבאַקן אין מיין האַרצן מער ווי יעדער אַנדערער ייד אין דעמאָלטיקן פּערסיע. ער איז געווען אַ לעגענדאַרע פיגור אין טעהעראַן. אַגב, איז ער געווען דער איינציקער רב דאָרט, וואָס האָט ווירקלעך געקאָנט לערנען. ער פלעגט ציטירן גאַנצע קאַפּיטלעך „זוהר״ אויף אויסנווייניק. איך האָב דעמאָלט געררייזט מיט אַ קליינעם אויטאָמאָביל לאַנגע טעג פון טעהעראַן דורך באַגדאַד ביז דמשק. נישט געווען נאָך דאַן אין דעם טייל וועלט קיין אַעראָפּלאַנען. האָט מיך דער בלינדער ר׳ חיים געבענטשט. זיין ברכה האָב איך פאַרשריבן און זי איז אַריין אין מיין

דעמאָלטיקן בוך, נאָך אין ווילנע געדרוקט. אָט איז אַ טייל פון איר: „זאָל דיך גאָט שיצן אין די בערג און אין די מדבריות אין דיין וועג דורך ימים און טייכן... זאָלן די פליגלען פון דער שכינה טראָגן דיך אין דער לופטן, און טאָמער וועסטו חלילה אין אַן אומגליק אַריינפאַלן, זאָל דיך גאָט פון אים רעטן, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט חנניה, מישאל און עזריא, ווען זיי זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין קאַלך־אויוון. ברענג די ברכות פון אַן אָרעמען בלינדן ייד אין פּערסיע צו די ברידער אין דער גאַנצער וועלט. איך וואָלט דאָך מיין בלוט און לעבן פאַר זיי אַוועקגעגעבן״...

די דאָזיקע ברכה האָט געשיינט פאַר מיר ווי דער „עמוד הענן״ ביי טאָג און דער „עמוד האש״ ביי נאַכט אין שווערן מדבר־וועג, פול מיט געפאַרן, וואָס איך האָב דאַן מיטגעמאַכט. און די זודיקע ווערטער האָבן נאָך געברענט אין מיר צוויי יאָר שפּעטער, ווען איך בין געלעגן אין וואַרשעווער קעלער, אונטער די נאַצישע באָמבעס, און שפּעטער ווידער געלאָפן דעם געפערלעכן וועג פון היטלערס פּוילן ביז די ברעגעס פון אַמעריקע. פאַרשטייט איר שוין, וואָס פאַר אַ נחת־רוח פאַר מיר איז געווען צו זיין אַן אָוונט דער גאַסט אין דעם פּאַלאַצל פון רייכן זון פון דעם אַמאָל אָרעמען בלינדן ר׳ חיים.

אַחוץ מיר זענען אויך דאָרט געווען גאָר חשובע געסט: די פּרעזידענטין פון „הדסה״ אין אַמעריקע, מרס. רבקה שולמאַן, איר זון פּאָול, אַ באַרימטער ישראל־אינזשיניער און נאָך עטלעכע אייראָפּייער, וואָס בויען די הייזער אין טעהעראַן.

מיר זיצן אין אַ פּרעכטיק־אילומינירטן גאָרטן. דינסטן און דינער דערלאַנגען צום טיש עקזאָטישע שפּייזן. אַרום דעם טיש שיינען, ווי בלומען, די צען קינדער פון ר׳ אברהם מורה און זיין טערקיש־יידישע פרוי.

דער גאָרטן אַרום איז אַזוי ווי אַרויסגענומען פון ערשטן קאַפּיטל פון „מגילת אסתר״: עס בליען און פאַרשיכורן מיט ריחות די מאַנדל־און צימערינג־ביימער. עס שאָקלען זיך אין אָוונט־ווינטל דורכזיכטיקע פּאַלמען, ווי גרינע שפּיצן איבער אונדזערע קעפּ. אין מיטן שפּריצט אַ פאָנטאַן, באַלויכטן פון אונטן מיט פאַרביקע עלעקטרישע לאָמפּן.

נאָכן בענטשן גיט מען יעדן אַ הויפן זאַלץ אַלס אַ סגולה, עס זאָל זיך מער ניט ווען עסן. דערנאָך הייבט זיך אָן אַ קאָנצערט און פאַרשטעלונג, אויסגעפירט אויסשליסלעך דורך די יונגע טעכטער פון בעל־הבית. איינע

שפּילט אויף אַ האַרמאָניע, איינע זינגט און די דריי אַנדערע טאַנצן פּערסישע און ישראל־טענץ, זיי זינגען אויך לידער אין עברית און אין פּערסיש.

זינגט די גאַנצע משפּחה אין אַ כאָר און מיר אַלע העלפן צו.

מען בעט מיך דערציילן וואָס איך געדענק פון מיין באַגעגעניש מיט זייער פאָטער און זיידע, דעם בלינדן רב ר׳ חיים. דערצייל איך זיי און ציטיר אויסנווייניק זיין ברכה. ווישט מען זיך די אויגן.

וואָס פאַר אַ מהלך איז צווישן אָט דעם פּאַלאַצל פון ר׳ אברהם מורה ביז צו די געטאָ־געסלעך פון טעהעראַן, שיראַז און איספּאַהאַן!

*

שיראַז איז באַרימט אין דער גאַנצער וועלט מיט אירע רויזן, אַזעלכע ראָז־געל דורכזיכטיקע, און זיי באַזיצן אַ ריח, וואָס סטעפאַן צווייג זאָגט וועגן אים: „דעם ריח פון דיכטונג פאַרמאָגן די רויזן פון שיראַז".

איך פלי אין דער דאָזיקער וווּנדער־באַרער שטאָט אַרום צוויי שעה, פאַרהאַלטנדיק זיך קורץ אין אַרכיטעקטמאָנישן וווּנדער פון פּערסיע: אין דער שטאָט פון מעטשעטן און פּאַלאַצן, פון הימליש־בלויען עמאַל — אין איספּאַהאַן.

שוין דריי טויזנט יאָר געשריבענע געשיכטע פאַרמאָגן די דאָזיקעביידע מערקווירדיקע שטעט: איספּאַהאַן און שיראַז. די „באַזוכן" דאָ זענען פאַרצייכנט פון באַזיגער און באַזינגער — דורך בלוטיקע דעראָבערונגען און צאַרטע פּערזן, דורך אויסגעהאַקטע אויף שטיין קונסט־באַרעליעפן און לירישער לידער־מוזיק פון די דיכטערס האַפיז און סאַדי. און דאָ האָט טאַקע סאַדי געזונגען מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק:

„דער גאַסט דאָ פילט זיך געבאָרן־ניי,
ווען ער באַזוכט שיראַז אין חודש מאַי".

איך פאַרפאַר גלייך צו די אַלייען אַרום האַפיזס גאָרטן מיט די רויזן און געוויקסיקע עקאַליפּטוס־ביימער. איך בין געזעסן דאָרט אויף אַ באַנק ביזן אָוונט, ווען דאָס זינגען פון די נאַכטיגאַלן צווישן די געדיכטע ביימער טראָגט איך ווייט אַוועק פון דערווירקלעכקייט, אַזוי ווי דער דופט פון די בלומען מאַכט איך פאַרגעסן דעם טרויער פון דער וועלט.

אין דער שטילקייט פון דער פינצטערער אַלעע דערהערט זיך פּלוצלינג אַ דינער קלאַנג פון גלעקלעך און איר דערזעט ביים שיין פון דער לבנה ווי אַ קעמל־קאַראַוואַן ציט זיך פון ערגעץ־ווו אין אומבאַוווּסטע ווייטן.

פאַרלירט איר שוין אין גאַנצן דאָס געפיל פוןווירקלעכקייט. איר ווייסט דאָך, אַז פופציק מייל פון דאַנען געפינען זיך די מאַלערישע רואינען פון פּערסעפּאָליס, די אַמאָליקע הויפּטשטאָט פון כורש און אחשורוש. אפשר לעב איך גאָר אין יענע צייטן, און דער קעמל־קאַראַוואַן פירט מתנות צו די גרויסע מלכים פון אַלטערטום — דאָס זעלבע בילד, וואָס איז אויס־געהאַקט אויף דער וואַנט אין פּאַלאַץ אַנטקעגן?

דער אויטאָמאָביל אָבער, וואָס נעמט מיך אַוועק פון דאַנען אין האָטעל, נעמט אויך אַוועק דעם מיראַזש, אַז איך לעב נאָך אין די צייטן פון עזרא און נחמיה, ווען דאָ, אין די מקומות, האָט אויפגעשיינט די נייע גאולה פאַר יהודה נאָכן גלות־בבל.

און שוין אין דער פרי פאָר איך אויפן באַזוך אין שיראַזער געטאָ, וווּ עס לעבן אין אָרעמקייט אַרום זעקס טויזנט יידן.

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צווישן די שטיינערנע שמוציקע געסלעך און הויפן אין „מאַהאַללע״ (יידישן קוואַרטאַל) מיט דער שטאָט פון בלומען און טעמפּלען אויסער די געטאָ־ווענט! גיט טאַקע אַ קלעם דאָס האַרץ. ווייס איך: געווען דאָ אין זעלבן געטאָ מיט באַזוכן מיינע גרויסע פאָר־גייער, די ערשטע יידישע וועלט־רייזנדע, ר׳ בנימין מטודלה און ר׳ פּתחיה מרעגענשבורג (מיט אַן ערך אַכט הונדערט יאָר צוריק), ווי אויך דער פּרעזידענט פון ישראל, יצחק בן־צבי ז״ל, מיט מער ווי דרייסיק יאָר צוריק. יעדער פון זיי האָט דערמאָנט — ווער מיט אַ פּאָר שורות און ווער מיט אַ פּאָר צענדליק זייטן — זייער באַזוך אין שיראַז.

שרייבט ר׳ בנימין, אַז דאַן האָבן דאָ געוווינט אַרום 25 טויזנט יידן אין אַ גוט־אָרגאַניזירטער געמיינשאַפט. דערמאָנט ר׳ פּתחיה דעם פאַקט, אַז געווען איז דאָ אין פּערסיע אַ ראש־הגולה, וועלכער האָט באַשטימט די אָרטיקע רבנים אין גאַנצן ישוב און אַז דער רב האָט געהייסן שר שלום.

און בן צבי, אין זיין באַרימטן בוך „נדחי ישראל״ רעדט מיט ווייטיק וועגן מאַטעריעלן און גייסטיקן חורבן, וועלכן ער האָט געפונען ביי די קרוב זעכציק טויזנט יידן אין פּערסיע. ער דערמאָנט די גלאָררייכע גע־שיכטע פון די דאָזיקע יידן זינט גלות בבל; זייער ווידערשטאַנד קעגן שונאים, זייערע העלדישע, מיט רעליגיעזן עקסטאַז באַהויכטע שליחים, וואָס האָבן דעם פאַקל פון יידישן גלויבן דערטראָגן מיט פופצן הונדערט יאָר צוריק אַזש צו די ברעגעס פון קאַספּישן ים און דאָרט פאַרוואַנדלט אַ גרויס געצנדינעריש פאָלק, די כוזרים, אין אָנהענגער פון משהס

גלויבן, — אַ כמעט לעגענדאַרער פאַקט, וואָס איז אָבער אַ היסטאָרישע ווירקלעכקייט.

איך אַליין דערמאָן זיך מיין באַזוך אין דער פּערסישער שטאָט קאַנאַקין — אויף דער גרענעץ פון בבל, — ווו איך האָב געטראָפן יידן, אייניקע הונדערט משפחות, וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט אַראַמעיש, דאָס תרגום־לשון, וואָס ווייזט אַ „מעטריקע" פון נישט איבערגעריסער עקזיסטענץ אין דער אַטמאָספער און סביבה פון די צייטן פון צווייטן בית־המקדש, אויב נישט נאָך פריער.

סיי בן צבי, אין זיין בוך, און סיי איך אַליין, בעת מיין דעמאָלטיקן וויזיט, האָבן אונטערגעשטראָכן די העלדישקייט און די אומפאַרגלייכלעכע מסירת־נפש פון די אנוסים אין דער שטאָט מעשכעד, וועלכע מען האָט מיט מער ווי הונדערט יאָר צוריק געצוווּנגען זיך צו שמדן אויף איסלאַם, און דאָך האָבן זיי די גאַנצע צייט אין געהיים אָפּגעהיט די יידישע אמונה, יידישע ימים טובים ביז, שוין אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, זענען זיי אַלע כמעט אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט זיך אין אָפענע יידן פאַרוואַנדלט.

שרייבט בן־צבי אין זיין דערמאָנטן בוך (ז. 227): „עס איז נישטאָ ביי די פּערסישע יידן איצט קיין סיסטעמאַטישע געשיכטע פון זייער פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן גאָרנישט פון זייער ליכטיקן און שטאָלצן עבר. מיר קענען נישט געפינען אַפילו קיין איין קאָנטראָלירטן דאָקומענט, וועגן דעם וואָס איז מיט זיי פאַרגעקומען נאָך דער אינוואַזיע פון טשינגיס כאַן, אַ דאָקומענט, וואָס זאָל אונדז אויפקלערן זייער שרעקלעכע ירידה. אמת איז, אַז נישט נאָר דאָקומענטן און מגילות זענען פאַרלוירן געגאַנגען ביי די פּערסישע יידן, — אַ פולשטענדיקער חורבן איז אויף זיי געקומען: אַ חורבן פון גוף און פון נשמה".

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס די יידן לעבן נאָך איצט אין פּערסיע אין די זעלבע קוואַרטאַלן (געטאָס), אין וועלכע זיי האָבן געלעבט מיט טויזנט יאָר צוריק און מער, ווירקט דערדריקנדיק.

דאָ האָט יעדער מאַכמעדאַנער רעכט געהאַט צו שלאָגן די יידן מיט שטעקנס. אַ ייד האָט נישט געטאָרט אין גאַס אַרויסגיין בעת אַ רעגן, ווייל ער האָט פאַראומרייניקט די ברכה פון רעגן־וואַסער.

די יידן אַליין האָבן איבערגענומען דעם אבערגלויבן פון זייערע פינצטערע שכנים. אומעטום האָט מען געזען שדים און מזיקים. אומעטום האָט געהערשט די „עין־הרע".

קמיעות מיט אויפשריפטן קעגן אשמדאי און לילית באַמבלען זיך נאָך איצטער אויף די העלדזער פון קינדער און גרויסע; שפּרוכן קעגן „עין הרע״ ווערן אַריינגעוואָרפן אין מיטן אַ געשפּרעך (זאַלץ, מעסער, נאָדל, שווערד). אַ גאַסט אין אַ געטאָ־שטוב האָט פּלוצים דערהערט צו זיך עפּעס אַ מאָדנעם זאָג גלייך אין פּנים אַריין. „וואָס זאָגט די ייִדענע?״ האָט דער גאַסט געפרעגט זיין אָרטיקן באַגלייטער.

„זי איז חושד, אַז איר קאָנט ברענגען אַ אומגליק אויף איר קינד, זאָגט זי אייך אויף פּערסיש: „קלאַק טשי שאַמאַש בראַרו״, וואָס מיינט: „זאָל אַ קראָ אויסשטעכן דיין אויג״...

דער גאַסט האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט פון אַזאַ וואָרעמען „ברוך הבא״...

ווען דער זעלבער גאַסט האָט נישט ווילנדיק אַ שטופּ געטאָן מיט זיין פוס אַ שיסל מיט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צימער, און אַ ביסל וואַסער האָט זיך פאַרגאָסן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, האָט די זעלבע ייִדענע צוזאַמען מיט אירע צוויי כמעט דערוואַקסענע קינדער אין שרעק אַ געשריי געטאָן צום גאַסט: „פּהאַריז״, וואָס מיינט, זאָל זיך דער שד, וואָס דו האָסט מיטגעבראַכט, באַצייטנס אָפּטראָגן.

*

האָט פאַר מיר דעריבער אַ לויכט געטאָן אין דער דאָזיקער פינצ־טערקייט דער הילפס־טורעם, וואָס דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט״ האָט אויפגעשטעלט אין יעדער שטאָט פון פּערסיע, אין יעדער געטאָ — די דאָזיקע וווּנדערבאַרע אינסטיטוציעס פון היגיענע, פון קינדער־דערנערונג, פון פּראָפילאַקטיק און שפּיטעלער.

אָט בין איך אין „דזשאָינט״־צענטער פון שיראַז. עס פירט מיך אַרום איבער די אימפּאָזאַנטע זאַלן און צימערן די הויפּט־שוועסטער מרס. גוראָמי.

די גרעסטע און אָנגענעמע איבעראַשונג פאַר מיר איז געווען אַ מאַפּע ־ִיבער דער גאַנצער לענג פון דער וואַנט מיט הונדערטער פאַרביקע שפּילקעס, אַריינגעשטעקט איבער קליינע קעסטעלעך מיט נעמען. מען דערקלערט מיר: יעדע ייִדישע פאַמיליע אין שיראַז האָט דאָ איר נאָמען אין אַ קעסטעלע. אַ גרינטלעכע סאַניטאַרע אויספאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן איבער יעדן פאַמיליע־מיטגליד. די פאַרבן פון די שפּילקעס באַ־דייטן געזונט־פּראָבלעמען פון הויזגעזינד: אַ שוואַנגערע מוטער; אַ

שווינדזיכטיק אָדער אויגן־ליידנדיק קינד; אַ קינדיש קעפּעלע, וואָס ליידט צוליב פּאַראַזיטן... און איך זע זיי די פּאַציענטן אַרום זיך: מוטערס מיט קינדער אויף די הענט, קראַנקע אַלטע יידן, קינדער אין שול־עלטער. 150 אַזעלכע באַזוכער קומען יעדן טאָג בלויז אין שיראַזער מעדיצינישן צענטער אַליין.

און שפּעטער אַ באַזוך אין אַ קינדער־גאָרטן, ווו די אַמאָל־פאַרוויאַנעטע „געטאָ־געוויקסן" בליען אויף צו אַ ניי לעבן. מען טאַנצט, מען לאַכט, מען זינגט אונטער די קלאַנגען פון אייגענע קליינינקע מוזיקער. און דאָ גרייט מען זיך שוין אַרויסצופאָרן אין אַ זומער־קאָלאָניע. ניין הונדערט קינדער וועלן אַרויסגענומען ווערן פון די דומפּיקע שטיינערנע געטאָ־הויפן, וואָס זענען ענלעך צו אַ שמאָלן ברונעם, און געבראַכט ווערן אין יענע פּלעצער פון שיראַז, ווו די באַרימטע רויזן בליען, ווו נאַכטיגאַלן וועלן זינגען פאַר זיי און געדיכטע עוקאַליפּטוס־ביימער וועלן זיי לאָזן איינאָטעמען דעם געזונטן ריח זייערן. ווען האָט אַ יידיש קינד אין געטאָ געשמעקט בלומען און געהערט פייגל־געזאַנג אין די פאַרגאַנגענע הונדערטער יאָרן?

*

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב געוויילט אין איראַן, האָב איך נישט אַרויסגעלאָזן פון האַנט און פון זכרון דעם גאָלדענעם פאָדעם, וואָס ציט זיך איבער די שטעט און די רואינען, איבער די פּאַלאַצן און געטאָס — דעם פאָדעם פון דער איבערגעריסענער יידישער געשיכטע, וואָס ציט זיך דאָ שוין אַ קימא־לן פון כמעט דריי טויזנט יאָר, נאָך פון די צייטן פון גלות אשור, ווען מיר האָבן פאַרלוירן אונדזערע צען פאַרטריבענע שבטים.

אין ב ב ל — פּערסיע־אַפגאַניסטאַן — נעסטן נאָך איצט אין פאַרוואָרפענע ווינקעלעך מיסטעריעזע גרופּן, וואָס זענען נאָענט צו אונדזער שטאַם. זיי זענען ווייט נישט אויסגעפאָרשטע, אָבער מיט אַזעלכע בולטע סימנים פון יידישקייט, אַז איר האָט קיין שום ספק נישט וועגן זייער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק.

וואָס דאַרפט איר האָבן מער? דער פריערדיקער קעניג פון אַפגאַניסטאַן האָט אַ מאָל, בעת אַ יום־טוב־באַזוך אין קאַבולער בית־התפילה, געבעטן מען זאָל אים טיטולירן „זיין מאַיעסטעט פון שבט בנימין"... דער פּרעזידענט פון ישראל בן־צבי האָט מיך געראַטן איידער איך בין אַרויס־

געפֿאָרן אויף דער דאָזיקער לאַנגער רייזע מײַנער, אַז איך זאָל פֿון דער הויפּטשטאָט אַראָפּפֿאָרן אין עטלעכע דערפֿער און פּרובירן רעדן מיט די פּויערים, וועלן זיי מיר ענטפֿערן, אַז זיי זענען טאַקע מוסולמענער, אָבער זיי שטאַמען פֿון שבט זבולון, אָדער דן, אָדער נפֿתלי — אַ ווײַטער אָפּקלאַנג פֿון אַ טויזנט־יאָריקער משפּחה־מסורה, וועלכע איז אין ערגעץ נישט פֿאַרשריבן, אָבער שלענגלט זיך סודותדיק פֿון פֿאָטער צום זון.

בין איך צו די דאָזיקע דערפֿער נישט דערפֿאָרן, אָבער אין האַרצן איז שטעקן געבליבן אָט יענע נישט פֿאַרענדיקטע מיסיע צו זען און אויסגעפֿינען די „פֿאַרשטויסענע פֿון לאַנד אשור״ (הנדחים מארץ אשור).

ערגעץ־ווו אין אַלט־ירושלים, ביים סאַמע דראָט, וואָס טיילט אָפּ די אַראַבישע שטאָט פֿון דער ייִדישער, האָב איך ערב מײַן אָפּפֿליִען קיין פּערסיע געטראָפֿן אין דער אַפֿגאַניסטאַנישער שול דעם אַלטיטשקן רב ר׳ אשר גאַרזשי אין זײַן פֿאַרביקן כאַלאַט און קאַראַקולענעם היטל, כאָטש אין דרויסן איז געווען אַ היץ. האָט ער מיר דערציילט וועגן די פּויערים אין די דערפֿער אויפֿן גרענעץ פֿון פּערסיע און אַפֿגאַניסטאַן, וואָס ווייסן וועגן עפּעס אַ נבֿואה, אַז דער אייבערשטער וועט נאָך אַ מאָל צונויפֿזאַמלען די פֿאַרלוירענע פֿון שבט יהודה מיט די פֿאַרשטויסענע פֿון די שבֿטים בנימין, זבולון, גד אאַז״וו. און אַ תּפֿילה האָבן זיי, וואָס קלינגט כּמעט מיטן פּאַטעטישן צוזאָג פֿון יחזקאל הנביא (יחזקאל ל״ז):

„און איך וועל אַרויסנעמען די בני־ישראל (געמיינט די פֿאַרטריבענע עשׂרת השבֿטים — ח. ש.) פֿון צווישן די פֿעלקער, ווו זיי זענען אַוועק; און איך וועל זיי צונויפֿזאַמלען פֿון אַרום־און־אַרום און ברענגען זיי צוריק צו זייער ערד. און איך וועל זיי מאַכן פֿאַר איין פֿאָלק אין לאַנד פֿון די בערג פֿון ישׂראל. איין מלך וועט געקרוינט ווערן פֿאַר אַלעמען און זיי וועלן מער נישט זײַן קיין צוויי פֿעלקער און נישט געשפּאָלטן ווערן אויף צוויי מלוכות״.

דאָס האָט יחזקאל נבֿיאות געזאָגט, ווען ער אַליין איז אין גלות געווען צווישן די טייכן פּרת און חדקל און געהאַט מסתּמא די מעגלעכקייט זיך צו טרעפֿן מיט די „פֿאַרשטויסענע פֿון לאַנד אשור״ — פֿון די עשׂרת השבֿטים, וועלכע זענען דאָ מיט הונדערטער יאָרן צוריק פֿאַר אים פֿאַרטריבן געוואָרן.

אָט די וויזיע האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן בעת מײַנע פֿערציק יאָר וואַנדערן איבערן „מדבר״ פֿון דער היינטיקער מאָדערנער וועלט: איך

האָב זיי געזען, די אָריגינעלע ... פון אונדזערע אַמאָל פּאַרטריבענע ברידער, אונטער דער שוואַרצער הויט פון די פֿאַלאַשן אין עטיאָפּיע. און אונטער דער ברוינער הויט פון די „בני־ישראל" אין אינדיע; צווישן די טרייע צום ייִדישן דין און מסורה רויט־הויטיקע אינדיאַנער אין מעקסיקע און צווישן די פאַרמוטשעטע בעדואינער, וואָס מען האָט אַלס יידן פאַר־שפּאַרט אין געטאָ פון דמשק. און ווי שטאָלץ און האַרטנעקיק זענען דאָס געווען די אנוסים פון דער פּערסישער שטאָט מעשכעד, וואָס האָבן ביז די סאַמע לעצטע יאָרן אָפּגעהיט אין געהיים אַלע יידישע דינים, כאָטש מען האָט זייערע אורעלטערן געצוווּנגען צום שמד מיט 120 יאָר צוריק (איצט איז שוין דער גרעסטער טייל פון די מעשכעדער אנוסים אין ישראל. די איבעריקע האָבן אָכּן זיך אומגעקערט צום יידנטום אין די לעצטע פינף יאָר).

*

צוריק אין דער שטאָט פון בלומען און פּאָעזיע, צוריק אין שיראַז ווו אין געטאָ וווינען זעקס טויזנט יידן אין נויט און אָרעמקייט.

אין דער שיראַזער ישיבה פירט מיך די ענערגישע און אינטעליגענטע פאָרשטייערין פון אַמעריקאַנער דזשאָינט, דאָננאַ גאַרסאָן. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס זי האָט זיך געווידמעט העלפן אַרויסשלעפּן פון פיזישן און גייסטיקן אָפּגרונט דאָס ביסל יידן אין שיראַז, ווו זי לעבט איינזאַם צווישן אַ פרעמדער אָפּגעשטאַנענער סביבה, איז אַ גרויסער קרבן. דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דער סימפּאַטישער דאָקטאָרין פרוי פּ. קאַליט, וואָס אַרבעט און לעבט אין נאָך ערגערע באַדינגונגען — צווישן געטאָ־יידן אין דער שכנותדיקער שטאָט איספּאַהאַן, ווו ערשט איצט רייניקט מען די ברונימער פון שמוץ און מיקראָבן, וואָס האָבן זיך צונויפ־געזאַמלט אין די פאַרגאַנגענע הונדערטער יאָרן...

די שיראַזער ישיבה „אוצר התורה" געפינט זיך אין אַ בנין, וואָס עס האָט געשענקט אַ פּערסישער יידישער גביר כאני ראַביזאַדק. ער און זיין ברודער האָבן אויך געשענקט די געביידעס פון „גן ילדים", ווו איך האָב געטראָפן אַרום צוויי הונדערט טאַנצנדיקע און שפּילנדיקע געטאָ־קינדער — יענע קינדער, וואָס האָבן זעלטן געלאַכט אין די פאַרדומפּענע געטאָ־געסלעך — ביז די אַמעריקאַנער הילף איז געקומען.

און נאָך שענער איז פון די צוויי נדבנים ברידער, וואָס זיי האָבן נישט לאַנג צעטיילט אַ גרויסן שטח פון זייערע פעלדער צו פּערסישע

פאַראָרעמטע פויערים, נאָכטועַנדיק דעם ביישפּיל פון פּערסישן שאַך, וועלכער האָט דאָס זעלבע געטאָן אין אַ פיל גרעסערן מאַסשטאַב, מיט אַ האַלב יאָר פריער.

לערנען אין דער ישיבה אַכצן תלמידים אין עלטער צווישן 16—17 יאָר. זיי חזרן איין דעם פּרק „המפקיד״ פון דער גמרא בבא מציעא. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז בעת מיין ערשטן באַזוך אין פּערסיע אין יאָר 1938, איז דאָרט נישט געווען קיין איין מוללא (רב בלע״ז), וואָס זאָל קענען מער ווי חומש מיט רש״י (מיטן אויסנאַם פון גרויסן „בלינדן רב״ ר׳ חיים), וועט מען פאַרשטיין דעם פּראָגרעס אין תורה־לערנען אין די אַלע שטעט, ווו די אָרגאַניזאַציע „אוצר התורה״ איז טעטיק.

די שילער לערנען אויך פינף יאָר אין דער דערבייאיקער יידישער מיטלשולע אַלגעמיינע לימודים. זיי באַקומען אַ רעגירונגס־דיפּלאָם. אגב, וווינען זיי, עסן און שלאָפן, אין דער ישיבה־געביידע.

אָבער אַ קוריאָז דאַרף איך פאַרצייכענען: ווען איך האָב געזאָגט די תלמידים, אַז איך קלייב זיך גלייך פון דאַנען פאָרן באַזוכן די אַנטיקע רואינען פון דער שטאָט פּערסעפּאָליס (660 מייל פון שיראַז), האָט קיינער פון זיי נישט געוווּסט, אַז דאָס זענען די רואינען פון דער הויפּטשטאָט פון אַזעלכע „תנ״ך־מלכים״, ווי כורש, דריוש און אחשורוש... נאָר צוויי תלמידים האָבן געוווּסט צו ענטפערן אויף מיין קשיא: „וואָס פאַראַ ראָלע עס האָבן געשפּילט איינער אַ סופר מיטן נאָמען עזרא און איינער אַ וויינשענקער מיטן נאָמען נחמיה?״ אַ סימן, אַז תנ״ך לערנט מען דאָרט שוואַך („זיי זענען נאָך נישט דערגאַנגען צום דאָזיקן טייל פון די כתובים״, דערקלערט מיר דער לערער חיים מרעדזשען פון מאַראָקעש).

פאָרן מיר מיט דאָננאַ גאַרסאָן פון דזשאָינט איבערן לאַנגן און איצט באַקוועמען וועג צום ווונדער פון די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען — צו דער אַמאָליקער זומער־רעזידענץ פון די פּערסישע מלכים, וואָס הייסט פּערסעפּאָליס.

ר׳ בנימין מטודלה האָט דעם וועג פון טעהעראַן קיין שיראַז געמאַכט אין פערציק טעג (אַרום 700 מייל). מיט ניין הונדערט יאָר שפּעטער, האָב איך דעם זעלבן וועג געמאַכט אין צוויי שעה... אָבער ווען מען פאָרט מיטן אויטאָמאָביל קיין פּערסעפּאָליס באַגעגנט מען קאַראַוואַנען מיט קעמלען, מיט אייזלען, מיט סטאַדעס שעפּסן. פּערסן אין פוטערנע היטלען מיט הויזן ווי ברייטע קאַרטאָפל־זעק, מיט ווילד־פאַרוואַקסענע פּנימער,

טרייבן אָן מיט בייטשן די קאַראַוואַנען. דאָס זענען נאָך אַלץ נאָמאַדן — וואַנדערנדיקע שבטים — וואָס זוכן פאַר זייערע קעמלען, שעפּסן און פערד אַ בעסערע פּאַשע, פרישערע גראָזן צו שפּייזן זיי און אויך די ווייבער און קינדער, וואָס זיצן איינגעקנורעט איןביידלעך אויף די האָרבן פון די קעמלען. אויך זיי שלעפּן זיך פערציק טעג צווישן די פּלעצער אַרום שיראַז ביז די גרינע לאַנקעס אַרום טעהעראַן, ווי מיט טויזנט און מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק — — —

און פון אַ בערגל אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַ ים מיט סלופּעס, מיט ווענט, מיט קאַנטורן פון געביידעס — דאָס איז די לעגענדאַרע, כמעט אַלץ נישט אין גאַנצן אויסגעגראָבענע און אויסגעפּאַרשטע אוראַלטע פּערסעפּאָליס. די אוצרות פון גרוי־גרויען אַלטערטום, אַנטפּלעקן זיך פאַר די אויגן: די ברייטע טרעפּ, וואָס פירן צום באַלקאָן, ווו דער גרויסער כורש, דער באַפרייער, האָט אויפגענומען מלכים און דעלעגאַציעס; זיין מאָנומענטאַלער קבר, וואָס ער האָט פאַראָרדנט בויעןביים לעבן.

די הונדערטער ברייטע מאַרמאָרענע טרעפּ פירן אויבן־אויבן, ווו זיין ארון שטייט אין מאַוזאָליי. און אויפגעשריבן דאָרט מיט פלעקל־שריפט (קוניפאָרם) איז אַזאַ איבעראַשנדיקער זאַץ, פאַר יענער צייט פון אינטענסיווער געצנדינסט: „אויב די קונסטווערק וואָס דו זעסט איצט מיט דיינע אויגן זענען אַזוי פּראַכטפול, דאַרפסטו וויסן, אַז איך, כורש, האָב דאָס געבויט מיטן גנאָד פון גאָט דעם אַלמעכטיקן"...

פאַרשטייט איר שוין דאַן פאַר וואָס דער נביא ישעיהו האָט אים מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעכן פּאַטאָס געבענטשט אין גאָטס נאָמען און משיח אים גערופן (ישעיהו מ"ח). מיט דער דאָזיקער אויפשריפט דערקלערן זיך לייכטער ישעיהס ווערטער: „ואקרא לך בשמך אכנך ולא ידעתני" — איך האָב דיך, כורש, מיט דיין נאָמען גערופן און דו האָסט דאָך מיך גאָרנישט געקענט"... האָט כורש דעם איינציקן גאָט טאַקע ניט געקענט אָבער געפילט אין זיך האָט ער אים.

און אָט זענען די פּאַלאַצן פון קסערקסעס (אחשורוש), וועלכער האָט געקיניגט מיט 80—90 יאָר שפּעטער. היטן די פּאַלאַצן פליגלדיקע ריזיקע אָקסן מיט מענטשלעכע קעפּ. זעט איר זאַלן פון הונדערט מאַרמאָרענע זיילן; זעט איר דעם „חצר גינת ביתן" — דעם הויף אין גאָרטן, וואָס איז דערמאָנט אין ערשטן קאַפּיטל פון מגילת אסתר. הייבט איר אָן צו פאַר־

שטיין די גאַנצע באַשרייבונג, ווי אַזוי דער פּאַלאַץ האָט אויסגעזען, ווי באשריבן אין יענעם קאַפּיטל; די טעפּיכער, די גאָלדענע און זילבערנע בעטן, די פּאָדלאָגעס פון מירמלשטיין — אַ מאָזאַיק געבראַכט פון אַלע לענדער.

איך אַליין שפּרייז דאָך איצט איבער זיי — כמעט נישט געענדערטע.

און דאָ, בשכנות, געפינט זיך דער פּאַלאַץ פאַר פּרויען פון אחשורוש, פאַר זיינע קינדער און דינער. דער דאָזיקער פּאַלאַץ איז ערשט אויסגע־גראָבן געוואָרן אין יאָר 1931. פון די רואינען האָט איר אַ באַגריף, ווו עס האָט געלעבט די אויסגעקליבענע מלכה, ווו די קעפּס־ווייבער, און ווו עס האָבן זיי געהיט די סריסי המלך. אַ פענצטערל זעט זיך אַרויס אין דער וואַנט מיט די שווערע שטיינער — אַ פענצטערל צו דער גאַס. צי האָט דאָ אַמאָל נישט אָנגעקלאַפּט מרדכי אין יענער נאַכט, ווען דער גורל פון די פּערסישע יידן איז געחתמעט געוואָרן דורך המנען און מרדכי איז דאָ געקומען מיטן זאַק אויפן קאָפּ אַלאַרמירן אסתרן ?...

פאַרשטייט זיך, איך האָב געדענקט בעת מיין באַזוך אין פּערסעפּאָליס וועגן די אַלע כלומרשטע „אַנטדעקונגען״ פון די ביבל־קריטיקער, אַז די גאַנצע מעשה מיט מרדכי, אסתר, המן, ושתי — איז אויסגעטראַכט גע־וואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, כדי צו טרייסטן יידן מיט ראָמאַנטישע מעשיות אין זייערע פינצטערע צייטן; אַז מרדכי איז מאַרדוק, דער גאָט פון בבל, און אסתר איז אישטאַר, די פאַלשע געטין; אַז המן (הוממאַן) און ושתי (מאַשטי) זענען געטער פון אולמס עפּאָס. די דאָזיקע אַלע ברעכער פון די אמתן פון די הייליקע שריפטן, קריגן אָבער ביטערע קלעפּ אין ליכט פון די אַלע נייע אויפדעקונגען און אויסגראָבונגען.

איך בין אַריין אין דער נאָר־וואָס אויסגעגראָבענער אוצר־געביידע פון פּערסעפּאָליס. דאָס זענען איצט פּוסטע צימערן, איבער וועלכע דאָ און דאָרט זענען צעשאָטן ליימענע טאָוולען מיט אויסקריצונגען פון דער געשיכטע פון פּרס און מדי. מען זעט דאָ אויך דאָס בילד פון יונגען קרוינפּרינץ אחשורוש, ווי ער שטייט פאַר זיין פאָטער דריוש, וואָס זיצט אויפן טראָן.

די מערסטע טייל פון די געפונענע שריפטן זענען אַוועקגענומען געוואָרן נישט לאַנג דורכן פּראָפעסאָר קאַמעראָן פון שיקאַגער אוניווער־סיטעט מען זאָל זיי דאָרטן דעשיפרירן.

אפשר וועט מען אויף די דאָזיקע ליימענע טאָוולען געפינען באַשריבן

די געשיכטע פון אחשורוש און זיין שני־למלך מרדכי — אַזוי ווי עס איז דערמאָנט אין די לעצטע פסוקים פון מגילת אסתר:

„די תקיפות און גבורות און גרויסקייט פון מרדכי ביים מלך זענען דאָך פאַרשריבן אין די געשיכטע־ספרים פון די קעניגן פון פרס און מדי".

כישוף אין די פערסישע געטאָס

ר' מרדכי לוי מיט דער ווייסער באָרד און הדרת פנים פון אַ תלמיד חכם, וואָס איז אַזוי ווי אַרויס פון אַן אַלטן בילד, — איז געוואָרן אַ לעגענדאַרע פיגור אין פערסיע. דאָס האָט ער אין משך פון די לעצטע פופצן יאָר פאַרפלאַנצט תורה־יידישקייט אין די פאַרפינצטערטע מיט אַבערגלויבנס און פאַרפעסטעטע מיט קראַנקייטן געטאָס, ער האָט אויך מיט דער מיטהילף פון דזשאָינט פאַרבעסערט די סאַניטאַרע באַדינגונגען צווישן די תלמידים און תלמידות פון זיינע לערן־אַנשטאַלטן, וועלכע זענען דאָ באַקאַנט אונטערן נאָמען „אוצר התורה".

מיין באַגעגעניש מיט ר' מרדכי איז פאָרגעקומען אין רחבותדיקן הויף פון זיין ווייסן הויז אין טעהעראַן, דאָרט ווו עס אַמטירט דער תורה־שטאַב און עס געפינט זיך אויך זיין פריוואַטע וווינונג. די רביצין, ווי עס פאַסט פאַר אַ צנועהדיקער פרוי, זיצט ווייט פון אונדז אין אַ וויגשטול, הערט זיך צו און נעמט נישט קיין אָנטייל אין שמועס.

פאַר אַזאַ מענטש ווי איך, וואָס געדענקט די פינצטערע באַדינגונגען, אין וועלכע די פערסישע יידן האָבן געלעבט בעת מיין ערשטן וויזיט מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק, זענען די מעשים פון „אוצר התורה" פשוט רעוואָלוציאָנערע: צוועלף טויזנט תלמידים אין יידישע שולעס, פאָלקס־קלאַסן, לערער־סעמינאַר, האַנטווערקער־שולעס — (די לעצטע, פון „אָרט", מיט רעליגיע־לערער פון „אוצר־התורה") קינדער־קאָלאָניעס ביים ים, — דאָס איז דאָך פרישע לופט אין פאַרדומפּענעם, אַזוי פאַרגרעבטן יידישן לעבן אין די אָרעמע געטאָס פון טעהעראַן, שיראַז, איספאַהאַן, — ווו איך האָב די שולעס און ישיבות באַזוכט.

טוט אַן ר' מרדכי — אַן אונדזעריקער איראָפּעישער רב, וואָס האָט געוווינט אויך אין ירושלים, — זיין שבתדיקע קאַפּאָטע און מיר שפּרייזן

אויפן וועג צום לערער־סעמינאַר דורך די טומלדיקע גאַסן פון טעהעראַן. די אויפשריפטן אויף די שילדן זענען כמעט אַלע מיט פערסישע אותיות: אונדזערס אַ מענטש אָריענטירט זיך נאָר דורך די סחורות און אַ צופעליקער אילוסטראַציע, וואָס פאַר אַ קראָם אָדער אינסטיטוציע עס געפינט זיך דאָ. די גזירה, אַז אַלע אויפשריפטן אין אַזאַ פאַקטיש קאָסמאָפּאָליטישער שטאָט ווי טעהעראַן, זאָלן זיין נאָר אין פערסיש־אַראַבישע צייכנס (ספּעציעל שווער איז דאָס מיט ציפערן, — וועלכע מען רופט טאַקע אַראַבישע, אָבער מען מוז זיך ספּעציעל אויסלערנען, כדי צו דערקענען דעם נומער פון צימער אין האָטעל, דעם חשבון וואָס מען דערלאַנגט אָדער דעם נומער פון אויטאָבוס און טראַמוויי מיט וועלכן מען דאַרף פאָרן) — די גזירה האָט אַן אינטערעסאַנטן הינטערגרונט: אין די דרייסיקער יאָרן, בעת עס האָט נאָך געהערשט דער טאַטע פון איצטיקן שאַך, אַ רואיקער דעספּאָטישער „קאָזאַק״, — האָט אַ פראַנצויזישער מחבר, נאָך אַ לאַנגן סטודיום־באַזוך אין פערסיע פאַרעפנטלעכט אין פאַריז אַ בוך אונטערן קלינגעגדיקן נאָמען: „לאַנד פון צען מיליאָן גנבים״ (אַזוי פיל איינוווינער האָט דעמאָלט פערסיע פאַרמאָגט, איצט, מסתם, וואָלט דאָס בוך געהייסן „אַ לאַנד פון פופצן מיליאָן גנבים״...). ווען דאָס בוך איז אַריינגעפאַלן צום דעמאָלטיקן שאַך אין די הענט, איז ער געוואָרן שרעקלעך אין כעס און געפאָדערט פון פראַנקרייך מען זאָל קאָנפיסקירן די איבערגעבליבענע עקזעמפּליאַרן. פראַנקרייך, פאַרשטייט זיך, האָט אָפּגעזאָגט, — „ווייל מיר זענען דאָך אַ לאַנד פון פרייער פרעסע״... האָט פערסיע איבערגעריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען (דאָס האָט געדויערט עטלעכע יאָר) און פאַרווערט לאַטיינישע אותיות און ציפערן זאָלן דערשיינען אין דער עפנטלעכקייט, ווי יענער רוימישער אימפּעראַטאָר, וואָס האָט באַפוילן אָפּשמייסן דעם ים, וואָס האָט געוואַגט שטורעמען ווען זיינע שיפן האָבן געדאַרפט אָפּשווימען אין שלאַכט... די דאָזיקע גזירה פון אויסמיידן פרעמדע בוכשטאַבן אין דער עפנטלעכקייט איז נאָך כמעט גילטיק ביזן היינטיקן טאָג. עס איז אַ ביסל קאָמיש צו זען, ווי עס לויפן איבער די גאַסן פון טעהעראַן די אַמאַליקע ניו־יאָרקער רויטע צוויי־שטאָקיקע אויטאָבוסן. איך דערקען די אַלטע „טראַנטעס״, אָבער די ציפערן און גאַסן אויף זיי קאָן איך נישט לעזן, ווייל זיי זענען אין פערסיש־אַראַביש. אין דער פאַראייניקטער אַראַבישער רעפּובליק פון נאַסערן איז די זאַך אַ ביסל אַנדערש: אין דמשק איז אַלץ אויף אַראַביש, — אין קאַיראָ דאַקעגן זענען אַלע אויפשריפטן און ציפערן איבערגעזעצט אויך מיט לאַטיינישע צייכנס.

מיר זענען אַריין מיטן רב ר׳ מרדכי אין סעמינאַר פאַר לערער. אין איין אָפּטיילונג לערנען ייִנגלעך און אין דער אַנדערער מיידלעך. מען גיט זיי דאָ צו עסן. די וואַנט־צייטונג פאַרן סעמינאַר איז אין צוויי שפּראַכן: פּערסיש־אַראַביש און עברית. דאָס איז דערפרייענדיק, ווייל אין דער גרויסער ייִדישער שול אין געטאָ פון שיראַז האָב איך אויף די ווענט פון די קלאַסן צווישן הונדערטער בילדער און אויפשריפטן נישט געפונען קיין איין אות פון העברעישן אלף־בית. די רעגירונג האָט דאָס נישט פאַרווערט, — אָבער אַ שמענדריקעוואַטער פּערסיש־ייִדישער פאַרוואַלטער האָט די גזירה איינגעפירט אויף אייגענער אחריות. איך בין צופרידן צו זאָגן, אַז איך האָב ביי אים געפועלט, אַז מען זאָל דעם פאַרבאָט אויף דעם אלף־בית אַראָפּנעמען: נאָך בעת מיין באַזוך האָט מען אויפגעהאָנגען צוויי בילדער מיט העברעישע אותיות. נאָך אַ זאַך איז ווערט צו באַמערקן: אויף די טרעפּ, וואָס פירן צו אַלע קלאַסן אין די שולעס פון „אוצר התורה", זענען אויף די ווענט אָנגעקלאַפּט גרויסע שפּיגלען. ר׳ מרדכי האָט מיר דערקלערט: אין די אָרעמע הייזער פון זייערע עלטערן זעען נישט די קינדער קיין שפּיגלען, אָבער ווען זיי גייען אויף די טרעפּ צו די קלאַסן אין די שולעס דערזעען זיי זיך אין שפּיגל, דערזעען זיי זיך אין זייער גאַנ־צער שמוציקייט און אָפּגעלאָזנקייט. ווערן זיי איבערראַשט, — ספּעציעל די מיידלעך, לויפן זיי זיך וואַשן און קעמען, פאַרריכטן זיך די קליידער. זע איך טאַקע איצט ווי די אָרעמע קינדער פון געטאָ פאַרהאַלטן זיך ביי די שפּיגלען, דרייען זיך און קוקן זיך אָן פון פאָרנט און פון הינטן — אָט אַזוי ווי אונדזערע קינדער טוען דאָס. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען שוין אין שולע פאַראַן עלעגאַנטן און פראַנטיכעס, וואָס אימיטירן די באַגעגנטע אין די גאַסן אייראָפּייער, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט דער שפּיגל אויף די טרעפּ אין דער שול.

דערציילט מיר אויך ר׳ מרדכי וועגן אַבערגלויבן אין געטאָ: מען פּראַקטיצירט נאָך איצט דאָס „טישל" אין אַ ווינקל פון אַ ייִדישער געטאָ־שטוב, ווו מען ברענגט קרבנות פאַר שדים און לילית, כדי זיי זאָלן שאַנעווען די הויז־מענטשן פון קראַנקייטן. אָט איז געקומען צו ר׳ מרדכין אַ ייִדענע מיט אַ געוויין: „מיין בן־יחיד שטאַרבט מיר אַוועק! הייליקער רבי, העלפט!". פרעגט ר׳ מרדכי: „וואָס האָט איר ביז איצט געטאָן, כדי אים צו העלפן? צי האָט איר גערופן אַ דאָקטער?". „ניין, ענטפערט די פרוי, שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי מיר האָבן געשטעלט אַ „טישל"

און דער „נישט־גוטער“ וויל זיך נישט צו די מתנות צורירן“... דערקלערט מיר ר׳ מרדכי: „אַ טישל“ שטעלט מען אין אַזאַ שטוב, כדי דער שד (און אויב פּאַר אַ פרויען־צימער — די לילית) זאָל אויסהיילן דעם חולה. אויף דעם טישל, — געוויינלעך לעבן אָפענעם פענצטער, — ווערן אַוועקגעלייגט געבראָטענע הינדעלעך, פּעטע קיכעלעך און דאָס גלייכן. מען שיט אויך אויס זאַלץ אַרום די „מטעמים“. לויטן זאַלץ זעט מען צי דער שד אָדער לילית האָבן באַוויליקט באַזוכן זייער „מזבח“ און טועם זיין פון די שפּייזן. אין פיל פאַלן שטעלט מען פעסט, אַז די הינדעלעך האָט מען צעביסן און אפילו אַ טייל אַוועקגעטראָגן, אַז מיט די פּעטע קיכעלעך האָבן זיך די שדים פּשוט באַלעקט, — דאָס איז אַ סימן מובהק, אַז דער קרבן איז באַוויליקט געוואָרן און דער חולה וועט געזונט ווערן. אַי, טאָמער שטאַרבט, חלילה, שפּעטער דער חולה — איז דאָס ווידער אַ סימן, אַז אַ שונא — מערסטנטייל, אַ שכן, — האָט געגעבן אַן „עין־הרע“: דער שד האָט טאַקע זיינס געטאָן און איז דעם אַשמדאי די נשמה שולדיק. פאַרשטייט זיך, אַז אין אויפגריזשען די הינדעלעך און די פּעטע קוכנס העלפן צו די קעץ, וואָס שפּרינגען אַריין דורך די פּענצטער און באַלעקן זיך מיטן שדים־מזבח. די סימנים פון די פּיסלעך מיט די נעגל, וואָס די יידענע האָט געפונען אויפן זאַלץ אַרום דער אכילה זענען, פאַרשטייט זיך, נישט פון די שדים, נאָר פון די קעץ.

ר׳ מרדכי האָט צונויפגערופן אַ פאָלקס־אסיפה אין גרעסטן געטאָ־בית־מדרש און מיט קולות און מיט טרערן און מיט הייסע, פרומע רייד פּרובירט איבערצייגן די יידן, אַז כישוף מיט „טישלעך“ זענען געפערלעך, אַז פון דעם שטאַרבט מען, אַז גאָט פאַרשעלט זיינע באַנוצער. ר׳ מרדכי גלייבט, אַז דאָס האָט פיל געהאָלפן. אָבער ווען איך בין מיט אַ טאָג שפּעטער געווען אין געטאָ פון שיראַז און געמאַכט אַ שפּעטן באַזוך אין דומפּיקן קעלער פון דער אַזוי־גערופענער דירה פון שמש פון שול, האָט מיר מיין באַגלייטער, אַ יונגער לערער פון ישראל, דערציילט אַזאַ טראַגיש־קאָמישע געשיכטע:

איר זעט אָט דעם צעשלאָגענעם יונגנמאַן, וואָס ליגט איינגעוויקלט אין זיינע שמאַטעס אין ווינקל? דאָס איז דער שמש פון דעם שולעכל, ווו מען האָט אים געשלאָגן און אויך אויסגעהאַקט ביי אים די שויבן. די סיבה איז וואָס אַ שכן פון שולעכל, אַ רייכער קרעמער, האָט חושד געווען אָט דעם „כערליאַק“, אַז ער האָט אָנגעטאָן אַ „כישוף“ דעם קרעמערס זון און צו־

געגומען ביי אים דעם „כוח־גברא״, רחמנא לצלן. אָט דער שמש האָט זיך, ווייזט אויס, שטילערהייט געליבט אין אַ מיידל, וועלכע מען האָט געשדכנט צום קרעמערס זון, אָבער די עלטערן האָבן געצווונגען דאָס מיידל, אַז זי זאָל חתונה־האָבן מיטן רייכן זונדל און פאַרלאָזן דעם אָרעמען שמש. וואָס טוט אָט דער יונגאַטש? ער מאַכט זיבן קניפּלעך אויף אַ נאָזטיכל, לאָזט עס הענגען לעבן אַ קופּערנער האַנט מיט פינף פינגער, וואָס יעדער השוּבער פּערסישער ייד האָלט פאַר אַ סגולה קעגן אַן „עין־הרע״. אַז איר קענט אָבער דעם געהעריקן שפּרוך, — און אָט דער חברה־מאַן, ווייזט אויס, האָט דאָס געקענט, — קאָן מען מיט די זיבן קניפּן און מיט דער קופּערנער האַנט אָפּשטעלן דעם ריוואַלס „מענער־קראַפט״ אין די סאַמע נייטיקסטע מאָמענטן. און אַזוי איז טאַקע געשען. מען האָט געפּראַוועט מיט גרויס פּאַראַד די חתונה, מען האָט דאָס פּאָרל מיט מוזיק אַריינגעפירט שפּעטער אין זייער „יחוד־צימער״, — און אויף צו מאָרגנס גאַנץ פרי האָבן שוין אַלע קרובים און שכנים געוווּסט, אַז אָט דער ריוואַל, דאָס נפשל, דער שמש, וואָס קען קיין צוויי נישט ציילן, האָט יענעם כּישוף אָפּגעטאָן: ער האָט געמאַכט די זיבן קניפּלעך מיטן שפּרוך און עס איז נעבעך פאַר־שטערט געוואָרן די חתונה.

בקיצור, — גוטע ברידער פון חתן האָבן זיך אין קעלער אַראָפּ־געלאָזט, אָנגעבראָכן אים די ביינער און געצוווּנגען אים, ער זאָל מיטן זעלבן שפּרוך אָפּבינדן די זיבן קניפּלעך פון דעם טיכל און אַראָפּנעמען די „עין־הרע״ פון זיין ריוואַל. און אַזוי האָט ער געטאָן. איצט, ווי איר זעט, ליגט ער אַ צעבויקערטער. די דזשאָינט־דאָקטערין — גראָד אַ פיינע פרוי — קומט יעדן טאָג און פּרובירט אים שטעלן אויף די פיס. זי אַליין שמייכלט אונטערן נאָז, ווען איר פּאַציענט דערציילט איר, ווי אַזוי זיין כּישוף־גבורה האָט צוגענומען ביי זיין קאָנקורענט דעם „כוח־גברא״...

און דאָ גיב איך אַליין אַ פרעג אומגעדולדיק: אָבער וואָס איז דער סוף פון דעם סיפּור־המעשה? וואָס דערציילן איצט די שכנים? צי האָט געהאָלפן וואָס דער שמש האָט באַקומען קלעפּ און אָפּגעשפּראָכן די זיבן קניפּלעך? שמייכלט שעלמיש מיין ישראלדיקער לערער: אָט דאָס, זעט איר, איז דאָך דאָס גאַנצע אומגליק: עס האָט נישט געהאָלפן. ווייזט אויס, אַז יענץ פּאָרל גייט זיך גטן. נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט: דעם קרעמערס זון איז שוין געבליבן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן.

אַזוי זאָגט אויך די גענױטע דאָקטערין פון דזשאַינט: אים וועט שוין נישט העלפן אפילו אַ „טישל״ מיט הינדעלעך פאַרן אשמדאי אַליין. עס איז פאַרפאַלן, — זאָגט זי. און ווייזט אויס, זי איז אַן עקספּערטין — זי ווייס וואָס זי זאָגט. אומזיסט, נעבעך, צעשלאָגן אַט דעם חלוש — דעם שמש...

די געבראַכטן ביישפּילן זענען נאָר אַ קליינער טייל פון די אַבער־גלויבנס, וואָס הערשן נאָך עד־היום אין די געטאָס פון פּערסיע.

אַ געשפּרעך מיטן שאַך פון איראַן

אוידיענצן מיט מלכים און רעגירונגס־הויפּטן האָב איך געהאַט אַ סך אין מיין לעבן, אָבער אין אַלגעמיין, מיט קליינע אויסנאַמען (ליבעריע, גאַנאַ, ראָדעזיע) זענען זיי געווען פון אַ פאָרמעלן כאַראַקטער. איך בין געווען צופרידן שוין פון דעם אַליין, וואָס מען האָט געשטעלט די געוויינ־לעכע פראַגן, איך האָב אויסגעהערט די נאָך מער פאָרמעלע תשובות געמאַכט אַ „פּיקטשור״ — און נאָך אַ „מלך״ איז אַריין אין מיין קאָלעקציע זכרונות.

אַנדערש אָבער איז פאָרגעקומען בעת מיין איצטיקן וויזיט אין טעהעראַן, פּערסיע.

די טעג אין מאַי 1961 זענען דאָרט געווען אומרואיקע: דעמאָנסטראַ־ציעס פון סטודענטן און לערער האָבן געפאָדערט רעפאָרמען. פּאָליציי האָט אין זיי געשאָסן. פון פענצטער פון מיין האָטעל זע איך אַ טויזנט־קעפּיקע לוויה פון אַ לערער, וואָס ליגט אין זיין פאַרבלוטיקטער קליידונג אין אַן אָפענער טרונע. איך האָב אויך געזען באַלד ביים אָנקומען אויפן לופט־פאָרט פון טעהעראַן, ווי אַ גרויסער צעווילדעוועטער עולם באַפאַלט אַ מיליטערמאַן אין פולער אוניפאָרם מיט אַ שווערד ביי דער זייט, מיט עפּאָלעטן און מעדאַלן, און מען שלאָגט אים און מען שלעפּט אים אַוועק פון דער טיר, וואָס פירט צום אַרויסגאַנג צו די אַעראָפּלאַנען. דערקלערט מיר די פּערזאָן פון דער יידישער אַגענץ, וואָס באַגעגנט מיך:

„דאָס שלאָגט מען דעם גענעראַל קיאַ, וועלכער איז ביז פאַרגאַנגענער וואָך געווען דער שעף פון שפּיאָנאַזש און קאָנטער־שפּיאָנאַזש פון דער

פּערסישער אַרמיי. דאָס שרייט מען צו אים: גנב, שווינדלער, באַנדיט, ווו האָסטו גענומען די אַלע מיליאָנען דאָלאַרן, מיט וועלכע דו ווילסט אַנטלויפן?״

זשאַנדאַרמען און פּאָליציי האָבן קוים אָפּגעראַטעוועט דעם גענעראַל קיאַ, וועלכער האָט שוין נישט געקאָנט אַפּליען קיין לאָנדאָן, ווי ער האָט זיך געגרייט, נאָר געמוזט מיט אָפּגעריסענע עפּאָלעטן און אַ צעבראָ־כענער שווערד פאָרן צוריק צו זיין וווינונג. דאָס זענען געווען אָנזאָגן אויף אַ רעוואָלוציע.

אָבער דעם זעלבן טאָג האָט דער וואַכזאַמער און קלוגער שאַך באַשטימט אַלס פּרעמיער־מיניסטער דעם אָפּאָזיציע־שעף אַלי אַמיני — זיין אַמאָ־ליקן שונא. און יענער האָט אָנגעהויבן רעדן קלאָרע דיבורים.

אין דער פרימאָרגן־צייטונג „קאַיטאַן״ לייען איך שוין מיט פעטע אותיות אויף דער ערשטער זייט די ווערטער פון נייעם פּרעמיער — ווערטער, וועלכע מען האָט שוין אַ סך יאָרן נישט געהערט אין פּערסיע צוליב דער הערשנדיקער שטאַרקער צענזור: „מיר וועלן זיך אַ נעם טאָן צו די אַלע, וואָס האָבן אונדז באַגנבעט, אויסגענוצט זייערע שטעלעס אויף רייך צו ווערן... מיר זענען געבליבן איצט אַ לאַנד אָן געלט, מיט אַ קראַנקער ווירטשאַפט, מיט קאָרומפּירטע באַאַמטע... אויסראָטן וועלן מיר דאָס אַלץ!״...

און דאָ גיי איך גאָר אין ביוראָ פון אינפאָרמאַציע־מיניסטער, מען זאָל זען צו אַראַנזשירן פאַר מיר אַן אוידיענץ מיט זיין מאַיעסטעט דעם שאַך. דאָס איז געווען מער ווי נאַאיוו — אָבער פּרובירן מעג מען דאָך.

פאַרשטייט זיך, מען האָט דאָרט געשמייכלט הערנדיק מיין ביטע.

„דער שאַך איז באַשעפטיקט מיטן נייעם קאַבינעט. אגב, פאַרט ער אָפּ די טעג קיין סקאַנדינאַוויע. מיר וועלן אייך געבן ליטעראַטור, בילדער, אַרומפירן אייך איבער דער שטאָט מיט אונדזער אויטאָמאָביל — אָבער זען דעם שאַך? אומגלויבלעך איצט״.

לאָז איך זיך נישט. איך נעם אַרויס אַן אַלטע צייטונג פון טעהעראַן, דאַטירט מערץ 1938 — ד. ה. מיט 23 יאָר צוריק, אין וועלכער עס איז פאַראַן אַ קליינע נאָטיץ, אַז דער דעמאָלטיקער שאַך, דער גרינדער פון דער דינאַסטיע, האָט מיך אויפגענומען. וועט זיין מאַיעסטעט, דער זון, אָפּזאָגן אַ גאַסט, וואָס האָט געקענט זיין פאָטער?

דער לעצטער אַרגומענט ווירקט: מען וועט מיין ביטע ברענגען צום

הויף־מיניסטער אין פּאַלאַץ. מען הייסט מיך קומען אין אַ וואָך אַרום, 10 אַ זייגער אין דער פרי, דירעקט אין דער קאַנצעלאַריע פון קעניגלעכן הויף, זיך דערוויסן וואָס דער שאַך האָט געענטפערט. אגב, בעט איך פרעגן אין פּאַלאַץ, צי וועט דער שאַך אָננעמען אַ באַשיידענע מתנה —אַ ליימען אייל־לעמפּעלע, וואָס מען האָט געפונען אין די אויסגראָבונגען פון יריחו און מען שאַצט, אַז ס׳איז אַלט אַרום צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר — ד. ה. פון די צייטן פון כורש מלך פרס, וועמענס יובילײ מען גרייט זיך איצט צו פייערן מיט גרויס פּאָמפּע. ווי אַזאַ לעמפּעלע קומט צו מיר, איז אַ גאַנצע געשיכטע: איך האָב צוויי אַזעלכע שטיק אָפּגעקויפט ביי אַן אַראַבער אין ירדן־קעניגרייך. דער דאָזיקער אורח איז געוויס נישט געווען קיין אַרכעאָלאָג (לויט זיינע גנבישע אויגן און גאַנצן טראַכט) ווייל ער האָט מיר ביידע לעמפּעלעך פּאַרקויפט פּאַר צוויי זילבערנע דאָלאַרן, מסתם האָט ער זיי געפונען אין די אויסגראָבונגען, וואָס די פראַנצויזן מאַכן איצט אונטער די איינגעפאַלענע ווענט פון יריחו.

אַלנפאַלס האָט דער פאַקט, וואָס איך וויל געבן דעם שאַך אַ מתנה פון די צייטן פון זיין גרויסן פּאָרגייער, אויך געהאַט אַ גוטע ווירקונג.

אין אַ וואָך אַרום, נאָך אַ רייזע אין איספּאַהאַן, שיראַז, פּערסעפּאָליס און נאָך פאַנטאַסטישע באַגעגענישן מיט די שאָטנס פון די אַלטע פּער־סישע מאָנאַרכן כורש, אחשורוש און דריוש צווישן מאַרמאָרנע רואינעס פון זייער זומער־רעזידענץ, בין איך געגאַנגען אין פּאַלאַץ נאָך אַ תשובה. האָט מען מיך געהייסן וואַרטן אין האָטעל. אין אייניקע שעה אַרום איז געקומען אַ מונדירטער „שומר הסף״ מיט אַ צעטעלע: אויבן אַ קרוין מיט אַן אויפשריפט אין פּערסיש. אונטן אין ענגליש: „קומט פונקט פינף אַ זייגער נאָך מיטאָג אין פּאַלאַץ פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט דעם שאַך־אינשאַך״.

בין איך אויפן זיבעטן הימל. אין משך פון דער וואָך פליען און פּאָרן האָב איך נישט אַרויסגעלאָזט פון מיינע הענט די מאַטעריאַלן פון דער פּערסישער געשיכטע, וואָס מען האָט מיר געגעבן אין מיניסטעריום. איך האָב שוין אַפילו זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק כראָנאָלאָגישע דאַטן, וואָס קאָנען מיר צונוץ קומען בעת אַ געשפּרעך. איך האָב זיך אויך אויס־געלערנט צו געדענקען זיין אָפיציעלן טיטל. ער לייענט זיך אַזוי:

„שאַכינשאַך (קעניג איבער קעניגן), שאָטן פון אַלמעכטיקן, וויצע־רעגענט פון גאָט און צענטער פון אוניווערס״.

אַ שרעק כאַפּט דאָך אייך אָן, ווען איר חזרט איין אַזאַ טיטל און איר קלערט, אַז איר דאַרפט דערשיינען פאַרן „וויצע־רעגענט פון גאָט און שאָטן פון אַלמעכטיקן".

בקיצור: מיטן צעטעלע אין האַנט לאָזט מיך די וואַך פון פּאַלאַץ דורך צו דער פּריוואַטער רעזידענץ. אַ סך סאָלדאַטן מיט ביקסן דרייען זיך, אַדיוטאַנטן מיט אַקסל־בענדער לויפן הין־און־צוריק. איינער פון זיי פירט מיך אַריין אין אַ גרויסן זאַל, וווּ אויף אַ דיוואַן זיצן צוויי עלטערע הערן: איינער פון זיי גייט מיר אַנטקעגן, שטעלט זיך פאָר: „הויף־מיניס־טער מאַהאַמעד אַקבאַר". ער שטעלט מיך פאָר פאַר דעם צווייטן הער: „קוירנעל גראַף דע (איך האָב נישט דערהערט דעם נאָמען), פראַנצוי־זישער מיליטער־אַטאַשע".

„מיינע הערן", זאָגט דער הויף־מיניסטער, „עס טוט מיר זייער לייד, אָבער איך זע נישט ווען דער שאַך וועט אייך קאָנען אויפנעמען. עס קומט איצט פאָר אויבן אין זאַל אַ ספּעציעלע קאַבינעט־זיצונג אונטערן פאָרזיץ פון זיין מאַיעסטעט. עס קאָן זיך לאַנג פאַרציען. איך מוז אייך פאַרלאָזן. אויב איר האָט צייט און געדולד, ביטע וואַרט. מען וועט אייך ברענגען קאַווע און צובייסן".

דער מיניסטער איז אַוועק און מיר זענען געבליבן וואַרטן אין פּראַכטפולן זאַל. די פענצטער זענען ברייט אָפן צום גאָרטן — אַ געדיכ־טער גאָרטן פון צימערינג־ און מאַנדל־ביימער. הינטער די ווענט פון גאָרטן מאַרשירט אַ וואַך. פּלוצלינג עפנט זיך אַ טויער און עס פאָרט אַריין אַ לימוזין. עס זיצן אין איר צוויי אָפיצירן, און צווישן זיי אַ האַלב־מיליטעריש געקליידטער, געוויקסיקער מענטש.

דאָס איז גענעראַל קיאַ, וועמען מען האָט געשלאָגן אויפן לופט־פאָרט, ווען איך בין אָנגעקומען.

אין אַ ווײַלע אַרום קומען אַנדערע אויטאָמאָבילן מיט אַרעסטירטע גענעראַלן (איך האָב זייערע נעמען געלייענט אויף צו מאָרגנס אין די צייטונגען). צוזאַמען זענען זיי פינף, צווישן זיי דער געוועזענער פינאַנץ־מיניסטער זאַרגאַם, דער געוועזענער בילדונגס־מיניסטער און אויך דער אַרמיי־שעף גענעראַל דאַפּטאַרי, און נאָך וויכטיקע פּאַרשוינען.

מען פירט זיי אויבן, אויף די טרעפּ, צו דער זיצונג פון מיניסטאָרן־קאַבינעט. מען פירט זיי אַלס אַרעסטירטע. ביי דער זייט פון יעדן זענען פאַראַן צוויי זשאַנדאַרם־אָפיצירן.

עס איז שוין זעקס אָוונט און דער פראַנצויזישער קוירנעל באַשליסט צו פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ, אָן אַ „זיי געזונט״. ער קאָן מער נישט וואַרטן.

איך אָבער, וויסנדיק, אַז אַזאַ געלעגנהייט וועט זיך מער נישט איבער־חזרן, מאַך איך אָפּ ביי זיך, אַז איך וועל בלייבן ביז מען וועט מיך אַרויסבעטן, און דערווייל שטודיר איך די קאָלעקציעס פון געווער אין די גלעזערנע שאַפעס.

דער זייגער איז שוין אַכט. איך זיץ שוין דאָ, הייסט עס, גאַנצע דריי שעה. דער הויף־מיניסטער באַווייזט זיך נישט מער. אפשר האָט מען אויך אים אַרעסטירט? ער איז דאָך דער ברודער פון דעם דאָ געבראַכטן גענעראַל אַלי אַקבאַר...

איך הער ווי די פיס קלאַפּן אין צווייטן זאַל אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ — אַ סימן, אַז מען צעגייט זיך. איך וואָג נישט צו עפענען די טיר און וואַרט נאָך אַ וויל, ביז עס ווערט שטיל.

און דאָ עפנט זיך פּלוצלינג די טיר און אַ ציוויל־געקליידטער דזשענ־טלמאַן אין אַ בלויען אַנצוג מיט אַ גרויען קאַפּ גייט אַריין אין צימער און זאָגט אויף ענגליש:

„אָ, יאָ! איר וואַרט נאָך אַלץ? אַנטשולדיקט, ביטע, אַנטשולדיקט! עס איז אַן אויסערגעוויינלעכער אָוונט... איר פאַרשטייט אַליין. קומט מיט מיר אויבן אין קאַבינעט, וועלן מיר צוזאַמען צובייסן און שמועסן״.

דאָס איז געווען זיין קייזערלעכע מאַיעסטעט — דער שאַך אין זיין גאַנצער פאָלקסטימלעכער איינפאַכקייט.

איך גיי נאָך דעם שאַך אויף די ברייטע טרעפּ צו זיין „סטודיאָ״. איך האָב נישט געהאַט קיין סיבות פאַראיבל צו האָבן, וואָס מען האָט מיך אַזוי לאַנג געלאָזט וואַרטן. דאָס זענען דאָך געווען היסטאָרישע שעהן פאַר פּערסיע.

דער שאַך זעט אויס מיד און אַ ביסל דערשלאָגן. די גענעראַלן, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר קאָרופּציע, גנבה און שוחד, האָבן דאָך געהערט ביז אַט נישט־לאַנג צו זיינע נאָענטסטע פריינד און יועצים. און דאָך האָט ער זיך דערלויבט נאָך אַזאַ שווערער איבערלעבונג זיך אַוועק־צוזעצן מיט אַזאַ אומבאַדייטנדיקן פאַר אים גאַסט־שרייבער.

און ווען מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טייערן דיוואַן (אַ פּער־סישן דיוואַן!) איז טאַקע זיין ערשטע פראַגע געווען, וואָס איך געדענק וועגן זיין פאָטער.

האָב איך געענטפערט קורץ:

„אַ שטרענגער אָדלער־בליק אַ פּשוטע באַנעמונג, אַ פּראַגע װעגן מיין געזונט. ער האָט געפרעגט, צי מיין איך, אַז עס װעט זיין אַ מלחמה אין אַ יאָר אַרום (איך בין געװען ביי אים אין טאָג, װען היטלער האָט באַזעצט װין). און איך האָב געענטפערט, אַז לײדער יאָ. האָט ער געזאָגט: „און איך װאָלט װעלן פּערסיע אַרויסנעמען פון אינװאַזיעס. אַללאַ װעט העלפן...״

דער שאַך פאַררויכערט אַ סיגאַרעט אין אַ לאַנגן „רוזוועלט־מונד־שטיק״. ער זאָגט:

„און דאַך האָט זיך דאָס מיין פּאָטער נישט איינגעגעבן, און אינװאַ־זיעס פון פרעמדע און אַליאירטע האָבן דאַך דערפירט צו זיין פאַרלירן דעם טראָן״... (פאַרשטייט זיך, איך האָב דעליקאַט פאַרשוויגן, אַז זיין טאַטע רעזאַ פּאַכלעווי, דער געוועזענער פעלדפעבל פון אַ קאָזאַקן־רעגי־מענט, האָט זיין טראָן פאַרלאָרן, װייל ער האָט זיך אין געהיים פאַרבונדן מיט היטלערן).

געפין איך דאָך פּאָר פּאַסיק צו ווייזן מיין בקיאות אין פּערסישער געשיכטע:

„נו, יאָ, אין משך פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט דאָך רוסלאַנד צוגענומען ביי פּערסיע אַזעלכע דימענטן ווי באַקו, טיפליס, טאַשקענט און סאַמאַרקאַנד״...

גיט־צו דער שאַך מיט אַ טרויעריקער מינע:

„אין משך פון די טויזנטער יאָרן פון אונדזער געשיכטע האָבן אַלע ביי אונדז שטיקער געריסן: די מאָנגאָלן, די אַראַבער, װעלכע האָבן ער ווי הונדערט יאָר געהערשט איבער אונדז״...

געפין איך דאָ פּאַר פּאַסיק אַריינצושטעלן מיינע אַ טיראַדע: „איך קום איצט פון ישראל און האָב זיך דאָרט געקאָנט איבערצייגן, ווי הויכ־געשעצט דאָס לאַנד פון אייער מאַיעסטעט איז דאָרטן. אין פאַרשידענע קרייזן גרייט מען זיך צו פייערן דעם יובילײ פון צוויי טויזנט פינף הונ־דערט יאָר זינט דער מלך כורש, אייער גרויסער פאָרגייער, האָט דערלויבט די יידן זיך אומקערן פון גלות, אין זייער פאָטערלאַנד. מעג איך אייך פרעגן: פאַר וואָס אָנערקענט נישט אייער רעגירונג ישראל דע־יורע, אָנשטאָט ווי איצט, דע פאַקטאָ? פילט איר נישט, אַז דאָס פּערסישע פאָלק האָט אין ישראל אַ גרויסן פריינד?״

ד״ר חיים שאַשקעס

דער שאַך גיט אַ שמייכל:

„איך הער די דאָזיקע פראַגע גענוג אָפט. מיט אַ יאָר צען צוריק האָבן מיר ישראל פאָרמעל אָנערקענט. נו, איז אויף אונדז אויסגעאיבט געוואָרן אַזאַ שטאַרקער דרוק מצד אונדזערע שכנים (געמיינט די אַראַבישע ליגע־מיטגלידער), אַז מיר האָבן געמוזט נאָכגעבן. פאַרגעסט נישט, אַז מיר זענען אויך אַן איסלאַמישע מלוכה... איבעריקנס, צי האָט איר קיין מאָל נישט געהערט וועגן אַ שטאַרקער ליבע אָן אַ פאָרמעלער הייראַט?״

בין איך מודה, אַז איך האָב יאָ געהערט וועגן אַזעלכע זאַכן...

„איז לאָמיר איבערלאָזן דערווייל דעם ענין „פאָרמעלע אָנערקענונג״ ביז אַ גינסטיקער צייט. עס פעלט גאָרנישט גענוג קעגנזייטיקע פריינדשאַפט צווישן אונדז און ישראל אויך אין דער איצטיקער סיטואַציע״.

אַ דינער אין אַ ליוורע טראָגט אַריין אַ זילבערנע טאַץ מיט צובייסן און טיי.

נאָכן באַרירן אין אַ פּאָר קורצע מינוטן מיינע איינדרוקן פון דער לעצטער רייזע אין אַראַבישע לענדער און אין רוסלאַנד („מיך האָבן זיי אין מאָסקווע גלענצנדיק אויפגענומען״, באַמערקט דער שאַך), גיי איך אַריבער צו די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, וועלכע האָבן זיך אַזוי דראַמאַטיש אַנטוויקלט, אָט טאַקע דורכן היינטיקן טאָג, מיטן אַרעסט פון מיליטערלייט און געוועזענע מיניסטאָרן. דער שאַך זאָגט:

„איך וועל פולקאָם מיטאַרבעטן מיטן נייעם פּרעמיער אַמיני אין זיין ענערגישן אויסראָטן קאָרופּציע און פאַרברעכער, ווי הויך און מעכטיק זיי זאָלן נישט זיין. עס איז אַ כירורגישע אָפּעראַציע — טוט זי ווייִ. אָבער אונדזער פאָלק פאַרדינט אויך אַ בעסער לעבן, ווי עס האָט איצט. אָט צו דעם גייען מיר״.

אויפן טיש שטייט אַ פאָטאָגראַפיע פון דער פּרעכטיקער, שיינער יונגער פרוי פון שאַך מיט איר זיבן־חדשימדיק זונעלע, דעם יושר־עצר. וואָס זעט אויס שוין איצט ווי דער פאָטער, דער שאַך.

איך מאַך אַ וואַרעמע קאָמפּלימענט־באַמערקונג וועגן בילד.

צעשטראַלט זיך דער שאַך ווען ער הערט מיין ברכה:

„זאָל דער אַלמעכטיקער מאַכן ענלעך אייער זונס הערשאַפט, ווי די פון די גרויסע מלכים פון פערסיע כורש און דאַריוס״.

און איצט איז צייט איבערצוגעבן מיין באַשיידענע מתנה, וואָס איך

האָב געבראַכט פון ירושלים. נעם איך אַרויס פון קעסטעלע דאָס ליים־שטיינערנע לעמפּל, וואָס אַרכעאָלאָגן האָבן געפונען אין די יריחו־אויס־גראָבונגען, און וואָס איז לויט זייער מיינונג אַלט אַרום 2.500 יאָר — פּונקט פון דער צייט, ווען כורש מלך פּרס האָט געגעבן עזרא הסופר די „דעקלאַראַציע" וועגן אומקערן די גולי־בבל צוריק קיין יהודה. דאָס לעמ־פּעלע, אַזוי אויטענטיש, ווערט באַטראַכט פון שאַך, וועלכער גיט צו:

„נישט נאָר די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן, נאָר מיר האָבן אויך פון אונדזער אוצר געגעבן מיטלען אויף דעם. און כורש רופט דאָך דעם תנ"ך „מיין ליבלינג, מיין משיח: אַ גוטע אינוועסטיציע פון קאַפּיטאַל האָט ער דאָך געמאַכט מיט יידן..."

איך פאַרלאָז דעם פּאַלאַץ פול מיט אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונ־גען, — אין אַן אויטאָמאָביל מיט צוויי אָפיצירן, וועלכע ברענגען מיך אין האָטעל: די זעלבע אָפיצירן און דער זעלבער אויטאָמאָביל, וועלכע האָבן מיט איניקע שעה צוריק געפירט די קאָרומפּירטע אַרמיי־קאָמאַנדירן.

אין האָטעל טרעף איך זיך גלייך מיטן פאַרשטייער פון ישראל, דער „דע־פאַקטאָ אַמבאַסאַדאָר" דוריאל, אַ ייד פון ליטע און קאַזאַן, און איך גיב אים איבער די אַזוי אינטערעסאַנטע שטעלן פון מיין געשפּרעך מיטן שאַך.

און עס קומט אויך דער דזשאָינט־דירעקטאָר פאַר איראָפּע מר. קאַצקי (דורכפאָרנדיק — אין טעהעראַן), און ער איז צופרידן, וואָס דער שאַך ווייסט וועגן דער פאַרצווייגטער דזשאָינט־טעטיקייט פאַר די יידן אין פּערסיע.

זיצנדיק מיטן שאַך פון פּערסיע אויג אויף אויג, האָב איך פאַרשטאַ־נען, ווי אַזוי היסטאָרישע דעציזיעס ווערן אַמאָל געשאַפן אין איין אײגנ־בליק, ווען די ריכטיקע מינוט קומט גראָד אָן.

מיט צוויי טעג צוריק בין איך געשטאַנען צווישן די מערקווירדיקע רואינען פון פּערסאָפּאָליס — אַ מהלך פון אַ פּאָר שעה פלי פון טעהעראַן.

דאָ איז געווען די זומער־רעזידענץ פון די קעניגן פון פּרס און מדי, דאָ האָבן זיך געבאָדן אין לוקסוס און פאַרגעניגן כורש, אחשורוש, דאריוס און די אַלע געקרוינטע הערשער פון דער אַלטער אימפּעריע.

איך בין געגאַנגען צווישן די ריזיקע ווענט, אויף וועלכע עס זענען אויסגעהאַקט הונדערטער סצענעס פון יענער צייט: די הוליענדיקע „קע־ניגן איבער קעניגן", זייערע געפאַנגענע מלכים אין קייטן, זייערע טראָגנען,

יועצים און דינער. מאַסן־סצענעס אין באַרעליעף אויף די שטיינערנע מויערן.

איך בין געבליבן שטיין ביי דער גראַנדיעזער וואַנט מיטן בילד, ווו דעם בערדיקן קעניג אַרטאַקסעס, וועלכער האָט געהערשט מיט אַ 120 יאָר שפּעטער ווי כורש, ווערט געגעבן אַ בעכער מיט ווין פון זיין שר־המשקים. פון תנ״ך ווייסן מיר, אַז דער ווינשענקער זיינער איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען נחמיה.

געדענקט איר דעם אַזוי לעבעדיקן און אַזוי מענטשלעכן דיאַלאָג, וועלכן נחמיה אַליין האָט באַשריבן אין קאַפּיטל ב׳?

מלך: — פאַר וואָס זעסטו אַזוי שלעכט אויס? ביסט קראַנק?

נחמיה: — ווי אַזוי קאָן איך גוט אויסזען, אַז די הייליקע שטאָט, ווו מיינע אבות זענען באַהאַלטן, ליגט אין חורבות, און די מויערן פון דער שטאָט האָט אַ פייער פאַרברענט...

מלך: — איז וואָס איז דיין בקשה?

נחמיה: — אויב דעם מלך איז דאָס געפעלן און איך געפין חסד אין דיינע אויגן, שיק מיך קיין יהודה, וועל איך בויען די שטאָט פון מיינע אבות.

און דער גרויסער אַרטאַקסעס האָט דאָס באַוויליקט און נחמיה איז אַוועק בויען.

אויף אַ צווייטער וואַנט זעט מען ווידער דעם גרויסן כורש אויפן טראָן, זיין מאַיעסטעטישע באָרד אין לאָקן, זיינע אויגן פול מיט העלדיש־קייט, אָבער אויך מיט גוטסקייט.

שטייען אַרום אים שרייבער, וואָס קריצן מיט נאָדלען אויף טאָוולען פון וואַקס.

איז אפשר איינער פון זיי דער שרייבער עזרא, אונדזער עזרא הסופר?

און די רואינען פון די באַרימטע שושן־גערטנער מיט די עמודי השיש זעט איר דאָ, אָט אַזוי ווי זיי זענען באַשריבן אין מגילת אסתר.

— — — — — — — — — — — — —

מיין באַזוך ביים שאַך איז פאָרגעקומען אין זיין נייעם פּאַלאַץ.

וואַרט דען אויך אויף די דאָזיקע שטאָלצע, פעסטע ווענט דער גורל פון אַלע פריערדיקע פּאַלאַצן אין דאָזיקן לאַנד, פון כורשן ביזן היינטיקן הערשער, מאָכאַמעד רעזאַ פּאַכלעווי?

בעת כרושטשאָוו האָט מיט גרויס פייערלעכקייט נישט לאַנג צוריק אויפגענומען דעם שאַך אין מאָסקווע, האָט ער צו אים מיט זיין ברוטאַלער אָפנהאַרציקייט אַ זאָג געטאָן בעתן לאַנגן געשפּרעך:

„די רויטע אַרמיי קאָן צעשטערן גאַנץ איראַן מיט גאָר אַ קליינער אָנשטרענגונג, און אייער מאַיעסטעט קאָן גאָרנישט העלפן צו דעם...״

ווען וואָלטער ליפּמאַן האָט מיט אַ יאָר צוריק געפרעגט כרושטשאָוון די באַדייטונג פון דאָזיקן זאָג, וועלכער איז צו אים דערגאַנגען דורך אומוועגן, האָט דער לעצטער ווידער ציניש־אָפנהאַרציק אים געענטפערט:

„איראַן (פּערסיע) איז מיין נאָענטסטער ציל...״

איז ווו וועט זיך פריער באַווייזן די פייערדיקע האַנט מיט דער אויפשריפט אויף דער וואַנט „מנה, מנה תקל ופרסין״?

אין איראַן אָדער אין בערלין?

ביי יידן אין דער הויפּטשטאָט פון אינדיע

פון טעהעראַן פלי איך דירעקט צו דער הויפּטשטאָט פון אינדיע — ניו־דעלהי.

די אַנדערשקייט פון אינדיע האָט מיך געלאָקט זינט איך בין אַ קינד געווען צו באַזוכן דאָס דאָזיקע לאַנד און עפּעס דאָרט לערנען. בין איך שוין צוויי מאָל געווען אין אינדיע. געזען און באַשריבן, אַלץ אויפן שפּיק־מעסער. איצט פלי איך אַ דריט מאָל, אָבער צום ערשטן מאָל אויף אַ באַזוך אין ניו־דעלהי, די הויפּטשטאָט פון אינדיע.

שוין אין זוניקן פאַרטאָג, ווען דער אַעראָפּלאַן דרייט זיך איבער דער שטאָט, זעט מען פון דער הייך די הונדערטער טורעמס, קופּאָלן, פאַרביקע מינאַרעטן, וואָס באַרעכטיקן דעם נאָמען: „שטאָט פון טויזנט מאָנומענטן".

און שפּעטער, ווען מען פאָרט דעם לאַנגן וועג צווישן לופטפּאָרט און אַזוי מאָדערנעם דזשאַנפּאַט־האָטעל, ווו איך דאַרף וווינען, בייטן זיך קוואַרטאַלן, איינגעשלאָסן אין געמויערטע ווענט, ווו עס „ראַיען" זיך אין ווייסן איינגעוויקלטע מענטשן־מאַסן מיט אויסגעדאַרטע טונקעלע פּנימער, ווילד מיט בערד באַוואָקסן, מיט טורבאַנען אויף די קעפּ, פרויען מיט בלישטשענדיקע שטיינדלעך אין די נעזער, מיט גרינלעך לײַדנדיקע פּנימער, מיט גרויסע אומעטיקע אויגן און אָן אַ שמייכל. און גלייך אין שכנות — רויטע געמויערטע הייזער, ווי עס זעען אויס רעגירונגס־אינסטי־טוציעס אין לאָנדאָן, די קלאַסישע געביידע פון אינדישן פּאַרלאַמענט און דער קאָמפּלעקס מאָדערנע געביידעס פון דער „יוניוואוירסיטי טאַון", אַן אימפּאָנירנדיקער עדות פון דער נייער וואַקסנדיקער אוניווערסיטעט־קול־טור אין אינדיע.

מען זעט, אַז די ענגלענדער האָבן אַ סך כוחות אַריינגעלייגט אין פונאַנדערבויען לויט זייער שטייגער דעם אַדמיניסטראַטיוון צענטער פון אינדיע בעת זייער אָקופּאַציע־צייט. זעט טאַקע ניו־דעלהי אויס אין אירע נייע קוואַרטאַלן די אַממערסטן אייראָפּעישע שטאָט אין אינדיע.

אָבער עס איז גענוג אַ דריי צו טאָן זיך אַ ביסל אין אַ זייט פון דער „ענגלישער ירושה", ווי מיר פאָלן אַריין צווישן די פּאַלאַצן־קברים פון

די אַמאָליקע אימפּעראַטאָרן פון די מאָגול־דינאַסטיעס, צווישן די מע־טשעטן מיט פאַנטאַסטישע פאַרביקע קופּאָלן און קאָלאָנעס פון די אַמאָ־ליקע מוסולמענישע באַהערשער, — און עס גיט אַ בליץ פאַר אייך אין זיין בלענדנדיקער ווייסקייט דער דזשאַמאַ־מאַסגיד־טעמפּל צווישן די גע־וויקסיקע פּאַלמעס און די בלומען־פעלדער, — זענט איר שוין ווידער אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, אין די צייטן פון גרויסן שאַך דזשאַהאַן.

אַז מען קומט פון טעהעראַן, וווּ אין גוליסטאַן שפּיגל־פּאַלאַץ, צווישן דימענטן און טייערע טעפּיכער באַוווּנדערט איר דעם פּאַווע־טראָן, אויף וועלכן עס ווערן געקרוינט די פּערסישע שאַכן, — מוזט איר זיך איצט, אין ניו־דעלהי, פאַרהאַלטן ביים ווייס־מאַרמאָרענעם פּאַווילאָן אויפן ברעג פון הייליקן טייך יאַמונאַ. דאָס איז דער טייל פון פּאַלאַץ דיוואַן־איכאַס. דאָס אויג ווערט פאַרבלענדט מיט די אינקרוסטאַציעס פון פּערלמוטער, פון גאָלד, מיט די מאַלערייען פון פאַרביקע פּאַוועס, מיט בלומען־אַלייען, וואָס ציען זיך דורך שפּריצנדיקע פאָנטאַנען ביז די בלויע וואַסערן פון הייליקן טייך. און ביים אַריינגאַנג איז אויסגעקריצט אַן אויפשריפט אין דיקע גאָלדענע אותיות:

„אויב ס׳איז פאַראַן אַ גן־עדן אויף דער ערד — איז ער דאָ, איז ער דאָ, איז ער דאָ!"

און פון דאַנען טאַקע, אַט פון דעם פּאַווילאָן, האָבן דאָס די פּערסער אין איינער פון זייערע אינוואַזיעס אויף אינדיע, אַוועקגערויבט דעם „פּאַווע־טראָן", וועלכער איז נאָך איצט די גרעסטע אַטראַקציע אין טעהע־ראַנער פּאַלאַץ גולעסטאַן.

דאָ נישט ווייט עפנט זיך ברייט און ליכטיק אַ פּלאַץ, אויף וועלכן מען זעט דערווייל נאָר אַ שטיינערנעם פונדאַמענט, מיט טרעפּ, אָבער מאַסן מענטשן שטראָמען דאָ פון אַלע זייטן. דאָ איז באַגראָבן דאָס ביסל אַש פון גרעסטן אינדיער פון אַלע צייטן — פון מאַהאַטמאַ גאַנדי, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן פון אַ הינדוסישן פאַנאַטיקער אין יאָר 1948. דאָ וועט אויפוואַקסן אַ מאָנומענט, וועלכער זאָל מיט זיין שיינקייט קאָנ־קורירן מיט שענסטן מענטשן־ווערק — מיט דעם טאַדזש מאַהאַל טעמפּל.

מיט אַ יאָר צוריק האָט גאַנדיס געטרייער תלמיד, דער איצטיקער פּרעמיער־מיניסטער פון אינדיע, דזשאַוואַהאַרלאַל נערו, געזאָגט דאָ אין זיין רעדע צו די סטודענטן: „אין דער שטאָט ניו־דעלהי זעען מיר אַלץ וואָס איז גוט און אַלץ וואָס איז שלעכט אין אינדיע. פון די שטיינער אַרום

שעפּטשעט אין אונדזערע אויערן דאָס ליד פון יאַרהונדערטער. מיר זעען דאָ די קברים פון פיל אימפּעריעס, אָבער דאָ שטייט אויך דאָס וויגעלע פון אונדזער יונגער רעפּובליק״.

פון דעסטוועגן, אַז איר זעט ווי צוואַנציק הינדוסן שלעפּן אויף שטריק אײן גרויסן שטיין, ווי זעקס אַרבעטער קאָלערן אײן גרויס לאָקאָמאָטיוו־ראָד — באַגרייפט איר גלייך די אינדוסטריעלע אָפּגעשטאַנענקייט פון דעם דאָזיקן הונדערטער מיליאָניקן ריז, וואָס הייסט אינדיע! נישט אין ניו־יאָרק, אָדער לאָנדאָן, אָדער מאָסקווע, וועט איר זען אַזאַ דערשיידונג. ענלעכע אַרבעטן ווערן געטאָן ביליקער און שנעלער מיט מאָדערנע מאַשינען.

*

פאַר אַ גאַסט אין ניו־דעלהי איז פאַראַן אַ סך צו זען, און די טוריסטן־פירער וועלן אייך מיד מאַכן אין משך פון עטלעכע טעג. אָבער אַ טוריסט, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין ייִדישקייט, וועט זיך אין ניו־דעלהי גלייך פאַרלירן. איך האָב יאָ געוווּסט, אַז צווישן דער מיליאָניקער באַפעלקערונג זענען פאַראַן אַ פּאָר צענדליק ייִדן. איז, אַדרבא, געפינט כאָטש איינעם פון זיי? אין האָטעל־ביוראָ ווייסט קיינער נישט פון קיין ייִדן. אין טעלעפאָן־בוך וועט איר קיין ייִדישן פאַמיליע־נאָמען נישט געפינען. און איר ווייסט דאָך פון פריער, אַז די הינדוסישע ייִדן קליידן זיך און זעען אויס פונקט ווי זייערע שכנים, צווישן וועלכע זיי לעבן אַ פּאָר טויזנט יאָר. פיל איך, אַז מיין באַמיונג אָפּצושטעלן איינעם אין גאַס און פרעגן צי ער איז אַ ייִד — איז ענלעך צו אויסגעפינען אַ נאָדל אין אַ בינטל שטרוי. איז וואָס טוט דער „מלאך", וואָס באַגלייט יעדן פון אונדז אין זיין וועג? שטופּט ער מיר אַריין אין האַנט דעם נומער פון „אינדיער טיימס" פון זעלבן טאָג פון מיין אָנקומען, ווו איך געפין אַ בריוו מיט אַ שטאַרקן פּראָטעסט קעגן די באַגרענעצונגען, וואָס זענען איינגעפירט געוואָרן אין אָנהייב הייַנטיקס יאָר אין ישראל, ווו די איראַקער רבנים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן „חופּה וקדושין" אַ ייִד פון בבל, וואָס האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון די הינדוסישע ברוינהויטיקע „בני־ישראל".

מיך האָט שטאַרק איבערראַשט דער שאַרפער טאָן פון בריוו, אונטערגעשריבן אַנאָנים: „איינער פון די בני־ישראל". און ספּעציעל דער דאָזיקער שאַרפער פּאַסוס: „אין דער צייט ווען ישראל משפּט אייכמאַנען

פאַר ראַסן־פאַרברעכן, הייבט מען דאָרט אָן צו מאַכן אַ פּאָגראָם קעגן דער אומשולדיקער און שטאַרק רעליגיעזער קהילה פון אינדיער יידן מיטן אויסרייד, אַז זי איז נישט ראַסן־ריין לויטן יידישן דין". און דער גאַנצער טאָן פון דעם געגנוג לאַנגן בריוו איז געשריבן מיט אַ גרויס געפיל פון באַליידיקונג און פראָטעסט.

בין איך אַוועק אין דער רעדאַקציע פון „אינדיער טיימס" און נאָכדעם ווי איך האָב זיך לעגיטימירט אַלס אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, האָב איך געבעטן מיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן אַנאָנימען מחבר. אויף אַזאַ אופן בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט דעם יונגן, טעמפּעראַמענטפולן ברוינ־הויטיקן הייסן ייד עזרא קאָלעט.

ער איז דער לייטער פון דער שיף־אָפּטיילונג פון טראַנספּאָרט־מיניס־טעריום. ער האָט אַלץ אַוועקגעוואָרפן און גלייך געקומען אין האָטעל זיך זען מיט מיר. פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך בין שוין אין מיליאָניקן ניו־דעלהי נישט געווען עלנט און אַליין. אַ ברודער האָט זיך אָפּגעזוכט, מיט וועלכן איך בין שוין געבליבן צוזאַמען ביז איך האָב פאַרלאָזן ניו־דעלהי אויפן וועג קיין באָמביי.

אמת, די אָבות פון דאָזיקן ברודער מיינעם זענען פון ישראל אַוועק „פאַר חנוכה", דאָס הייסט, איידער נאָך די חשמונאים האָבן באַזיגט די סירישע טמאים פון אַנטיוכוס עפּיפאַנוס און אָפּגעריייניקט דעם בית־המקדש און אָנגעצונדן די ליכטלעך.

עס זאָגט זיך אַזוי לייכט: „פאַר חנוכה". אָבער אַ שלל מיט לעגענ־דעס, מיט מיסטיק, מיט געשיכטלעכע אונטערזוכונגען האָבן געדינט אַלס אויספאָרשונג־מאַטעריאַל, כדי מען זאָל זיך כאָטש עפּעס דערגרונטעווען דורך דער כמעט נישט וואָרשיינלעכער געשיכטע פון די „בני־ישראל". די פאָרשונגען האָט אָנגעהויבן דער ענגלענדער ד"ר ווילסאָן פון דער „קעניגלעכער אַזיאַטישער געזעלשאַפט" מיט 120 יאָר צוריק. אין זיין דעמאָלט פובליקירטן בוך „אין די לענדער פון תנ"ך" באַמיט ער זיך אויפצוווייזן, אַז די „בני־ישראל" שטאַמען פון די „עשרת השבטים", וועלכע זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל דורך שלמנסר מלך אשור אין די צייטן פון לעצטן מלך ישראל הושע.

דער זעלבער ד"ר ווילסאָן האָט שטאַרק געאַרבעט אין דער ריכטונג, אַז מען זאָל די „בני־ישראל" געבן אַ קריסטלעכע דערציונג.

די דאָזיקע מיסיאָנערישע טעטיקייט צווישן די נדחי ישראל האָט געקאָסט גאָר אַ סך געלט און זיך געענדיקט מיט אַ מיאוסן דורכפאַל.

ווען איך איצט דורכלאָזן אַ גאַנצע רייע יידישע און נישט־יידישע פאָרשער, וואָס האָבן געזוכט די דאַטעס, ווען די אָבות פון די „בני־ישראל״ האָבן פאַרלאָזן אונדזער אַלטע היים — און איך וועל זיך אָפּשטעלן ביים לעצטן און וואַרשיינלעך ריכטיקן נוסח, וועלכער איז איצט אָנגענומען סיי ביי די פאָרשער און סיי ביי די געלערנטע „בני־ישראל״ אַליין (אגב, האָב איך שפּעטער אין באָמביי זיך פּערזענלעך געטראָפן מיטן וויכטיקסטן פון זיי, מ. דזשאָפּעט, דעם מחבר פון בוך „די יידן פון אינדיע״).

זיי זענען אַנטלאָפן פון די צפון־פּראָווינצן פון גליל אין דער צייט פון אַנטיוכוסעס פאַרפאָלגונגען. זיי אַליין האָבן זיך די באַפרייונג דורך די חשמונאים נישט דערוואַרט און פון יום־טוב חנוכה נישט געוווּסט ביז דער ערשטער ייד פון באַגדאַד איז צו זיי אָריינגעדרונגען אין זיבעצנטן יאָרהונדערט.

אָבער איצט, ווען דער „געפונענער ברודער״ עזרא קאָלעט פירט מיך שוין דירעקט צו דעם נייעם שולכל „יהודה חיים האָל״ אין אַ שיינער גאָרטן־געגנט פון ניו־דעלהי, לעב איך נישט מיט לעגענדעס אָדער פאַנטאַזיעס, נאָר מיט דער ווירקלעכקייט.

ווייס איך שוין פון אים, אַז אין גאַנצן וווינען דאָ אַרום דרייסיק יידן. אַז דאָס האָבן זיי געבויט די שול, האַלטן אויס דעם בית־הקברות, לערנען די קינדער יידישקייט, ווילן נישט פאַרשווונדן ווערן אין פרעמדן ים אַרום זיי. שטייען מיר שוין ביידע אויף דער טעראַסע פון דער שול. באַטראַכטן מיר ביים זייט דעם קליינינקן גאָרטן־בית־עולם, וואָס האָט פינף מצבות... ווייזט מיר מיט פרייד קאָלעט די נייע און איינציקע ספר־תורה, וואָס איז זייער אייגענע, — דאָס איז אַ מתנה פון „כנסת ישראל״ אין מינעאַפּאָליס, נאָך אַ באַזוך דאָ פון אַ דאָרטיקן טוריסט, מר. לעאָ גראָס. ער האָט די ספר־תורה אין אַ שיין „מענטעלע״ מיט גאָלד געשטיקט (דורך פרוי רבקה דוואָרסקי, אויך אין מינעאַפּאָליס), געשיקט דורך לופט־פּאָסט, און זי איז אָנגעקומען פונקט ערב ראש השנה פון פאַרגאַנגענעם יאָר. אָט איז ער ווידער אַ מאָל דער געבענטשטער חוט־השני, דער גאָלדענער פאָדים, וואָס ציט זיך דורך דער טויזנט־יאָריקער יידישער געשיכטע פון די ברוינהויטיקע „גולי ירושלים״ אין אינדיע ביזן טעמפּל „כנסת ישראל״ אין אַ שטאָט אין אַמעריקע. און די זעלבע ספר־תורה פאַראייניקט זיי אַלעמען.

צווישן יידן אין ווייטע לענדער

*

צוויי יידן שפּרייזן אונטער דער ברענענדיקער זון אין ניו־דעלהי. איינער איז עזרא בן יחזקאל קאָלעט פון שבט יהודה, און דער צווייטער חיים ב״ר אברהם שאָשקעס פון שבט לוי... די ווייסע, שיינע שטאָט באַ־הערשט אייך מיט דער פּראַכט פון אירע פּאַלאַצן און טעמפּלען. עס שווינדלט אין די אויגן דאָס געמיש פון ראַסן און שפּראַכן. אָבער אין דאָזיקן געמיש פון מיליאָנען מענטשן האָבן זיך געפונען און האַלטן זיך אונטער די הענט צוויי ברידער, וועמענס אורעלטערן האָבן זיך געשיידט מיט 2129 יאָר צוריק, ד. ה. 168 יאָר פאַר אונדזער צייט־רעכענונג.

לויט דער מסורה האָט די משפחה פון עזרא קאָלעט פאַרלאָזן ארץ־ישראל בערך אַ יאָר אָדער צוויי פריער, ווי די חשמונאים האָבן באַזיגט אנטיוכוסן, אַרויסגעטריבן די סיריער, אָפּגערייניקט דעם בית־המקדש און אָנגעצונדן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל. ווייל קאָלעט, דאַרפט איר וויסן, איז איינער פון די פירער פון די „בני־ישראל" אין אינדיע, פון יענעם לעגענדאַרן שטאַם אונדזערן, וואָס האָט אין אַ פרעמדער וועלט פון געצנ־דינערײ אָפּגעהיט אין משך פון די מער ווי צוויי טויזנט יאָר די עיקרים פון יידישן דת, וואָס איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן פון פאָטער צום קינד אויסנווייניק, ווייל שריפטן האָבן זיי אין לאַנגן וועג נישט מיטגענומען.

אין דאָזיקן היסטאָרישן וועג האָבן זיי געהאַט מיט זיך נאָר די מאַגי־שע פאָרמולע: „שמע ישראל, ד׳ אלקנו ד׳ אחד"... דאָס האָבן זיי געקאָנט זאָגן און אויך שרייבן מיט אַלט־העברעישע אותיות. און אַ ביסל זכרונות וועגן ימים־טובים איז געבליבן: פּסח, יום־כּיפּור, ראש־השנה, סוכות און פּורים. חנוכה האָבן זיי נישט געפּייערט ביז מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק, ווען יידן פון באַגדאַד זענען געקומען צו זיי און „אַנטדעקט" אַ פיל ברייטערן יידישן ריטואַל, ווי זיי האָבן געהאַט ביז איצט.

קאָלעט, דער הויכער באַאַמטער אין אינדישן טראַנספּאָרט־מיניסטע־ריום, גייט היינט נישט צו דער אַרבעט צוליב מיר, זיין ווייטן גאַסט. ער איז יום־טובדיק אויפגעלייגט: אַ שפּאַס — ברידער וואָס טרעפן זיך נאָך אַ פּאָר טויזנט יאָר צעשיידונג... און כאָטש זיין וויגעלע איז געשטאַנען אין אינדיע און זיין מאַמע האָט אים פאַרוויגט אין מאַראַטיש, און מיין וויגעלע — אין פּוילן און מיך האָט מען פאַרוויגט אין יידיש — גייען מיר איצט ביידע צו איין געמיינזאַמען אַדרעס: דאָס איז דער קליינער

מקום־קדוש אין ניו־דעלהי, ווו דאָס ביסל יידן — די קרוב דרייסיק נפשות, לעבן זיך אויס און רוען אויך צוזאַמען נאָכן טויט, ווייל אַרום דער מאָדערנער שול־געביידע געפינט זיך אויך דער בית־הקברות פון דער אָרטיקער קהילה. און ווען מיר קומען צום אַזוי געמיטלעך־אינטימען טעמפּל, דערזעען מיר אין שאָטנדיקן גאָרטן די מצבות — די עלטסטע פון יאָר 1925. דאָס איז געווען אומגעווייִנלעך פאַר מיר, די דאָזיקע נאָענט־קייט פון דער לעבעדיקער תפילה מיט די שאָטנס פון טויט.

באַקען איך זיך מיטן צוזאַמענשטעל און מיט דער טעטיקייט פון דער יונגער יידישער קהילה אין ניו־דעלהי. דער גרעסטער טייל זענען פון די „בני־ישראל״, אָבער אויך אַמעריקאַנער און ענגלישע יידן, וואָס אַרבעטן אין דער הויפּטשטאָט, האָבן זיך אין איר אָנגעשלאָסן. פאַראַן אַ גענעראַל — דער בריגאַדיר זש. סאַמסאָן; פאַראַן אויך אַ מיליטערישער פלי־קאָמאַנ־דיר ט. זאַכאַריאַ.

דאָס דערמאָנט אונדז, אַז בעת דער ענגלישער הערשאַפט, האָבן זיך פיל פון די „בני־ישראל״ ספּעציאַליזירט אַלס פּראָפעסיאָנאַלן פון דער אַרמיי און זענען באַרימט געווען אַלס אינסטרוקטאָרן.

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז דאָ פאָרגעקומען די ערשטע „בר־מצוה״. ביז דאַן פלעגן דאָס די „בני־ישראל״ נישט פּראַקטיצירן.

פסח איז אָפּגעריכט געוואָרן אַ „סדר״ פאַר אַרום זעכציק פערזאָן, טאָפּלט וויפל די קהילה ציילט מיטגלידער, ווייל עס זענען געקומען אַלס געסט די דיפּלאָמאַטן פון יידישן גלויבן, וואָס זענען סטאַציאָנירט אין די פאַרשידענע מיסיעס פון דער אינדישער הויפּטשטאָט. די זעלבע דיפּלאָ־מאַטן פילן אויך אויס די שול בעת די ימים־נוראים.

ווען דער ישראל־פּרעזידענט יצחק בן־צבי ז״ל האָט זיך אויף זיין פלי קיין בורמאַ פאַרהאַלטן אויפן פליפלאַץ אין ניו־דעלהי, איז ער פאַרפאָרן אויף אַ קורצן וויזיט אין מקום־קדוש אַריין. דאָס איז געווען דער איינציקער פּלאַץ אין אינדיע, ווו דער פּרעזידענט האָט געוויילט (זיין דורכרייזע דורך אינדיע איז געווען נישט־אָפיציעל). דאָ לערנען זיך יעדן זונטיק דאָס ביסל קינדער פון דער קהילה תנ״ך און העברעיש.

דער יונגער עזרא קאָלעט דערציילט מיר דאָס אַלץ מיט זיין פלאַם־פייערדיקן טעמפּעראַמענט פון אַ שטאָלצן יידן, מיטן זעלבן ברען, מיט וועלכן ער האָט, אין וואָרט און שריפט, פּראָטעסטירט קעגן דער קורצער, שוין איצט אָפּגעשאַפטער גזירה אין ישראל, אַז מען טאָר זיך נישט מתחתן זיין מיט זיין שבט „בני־ישראל״.

אַלץ אין אים האָט געברויזט... — „איר זעט, מיר זענען דאָ נאָר דרייסיק אין צאָל און דאָך האַלטן מיר אָן די גאַנצע ירושה פון אונדזער פאָלק און גלויבן, און דערציען אויפן זעלבן וועג אונדזערע קינדער".

זיין טונקל געזיכט מיט די גרויסע אויגן האָט אַזוי ווי געזונגען פון שיר השירים: „אל תראוני שאני שחרחורת" — קוקט נישט אויף מיין טונקעלער געזיכטס־פאַרב, אויף דעם אינדישן לאַנגן העמד, וואָס איך טראָג; אויף מיין טיפער צוגעבונדנקייט צו דעם טאָלעראַנטן, גרויסן פאָלק פון אינדיע. זעט אָבער, ווי מיר זענען אַרויס גאַנץ אַלס יידן — מיר, אַ מיקראָסקאָפּיש גרופּקעלע צווישן הונדערטער מיליאָנען!...

*

איך באַזוך אַ טעמפּל פון הינדואיזם, פון דער פרייסטער רעלי־גיע אין דער וועלט, צו וועלכער עס געהערן כמעט דריי פערטל אינדיעס באַפעלקערונג. אַ מאָדנע רעליגיע, ווו איר קאָנט אויסוויילן די צאָל געטער אין וועלכע איר גלייבט — דריי אָדער פיר מענערישע געטער — ווישנאַ, שיוואַ, בראַמאַ, גאנעשא; אָדער פון אַ צאָל פרויען־געטער: לאַקשמי, קאַלי, דורגאַ.

איר זעט אין טעמפּל דעם טאַנצנדיקן „גאָט" שיוואַ מיט 4 הענט; איר זעט די שיינע לאַקשמי.

אָבער דער עצם גלויבן באַשטייט אין וואַנדערן פון די נשמות — פון איין קערפּער צום צווייטן; פון גוטע און שלעכטע מעשים, וואָס ווירקן ביז דער דריטער עקזיסטענץ („אינקאַרנאַציע").

און די קו איז נאָך אַלץ הייליק: און די קאַסטעס: בראַמינער (די העכסטע), קריגסלייט, סוחרים, פּויערים, פּאַריער (די נידעריקסטע), כאָטש זיי זענען פאָרמעל אָפּגעשאַפט, זענען נאָך אַלץ שטאַרק קענטיק מיט זייער צעטיילונג אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

שווער, זייער שווער פאַר אַ גאַסט אויף אַ ווייל דורכדרינגען די אין טויזנט שלייערן איינגעהילטע מיסטישע נשמה פון פיר הונדערט מיליאָניקן פאָלק פון אינדיע.

*

די קרוב ניין הונדערט מייל, וואָס טיילן אָפּ ניו־דעלהי פון באָמביי, בין איך דורכגעפלויגן מיטן אינדישן דזשעט־אַעראָפּלאַן אין צוויי שעה.

און ווייל עס איז אַן אינדישע לופט־ליניע, איז זי צעטיילט אויף צוויי אָפּ־טיילונגען: פאַר וויסע אייראָפּעישע פּאַסאַזשירן און פאַר הינדוסן. זעץ איך זיך דווקא צווישן די הינדוסן. אויף איין זייט זיצן מענער — הויכ־געוויקסיקע, מיט שוואַרצע און גרויע בערד, איינגעוויקלטע אין ווייסע ליילע־כער. אויף דער צווייטער זייט — פרויען, אין די סאַרי־קליידער, בונט־פאַרביק, מיט קליינע אָדער גרעסערע דימענטן איינגעשניטן אין נאָז; מיט אויגן, וואָס עס דוכט זיך, אַז זיי פאַרנעמען אַ האַלבן פּנים. אַזוי ווי אַ גרויסער טייל פון די פּאַסאַזשירן אין עראָפּלאַן, מערסטנטיילס די הינדוסן, קענען נישט לייענען, זענען אויף די וואַש־צימערן אויסגעמאָלן פיגורן: אַ נקבה אין רויטע הויזן — מיינט „פאַר פרויען״ און אַ זכר מיט אַ באָרד און אין אַ קליידל אַרום די לענדן — מיינט „פאַר מאַנסבילן״.

אין הינדוסישן עראָפּלאַן באַזאָרגט מען די אָרטיקע „אָרטאָדאָקסי־שע״ פּאַסאַזשירן מיט אַזוי גערופענע „כשרע״ שפּייזן, וועלכע באַשטייען פון רייז, גרינסן און פרוכטן. די פּעקלעך זענען איינגעוויקלט אין צעלאָפאַן און געשטעמפּלט מיט אַ „הכשר״ וועלכן איך קאָן נישט לייענען. אַזעלכע שפּייזן, צו וועלכע עס האָט זיך נישט צוגערירט קיין „אומריינע״ האַנט מיט פעטס אָדער פלייש, זענען אויך לחלוטין „כשר״ פאַר יידן, און אגב זייער געשמאַק געמאַכט.

בעתן פלי קיין באָמביי האָב איך צייט צו מאַכן אַ שטיקל חשבון פון די פאַרלוסטן צווישן פריינד, וואָס איך האָב געהאַט אין אינדיע, זינט איך בין דאָרט געווען צום ערשטן מאָל מיט צוועלף יאָר צוריק: געשטאָרבן אין צווישן צייט איז די וווּנדערבאַרע „יידישע פּרינצעסין״ פון קאַלקוטאַ, ליידי רחל עזראַ, אין וועמענס פּאַלאַץ, צווישן דינער וואָס זענען געקליידט ווי כהנים צו דער „עבודה״, צווישן קליינע לעבעדיקע העל־פאַנטן, הירשן, אינדן, פּאַפּוגייען און מאַלפּעס (דער פּאַלאַץ האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם זאָאָלאָגישן גאָרטן), איז צו מיר אַרויס די אומפאַרגעסלעכע אימפּאָנירנדיקע אַלטע פרוי מיטן שטעקן אין האַנט — די לעצטע פון דער אַמאָליקער סאַסון־אַריסטאָקראַטיע.

נישטאָ שוין אויך מער דאָ דער אַמאָליקער פּרעמיער־מיניסטער פון בענגאַל שאַכיט סוראַוואַרדי, וועמענס פרוי, אַ יידישע טאָכטער פון וויל־נער יחוס, איך האָב אַזוי גוט געקענט פון אַמאָל און אויך באַזוכט אין איר פּאַלאַץ. סוראַוואַרדי איז ביז נישט לאַנג געווען דער פּרעמיער־מיניסטער פון פּאַקיסטאַן און זיין געוועזענע פרוי ריכט איצט אָפּ גלות אין ניו־יאָרק.

געשטאָרבן איז אויך די מערקווירדיקע פרוי רבקה ראובני, די דירעק־טאָרין פון דער יידישער כאַדורי־שולע אין באָמביי, די טאָכטער פון גע־וועזענעם הויפּט־ריכטער פון דער מלוכה דזשאַנאַגאַר. איך האָב דאָן באַזוכט דעם לערן־אַנשטאַלט פאַר זעקס הונדערט טונקל־הויטיקע „בני־ישראל״־קינדער און געזען, ווי אַזוי די דאָזיקע אידעאַליסטישע דערציערין באַהעפט ווידער דעם אַ ביסל פאַרפרעמדטן שבט אונדזערן מיטן אַלטן קוואַל.

אָבער איך האָב דאָך נאָך אַלץ — הלוואי אויף ווייטער — מײַן בעסטן אַדרעס אין אינדיע — דעם פאָרשטייער פון די דאָרטיקע יידן אין ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און יידישן וועלט־קאָנגרעס — דעם אַלטן חבר מיינעם, וואָס איך רוף „מאַכאַראַדזשאַ״ — צבי הערש צינאָוויטש, וועלכער שטאַמט פון שטעטל יעדוואַבנע, לעבן ביאַליסטאָק. בעתן קריג האָט דער דאָזיקער יונגער אַדוואָקאַט זיך באַזעצט אין באָמביי, זיך אײַנ־געוואָרצלט אין דאָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן; ער איז פּאָפּולער סיי ביי דער רעגירונג און סיי ביי די „בני־ישראל״ און איראַקישע יידן, וועלכע אָנערקענען אים אַלס זייער פאָרשטייער.

מיר באַגעגענען זיך מיט צינאָוויטשן אויף אַלע וועלט־שליאַכן פון ירושלים—ניו־יאָרק—וואַרשע—טעהעראַן. אויך איצט האָבן מיר אין ירושלים אָפּגערעדט, אַז ווי נאָר איך קום קיין באָמביי, וואַרפט ער אַוועק אַלע געשעפטן און ווי אַמאָל וועט ער זיך אָפּגעבן מיט מײַן ווייניקייט. ווייס איך, אַז איך וועל שוין אין באָמביי נישט פאַריתומט זײַן.

אָבער, אַז דער אַעראָפּלאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן באָמבייער לופטפּאָרט און איך טעלעפאָניר גלייך צו צינאָוויטשן אין זײַן וווינונג, ענטפערט מען מיר, אַז ער איז נאָך נישט געקומען פון זײַן רייזע קיין פּערסיע, מוז איך, הייסט עס, אַליין דורכברעכן די אינדישע וואַנט.

מאָדנע באַגעגענישן אין אינדיע

ווען איך בין אָנגעקומען פון ניו־דעלהי קיין באָמביי און זיך דער־וווּסט, אַז מײַן חבר צבי צינאָוויטש איז נאָך נישט געקומען צוריק פון פּערסיע, איז מיר געוואָרן אומעטיק אויפן האַרצן. ווער וועט מיך איצט

פירן איבער די פּלעצער און אינסטיטוציעס פון דער ריזיקער שטאָט? אויסער דעם האָב איך דאָך אָנגעגעבן ציגאָוויטשעס אַדרעס פאַר מיין פערזענלעכער און געשעפטלעכער קאָרעספּאָנדענץ. דער אַדרעס איז אַ „פּאָסט־קעסטל״, און דאָס שליסעלע פון קעסטל האָט איצט מיט זיך ציגאָוויטש אין פּערסיע... און גראָד דערוואַרט איך אַ וויכטיקן בריוו פון ייוואָ אין ניו־יאָרק, וואָס דאַרף דעצידירן דעם פּלאַן פון מיין ווייטערדי־קער רייזע קיין אויסטראַליע.

איך דערמאָן איך נאָך אַ מאָל: כאָטש מיר רופן ציגאָוויטשן „מאַ־כאַראַדזשאַ״ און כאָטש ער איז אַזוי אָנגעזען סיי ביי די רעגירונגס־קרייזן אין אינדיע און סיי ביי די ברוינע און טונקל־הויטיקע יידן, וועמענס פאַר־שטייער ער איז אין ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און אין דער עקזע־קוטיווע פון וועלט־קאָנגרעס, איז ער אָבער אַ ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַן און נאָך אַלץ אָן אַ ווייב — אַזוי ווי זיינע איצט אַזוי פּראָמינענטע לאַנדס־לייט: דער פּרעמיער־מיניסטער נערו און דער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער קרישנאַ מענאָן. מעגלעך, אַז אויך זיי נעמען מיט דעם שליסל פון זייער פּאָסט־קעסטל אין קעשענע בעת די רייזעס...

האָף איך נאָך אַלץ, אַז ציגאָוויטש וועט אָט־אָט קומען קיין באָמביי, און דערווייל פאַר איך אָנקוקן טיילן פון דער שטאָט און מערקווירדיקייטן פון אינדיע.

עס העלפט מיר אַרויס אַ טייערער יונגער הינדוס — אַ מיטאַרבעטער פון אויסערן־מיניסטעריום, אבינאַש אַנאַנד, וועלכער איז צוזאַמען מיט מיר געקומען פון ניו־דעלהי מיטן אַעראָפּלאַן און אויך זענען מיר צו־זאַמען פאַרפאָרן אין האָטעל מיראַבעל.

אַנאַנד דערציילט מיר, אַז גראָד איצט ענדיקט זיך דער גרויסער יום־טוב פון פרילינג — דער האָלי — און אויב מיר וועלן תיכף אַרויספאָרן אויף איינעם פון די זיבן אינדזלען, אויף וועלכן עס האָט זיך צעלייגט דער גיגאַנט באָמביי, וועלן מיר נאָך כאַפּן אַ קוק אויף די עקזאָטישע וווּנדער פון די אוראַלטע פייערונגען.

פאָרן מיר לאַנג־לאַנג דורך די מאָדערנע אַלעען־גאַסן פון באָמביי; פאָרן מיר דורך דעם „טויער צו אינדיע״, די דאָזיקע מערקווירדיקע געביי־דע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן לכבוד דאָס לאַנדן אין אינדיע פון קעניג דזשאָרדזש דער פינפטער און זיין מלכה מערי, און פאַרביי דעם כאַדזשאַ־ביי־טורעם, איצט אַ טייל פון באָמבייער אוניווערסיטעט. מיין באַגלייטער

וויזט מיר די גרויסע טעקסטיל־פֿאַבריקן, די כעמיקאַלע און גומי־אונ־טערנעמונגען, וואָס צעוואַקסן זיך פֿון יאָר צו יאָר און שטעלן מיט זיך פֿאָר דעם שטאַרקן אינדוסטריעלן פּאָטענציאַל פֿון אינדיע; די שפּיטאָלן, די טעאַטערן, די קלובן — אַלע איצט אין מאָדערנע געביידעס.

איך פֿאָר אויך אַריין אין גאַסן, ווו די אָרעמקייט ליגט אָפֿן, נאַקעט, ווו אַזוי פֿיל טויזנטער אין ליילעכער איינגעוויקלטע, ווי דאַרע געשפּענס־טער אויסזעענדיקע מענטשן, בלאָנדזשען, בלאָנדזשען — מיט אויגן אין דער ווייטקייט אַנגעשטעלט. דערקלערט מיר מיין באַגלייטער, אַז דאָס זענען טאַקע הונגעריקע אַרבעטסלאָזע, וועלכע זענען נאָך נישט אַבסאָר־בירט געוואָרן אין דער אַלץ מער זיך אַנטוויקלענדיקער עקאָנאָמיע פֿון לאַנד.

האָרבאַטע אָקסן שלעפּן וועגענער און ביי דער זייט טרייבט אַן פֿאַר־שלאָפֿן אַ „סיק" מיט אַ לאַנגער באָרד. די הייזער זענען דאָ האַלב צעפֿאַלן, די גאַס — פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿאַרפֿוילטע פּירות און שמוץ. עס שטיקט פּשוט דער שרעקלעכער ריח פֿון אָרעמקייט און אָפּגעשטאַנענקייט. וואָס פֿאַראַ קאָנטראַסט מיט די לוקסוס־גאַסן, פֿון וועלכע מיר זענען נאָר וואָס אַרויסגעפֿאָרן!

אין מיטן פֿון איינער פֿון די גאַסן דערזע איך אַ ברוינע געביידע מיט אַ מגן־דוד אויפֿן שפּיץ דאַך; פֿון דער העברעיִשער אויפֿשריפֿט ביים אַריינגאַנג דערוויס איך זיך, אַז דאָס איז אַ שול פֿון די „בני־ישראל" און זי הייסט טאַקע „מגן דוד".

דערנאָך פֿאָרן מיר אין אַ פֿול־געפּאַקטן קליינעם שיפֿל איבער די וואַסערן. אויב איך בין פֿון דער דאָזיקער ענגשאַפֿט, פֿאַרשפּאַרט צווישן אַ שוויצנדיקן המון הינדוסן, אַרויס אַ גאַנצער און אַ געזונטער, איז עפּעס אַ נס מן השמים. אין סוף פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט, ווען דאָ האָט געהערשט סיי די כאָלערע און סיי די פּעסט, וואָלט איך אין אַזעלכע באַדינגונגען געמוזט אויסקלייבן איינע פֿון דיביידע אַלס אַ סיבה נישט צוריקצוקומען צו מיין משפּחה.

און איצט זענען מיר אויף אַ זאַמדיקן פֿעלד, אויף וועלכן עס שטייען הילצערנע פֿאַרביקע „בודעס" און עס דרייען זיך טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געקומען דאָ פֿייערן דעם יום־טוב „האָלי". אין מיטן — אַ ריזיקע „הוידע" אויף וועלכער עס שאָקלט זיך הין־און־צוריק די פֿיגור פֿון גאָט קרישנאַ. איך דערקען אים — האַלב־נאַקעט, מיטן פֿאַרשטיינערטן בליק,

מיט דער שווערד אין האַנט און שפּיציקן טורבאַן אויפן קאָפּ, מיט די קייטן אויף דער ברוסט. לעבן טעמפּל זיצן פאַרשטיינערטע ווילד־אויס־זעענדיקע פיגורן, מיט די פיס אונטער זיך, לאַנגע פאַרוואַקסענע האָר און בערד. די פּאָזעס זענען אומבאַוועגלעך, אַזוי ווי פון נישט־לעבעדיקע באַשעפענישן, דאָס זענען די „סאַדהוס״, די הייליקע אַסקעטן, וואָס האָבן זיך אַליין פאַרגליווערט אין אַ טויטן־צושטאַנד — נישט זיי בלינצן מיט די אויגן, נישט זיי באַוועגן זיך — נאָר זענען פאַרטראַכט אינעווייניק אין זיך אַליין.

דאָס איז אַ רעזולטאַט פון „זוכן דעם וועג צום אמת״, פון אָפּזאָגן זיך פון אַלע פאַרגעניגנס, פון טויטן דעם חומר, דאָס אייגענע פלייש. קאָנען זיי אַזוי זיצן טעג און נעכט און נישט אונטערגעבן זיך אַלע נאַטירלעכע מענטשלעכע באַדערפענישן.

און דאָ דערזע איך עפּעס גאָר אַ מאָדנע באַשעפעניש: עס שטייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, נאַקעט אין גאַנצן און אויסגעשמירט אין סאַזשע. עס רירט זיך נישט, ווי עס וואָלט געווען אַ פיגור פון האָלץ.

דאָס איז אַ „יאָגי״ — אַן אַסקעט, וואָס קאָן אַזוי אָפּשטיין אויפן קאָפּ מיט די פיס אין דער לופטן, אומבאַוועגלעך ביז דריי שעה. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון לאַנגיאָריקע איבונגען, וואָס שטאַרקן דעם כאַראַקטער און ווילן.

שאַ! און וואָס איז דאָס? אַ מאַן מיט אַ לייוונטענעם פּאַס אַרום די לענדן, מיט פאַרמאַכטע אויגן און עקזאַלטירטן פּנים, ווי ער וואָלט געהאַט אַ הימלישן פאַרגעניגן — ליגט אויסגעצויגן אויף אַ ברעט געדיכט אָנגעשטעקט מיט טשוועקעס, מיט הויכע שאַרפע טשוועקעס. איך האָב זיך נישט געפּוילט און אַ טאַפּ געטאָן אַזאַ טשוואָק: ער איז שאַרף און שטעכיק.

ווי אַזוי די טשוועקעס גייען נישט אַריין אין לייב טיף און ביז בלוט ווייס איך נישט. אָבער איך האָב דאָך געלייענט און געהערט וועגן די דאָזיקע „יאָגיס״־אַסקעטן, וואָס טויטן זייער פלייש און „פאַרפרירן״ זייער בלוט און פאַרוואַנדלען, דורך לאַנגע יאָרן פון איבן זיך, זייער קערפּער אין אַ מאַסע פון האָלץ אָדער שטיין. ווי אַזוי — ווייסן מיר נישט, און צו די סקעפּטיקער וואָלט איך נאָר קורץ געזאָגט: „אָט זעט איר דאָך!״...

אָבער דעם גרעסטן וווּנדער האָב איך געזען, ווען פון אונטער דער

ערד האָבן זיך געשאָקלט צוויי לאַנגע, ברוינע הענט. פריער האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַ געוויקס אַזאַ, וואָס דערמאָנט מענטשלעכע הענט, אָבער פון דער נאָענט דערוויסט מען זיך: דאָס האָט אַ „סאדאהו״ — אַן אַנדער אַסקעט־קונצנמאַכער — זיך געלאָזט באַגראָבן דורכן עולם, וואָס שטייט איצט אַרום, מיט פופצן מינוט צוריק.

דער קאָפּ און דער קערפּער זענען אין גאַנצן פאַרשאָטן, נאָר די הענט באַוועגן אין דער לופטן און שרעקן מאָדנע. הייסט מיך אָבער מיין באַגלייטער אַריינשטופּן איןביידע אָפענע הענט אַ פּאָר זילבערנע מטבעות, — פאַרמאַכן זיך תיכף די פינגער אין אַ „קולאַק״, כדי די מטבעות זאָלן נישט אַרויספאַלן. אַ סימן, אַז דער באַגראָבענער חברה־מאַן האַלט גוט קאָפּ, כאָטש ער זעט אונדז נישט און ער אָטעמט נישט ביז אַ האַלבע שעה. און אָט גראָבט מען אים אויס, און עס ציט זיך אויס פאַר אונדז אַ געוויקסיקער, דאַרער יונגערמאַן מיט אַ באָרד, פון וועלכער עס שיט זיך ערד.

אין אַן אַנדער אָרט טאַנצט דער המון צוזאַמען אַ מאָדנעם ווילדן טאַנץ. זיי שרייען אויס קוויטשענדיק עפּעס מאָדנע ווערטער.

הערט זיך צו צו זייערע קלאַנגען מיין געבילדעטער הינדוס אַנאַנד און לאַכט זיך פונאַנדער: „איר ווייסט וואָס זיי שרייען? ווערטער מיאוסע וואָס מען טאָר נישט דרוקן, אָבער זיי דריקן אויס די ערדישע סעקסועלע פרייד — די פרייד, וואָס איז פאַרבונדן מיטן דאָזיקן פרילינגס־יום־טוב. עס איז גוט וואָס איר פאַרשטייט נישט, וואָס זיי שרייען, מיר וואָלטן זיך ביידע געשעמט״.

אַנאַנד פירט מיך נאָך אַריין אין אַ בודיסטישן טעמפּל, נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין דורכגעשפּרייזט די עבודה־זרהס פון די הינדוסישע געטער.

שטייען מיר איצט ווידער אַ מאָל פאַר דער גאָלדענער, קיילעכדיקער פיגור, מיט די פיס אונטער זיך, פאַרן גרויסן שווייגנדיקן בודאַ. און איך ווייס אַזוי גוט, אַז בודאַ, וואָס האָט געפּרעדיקט נאָר אינערלעכע פערפעקציע און שלום מיטן גורל איז געווען אַ קעגנער פון אַלע אויסערלעכע אַטריבו׳טן פון די געצנדינערישע רעליגיעס, וועלכע ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַקעמפן.

האָט ער דאָך געפּרעדיקט דאָס, וואָס מיר רופן היינט אַטעיזם, איז פאַר וואָס האָבן די מיליאָנען בודיסטן פאַרוואַנדלט זיין גלויבן אין אַ קולט פון גאָלדענע געטשקעס, פון פויקן מיט גלאָקן, פון נאַקעטע טענצערינס, פון כוהנים־גדולים און פשוטע גלחים?

ד״ר חיים שאָשקעס

*

מיר זענען אַרויס פון בודאַ־טעמפּל און שוין געדאַרפט פאָרן צוריק אין שטאָט. פאַרהאַלט אונדז אָבער אַ יונגערמאַן מיט פייערדיקע אויגן און אַ קיילעכדיק שוואַרץ בערדל אַרום אײדעלן פּנים. ער זאָגט עפּעס אין בענגאַליש צו מיין באַגלייטער. דערקלערט מיר דער לעצטער, אַז דאָס איז אַ פאַקיר און ער קאָן מיר ענטפערן אויף פראַגעס, וועלכע אינטערעסירן מיך.

אַזוי ווי איך האָב שוין מיט פאַקירן געהאַט צו טאָן סיי אין קאַלקוטאַ און סיי אויף „טיימס סקווער" (דער גרעסטער פון זיי אין ניו־יאָרק איז אַ ייד פון שטעטל בוטשאַטש אין גאַליציע), האָב איך זיך נישט געוואָלט פאַרהאַלטן אויף אַ לענגערן סעאַנס. אָבער איין פראַגע האָט דאָך מיך געמאַטערט: וואָס איז געשריבן אין די בריוו וואָס ליגן פאַרמאַכט אין ציניאָוויטשעס פאָסט־קעסל און דער בעל־דבר מיטן שליסל איז גאָר אין פּערסיע?

פרעג איך די דאָזיקע שאלה דעם פאַקיר, וועלכער קוקט מיך אָן שאַרף און בריט מיט זיינע אומהיימלעכע אויגן. ער ענטפערט אין אַ גוטן ענגליש, האַלטנדיק מיינע הענט: „דאָרט איז פאַראַן אַ בריוו, אין וועלכן מען שרייבט איך, אַז איר זאָלט נ י ש ט פאַרזעצן אייער וייטערדיקן וועג, ווייל דאָס געשעפט וועט זיך נישט איינגעבן. פאָלגט אָבער נישט דעם דאָזיקן בריוו, פאָלגט מיך: פאָרט דירעקט קיין אויסטראַליע, ווי איר האָט פּלאַנירט און איר וועט יאָ האָבן אַ דערפאָלג"... אַ פּאַפּירל פון פינף אינדישע רופּיס איז געווען די דאַנקבאַרע תשובה פון מיר צום פאַקיר. איך האָב אים געטרויט און ע ר איז טאַקע געווען גערעכט...

ווי נאָר איך בין געקומען קיין אויסטראַליע און דאָרט מיט אַ פאַר־שפּעטיקונג דערהאַלטן די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ציניאָוויטש האָט מיר אַרויסגעשיקט פון באָמביי, איז דאָרט געווען, אויך אַ בריוו פון דער אינסטי־טוציע, וואָס האָט מיך דעלעגירט קיין אויסטראַליע. אין יענעם בריוו עצהט מען מיר נ י ש ט צו פאָרן קיין מעלבורן, ווייל דאָרט הייבט זיך אָן אַ ציוניסטישער קאַמפּיין און קיינער וועט קיין צייט נישט האָבן פאַר מיין מיסיע.

אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז די פירער פון דעם ציוניסטישן קאַמפּיין זענען אַליין געוואָרן די געטרייע מיטהעלפער פאַר מיין טעטיקייט אין

מעלבורן און סידניי, און אויך איך האָב זיי דערפאַר מיטגעהאָלפן אין דעם ישראל־קאַמפּיין. וואָלט איך אָבער דעם בריוו באַקומען אין באָמביי, וואָלט איך מסתם די רייזע קיין אויסטראַליע נישט געמאַכט. קומט, הייסט עס, דער קאָמפּלימענט פאַרן דערפאָלג, יענעם אומבאַקאַנטן פאַקיר אין באָמ־ביי, וואָס האָט מיט זיין „רוח הנבואה" געלעזן אַ פאַרמאַכטן בריוו אין ציגאַוויטשעס פּאָסט־קעסטל און געהייסן מיך טאָן פּונקט ווי דאָרט איז געשריבן.

*

נאָך דעם, ווי איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די „יאָגיס", „פאַקירן" און אַלערליי „נביאים" אויפן אינדזל לעבן באָמביי, בין איך געפאָרן זוכן די פּאָר אינדישע יידן, וועמעס אַדרעסן איך האָב געהאַט. דעם ערשטן פון זיי, מיינער אַ באַקאַנטער נאָך פון אַ מאָל — דעם זשורנאַליסט און גאַנדיס תלמיד מ. זשאַפּעט — האָב איך געטראָפן אין דער רעדאַקציע פון גרעסטן הינדוסישן זשורנאַל, וווּ ער איז מיטרעדאַקטאָר.

ער איז מיט מיר אַוועק אין אַ רואיקן רעסטאָראַן, וווּ מיר האָבן פאַר־בראַכט אַ פּאָר שעה.

ער וויזט מיר אַן אויסצוג פון זיינע צען ביכער, וואָס זענען ביז איצט דערשינען. איניקע „טיטלען" פון זיי זענען כאַראַקטעריסטיש: „דער אמת וועגן גאַנדי", „וואָס האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין לערער גאַנדי און דעם אינדישן קאָנגרעס", „יאָ, מיר וועלן ווידער שמייכלען", „לאָמיר זוכן דעם אמת", „די יידן פון אינדיע".

און פון זיינע גרויסע אויגן, וואָס זענען פאַרקוקט, סיי טיף אין אינ־דיעס פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, און סיי אויף די לעגענדאַרע וועגן פון די צוויי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע דאָ, בליצט מיט פייער, ווען ער רעדט וועגן דעם פאַרבאָט, וואָס איניקע איראַקישע רבנים אין ישראל האָבן אַרויסגעגעבן, אַז מען זאָל נישט דערלויבן יידישע חתונות מיט די „בני־ישראל" (אַ פאַרבאָט וואָס איז איצט שוין אָפּגעשאַפט דורך הרב ניסים).

ער זאָגט: און ווער האָט דאָס געטאָן? רבנים פון באַגדאַד, וואָס האָבן מסתם פאַרגעסן, אַז דווקא אַ גרויסער ייד פון באַגדאַד, ר' דוד רחבי, איז דאָס געווען דער, וואָס האָט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק פאַרבלאָנדזשעט קיין אינדיע און פּלוצלינג אַנטדעקט, אַז ער געפינט זיך אין אַ שטאָט (אין

דער געגנט פון קאָטשין), ווו עס וווינען „מאָדנע הינדוסן״, אַזעלכע, וואָס רעדן אַרויס אין העברעאיש דעם „שמע ישראל״, וואָס פייערן פסח און אַנדערע ימים־טובים (אָבער נישט חנוכה), קיין פלייש עסן זיי טאַקע נישט, ווי אַלע הינדוסן, אָבער דוד רחבי האָט געמאַכט פאַלגנדיקע פּראָבע: ער האָט געקויפט אויפן מאַרק פאַרשידענע פיש, כשרע און טריפהנע, און געבעטן אַ פרוי, ווו ער האָט געוווינט, זיי אָפּקאָכן פאַר אים. האָט ער מיט באַוווּנדערונג געזען, ווי די פרוי קלייבט אויס אָן וואַקלעניש די כשרע פיש, און וואַרפט אָפּ די טריפהנע. זי דערקלערט אים: „מיר באַנוצן נאָר פיש, וואָס פאַרמאָגן שופּן און פליגל (סנפיר וקשקשת), אַזוי ווי אונדזערע מאַמעס האָבן אונדז געלערנט״. דאָן איז שוין פאַר רחבי קיין ספק נישט געווען, אַז די מענטשן אַרום אים זענען פון יידישן גלויבן. האָט ער זיך געווידמעט איבערצוגעבן דער דאָזיקער קהילה אַלע דינים און מנהגים, וואָס זענען אָנגענומען אין בבל. עס האָט געדויערט יאָרן, ווען די אויסטערלישע קהילה, וואָס האָט זיך שוין דאַן גערופן „בני־ישראל״ האָט אָנגענומען דעם קאָדעקס פון אַ רעגולערער יידישער געמיינשאַפט.

דאָס איז פאָרגעקומען מיט אַן ערך דריי הונדערט יאָר צוריק. מען ווייזט נאָך איצט אָן רחביס קבר אין דער געגנט פון סאַרול, לעבן אַליבאַג.

דזשאַפּעט דערציילט אויך וועגן ספּעציעלן „עטיקעט״, וואָס איז אָנגענומען ביי די פרויען פון די „בני־ישראל״, וואָס איז אין געוויסע פאַלן ענלעך צו די זעלבע מנהגים ביי די הינדוסישע פרויען.

זיי זיצן שטענדיק באַזונדער פון די מענער. זיי לאָזן נישט אַריין אין שטוב אַפילו אַ נאָענטן קרוב, אַ זכר, אויב דער מאַן איז דערביי נישטאָ. זיי וועלן זיך נישט זעצן ביים טיש, ביי וועלכן עס זיצט אַ פרוי, וואָס איז פאַררעכנט אַלס קעפּס־ווייב. זיי גייען נישט אין טעאַטער אדג״ל.

אַ ספּעציעלער מנהג אָבער איז פאַראַן אין יידישע משפחות, וואָס מיר זעען נישט ביי די הינדוסן: ווען דער חתן נעמט זיין כלה גלייך נאָך דער חופּה אין אַ באַזונדער צימער אַריין, ווערט דאָס פּאָרל באַגעגנט אויפן שוועל פון צימער דורכן ברודער אָדער שוועסטער. דאָס פּאָרל מוז פאַרמעל צוזאָגן, אַז די קינדער, וואָס וועלן אַרויסקומען פון זיי, דאַרפן התונה האָבן מיט די קינדער פון ברודער אָדער שוועסטער. דאָס פּאָרל זאָגט דאָס געוויינלעך צו טיף פאַרשעמטערהייט...

און לידער זינגען איצט די „בני־ישראל״, ווו עס רעדט זיך, אַז די וואַסערן פון צוויי הייליקע טייכן, ירדן און גאַנגעס, וועלן זיך צונויפמישן אין „רעליגיע און קולטור״.

די פינף טויזנט נפשות פון „בני־ישראל״, וואָס האָבן זיך אין די לעצטע צוועלף יאָר באַזעצט אין מדינת ישראל, היטן נאָך אָפּ שטאַרק און מיט אייפער די טראַדיציעס, וואָס האָבן זיך מיסטעריעז און דיכטע־ריש געצויגן און געפלאָכטן צווישן פאַרנעפּלטן עבר פון אַמאָליקן לאַנד יהודה מיט די הינדוסישע גלגולים, וועלכע זיי האָבן איינגעזאַפּט אין משך פון צוויי טויזנט־יאָריקן צוזאַמענלעבן.

נאָך דעם גיי איך צום פירער פון די באַגדאַדישע יידן אין באָמביי שרי (מר.) יוסף עזרא. אין גאַנצן באַשטייט די דאָזיקע קהילה פון אַרום זיבעצן הונדערט נפשות. זיי האָבן צוויי סינאַגאָגעס, אָבער, נישט קיין רב. דאָס איז דער פאַרמעגלעכער און אין געוויסע הינזיכטן מער ציוויליזירטער טייל פון אינדישן יידנטום.

מר. יוסף עזרא איז נישט לאַנג צוריק פאַרבעטן געוואָרן אָפיציעל דורך דער ישראל־רעגירונג צו קומען באַזוכן דאָס לאַנד.

ער גיט מיר מיט אַ באַאַמטן פון זיין געמיינדע ער זאָל מיך אַוועק־פירן אין פּאַרעל, אין דעם טייל פון באָמביי, ווו עס וווינען די „בני־ישראל״. מיר גייען דורך אָרעמע גאַסן, ווו עס וווינט אַ מיליאָן נישט דערנערטע און נישט אין גאַנצן באַקליידטע הינדוסן. דאָרט קומען מיר אין דער דירה פון אַ מערקווירדיקן יידן, שלום אברהם, אַ מענטש, אַ הויכער, אַ דיקער, אין די אַכציקער, וואָס איז געווען יאָרן לאַנג דער דירעקטאָר פון דער „סער דזשייקאָב סאַסאָן הייסקול״ פאַר די „בני־ישראל״.

אָט דער שלום אברהם שרייבט איצט אַן אָפּהאַנדלונג, אין וועלכער ער פּרובירט צו דערווייזן, אַז די טויזנטער פון די „בני־ישראל״, וואָס וווינען אין דאָזיקן קוואַרטאַל, שטאַמען דירעקט פון די „עשרת השבטים״. שלום אברהם איז אַ געבילדעטער מענטש, ער קען גוט אַלגעמיינע און יידישע געשיכטע. איך האָב אים פּרובירט איבערצייגן, אַז אַ יחוס פון מער ווי צוויי טויזנט יאָר, מיט וועלכן עס באַרימען זיך די „בני־ישראל״ איז אויך אימפּאָזאַנט, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזן, ער וויל דערווייזן דער וועלט. אַז זיין „מעטריקע״ איז מיט פינף הונדערט יאָר עלטער.

— — — — — — — — — — — — —

איצט וויל איך ציטירן עטלעכע אויסצוגן פון „מאַכאַראַדזשאַ״ צ. צינאָוויטשעס בריוו, וואָס ער האָט צו מיר געשריבן נאָך זיין אָנקומען קיין באָמביי.

„...וואָס פאַר אַ שאָד, וואָס איך בין גראָד נישט געווען אין באָמביי. ווען איר זענט דאָרט געווען. איך וואָלט אייך פאָרגעשטעלט פאַרן גאָווער־נאָר און פאַרן פּרעזידענט פון די שרייבער און זשורנאַליסטן, וועלכער איז אַ פּערזענלעכער פריינד פון נערו און אויך פון מיר... ער האָט לעצטנס געהאַט אַ רעפּעראַט אונטער מיין פּאָרזיץ, אין וועלכן ער האָט שטאַרק קריטיקירט די אינדישע רעגירונג פאַר איר קאַלטער באַציונג צו מדינת ישראל. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז אונדזער קליינע קהילה דאָ איז אַזוי שטאַרק קאָמפּליצירט — עטנאָגראַפיש, פּסיכאָלאָגיש — אַט אַזוי ווי גאַנץ אַזיע איז קאָמפּליצירט... דאַרף איך דעריבער געַנוג מי אַריינלייגן, כדי צו האַלטן די „לייצעס״ אין די הענט...

„מיר דערנענטערן זיך צו פּאַרלאַמענט־וואַלן. עס ווערט אַלץ היי־סער. עס באַקעמפן זיך נערוס פּאַרטיי און זיינע איצט שטאַרקע קעגנער. פאַרגעסט נישט, אַז אין אינדיע גייען צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן צו די וואַלן. איז דאָך דאָס די גרעסטע דעמאָקראַטיע אויסער... כינע.

„איך אַליין זיץ נישט מיט פאַרלייגטע הענט. ווי זאָגט יענער ייד: שעקספּיר איז געשטאָרבן, טשעסטערטאָן איז קראַנק — מוז דאָך עמיצער זיין, וואָס עס זאָל זיך מיט דער מענטשהייט פאַרנעמען.

„אַט האָב איך געהאַט אַ רייע געשפּרעכן מיט אונדזער טשיף־מיניס־טער און גאָווערנאָר. איך האָב זיי ביידע באַקענט מיטן אייכמאַן־פּראָצעס און פאַר איין וועגס — מיט דער „שנאה־קאַטאַסטראָפע״, וואָס איז באַפאַלן דאָס יידישע פאָלק — זאַכן, וועלכע זיי ווייסן נישט קלאָר. איך האָב אויך פּרובירט זיי צו באַווייזן, אַז מען דאַרף נאָמינירן כאָטש עטלעכע יידן אויף רעפּרעזענטאַטיווע מלוכה־פּלעצער. די יידישע קהילה האָט אַזאַ צעטל צוזאַמענגעשטעלט, און מיין נאָמען פיגורירט דאָרט אויפן ערשטן אָרט...

„און וואָס זאָגט איר דערויף, אַז דאָ זענען פאַראַן קרייזן, וואָס ווילן מיך נאָמינירן אַלס שעריף פון באָמביי — דאָס הייסט אַלס פּרעזידענט פון איינער פון די גרעסטע שטעט אין דער וועלט?

„איך שלאָף און מיין האַרץ וואַכט (אני ישנה ולבי ער...) אַ שפּאַס, אַזאַ כבוד, אַ מין שאול וואָל, דער מלך פון פּוילן אויף איין נאַכט...

„...מיין פריינד קריפּאַלאַני, נערוס אַ חבר און גאַנדיס אַ תלמיד, קאַנדידירט קעגן קרישנאַ מענאַן. ער איז אַ באַקאַנטער דעמאָקראַט און באַקעמפט איצט די קאָנגרעס־פּאַרטיי, כאָטש מיט יאָרן צוריק איז ער

געווען דער פּרעזידענט פון קאָנגרעס, אַ סימן, אַז אינדיע קוקט אַרויס אויף נייע פירער פון אַן אַנדערן שניט ווי מענאָן, וועלכן מען האָט פיינט ביי אייך און נישט שטאַרק ליב ביי אונדז".

צ. ציניאָוויטשעס בריוו גיט אַ צוגאָב־באַלייכטונג צו דער לאַגע אין אינדיע און איז דעריבער זייער אינטערעסאַנט.

און אויך אַ צווייטער בריוו ליגט פאַר מיר, פון דעם פירער פון די „בני־ישראל" אין ניו־דעלהי, אַ הויכער באַאַמטער אין דעם טראַנס־פּאָרט־מיניסטעריום.

ער האָט באַקומען אין ענגליש מיינע באַמערקונגען וועגן די „בני־ישראל", שרייבט ער צווישן אַנדערן:

„איך דאַנק אייך פאַר די אינטערעסאַנטע און אַזוי אינפאָרמאַטיווע באַמערקונגען וועגן אונדז. זיי האָבן מיך דערפרישט גראָד איצט, ווען עפּעס אַ באַגרענעצטער אין שכל, אַזוי גערופענער רעליגיעזער באַגדאַדער אויטאָריטעט אין ישראל, איז געווען איגנאָראַנט צו באַצייכענען אונדז, די „בני־ישראל", אַלס טמאים... איך בין גליקלעך, וואָס דער הויפּט־רב פון ישראל, הרב ניסים, האָט די דאָזיקע גזירה אָפּגעשאַפט".

מייַנע באַגעגענישן אין ציילאָן

ענדלעך האָב איך דערגרייכט ציילאָן, דעם כישוף־אינדזל, דעם עקזאָ־טישן חלום פון די אַלע, וואָס זענען אַ ביסל באַקאַנט מיט דער היסטאָ־ריאָגראַפיע פון אונדזער פּלאַנעט.

עפּעס אַזוי ווי אַ לויכטנדיקן דימענט האָט דער באַשעפער אַ וואָרף געטאָן אין ווינקל פון אינדישן אָקעאַן, וואָס גרענעצט זיך מיט די וואַסערן פון אַראַבישן ים, און באַשאָנקען דאָס דאָזיקע שטיקעלע יבשה מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן, מיט געוויקסן, מענטשן און חיות, וואָס פאַרכאַפּן אונדזער אויג און אָטעם.

איך האָב גאָרנישט באַוויזן אַלץ צו זען און איינזאַפּן אין זיך. אָבער אַפילו בלויז די פאַר טעג וואָס איך האָב באַרייזט דעם אינדזל, האָבן איבערגעלאָזן אַ שמייכל פון באַוווּנדערונג אין מיין נשמה און ער שוועבט נאָך איצט אויף מיינע ליפּן. ווען איך שרייב וועגן דעם דערמאָן איך זיך דאָס דורכגעלעבטע און געזעענע.

צוויי באַרימטע מלוכה־מענער, נישט קיין דיכטער: לאַיד דזשאָרזש, דער געוועזענער פּרעמיער פון ענגלאַנד, און דער „טיגער״ קלעמאַנסאָ, פּרעמיער פון פראַנקרייך, האָבן אין זייערע מעמואַרן כאַראַקטעריזירט די שיינקייט פון ציילאָן. לאַיד דזשאָרזש שרייבט: „...איך האָב זיך מיט שוועריקייטן אָפּגעריסן פון דיר, ציילאָן. האָב איך דאָך באַזוכט אַלע וועלט־טיילן, אָבער איך קאָן זיך נישט דערמאָנען אַ פּלאַץ, וואָס איז גלייך צו דיר, צו דער גרינקייט פון דיינע טאָלן, צו דעם כישוף פון דיינע טעמפּלען און צו דער צאַרטקייט פון דיינע מענטשן...״

און קלעמאַנסאָ, נאָך דעם ווי ער האָט באַזוכט די שטאָט פון טעמפּלען און קינסטלעכע קאַנאַלן, קענדי, שרייבט: „קענדי! יאָ, דאָס איז דער פּלאַץ, ווו איך וואָלט געוואָלט שטאַרבן און רוען דאָ אויף אייביק. דאָס איז אויך דאָס אָרט, ווו איך וואָלט געוואָלט מיינע יאָרן אויסלעבן, ווען מיינע לעבנס־קאַמפן וועלן זיך איינשטילן, ווען די שטורעמס וועלן זיין פאַרביי, צו לעבן דאָ אין דער אַרומיקער פּראַכט און אַזוי לאַנגזאַם זיך אַריינגליטשן אין דער אייביקייט״.

שיער, שיער איז דאָך גאָר אויף מיר אַליין מקוים געוואָרן דער דאָזיקער ווונטש פון קלעמאַנסאָ: שטאַרבן אויפן אינדזל ציילאָן. איז דאָך מיין אַעראָפּלאַן, וואָס האָט געזאָלט אַ ברענענדיקער אַריינפאַלן אין ים, מיט ניסים גרויסע דערפלויגן ביז דעם לופטפּאָרט פון דער הויפּטשטאָט קאָלאָמבאָ, דאָרט געקראַכט אויף זיין „בויך״ און פון די אינגעווייידן האָט מען אונדז, אַלע פּאַסאַזשירן, אַרויסגעטראָגן און אין אַמבולאַנסן צעפירט, וועמען אין האָטעל און וועמען אין שפּיטאָל. ווען איך בין דאַן געזעסן אַ צוגעבונדענער צום פּלאַץ מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, דער־וואַרטנדיק דעם סוף פון מיין „לעבנס־רייזע״, האָב איך נישט געוווּסט, אַז אין ציילאָן געפינט זיך דער לעגענדאַרער „גן־עדן־התחתון״, דער ערדי־שער גן־עדן, פון וואַנען מען האָט אַרויסגעטריבן אדם מיט חוהן; אַז נישט וויט פון אָט דעם דאָזיקן גאָרטן, וועלכן איך האָב באַזוכט, הייבט זיך אויף אַ באַרג, וועלכער ווערט דאָ גערופן „אדמס שפּיץ״ („אַדאַם פּיעק״). אויף וועמענס זייטן מען געפינט די אָפּצייכענונגען פון ריזיקע פיס. דאָס זענען, פאַרשטייט איר מיך, די איבערבלייבענישן פון אדמס טריט אין זיין אומעטיקן גאַנג פון גן־עדן אין גלות — אָט אויף דעם באַרג, ווו ער האָט אויסגעלעבט זיין ביסל יאָרן — זיינע ניין הונדערט און דרייסיק יאָר.

דאָס אַלץ האָב איך זיך דערוווּסט שפּעטער, אין צימער פון לוקסוס־

האָטעל גאַל־פּייס, ווו די רעגירונג האָט איינגעקוואַרטירט די פּאַסאַזשירן פון צעבראָכענעם אַעראָפּלאַן. דאָ האָב איך גערוט אַ טאָג און געזעסן דורכן פענצטער, ווי די שטורמישע כוואַליעס קלאַפּן זיך אָן אין די ווענט פון האָטעל; ווי אַ קייט פון פאַנטאַסטיש־גריגע בערג שלענגלען זיך אויפן האָריזאָנט, און ווי טראָפּישע געוויקסן פון אַלע מינים און קאָלירן ציען זיך אומענדלעך אין ווייטן אומבאַוווסטזיין. דאָ האָב איך אויך געלייענט וועגן אינדזל ציילאָן אין ביכער און אין די טעגלעכע צייטונגען. אין ביכער האָט זיך די געשיכטע אָנגעהויבן מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, ווען דער אינדישער פּרינץ וויכאַיאַ האָט מיט אַ באַנדע אַריער חיילות געמאַכט אַן אינוואַזיע אויפן אינדזל און געהערשט דאָ מער ווי צוויי טויזנט יאָר. דאָס זענען געווען יענע אַ ר י ע ר, פון וועלכע היטלער האָט זיי ממזרישן יחוס געצויגן — אומבאַרעכטיקט און אומפאַרדינטערהייט.

און אין די צייטונגען האָב איך געלייענט ווי אַזוי אין פּאַרלאַמענט איז גראַד נעכטן געקומען צו אַ געשלעג צווישן דער מערהייט, די פאָרשטייערס פון סינגאַלעזער (טאַקע די אָפּשטאַמונג פון ריינע אַריער) און די טאַמילן, די אָפּשטאַמיקע פון אינדיער, וואָס האָבן זיך מיט פיל יאָרן צוריק אַריינגעריסן אין ציילאָן, אַ קאַמף וואָס ציט זיך פון גרויען אַלטערטום ביזן היינטיקן טאָג. איך האָב זיך אויך אויסגעלערנט שאַרף און דייטלעך אַרויסצורעדן דעם נאָמען פון דער דאַמע, דער פּרעמיער־מיניסטאָרשע פון ציילאָן, מרס. באַנדאַראַנאַיקאַ, וועלכע האָט איבערגענומען דעם אַמט פון פּרעמיער, נאָך דעם ווי איר מאַן איז דערשאָסן געוואָרן. איך האָב זיך געקליבן זי צו זען און איך האָב נישט געוואָלט זיין אין דער לאַגע פון יענעם קאַנדידאַט פאַר אַן אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, וואָס האָט נישט געוווסט צו ענטפערן פאַרן סענאַט אין וואַשינגטאָן טאַקע אָט דעם נאָמען פון פירער פון לאַנד, וווהין ער איז באַשטימט געוואָרן צו ווערן דער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייער.

און שוין בין איך אין ציילאָנס הויפּטשטאָט, קאָלאָמבאָ, און עס שווינדלט פאַר די אויגן פון געמיש פון מענטשן־ראַסן: די שאָקאָלאַדפאַרביקע סינגאַלעזער, ברייטפּלייציקע כינעזער, ברוינע מורן, פאַרחלומטע אינדיאַנער, שאַרף־אויגיקע טאַמילער און אייראָפּעער פון אַלע מינים: ענגלענדער, פראַנצויזן, גריכן, האָלענדער.

און, שאַ, אָט שטייגט אַרויס פון אַ גרויסן אויטאָבוס אַ גרופּע אַמעריקאַנער מיט היימישע פּנימער. איר קאָנט אין זיי דערקענען אָפּשטאַמיקע

פון אַמאָליקע שטעטלעך פון פּוילן, ליטע, אוקראַינע, דאָס זענען עלטערע מענטשן, וואָס פילן איצט אָן, אַלס טוריסטן, די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער וועלט. זיי וווינען טאַקע אין מיין האָטעל. צערעדן מיר זיך, דערוויס איך זיך, אַז זיי זענען אַ געשלאָסענע גרופּע פון קאַליפאָרניע, וואָס באַרייזן די וועלט, גבירים, וועלכע האָבן איינגעצאָלט צו דריי טויזנט דאָלאַר, און פאַר דעם פּרייז זעען זיי יאַפּאַן און ציילאָן, סיאַם און אינדיע. זיי דערגענצן די בילדונג, וואָס מען האָט נישט געקאָנט דערגרייכן אין שטעטל און שפּעטער, אין די אויסגעהאָרעוועטע יאָרן — אין קאָלומבוסעס מדינה.

אין גאַס שלעפּן זיך ריקשעס, געשפּאַנטע מיט מענטשן און אויך בוידן מיט סחורות, געשלעפּט פון אָקסן מיט ווילד־צעוואַקסענע אויס־טערלישע הערנער. גייט אַ העלפאַנט אין מיטן גאַס און טראָגט אין זיין שנאָבל אַ שווערן קלאָץ. דאָס פאַרדינט ער דאָס טעגלעכע ברויט פאַר זיין אַלטן אָנטרייבער אין אַ שפּיציקן שטרויענעם הוט, וועמענס אייגנטום דער העלפאַנט איז.

און דאָ אין טייכל באָדן זיך העלפאַנטן, גרויסע און קליינע, אַזעלכע פריילעכע און שפּילעוודיקע, ווי קינדער: זיי שיסן דורך די נאָזלעכער פאָנטאַנעס וואַסער און לאָזן הערן זייער קול, אַ קלאַנג ווי פון אַ פאַר־דעמפּטן שופר. איך האָב קיין מאָל נישט געהערט דאָס דאָזיקע קול פון אַ העלפאַנט. ווייזט אויס, אַז דאָ, אין זיין פאָטערלאַנד, איז דאָס איינציקע אָרט, ווו ער פילט זיך פריי און גלייכבאַרעכטיקט. פאַרשעם איך זיך, ווען איך דערמאָן זיך, אַז מיט יאָרן צוריק האָב איך אָנטיילגענומען מיט אַ ביקס אין האַנט, אין קאָנגאָ, אויף דער גרענעץ פון ראָדעזיע, אין אַ יאַגד, ווו מען האָט געשאָסן העלפאַנטן...

*

דער דירעקטאָר פון דער מלוכהשער טוריסטן־ביוראָ, נאָך דעם ווי ער קוקט דורך מיינע „רעקאָמענדאַציע־פּאַפּירלעך״, פאַרבעט מיך צו זיין דער גאַסט פון ציילאָן אויף עטלעכע טעג. ער אַליין פירט מיך מיט זיין אויטאָמאָביל פון קאָלאָמבאָ צו דער צענטראַלער הייליקער שטאָט קענדי, אַ מהלך פון מער ווי הונדערט מייל. ער נעמט אויך אַריין אין דער זעלבער מאַשין זיין פרוי און צוויי קליינע יינגעלעך: זאָלן זיי אויך געניסן פון די ברכות, וואָס דער וווּנדערבאַרער בודאָ וועט אונדז אַלעמען געבן

אין דעם טעמפּל — דער איינציקער אין דער וועלט, ווו עס רוט דער באַרימטער צאָן פון גרויסן בודאַס מויל. אייגנטלעך ווייזט מען דעם צאָן נאָר צוויי מאָל אַ יאָר, אָבער עס איז מעגלעך, עס איז זייער מעגלעך, אַז ער, רופאַ פיאַנקאַראַ, וועט פועלן מען זאָל עפענען כאָטש אַ שפּאַרונקעלע אין גאָלדענעם „הייליקן אָרון" און מיר וועלן זען דעם צאָן. איך קאָן דאָן אויסבעטן וואָס איך וויל נאָר ביי די הימלען. און ער אַליין דאַרף אויך עפּעס בעטן פאַר זיך, פאַר זיין משפּחה.

פאָרן מיר איבער וועגן, וואָס טרינקען זיך אין פּאַלמען־ביימער, ביי די זייטן — די געדיכטע מיט בלומען באַשפּרענקלטע טיי־פּלאַנטאַציעס. מיר אַלע, אין אונדזערע קינדער־יאָרן, האָבן געזען די בלעכענע פּושקעס מיט ציילאָנער טיי, מיט די בילדער פון מאָדנע „מענטשעלעך" אין פאַרבי־קע קימאָנאָס מיט שפּיציקע שטרויענע קאַפּעלושן, מיט לאַנגע וואָנצעס, וואָס קלייבן טיי אויף די פעלדער. און איצט זע איך, ווי זיי זענען אַראָפּ־געקראָכן פון די בלעכענע פּושקעס און אַרבעטן טאַקע אויף די פּלאַנטאַ־ציעס. פון איין זייט זע איך, ווי אַ קלאָר וואַסער שפּריצט אויפן פעלד. און פון דער אַנדערער זייט שווימט אַראָפּ דאָס זעלביקע וואַסער שוין געלב־לעך: אויב איר ווילט, קאָנט איר אין געלבלעכן וואַסער שוין איצט גע־פינען דעם געשמאַק פון טיי — אַ „מיליאָן" גלעזער טיי, וועלכע מען קאָן „פאַרצוקערן" מיט די צוקער־שטאַנגען, וואָס וואַקסן אויפן שכנותדיקן פעלד. „אָט אַזוי טרינקט דער קיסר טיי", ער לייגט זיך אַוועק אויפן פעלד, זופּט דאָס געלע וואַסער און פאַרזיסט עס מיט אַ „היטל" צוקער...

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי אַ בודקע, ווו מיר ווילן טאַקע טרינקען אַן אמתדיק גלאָז הייסע טיי.

באַדינט אונדז עפּעס אַ מאָדנע באַשעפעניש, איינגעוויקלט אין אַ ווייס, לאַנג קלייד, מיט אַ קאָפּ גרויע האָר פאַרבונדן אין אַ קנופּ פון הינטן, מיט אַ ברוין, צעקנייטשט גלאַט פּנים. איך ווייס נאָך אַלץ נישט, צי דאָס איז אַ זכר צי אַ נקבה, ביז מען זאָגט מיר, אַז דאָס איז אַ מאַנספּאַרשוין אַזאַ, אַז אַזוי קליידן זיך דאָ עלטערע סינגאַלעזער לייט.

מיר פּלאַנעווען אַריינצופאָרן אין דער שטאָט קענדי פאַרנאַכט, כדי צו באַוויזן צו זיין איך באַרימטן בודאַ־טעמפּל מיטן צאָן פון „דערלייזער".

אָבער פיאַנקאַראַ וויל נאָך מיך אַריינפירן אין יענעם כישוף־גאָרטן, וואָס מען רופט דאָ „גן־עדן" און פון וואַנען, בעוונותינו הרבים, אונדזערע אורעלטערן, אָדם און חוה, זענען אַרויסגעיאָגט געוואָרן.

גייט פּאָר אונדז אַ פּראָצעסיע מיט בודיסטישע מאָנאַכן, אין זייערע געלע תכריכים איינגעוויקלט, ליילעכער אַזעלכע, וואָס פּאַכען אין דער לופט, און שוין מיט דעם אַליין יאָגן זיי אַוועק די בייזע גייסטער.

אָבער מיר לאָזן זיי הינטן און מיר פאָרן אַריין אין אַ געדיכטן וואַלד, אַזאַ, וועלכן איך האָב קיין מאָל נישט געזען. אַלץ איז צעמישט: פּאַלמען און עקאַליפּסן, גומי־ביימער און ביימער מיט באַנאַנען. און עס וואַלגערן זיך דאָ אַנאַנאַסן, און עס הוידען זיך ווי שפּיצן צימערינג־בלעטער אין שכנות מיט געוויקסן, אויף וועלכע עס וואַקסט פעפער, און עס שמעקט מיט שאַרפע געווירצן, מיט בשמים, וואָס מיין זיידע פלעגט מיר צוטראָגן צו דער נאָז בעתן „הבדלה״־מאַכן.

שמייכלט פיאַנקאַראַ: „איצט זענען מיר אין ערדישן גן־עדן. ווילט איר עפּעס טרינקען, עפּעס עסן? אַלץ וואַקסט דאָ, איר דאַרפט קיין זאַך נישט קויפן, דאָ דאַרפט איר נישט האָרעווען אויפן שטיקל ברויט — דאָ גיט אייך דער אייבערשטער אַלץ אומזיסט...״

וויל איך טרינקען. רייסט מען אַראָפּ אַ גרינעם, האַרטן קאָקאָס־נוס, מען שניידט אים אויף מיט אַ ברייט מעסער און מען דערלאַנגט עס מיר: קילע, ווייסע מילך און עס שמעקט מיט בשמים.

און דאָ אויף דעם בוים וואַקסט „ברויט״ און די פּירות זעען אויס ווי גרינע „לאַבנס״. פאַרזוך איך אַ פּענעץ און עס איז מעליק און באַטעמט. אויב מען באַשיט דאָס מיט פעפער און צימערינג, קאָן מען גאַנץ פיין שטילן דעם אַפּעטיט. צערייב איך בלעטלעך פון שכנותדיקן בוים און די הענט שמעקן מיט צימערינג, און גלייך דערלעבן געפינען זיך בלעטלעך פון פיינעם פעפער. ניס, גרויסע ווי עפּל, פאַלן פון אַנדערע ביימער און גראָז מיט לימאָן־זאַפט וואַקסט דאָ אונטער די פיס.

פאַרשטייט איר שוין, וואָס חוה האָט דאָ אָפּגעטאָן, ווען זי האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פון אַ שלאַנג און געברענגט אויף אונדז אַלעמען די צרה פון „מיטן שוויס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט״...

טאָמער, חלילה, עסט זיך עמעצער איבער מיט אַלע גוטע זאַכן, וואַקסט דאָ אויך דער בוים פון ריצינאייל, זיין קאָרע טריפט מיט בוימל. נעם, לעק און האָב אַ רפואה שלימה...

דעם „עץ הדעת״ אָבער האָב איך דאָ נישט געזען...

אויף דער דאָזיקער באַמערקונג ענטפערט מיין באַגלייטער: „דער בוים פון וויסן איז אַריבער צום גרויסן בודאַ, מיר וועלן היינט זיין דאָרטן,

ווו ער אַליין האָט אים איינגעפלאַנצט: אין בודאַס טעמפּל. איך דערוואַרטן טיפע איבערלעבענישן״.

פון דער וויטנס שיינט מאָדנע אין דער פאַרגייענדיקער זון דער שפּיץ־באַרג מיט די סימנים פון די שריט פון אָדם הראשון.

*

נאָכן אַרויספּאָרן פונעם „גן־עדן־התחתון״, האָב איך זיך אָנגעהויבן גרייטן אויף טועם זיין פון „עץ־הדעת״, דעם בוים פון וויסן. דער דאָזיקער בוים, אין דער פאָרם פון טיפּער, הומאַניטאַרער לערע, וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען בודיזם, איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן דורכן יונגן פּרינץ גאָטאַמאַ בודאַ מיט צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק, אין די טעמפּלען זיינע, וואָס רינגלען אַרום דעם ערד־קיילעך מיט הונדערטער מיליאָנען גלויביקע. אָבער דאָס וויגעלע פון בודיזם מיט די אָריגינעלע שריפטן פון איר שעפער געפינט זיך אין ציילאָן, אין דעם פּאַלאַץ וואָס הייסט „דער טעמפּל פון צאָן״, ווייל דאָרט געפינט זיך דאָס איינציקע ערדישע רעשטל פון דעם פּראָפעטישן פּרינץ בודאַ — זיין באַק־צאָן, וועלכן מען ווייזט נאָר איין מאָל אין יאָר און מיט אויסנאָמען — אין די נעכט ווען עס שיינט די פולע לבנה — פאַר וויכטיקע געסט פון אויסלאַנד.

היינט איז גראָד אַ נאַכט, ווען די גאַנצע לבנה שפּאַצירט אויף אַ סאַפּיר־הימל און באַלייכט אַ פאַנטאַסטישן פּייזאַזש, וואָס פאַרשיכורט מיט אַ שיינקייט, צו וועלכער איך געפין גאָר נישט קיין גלייכן. איך שטיי אויפן באַלקאָן פון גאַסטהויז, ווו מיר זענען פאַרפאָרן. דאָס הויז איז איינ־געגראָבן אין אַ שפּאַלט פון אַ טונקל גרינעם באַרג און דער באַלקאָן הענגט איבער אַן אָפּגרונט. דאָרט, ווייט אונטן, איז אַ בלוי וואַסער, אַ קינסטלעכע אָזערע, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך די גאָלדענע לבנה, וואָס שווימט איבערן הימל, און זי באַלויכט אַ קאַראַהאַד מיט העלפאַנטן, וואָס באָדן זיך איינגעקלאַמערט איינער אין צווייטן מיט די לאַנגע שנאָבלען; און זי באַלייכט אויך מאַסיווע טורעמס מיט גאָלדענע דעכער, — בודאַס טעמפּל, — פון וועלכן עס דערטראָגן זיך צו אונדז מעלאָדישע קלאַנגען פון פלייטן און גלעקלעך.

מיין באַגלייטער פּיאַנקאַראַ זאָגט מיר, אַז מיר הייבן באַלד אָן אונדזער גאַנג צום טעמפּל און עס איז גוט, אַז איך זאָל זיך קאָנצענטרירן איצט אויף די געדאַנקען פון תשובה: דאָס וועט מיר העלפן פאַרשטיין די אַט־

מאָספער, וואָס מיר וועלן דערפילן אין בודאָס גרעסטן הייליקטום. באַלד גייט אויך אַרויס פון צימער זיין ווייב מיט די צוויי יונגע ייִנגלעך. אַלע האָבן זיי דעם אויסזען פון אַ פרומער משפחה, וואָס פלעגט אין אַמאָליקע יאָרן שפּרייזן איבער די גאַסן פון שטעטל פאַרנאַכט צו כל־נדרי.

זייער שטימונג גייט זיך מיר איבער: נישט קיין טוריסטן זענען מיר מער, נאָר פּילגרימען.

די קאַנאַלן ביי דער זייט פון וועג שיינען מיט אַ פאָספאָרישן ליכט. וואָס נידעריקער מיר לאָזן זיך אַראָפּ, אַלץ העכער ווערן די קלאַנגען פון פּלייטן, וואָס פייפן אַזוי אומעטיק־בעטנדיק. דערנאָך דערהערן זיך טעמפּע קלעפּ פון פּויקן. און אָט זענען מיר אין האָל פון טעמפּל און מיר וואַרפן אַראָפּ די שיך פון די פיס. דאַרע נזירים אין געלע ליילעכער איינגעוויקלט, פאָכען אויף אונדז, כדי די בייזע גייסטער זאָלן פאַרשווינדן. דער גאַנצער האָל איז אויסגעפילט מיט בלומען־טעפּ, אין וועלכע עס וואַקסן טובעראָזן, וואָס פאַרשיכורן מיט זייער דופט, ווי שטאַרקער וויין. מיינע באַגלייטער קויפן יעדער אַ טעפּעלע מיט בלומען. דאָס וועט זיין דער „קרבן מנחה״ שפּעטער, ווען מיר וועלן דערגרייכן דעם „קדשי־קדשים״ פון טעמפּל. איך זאָג זיך העפלעך אָפּ פון נעמען אַזאַ בלומען־טעפּעלע, געדענקענדיק, אַז דאָס זענען שוין נישט גלאַט פּרעכטיקע בלומען, נאָר כלים פון „עבודה זרה״...

איצטער קלאַפּן נזירים אין זילבערנע טאַצן און אַנדערע שפּילן נאָך אַלץ אויף די פּלייטן. דער טעמפּל איז איבערפולט מיט מתפללים און באַזוכער פון אַלע עקן וועלט.

מיין באַגלייטער רוימט מיר איין אין אויער, אַז אָט די ברוינלעכע דאַמע אין אַ זילבערנער „סאַרי״ איינגעוויקלט, וואָס טראָגט הויך איבערן קאָפּ דעם טאָפּ מיט טובעראָזן, איז אַן אינדישע פּרינצעסין, פאַר וועלכער מען וועט עפענען דאָס הייליקטום מיט בודאָס צאָן. לאָמיר זיך האַלטן נענטער צו איר. עס שטייען שוין אויבן נזירים אין אַ שפּאַלער, שאָקלען זיי לעמפּעלעך מיט שמעקעדיקן ווייררויך — ווערט אַזש שווער צו אָטעמען און פּריקרע־זיס אין מויל. און דאָ גייט אַ בליץ דער גאָלדענער בודאַ־ביוסט מיט זיין אומבאַהאָלפן־קינדישער שמייכל נישט פון דער וועלט. און גלייך אונטערן ביוסט איז אַ האַרץ, וואָס פינקלט מיט טייערע שטיינער.

אַלע פאַלן אויף דער ערד האַלטנדיק די בלומען הויך אין די הענט.

נזירים נעמען זיי צו און שטעלן אַוועק אויפן מזבח אונטערן גאָלדענעם האַרץ. פּלוצלינג ווערט שטיל. עס שווייגן די פליטן, די טאַצן, די פּויקן. אַ נזיר מיט אַ פּנים, וואָס איז עקזאַלטירט פון אינערלעכער אָנשטרענגונג, עפנט מיט אַ גאָלדענעם שליסל דאָס האַרץ אונטער דער בודאַ־פיגור. אַלע ליכטער ווערן אויסגעלאָשן אויסער אַ לעמפּל, וואָס באַלייכט די עפענונג פון האַרץ. און דאָרט דערזעען מיר אַ געל־שוואַרצן צאָן מיט זיינע וואָרצלען, — בודאַס צאָן. עס דויערט נישט מער, ווי צען סעקונדן. עס דערהערט זיך אַ געדיכט שעפּטשען אַרום מיר: דאָס בעטן די אָנוועזנדיקע אַלע גוטע פאַרלאַנגען פון גייסט פון גרויסן בודאַ, וואָס האָט אַזוי בולט זיך אינקאַרנירט אין זיין ערדישן איבערבלייב.

ביי מיר איז פאַראַן אַפילו אַ קשיא: פאַר וואָס דער צאָן איז פיר אָדער פינף מאָל גרעסער, ווי אַזאַ, וואָס מיר זעען ביי געוויינלעכע מענטשן? דערקלערט מען מיר, אַז דאָס איז צוליב דעם, וואָס דער פּרינץ גאָטאַמאַ בודאַ איז געווען פון אַן אומגעוויינלעך הויכן וווקס, כמעט טאָפּלט ווי די מענטשן, וואָס גייען היינט אויף אונדזער ערד. איז וווּ'ל דעם גלויביקן.

אָבער ביי נאַכט, אויף מיין געלעגער, האָב איך זיך דערמאָנט און איבערגעטראַכט אַלץ, וואָס איך האָב געליינט און געלערנט וועגן בודיזם. ווי ווייט איז די אַזוי געצנדינערישע צערעמאָניע, וועלכע כ'האָב בייגעוווינט אין „טעמפּל פון דעם צאָן", פון ריינעם בודיזם. ריינער בודיזם איז דאָך כמעט אַטעאיסטיש, גלייבט גאָר נישט אין אַ העכערער באַשעפעניש ערגעץ ווו אין די הימלען. בודאַ לערנט, אַז גאָט איז נאָר אינעווייניק אין מענטשן אַליין, אַז דער מענטש איז אַ מקור פון ליידן: געבורט קומט פאַר אין ווייטיק; קראַנקייט איז ליידן; אַלטקייט איז ליידן; טויט איז ליידן. דער מקור פון אַלע ליידן איז דער יצר־הרע, דער באַגער צו תענוגים און צו מאַכט. מוז מען דאָס אין זיך דערשטיקן, באַקעמפן; מוז מען שטרעבן צו אַ יושרדיק לעבן, צו אַ פולשטענדיקער באַדריקונג פון די באַגערן. דאַן קומט דער צושטאַנד פון אייביקער רו, פון קדושה, פון ביטול היש, — דאַן פאַלט דער גייסט אַריין אין זיסן „נירוואַנאַ", וואָס איז דער גן־עדן פון בודיזם פאַר יעדן יחיד.

פאַרשטייט זיך, איך האָב דאָ אַזוי שטאַרק קאָנדענסירט די לערע פון בודאַ, אַז ערשט איצט דאַרף מען עפענען אַ פאַר קאָמפּעטענטע קוואַלן און זיך באַקענען מיט דער לערע נעענטער. אָבער שוין פון דעם, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט איז קלאָר, אַז דאָס וואָס איך האָב היינט געזען אין בודאַס

טעמפּל, איז נישט זיין לערע פון באַשיידנקייט און נזירות, אַז ער אַליין איז דאַן, אַלס יונגער פּרינץ, אַנטלאָפן פון זיין טאַטנס פּאַלאַץ, פון די גאָלדענע געטער און פון די דימענטענע קרוינען — אַנטלאָפן אין מדבר, ככדי דאָרטן, אונטער אַן איינזאַמען בוים, צו לערנען פּאַר פינף אָרעמע נזירים זיין ערשטע תורה, — זיין אַסקעטישע תורה.

אָבער רעליגיעס ווערן קאָמערציאַליזירט און אַזוי אויך איז געוואָרן מיטן בודיזם.

*

אין דער פרי דערציילט מיר מיין פירער, אַז נישט ווייט פון קענדי, וווּ מיר געפינען זיך איצט, אין אורוואַלד הערמיטאַזש, געפינט זיך אַ בודאַ־טעמפּל, פון וועלכן דער הויפּט־פּריסטער איז אַ דייטש.

ווען מיר זענען געקומען אין געדיכטן וואַלד און זיך פאַרהאַלטן נישט ווייט פון קליינעם טעמפּל, זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ גרויסער גרופּע פּויערים און פּויערטעס, וואָס אַרבעטן אויף די טיי־פּלאַנטאַציעס דערלעבן. נישט אָפט קומט אַן אויטאָמאָביל אין דער דאָזי־קער ווייטער געגנט.

און ווען עס האָט זיך באַוויזן אויף די שטיינערנע טרעפּ פון טעמפּל די הויכע אַסקעטישע פיגור פון נזיר, איינגעוויקלט אין געלן ליילעך אויפן נאַקעטן קערפּער, האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן אויף זייערע פּנימער, מיט די הענט אויסגעשטרעקט צום געבעט. איך אָבער האָב זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צום נזיר און געפרעגט אויף ענגליש, צי קאָן איך מיט אים רעדן אין דער דאָזיקער שפּראַך. נישט געוואָלט האָב איך אָנהייבן אונדזער געשפּרעך אין דייטש. אָבער נאָך אַ פּאָר פראַזן פרעגט מיך דער נזיר, אין וועלכן לאַנד איך בין געבוירן געוואָרן? ענטפער איך: „אין פּוילן״. צעשמייכלט זיך זיין שטרענג פּנים און איך דערהער, ווי דער נזיר, וועמען איך האָב לכתחילה חושד געווען, אַז ער איז אַ פאַרשטעלטער נאַצי, וואָס באַהאַלט זיך דאָ אויס אין וואַלד אונטער אַ בודיסטישער מאַסקע, זאָגט צו מיר: „אויב אַזוי, קאָנען מיר דאָך רעדן יידיש...״

ער נעמט מיך, אַ שטאַרק איבערראַשטן, ביי דער האַנט און פירט מיך אַריין אינעווייניק אין טעמפּל, אין זיין פּריוואַטן צימער. איך זע נאָך הינטער זיך, ווי אַלע ציילאָנער הייבן זיך לאַנגזאַם אויף פון דער אַ ביסל בלאָטיקער ערד.

דער נזיר, וועלכער שטאַמט פון באָכניע, לעבן קראָקע, איז אַרום 60 יאָר אַלט. ער הייסט איצט נאַיאַנאַ פּאָניקאַ טהעראַ (דאָס לעצטע וואָרט באַדייט: „כוהן גדול", אַ טיטל, וואָס ער האָט נישט לאַנג באַקומען).

זיין משפּחה־נאָמען אין אַמאָליקן גאַליציע איז געווען פעניגער. זיין גאָענטער פריינד אין ניו־יאָרק, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען שטודירט

נאַיאַנאַ פּאָניקאַ טהעראַ אין אַ שמועס מיט דוד בן־גוריון בעת זיין באַזוך אין בורמאַ

אַ מאָל אין בערלין, איז ד"ר מאַקס קרויצבערגער, דער דירעקטאָר פון דעם „לעאָ־בעק־אינסטיטוט".

דער נזיר וויזט מיר בן־גוריונס אַ פּערזענלעכן בריוו צו אים, אין

וועלכן ער דאַנקט אים פאַר אַ באַגריסונג לכבוד דער דאָקטאָראַט־טעזע פון בן־גוריון (בראַנדייס־אוניווערסיטעט, באָסטאָן, 1960), ווען בן־גוריון האָט געלויבט אינדיעס בייטראָג צו דער מענטשלעכער קולטור דורך בודאַס לערע. עס ליגן ביי אים אויפן טיש אויך עקזעמפּלאַרן פון דער ישראל־צייטונג „דזשערוזאַלעם פּאָסט״.

„מיין האַרץ איז מיט ישראלס דערגרייכונגען״, זאָגט דער נזיר, וועל־כער קוקט אויס אין מיינע אויגן ווי אַן ערנסטער און איבערצייגטער דענקער. ער איז אָרעם, און ווי אַלע בודיסטישע גייסטלעכע, לעבט ער פון דער שפּייז, וואָס עס ברענגען אים די אַרבעטער פון די אַרומיקע פּלאַנ־טאַציעס.

ער גיט מיר זיין בוך אין ענגליש: „די פיר גייסטיקע סטאַדיעס פון בודיזם״. עס ליגט אויך ביי אים אויפן טיש אַ בריוו פון אַ יידן אין מאָנ־טרעאָל, אין וועלכן ער בעט ער זאָל אים לערנען די בודיסטישע תורה. דער דאָזיקער קאַנאַדער ייד שרייבט, אַז ער האָט איבערזעצט אין יידיש דעם נזירס בוך איבער בודיזם.

פאָרן מיר צוריק פון אורוואַלד צו דער הויפּטשטאָט קאָלאָמבאָ. מיר באַזוכן אויפן וועג די שולע פון די „הייליקע טענצערינס״, אַ מין „באַיאַ־דעראַ״, ווי איך האָב זיי געזען טאַנצנדיק אין די טעמפּלען פון סיאַם.

זיי האָבן פאַר אונדז געטאַנצט דעם „בויך־טאַנץ״, דעם „שלאַנגען־טאַנץ״ און דעם „טאַנץ פון תשובה״. קיין צופיל הייליקע געפילן האָבן די דאָזיקע יונגע טענצערינס אין אונדז נישט דערוועקט. כ׳גלייב נישט, אַז מיט די באַוועגונגען פון זייערע קערפּערס דערוועקן זיי אין עמעצן געפילן פון „תשובה״ און „ביטול היש״.

אין דער הויפּטשטאָט קאָלאָמבאָ געפינט זיך אַ דיפּלאָמאַטישע רע־פּרעזענטאַנץ פון ישראל. האָב איך נאָך פאַר מיין אַרויספאָר אין דער הייליקער שטאָט קענדי געבעטן דעם יונגן שאַרזשע ד׳אַפער יחזקאל בר־נוע, ער זאָל צונויפרופן די פאַר יידן אין ציילאָן, מיט וועלכע איך וואָלט זיך געוואָלט באַגעגענען. ער איז געווען פריינדלעך דאָס צו טאָן.

אין באַשיידענעם סאַלאָן פון ישראל־קאָנסולאַט וואַרט שוין אויף מיר אַ געמישטע, אָבער פיינע, געזעלשאַפט צו טיי: אַ האָלענדער זיודאַס מיט זיין פרוי — אַן ענגלישע יידישע טאָכטער, און דער טשעכישער ייד נתן בעק מיט זיין פרוי — אַ ווינער דייטשקע, וואָס האָט זיך פאַרמעל

מגייר געווען; אַ יידישע פרוי פון דענעמאַרק, וואָס האָט געהייראַט אַ רייכן הינדוסישן פאַבריקאַנט און אַ סוחר פון ווענעדיק, בנימין שיבלי, וואָס קומט אָפט קיין ציילאָן. ווען שיבלי שטעלט זיך פאָר אַלס „סוחר פון ווענעדיק", פרעג איך מיט שפּאַס, צי איז ער נישט קיין קרוב פון יענעם „סוחר פון ווענעדיק", וועלכער האָט געהאַט אַ טאָכטער־מרשעת דזשעסיקאַ? מיין איטאַליענער כאַפּט זיך נישט גלייך, אַז איך מיין דאָ שעקספּירס שיילאָק און ענטפערט בתמימות: „ליידער, האָב איך נישט קיין קרובים ווייל די נאַציס האָבן זיי אַלעמען פאַרטיליקט"... אַ בלוטיקער שפּאַס!

*

איך מאַך אויך אַ קורצן וויזיט אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט. די פרוי־אַמבאַסאַדאָרין איז נישטאָ אין ציילאָן. נעמט מיך אויף דער יונגער קאָנסול. ער איז דאָ שוין באַלד צוויי יאָר און ער איז צופרידן, וואָס ער איז אימשטאַנד צו לייענען די טעגלעכע פּרעסע אין דער סינגאַלער שפּראַך. ער איז דער ערשטער אין דיפּלאָמאַטישן דינסט, זאָגט ער, וואָס האָט די דאָזיקע שפּראַך באַהערשט. איך גראַטוליר אים און באַמערק מיט צופרידנקייט, אַז די שילדן אויף דער אַמבאַסאַדע זענען אויך אין די אָרטיקע צוויי שפּראַכן: סינגאַלעז און טאַמיל. מען האָט זיי אויפגעהאַנגען מיט אַ חודש צוריק, נאָך דעם ווי די ציילאָנער פּרעסע האָט פּראָטעסטירט, פאַר וואָס די אויפשריפטן זענען נאָר אין ענגליש.

דער קאָנסול זאָגט: „מיר אַמעריקאַנער גיבן ציילאָן דאָפּלט מער הילף ווי די סאָוויעטן, אָבער די ציילאָנער האָבן ביז נישט לאַנג זייערע סימפּאַטיעס אַוועקגעגעבן די רוסן. איצט איז שוין בעסער"...

איך פאַרלאָז ציילאָן מיט אַ געפיל פון אומעט, וואָס איך האָב דאָ אַזוי קורץ פאַרבראַכט: אַזוי פיל שיינקייט אין דער נאַטור. און אויך אין די מענטשן דאָ שפּיגלט זיך אָפּ די שפע, מיט וועלכער דער דאָזיקער אינדזל איז געבענטשט: לעבן דאָך דאָ צופרידן די ניין מיליאָן מענטשן — אַ זעלטענע זאַך אין דעם דאָזיקן טייל פון דער וועלט, — ווי אין שכנות־דיקן אינדיע, למשל, ווו צענדליקער מיליאָנען מענטשן לייגן זיך שלאָפן מיט ליידיקע מאָגנס און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

ד״ר חיים שאָשקעס

די פאַרוואָגלטע יידן אין סינגאַפּור

אַ לאַנגער פלי פון אינדזל ציילאָן צום עקזאָטישן סינגאַפּור. מען פליט פאַרביי די גאָלדענע טעמפּלען פון בורמאַ און די נאָך אַלץ אין אַ שלייער פון געהיימעניש איינגעהילטע שאַרף־שפּיציקע פּאַלאַצן פון סיאַם. די וועלט פון בודיזם אָטעמט דאָ מיט רואיקן, האַלב־מיסטישן און האַלב־געצנדינערישן גלויבן. אין מיינע אויערן קלינגען נאָך אַלץ די ווערטער פונעם בודיסטישן כוהן־גדול נאַיאַנאַ פּאַניקאַ טהעראַ, אַרויסגעזאָגטע אין שטילן עקסטאַז אין זיין טעמפּל אין ציילאָן: „פאַרגעסט נישט ליב האָבן, רחמנות האָבן, דערפילן אין זיך די אינערלעכע פרייד פון לעבן — וועט איר באַקומען דעם גלייכגעוויכט פון אייער נשמה, די טיפע־טיפע רואיקייט, וואָס מיר רופן נירוואַנאַ״.

דער פאַקט, וואָס דער כהן־גדול אין די געלע „תכריכים״ איינגעוויקלט איז אַ מאָל געווען אַ גאַליציאַנער יונגערמאַן פון באָכניע און געהאַט אַ קירצערן נאָמען ווי ער האָט איצט, בייט נישט דעם איינדרוק פון אויפריכטיקייט, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט. ער האָט אונטערגעשטראָכן: „איך בין דאָך נישט „געשמדט״ אין דעם זין ווי יידן פאַרשטייען עס. איך בין נאָך אַלץ אַ ייד און אַ פריינד פון ישראל, ווו מיינע משפחה־מיטגלידער לעבן. בודיזם איז נישט קיין רעליגיע, נאָר אַ וועלט־אַנשויונג, און אין דעם זין בין איך דערגאַנגען צו מיין „נזירישקייט״ פון דער וועלט, צום „ביטול היש״.

אַלזאָ בין איך ווידער אין סינגאַפּור, וועלכן איך האָב באַזוכט מיט יאָרן צוריק, ווען דאָ איז נאָך געווען פאַרפעסטיקט די בריטישע אימפּעריע און פון דאַנען האָט זי געהאַלטן איר וואָפן אָנגעשטעלט אויף די לעבנסוועגן צו אויסטראַליע, צו כינע, צו יאַפּאַן.

איצט איז שוין סינגאַפּור, ווי דער גאַנצער מאַלאַיער האַלבאינדזל, אַ פּאָליטיש־זעלבשטענדיקע איינהייט, כאָטש אַ באַשטאַנד־טייל פון דער ענגלישער „קאָמאָנוועלט״. אויסערלעך באַמערקט זיך נישט די ענדערונג, ווייל אויך די מאַלאַיעשע אָפיצירן אין דער פּאָליציי און מיליטער טראָגן נאָך אַלץ די ענגלישע אוניפאָרמען און מיט די שטעקעלעך אונטערן אָרעם אימיטירן זיי די אַמאָליקע עלעגאַנטע מיליטערלייט פון איר קעניגלעכער מאַיעסטעט.

אין סינגאַפּור וווינען אַנדערהאַלבן מיליאָן מענטשן פון וועלכע אַכ־ציק פּראָצענט זענען כינעזער. זיי לייגן זייער שטעמפּל אויף דער אַרכי־טעקטור און באַוועגונג אין שטאָט.

אָבער די רייכערע סוחרים זענען די באַבערדעלטע הינדוסן. קראָם נאָך קראָם, אויסגעפּילט מיט פּערסישע דיוואַנען, מיט אײדלשטיינער פון בורמאַ, מיט טייערע וועש פון אירלאַנד און זייגערלעך פון דער שווייץ, מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן פון דייטשלאַנד און ראַדיאָס פון יאַפּאַן — און ביים אַריינגאַנג שטייען די הינדוסן אין טורבאַנען מיט שוואַרצע אָדער ווייסע בערד. זיי דערמאָנען מיך אומעטום, אין קעניאַ און ראָדעזיאַ, אין זיד־אַפריקע און סיאַם, און ספּעציעל דאָ אין סינגאַפּור — אין דער ראָל וואָס יידן האָבן געשפּילט אַלס קרעמערישער מיטלקלאַס אין די אַמאָליקע רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, רומעניע.

זעץ איך זיך אַריין אין אַ ריקשע, וואָס ווערט געצויגן פון אַ כינעזער. ער רעדט אַ ביסל ענגליש, איז פלינק און אָרנטלעך, און איך האַלט אים שוין צו מיין דיספּאָזיציע אַ האַלבן טאָג. עס קאָסט אַ דריטל, ווי אין אַ טעקסי. עס דויערט טאָקע לענגער, אָבער דער פילם, וואָס הייסט סינגאַ־פּור, דרייט זיך לאַנגזאַמער און בולטער פאַר די אויגן.

די פּאַנאָראַמע פון פּאָרט, דער צווייט־גרעסטער אין דער וועלט (אין יאָר 1960 זענען דאָ דורכגעגאַנגען קרוב פערציק טויזנט שיפן מיט אַ טאָנאַזש פון 70 מיליאָן), מיניעט מיט אַ געמיש פון פּאָנען פון אַלע פעל־קער. די מענטשן אין די גאַסן: די כינעזער און מאַלאַיער, די הינדוסן און די ענגלענדער, די אַפריקאַנער און אַמעריקאַנער, גיבן אייך דאָס בילד פון זאַטקייט און צופרידנקייט. נישט קיין וווּנדער: דער דורכשניטלעכער מענטש דאָ פאַרדינט מער ווי טויזנט צוויי הונדערט דאָלאַר אַ יאָר, און דאָס איז עטלעכע מאָל מער ווי אין יעדן אַנדערן אַזיאַטישן לאַנד.

אויך די ראַסן־באַציִונגען דאָ זענען פיל האַרמאָנישער ווי אין די שכנותדיקע לענדער: אָט איז ביז מיט אַ יאָר צוריק געווען דאָ פּרעמיער־מיניסטער אַ ייד, דוד מאַרשאַל, אגב, דער טאַלאַנטפולסטער ייד אין לאַנד, און איצט איז דער פּרעמיער אַ כינעזער, און דער נאָמינעלער פּרעזידענט — אַ מוסולמענער, וואָס טראָגט שטאָלץ אַ היימישן פאַר אונדז נאָמען: יוסף בן יצחק.

מיט פופצן יאָר צוריק האָב איך נאָך דאָ געטראָפן אַ יידישע קהילה פון אַרום צוויי טויזנט נפשות און צוויי סינאַגאָגעס מיט לוקסוס און רייכטום אויסגעשטאַט, — „מגן־אבות" און „חסד אל".

ווען די יאַפּאַנער האָבן אָקופּירט סינגאַפּור, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן זיי אַלע יידן אינטערנירט אַלס פּראָ־בריטישע עלעמענטן און די סינאַגאָגעס האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין לאַגערן פאַר געווער. די טייערע ספרי־תורה, געפּאַסט מיט גאָלד און דימענטן, האָבן זיי פאַרפּאַקט אין קאַסטנס און פאַרזיגלט. גלייך נאָכן קריג איז דאָס אַלץ ווידער רעסטאַווירט געוואָרן מיט דער הילף פון די קאַפּיטאַלן פון סער מנשה מאיר, דער לעגענדאַרער גביר פון די מאַלאַיען. דאָס וואָס די עזראס זענען געווען פאַר קאַלקוטאַ און די ששונס פאַר באָמביי, זענען די מאירס געווען פאַר סינגאַפּור. אויך איצט, ווי מיט פופצן יאָר צוריק, האָב איך אין דער שול „חסד אל״ געטראָפן דעם באַצאָלטן „מנין״, די „עשרה בטלנים״, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון דער „מאיר־פונדאַציע״, דורך זיין טאָכטער, די „גרויסע יידי פון סינגאַפּור״, פריילין נאָזעל ניסים. אויף אַזאַ אופן האָט נאָך נישט אויפגעהערט דאָס דאַווענען בציבור די גאַנצע יאָרן, כאָטש עס זענען געבליבן קוים פינף הונדערט יידישע נפשות פון די אַמאָליקע צוויי טויזנט. די מערהייט יידן זענען אַוועק קיין אויסטראַליע, אין דער שטאָט פּערט, ווו איך האָב איינינקע באַקאַנטע מיינע געטראָפן בעת מיין שפּעטערדיקן באַזוך.

אַ שאָד, וואָס מיין דעמאָלטיקער באַגלייטער, אליהו שאבאַנע, איז אויך צווישן די, וואָס האָבן פאַרלאָזן סינגאַפּור. דאָ האָט ער מיך אַרומגעפירט איבער דער שטאָט און איבער די יידישע הייזער. זיינע צוויי קינדער זענען שוין אין ישראל. אָבער מיט מיין ריקשע בין איך לאַנגזאַם דערפאָרן ביז צו דער סינאַגאָגע „חסד אל״ און געפונען ביים דאַווענען די גוט־באַצאָלטע „עשרה בטלנים״ (נישט די אַמאָליקע, יענע זענען אָדער געשטאָרבן אָדער אויסגעוואַנדערט), און, צו מיין גרעסטער פאַרוווּנדערונג, אויך דעם אַלטן באַקאַנטן מיינעם פון ערשטן באַזוך, דעם רב ניסן שאַבאַבאַ. איך זאָג „צו מיין פאַרוווּנדערונג״, ווייל (ווי איך האָב עס דאַן באַשריבן), האָט מען דעם דאָזיקן רב געהאַלטן ביים אָפּזאָגן פון דער שטעלע צוליב אַ מאָדנער געשיכטע.

הרב שאַבאַבאַ, וועלכער האָט געלעבט אין טבריה, שפּעטער אין מאַראָקאָ און נאָך שפּעטער געוואָרן רב אין עגיפּטישן סועץ, זעט אויס און פירט זיך ווי אַ געבוירענער ספרדי, אָבער אין דער אמתן איז ער גאָר אַ רומענישער ייד. זיין אַמאָליקער נאָמען איז געווען שווייב און ער איז אַן אשכנזי. דעם דאָזיקן פאַקט האָט ער לאַנג געמוזט באַהאַלטן פון די בבל־אָפּשטאַמיקע יידן אין סינגאַפּור. בעת מיין פריערדיקן וויזיט האָב איך אים געפונען אויף

צרות, ווייל דער דעמאָלטדיקער ראש הקהל, אַן אַלטער ייד און תקיף, האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. די סיבה איז געווען: אונדזער רב שאַבאַבאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן חופּה־וקידושין דעם אַכציק־יאָריקן יידן, וואָס האָט געוואָלט נעמען צו זיך אין שטוב אַ צווייט ווייב, אַ מיידל פון אַכצן יאָר, אַלס צוגאָב צו זיין פריערדיק אַלט ווייב, וועלכע איז אויך געווען מיט אים און ער האָט זי נישט געוואָלט גטן—פּאַרט א באָבע צו זיינע אוראייניקלעך...

דער רב שאַבאַבאַ האָט זיך פאַררופן אויפן חרם דרבנו גרשון, וואָס פאַרווערט צו האָבן גלייכצייטיק צוויי ווייבער. אָבער דער אַלטער ראש הקהל האָט געזאָגט, אַז יענער חרם (פון עלפטן יאָרהונדערט) איז גוט פאַר אשכנזים, אָבער נישט פאַר יידן פון בבל. בקיצור, דער רב האָט זיך דאָך אָפּגעזאָגט און זיך שוין געקליבן צו נעמען דעם וואַנדערשטעקן. און דער ווייל איז גאָר דער ראש הקהל געשטאָרבן, איידער ער האָט נאָך זיין יונגע „שולמית" אַריינגעבראַכט אין שטוב. און די אַלטע (און רייכע) אלמנה זיינע, אַלס דאַנקבאַרקייט צום רב, וואָס האָט איר געראַטעוועט פון אַ קאָנקורענטין, האָט אים שטאַרק געשטיצט ער זאָל בלייבן אויף זיין שטעלע. האָב איך, מיט מזל, אים ווידער געטראָפן בעת מיין איצטיקן וויזיט, און מיר האָבן זיךביידע שטאַרק דערפרייט.

דער רב האָט מיך מיטגענומען אין דעם פּאַלאַץ־הויז פון דער „גרויסער לידי", פרוי נאָזעל גיסים, די טאָכטער פון סער מנשה מאיר. זי איז יונגער־הייט געבליבן אַן אלמנה און לעבט אין פּאַלאַץ, ווו אַלע יידישע געסט אין סינגאַפּור ווערן פריינדלעך אויפגענומען. די שטוב איז שטרענג כשר („איך קלאַפּ אַפילו אויס מיין אייגענע פּוטער," באַמערקט צו מיר מיט אַ שמייכל די עלטערע דאַמע, וואָס זעט אויס, מיט איר שטעקן אין האַנט, ווי מירעלע אפרת).

זיצן מיר אויף דער ברייטער טעראַסע און עס קומען זיך צונויף אַ ביסל געסט, אַלע עפּעס מאָדנע ענגליזירטע, אַזעלכע שטרענג אָרטאָדאָקסישע, מיט יאַרמלקעס אויף די קעפּ און מיט אַ ברכה, איידער מען נעמט עפּעס אין מויל. קומט אויך אַריין דער פרומער יונגערמאַן ר' אליהו קעלמאַן, וועל־כער איז דאָ געשיקט געוואָרן פון לאָנדאָן, כדי ווידער צו עפענען די תלמוד־תורה, וואָס איז פופצן יאָר געווען געשלאָסן. ר' אליהו קעלמאַן, אַ געבילדע־טער ענגלישער ייד מיט אַ בלאָנד בערדל, דערציילט מיר, אַז הונדערט קינ־דער האָבן זיך שוין פאַרשריבן אין דער תלמוד־תורה, אַז ער עפנט איצט קורסן פאַר דערוואַקסענע, וואָס ווילן לערנען העברעיש און אויך רעליגיעזע לימודים.

ר׳ אליהו קעלמאַן וווינט טאַקע אין דעם דאָזיקן רייכן פּאַלאַץ, ווו מען איז זיכער מיט כשר עסן.

קומט אַריין אויף אַ ווײַלע דער זייער־באַשעפטיקטער אַדוואָקאַט, געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער פון סינגאַפּור, דוד מאַרשאַל. עס גיט אַ בלאָז פון אים ענערגיע און טעמפּאָ.

מאַרשאַל איז אַריינגעקומען אַ „קוש טאָן די האַנט״ פון דער „גרויסער לײדי״ און אויסדריקן זיין אַכטונג צו איר. ער טוט דאָס כמעט יעדן טאָג. באַווייזט ער דערווייל מיר צו זאָגן, ווי גליקלעך ער איז, וואָס אין דעם דאָזיקן אויטאָנאָמען שטאַט סינגאַפּור לעבן אַלע ראַסן און גלויבנס אין שלום און טאָלעראַנץ, און אַז אַפילו צום סולטאַן פונעם שכנותדיקן דזשאהאָר, וועלכער איז דאָך אַ הייסער מוסולמענער, איז די פּראָפּאַגאַנדע־שנאה פון דער אַראַבישער ליגע נישט דערגאַנגען. דער בעסטער באַווייז: ער אַליין האָט מיט יאָרן צוריק געמאַכט פּאַר אַ סולטאַניכע (און זי שפּעטער געגט) אַ רומענישע יידענע. נו, און זיין זון האָט דאָ נישט לאַנג חתונה געהאַט אין לאָנדאָן מיט אַ טאָכטער פון אַ יידישן קרעמער און געבראַכט זי אַהער, אין זיין סולטאַנאַט. אמת, זיי האָבן זיך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום געגט, אָבער די סיבות זענען נישט געווען קיין אַנטיסעמיטישע, נאָר ריין־מענטשלעכע...

דוד מאַרשאַל אַליין איז אַ פּראָדוקט פון אַן אַריסטאָקראַטישער ענגלישער דערציונג (אין דער שול ווו טשערטשיל און אַנטאָני אידען האָבן געלערנט) און אין קעמברידזש.

זיין געשיכטע איז אינטערעסאַנט. ער שטאַמט נישט פון בבל, ווי די אַנדערע אַריסטאָקראַטישע יידן דאָ, נאָר פון פּערסיע. זיין זיידע איז געווען אַ חלפן, אַ באַנקיר אַזאַ, אין טעהעראַן. זיין נאָמען איז געווען „מושל״ (הערשער), וועלכער איז אַנגליזירט געוואָרן אויף מאַרשאַל. נו, האָט דער זיידע מושל, צוזאַמען מיט נאָך זיבן שותפים, אַ ביסל ספּעקולירט מיט פּערסי׳ש געלט און געוואָרן דערביי זייער רייך, ביז מען האָט זיי געכאַפּט. יענע זיבן שותפים האָט מען פּאַרנייט אין זעק און, ווי די מאָדע איז געווען, אַריינגעוואָרפן אין ים... אָבער דעם זיידן מושל האָט דער שאַך באַגנעדיקט, ווייל זיין ווייב, די באָבע פון דוד מאַרשאַל, איז געווען אַ מאָל די אַם פון פּערסישן קרוינפּרינץ און אים געזויגן. האָט מען געגעבן דעם אַלטן און זיין ווייב פיר שעה צייט ער זאָל פּאַרלאָזן טעהעראַן. איז ער אַנטלאָפן קיין סינגאַפּור, איבערלאָזנדיק אַ גרויס רייכטום, וואָס איז אַריבער צום דעמאָלטיקן שאַך.

אָבער ווי איר זעט, איז דאָס אייניקל פון דער אַמאָליקער אַם דאָך דערגאַנגען צום כמעט קעניגלעכן ראַנג פון פרעמיער־מיניסטער, ועוד ידו נטויה: עס קומען באַלד וואַלן, און ווער איז דען מער פעיק ווי דער בעס־טער אַדוואָקאַט אין סינגאַפּור, דוד מאַרשאַל?

איך הער אויך אויס די מעשה פון בית־עולם, וועלכע די זיידעס פון אַט־די געסט אויף דער טעראַסע האָבן מיט 99 יאָר צוריק געדונגען פון די דעמאָלטדיקע הערשער פון סינגאַפּור.

זיי האָבן פאַר זיך געדונגען אַ שטיק פּלאַץ, וואָס איז איצט אין צענטער פון דער שטאָט, און די 99 יאָר אַרענדע האָבן זיך גראָד איצט געענדיקט. דער פּלאַץ איז איצט ווערט שווערע מיליאָנען אין גאָלד. לויטן געזעץ מוז מען די מתים „עקסמיטירן" און מען וועט דאָס מסתם טאָן פאַר אַן אַנט־שפּרעכנדיקער אַנטשעדיקונג.

אָבער אַ גאַסט אויף דער טעראַסע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט מיט אַ ביסל סאַרקאַזם באַמערקט: „אייערע עלטער־זיידעס, וואָס האָבן געדונגען דעם בית־עולם אויף 99 יאָר, זענען דאָך געווען די גרעסטע מאמינים אין ביאת המשיח און אין תחית המתים. ווער דינגט דאָס אַ בית־עולם אויף צייטווייליקער „אַרענדע" אויב ער גלייבט, אַז די מתים וועלן דערווייל לעבעדיק ווערן?"

איך גלויב נישט, אַז די דאָזיקע פראַגע איז געפעלן געוואָרן די אַ ביסל טרוקענע, אַ ביסל פּאַרוויאַנעטע און אַזוי אַריסטאָקראַטישע מיטגלידער פון די לעצטע מאָהיקאַנער אין שבט סינגאַפּור.

און שוין איז ווידער נאַכט און איך פלי וויט־וויט איבער ימים און אינדזלען, איבער אינדאָנעזיע און באָרנעאָ, אַהין, וווּ עס ליגט אויסטראַליע.

אויסטראַליע, דאָס לאַנד מיט ווייניק מענטשן

נאָך עטלעכע שעה פלי פון דזשאַקאַרטאַ, סוקאַרנאָס אינדאָנעזישע נייע מלוכה, שטעל איך אַוועק מיינע פיס אויף דער אויסטראַלישער ערד אין דער שטאָט דאַרווין. ווי אַנדערש איז עס געווען, ווען איך בין אַריינגעפלויגן קיין אויסטראַליע צום ערשטן מאָל דורך האָנאָלולו, דורכן זוניק־זינגענדיקן אינדזל פידזשי, דירעקט אין דער ליכטיקער שטאָט סידניי. עס האָט גלייך אַ בליץ געטאָן מיט דער מאָדערנער שיינקייט פון אַ ווונדערבריק, די גרעס־טע אין דער וועלט, וואָס לאָזט אין שאָטן די ניו־יאָרקער און סאַן־פראַנציס־קער צוויי גרויסע בריקן.

די שאַרף אָנגעצויגענע האַלב־לבנה „בויגנס" פון סידניי־בריק הייבן אייך אויף מיט זייער לייכטקייט איבער די זילבער־וואַסערן פון ים־אויס־גוס. און די שטאָט אַליין, אַזוי ציכטיק, מאָדערן, אין ווייכן טוי פון די בלויע בערג אַרום. איך האָב דאַן געקוקט מיט צוטרוי צו מיין אַריינפאָר אין אויסטראַליע, וואָס האָט זיך גלייך צעשמייכלט און מיך באַגריסט.

נישט אַזוי איז געווען איצט, ווען איך בין אָנגעקומען פון דער צפון־זייט אין דעם צום ווייניקסטן אַנטוויקלטן טייל פון אויסטראַליע.

דאַרווין איז בעתן קריג באָמבאַרדירט געוואָרן און כמעט צעשטערט געוואָרן פון די יאַפּאַנער. איצט בויט מען עס אָפּ נאָך שענער, אָבער דאָ הייבט זיך אָן דער גראַנדיעזער מדבר — אַ מיליאָן קוואַדראַט מיילן פוסטע ערד, אַן אומעטיקע שטיין־זאַמדיקע לאַנדשאַפט, וואָס טיילט אָפּ די די־נאַמישע שטאָטן פון לאַנד — נאָך מער ווי דאָס וואָלט געטאָן אַ צעשטורעמ־טער ים.

ווען איר קומט אַריין אין אויסטראַליע דורך סידניי, דורך פּערט, אָדער אפילו דורך טאַסמאַנים, וועט איר קיין שוואַרצן מענטשן נישט זען. די וואָס האָבן דאָ געוווינט דאַן, ווען די ערשטע בריטישע עקספּעדיציעס האָבן געלאַנדעט, זענען נישטאָ מער. מען האָט זיי אין משך פון די קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר ליקווידירט, אויסגעראָטן, כמעט קיין שפּורן פון זיי נישט געלאָזן. און קיין נייע פאַרביקע — שוואַרצע, געלע, ברוינע פון די געדיכט־באַזעצטע שכנותדיקע קאָנטינענטן און אינדזלען — לאָזט מען נישט אַריין.

אָבער אַז איר פאָרט אַריין דורך דאַרווין, זעט איר שוין די באַבערדל־

טע, האַלב־נאַקעטע דעקאָראַטיוו־עקזאָטיש אויסזעענדיקע פּאַפּואַסן, יענע וואָס זענען געווען די אַליינהערשער פון דאָזיקן קאָנטינענט נאָר ביז די אַכציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט.

און מאָדנע: דער פּאַפּואַס לאַכט צו אייך אַזוי צוציענדיק און איר באַקומט אים גלייך ליב. וויסנדיק פון פריער, אַז דאָס איז דער עלטסטער טיפּ פון מענטשן אויף דער ערד. דאָס ביסל וואָס איז איצט פון זיי דאָ גע־בליבן, אַ קימאַ־לן פון 50 טויזנט נפשות, לעבן, אין זייער גרויסער מערהייט, אין די געדיכטע וועלדער, אַן הייזער, אָן שאַף און זיי ווייסן נאָך איצט אַפילו נישט ווי די ערד צו באַאַרבעטן. וואָגלען זיי, ווי אין די אוראַלטע צייטן, הרגענען חיות מיט שפּיזן און אויך מיטן באַרימטן בומעראַנג — דאָס שטיק קלאָץ, וואָס אַז עס טרעפט נישט דער חיה, קומט עס צוריק און פאַלט ביי די פיס פון יעגער. זיי בראָטן דאָס חיה־פלייש אין גריבער אין די וועלדער אויף גליענדיקע קוילן.

אָט דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן פון די פריילעכע ווי קינדער, פרימיטיווע מענטשן, וואָס האָבן דאָ געלעבט מקדמונים.

איך האָב באַגעגנט אַ ציניש אייראָפּעיִשן באַנקיר פון גרעסטן יחוס (זיין עלטער־זיידע איז געווען פון די מערדער, וואָס ענגלאַנד האָט דאָ אין יאָר 1781 געבראַכט אין קייטן אָפּצוקומען זייער שטראָף; פון מערדער, גנבים און אויך אַ ביסל אירלענדישע רעוואָלוציאָנערן איז באַשטאַנען דער ערשטער ישוב אין אויסטראַליע).

„ווי אַזוי האָט איר דאָס אַזוי גרינטלעך פאַרניכטעט די אַלע שוואַרצע איינוווינער פון אָט דעם אינדזל טאַסמאַניע, אַז מען קאָן אַפילו קיין איינעם איצט נישט געפינען מער?"

דער באַנקיר „פון גרעסטן יחוס" האָט זיך פאַרצויגן מיט זיין סיגאַר און רויִק דערקלערט:

„אונדזערע זיידעס, ווען זיי זענען דאָ געקומען און געפונען אינגאַנצן נאַקעטע מענטשן, האָבן זיי אויף זיי רחמנות געהאַט און זיי אַלעמען באַקליידט. אָבער איר ווייסט דאָך מסתם, אַז די רעגנס אין אונדזערע וועלדער גיסן חדשים לאַנג, ווי אַ מבול. זענען די שוואַרצע שטענדיק געגאַנגען פאַרנעצטע, פאַרקילטע, ביז — זיי זענען אַלע אומגעקומען פון שאַרפע לונגען־אָנציג־דונגען"...

אָט האָט איר כמעט אַ „וויסנשאַפטלעכע" דערקלערונג פון „גענאָסייד", פון מאַסן־מאָרד פון אַ גאַנצער ראַסע.

איז פאַר וואָס רעד איך וועגן דעם דווקא איצט, ווען איך האָב נאָר וואָס געשטעלט מיינע ערשטע טריט אויפן אויסטראַלישן באָדן?

טאַקע דעריבער ווייל איך בין מיט אַ פּאָר שעה צוריק געווען אויפן לופטפעלד פון אינדאָנעזיעס הויפטשטאָט און איך ווייס עפּעס וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט דער דאָזיקער קאָנגלאָמעראַט פון שאָקאָלאַד־הויטיקע פעלקער, וועמענס פּרעזידענט איז דער אַמביציעזער און פאַר פיל פון אונדז נישט צופיל סימפּאַטישער סוקאַרנאָ.

און אונטער דעם דאָזיקן סוקאַרנאָ לעבן איצט כמעט הונדערט מיליאָן אינדאָנעזער אויף די אינדזלען יאַוואַ, צעלעבעס, סומאַטראַ — אין ענגשאַפט און אין אָרעמקייט. וויפל האָט געפעלט, אַז יאַפּאַן (מיט היטלערן בשותפות) זאָל געווינען די מלחמה און דורך דעם עפענען די „קליאַפּע״ דאָ אין דאַרווין, וועלכע מען האָט שוין באַוויזן צו אויסבאָמבאַרדירן? וויפל האָט געפעלט, אַז עס זאָלן זיך אַריינרייסן אין „אידעאַל־ווייסן״ אויסטראַליע — אַ שטח, וואָס קען צודעקן גאַנץ אייראָפּע מיט אַ „שמיצל״ דערצו — די געלע פון יאַפּאַן, די שוואַרצע פון ניי־גווינעאַ און די מיליאָנען־מיליאָנען שאָקאָלאַד־הויטיקע אינדאָנעזיער, וואָס ווערן דערשטיקט אויף זייערע אינדזלען?

איז פאַרשטייט איר שוין, אַז מען קומט אין דאַרווין און מען זעט נאָך די סימנים פון דער באָמבאַרדירונג און מען ווייס דעם גרויסן נס, אַז די אַטאָם־באָמבע האָט אַמעריקע געוואָרפן אויף יאַפּאַן, און נישט פאַרקערט — מאַטערן אייך אַפּיקורסישע געדאַנקען, אַז די וועלט איז נאָך ווייט נישט סטאַביליזירט; אַז די פּראָבלעמען, ווי צו פאַרריכטן די גרויסע עוולה פון איינטיילן די רייכקייטן און די שטחים אויף אונדזער ערד צווישן אַלע, וואָס לעבן אויף איר, זענען נאָך ווייט נישט געלייזט.

איך וויל זיין מיט אייך אָפנהאַרציק. איך וויל גאָרנישט זיין דערביי, ווען די גרויסע אומפאַרמיידלעכע „לייזונג״ וועט זיך דערנענטערן. דאָס וועט געוויס נישט געמאַכט ווערן אין ניו־יאָרק, אין דער גלעזערנער געביידע פון די „פאַראייניקטע פעלקער״.

פלי איך מיטן דזשעט־עראָפּלאַן גאַנצע דריי שעה (מיט אַ יאָר צוריק פלעגט מען פליען אַ גאַנצע נאַכט, און מיט הונדערט יאָר צוריק האָט זיך איבערן דאָזיקן געפערלעך־טויטן מדבר דער וועג געצויגן יאָרנלאַנג און ווייניק זענען דערפאָרן). קוק איך פון אויבן אַראָפּ איבער דעם פאַרבנלאָזן שטיינערנעם מדבר, כמעט אָן מענטשלעכע ישובים.

איך ווייס, וואָס די ראַסיסטן זאָגן: „נו, און אַז מען וואָלט דאָ אין מדבר שוין אַריינגעלאָזן די הונגעריקע נאָך נייע היימען „קאָלירטע", וועלן זיי דען אין דער דאָזיקער וויסטעניש האָבן פון וואַנען צו לעבן"? אָבער איך ווייס אויך די תשובה: מען געפינט אַלץ מער רייכע מעטאַלן און מי־נעראַלן אין דעם דאָזיקן באָדן. נאַפט הייבט זיך אָן צו באַווייזן פאַר די וואָס זוכן... אָבער מען זוכט גאַרנישט מער, מען איז זאַט מיט דעם וואָס מען האָט. ווױינען דאָך אין גאַנץ אויסטראַליע איצטער נאָר צען מיליאָן מענטשן, און פּלאַץ איז שוין פאַראַן ווייניקסטנס פאַר הונדערט מיליאָן. מען דאַרף נאָר אין משך פון דורות אַנטוויקלען דאָס לאַנד פאַר די נייע מענטשן־מאַסן, וואָס הונגערן נאָך ערד, נאָך שטח. (אין אינדיע קומען צו יעדן יאָר נייע צען מיליאָן הונגעריקע מיילער, אַזוי פיל וויפל אויסטראַליע פאַרמאָגט מענטשן).

אין די געדיכטע מיט רעגן־דורכגעווייקטע וועלדער פון מערב־טאַס־מאַניע, ווו קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט געטראָטן, און דאָ, אין דער געגנט, איבער וועלכער איך פלי, איבערן שטח גרויס ווי האַלב אייראָפּע, טרעפט זיך אַ מענטש מיט אַ צווייטן זייער זעלטן. פאַראַן דאָ צעוואָרפענע פאַרמעס, הונדערטער מיילן ווייט איינע פון די צווייטע, ווו מען לערנט קינ־דער — ווייסע קינדער, פאַרשטייט זיך, פּאָפּוּאָסן לערנט מען נישט — מיט דער הילף פון טעלעוויזיע, אַ סיסטעם וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט אין שיטער־באַזעצטן אויסטראַליע.

און עס איז גוט צו געדענקען: אין יאָר 1800, נאָך אַ דור פון שווערער אַרבעט פאַר די ערשטע „סעטלערס", זענען אין גאַנץ אויסטראַליע געווען פינף טויזנט מענטשן און פופצן הונדערט שעפּסן. און דאָס איז געווען שוין דאַן, ווען נאַפּאָלעאָנס אַרמייען האָבן זיך ביי די פּיראַמידן באַוויזן, — אָט דאָס הייסט ערשט „נעכטן" געשיכטלעך גענומען. און איצטער ציילט מען די צאָל שעפּסן אויף הונדערט און צוואַנציק מיליאָן און דער עקספּאָרט פון זייער וואָל באַטרעפט צוויי מיליאַרד דאָלאַר.

און די ערד איז געשוואָלן פון קופּער, צין, פון נאַפט און פון זאַלץ. און עס פעלט נישט קיין גאָלד און איידלשטיינער. און די פרוכטן פון די ביימער זענען פאַררעכנט צו די בעסטע און רייכסטע אויף דער וועלט.

אָבער פאַר וואָס עפּעס האָב איך זיך גענומען צו דער דעמאָקראַטישער און אַזוי סימפּאַטישער — אונטער אַלע סאָרטן רעגירונגען סימפּאַטישער — אויסטראַליע?

דאָס פּראָבלעם איז נישט ווייניקער שאַרף מיט ראַטן־פאַרבאַנד. שטעלט אייך פאָר, אַז אַנשטאָט אין אויסטראַליע, פלי איך גאָר פון פעקין קיין איר־קוטסק אין סיביר (שוין אַ מאָל געפאָרן דעם וועג, אָבער נאָך נישט גע־פלויגן). פליט מען איבערן שטח פון מאָנגאָליע, היינט הייסט זי „אויסערן־מאָנגאָליע", און ווידער אַ מאָל צוויי מיליאָן קילאָמעטער כמעט פוסטע ערד, אויף וועלכער עס וווינען נישט קיין גאַנצער מיליאָן מענטשן, וואָס וואַנדערן אַממערסטן (אויסער אין די געגנטן פון דער נייער, שיינער הויפּט־שטאָט אולאַן־באַטאָר). און דאָ בשכנות איז די געדיכט־באַפעלקערטע פּשוט־דערשטיקט צו ווערן כינע. און מאָנגאָליע איז דאָך פאַקטיש אונטער רוסי־שער דאָמינאַציע, כאָטש מען האָט זי נאָר וואָס אָנגענומען אין דער „אונ"אָ" אַלס זעלבשטענדיקע מלוכה, און אויך מאָנגאָליע איז פּאָטענציעל שטיין־רייך מיט מינעראַלן און מעטאַלן. פאַר וואָס זאָל רוסלאַנד נישט עפענען דאָ די טויערן פאַר פרייער אימיגראַציע פון כינע, ווו יעדעס יאָר קומען צו צוואַנציק מיליאָן נייע מיילער? אין כינע ווערט מען דערשטיקט. נאָך אַ ביסל יאָרן, און מען וועט נישט האָבן קיין שטיקל פרייע ערד אויף וועלכער צו זייער און שפּייזן אפשר אַ מיליאַרד מענטשן. אָט עפן זשע, קאָ־מוניסטישער ברודער, די פוסטע שטחים פון מאָנגאָליע, און פאַר וואָס נישט טאַקע פון ריזיקן סיביר אַליין, כדי די כינעזער, אויך מאַרקסיסטן־לעני־ניסטן, זאָלן האָבן ווו צו לעבן און אָטעמען?

מיט גוטן וועט דאָס דער ראַטן־פאַרבאַנד נישט טאָן. נו, און מיט בייזן? דאָס איז ווידער יענע שרעקלעכע מעשה, וואָס נעמעזיס, די געטין פון געשיכטלעכע נקמה, באַהאַלט טיף אין איר שויס, — אָבער דער צוזאַמענ־שטויס איז אַזוי אומפאַרמיידלעך, ווי אַן אויפרייס פון גאַז, וואָס זאַמלען זיך כסדר אין אַן עלעקטריזירטער אַטמאָספער.

מיינע געאָ־פּאָליטישע געדאַנקען ווערן איבערגעריסן ווען די פּאַנאָראַ־מע פון סידניי מיט איר בויגן־בריק, מיט אירע פּרעכטיקע געביידעס און באַוועגלעכע גאַסן באַווייזן זיך אָט־אָט אַזוי נאָענט.

און שוין פאַל איך אַריין אין די אָרעמס פון מיין טייערן לאַנדסמאַן דייוויס (ניעוויאַדאָווסקי — אַמאָל אין ביאַליסטאָק) או פון ד״ר צימערמאַן, דער פאָרזיצער פון די פּוילישע יידן, און פון נאָך אַזעלכע נאָענטע און געטרייע.

טויטשרעק אין אַעראָפּלאַן

איצט, ווען איך זיץ רואיק צווישן מיינע פריינד אין מעלבורן, קוק איך צוריק אויף די שטורמישע וואָכן וואָס איך האָב דורכגעמאַכט. אין צענטער פון אָט דעם לאַנגן וועג זענען די טעג וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויפן אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים. ווער קאָן זיי דען פאַרגעסן? דאַן קומט מיין באַזוך אין פּערסיע (איראַן), ווו איך בין אויפגענומען געוואָרן פון זיין מאַיעסטעט דעם שאַך; און אינדיע מיט די שאָטנס פון האַלב־הונגעריקע מיליאָנען; און דאָס כישוף־מעשהלע ציילאָן מיט די גן־עדן גערטנער, וואָס פאַרשיכורן מיט זייער ריח, מיט די אומגעוויינלעכע שורות עלעפאַנטן, וואָס אַרבעטן אויף דער „פּרנסה" פון די ברוין־הויטיקע סינגאַלעזער; און מאַלאַיאַ, וואָס איז אַזוי כינעזיש; און אינדאָ־כינע, וואָס איז גאָר טונקל־פּנימדיק.

און פּלוצלינג גאָר שטעלט זיך אַוועק אין מיטן אָט דער פּאַנאָראַמע פון וווּנדער דער „מלאך המוות" און וויל זאָגן „גענוג!"

איך האָב דערזען דעם „מלאך המוות" אין אַעראָפּלאַן, אויף וועלכן איך בין געפלויגן פון באָמביי קיין קאָלאָמבאָ, איבער די וואַסערן פון אַראַבישן ים.

אַ נייער דזשעט־אַעראָפּלאַן איז דאָס געווען, וואָס איילט מיט דער שנעלקייט פון זעקס הונדערט מייל אַ שעה. מיר פליען פאַרביי די טעמפּלען פון דער אינדישער כישוף־שטאָט מאַדוראַ, ווען די ערשטע רויכן באַווייזן זיך פון די „שפּאַרונעס" איבער די פענצטער, דורך וועלכע עס בלאָזט געוויינלעך מיט קאַלטער, פרישער לופט. און גלייך נאָך דעם צינדן זיך אָן די סיגנאַלן: „נישט רויכערן", „זיך צובינדן מיטן פּאַס". און באַלד דערהערט זיך איבערן מיקראָפאָן די כלומרשט רואיקע באַריטאָן־שטימע פון קאַפּיטאַן: „אַכטונג! אַכטונג! מיר האָבן געוויסע שטערונגען אין אַעראָפּלאַן־מעכאַניזם. איך בעט געענוי אויסצופאָלגן די באַפעלן, וואָס איר וועט ווייטער הערן. עס איז פאַראַן אַ גוטער שאַנס, אַז מיר וועלן פון געפאַר אַרויסגיין — אָבער מען מוז אָננעמען אַלע מיטלען, כדי דאָס צו דערגרייכן. זייט דיסציפּלינירט! קאָאָפּערירט מיט דער מאַנשאַפט! זיי אַלע זענען גוט צוגעגרייט פאַר אַזאַ פאַל ווי איצט".

איך פאַרשטיי, אַז דאָס וואָס עס הייבט זיך באַלד אָן איז שוין גאָר

קיין שפּילכל נישט. שטאַרק איך מיין האַרץ, נעם זיך אין די הענט און גרייט זיך צו פאָלגן די באַפעלן.

די מאַנשאַפט, דריי מענער און צוויי יונגע „סטואַרדעסעס״, באַוועגן זיך רואיק צווישן די שטולן. מען זעט, אַז מען האָט זיי לאַנג טרענירט פאַר אַזאַ געלעגנהייט.

צום גליק זענען אין אַעראָפּלאַן, ווי עס איז געוויינלעך פאַראַן פּלאַץ פאַר הונדערט פּאַסאַזשירן, דאָס מאָל געווען נאָר עטוואָס מער ווי צוואַנציק.

איידער די „סומאַטאָכע״ האָט זיך אָנגעהויבן האָב איך צייט געהאַט צו באַטראַכטן די פּאַסאַזשירן: מיר זענען געווען פינף „ווייסע״, און די איבעריקע — „פאַרביקע״: הינדוסן און ציילאָנער. צוויי „נאָנעס״ זענען רואיק געזעסן און שטיל תפילה געטאָן. דער רוס, פּראָפּאַנאָוו, מיט וועלכן איך האָב זיך ביים איינשטייגן צערעדט, ווייל ער האָט געהאַלטן אין לייענען אַ „פּראַוודאַ״, זיצט ווי פאַרשטיינערט און פירט אויס די באַפעלן, אַזוי ווי איך, אַזוי ווי אַלע אַנדערע.

צוויי פרויען אין סאַריס (הינדו־קליידער), וויינען, אָבער פאָלגן אויס די באַפעלן ווי אויטאָמאַטן.

ווידער דעם קאַפּיטאַנס שטימע:

„מען דאַרף זיך נישט שרעקן ווען מיר וועלן גרייט מאַכן די גומענע שיפלעך, ווייל מעגלעך, אַז מיר וועלן מוזן לאַנדן אויפן וואַסער״.

אַ קעלט גייט דורך די ביינער. פון לייענען ווייס איך, אַז זייער ווייניק פּאַסאַזשירן אין קליינע אַעראָפּלאַן־שיפלעך ווערן געראַטעוועט. מען דאַרף ניסים...

די מאַנשאַפט שרויפט אויף דעם דיל (פּאָדלאָגע), ציט אַרויס צוויי שיפלעך. זיי זענען שוין פול מיט שפּייז־קעסטעלעך און אַנדערע מכשירים.

מען הייסט אונדז אַרויסנעמען די ברוינע גומענע וועסטן פון אונטערן זיץ. מען חזרט איבער די כללים, ווי זיי אָנצוטאָן, מען דערמאָנט: „בשום אופן נישט אויפבלאָזן איידער מען וועט דאַרפן אַראָפּשפּרינגען פון די „פליגלען״ אין די שיפלעך, וועלכע מען וועט באַצייטנס אַראָפּלאָזן״.

מען נעמט אַראָפּ די לייסטן פון די „נויט־אַרויסגאַנגען״.

דערווייל קאָן איך נאָך אַלץ זען. אָבער איצט דערהער איך אַ באַפעל:

„אויסטאָן די ברילן, אויפשפּיליען דעם קאָלנער, צונויפקוועטשן די קני״.

איך פאָלג. אָן די ברילן פיל איך זיך שוין אין אַ קלעם, און דאָ ציטערן די פיס און עס איז שווער צונויפצוקוועטשן די קני...

ווידער אַ באַפעל:

„לייגט צונויף די אָרעמס אויף די קני, לאָזט אַראָפּ אויף זיי דעם קאָפּ. האַלט שטאַרק צוגעדריקט דעם קאָפּ צו די אָרעמס. שליסט די אויגן!"

דער אַעראָפּלאַן קרעכצט און וואַרפט זיך... עפּעס פּייפט ער אַזוי אומהיימלעך. יאָ, איך האָב מורא. אָט־באַלד, באַלד קומט דאָך דאָס: דאָס אומפאַרמיידלעכע, דאָס לאַנג־דערוואַרטע...

איך האַלט מיין קאָפּ צוגעדריקט צום אָרעם אויף די קני. און פּלוצלינג דערמאָן איך זיך: אַ קינד נאָך געווען, אַ יונג בר־מצווה־בחורל. ביים טאַטנס זייט אין בית־מדרש, זאָג איך נאָך דער „שמונה עשרה" יעדן טאָג דעם „ויאמר דוד". אָט אַזוי, דעם קאָפּ אויפן אָרעם, די אויגן פאַר־מאַכט. אַזוי פיל יאָרן, כמעט טאָג־טעגלעך, האָב איך די דאָזיקע הייסע, אַזוי האַרציקע תפילה געזאָגט.

איצט, האָט דער גורל גורם געווען, אַז איך האַלט ווידער דעם קאָפּ אויפן אָרעם, די אויגן געשלאָסן, און די וווּנדערלעכע פּסוקים קומען אַרויף אויפן זכרון:

„האָט דוד געזאָגט צו גד (דעם נביא): עס איז מיר אַזוי שלעכט! בעסער אַריינפאַלן אין די הענט פון גאָט, איידער פון אַ מענטשן.

„אָ, דערבאַרעמדיקער! איך האָב אַזוי געזינדיקט פאַר דיר. ביסט פול מיט חסד, טאָ האָב־זשע רחמנות אויף מיר. שטראָף מיך נישט מיט דיין כעס. האָב רחמנות, גאָט, ווייל איך בין דאָך אַזוי אומגליקלעך און אַזוי דערשראָקן איז מיין נשמה — און ווי לאַנג וועט דאָס נאָך דויערן"?

איך זאָג שטיל די ווערטער, זיי טרעפן אַריין טיף, טיף, באַרויקן אַ ביסל מיין אומגעוויינלעכע אָנגעשטרענגטקייט. און עס זאָגט זיך ווייטער אַזוי נאַטירלעך, אַזוי צוגעפּאַסט צו דער לאַגע:

„איז אפשר, גאָט, וועסטו דאָך מיין נשמה רעטן; אפשר וועסטו מיר העלפן, ווייל ווער וועט דיר דאַנקען, ווען איך וועל ליגן אין קבר? זע, ווי איך באַנעץ מיט טרערן מיין געלעגער..."

יאָ — און מיט הייסע טרערן באַגיס איך זיך — זיי קומען, ווי אַ רעטונג, זיי פאַרלייכטערן דאָס „אָוועקגיין".

אָט האָב איך איבערגעלעבט אַ לאַנג לעבן, און וואָס ווייס איך, וואָס פאַרשטיי איך, וואָס דערוואַרט מיך אין די נאָענטסטע צען מינוט?

און צי איז מיין משפחה פאַרזאָרגט, צי וועלן מיך די אייניקלעך געדענקען? דער עלטערער, מיין זעקס־יאָריקער תלמיד, וועט געוויס געדענקען, אָבער פאַר די איבעריקע צוויי וועל איך מסתם בלייבן: אַ זיידע, וואָס איז אומגעקומען אין די וואַסערן פון ים צווישן אינדיע און ציילאָן...

און אַזוי ווי איך, טוען איצט מסתם תפילה אויך די אַלע פאַרביקע און ווייסע פּאַרשוינען, מיינע מיטפאָרער, וואָס האַלטן די קעפּ אַראָפּגעלאָזן אויף די קני מיט צוגעמאַכטע אויגן: איך ווייס צו ווענדן עס דאַוונען די קאַטוילישע נאָנעס, דער האָלענדישער פּראָטעסטאַנטישער אינזשיניער. דער דיפּלאָמאַט פון ציילאָן טוט תפילה צום הייליקן בודא, און די הינדוסישע פרויען — צו זייער גאָט קרישנאַ. יאָ, און צו ווענדן דאַוונט דער סאָוויעטישער מענטש פראָפּאַנאָוו — אַ מאָל מסתם אַ פּראַוואָסלאַווונער? קאָן מען דען אין אַזעלכע מינוטן געפינען דעם אמת אין „פּראַוודאַ״? די גאַנצע סצענע איז אַזוי ענלעך צו דער וואָס איז באַשריבן אין „יונה״, איידער די שיף האָט געהאַלטן ביים זינקען.

אַ שרעקלעכער זעץ... מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נישט אויפן ים, נאָר אויף דער ערד.

אַ רויך פילט אויס די קאַבינע. די עלעקטרישע ליכט איז אויסגעלאָשן. איך גלייך זיך אויס און פיל אַ ווייטאָג אין פּלייצע און אין ברוסטקאַסטן. איך טאַפּ מעכאַניש מיינע ריפּן: דוכט זיך אַלע זענען גאַנץ. די נויט־אויסגאַנגען זענען ברייט אָפן. אין געציילטע רגעס רייסן זיך דורך זיי אַריין פייערלעשער, סאַניטאַרן אין ווייסע כאַלאַטן, נעמען יעדן פון אונדז אַרום און פירן אַרויס.

עס וואַרטן „רויטע־קרייץ״־קעטשלעך, דאָקטוירים. אונדזערע פרויען־פּאַסאַזשירקעס שרייען, מען ווייסט נישט צי פון שרעק, צי פון ווייטאָג.

אין אָוונט זע איך אויף דער ערשטער זייט פון דער אָרטיקער צייטונג „ציילאָן אָבסערווער״, דאָס בילד פון צעבראָכענעם אַעראָפּלאַן און ווי מען טראָגט אונדז, פּאַסאַזשירן אַרויס.

איך לייען אויך וועגן דער מערקווירדיקער פלינקייט און טעכניק, מיט וועלכער דער קאַפּיטאַן א. לואיי, אַ האָלענדער אין דינסט פון ציילאָן, האָט מאַנעווּרירט כדי צו ראַטעווען די לאַגע. ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם גאַנצן ברענשטאָף איבערן ים, כדי מיר זאָלן זיך נישט אָנצינדן, ווען מיר וועלן זיך אָנקלאַפּן אָן דער ערד; אַרויסגעוואָרפן די רעדער, אויף וועלכע

צווישן יידן אין ווייטע לענדער

מען לאנדעט; געזעצט אונדז אויפן „צעפּלאטשטן בויך" פון דער ריזיקער מאַשין מיטן קלענסטן אימפּעט.

בלויז אייניקע פּאַסאַזשירן זענען גענומען געוואָרן אין שפּיטאָל צוליב דער אויפטרייסלונג, צווישן זיי — די קאַטוילישע נאָנעס און דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַט פּראָפּאַנאָוו.

גיי, ווייס וועמענס תפילה עס האָט געהאָלפן...

אין מאַדאַגאַסקאַר

אין אויגוסט פון יאָר 1961 האָבן צוויי יידישע שליחים באַזוכט דעם ווייטן אינדזל מאַדאַגאַסקאַר, אויפן אינדישן אָקעאַן. איינער פון זיי איז געווען הרב יוסף וויינבערג, דער רייזנדער אַמבאַסאַדאָר פון ליובאַוויטשער רבין שליט״א און דער צווייטער — טאַקע איך אַליין, דער שרייבער פון אָט די דאָזיקע שורות.

איך בין געקומען קיין מאַדאַגאַסקאַר אויף מיין וועג צוריק פון אויס־טראַליע און נאָך אַ וויזיט אויפן אינדזל מאַוריציוס. שפּעטער האָב איך זיך געטראָפן אין יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע, מיט הרב יוסף וויינבערג, וועלכער האָט זיך געקליבן פליען קיין מאַדאַגאַסקאַר, לויט דער דירעקטער אָנווייזונג פון ליובאַוויטשער רבין אין ניו יאָרק. דער ציל: אויסזוכן פאַר־בלאָנדזשעטע יידן, צווישן וועלכע מען קען פאַרפלאַנצן אונדזער תורה און לעבנס־שטייגער.

מיט יאָרן צוריק האָב איך שוין באַשריבן, ווי אַזוי, אָנקומענדיק אין דער אַפריקאַנער שטאָט דאַקאַר אין סענעגאַל, האָב איך, אין דער שטוב פון איינעם פון די עטלעכע יידן, וואָס וווינען דאָרטן, געזען אַ פּאָר תפילין און אַ פּעקל מצות, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון ליובאַוויטשער רבינס הויף אין ברוקלין, לויט דער אָנווייזונג פון דערמאָנטן הרב וויינבערג. ער האָט קורץ געוויילט אין דאַקאַר און דאָרט, אויפן פלי־פּלאַץ איז צו אים צוגעגאַנגען אַ ייד, וועלכן עס האָט פאַראינטערעסירט די באָרד און דער רבנישער אויסזען פון דעם דורכפליענדיקן רב. און דער זעלבער ייד, וואָס האָט געזאָלט חתונה האָבן מיט אַ קריסטין, האָט זיך אונטער דער ווירקונג פון די שפּעטערדיקע שמועסן מיט הרב וויינבערג פון דעם אָפּגעזאָגט און חתונה געהאַט מיט אַ יידישער טאָכטער.

אין דעם הויז פון קרעמער, וואָס שטאַמט פון לבנון — איך האָב די דאָזיקע פאַמיליע פערזענלעך באַזוכט — האָט מען שוין געמאַכט אַ מנין פאַר דער קליינער צאָל יידן, וואָס וווינען אין דאַקאַר, און תפילין, טליתים, סידורים, מזוזות און מצה פעלן שוין נישט.

און איצט, אַז הרב וויינבערג האָט מיך באַגעגנט אין יאָהאַנעסבורג און געזאָגט, אַז ער קלייבט זיך פאָרן קיין מאַדאַגאַסקאַר מיטן זעלבן

ציל ווי מיט יאָרן צוריק, האָב איך אים פּרובירט פון דעם אָפּריידן: „איר וועט דאָרטן געפינען נאָר דאָס אינטעליגענטע, אָבער שטאַרק אַסימילירטע, פּאַרל אָלשאַנעצקי און אַ הויכן פראַנצויזישן באַאַמטן פון אַ שיפס־געזעל־שאַפט, וועלכער שעמט זיך מיט זיין יידישן אָפּשטאַם, כאָטש זיין לאַנגע, קרומע נאָז שרייט געוואַלד... איז דאָך אַ שאָד אייער געלט און מי".

הרב ווייגבערג האָט מיך אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם, אָבער געוואַקלט זיך:

„דער רבי מיינער האָט מיך געהייסן פאָרן, איז דאָך מסתם עפּעס אין דעם פאַראַן".

און מיט דעם האָבן מיר זיך געזעגנט. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין קאָנגאָ און הרב ווייגבערג, וואָס האָט זיך מתעסק געווען מיט דער ליובאַ־וויטשער ישיבה אין יאָהאַנעסבורג, האָט נאָך קיין פעסטן באַשלוס צו פאָרן קיין מאַדאַגאַסקאַר נישט אָנגענומען.

אָבער איידער איך גיי אַריבער צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, וואָס זענען אויפן גרענעץ פון צופאַל און נס, וויל איך איבערגעבן מיינע אייגענע איבערלעבונגען אין מאַדאַגאַסקאַר.

אין משך פון די לעצטע מער ווי דרייסיק יאָר איז דער אינדזל מאַדאַגאַסקאַר געוואָרן זייער פּאָפּולער ביים אַנטיסעמיטישן אינטערנאַציאָ־נאַל. ער איז געוואָרן אַ מין סינאָנים פון אינדזל סאַכאַלין, וווּ צאַריש רוסלאַנד פלעגט פאַרשיקן אירע פאַרברעכער און אויך עלעמענטן, פון וועלכע מען האָט געוואָלט פּטור ווערן.

ווען איך בין געזעסן אויפן אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים, האָב איך געהערט וועגן די באַריכטן פון נאַצי־קוואַלן, אַז אין אָנפאַנג פון יאָר 1941 האָט מען געוואָלט דורכפירן אַ מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון יידן קיין מאַדאַ־גאַסקאַר, און דאָס איז געווען איידער מען האָט אין וואַנזע אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן דער טאָטאַלער פיזישער פאַרניכטונג פון יידן אין אייראָפּע. די טעמפּע נאַציס האָבן אין זייערע דעמאָלטדיקע באַריכטן פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז אין משך פון קריג האָבן די ענגלענדער פאַרנומען מאַדאַ־גאַסקאַר, כדי די ווישי־פראַנצויזן זאָלן דאָרט נישט שאַפן אַ פּלאַץ פאַר אַ נאַצישער באַזע. די ענגלענדער האָבן דאָרט יאָ איינגעאָרדנט אַ מילי־טערישן פּאָרט, וואָס האָט קאָנטראָלירט די וועגן קיין אַפריקע.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען, פאַרשטייט זיך, איז די מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון יידן קיין מאַדאַגאַסקאַר געווען אַ ווילדע פאַנטאַזיע.

ווי אַזוי איז מאַדאַגאַסקאַר איבערהויפּט „אַריינגעשפּרונגען" אין דער יידישער געשיכטע? אויב אוגאַנדאַ אָדער אַנגאָלאַ, אָדער די געגנט פון ועד־אל־אַריש אין מצרים זענען געווען „טעריטאָריעס", וואָס יידן אַליין האָבן אין פאַרשידענע צייטן געזען אַלס „נאַכט־קרעטשמע", ווו מען וועט „איבערשלאָפן" ביז מען וועט באַקומען פּאַלעסטינע, איז אָבער מאַדאַגאַסקאַר געווען דורכויס אַ „גוישע אויסטראַכטעניש", אָן יעדער אויסזיכט, אַז יידן זאָלן דעם פּלאַץ אַדאָפּטירן פאַר אַ יידישע טעריטאָריע.

ווען דער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך, גראַף כלאָפּאָווסקי, האָט אין יאָר 1926 זיך געווענדעט צו מאַרסעל אָליוויער, דאַן דער פראַנ־צויזישער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון אינדזל מאַדאַגאַסקאַר, מיט דער סו־געסטיע, אַז אפשר וואָלט מען געקאָנט קאָלאָניזירן פּוילישע בירגער (ער איז געווען פאָרזיכטיק גענוג נישט צו דערמאָנען בפירוש יידן) אויפן אינדזל — האָט אָליוויער קאַטעגאָריש די דאָזיקע ווענדונג אָפּגעוואָרפן מיט דער תשובה, אַז די קלימאַטישע באַדינגונגען און די עפּידעמישע קראַנקהייטן מאַכן אוממעגלעך אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע פון אייראָפּעער.

אָבער אין יאָר 1937, ווען עס האָבן זיך געשטאַרקט אין פּוילן די אַנטי־סעמיטישע שטימונגען, האָט די וואַרשעווער רעגירונג געשיקט אַ קאָמיסיע פון דריי פּערזאָן (דער פּוילישער מאַיאָר מ. לעפּעצקי און צוויי יידישע עקספּערטן, לעאָן אַלטער פון „האַיאַס" און שלמה דיק, אַן אַגראָנאָם פון תל־אביב), מען זאָל אויספאָרשן די מעגלעכקייט פון אַ יידישער מאַסן־עמיגראַציע קיין מאַדאַגאַסקאַר.

איך בין גראָד אָנוועזנדיק געווען, צוזאַמען מיט פיל פּוילישע און יידישע זשורנאַליסטן און שרייבער, בעת די דעלעגאַציע האָט אָפּגעגעבן איר באַריכט (אין מינדערהייטס־אינסטיטוט אין וואַרשע) פון דער דאָזיקער עקספּעדיציע. מען האָט אויך געוויזן אַ פילם פון דער גאַנצער „רייזע" אין די ווילדסטע־נישן פון צפון, ווו די „יידישע טעריטאָריע" האָט זיך געזאָלט געפינען. אַמבולטסטן איז מיר געבליבן אין זכרון, ווי אַרום צוואַנציק נעגערס טראָגן אויף האַמאַקן דורכן דזשונגל די דריי „שליחים". אַלע האָבן שוין געהאַט פיבער, און מען האָט זיי געבראַכט דירעקט פון דער עקספּעדי־ציע אין שפּיטאָל... דער מאַיאָר לעפּעצקי האָט געזאָגט, אַז קליינע גרופּעס יידן וואָלט מען יאָ געקאָנט באַזעצן אויף די בערגלעך פון צפון־ראַיאָן, אָבער דיק און אַלטער האָבן דאָס אויך געפונען פאַר אוממעגלעך.

דערווייל האָט די לאָקאַלע פּרעסע (די פראַנצויזישע) אין מאַדאַגאַס־

קאַר אָנגעהויבן אַ שטאַרקן טומל קעגן ברענגען אַהין פּוילישע יידן. וועגן דעם האָבן אויך געשריבן די פּוילישע צייטונגען. און כאָטש דער פראַנ־צויזישער קאָלאָניאַל־מיניסטער מוטע האָט דאַן יאָ געוואָלט, אַז יידן זאָלן קומען, איז אָבער פון דעם פּראָיעקט אין פּוילן גאָרנישט געוואָרן. שפּעטער האָבן אים איבערגענומען די נאַצים אויף אַ קורצער צייט, ווי מיר האָבן דאָס שוין פריער דערמאָנט.

אַלנפאַלס האָט מיך דער דאָזיקער אינדזל אינטריגירט און איך האָב זיך דאָ פאַרהאַלטן אויף אַ פּאָר טעג.

טאַנאַנאַריווע איז איצט אַ שטאָט פון אַ פערטל מיליאָן איינוווינער — די הויפּטשטאָט פון דער יונגער מאַלאַגאַשן־רעפּובליק, וואָס פאַרמאָגט ביי פינף מיליאָן איינוווינער.

די שטאָט טאַנאַנאַריווע איז מאַלעריש פונאַנדערגעבויט. זי דערמאָנט מיך אין חיפה מיט אירע משופּעדיקע גאַסן, מיט אירע הייזקעס אויף די הויכן פון די בערג, מיט איר פּאַרט אין מיטן פון גרינלעכן אָקעאַן.

אָבער, פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע שטאָט איז ווייט פון דעם פּערל פון די ישראל־שטעט — חיפה. עס איז דאָ אַ באַוועגונג פון שטרויענע וועגענער, איינגעשפּאַנט מיט אָקסן און פון טויזנטער אין בונטע ליילעכער איינגעוויקלטע נעגערס, וואָס ברענגען אויף די קעפּ זייערע פּרוכטן פון די דזשונגל־דערפער.

אָבער ווען מ׳פרעגט אַפילו אַן אייראָפּעער — און זיי זענען דאָ ווייניק (איין ווייסער אויף הונדערט שוואַרצע) — צי לעבט זיך זיי איצט בעסער ווי אונטער דער קאָלאָניאַלער פראַנצויזישער הערשאַפט, איז דער ענטפער: „יאָ, בעסער!“

איך בין איבערראַשט געווען צו הערן אַזאַ ענטפער פון אַן אָנפירער פון אַ רייזע־ביוראָ, אַליין אַ פּולער פראַנצויז. און ער זאָגט מיר די סיבה:

„מיר פראַנצויזן זענען פון נאַטור גרויסע ביוראָקראַטן. אַרויסקריגן אַ דערלויבעניש, אָדער עפּעס אַ פּאַפּירל, פלעגט זיין פאַרבונדן מיט צייט און מי. איצטער, ווען די מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון דער אָרטי־קער באַפעלקערונג, קומט אַלץ אָן פיל לייכטער. „די דאָזיקע יונגע אַדמי־ניסטראַטאָרן, כמעט אַלע דערצויגענע אין פראַנצויזישע שולן — זענען נישט קיין ביוראָקראַטן. זיי דעצידירן שנעל, און מערסטנטייל גוט“.

איך האָב זיך שפּעטער אין דעם איבערצייגט, ווען איך בין אָנגענומען געוואָרן דורכן אינערן־מיניסטער פון דער רעפּובליק, תיכף ווי איך האָב

צו אים אַריינגעשיקט מיין זשורנאַליסטן־קאַרטע. ער איז אויך דער הויפּט פון אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון זיין רעגירונג. ער גיט צו מיין דיספּאָזיציע אַן אויטאָמאָביל, וועלכער זאָל מיר ווייזן די מערקווירדיקייטן פון אינדזל, אַ זאַך וואָס די געוויינלעך־קאַרגע פראַנצויזן וואָלטן קיין מאָל נישט געטאָן.

איך פרעג אים, צי ווייס ער עפּעס וועגן די אַמאָליקע פּראָיעקטן פון יידישער קאָלאָניזאַציע.

„ניין, איך ווייס גאָרנישט. און גלייבט מיר, עס איז אַ גליק וואָס פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן. מיר האָבן זיך דאָך נישט ווי אַהינצוטאָן מיט אונדזערע מער ווי צוויי הונדערט טויזנט קינדער, וואָס ווערן יערלעך געבוירן. איך בין דעריבער צופרידן, וואָס אַנשטאָט מאַדאַגאַסקאַר האָבן יידן אויסדערוויילט ישראל, מיט וועלכער, אגב, מיר לעבן אַזוי פריינדלעך און ווילן לערנען פון איר, ווי צו בויען אַ נייע מלוכה. אונדזער פּרעזידענט האָט מיר מיט אַ שעה צוריק מעלעפאָנירט, אַז ער פאָרט אין צוויי וואָכן אַרום אויף אַ באַזוך קיין ירושלים״.

און נאָך אַ מערקווירדיקע זאַך האָב איך באַמערקט אין דעם איצט זעלבשטענדיקן מאַדאַגאַסקאַר: זיי לעבן בשלום און אין ענגן קאָנטאַקט מיט פראַנקרייך. גענעראַל דע־גאָלס בילד האָט אַראָפּגעקוקט צו מיר פון אַלע ווענט אין די רעגירונגס־קאַבינעטן, וועלכע איך האָב באַזוכט.

אָבער אַמאינטערעסאַנטסטן איז פאַר מיר געווען די ידיעה, וואָס דער מיניסטער האָט מיר מיטגעטיילט וועגן אַ שבט, וואָס וווינט אין צפון פון אינדזל און זאָל שטאַמען פון יידן, וואָס האָבן דאָ אויף אַן אומבאַקאַנטן אופן אַריינגעוואַנדערט מיט טויזנטער יאָרן צוריק. ער זאָגט:

„דער דאָזיקער שבט פון עטלעכע צענדליק טויזנט פּערזאָן האָט סעמיטישע שטריכן, היט־אָפּ שבת און איז מל די קינדער״ (אגב, האָט וועגן דעם געשריבן אין זיין בוך דער פראַנצויזישער פאָרשער פון אַפריקע אַלפרעד גראַנדידיע).

אויפן וועג צוריק צו מיין האָטעל דערזע איך אין אַ שמאָל געסל דאָס פלאַטערן פון דער בלוי־ווייסער ישראל־פאָן. עס גיט מיר שטענדיק אַ מאָדנעם „טיאַך״ אין האַרצן, ווען איך דערזע די דאָזיקע פאָן אין די ווייטסטע און אומדערוואַרטסטע ווינקלען פון דער וועלט: אין ציילאָן, אין קאָנגאָ, אין גאַנאַ און אוגאַנדאַ, אין בראַזאַוויל אָדער מאָנראָוויאַ.

איך גיי אַריין אין דער אַמבאַסאַדע און טרעף דאָרטן דעם פריינדלעכן

אַמבאַסאַדאָר י. רופּין און זיין ראַטגעבער גלעדי, ווען איך האָב מיט יאָרן צוריק געטראָפן אויפן אינדזל ציפּערן.

איצט בין איך שוין אין דער היים, און עס הייבט זיך אָן מיין „יידישער" טייל פון דעם מערקווירדיקן באַזוך אויפן אינדזל מאַדאַגאַסקאַר.

*

כאָטש די רעגירונג אויפן אינדזל מאַדאַגאַסקאַר (היינט הייסט עס: מאַלאַגאַשן־רעפּובליק), אין דער פּערזאָן פון אינערן־מיניסטער, האָט מיר אַרויסגעוויזן פריינדלעכקייט — איינגעלאַדן צום פרישטיק, געגעבן אַן אויטאָמאָביל צו מיין דיספּאָזיציע — האָב איך דאָך געפילט זיך איינזאַם: כ׳האָב זיך אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט איבער שמאָלע, באַרגיקע גאַסן, צווישן טונקלהויטיקע מאַלעריש־געקליידטע מענטשן־מאַסן, און עס איז נישט געווען צו וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. איך בין זיך מודה, אַז ביז איך האָב נישט דערזען אויף איינער אַזאַ שמאָלער גאַס די בלוי־ווייסע פאָן פון ישראל, האָב איך גאָר נישט געוווּסט, אַז שוין באַלד אַ יאָר האַלט דאָ ישראל אַן אַ דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטערשאַפט. און איצטער, זיצנדיק מיטן אַמבאַסאַדאָר י. רופּין און זיין געהילף ג. גלעדי, האָב איך שוין געהערט וועגן די פריינדלעכע באַציִונגען צווישן מאַלאַגאַש און ישראל און אויך וועגן אַ גרופּע אָרטיקע יונגעלייט, וואָס קלייבט זיך צו פאָרן קיין תל־אביב זיך לערנען קאָאָפּעראַציע און אַגריקולטור.

„און צי האָט איר געפונען אויך יידן, וואָס וווינען דאָ?" פרעג איך.

די תשובה איז, אַז אויסער דעם פּאָרל אָלשאַנעצקי, וואָס שטאַמען פון רוסלאַנד און וווינען דאָ שוין צענדליקער יאָרן — האָט נישט די אַמבאַסאַדע קיין אַנדערן קאָנטאַקט. „פאַראַן דאָ אַ פּאָר פראַנצויזישע יידן פון אַלטן קאָלאָניזאַטאָרישן טיפּ, אָבער יענע האַלטן זיך נישט פאַר קיין יידן און האָבן נאָך קיין מאָל נישט באַזוכט די אַמבאַסאַדע. עס איז טאַקע טרויעריק, וואָס עס איז דאָ קיין מאָל קיין „סדר" נישט פאָרגעקומען און אויך האָט מען קיין מאָל מיט קיין „מנין" נישט געדאַוונט, ווייל עס פעלן די נויטיקע צען יידן".

פאָר איך דערוויל אַרויס אין דער אַמאָליקער הויפּטשטאָט סאַמבאַוואַ, ווו אויף אַ באַרג, וואָס איז ענלעך צום גריכישן אַקראָפּאָליס, געפינען זיך נאָך כמעט גאַנצע פּאַלאַצן פון אַ גרויסער קעניגין, וועלכע האָט דאָ געהערשט איידער די ווייסע קאָלאָניזאַטאָרן זענען געקומען. זע איך צום ערשטן מאָל,

ווי אַזוי אַ ריזיקער שטיין, אַ מאָנאָליט פון עטלעכע שטאָק הויך, פאַרשליסט דעם וועג ביים אַריינפאָר צום פּאַלאַץ און ווי אַזוי דער דאָזיקער שטיין עפנט זיך לייכט אַרום אַן אַקס, ווען די אַמאָליקע וועכטער פלעגן פון אינעווייניק אַ צי טאָן אַ שטריק: אַ טעכנישע דערגרייכונג, וועלכע איז געווען אַן אַנטדעקונג מיט הונדערטער יאָרן צוריק. און ביימער וואַקסן דאָ, וואָס פלאַמען מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעכער רויטקייט פון בלומען מיט אָפּע־נע מיילער. און פייגל פליען דאָ, אַזוי ווי אויף יעדער פון זיי וואָלט ווער מיט אַ פּענדזל געמאָלן אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן. און דאָ, צווישן זיי, פליט אויך יענער לעגענדאַרער „בלויער פויגל״, וועלכער האָט געדינט מעטערלינקן אַלס טעמע פאַר זיין אומפאַרגעסלעכער סצענע־ווערק מיטן זעלבן נאָמען. „דער בלויער פויגל״, נאָך וועלכן מענטשן יאָגן זיך ווי נאָך אַ סימבאָל פון אייביקן גליק — יאָגן זיך און קאָנען אים קיין מאָל לעבע־דיקערהייט נישט כאַפּן. אָבער זיין געזאַנג, אַזאַ אומעטיקער און האַרצרייסנ־דיקער, טראָגט זיך דאָ אַרום די שטורעמדיקע וואַסערפאַלן, אַרום די גע־היימנישפולע איצט לײדיקע פּאַלאַצן פון דער אַלטער מאַדאַגאַסקאַרער גע־שיכטע: פון אַ מעכטיקער קעניגין, וואָס האָט קיין מאָל נישט חתונה געהאַט, יאָגנדיק זיך נאָך דעם „בלויען פויגל״; פון פּרינץ דאַמבאָוואַלאַ, וואָס זוכט זיין באַשערטע אויפן ברעג פון די אָפּגרונטן און זינגט דערביי: „האָט איר דאָ ערגעץ ווו נישט געהערט דעם געזאַנג פון בלויען פויגל, וואָס וויינט ביים שטורמישן וואַסערפאַל?״

ווען איך קום צוריק אין האָטעל, געפין איך וואַרטן אויף מיר אַן עלעגאַנטע דאַמע, די פרוי אַנאַ אלשאַנעצקי, וועלכע מען האָט פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע מיטגעטיילט וועגן מיין קומען אַהער, און אַז איך אינטערעסיר זיך מיט די יידן דאָ.

זי נעמט מיך מיט צו זיך אַהיים — אין אַ שיינעם, ווייסן הויז, אין אַ מאָלערישער געגנט.

דאָרט וואַרט שוין איר מאַן, דער אַרכיטעקט דניאל אָלשאַנעצקי — אַ רוסישער אינטעליגענט, געבוירן אין פּעטערבורג. די פרוי איז אַן אַדוואָקאַטין ביים העכסטן געריכט. זי שטאַמט פון די דוואָרקינס. אין ווי־טעבסק, אַן אייניקל פון אַמאָל באַקאַנטן דאָרטן העברעישן לערער ר׳ יהושע דוואָרקין (אירע קרובים — די אללענס — וווינען אין ניו־דזשוירזי).

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער פאָטער פון אָלשאַנעצקי, דער דאָק־טאָר שמעון אין פּעטערבורג איז, ווייזט אויס, גאָר אַ מאָל שוין אַוועק פון

יידנטום, אָבער דער זון, פאַראיינזאַמט אין מאַדאַגאַסקאַר, האַלט זיך פאַר אַ פולן ייד. די פרוי זיינע איז אַפילו שוין געווען מיט אַ וויזיט אין ישראל און געקומען פון דאָרט מיט אַ פרייד, וואָס האָט אויך זיך איבערגעגעבן דעם אַסימילירטן מאַן.

און אַזוי זיצן מיר פאַרשמועסטע וועגן ישראל און וועלט־יידנטום, — זיי זענען דורשטיק נאָך אַ גרוס פון אַמעריקע (איז דאָך דער פאַר־שטאָרבענער מוזיקער אַלשאַנעצקי געווען זייערס אַ קוזין). זיי זיצן פאַר־בענקטע נאָך אַ יידישער סביבה, ווען איך דערזע אויף דער פיאַנע אַנט־קעגן מיר אַ גרויסע ווייס־גרויע קאַץ. זי הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו אונדזער געשפּרעך. אַזאַ קאַץ, זעט איר, האָב איך אין ערגעץ נאָך נישט געזען. זי האָט אַ מענטשלעך פּנים, אַ געזיכט פון אַ פרומער יידענע פון אַלטן דור. ווען מיר רעדן, שאָקלט די קאַץ צו מיט איר קאָפּ, אַזוי ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען און מסכים געווען צו דער בענקשאַפט פון אירע בעלי־בתים.

ווען איך הער פלוצלינג אויף רעדן און באַטראַכט מיט פאַרוווּנדע־רונג די מאָדנע קאַץ, באַמערקט פרוי אַלשאַנעצקי מיט אַ שמייכל: „איר זענט נישט דער ערשטער דערשטוינט צו ווערן פון איר אויסדרוק און פון איר צושאָקלען מיטן קאָפּ, ווען מיר רעדן. שוין אַנדערע געסט אונדזערע האָבן דאָס באַמערקט. זי איז מסתם אַן אינקאַרנאַציע, — אַ גלגול אַזאַ, — פון אַ קליינשטעטלדיקער זינדיקער נשמה"...

איך פאַרלאָז מאַדאַגאַסקאַר מיט יענעם געפיל פון באַפרידיקטן רייזע־נייגער, וואָס שליסט אָפּ אַ דורכגעפירטע מיסיע: שוין אויך געזען יענע פאַנטאַסטישע „יידן־היים" פון די פויליש־נאַצישע פלאַנירער. נישט קיין היים און נישט קיין יידן, אויסער אַן איינזאַם יידיש פּאָרל און אַ פרומע קאַץ...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער בין איך געקומען קיין יאָהאַנעסבורג און דאָרט זיך געטראָפן מיטן ספּעציעלן שליח פון ליובאַוויטשער רבין, הרב ר' יוסף וויינבערג. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער קלייבט זיך פליען קיין מאַדאַגאַסקאַר, ווייל אַזוי האָט אים בפירוש אָנגעזאָגט דער ליובאַוויטשער רבי.

איך דערצייל אים אַלץ, וואָס איך האָב דאָרט געזען און אויסגע־דריקט מיין איבערצייגונג, אַז צוליב דעם פּאָרל אַלשאַנעצקי לוינט דאָך נישט צו פאָרן אַזוי ווייט. און געוויס נישט צוליב די אַנדערע צוויי יידן —

דעם אַמבאַסאַדאָר רופין און זיין געהילף גלעדי, וועלכע זענען „חסידים״ פון גאָר אַן אַנדער שיטה ווי ליובאַוויטש.

און דאָ הייבט זיך אָן אַ קייט פון געשעענישן, וועלכע, אויב איר ווילט זיי נישט רופן נסים, טאָ רופט זיי ווי איך: „מערקווירדיקע צו־פאַלן״.

עטלעכע טעג נאָך מיין אָפּרייזן פון יאָהאַנעסבורג האָט דער דאָר־טיקער רב־הראשי, פּראָפ. ל. י. ראַבינאָוויטש, באַקומען אַ בריוו פון מאַדאַגאַסקאַר, געשריבן אין פראַנצויזיש, פון אַ רעגירונגס־עקספּערט מ. לוזאַן, וועלכער בעט דעם הרב־הראשי ער זאָל אים שיקן כשרע פליישׁ־קאָנסערוון פאַר אים און זיין פאַמיליע. לוזאַן קלערט אויף, אַז ער איז איינגעלאַדן אַלס עקספּערט פון אַגריקולטור און איז געשיקט געוואָרן קיין טאַנאַנאַריווע דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג. ער, לוזאַן, האָט אַ קאָנטראַקט מיט דער מאַלאַגאַשער רעגירונג אויף דריי יאָר, אָבער ער האָט דאָרט נישט וואָס צו עסן. ער איז, אגב דאָס אייניקל פון טוניסער הכם (הויפּט־רב).

הרב ראַבינאָוויטש האָט תיכף טעלעפאָנירט הרב וויינבערגן, וועלכער האָט זיך סיי ווי געקליבן פאָרן קיין מאַדאַגאַסקאַר.

און אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרט וואַרט גאָר אַ ייד אויף כשר פלייש, האָט הרב וויינבערג אויסגערופן: „זעט איר שוין, אַז דער רבי איז געווען גערעכט, ווען ער האָט נאָך פריער מיך געהייסן דאָרט פאָרן״.

בקיצור, אָנגעלאָדן מיט כשר פלייש, אָבער אויך מיט אַנדערע „שפּייז״ פון יידישן אַרסענאַל, ווי מזוזות, תפילין און אַפילו אַ שופר, פאָרט הרב וויינבערג צום „ניי־אַנטדעקטן״ מאַדאַגאַסקאַר.

ווי עמיץ וואָלט פון הימל אַראָפּגעפאַלן, אַזוי איז געווען דער אָנקום פון הרב וויינבערג פאַר אַ פרומען יידן אין טאַנאַנאַריווע. מען האָט אים גלייך גענומען אין לוזאַנס הויז. די פרוי פון לוזאַן, אַ גרטע, נאָך איידער זי האָט זיך באַקענט מיט איר פרומען מאַן, — און זייער זונעלע, ווען מען האָט באוויזן נאָך מל צו זיין אין פאַריז פאַר זייער אָפּפאָר — האָבן שוין אויסגעפּילט דעם קורצן וויזיט פון הרב וויינבערג מיט אַן עכט יידישער אַטמאָספער.

אויך הרב וויינבערג, ווי איך האָב דאָס געטאָן, איז גלייך אַוועק אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע און דאָרט האָט ער באַמערקט אַ זאַך, וואָס מייז

אויג האָט דורכגעלאָזן: אויף די טירן זענען קיין מזוזות נישטאָ. מען דערקלערט אים אַפּילו, אַז די מזוזות זענען נאָך אַלץ אין וועג פון ירושלים — שוין באַלד אַ יאָר, אָבער הרב וויינבערג נעמט אַרויס אייגענע מזוזות פון קעשענע און מען קלאַפּט זיי אָן פייערלעך אויף די טירן פון דער אַמבאַסאַדע.

דערוויַיל ווייזט זיך אַרויס, אַז נאָך צוויי יידן, וואָס שטאַמען פון איראַק, וווינען שטילערהייט אין מאַדאַגאַסקאַר. זייערע נעמען זענען סאַול (שאול) און משל. איז אַוועק צו זיי הרב וויינבערג און אויסגעפונען, אַז די דאָזיקע גוטע יידן האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו לערנען זייערע קינדער אַ „צורת אַלף". נישטאָ דאָ ווער עס זאָל עס טאָן. דער ליובאַוויטשער שליח האָט אויך אין די הייזער פון סאַול און משל דורכגעפירט די „אָפּעראַציע" פון צושלאָגן מזוזות, כאָטש די איראַקער יידן האָבן זיך לכתחילה אַ ביסל געקווענקלט. און דעם זעלבן טאָג איז אַ דריטער ייד „אַנטדעקט" געוואָרן, — איינער לעווי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ביעליץ, גאַליציע. געלעבט אין ווין און רעדט דייטש. די איראַקער יידן האָבן אים געקענט פון פריער, אָבער זיי האָבן נישט חושד געווען, אַז ער איז אַ ייד.

הרב וויינבערג האָט זיך דאַן אַ נעם געטאָן צו טאָן עפּעס פאַרן חינוך פון די קינדערלעך — זעקס קינדער, וואָס וואַקסן ביי די אַלע דערמאָנטע משפחות.

ער איבערצייגט מיט אמת־חסידישער התלהבות דעם „פראַנצויז" לוזאָן, אַז כאָטש זיין אויפגאַבע דאָ איז אויסצולערנען די מאַדאַגאַסקאַרער מענטשן אַגריקולטור, האָט ער אָבער נאָך אַ העכערע אויפגאַבע: דאָס איז צו לערנען יידישע קינדערלעך אויפן אינדזל עפּעס פון זייער היסטאָרישער ירושה.

מ. לוזאָן איז טאַקע נישט קיין גרויסער למדן, אָבער חומש און נביאים קען ער יאָ. האָט ער מסכים געווען איין מאָל אַ וואָך לערנען תורה מיט די זעקס קינדערלעך.

און דאָ גייט דאָך צו ימים־נוראים. אמת, קיין מנין קאָן מען נישט צוזאַמענשטעלן. שוין צוזאַמען מיט די אַמבאַסאַדע־יידן רופין און גלעדי. אָבער שופר קאָן מען דאָך יאָ בלאָזן. זאָלן זיי זיך אַלע צונויפזאַמלען ראש־השנה אין לוזאָנס הויז, זאָל מען דאַווענען צוזאַמען און זאָל דער שופר שאַלן און אָנזאָגן די גאולה.

ד״ר חיים שאָשקעס

הרב ווײנבערג האָט אויסגעלערנט דעם פּראַנצויזישן עקספּערט די קונסט פון תקיעות און תרועות. ער האָט אויך צוגעזאָגט צו שיקן מצות און אַלץ וואָס איז נייטיק אויף צו וויסן און אָפּצוהיטן יידישקייט אין דער קליינער, ניי־געפונענער „קהילה" פון מאַדאַגאַסקאַר.

אין די טיפענישן פון אַפריקע

איך האָב שוין עטלעכע מאָל באַזוכט די ענגלישע קאָלאָניעס אין אַפריקע, קעניאַ און אוגאַנדאַ. אָבער קיין מאָל נאָך האָבן דאָ די נייע צייטן זיך אַזוי שטאַרק נישט אָנגעזען ווי בעת מיין וויזיט אין אויגוסט פון יאָר 1961.

אַ פּולשטענדיקע — איך וואָלט געזאָגט — רעוואָלוציאָנערע ענדערונג זינט מיין פריערדיקן באַזוך אין יאָר 1955. נאָך גרעסער איז דער קאָנטראַסט לגבי דעם יאָר 1947, ווען איך בין דאָ געווען צום ערשטן מאָל. עס איז נוצלעך און גוט, אַז מענטשן, ווייסע מענטשן ספּעציעל, זאָלן זיך אַ מינוט פאַרטראַכטן, וואָס די 10—12 יאָר האָבן געבראַכט פאַרן אַפריקאַנישן און אַזיאַטישן קאָנטינענט: עס געדענקט זיך מיר אינדיע אין יאָר 1946, ווען פריער פון אַלץ האָט מען דערליידיקט ביים אַריינפאָרן די מענטשן פון דער „ערן־ראַסע", די ווייסע, און נאָך דעם ערשט די הינדוסן, די באַלעבאַטים פון לאַנד. אַז היינט איז דאָס אַ ביסל אַנדערש, ווייס שוין יעדעס קינד. דאָס איז אַ קליניקייט, אָבער זי וואַרפט אַ העל ליכט.

אין אַפריקע זענען די אונטערשיידן געווען נאָך גרעסער: איך האָב דאָך נישט געקאָנט שמועסן מיט דעם איצט באַרימטן פירער טאָם מבאָיאַ אין מיין האָטעל אין נייראָבי, ווו איך האָב זיך מיט אים באַשטעלט, נאָך דעם, ווי איך האָב געהערט דעם דאָזיקן פלאַמיקן יונגן טריבון רעדן אין אַקראַ, גאַנאַ. ער האָט מיר מתרה געווען, אַז מען וועט אים נישט אַריינלאָזן אינעווייניק אין קאַפע, ווייל ער איז אַ שוואַרצער, און איך האָב מיט אים געשמועסט דאָן אויף אַ באַנק אין גערטל, — קעגנאיבער דעם האָטעל.

איצט איז טאָם מבאָיאַ דער קאַנדידאַט אויף אויסערן־מיניסטער אין דער צוקונפטיקער זעלבשטענדיקער קעניאַ, — און דער אייגנטימער פון זעלבן האָטעל, וואָס האָט אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן (אגב, אַן ענגלענדער, וואָס זוכט איצט אַ וויזע צו עמיגרירן קיין בראַזיל), וואָלט געהאַלטן פאַר אַ כבוד, ווען טאָם מבאָיאַ וואָלט געוואָלט זיין זיין גאַסט.

אַן אייראָפּעער פלעגט זיך ווענדן דאַן, בעת מיינע ערשטע באַזוכן, צו אַן אַפריקאַנער מיטן רוף „באָי", „יונג" — אַפילו דאַן, ווען דער אַפריקאַ־

נער איז געווען אַן עלטערער מענטש, און קיין מאָל נישט באַערט אים מיטן נאָמען. אָט אַזוי, אייגנטלעך, ווערן דאָך איצטער טראַקטירט די אַפריקאַנער אונטער דעם „אַפּאַרטייד״ (געטאָ)־רעזשים אין דרום־אַפריקע.

ד״ר ח. שאָשקעס (אין מיטן) צווישן די נייע בעלי־בתים פון גאַנאַ: קאָזשאַ באָסטיאַ — שטאַט־סעקרעטאַר (רעכטס) און אימאָרו איגאַלאַ — געזונטהייט־מיניסטער (לינקס)

אָבער צום גליק האָבן די ענגלענדער און אויך די פראַנצויזן שכל געהאַט צו געבן זעלבשטענדיקייט, אָדער צוגרייטן צו דעם אַ ריי לענדער איידער

די לופט האָט דאָרט עקספּלאָדירט, און דאָס איז טיילווייז דער פאַל מיט קעניאַ.

געדענקט איר דאָך די בלוטיקע „מאַו־מאַו"־באַוועגונג, ווען שוואַרצע זענען באַפאַלן די ווייסע ענגלישע פאַרמערס און געקוילעט אָן רחמנות אַפילו פרויען און קינדער. זיי האָבן דאָס געטאָן אונטער אַ געהיימען כּישוף־ריטואַל אין דזשונגלס, מיט באַשווערונגען און אומהיימלעכע טענץ, — און אָנגעפירט מיט דער בלוטיקער באַוועגונג האָט אַ באַרדלטער מיסטעריעזער און אין מאָסקווע אויסשטודירטער מענטש, וואָס הייסט קעניאַטאַ, — פון קיקויו־שבט.

די ענגלענדער האָבן נישט געשוויגן. נאָך יעדן אָנפאַל אויף אַ פאַרם, אָדער אין די שטעט, האָט מען אַ סך מערדער געכאַפּט, — אַ „ביסעלע" געמאַטערט, זיי זאָלן אַרויסגעבן די מיטהעלפער, דערנאָך האָט מען טויזנטער צעשאָסן — אָן אַ משפט אַפילו.

אין יענע שווערע טעג פאַר קעניאַ בין איך געווען אויף אַ באַזוך אין נייראָבי און מען האָט מיך געבראַכט אין קליינעם בית־מדרש פון דער יידישער קהילה אין אַ פרייטיק־צונאַכטס. דער חזן האָט אונטער־ן טלית געטראָגן אַ ביקס, און דאָס ביסל יידן — אַ פּאָר מנינים אין צאָל — זענען כּמעט אַלע געווען באַוואָפנט מיט פּיסטאָלעטן. ווייל דאָס איז געווען די נאַכט ווען מען האָט ענדלעך געכאַפּט דעם פירער קעניאַטאַ און מען האָט אים געזאָלט אויף מאָרגן, שבת אין דער פרי, דורכפירן איבער די גאַסן פון נייראָבי, כּדי צו ווייזן, אַז די ענגלענדער האָבן געזיגט און דער פירער איז אין זייערע הענט.

אין דער פרי, ווען די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ באַוואָפנטער לאַגער, בין איך שוין געשטאַנען אויף דעם באַלקאָן פון מיין האָטעל „נאָרפאָלק", כּדי צו זען ווי מען פירט קעניאַטאַן.

אַ ריזיקע פיגור מיט אַ צעפלאַטערטער באָרד, מיט אַ בליק פון אַ צאָרנדיקן לייב, אַזוי האָט מאַרשירט קעניאַטאַ אין קייטן געשמידט. זיי האָבן געקלונגען צום טאַקט און דערמאָנט אַ ווייטן עכאָ פון אַמאָליקע רוסישע טעראָריסטן אין זייער מאַרש אויף קאַטאָרגע.

איצט, מיט פינף יאָר שפּעטער, איז קעניאַטאַ ווידער אין נייראָבי, אָבער נישט אין קייטן געשמידט נאָר מיט אַ בלומענקראַנץ באַצירט. מען פירט אים אין זעלבן האָטעל „נאָרפאָלק", פון וועמעס באַלקאָן איך האָב אים געזען אין זיין קייטן־מאַרש. עס זאַמלען זיך הונדערטער געסט:

אייראָפּעער, הינדוסן, שוואַרצע. עס קומט דער יונגער טונקלהויטיקער „גריכישער גאָט״ טאָם מבאָיאַ, — דער זעלבער, וועלכן מען האָט נישט אַריינגעלאָזט צו מיר אין האָטעל. עס קומען די איצטיקע שוואַרצע מיניסטאָרן פון דער אויטאָנאָמער פּראָווינץ: נייערער און קיוואַנוקאַ, — מיט פינף יאָר צוריק אַרעסטאַנטן פון ענגלאַנד.

באַלד וועט זיין אַ באַנקעט פאַר קעניאַטאַן, ווען מ׳האָט פייערלעך אויפגענומען אין לאָנדאָן און באַקומען פון אים געוויסע, נישט גאַנץ קלאָרע צוזאָגן, אַז ער וועט נישט פירן קיין „מאָסקווער״ פּאָליטיק, אַז ער וועט זיין טאָלעראַנט און לאָיאַל צו די ווייסע (לייען: ענגלענדער), וואָס ווילן בלייבן אין קעניאַ. מיט איין וואָרט: קעניאַטאַ איז איצטער אַ „רעס־פּעקטאַבלער דזשענטלמאַן״, ווען דער ענגלישער קאָלאָניאַל־מיניסטער האָט מכבד געווען אין לאָנדאָן מיט אַ קאָקטייל־פּאַרטי.

און אַז די צוויי הונדערט איינגעלאַדענע געסט (אַכציק ענגלענדער, זעכציק אַפריקאַנער און זעכציק הינדוסן האָבן זיך צעזעצט אַרום די באַנקעט־טישן, האָט קעניאַטאַ צו זיי געזאָגט:

„איר, אייראָפּעער און אַזיאַטן, מוזט זיך אויסלערנען צו לעבן אין דער צוקונפט מיט די אַפריקאַנער ווי גלייכע מיט גלייכע. וואָס שנעלער איר וועט זיך אויסלערנען צוצופּאַסן צו די נייע אומשטענדן, אַלץ ווייני־קער שוועריקייטן וועט איר האָבן מיט אונדז. מיר, אַפריקאַנער, זענען שוין צייטיק געוואָרן. מיר זענען שוין נישט מער קיין „באָיס״ פאַר אייך... מיר גייען שאַפן אַ רעגירונג, אָבער נישט פון געננסטער, נאָר פון קול־טורעלע מענטשן״.

און אַלע האָבן וואַרעם אַפּלאָדירט. אויך די אָרעמע, אַרויסגעשטוי־סענע פון זייער פירערשאַפט ענגלענדער, און אויך די צעשראָקענע פאַר זייערע קראָמען און פאַבריקן — סוחרישע הינדוסן.

*

דעם זעלבן אָוונט גיי איך אויף דער בר־מצוה־פייערונג אין הויז פון דער יידישער פאַרמעגלעכער משפחה קאַטצער, וואָס איז געקומען קיין קעניאַ פון ארץ־ישראל מיט פופצן יאָר צוריק.

אַ רייך הויז מיט אַ שאָטנדיקן גאָרטן, מיט אַ לאָנקע, אויף וועלכער עס זענען צעשטעלט טישלעך פאַר אַן ערך הונדערט געסט. די קאַטצערס האָבן געזוכט צו געפינען מאַטעריעלע באַפרידיקונג דורך זייער

פאַרלאָזן ארץ־ישראל, האָבן זיי דאָס, קענטיק, געפונען. אויב אָבער זיי האָבן אויסער דער „נחלה" געזוכט אויך „מנוחה", איז דער היינטיקער טאָג אַן עדות, אַז די ציינער ציטערן נעבעך אין די מיילער פון די אַלע אַנוועזנדיקע אויף דער שמחה. דער באַלעבאָס אין לאַנד איז שוין נישט מער דער ווייסער מענטש, נאָר קעניאַטאַ, און אין דער אַטמאָספער אַרום די טישלעך פלאַטערט דער געדאַנק: „ווו און ווען זאָלן מיר פאָרן?". שוואַרצע דינער טראָגן טאַקע די בעסטע שפּייזן און געטראַנקען, אָבער אויך די דינער ווייסן שוין, אַז די צייט פון די ווייסע איז אַוועק.

דער יונגער בר־מצווה־בחור האַלט אַ שיינע דרשה אין ענגליש און זאָגט צו צו זיין אַ געטרייער ייד. די דרשה האָט אים אויסגעלערנט דער ניי־אַנגאַזשירטער רב, יוליוס קאַלערבאַך (פון די האַמבורגער).

איך זיץ צוזאַמען ביי איין טיש מיט מיינע אַלטע באַקאַנטע — די משפחה מאַרדיקס — פון קאַרמעליצקע גאַס אין וואַרשע. זיי איז דאָ זייער גוט אַוועק. אַ פיין קאָנפעקציע־געשעפט, אייגענע הייזער. „אָבער — גיט צו, ווי כלאחר יד, די קלוגע פרוי מאַרדיקס, — נישט ווייט פון דאַנען, אין דער פאַרשטאָט פון נייראָבי, זענען פאַראַן הייזער, וואָס ענג־לענדער ווילן אַוועקגעבן אומזיסט, אָבער נאָר צו ווייסע, — און אַזעלכע בעלנים פעלן איצט"... דער דאַזיקער זאָג קלערט אייגנטלעך אויף די גאַנצע סיטואַציע. דער באַדן וואַקלט זיך אונטער די פיס פון יעדן ווייסן מענטשן אין קעניאַ, איינשליסלעך די פאָר הונדערט יידן, וואָס וווינען דאָרט.

פאַראַן אויך אַן אויסנאַם: דאָס זענען די עטלעכע יידן, וואָס זענען דאָ געשיקט אַלס דעלעגאַטן פון דער „אונאָ", אָדער פון אַמעריקאַנער פאָנדן, צו העלפן די „שוואַרצע" איינאָרדענען זייער לעבן און אינסטיטוציעס אין הסכם מיט די נייע באַדינגונגען.

אַזעלכע מענטשן דראָט גאָרנישט. איך דערוויס זיך, אַז גראָד אין מיין האָטעל וווינט מיט זיין פרוי און טאָכטער איינער אַזאַ דעלעגאַט. און כאָטש עס איז אַכט אַ זייגער אין דער פרי, קלאַפּ איך אָן אין זיין טיר, ווייל איך דאַרף אָפּפאָרן אין עטלעכע שעה אַרום.

אַ פריינדלעכער יונגערמאַן, — נאָך נישט אין גאַנצן אָנגעטאָן, — עפנט די טיר. ווען איך אַנטשולדיק זיך און דערצייל, אַז עס ווילט זיך מיר געבן „שלום־עליכם" אַ לאַנדסמאַן אין ווייטן אַפריקע, און איך רוף אָן מיין נאָמען, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער קען מיך. ער איז ד"ר זכריה

סובאָרסקי פון ניו־יאָרק, אַן אינסטרוקטאָר פון ביאָלאָגיע אין פאָרד־פאָנד. ער איז דאָ שוין 18 חדשים און פילט זיך צווישן די „נעיטיווס״ אויסגעצייכנט. אגב, איז ער דער פריינד און תלמיד פון חשובן פּראָפעסאָר סאָל ליפּצין.

ער דערציילט מיר, אַז זיין פאָטער, אַ לערער, שמחה סובאָרסקי, איז געקומען קיין אַמעריקע פון ביאַליסטאָק, גלייך נאָכן פּאָגראָם אין יאָר 1906.

עס קומט אויך צו מיר אין האָטעל די פּרוי שליאַפּאַק. איר מאַן איז גראָד אין דער פּאָרט־שטאָט מאָמבאַסאַ, ווו ער דאַרף ליקווידירן זיין אייגנטום — אַ האָטעל. דאָס איז גאָר נישט אַזוי לייכט. די שליאַפּאַקס, פון שטעטל לאַפּי לעבן ביאַליסטאָק, האָבן זיך דערשלאָגן צו גאָר אַ באַדייטנדיקן פאַרמעגן. צווישן דעם אויך אַ גרויסער האָטעל אין נייראָבי און אַ פאַרם. אָבער ווי קאָן מען פון דעם איצט פּטור ווערן און מאַכן אַ ביסל געלט, כדי זיך איינצואָרדענען אין ישראל? אָדער אפשר גאָר אין ראָדעזיע, ווו דער ברודער איז אַ רב? אָבער אויך דאָרט שאָקלט זיך די ערד...

און דאָ לייען איך אין דער אָונט־צייטונג אַ ידיעה, אַז עס איז צוריק־געקומען קיין נייראָבי אַ דעלעגאַציע פון ענגלישע פאַרמערס, וועלכע זיינען געפאָרן קיין בראַזיל אויספאָרשן די מעגלעכקייטן פון אַ גרעסערער עמיגראַציע אַהין פון די ענגלענדער אין קעניאַ. און די אויסזיכטן זענען גוטע. מוז קומען אויפן געדאַנק די נקמה פון דער געשיכטע: די ענגלישע פאַרמערס אין קעניאַ זענען דאָס געווען די יעניקע, וואָס האָבן אַרויסגע־וויזן די שטאַרקסטע קעגנערשאַפט צום פאָרשלאָג פון אַלטן טשעמבערליין וועגן דעם, אַז יידן זאָלן זיך באַזעצן אין אוגאַנדאַ.

אגב דאַרף מען וויסן, אַז די אַמאָליקע געגנט, וואָס איז פאַרגעלייגט געוואָרן יידן אַלס „נאַכט־אכסניא״ (הערצלס פליגלדיקער אויסדרוק), איז טאַקע געווען אין קעניאַ, נישט אין אוגאַנדאַ, ווי מיר קענען זי היינט. און איצט איז געקומען די „געשיכטע״ און אויף איר אומברחמנותדיקן אופן ליקווידירט די „אייביקייט״ פון ענגלישן באַזיץ: דער ווייסער פאַר־מער נעמט דעם וואַנדער־שטעקן אין די הענט און שפּרייזט זוכן אַ נייע היים קיין בראַזיל, קאַנאַדע, אויסטראַליע.

וואָס פאַר אַ גליק, וואָס די יידן האָבן דאַן זיך נישט געלאָזט אַריינ־ציען אין דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט! שטעלט איר זיך פאָר, וואָס פאַראַ

חורבן עס וואָלט איצט געהערשט צווישן יידישע „סעטלערס"?

דערווייל דערוויס איך זיך, אַז נאָר צוויי יידישע פאַמיליעס זענען געבליבן אין דער אוגאַנדאַ־שטאָט קאַמפּאַלאַ, און נאָך צוויי אין דער טאַנגאַניקער הויפּטשטאָט — דאַר־על־סאַלעם.

*

ווער וויס, ווען איך וועל נאָך אַ מאָל באַזוכן נייראָבי, וואָס פאַרמאָגט גלייך הינטערן שטאָט איינעם פון די גרעסטע חיות־רעזערוואַטן אין דער וועלט. עס ציט מיך שטענדיק אַריינצופאָרן אין יענער אומגעוויינלעכער מלוכה פון חיות, ווו די קאַמפן פאַר מאַכט און שפּייז זענען איין מאָל פאַר אַלע מאָל רעגולירט געוואָרן פון דער נאַטור, און קיין שום איבערקערעניש פון פּאָליטישן כאַראַקטער — פון קאַלטן אָדער הייסן קריג — איז דאָ נישט צו דערוואַרטן. אָט טאַקע אין דער מלוכה פון חיות הינטער נייראָבי האָב איך אַמאָל געזען און באַשריבן דעם פאַרנאַכט, ווען אַ לייב איז אָנגעפאַלן אויף אַ ווילדן בופאַלאָ־אָקס או אים געגעסן אויף „מיטאָג".

איך האָב אויך דאָ געזען די אידיליע, ווי עס קומען טרינקען צום וואַסער די לעאָפּאַרדן און די הירשן, די לייבן און די זעברעס, און ווי בעת דעם טרינקען פאַלט קיינער נישט אָן איינער אויפן אַנדערן. שפּע־טער — יאָ, וויל מען דאַרף דאָך לעבן, אָבער נאָר אין געוויסע רעגולירטע צייטן פון מעת־לעת — צווישן זון־פאַרגאַנג און ליכטיקן פאַרטאָג.

נעם איך אויך איצט אַ טאַקסי און איינער אַליין הייס איך זיך פירן אין דעם קעניגרייך פון די חיות. קיין באַקאַנטע האָב איך דאָ נישט. אויסער די העלפאַנטן, איז דאָך שוין יענער דור, וועלכן איך האָב דאָ געטראָפן מיט 15 יאָר צוריק, כמעט אויסגעשטאָרבן.

לויפן נאָך מיין אויטאָמאָביל געפלעקטע כיענעס און הירשן. באַווייזט זיך אַ בייזער לעאָפּאַרד, אָבער דרייט אָפּ דעם קאָפּ מיט פאַראַכטונג. ליגן אונטער די קוסטעס אַ משפחה פון אַ לייב מיט זיין ווייב און קליינינקע לייבעלעך. זיי שמעקן די לופט און רעאַגירן גאָרנישט אויף דער דערנעענ־טערונג פון אויטאָמאָביל. שפּרייזן פּילאָזאָפיש־רואיק העלפאַנטן און לעבן זיי מאַכן קלאָונישע שטיק די מאַלפּעס־באַבונעס, וועלכע זעען פון דער וווייטנס אויס ווי לייבן מיט זייערע גריוועס און ווידלען, — אָבער פון דער נאָענט דערקענט איר גלייך די מיאוסע מאַלפּע.

אָט אַזוי בין איך צווי שעה געפאָרן צווישן חיות אין דזשונגל און זיך געפּילט זאָרגלאָז און רואיק. ביז — איך בין צוריק אין שטאָט געקו־מען און דערזען אַ דעמאָנסטראַציע פון צעהיצטע, צעווילדעוועטע מענ־טשן, וועלכע האָבן געטראָגן פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן: „זעלבשטענדי־קייט נאָך אין דעם יאָר! קעניאַטאַ אַלס פּרעמיער!״

*

איך בין אָנגעקומען קיין ראָבערטספילד — דאָס לופטפעלד, ווו עס פאַרהאַלטן זיך די אַעראָפּלאַנען, וואָס קומען קיין מאָנראָוויאַ, די הויפּט־שטאָט פון ליבעריע, — אַרום האַלבע נאַכט.

פון ניו־יאָרק האָט מען מיר צוגעשיקט קיין אויסטראַליע אַן איינלאַ־דונג פון פּרעזידענט פון ליבעריע, וויליאַם טובמאַן, מיין פריינד שוין אַ קיימא־לן מער ווי צען יאָר, — אַ „בילעט״ אויף דער חתונה פון זיין „בן־יחיד״ מיט דער טאָכטער פון וויצע־פּרעזידענט פון ליבעריע, דער גערעָטענער שוואַרצער שיינהייט דזשין. האָב איך באַשלאָסן אַזוי מאַנעוו־רירן, אַז איך זאָל זיין דער גאַסט פון חתנס צד: נישט אָפּט באַקום איך איינלאַדונגען אויף חתונות ביי אַ פּרעזידענט.

זייענדיק אין יאָהאַנעסבורג האָב איך אָנגעשריבן אַ לאַנגע טעלע־גראַמע צום פּרעזידענט טובמאַן, מעלדנדיק, אַז איך נעם אָן די איינלאַדונג און וועל קומען מיט דעם מיטנאַכטיקן אַעראָפּלאַן, דאָנערשטיק, דעם 10טן אויגוסט.

אָבער ווען איך האָב די טעלעגראַמע אַוועקגעטראָגן אויפן הויפּט־אַמט, האָט מען מיך אָנגעקוקט מיט שטאַרקן חשד. דער באַאַמטער ביים פענצטערל איז ערגעץ אַוועק און צוריקגעקומען מיט זיין עלטסטן, וועל־כער האָט מיך געפרעגט טרוקן און שטרענג:

„זענט איר אַ בירגער פון דער דרום־אַפריקאַנער רעפּובליק? אויב יאָ, — וועלן מיר מוזן אייער טעלעגראַמע איבערגעבן דער מאַכט: אונ־דזערס אַ בירגער שיקט נישט קיין באַגריסונגס־טעלעגראַמעס אַ פּרעזי־דענט פון אַ נעגער־רעפּובליק״.

איך האָב זיך געכאַפּט, אַז יאָהאַנעסבורג איז דאָס לעצטע אָרט פון וואַנען איך האָב אַזאַ טעלעגראַמע געדאַרפט שיקן.

בקיצור, איך האָב געוויזן מיין אַמעריקאַנער פּאַס, מיינע זשורנאַ־

ליסטישע שיר־המעלותן — און דער „ראַסיסטישער" באַאַמטער האָט מיך געהייסן קומען נאָך אַ תשובה מאָרגן. ווייזט אויס, אַז די פּאָסט־באַאַמטע אין דרום־אַפריקע זענען נאָך אַלץ ליבעראַלער, ווי זייערע קאָלעגן אין די לענדער פון דער אַראַבישער ליגע, פון וואַנען מען שיקט נישט אָפּ קיין בריוו אָדער דעפּעשן קיין ישראל, און מען האָט מיר דערקלערט, אַז „וואָרשיינלעך" וועט מיין דעפּעשע דורכגיין.

און אַז איך בין אַרויסגעשטיגן פון מיין אַעראָפּלאַן אין דער הייסער טראָפּישער נאַכט פון ליבעריע, בין איך גאָר נישט געווען זיכער, אַז מיין טעלעגראַמע איז אָנגעקומען.

אין דער שטיקנדיקער היץ האָב איך זיך געשלעפּט מיט מיינע פּעקלעך צום צאָל־אַמט און גערעדט צו זיך כמעט אויפן קול: „דו אַלטער נאַר! וואָס טוסטו דאָ אַ מידער און דערשעפּטער אין דער דאַזיקער פינצטערער נאַכט? נאָך וואָס יאָגסטו זיך און ווער טרייבט דיך? מוזסטו דען טאַנצן אויף דער חתונה פון אַ שוואַרצן פּרעזידענטס בן־יחיד מיט זיין געראָטענער כלה דושין? און ווי אַזוי וועסטו דורכמאַכן די זעכציק מייל פון לופטפעלד ביז מאָנראָוויאַ, ווען אויך איצט, ווי דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וועט נישט זיין קיין מעגלעכקייט צו דינגען כאָטש אַ צעטרענצלטן אויטאָמאָביל?"

אַ פאַרשוויצטער, פאַרשלאָפענער און מידער וואַרף איך אַוועק מיינע טשעמאָדאַנעס פאַר די שטרענגע אויגן פון בייזן פּאַספּאָרט־ און צאָל־באַאַמטן.

אָבער דאָ גיט מיר פּלוצלינג אַ פריידיקער טיאָכקע אין האַרצן: אַנטקעגן מיר שטייט אַ יונגער אָפיציר, האַלט אין האַנט אַ צעטעלע און טייטלט אויף מיר מיט די פינגער: „צי זענט איר נישט מר. ש.?" „יאָ", שריי איך אויס מיט פרייד. און פון איצטיקן מאָמענט ביז מיין אָפּפאָרן קיין אייראָפּע מיט אַ וואָך שפּעטער, איז שוין דער דאָזיקער יונגער אָפיציר פון מיר נישט אָפּגעטראָטן: ער איז קאָמאַנדירט געוואָרן אין מיין רשות דורכן פּרעזידענט טובמאַן צוזאַמען מיט אַ גרויסן, שוואַרצן „קאַדילאַק", מיטן פענדל פון „ווייסן הויז" (אויך אין שוואַרצן אַפריקע איז דער זיצאָרט פון די הערשער אין אַ ווייסן הויז). בין איך, הייסט דאָס, אין דער היים. מיין טעלעגראַמע איז אָנגעקומען און איך ווער אָנגענומען ווי אַ געהויבענער חתונה־גאַסט צו דער גרויסער שמחה.

עס איז שוין נאָך איינס אַ זייגער אין דער נאַכט און איך רו מלכות־

דיק אין באַקוועמען „קאַדילאַק״, וואָס וועט אין משך פון צוויי שעה דורכ־שניידן פריער די געדיכטע וועלדער, ווו עס וואַקסן מיליאָנען גומי־ביימער און דערנאָך שטיקער פון אַפריקאַנער דזשונגל, וואָס רינגלט אַרום מאָנראָוויאַ.

דורך די אָפענע פענצטער שווינדלען אין די אויגן העלע, אויף בעראָזיעס ענלעכע גומי־ביימער, אויף וועלכע עס הענגען בלעכלעך, ווו עס קאַפּעט אַריין די „דיקע מילך״, די גומי־פעטס, וואָס האָט רייך גע־מאַכט פייערסטאָנען, דעם אייגנטימער, און אויך געגעבן אויף ברויט און רייז די צענדליקער טויזנטער ליבעריער, וואָס וווינען דאָ און אַרבעטן אויף די פּלאַנטאַציעס.

ערגעץ־ווו צווישן די ביימער באַווייזן זיך די פייערן, וואָס פלאַקערן אין די ריזיקע אויוונס, ווו מען גיסט אַריין דעם מיליאָן טעפּלעך מיט דער ווייסער פליסיקייט און עס גייען אַרויס פון דער אַנדערער זייט די גומי־שטאָפּן, דורך וועלכע אונדזער מאָדערנע וועלט קייקלט זיך אויף אויטאָמאָביל־רעדער.

שאַטנס אויפן וועג פּרובירן אָפּשטעלן דעם אויטאָמאָביל און בעטן מען זאָל זיי געבן אַ „ליפט״, — אָבער אַז זיי דערזען דאָס מלוכה־פענדל, ווערן זיין פאַרשווונדן אין דעם געדיכטן וואַלד. מיין מיליטער־באַגלייטער האַלט די גאַנצע צייט דעם אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער נאָענט צו זיין רעכטער האַנט.

איך דרימל איין און כאַפּ זיך אויף דאַן, ווען פינקלדיקע פייערלעך פון וווייטן זאָגן אָן, אַז מיר דערנענטערן זיך צו מאָנראָוויאַ.

מיין באַגלייטער זאָגט מיר, אַז לויטן אויפטראָג פון פּרעזידענט ברענגט ער מיך אין שטילן האָטעל „אַמבאַסאַדאָר״ ביים ברעג פון ים. ער האַלט, אַז איך וועל זיך פילן דאָרט בעסער ווי אין אולטראַ־מאָדערנעם נייעם האָטעל, וואָס ישראל־יידן האָבן געבויט דאָרט הויך אויפן שפּיץ פון באַרג.

דער אַראַבישער אייגנטימער פון מיין האָטעלכל האָט באַקומען אָן אָנזאָג מען זאָל מיך גאַנץ ספּעציעל באַהאַנדלען. מיין האַרץ ציט מיך טאַקע צו „ישראל״ אויפן באַרג, — איך מח זיך אָבער באַפרידיקן מיטן „אַראַבער״ אין טאָל.

ווי ווייט איז שוין ליבעריע אַוועק פאָרויס פון יענעם אָרעמען צימערל, אין וועלכן איך האָב געוווינט מיט צען יאָר צוריק און זיך

געשטיקט אין דער טראָפּישער היץ אונטער דער נעץ איבערן בעט, וואָס האָט פּאָרט דורכגעלאָזן פליגעלעך, וועלכע האָבן מיין בלוט געזויגן.

אויך איצט — אין „אייר קאָנדישאָנד״, מאָדערנעם צימער, זענען פליגעלעך אַריינגעדרונגען און איבערגעלאָזן אַ ים מיט רויטע פּינטעלעך אויף מיין צעביסענעם קערפּער. אָבער דאָס זענען שוין נישט געווען יענע אַמאָליקע פליגעלעך, וואָס האָבן „געאימפּט״ געלן פיבער אָדער די געפּערלעכע „שלאָף־קראַנקייט״. דאָס מאָל האָב איך זיך נאָר אַ ביסעלע געמוזט קראַצן, אָבער נישט אין דער עפנטלעכקייט, נאָר „על משכבי בלילות״.

אין דער פרי האָט שוין אויף מיר געוואַרט מיין יונגער מיליטערמאַן. ער האָט מיר פריער פאַר אַלץ אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל גאָרנישט באַצאָלן אין דעם האָטעל, ווייל אַלץ איז „על חשבון הגביר״ — אויפן חשבון פון דער מלוכה. איצט וועט ער מיך פירן אין פּאַלאַץ, כדי איך זאָל אָפיציעל אָנמעלדן מיין אָנקום. איך האָב מיטגענומען מיין מתנה פאַרן ציגאַרן־רויכערער דעם פּרעזידענט.

געמעלדעט זיך אין „ווייסן הויז״, און מען האָט מיר געזאָגט, אַז פינף אַ זייגער וועט מיך דער פּרעזידענט אויפנעמען. גיי איך דערווייל זוכן ברידער, — דאָס ביסל יידן, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפן דאָ אין משך פון די לעצטע זעקס־זיבן יאָר.

מיט צען יאָר צוריק האָט דאָ געוווינט נאָר איין ייד, — סימאָן סימאָנאָוויטש, דער זון פון באַרימטן אין אַמאָליקן פּעטערבורג קייזערלעכן יובילער סימאָנאָוויטש, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר און פאַר־טרויונגס־מענטש פון גרישקאַ ראַספּוטין.

איך האָב שוין באַשריבן גענוי מיין באַגעגעניש מיט סימאָנאָוויטשן און זיין ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט דאָ אין ליבעריע אַלס רעכטע האַנט פון פּרעזידענט טובמאַן, — אַ בפירוש פּאָזיטיווע ראָלע בנוגע ישראל און די ספּעציאַליסטן און קאַפּיטאַליסטן פון ישראל, וועלכע זענען דאָ אין די פאַר לעצטע יאָרן אַריינגעפאָרן.

איז סימאָן סימאָנאָוויטש פּלוצלינג געשטאָרבן, און זיין קבר — דער ערשטער יידישער קבר — באַצירט מיט אַ מגן דוד, געפינט זיך על „אם הדרך״, אויפן שיידוועג אין מאָנראָוויאַ, ביים אַריינגאַנג צום פּראָטע־סטאַנטישן בית־עלמין, אַ ביסל ווייטער פון די קברים מיט די צלמים.

בין איך שבת אין דער פרי דורכגעגאַנגען ביים איינזאַמען קבר פון

אַלטן פריינד און געזאָגט אים: „גוט שבת, ר׳ שמעון! איר האָט נישט דערלעבט צו זען וואָס די יידן, וואָס איר האָט געבראַכט פון ישראל און פון דער שווייץ, האָבן דאָ אויפגעבויט אין די לעצטע יאָרן, ווי זיי האָבן פאַרוואַנדלט דאָס שטעטעלע מאַנראָוויאַ מיט די הילצערנע כאַטעס אין אַ שטאָט מיט מאָדערנע געביידעס פון מאַרמאָר און גראַניט, ווו עס רייסן זיך צום הימל פילשטאָקיקע בנינים געבויט דורך אינזשענירן, וואָס רעדן עברית...״. גיי איך דאָס איצטער איבער דער הויפטגאַס און זוך די וווי־נונג פון מיין אַלטן פריינד — ר׳ יהושע וויסבוים, — גאָר אַמאָל פון דער זשעלאַזנע־גאַס אין וואַרשע; שפּעטער פון די קנעכט־לאַגערן, שפּעטער פון די דימענטן־סוחרים אין אַנטווערפּן, אַ ייד אַ שומר־שבת און טרייער גערער חסיד, וואָס האָט באַוויזן אין גלות ליבעריע איינצוהאַלטן דעם גאַנצן גלאַנץ פון אָפּגעהיטער יידישקייט, — דער איינציקער טאַקע, וואָס האָט דאָס דאָ דערוויזן.

געדענקט איר, וואָס ער האָט מיר אין איינעם אַ שבת מיט דריי יאָר צוריק געזאָגט?

„האָט היינט געקלאַפּט אין מיין טיר אַ שוואַרצער פון סיעראַ־ליאָנע, וואָס האָט געבראַכט אַ דימענט צו פאַרקויפן, אַ שטיין, מיט וועלכן מען האָט געקאָנט פלעטן דעם קאָפּ, אַזוי גרויס איז ער געווען. אָבער שבת איז היינט, האָב איך נישט געוואָלט רעדן פון מסחר. און דער שוואַרצער האָט נישט געוואָלט וואַרטן ביז מאָרגן, איז ער אַוועק צום קאָנקורענט אַנטקעגן. ווען מען קויפט אָפּ אַזאַ שטיין, איז מען שוין באַזאָרגט מיט פּרנסה אויף אַ גאַנץ יאָר״... אָט דאָס איז דער ייד ר׳ יהושע, וועמען איך גיי איצט זען. איך טרעף אים טאַקע אויפן שוועל פון זיין וווינונג.

מיר כאַפּן זיך אַרום ווי אַלטע ידידים, און איך לייג גלייך אויס פאַר אים מיין בקשה, וועלכע מאַטערט מיך שוין זינט עטלעכע טעג:

„ר׳ יהושע, טייערער, היינט איז כ״ט אָב, דער יאָרצייט נאָך מיין טאַטן ז״ל. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט, זינט די 25 יאָר נאָך זיין פּטירה, נישט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט צו זאָגן „קדיש״ מיט אַ מנין אין דאָזיקן טאָג. איך ווייס, איר האָט דאָס מיר געזאָגט מיט אַ דריי יאָר צוריק, אַז איר ווילט נישט איינאָרדענען קיין „מנין״ מיט די יידן דאָ, וואָס זענען מחלל־שבת בפרהסיא און טוען נאָך אַנדערע האַרבע עבירות. אָבער דאָס מאָל מוזט איר פאַרגעסן אייער האַרטקייט, ווייל אָן אייך וועט קיינער דעם מנין נישט צונויפזאַמלען. וויל איך, אַז היינט צו „קבלת־שבת״

זאָלט איר די צען צעוואָרפענע יידן איבערן שטאָט צונויפזאַמלען. מאַכט אַן התחלה, — וועט שוין אפשר אַ שטענדיקער מנין דאָ געגרינדעט ווערן. אַזוי האָט זיך דאָך דאָס שטענדיק אָנגעהויבן אין די נייע ישובים: דורך אַ יאָרצייט־קדיש, ביז צום דאַווענען צוזאַמען ימים־נוראים; דורך דער ערשטער ספר־תורה, וואָס מען ברענגט אין ישוב, ביז צום לערנען די קינדער אַ ביסל חומש. אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן אין אַרגענטינע, אין אויסטראַליע, אַרום די גאָלד־גרובן פון אַפריקע. איך בעט אייך, ר׳ יהושע, שאַפט מיר היינט אַ מנין״.

ר׳ יהושע ווערט ווייכער:

„איך אַליין פֿאָר אויף ימים־נוראים קיין אַנטווערפּן אָדער ישראל. די יידן דאָ זענען אַזוי אַריינגעטאָן אין מ״ט שערי טומאה, אַז זיי פילן גאָר נישט די באַדערפעניש צו דאַווענען. והראיה, זיי האָבן נאָך קיין איין מאָל קיין „מנין״ דאָ נישט געהאַט... און דער רמב״ם זאָגט, אַז מיט מחללי־שבת בפרהסיא טאָר מען צוזאַמען נישט דאַווענען״...

ענטפער איך:

„זאָגט אָבער הרב קוק, אַז היינטיקע „מחללי־שבת״ ווייסן גאָר נישט ווי האַרב די עבירה איז, זענען זיי דעריבער בבחינת פון זינדיקע בשוגג. — מעג מען יאָ מיט זיי דאַווענען און אפילו צו דער תורה אויפרופן.

אַזוי רעדנדיק, זענען מיר אַרויף צו אים אין שטוב, ווו ער האָט מיך באַקענט מיט זיין פרוי (איר יונגער קאָפּ צוגעדעקט מיט אַ טיכל), — אַן אייניקל פון רבנישן יחוס אין קעלן.

זיין פרוי שטעלט זיך אין גאַנצן אויף מיין זייט און הייסט מיך רואיק גיין צום פּרעזידענט אויף דער אוידיענץ. זי וועט פּערזענלעך באַזוכן די אַלע יידן און איינלאַדן צום „קבלת־שבת״.

„עס וועט זיין אַ „מנין״ אָט דאָ אין שטוב ביי אונדז נישט שפּעטער ווי האַלב זיבן פֿאַרנאַכט״.

בין איך אַוועק אַ באַרואיקטער אין פּאַלאַץ.

*

אויף פינף אָוונט איז באַשטימט געוואָרן מיין אוידיענץ מיטן פּרעזי־דענט טובמאַן.

אַ ביסל האָט שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ צוליב דער „ענג־קייט״ פון דיביידע געשעענישן: די אוידיענץ און דעם אַזוי שווער

אויסגעהאָרעוועטן „מנין״. טאָמער פאַרהאַלט מיך דער פּרעזידענט? טאָמער לאַדט ער מיך איין צו אַ מאָלצייט, — וועט דאָך אַוועק מיטן רויך מיין פאָרשלאָג, אַז מען זאָל אָנהייבן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון קליינעם ישוב אין ליבעריע אַרויסצווייזן דעם סימן מובהק פון קהילה־עמבריאָן: אַ תפילה בציבור. און עס האָט זיך געגלייבט אַז מיין טאַטנס זכות, אין טאָג פון זיין יאָרצייט, וועט ביישטיין, אַז מיין איניציאַטיוו זאָל זיך איינגעבן. געדענק איך דאָך ווי מיט מער ווי פערציק יאָר צוריק האָט מיין פאָטער אָרגאַניזירט אין כאַרקאָוו די ערשטע אָרטאָדאָקסישע שול פון ליטווישע לומדים, וועלכע איז געוואָרן אַ פעסטונג פון יידישקייט, ביז די סאָוויעטישע מאַכט האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ ספּאָרט־צענטער.

דער יונגער גענעראַל מיט אַקסלבאַנדן פירט מיך אַרויף אויף די ברייטע טרעפּ און ברענגט מיך אַריין אין אויפנאַם־צימער, ווו ס׳זיצן שוין איניקע שוואַרצע און ווייסע געסט, וועלכע זענען, ווי איך, איינגעלאַדן געוואָרן אויף פינף אַ זייגער.

מען שטעלט אונדז קעגנזייטיק פאָר: דער וויצע־פּרעזידענט פון דער שכנהשער רעפּובליק איוואָרי קאָסט (העלפאַנטביין־ברעג) מיט זיין שריי־ענדיק בלאָנד ווייב. זעלטן צו זען אַזאַ קאָנטראַסט פון אַ שוואַרץ־ווייס פּאָרל — אָבער, אַז מען איז אַן אָנפירנדיקע פּערזאָן אין אַ מלוכה, קאָן מען זיך אויף אַזעלכע קאָנטראַסטן דערלויבן. לעבן זיי — דער פינאַנץ־מיניסטער טשאַרלי שעראָן, אַן אַלטער ידיד מיינער, מיט וועמען איך האָב אַמאָל עטלעכע וואָכן פאַרבראַכט אין זשענעווע, צוזאַמענשטעלנדיק דעם סטאַטוס פון דער ליבעריער מלוכה־באַנק. און דער אַמבאַסאַדאָר פון קאָנגאָ, און דער דאָקטאָר פונעם פּרעזידענט — אַ דזשענטלמאַן פון ענגלאַנד.

מיר הייבן זיך אַלע אויף ווען טובמאַן, אַן אַ רעקל, אין זיין ווייס־זיידן העמד, קומט אַריין אין צימער. אין זיין וויציקן, נישט פאָרמעלן דרך, הייבט ער אָן דערציילן איינדרוקן פון זיין רייזע אין דער שכנותדיקער הויפּטשטאָט אַבידזשאַן, פון וואַנען ער איז היינט אין דער פרי צוריק־געקומען. איך פיל, אַז די געשיכטע וועט זיך פאַרציען ביז ווייט איבער מעריב, און מיין מנין וועט אַוועק מיטן רויך.

צי איך האָב איבערגעגעבן מיין שטאַרקן ווילן אַוועקצוגיין וואָס שנעלער דורך טעלעפאַטיע צו דעם פּרעזידענט, ווייס איך נישט. מיט מיר זענען שוין אַזעלכע זאַכן געשען אין לעבן. אָבער פּלוצלינג רייסט

טובמאַן איבער זיין שמועס, און איך דערהער מיין נאָמען: „קומט אַריין מיט מיר אין קאַבינעט! איר זענט דאָך געקומען צו מיר פון אַ רייזע אַרום דער וועלט!"

אויג־אויף־אויג מיטן פּרעזידענט, דריק איך אים אויס מיין טיפע דאַנקבאַרקייט, וואָס ער האָט מיך דעם ערשטן איינגעלאַדן אויף אַ שמועס, כאָטש עס זענען געזעסן עטלעכע דיגניטאַרן. שמייכלט דער פּרעזידענט: „איך האָב געכאַפּט אייער בליק, ווי איר קוקט עטלעכע מאָל אויפן האַנט־זייגער, אַ סימן, אַז עפּעס יאָגט אייך, האָב איך געוואָלט אייך קומען אַנט־קעגן".

דערציייל איך אָפנהאַרציק טובמאַנען ווי אַזוי איך וויל באַערן דעם טאָג פון דער פּטירה פון מיין פֿאָטער מיט אַ תפילה, — און דאָס וועט זיין אַ היסטאָרישע געשעעניש אויך פֿאַר ליבעריע, ווייל צום ערשטן מאָל וועלן יידן דאַווענען דאָ לויטן ריטואַל.

זאָגט טובמאַן: „איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, וואָס איר האָט מיר דאָס דערציילט. איך האָב נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק פֿאַרגעלייגט מיין פֿאַרשטאָרבענעם פריינד סימאָנאָוויטש אַ פּלאַץ, אויף וועלכן יידן זאָלן קאָנען בויען אַ בית־תפילה. ביי מיר אין דער רעפּובליק זענען פֿאַראַן קירכעס, מעטשעטן, אַ געבעט־הויז פֿאַר בודאַ, אַ הינדוסישער טעמפּל — פֿאַר וואָס זאָלן יידן זיין אַן אויסנאַם? גיט זיי דאָס איבער".

איך דערוויס זיך פון געשפּרעך, אַז אויך ער איז אונטער אַ שטאַרקן דרוק פון געוויסע אַראַבישע „פריינד", וועלכע פּראָטעסטירן, וואָס ישראַל־פירמעס פירן דורך די גרעסטע בוי־אַרבעטן אין ליבעריע. אָבער ער, טובמאַן, איז צופרידן פון דעם אופן ווי די אַרבעטן ווערן געמאַכט און נאָר מיט דעם רעכנט ער זיך. ער וויל איך זאָל זיין זיין גאַסט אויף דער חתונה פון זיין זון, וואָס קומט די טעג פֿאַר. ער זאָגט מיר אויך אָן די באמת אָנגענעמע ידיעה, אַז צוליב דעם, וואָס עס וועט צען יאָר איצט, ווען מיר זענען מיט אים צוזאַמען אַרויסגעפֿאָרן איבער אַ רייזע דורך ליבעריע און אַז פון דעמאָלט אָן בין איך געבליבן אַן איבערגעגעבענער פריינד אים און זיין רעפּובליק, האָט ער באַשלאָסן מיך צו דעקאָרירן מיטן „גרויסן באַנד פון אַפריקעס אויפלעבונג" — די העכסטע אויס־צייכענונג פון ליבעריע. די פֿאָרמעלע דעקאָראַציע וועט מאַכן זיין אויסערן־מיניסטער גריינעס.

ד״ר חיים שאָשקעס

אויסערן־מיניסטער פון ליבעריע דעקאָרירט ד״ר ח. שאָשקעס
מיט דער אויסצייכענונג: „גרויסער באַנד פון אַפריקעס אויפלעבונג״

עס איז פופצן מינוט נאָך זעקס. איך בין פריי און לויף צו דער וווינונג פון ר׳ יהושע ווייסבוים זען, צי מיין געוואָגטער געדאַנק פון באַערן מיין פאָטערס יאָרצייט דורך אַ מנין האָט זיך איינגעגעבן.

געפין איך אַ שטוב פול מיט יידן, קיין עין הרע! ווו האָט מען זיי דאָס אַלץ געפונען? שמייכלט צו מיר די סימפּאַטישע פרוי פון ר׳ יהושע פון אונטער איר פרומען קאָפּטיכל:

„איך בין איבער די הייזער געלאָפן און פון דאָרט זיי אַלעמען אַרויסגעשלעפּט. שוין צייט דאָ אויך צו עבודת־הבורא״.

„לכו נרננה״, הילכט אַ כאָר פון אַ מאָדנעם צוזאַמענגעלויף פון יידן אין גרויסן צימער פון פרומען דימענטן־הענדלער.

אָט שאָקלט זיך ר׳ יהושע מיטן נוסח גער און אָט בליצט מיט זיינע מזרח־אויגן משה טאָוויל פון איראַן, — אַ בן־הרב.

און דאָרט דאַוונט שטיל דער בראָנדזענער שיארזי פון לבנון פון איין סידור מיטן בלאָסן „דייטשן" ייד (שפּעטער האָלאַנד, אַנטווערפּן, ניו־יאָרק) מ. גאָלדבערגער. און זיין יונגער איידעם לייבוש שטריאַן איז דאָ; און הענעך לופּטיג (אַנטווערפּן, ישראל); און ברונער און יעקב קנאַל, — אַלע אַנטווערפּענער גאַליציאַנער.

שטילערהייט גליטשט זיך אַריין שוין צו „לכה דודי" דער מונקאַטשער אַפּיקורס (איינוווינער פון ניו־יאָרק, סוחר אין ליבעריע) — מ. א. קאַהן.

אים, דעם פאַרביסענעם קעגנער פון אָרגאַניזירן דאָ אַ יידישע קהילה, האָב איך זיך נישט געריכט צו טרעפן ביים דאַווענען.

אָבער אַ יידישע נשמה קאָן מען דען אָפּשאַצן? עס ווילט זיך איבער־חזרן, וואָס דער זעלבער מונקאַטשער האָט מיר געזאָגט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק: „איך וואָלט נישט געגאַנגען דאַווענען אַפילו ווען איר בויט דאָ אַ בית המקדש. מיין שנאה צו די פרומאַקעס ציט זיך נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך בין דעמאָלט געווען אַן עלנט בחורל, וואָס האָט געהאַקט שטיינער אויף אַ שאָסיי לעבן מונקאַטש. מיין באַלעבאָס, וועלכן די דייטשן האָבן איבערגעגעבן דאָס געשעפט פון בויען דעם שאָסיי, האָט מיר פאַר מיין אַרבעט געצאָלט מיט קדחת. קוים געהאַט מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבן. און ער אַליין מיט זיין איידעם, —ביידע „שיינע" מונקאַטשער חסידים, זענען געזעסן אויפן גאַניק פון זייער שטוב לעבן שאָסיי און געפרעסן אַ זאַטן מיטאָג. איך אָבער האָב דאַן געגריזשעט אַ טרוקן שטיק ברויט ביי דער זייט פון וועג. ווען מיינע באַלעבאַטים האָבן געענדיקט זייער מיטאָג, האָט מען מיך, דעם האַלב־הונגעריקן משרת זייערן, צוגערופן צום טיש, אַלס דריטן צו בענטשן במזומן. דאָס האָט מיך „אויס־געהיילט" פון רעליגיע אויף אייביק".

אַזוי האָט מיין מונקאַטשער גערעדט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. אָבער איצט? ער זינגט מיט: „התנערי מעפר קומי!" (שאָקל זיך אָפּ פון שטויב און שטיי אויף"...). ער לייגט אַפילו פאָר, אַז היינטיקע ימים נוראים זאָל מען מאַכן דעם מנין דווקא ביי אים אין דער גראַמער שטוב...

איז אפשר וועט דאָך דאָס נאָר וואָס אָנגעצונדענע פלעמל זיך נישט אויסלעשן און ווערן אַ נר־תמיד?

אַ, איך ווייס, וואָס פאַר אַ נחת־רוח איך האָב דאָרט במרומים פאַר־שאַפן מיין פאָטער ז״ל, ווען איך האָב דווקא דאָ, אין לאַנד פון די אַמאָ־ליקע אַמעריקאַנער שקלאַפן, געזאָגט פאַר אים דעם מיסטישן „יתגדל ויתקדש שמה רבא״ אין טאָג פון כ״ט אב.

*

אַנטקעגן דער שטוב, ווו מיר האָבן געדאַוונט בציבור, פאַרענדיקט מען בויען די ריזיקע געביידע פון פינאַנץ־מיניסטעריום, ווו מיין פריינד טשאַרלי שערמאַן איז דער מיניסטער, און די געביידע ווערט געבויט אין גאַנצן פאַר דעם געלט פון אָט דעם מנין יידישע דימענטן־הענדלער. און עס איז פאַרבונדן מיט אַ ביסל אַן אומעטיקער מעשה: איין מאָל איז דאָ אין מאָנראָוויאַ אַראָפּגעקומען עפּעס אַ פּראַנטעוואַטער פּאַרשוין מיט אַ פּייערדיקער צונג און ציגיינערישע אויגן, זיך אַרומגעקוקט, ווי נעגערס פון גוויניי, דאַהאָמעי, קאָנגאָ און סודאַן ברענגען איינגעניית אין זייערע פּאַרביקע טאָגעס אָדער ווייסע ליילעכער, אָדער גאָר אין מאָגן איינגע־שלונגענע, מאָטע שטיינדלעך. אַנדערע קליין ווי אַרבעסלעך, אַנדערע גרויס ווי באָב. און אַז דער פּאַרשוין האָט דערזען, אַז יידן האָבן פּרנסה בריווח פון אויפקויפן אָט די „קיטניות״, איז ער אַוועק צום פינאַנץ־מיניסטער און דערקלערט בזה הלשון: „וואַרף זיי אַלעמען אַרויס פון לאַנד, אָט די בלוט־זויגערס. איך וועל דיר געבן אַ מיליאָן דאָלאַר פאַר דער קאָנצעסיע פון אויפקויפן די אַלע דימענטן. אָבער איך וויל זיין איינער אַליין״.

האָט דאָס געקלונגען לאָגיש אין די אויערן פון שררה און די גזירה איז שיער, שיער נישט אונטערגעשריבן געוואָרן.

פאַרשטייט איר דאָך, אַז די פּיפּיקע דימענטן־הענדלער פון אַנט־ווערפּן, פון לבנון און פון ישראל האָבן זיך נישט געוואָלט לאָזן אַוועקנעמען די פּרנסות. האָט מען זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויפן פּאַרשוין מיט די ציגיינערישע אויגן. מען האָט אָנגעהויבן טיף גראָבן, ביז מען איז דער־גאַנגען, אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי דער באַרימטער עדות־פּראָוואָקאַטאָר אויף דעם פּראָגער סלאַנסקי־פּראָצעס, וואָס האָט געשיקט אַ טוץ „קאָמוניסטיש־יידישע״ מיניסטאָרן צו דער תליה...

צו פיל האָט מען מיר אויך נישט געוואָלט דערציילן, ווייל דער אופן, ווי אַזוי די יידן זענען פּטור געוואָרן פון פּראָוואָקאַטאָר איז, ווייזט אויס, אויך קיין גאָר שיינע נישט געווען: מען איז אָנגעקומען צו שוחד, מסירה,

אינטערנאַציאָנאַלע שפּיאָן־אַגענטן. בקיצור: דער פֿאַרשוין איז אַנטרונען. אָבער דעם מיליאָן דאָלאַר, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דער רעגירונג, האָט שוין יענע נישט געוואָלט פֿאַרלירן. וואַקסט דעריבער די געביידע פֿון פינאַנץ־מיניסטעריום אויפֿן חשבון פֿון די יידן, וואָס האָבן געראַטעוועט זייער פּרנסה.

בעת מיין פֿריערדיקן באַזוך אין ליבעריע איז דאָ דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר געווען חנן יבור, אַ קיבוצניק. היינט איז ער אַמבאַסאַדאָר אין ריזיקן נייעם לאַנד ניגעריע מיט קרוב פֿערציק מיליאָן איינוווינער. עס איז צו שטוינען, ווי יונגעלייט פֿון די קיבוצים אין עמק אָדער גליל זענען שנעל פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין גלענצנדיקע דיפּלאָמאַטן — זענען אַרויסגעשפּרונגען פֿון די קורצע כאַקי־הייזלעך און אַריינגעשפּרונגען אין די פֿראַקן און צילינדערס. ס׳איז אַ כלל אין אַפֿריקע: וואָס קלענער און אָרעמער דאָס לאַנד, אַלס העכער און גלאַנציקער זענען די צילינדערס פֿון די דיפּלאָמאַטן דאָרטן.

איצט טרעף איך אין מאָנראָוויאַ אַן אָריגינעלן ישראל־דיפּלאָמאַט, אַ תימנער יונגערמאַן — ירוחם כהן. ער איז דאַר און קליין און טונקל, אַזוי ווייט, אַז ווען איך בין אַריין אין דער געביידע פֿון דער אַמבאַסאַדע און אים דעם ערשטן באַגעגנט, האָב איך אים געבעטן מיר ווייזן ווו עס אַמטירט דאָ דער אַמבאַסאַדאָר פֿון ישראל. האָט ער מיר געענטפֿערט מיט אַ שמייכל פֿון עניוות, אַז דאָס איז טאַקע זיין ביטערע פּרנסה...

שפּעטער, ווען מיר זענען שוין געזעסן ביי אים אין רחבותדיקן קאַבינעט, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אָט דער תימנער יונגערמאַן איז דאָס געווען יענער ישראל־אָפֿיציר, מיט וועמען די עגיפּטער אין באַלאַגערטן פֿאַלודזשאַ האָבן אונטערגעהאַנדלט וועגן קאַפּיטולאַציע בעת דער „באַפֿרייונגס־מלחמה". און נאַסער איז דאָס געווען דער אָפֿיציר, מיט וועמען ירוחם כהן האָט אונטערגעהאַנדלט. און דער אַמבאַסאַדאָר מישט טאַקע אויף פֿאַר מיר די דאָזיקע שטעלע אין נאַסערס בוך: „עגיפּט ליבעריישאָן", ווו דער מצרישער דיקטאַטאָר לויבט דעם ישראל־אָפֿיציר, וואָס זיצט איצט פֿאַר מיר, פֿאַר זיין טאַקט און קלוגער האַנדלונג. אגב, דערציילט מיר דער אַמבאַסאַדאָר, אַז נאַסער איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן פֿון אַ ישראל־קויל נישט אין רוקן, ווי מען האָט איבערגעגעבן, נאָר אין אויבערשטן טייל פֿון אָרעם.

אויפן אומאָפּהענגיקייט־יום־טוב אין ליבעריע
פון לינקס: יאַפּאַנישער אַמבאַסאַדאָר, ד״ר ה. שאַשקעס, פּרעזידענט פון ליבעריע
און מיניסטאָרן פון גאַנאַ

ד״ר חיים שאָשקעס

*

און אָט פאָרן מיר אַלע — די „מחותנים פון חתנס צד״ — אין לאַנגן קאָרטעזש אויטאָמאָבילן, וואָס פירט צו דער פאַרם, ווו די חתונה־צערע־מאָניע וועט פאָרקומען.

אינסטרומענטן פון די צייטן פון תובל־קין ברענגען אַריין אין עקס־טאַז די יונגע מיידלעך פון ווייטן הינטערלאַנד, וואָס מען האָט אַהער געבראַכט, כדי זיי זאָלן משמח זיין חתן־כלה.

אַרום אונדז — דער אורוואַלד מיט זיינע פאַרפּלאָנטערטע דורך גירלאַנדן־ליאַנעס טיפענישן.

עס הערן זיך די טעמפּע פויקן־קלאַנגען פון „טאַם־טאַם״. איך שליס צו אין מידקייט מיינע אויגן און „דערזע״: פאַרויס מאַרשירט דער מנין יידן, וואָס זענען געקומען ענטפערן „אָמן״ אויף מיין „קדיש״ אין יאָרצייט־טאָג נאָך מיין טאַטן.

צווישן יידן אין קאָנגאָ

די נאַכט האָב איך איבערגענעכטיקט אין לעאָפּאָלדוויל — די הויפּט־שטאָט פון קאָנגאָ — אין דעם נאַכט־קאַבאַרעט, ווייל אַלע האָטעלן זענען באַזעצט מיט די מיליטערלייט פון דער „אונאָ". מיין צימער מיט אַ גלעזערנער טיר איז אַרויס דירעקט אין גאָרטן, וווּ ביזן העלן פאַרטאָג האָט געשפּילט מוזיק און עס האָבן געטאַנצט פּאַרלעך: שוואַרצע מיט שוואַרצע און ווייסע מיט ווייסע.

מיט דריי יאָר צוריק, בעת מיין פריערדיקן וויזיט אין קאָנגאָ, וואָלט מען גאָרנישט געקאָנט טראַכטן, אַז אַ שוואַרצער מענטש זאָל זיך אַזוי שפּעט אין דער נאַכט געפינען אויסער די טויערן פון זיין „געטאָ", עטלעכע מיילן ווייט פון שטאָט־צענטער.

אַ שוואַרצער האָט געקאָנט זיך באַוועגן אין אַלע גאַסן נאָר ביז ניין אָוונט. דאָס איז שוין געווען אַ ליבעראַלע פּאָליטיק פון די בעלגיער; אין שכנותדיקן ראָדעזיע, אָדער אין ווייטערן דרום־אַפריקע, מעג זיך איצט נאָך אַ שוואַרצער געפינען אין די גאַסן פון שטאָט נאָר ביז זיבן פאַרנאַכט. שפּעטער, אין ספּעציעלע אויטאָבוסן פאַר שוואַרצע, ווערט ער געבראַכט אין זיין געטאָ. טאָמער אַלס וועכטער אָדער דינער בלייבט ער אין שטאָט מיט ווייסע באַלעבאָטים — מוז ער האָבן אַ ספּעציעלן פּאַספּאָרט מיט זיך.

אין בעלגישן קאָנגאָ אָבער האָט מען דערלויבט שוואַרצע אַפילו זיצן אין קאַפעהייזער אין משך פון טאָג. אין האָטעלן האָבן זיי נישט געקאָנט וווינען, אויב זייער הויט איז געווען צו טונקל. ווען אַ הויכער באַאַמטער פון וואַשינגטאָנער סטייט־דעפּאַרטמענט — אַ נעגער — איז דאָ געקומען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק און געבעטן דורכן טעלעפאָן אַ צימער — האָט מען אים אָן שום קווענקלעניש געפרעגט: „ווי טיף־שוואַרץ איז אייער פּנים?"...

נו, איצטער האָט זיך דאָס אַלץ, פאַרשטענדלעך, געביטן. די באַלעבאַטים זענען די שוואַרצע — און נאָר זיי.

בין איך געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן, ווי פאַרהאַלטן זיך די שוואַרצע אין באַצוג צו ווייסע?

ווייל איך פעסטשטעלן, אַז איך האָב זיך פּערזענלעך באַגעגנט מיט דער גרעסטער העפלעכקייט. כמעט אַלע אין לעאָפּאָלדוויל רעדן מער אָדער ווייניקער פראַנצויזיש, און דאָס פאַרלייכטערט די קאָמוניקאַציע אין אַ לאַנד, ווו די שבטים ריידן נאָך זיבעציק שפּראַכן.

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, אַקאָמפּאַנירט מיט געזאַנג און טענץ הינ־טער מיין פענצטער, גיי איך אַרויס אין פריען פאַרטאָג אין גאַס אַריין. איך פרעג דעם פּאָרטיער פון קאַבאַרעט, ווי ווייט איז צום צענטער שטאָט? זאָגט ער, אַז עטלעכע מייל פון דאַנען, אָבער קיין טאַקסי וועל איך אַזוי פרי נישט באַקומען. איך וועל דאַרפן אָפּשטעלן אַ דורכפאָרנדיקן אויטאָ־מאָביל און בעטן אַ „ליפט". דערווייל באַקום איך די ערשטע לעקציע פון קאָנגאָס עקאָנאָמיע: איך גיב דעם פּאָרטיער אַ פינף־דאָלאַר־פּאַפּירל צו טוישן אויף קאָנגאָ־פראַנקן. דעם קורס ווייס איך פריער: פופציק פראַנק פאַר אַ דאָלאַר. אָבער דער פאַרטיער גיט מיר אומגעבעטענערהייט גאַנצע הונדערט פראַנק פאַר אַ דאָלאַר. פאַרשטיי איך שוין, אַז ווען איך קוועטש מער — וואָלט ער געגעבן אַ העכערן קורס, אָבער דערווייל באַגנוגן איך זיך מיט די הונדערט פראַנק, און אַלץ מאַכט אויס פאַרהעלטנישמעסיק ביליק לויט אַזאַ אינפלאַציע־קורס.

שטיי איך אויפן שאָסיי און וואַרט אויף אַן אויטאָמאָביל. שטעל איך אָפּ אַ מיליטערישן וויסן „דזשיפּ" פון דער „אונאָ". אַ יונגער נאָרוועגי־שער סערזשאַנט איז צופרידן מיך מיטצונעמען. דאָס בלאָנדע בחורל שטעלט שפּעטער אָפּ דעם „דזשיפּ" נישט געבעטענערהייט, ווען ער באַ־מערקט צוויי שוואַרצע אייראָפּעיש־געקליידטע באַאַמטע שפּרייזן צו פוס אין דער ריכטונג פון שטאָט: „לאָמיר זיי העלפן, עס איז גוט פאַר אונדזער פרעסטיזש!" און ער נעמט אַריין אין „דזשיפּ" די צוויי שוואַרצע, וועלכע דריקן אים אויס טיפע דאַנקבאַרקייט. מיר געפעלט דאָס.

איך האָב מיט זיך אַ בריוו, וואָס מיין גוטער פריינד אייבעל שאַבאַן אין יאָהאַנעסבורג האָט מיר געגעבן מיט עטלעכע טעג צוריק.. דער בריוו איז אַדרעסירט צו זיינעם אַ ביזנעס־פריינד מאָריס אַלהאַדעף, און ווי־ שאַבאַן האָט מיר דערקלערט, איז דער דאָזיקער אַלהאַדעף נישט נאָר אַ געשעפטס־מענטש, נאָר אויך אַ טשיקאַווער טיפּ און וועט מיר שטאַרק צו נוץ קומען.

אַזאַ בריוול אין אַ ווילד־פרעמד לאַנד איז פּשוט אַן אוצר — דאָס איז ווי אַ לאָמטערן אין אַ פינצטערער נאַכט. קיין אַדרעס אויפן קאָנווערט

איז נישטאָ. פאַרפאַר איך מיטן „דזשיפ״ צום שענסטן האָטעל אין שטאָט, „רעגינאַ״, מיט דער האָפענונג, אַז דאָרטן וועל איך דעם אַדרעס אויסגע־פינען.

דער פּאַרטיער פון האָטעל גיט מיר אַ שוואַרץ יינגל, ער זאָל מיך פירן צו אַלהאַדעפּס וווינונג, אָט דאָ, נישט ווייט, אין צווייטן קוואַרטאַל.

קום איך צו אַ גרויסן פאַרמאַכטן הויף מיט אַ סך געביידעס: דאָ איז דאָס פּריוואַט־הויז און אייניקע פאַבריקן פון יידישן גביר. די טירן און גרינע לאָדנס פון זיין וווינונג זענען נאָך פאַרמאַכט: מען שלאָפט דאָרטן. אָבער אַ יונגער ווייסער באַאַמטער, אַ שוועד, פירט מיך דערווייל אַריין אין איינער פון די פאַבריקן פון באַלעבאָס. דאָס איז אַ פאַבריק פון העמדער. זי איז שוין פול אין דער דאָזיקער פריער שעה מיט אַרבעטער, קרוב פינף הונדערט מענטשן. איר זעט די נייסטע מאַשינען. עס איז שטיל אין די זאַלן און עס פילט זיך אַ שטאַרקע דיסציפּלין. עטלעכע ווייסע מייסטערס באַוועגן זיך צווישן די טישן. דאָס איז די גרעסטע העמדערפאַבריק אין קאָנגאָ. לויטן אָפיציעלן פראַנק־קורס וואָלט דאָ אַ העמד געקאָסט דריי דאָלאַר, לויטן פאַקטישן — נישט מער ווי אַנדערהאַלבן דאָלאַר. אַן אַרבע־טער פאַרדינט דורכשניטלעך אַ דאָלאַר אַ טאָג. איך געפין אויס, אַז די אַרבעטס־באַדינגונגען זענען דאָ די זעלבע, ווי אין אַרגענטינע אָדער אורוג־וויי — אַ קאָמפּלימענט פאַר קאָנגאָ, וואָס איז דאָך נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון אַ קאָלאָניאַלן רעזשים מיט ביליקע אַרבעטס־הענט.

מען זאָגט מיר אָן, אַז אַלהאַדעף וואַרט שוין אויף מיר מיטן פרישטיק. אויפן גאַניק פון זיין גרינעם הויז באַגעגנט מיך מיט אַ פריינדלעכן שמייכל אַ דיקלעכער הער מיט צעפּלאָשעטע ווייסע האָר, אַ באַוועגלעכער און די־נאַמישער. מען האָט אים שוין איבערגעגעבן שאַבאַנס בריוו און ער איז גרייט צו טאָן פאַר מיר אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך.

מיר גייען אַריין אין ערשטן צימער, וואָס זעט אויס ווי אַ מוזיי: פיין אויסגעשניצטע פיגורן פון העלפאַנטביין, בילדער אין פאַרבן פון פאַר־שידענעם גרויס. אויף דער פאָדערשטער וואַנט — אַ בילד פון פּרעזידענט קאַסאַוווּבו; פון הויפּט־קאָמאַנדיר, גענעראַל מאָבוטו און פון — בן־גוריון. איבער זיי: אַן אַלטער ייד אין אַ טערקישן פעז מיט אַ ווייסער לאַנגער באָרד. „דאָס איז מיין זיידע, דער אַמאָליקער ראש־הקהל אויפן אינדזל ראָדאָס (דאַן געהערט צו טערקיי), פון דאָרט בין איך דאָ אַלס יונגערמאַן געקומען. פון דאָרט זענען כמעט מיר אַלע, די קאָנגאָ־יידן, געקומען. נו,

און איצט בין איך דער ראש־הקהל דאָ. מיט דעם אונטערשייד, וואָס מיין זיידע אין ראַדאָס האָט „געהערשט״, אַזוי צו זאָגן, איבער פֿינף טויזנט נפשות, און איך דאָ האָב אין גאַנצן פופציק יידן. געווען זענען הונ־דערט און פופציק פֿאַר דער מהומה, אָבער די מערהייט פון זיי איז זיך צעלאָפֿן״.

אַלהאַדעף רעדט אַ גלענצנדיקן פראַנצויזיש און אַ פליסיקן ענגליש. אַ חוץ דעם — טערקיש, איטאַליעניש, אַראַביש און אַ פּאָר אָרטיקע קאָנגאָ־שפּראַכן. אַן אמתער לעוואַנטינער!

מיר זיצןביים טיש צוזאַמען מיט זיין פרוי — זיין צווייטע פרוי. איך פרעג נישט, אָבער איך מיין, אַז זי איז אַן עכטע בעלגיערין.

אַלהאַדעף וויזט זיך אַרויס פֿאַר אַ גרויסן פּאַטריאָט פון קאָנגאָ. ער האַלט, אַז דער ווייסער מענטש איז דאָ כדי צו געבן און נישט צו נעמען. ער זאָגט, אַז די קאָנגאָ־פירער גלייבן אין אים און רופן אים „דער מענטש וואָס האָט ליב דעם נעגער״.

ער ווייזט מיר זיין „גאַסט־בוך״, אין וועלכן איך געפין צושריפטן פון אַ גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל באַרימטע פערזענלעכקייטן — פון עדליי סטיווענסאָן ביזן ישראל־גענעראַל דייַן. איך זע אויך אַן אייגנהענטיקן דאַנק־בריוו פון איצטיקן פּויפּסט: „אייער וווּנדערבאַרע מתנה, דער אַנטיק־לאָמפּ, הענגט שוין אין וואַטיקאַן און באַשיינט די אומשטערבלעכע ווערק פון מיקל אַנדזשעלאָ״...

פון אַ קרישטאָל־וואַזע אויפן טיש, ווו מיר עסן, נעמט אַלהאַדעף אַרויס אַ בריוו, געשריבן מיט דער האַנט אין פראַנצויזיש אויף אַ פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז אָפּגעדרוקט: „ביוראָ פון פרעמיער־מיניסטער פון קאָנגאָ״. די דאַטע איז: דעם 30סטן אָקטאָבער 1960. די אונטערשריפט: „לומומבאַ״. פרעג איך אַן איבערראַשטער: „אָבער לומומבאַ איז דאָך שוין געווען דאַן אַרעסטירט, ווי קומט דאָס, וואָס ער שרייבט זיך אונטער פרעמיער־מיניס־טער?״

זאָגט אַלהאַדעף: „דאָס בריוול איז טאַקע אַרויסגעשמוגלט געוואָרן פון תפיסה. ווייזט אויס, אַז ביי לומומבא זענען נאָך דאָרט געבליבן עטלעכע בלאַנקעטן פּאַפּיר פון זיין אַמאָליקער גרויסקייט. לייענט, אדרבא, וואָס ער שרייבט מיר״.

דער בריוו איז געשריבן אין אַ גוטן, ליטעראַרישן פראַנצויזיש. ווי ווייט מיר איז באַוווּסט, איז נאָך וועגן אָט דעם דאָזיקן בריוו, וועלכער

איז דער לעצטער גרוס פון לומומבאַן, איידער מען האָט אים אַריבער־געפירט קיין קאַטאַנגאַ און דאָרט דערמאָרדעט, גאָר נישט געווען אין דער פּרעסע. לומומבאַ טיטולירט אַלהאַדעפן „טייערער פריינד״ און שרייבט צווישן אַנדערן:

„איך דאַנק אייך אַזוי שטאַרק פאַר דער מתנה, וואָס איר האָט מיר געשיקט. זי איז אין די איצטיקע אומשטענדן דאָס בעסטע וואָס איך האָב געקאָנט דערוואַרטן.

„איך טראַכט איצט נאָר וועגן מיין אָרעמער פאַמיליע, און מער ווי אַלץ וועגן מיין טייערן פאַטערלאַנד קאָנגאָ. איך וויל עס זעען פריי און אומאָפּהענגיק און שטאַרק אַזוי, אַז קיין שום שונא זאָל עס נישט קאָנען אָנרירן. איך שטרעב צו בלייבן קאַלטבלוטיק ווי נאָר עס איז מעגלעך אונטער די איצטיקע אומשטענדן מיינע.

אייער איבערגעגעבענער

לומומבאַ,

פּרעמיער־מיניסטער״.

אַ רירנדיקער, שטאָלצער בריוו פון אַן אַרעסטאַנט, וועלכער וויל קיין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז ער איז דער פּרעמיער־מיניסטער...

פרעג איך אַלהאַדעפן: „וואָס פאַר אַ מתנה האָט איר דאָס געשיקט לומומבאַן, פאַר וועלכער ער דאַנקט אייך אַזוי?״

ענטפערט ער: „אַ ריין, ווייס העמד, טאַקע דאָס העמד, וואָס איז אויף אים געווען ווען מען האָט געפונען זיין קערפּער. מער האָט מען מיר נישט דערלויבט אים צו שענקען״.

איצטער באַזאָרגט אַלהאַדעף מיט העמדער די גאַנצע אַרמיי פון קאָנגאָ. און נישט נאָר מיט העמדער, נאָר אויך מיט הויזן און מונדירן.

ווען מיר זענען געגאַנגען שפּעטער מיט אים אין גענעראַל־שטאַב צו זען דעם קאָמאַנדיר מאָבוטו, האָט אַלהאַדעף מיטגענומען מיט זיך אונטערן אָרעם עטלעכע מוסטערן פון דעם דורך אים פּראָיעקטירן נייעם אוני־פאָרם פאַר דער אַרמיי.

„פאַר וואָס האָבן צו אייך אַזאַ גרויסן צוטרוי די היינטיקע הערשער פון קאָנגאָ?״ פרעג איך מיין גאַסטגעבער.

„ווייל איך בין איינער פון יענע זעלטענע ווייסע, וואָס האָבן די גאַנצע

צייט, נאָך ביים ענגלישן רעזשים, געגעבן דעם לאַנד און זיינע איינגע־בוירענע איינוווינער מיין האַרץ און ליבע. איך האָב זיך באַקענט מיט די פעיקייטן פון היגן מענטש צו סקולפּטור און מאָלעריי און געגרינ־דעט די „פּאָלקסקונסט־שולע״, וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע פּלע־יאַדע פון שניצער און מאָלער, וועמענס ווערק ווערן עקספּאָרטירט אין דער גאַנצער וועלט. אָט דאָ אין הויף ביי מיר געפינט זיך די גראַפישע אָפּטיילונג פון דער שולע.

„די אַרבעטס־באַדינגונגען אין מיינע פאַבריקן זענען אויך שטענדיק געווען די בעסטע פאַרן אָרטיקן מענטש. און איך בין אויך נישט אַנטלאָפן פון דאַנען, ווי די איבעריקע פאַרמעגלעכע ווייסע מענטשן, ווען דער שטורעם איז געקומען. איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אַ רעזשים פון די שוואַרצע.

„אגב, דאַרפט איר וויסן, אַז דאָס אַריבערגיין פון דער בעלגישער הערשאַפט צו דער קאָנגאָ־זעלבשטענדיקייט איז פאַרגעקומען גאַר אומ־דערוואַרט: די בעלגיער האָבן געגעבן פיל מער, וויפל מען האָט פון זיי געפאָדערט״...

אַלהאַדעף וויל נישט קאָמענטירן דעם לעצטן אַרויסגעזאָגטן געדאַנק. זאָל דאָס מיינען, אַז דער ווייסער מענטש האָט פאַרלוירן זיין קאָפּ און זיין מוט שוין ביים ערשטן דרוק און אַנשטאָט זיך אַראָפּלאָזן אויף „רעסאָרן״ איז ער געשפּרונגען דורכן פענצטער און זיך צעבראָכן דעם קאַרק?...

„מיין באַציאונג צו ישראל? איך האָב דאָך דורך די גאַנצע דרייצן יאָר פּראָפּאַגירט ישראל אין קאָנגאָ. געווען איר ערשטער ערן־קאָנסול דאָ, ביז עס איז געקומען דער אַמבאַסאַדאָר פון דער מדינה.

„איר וועט מסתמא ביי מיר עסן „לאָנטש״. האָב איך איינגעלאַדן צום עסן דעם ייד יצחק מאַיאָ, אויך פון ראָדאָס, דער זון פון אונדזער געוועזע־נעם חזן, וואָס איז אַוועק קיין ישראל. ער איז אַ גוטער ייד און וועט מיט אייך ריידן עברית. ליידער קען איך שוין נישט שרייבן העברעיש, אָבער דאַוונען קען איך. עס איז אָבער נישטאָ ווו. מיר האָבן אונדזער איינציקע ספר־תורה, אין דער מהומה, אַוועקגעשיקט קיין ישראל צוזאַמען מיטן חזן...

„נו, איצט וועל איך אייך פירן צו די רעגירונגס־מענטשן און איבער דער שטאָט. איך וועל שוין היינט, צוליב אַזאַ גאַסט ווי איר, אין מיינע געשעפטן נישט גיין!״

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין אינטערעסאַנטער טאָג אין קאָנגאָ. עס האָבן זיך פאַר מיר — אַ דאַנק אַלהאַדעף — געעפנט ברייט אַלע טירן.

משה אַלהאַדעף (לינקס) מיטן פּרעזידענט פון קאָנגאָ קאַסאַוווּבו און זיין אויסערן־מיניסטער

ווידער אין ראַטן־פאַרבאַנד

איך בין געווען אין מדינת ישראל, ווען עס איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט דער נומער „טרוד“, דער אָרגאַן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין וועלכן עס איז געווען פאַרעפנטלעכט דער שענדלעכער אַרטיקל אונטערן טיטל „ציוניזם — די מאַסקע פאַר שפּיאָנען“. דאָס האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ מאָדנעם אומרו. איך האָב דערפילט אַ באַגער צו באַזוכן ראַטן־פאַרבאַנד און דאָרט אויפן אָרט זיך באַקענען מיט דער לאַגע, וואָס האָט געקאָנט דערפירן צו דעם, אַז אַן אָפיציעלער אָרגאַן זאָל אַרויסקומען מיט אַזאַ ביטערן אָנגריף אויף יידן.

איך האָב אין יענעם אָוונט גערעדט אין דאָרף באר טוביה, לעבן חדרה, פאַר אַ געפּאַקטן זאַל פון יידישע פויערים און פויערטעס, וועלכע האָבן געשמעקט מיט נאָר וואָס אויסגעמעלקטער מילך און מיט דעם ריח פון קי און שעפּסן. איידער איך האָב אָנגעהויבן מיין פאָרטראָג, האָב איך זיך דורכשפּאַצירן איבער די גאַסן פון דעם דאָרף. עס איז געווען אַכט אַ זייגער אין אָוונט. לעבן יעדן טויער זענען שוין געשטאַנען די בלעכענע קאַנען, וועלכע מען וועט באַלד אָנפילן מיט דער אויסגעמעלקטער מילך. אָט וועלן קומען די לאַסטאויטאָס פון דעם צענטראַלן קאָאָפּעראַטיוו און זיי וועלן צונויפזאַמלען די מילך־קאַנען און זיי צעפירן אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

מען זאָגט מיר, אַז מיינע צוהערערס וואַשן דערווייל פון זיך אַראָפּ דעם שמוץ פון די פעלדער, אויף וועלכע זיי האָבן געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג. דעריבער וועט זיך דער פאָרטראָג מיינער אָנהייבן שפּעטער ווי געוויינלעך. דערנאָך קומען זיי און פילן אָן דעם הסתדרות־זאַל. דאָס זענען פאַרברוינטע און געזונטע מענער און פרויען, חברים און חברות פון דעם מושב.

די הענט, וואָס איך דריק, זענען צעקראַצטע און פאַרהאַרטעוועטע, די לופט איז פול מיט דעם ריח השדה, מיט דעם דופט פון מיסט, מילך און פעלד.

מיין טעמע איז „פון מאָסקווע ביז עבר הירדן“. עס רעדט זיך גאָר

אַנדערש, גאָר האַרציק, ווען איר זעט פאַר זיך די הונדערטער פּויערים און פּויערטעס פון אַ ישׂראלדיקן „קאָלכאָז״...

ווען איך האָב געענדיקט רעדן, האָט מיר דער סעקרעטאַר פון דעם דאָרף געגעבן די דערמאָנטע צייטונג „טרוד״, מיט דער אַטאַקע אויף מדינת ישׂראל און אויף אירע דיפּלאָמאַטן. ער האָט מיך געבעטן געבן צו פאַרשטיין מיט וואָס דערקלערט זיך אָט די דאָזיקע שנאה פון דעם גרויסן און מעכטיקן ראַטן־פאַרבאַנד צו דער קליינער און אַזוי שווער אַרבעטנדי־קער מדינת ישׂראל.

— אַלץ, וואָס מיר ווילן, איז דאָך בלויז לחם לאכול און אַ בגד ללבוש, ברויט צו עסן און אַ קלייד זיך צוצודעקן. איז פאַרוואָס אַזאַ שנאה, אַזאַ באַגער אונדז צו צעשטערן מצד אַ מלוכה, וואָס האַלט זיך פאַר סאָציאַ־ליסטיש ?...

אַזוי פרעגט מיך מיט דער גאַנצער נאַיוויטעט דער סעקרעטאַר פון דעם מושב.

פּרוביר איך אים דערקלערן. אָבער דעם אַרטיקל נעם איך מיט און איך לייען אים שפּעטער.

וואָס פאַר אַ בלבולים! „די מדינת ישׂראל אַלס דער פאַרפּאָסטן פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש״. „די פינצטערע מאַכינאַציעס פון די ישׂראל־דיקע פּאַראַזיטן״. און עס ווערן אויסגערעכנט נעמען פון די ישׂראלדיקע דיפּלאָמאַטן, וועלכע „פאַרנעמען זיך מיט שפּיאָנאַזש לטובת אַמעריקע״: אליאָב און פּרט. און די סינאַגאָגעס, זאָגט דער אַרטיקל אין „טרוד״, זענען „די צענטערס פון אויסשפּירונגס־אַקציעס״...

איך בין געשלאָפן זייער אומרואיק אין יענער נאַכט. אין דער פרי איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: אויב איך וואָלט נאָר געקאָנט באַקומען אַ וויזע, וואָלט איך באַלד אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. אָט קום איך פון אַ רייזע אַרום דער וועלט. איך האָב זיך אָנגעזען מיט אַ ים מענטשן. איך האָב אויפגעכאַפּט די אויפרעגונג, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד רופט אַרויס אומעטום מיט זיינע אַטאַקעס אויף יידן און אויף מדינת ישׂראל דורך צונויפבונדן די סוואַסטיקאַ מיטן מגן דוד.

ניין אַ זייגער אין דער פרי בין איך שוין געווען אין רמת־גן, אין דער געביידע פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע, וואָס שטייט, אגב, געגנוג סימבאָליש, איבער אַ פּרעכטיקן אָפּגרונט מיט גרינס פאַרפלאָכטן.

דער אויפנאַם־זאַל איז פול מיט יידן, וואָס וואַרטן מען זאָל זיי

אַנגעמען. איך וויל אָבער נישט וואַרטן און מיט מיין אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסע־לעגיטימאַציע קלאַפּ איך אָן אין דער טיר פון סאָוויעטישן דיפּ־לאָמאַט.

אַ ליבלעך סלאַוויש געזיכט, איינער פון די, צו וועלכן איך בין געוווינט צו רעדן פריי אין זיין שפּראַך און אויסשפּראַך.

ער שמייכלט, ווען ער דערזעט מיין נאָמען אויף דער לעגיטימאַציע:

„מיר קענען אייך פון דער סעריע אַרטיקלען וועגן אייערע פריער־דיקע רייזעס אין ראַטן־פאַרבאַנד. נישט איבעריק פריינדלעכע... און וואָס ווילט איר איצט?"

„אַ וויזע אויף זעקס טעג, אַ טוריסטן־וויזע. ווידער פאַרבענקט נאָך דער היים, ווו מיינע קולטור־פליגלען האָבן אָנגעהויבן וואַקסן..."

ער שמייכלט ווייטער, און מען זעט אַז ער ספקט אין מיין מאָדנער מאָטיווירונג.

„האָט איר נאָענטע קרובים ביי אונדז?"

„ניין, ליידער איז קיינער נישט געבליבן לעבן".

„גוט, איך וועל טעלעפאָניש אָנפרעגן מאָסקווע".

מיר געזעגענען זיך פריינדלעך.

אויפן טיש און אויף די שטולן אין די וואַרט־צימערן פון דער אַמבאַ־סאַדע זענען צעוואָרפן סאָוויעטישע צייטונגען, זשורנאַלן, בראָשורן, ביל־דער, וועלכע יעדער באַזוכער קאָן מיטנעמען מיט זיך פריי. ווען איך דערמאָן זיך, אַז אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע, וועלכע איך האָב פיל מאָל באַזוכט, זעט מען נישט קיין באַזוכער און מען טיילט נישט קיין ליטעראַטור וועגן ישראל, — איז אויב אַ ישראל־דיפּלאָמאַט האָט געגעבן אָדער וואָלט געגעבן אַ סאָוויעטישן בירגער אַ תל־אביבער צײ־טונג, זשורנאַל, אָדער בראָשור, — ווערט עס דורך דעם אַליין פאַררעכנט אַלס אַ שפּיאָנאַזש־אַקט, אַז דאָס טאָקע ווערט אָממייסטן פאַרגעוואָרפן די ישראל־פאַרשטייער אין מאָסקווע, — ווערט בולט די גאַנצע האָטענטאָטישע מאָראַל פון די באַשולדיקער.

בקיצור, ווען איך קום דעם נאָענטסטן טאָג אין מיין האָטעל, גיט מען מיר אַ צעטעלע אויף עברית: „עס האָט טעלעפאָנירט די סאָוויעטישע אַמ־באַסאַדע. די תשובה איז חיובית". — אַ פּאָזיטיווע, הייסט עס.

איך בין אין האַרצן דאַנקבאַר די סאָוויעטישע באַאַמטע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ שנעלקייט אין דערליידיקן די ביטע פון איינעם, וועמענס

שרייבן געפּעלט זיי נישט. ווי האָט מיר שפּעטער אין מאָסקווע געזאָגט אַן אַנדער הויכער באַאַמטער: „מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר קעגנער, וואָס זאָגן אָפן אַרויס זייערע אַנשויאונגען״. און אַז ער זאָגט, זאָגט ער...

איך הייב אָן מאַכן פיבערדיקע צוגרייטונגען פאַר דער רייזע. דער ראַדיאָ זאָגט, אַז אין מאָסקווע איז דער פראָסט פּופצן גראַד אונטער נול. און אין ישראל זענען גראַד די טעג זוניקע, — עס שמעקט שוין מיטן באַהאַלטענעם ריח פון ערב־פּרילינג. איך גיי אין גאַס אַן אַן אויבערמאַנטל.

מוז איך „איבערקערן דעם פּעלץ״. איך קויף אַ הויך קאַראַקול־היטל אין בוכאַרער קוואַרטאַל אין ירושלים און באַרג אַ טכויר׳ענעם פּוטער ביי אַ רב, וואָס האַלט אים שוין פופצן יאָר אין נאַפטאַלין.

און אין דריי טעג שפּעטער פלי איך אויפן צויבער־דיוואַן פון „אל־על״ קיין פּאַריז, — און פון דאָרט דאַרף איך, לויטן פּלאַן, פליען דורך וואַרשע קיין מאָסקווע.

יאָ, — פאַרגעסן דערמאָנען! די פּוילישע אַמבאַסאַדע אין תל־אביב גיט מיר איר וויזע מיט דער גאַנצער פריינדלעכקייט אין צען מינוט, און אַן געלט, אָבער, ווען מיין „רייזע־יצר־הרע״ שטופּט מיך צום טשעכישן קאָנסולאַט אויך דאָרט נעמען אַ וויזע — הייסט מען מיך קומען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך אַ תשובה. מילא, איז נישט!

איידער איך לאָז זיך קיין מאָסקווע בין איך שטאַרק „בודק חמץ״ אין מיין געפּעק גרויסן באַגאַזש. איך האָב דאָך אַזוי פיל פּאַפּירן און כתבים און ביכער און אַדרעסן. דער טייוול ווייס, וואָס איז כשר און וואָס עס קאָן פּלוצלינג ווערן טריף פאַר מאָסקווע. נעם איך אָן אַ באַשלוס דעם גרעסטן טייל פון מיין באַגאַזש מיט אַלע שריפטן און דרוק־זאַכן איבערלאָזן דערווייל אין פּאַריז, — און מיט זיך נעמען נאָר אַ קליינע וואַליזע מיט דעם סאַמע נייטיקסטן. און ווידער בין איך זיך מודה, אַז אויך דאָס מאָל, ווי איך האָב דאָס געטאָן בעת מיין רייזע איבער די אַראַבישע לענדער, האָב איך מיין טלית מיטן תנכ״ל אַריינגעלייגט אין וואַליזע אויף אַ חשובן אָרט.

פליען מיר מיטן ריזיקן רוסישן אַעראָפּלאַן קיין וואַרשע, אָבער, — ווי אין די מעשה־ביכלעך שטייט, — האָט זיך אויפגעהויבן איבער שלעזיע־בענדין־טשענסטאָכאָוו אַ ווילדער שניי־שטורעם. דעם אַעראָפּלאַן האָט געוואָרפן אין קדחת. אַט דרייען מיר זיך שוין איבער אַ פּלאַץ, וואָס זאָל זיין וואַרשע, אָבער מען זעט גאָרנישט צוליבן שניי־נעפּל. מען זאָגט דורך

דעם הילכער, אַז אונטן איז וואַרשע, אָבער לאַנדן קאָנען מיר נישט: דאָס לופט־פעלד אָקענטשע איז געשלאָסן. זאָלן די חשובע פּאַסאַזשירן פאַר קיין אומגוט נישט נעמען, וואָס מיר פליען צוריק קיין פּראָג, — דאָס איינציקע אָרט, ווו מען קאָן איצט לאַנדן... עפּעס אַ שטילע פרייד און אויך אַ נקמה־געפיל קעגן טשעכישן קאָנסולאַט, וואָס האָט מיר קיין וויזע נישט געוואָלט געבן, דרינגט מיך דורך: „אָט זעסטו, ווי מען קאָן אַלץ אויס־רעכענען! איך האָב געהאַט בדעה היינט מקבל־שבת זיין אין נאָזשיקס שול אין וואַרשע. פּלוצלינג... פלי איך גאָר צוריק קיין פּראָג און וועל מקבל שבת זיין אין דער אַלטער שול פון מהר״ל, אַנדערש נישט, ווי אַ מיסטישער כוח האָט דאָס אַרויסגעשיקט דעם מהרל״ס „גולם״ אין מיטן לופט־וועג צווישן פּראָג און וואַרשע און ער האָט דאָס געמאַכט, אַז איך זאָל די תפילות פון שבת און אויך דעם קידוש זאָגן צווישן די פאַררויכערטע מויערן פון דעם מהרל״ס שול״.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. און איך האָב פאַרבראַכט אַן אומ־פאַרגעסלעכן שבת צווישן פּראָגער יידן, אָן אַ וויזע און דווקא אויפן חשבון פון דער טשעכישער רעפּובליק!

מוצאי שבת פליען מיר קיין מאָסקווע. דער פלי מיטן נייעסטן סאָוויע־טישן אַעראָפּלאַן „טאָפּעלעוו״ דויערט עפּעס מער ווי צוויי שעה,—אַנשטאָט פינף מיט אַ געוויינלעכן אַעראָפּלאַן. איך פלי פול מיט מוט און האָפענונג, אַז אַלץ וועט זיך מיר שוין פון איצט אָן איינגעבן. האָט איר דען פּרובירט באַהויכט ווערן מיטן גייסט פון מהר״ל, וואָס שוועבט אין דער אַלטער פּראָגער שול? מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב זיין ברכה אויפן וועג מיטגענומען.

— — — — — — — — — — — — —

און אָט זענען מיר שוין אין שניי־איינגעהילטן מאָסקווער לופטפּאָרט שערעמעטעוואָ. איך בין דער איינציקער „אינטוריסט״־פּאַסאַזשיר, ווייל ווער רייזט דאָס פון פאַרגעניגן וועגן אין מיטן גרויזאַמען ווינטער? גייט מיר אַרויס אַנטקעגן אַ יונגער פאַרפּעלצטער פאָרשטייער פון „אינטו־ריסט״. ער וועט מיר העלפן דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן און ברענגען אין האָטעל.

שוין יאָרן־לאַנג ווי איך האָב זיך אָפּגעוווינט פונעם ברענענדיקן רוסישן פראָסט, — יענעם אָוונט איז ער דערגאַנגען ביז צוואַנציק אונ־

טער זערע. איך האַלט מיין מויל פאַרוויקלט מיטן שאַל און מיין בוכאַרער היטל איז פאַררוקט איבער די אויערן. אָבער איך אָטעם קוים.

דער יונגערמאַן אין פעלץ פירט מיך אונטערן האַנט צו דער געביידע, ווו מען קאָנטראָלירט די פעסער און דעם באַגאַזש.

מען עפנט אַפילו נישט מיין וואַליזע, מען זוכט גאָרנישט, אגב. דאָס מאָל — אין שאַרפן קאָנטראַסט מיט מיין לעצטן באַזוך אין רוסלאַנד — האָט מען אויך נישט געזוכט ביי מיר בעתן אַרויספאָר: מען האָט גאַנץ געטנוי געזען און געוווסט, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט געטאָן אין רוסלאַנד און מען איז מסתם געקומען צו דער ריכטיקער מסקנא, אַז קיין שום „טריפהנע״ סחורה וועט מען ביי מיר נישט געפינען — אַ שאָד די טרחה!

ווען דער יונגערמאַן, דער פאַרשטייער פון „אינטוריסט״, זעצט מיך אַריין אין אויטאָמאָביל, וואָס דאַרף מיך פירן אין מאָסקווער האָטעל, — שטעלט ער זיך פאָר: „מיין נאָמען איז בראָדעצקי! האָט איר אַמאָל אויף אייערע וועגן באַגעגנט מענטשן מיט אַזאַ נאָמען?״

כאָטש עס איז געווען זייער קאַלט, האָט מיך אַ וואַרעמע כוואַליע פלוצלינג פאַרגאָסן.

„בראָדעצקי איז אייער נאָמען? און איר שטאַמט פון דרום־אוקראַי־נע? האָט איר דאָרט געהאַט אַ גרויסן מענטשן אַלס קרוב, דער פאַר־שטאָרבענער פּראָפעסאָר זעליג בראָדעצקי — דער פרעזידענט פון ירו־שלימער אוניווערסיטעט. איך האָב געהאַט דעם גרויסן כבוד צו זיין זיין פריינד זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט מיין יוגנט־חברטע מאַניע בירענ־בלום פון ביאַליסטאָק. איר מעגט זיין שטאָלץ מיט אייער נאָמען בראָ־דעצקי״...

דער יונגערמאַן איז אַ ביסל איבערראַשט מיט מיין „טיראַדע״, וועלכע איך האָב אַרויסגעזאָגט מיט וואַרעמקייט און געפיל. ער ענטפערט מיר:

„מיין פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט מיר טאַקע דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ ברודער אַ פּראָפעסאָר ערגעץ אין ענגלאַנד. מעגלעך, ער איז דער זעלביקער. איך וועל דערציילן מיין מוטער וועגן אונדזער באַ־געגעניש. פרעזידענט פון ירושלימער אוניווערסיטעט, זאָגט איר, איז ער געווען? דאָס איז טאַקע אַ גרויסער, גרויסער כבוד. איך וואָלט נאָך געוואָלט זען דאָס אָרט, ווו מיין וואַרשיינלעכער פעטער איז געווען רעקטאָר...״

וואָס איך האָב אויף דעם געענטפערט איז שוין „ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע״ און איך בין דאָך נאָר וואָס אָנגעקומען קיין מאָסקווע.

דריקן מיר איינעם דעם אַנדערן האַרציק די הענט און ווערן ביידע פאַרשווונדן אין וואָלקנס פון זילבערנעם שניי.

אַ ווינטער־טאָג אין מאָסקווע

אין אַ פּראַקטיקער, פאַרשנייטער און גליטשיקער נאַכט בין איך צוגעפאָרן צום ריזיקן האָטעל „אוקראַינאַ״ אין מאָסקווע.

„נאָר זיך נישט אויסגליטשן אויפן מאָסקווער באָדן״, האָב איך צו זיך אַ זאָג געטאָן, ווען איך בין שיער נישט געפאַלן, אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּ פון האָטעל.

און עס האָט זיך געפאָדערט אַן אויסערגעוויינלעכע פאָרזיכטיקייט דורך דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין מאָסקווע, איך זאָל זיך ערגעץ־ווו נישט „אויסגליטשן״ מיט אַן אומפאָרזיכטיק וואָרט אָדער קאָנטאַקט.

דאָס מאָל בין איך קיין ראַטן־פאַרבאַנד געקומען נישט אַלס ערשט־קלאַסיקער טוריסט, וואָס צאָלט 32 דאָלאַר אַ טאָג און באַקומט פאַר דעם אַ לוקסוס־צימער און שפּייז, ווי אויך איניקע שעה אין טאָג אַן אויטאָמאָביל מיט אַ שאָפער.

איך האָב געקלערט: עס איז ווינטער, קיין טוריסטן קומען כמעט נישט, וועט מען מיר געבן אַ גוטע באַדינונג אַפילו אויב איך וועל צאָלן נאָר זעכצן דאָלאַר אַ טאָג, ווי עס צאָלן געוויינלעך אַרבעטס־מענטשן, וואָס פרעטענדירן נישט אויף קיין לוקסוס און אויף קיין ספּעציעלן אויטאָמאָביל מיט דעם קלאַפּערגעציייג פון אַ שאָפער. און אַן עלעגאַנט אינטוריסט־מיידל אַלס וועגווייזערין און איבערזעצערין דאַרף איך אויך נישט.

איך וועל דינגען אַ טאַקסי, און איבערזעצן וועל איך שוין אַליין. איז דאָך רוסיש מיין צווייטע מוטער־שפּראַך, נאָך יידיש.

אַז איך האָב זיך געווענדט צום האָטעל־באַאַמטן, ער זאָל מיר געבן אַ צימער, — האָב איך אומדערוואַרט באַקומען אַ דאָפּל־צימער מיט אַ באָד און מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר זיך אַליין, כאָטש לויט מיין „עקאָנאָ־

מיע־קלאַס״ האָט מען מיך געקאָנט לייגן שלאָפן מיט נאָך אַ פּאַסאַזשיר צוזאַמען. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער שוין באַשריבענער „אינטוריסט״־פאָרשטייער מיטן היימישן נאָמען בראָדעצקי, האָט טעלעפאָנירט אין האָטעל און רעקאָמענדירט מיר צו געבן באַקוועמלעכקייטן. און אַזוי איז טאַקע געשען. סיי דאָס צימער און סיי די שפּייז אין האָטעל, פאַר מיינע באַצאָלטע פון פריער אין ישראל זעכצן דאָלאַר אַ טאָג, זענען געווען ערשטקלאַסיק; בעסער דאַרף מען גאָרנישט האָבן, אַפילו ווען מען איז אַ צעפּיעשטשעטער, אויפגעקומענער גביר.

און אָט איז שוין פרימאָרגן, דער פּראַסטיק־זוניקער פרימאָרגן אין מאָסקווע. איידער איך גיי אַרויס פון גאַס מאַך איך גענויע פּלענער, ווו צו גיין און וועמען צו באַזוכן. זינט דער קאָרעספּאָנדענט פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּרעסע האָט פּערזענלעך באַזוכט מיט צוויי יאָר צוריק אַלע פּראָמינענטע מענטשן, וועלכע איך האָב דאָן געטראָפן — און זיי אויסגעפרעגט, דערשראָקן יעדן פון זיי שוין מיט זיין וויזיט אַליין, און שפּעטער באַשריבן זייערע ציטערדיקע תשובות אין דער פּאַרטיי־ציישונג, וועל איך שוין קיין נעמען פון באַזוכטע היימען נישט דערמאָנען.

און יענע מענטשן, וועלכע דער אויבנדערמאָנטער קאָרעספּאָנדענט האָט כמעט פּאָליצייאיש אויסגעפאָרשט, זענען דאָך נישט געווען אַבי־ווער, נאָר אַזעלכע מענטשן ווי: דער מאָסקווער רב ר׳ י. ל. לעווין; דער שוין איצט פאַרשטאָרבענער גרויסער דיכטער ש. האַלקין; דער וועטע־ראַן פון די יידישע שרייבערס אין רוסלאַנד ז. ווענדראָף און די אלמנה פון מאַרטירער דוד בערגעלסאָן.

איך האָב מיינע באַזוכן און געשפּרעכן מיט זיי באַשריבן סיי מיטן גרעסטן פּיעטעט און סיי מיט פּאָרזיכטיקייט. קיין שום שמץ פון אַני־סאָוויעטישקייט, האָט מען, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט אַנטדעקן אין זייערע רייד צו מיר און אין מיינע רייד צו זיי.

ווי עס איז אָנגענומען אין דער ציוויליזירטער וועלט, האָב איך צו יעדן פון פריער טעלעפאָנירט און באַשטעלט מיין וויזיט. איך בין פון זיי אַוועק פול מיט פריינדלעכע געפילן, באַגלייט מיט וואַרעמער היימישקייט.

וואָס האָט אָבער געטאָן יענער קאָרעספּאָנדענט פון די קאָמוניסטישע ציישונגען? ער האָט זיי אַלעמען באַזוכט, אויסגעפרעגט ווי איך האָב זיך פאַרהאַלטן, צוגענומען ביי זיי דאָס ביסל וואַרעמקייט, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן, און לויט דער באַשרייבונג אין זיין ציישונג איז אַרויסגעקומען,

אַז איך בין פּשוט אָנגעקומען אין זייערע וווינונגען אומדערוואַרט, אַז זיי זענען געווען קאַלט און צוריקגעהאַלטן מיט מיר, אַז אַפילו די פּשוטע, מענטשלעכסטע זאַכן, זענען אויך נישט אמת. און ווען איך האָב געלייענט, וואָס עס האָט געשריבן וועגן יענע מיינע באַזוכן דער מאָסקווער קאָמוניסטישער קאָרעספּאָנדענט, האָט מיר אַזשביים האַרצן פאַרקלעמט. האָב איך דאָך געוווּסט, אַז דאָס איז אַ ליגן, אַרויסגערופן דורך מורא, שוין דורכן באַזוך פון קאָרעספּאָנדענט אַליין.

ווען אַפילו דער רוסישער שרייבער ס. מיכאַלקאָוו, דער פאַרפאַסער פון סאָוויעטישן הימן און אומצאָליקע מעשה־ביכלעך פאַר קינדער — ווען אויך ער — די מעכטיקע פיגור אויפן „סאָוויעטישן קונסט־פּאַרנאַס" האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם באַזוך פון אַ יידיש־קאָמוניסטישן קאָרעספּאָנדענט, און געלייקנט אים וואָס איך האָב באַשריבן — איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז איך מוז בעת אַ קינפטיקן וויזיט אויסמיידן זיך צו טרעפן מיט יענע איבערגעשראָקענע פריינד.

האָב איך דעריבער געמוזט אויסמעקן פון מיין איצטיקן באַזוך אין מאָסקווע אָט די אַלע פּראָמינענטע פּערזאָנען, כדי זיי נישט צו דערשרעקן און נישט צו — פאַרשעמען, ווייל נישט איך, נאָר זיי, נעבעך, האָבן דאָך געמוזט ענדערן דעם כאַראַקטער פון מיינע פריינדלעכע וויזיטן...

אגב האָב איך איצט אין מאָסקווע צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן מיט יענעם קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט מיר און אַנדערע פאַרשאַפט געגנוג האַרץ־ווייטיק. דאָס איז דער שרייבער ס. ראַבינאָוויטש. צו מיין איבערראַשונג, האָט ער אויף מיר געמאַכט גאָר אַן אָנגענעמען איינדרוק, אַן עלטערער מענטש, אַ תלמיד־חכם — הויך־געוויקסיק, מיט אַ מיליטערישן געשטעל און אַ פיינער יידישער שפּראַך.

איך האָב געוואָלט האָבן מיט אים אַ פּערזענלעכן געשפּרעך און טאַקע זיך דורכרעדן וועגן זיינע באַזוכן, וואָס האָבן איבערגעדרייט מיינע געשפּרעכן מיט די פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן.

האָב איך אים איינגעלאַדן צו זיך אויף פרישטיק. לכתחילה האָט ער מסכים געווען, דערנאָך, שוין שפּעט אין אָוונט, האָט ער מיר טעלעפאָנירט, אַז ער וועט זיך פאַרשפּעטיקן. האָב איך איינגעשטימט זיך צו טרעפן צען אין דער פרי. אָבער ס. ראַבינאָוויטש איז נישט געקומען. אַ שאָד! איך האָב געהערט, אַז ער האָט אַ סך צו דערציילן. איז ער דאָך אַזוי פיל יאָרן געזעסן אין אַ סאָוויעטישער תפיסה (ווען אַלע זענען געזעסן), האָט ער

דאָך אויף זיין קערפּער (ווי מען האָט מיך אינפאָרמירט) שווערע צייכנס פון אינקוויזיטאָרישע פּייניקונגען, וועלכע ער איז אין די תּפיסות דורכ־געגאַנגען. און ער האָט אַן אָפענעם בליק, אַן אינטעליגענט געזיכט. וואָלט דאָך אונדזער געשפּרעך געקאָנט זיין אינטערעסאַנט. זאָל זיין, אַז אויך ער האָט זיך דערשראָקן פאַר אַ קאָנטאַקט מיט אַן אַמעריקאַנער קאָלעגע־זשורנאַליסט? די תּשובה אויף דעם קאָן איך נישט געבן.

*

בעת מיין איצטיקן באַזוך אין מאָסקווע, האָב איך אָנגענומען פאָלגנ־דיקע טאַקטיק: זאָל זיך מיר דוכטן, אַז איך בין אונטער אַ גלאָז, אַז מען זעט יעדן שריט מיינעם, אַז מען פאַרצייכנט יעדעס וואָרט מיינס און איך דאַרף דעריבער האַנדלען לויט אַזאַ סיטואַציע.

און נאָך אַ זאַך האָב איך זיך געזאָגט: נאָר נישט מורא האָבן, פאַר קיינעם זיך נישט שרעקן. ווייס איך דאָך געוויס, אַז איך בין קיינעמס שפּיאָן נישט, אַז איך בין דאָ נישט געקומען שאָדן ברענגען, אַז אַלץ וואָס איך וויל איז: דערפירן צו די אויערן פון די מאַכטהאָבער די אויפרעגונג, וואָס עס האָבן אַרויסגערופן אין דער גאַנצער וועלט אַזעלכע אַרטיקלען ווי דער „טרוד״ האָט פאַרעפנטלעכט („ציוניזם איז אַ מאַסקע פאַר שפּיאָנען״), די באַהאַנדלונג פון די רעליגיעזע יידן און די אַרעסטן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם; די פּראָצעסן פון די אַזוי־גערופענע „קרימינאַליסטן״ מיט יידי־שע נעמען, — אין אַ צייט, ווען אַ האַלבער מיליאָן קרימינאַליסטן מיט גויישע נעמען זיצן אין די סאָוויעטישע תּפיסות און קיינער הערט נישט און קיינער ווייסט נישט וועגן זיי.

איך האָב געוואָלט דערציילן, אַז די דאָזיקע פאַרביסענע טאַקטיק פון ראַטן־פאַרבאַנד בנוגע ישׂראל און בנוגע יידן האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון קעגנערשאַפט פון מיליאָנען מענטשן. איך אַליין האָב דאָס בעת מיין וועלט־רייזע געזען און געפילט. אַזאַ טאַקטיק מאַכט פאַקטיש אַ תּל פון דער מעכטיקער רוסישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס קאָסט אָפּ מיליאַרדן... בקיצור, איך האָב אויף זיך גענומען אַ נאַיווע דאָן־קיכאָטישע אויפגאַבע צו קעמפן קעגן ווינטמילן, וועלכע איך בין גאָרנישט בכוח צו פאַרהאַלטן. אָבער „דאָן־קיכאָטיזם״ איז נאָך אַלץ אַ מער נאָבעלער שריט ווי „האַמ־לעטיזם״, וואָס האַלט זיך אין איין וואַקלען, אין איין ספק („זיין, אָדער נישט זיין״) און דערגייט נישט קיין מאָל צו קאָנקרעטע מעשׂים.

אַלזאָ: מיין ערשטער שריט — צו דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע — זיי זאָלן וויסן, אַז איך בין דאָ פּאַראַן, וואָס איך וויל און, אויב מעגלעך — שאַפן קאָנטאַקטן פאַר מיר. מיין צווייטער שריט — צו דער ישראל־אַמבאַסאַדע, צום פאַרשריגענעם דאָ „שפּיאָנען־נעסט״, ווו איך האָב נאָענטע פריינד און כ׳וועל זיי ברענגען אַ גרוס פון זייערע קרובים, וועלכע איך האָב נאָר וואָס באַזוכט אין ישראל.

עס האָט מיך אָפּילו נישט געאַרט, וואָס איינער פון די ישראל־דיפּ־לאָמאַטן, דער ערשטער סעקרעטאַר, יהושע פּרט, פיגורירט פּראָמינענט אַלס געפערלעכער שפּיאָן אין דעם סקאַנדאַליעזן אַרטיקל פון דער צייטונג „טרוד״. כאָטש מען האָט אים אַזוי שאַרף אָנגערופן אַלס „שפּיאָן״, איז ער פון ראַטן־פאַרבאַנד נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן, און ער אַמטירט ווייטער אַלס ערשטער סעקרעטאַר; אַ סימן, אַז די באַשולדיקונגען זענען גאָרנישט אַזוי קאָנקרעט, און ביי דער האַנט האָט מען אים געוויס נישט געכאַפּט, זאָל איך דעריבער מורא האָבן מיט אים זיך צו טרעפן? ווי האָט געזאָגט אַ מאָל פרענקלין רוזוועלט: „שרעקן דאַרף מען זיך נאָר פאַר דעם מורא־געפיל אין זיך אַליין״.

אַלזאָ: איך דערנענטער זיך צו פוס אין גרויסן פּראָסט צו דער אַמע־ריקאַנער אַמבאַסאַדע, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון מיין האָטעל. צוויי סאָוויעטישע פּאָליציי־אָפיצירן פאַרהאַלטן מיך ביים אַריינגאַנג: „„ווער ביך איך? צו וועמען גיי איך? מיין פּאַספּאָרט?״

וואָלט איך געקומען מיטן „אינטוריסט״־אויטאָמאָביל וואָלט מען מיך געלאָזן אַריינגיין אין דער אָנגענעמער באַגלייטונג פון דער „סאָוויעטי־שער פריילין״, אָבער דורכגייער פון גאַס, וואָס ווילן אַריינגיין צו די אַמעריקאַנער, — דאָס איז נישט קיין געווינלעכע זאַך, מען דאַרף אויף אים נענטער אַ קוק טאָן.

און אַז איך ווייז מיט שטאָלץ מיין אַמעריקאַנער פּאַס, סאַלוטירן מיך זייער העפלעךביידע פּאָליציי־אָפיצירן און לאָזן מיך דורך.

אונטן, אין ערשטן צימער, ליגן אויסגעלייגט אויף טישן און שטולן פיל פּעריאָדישע און אילוסטרירטע אויסגאַבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן; „לאַיף״, „טאַים״, „ניו־וויק״ — ביטע נעמט מיט זיך וואָס און וויפל איר ווילט.

פאַרשטייט איר שוין, אַז אַ סאָוויעטישער בירגער קאָן נאָך, חלילה, פאַרסמט ווערן מיט אָט די אַלע שריפטן. איז טאַקע בעסער ער זאָל דאָ נישט קומען. סיידן ער האָט אַ גוט „פּאַפּירל״ ביים אַריינגאַנג.

אָבער דער אַמעריקאַנער זשורנאַל אין רוסיש, אַ פּיין־אילוסטרירטע אויסגאַבע וועגן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאָן מען יאָ באַקומען אין זייער אַ באַגרענעצטער צאָל אין געוויסע צייטונגס־קיאָסקן. ווערט דאָס צעכאַפּט — ווי מען אינפאָרמירט מיך — אין אַ האַלבער שעה, און שפּעטער באַקומען דאָס שוין סאָוויעטישע בירגער פאַר אַ געניג־הויכן פּרייז פון „הינטער דער פאָלע״.

איך פאָר אַרויף אויפן ניינטן שטאָק אין אויפנעם־צימער, ווו אַ יונגער סערזשאַנט קוקט דורך מיינע זשורנאַליסטישע פּאַפּירן און מעלדעט מיך צום פּרעסע־אַטאַשע פון דער אַמבאַסאַדע.

עס קומט אַרויס דער ליבנסווירדיקער ערשטער סעקרעטאַר ריטשאַרד דייווויס און נעמט מיך צו זיך אין ביוראָ. עס קומט דאָרט אַריין אַ צווייטער דיפּלאָמאַט און מיר בלייבן שוין אַזוי זיצן און שמועסן וועגן ענינים, וואָס אינטערעסירן אונדז, אַ היפּשע פאַר שעה. מערקווירדיק, זיי ביידע, געבוי־רענע אַמעריקאַנער, רעדן אַ גוטן רוסיש, וואָס זיי האָבן געלערנט אין וואַשינגטאָן, איידער מען האָט זיי געשיקט קיין מאָסקווע. דאָס איז היינט דער נייער כלל אין סטייט־דעפּאַרטמענט: נישט שיקן קיין דיפּלאָמאַט אין אַ לאַנד, אויב ער קען נישט פריער איר שפּראַך. האָב איך דעריבער אין אינדיע געטראָפן דיפּלאָמאַטן, וואָס רעדן שוין בענגאַליש און אין ציילאָן — אַמעריקאַנער פאָרשטייער, וואָס רעדן סענעגאַליש. מען שיקט שוין נישט מער אין ווייטע מקומות אַן אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן אַלס אַמבאַסאַדאָר, וואָס ענטפערט אין דער סענאַט־קאָמיסיע, אַז נערו האָט עפּעס אַ מאָדנעם נאָמען, אָבער ער קען אים נישט אַרויסרעדן...

איך באַקען זיך טאַקע דאָ, מיט דער סטענאָגראַמע פון פּראָצעס אין ווילנע פון די יידן, באַשולדיקטע אין וואַלוטע־שמוגל, וועלכע מ׳האָט פאַרמשפּט צום טויט. אַן אומעטיקע סטענאָגראַמע...

די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן פאַרבינדן זיך טעלעפאָניש מיטן סאָ־וויעטישן אויסערן־מיניסטעריום און לייגן פאַר מיך אָנגעמען. אַ לאַנגער געשפּרעך. יענע אין מיניסטעריום דערקלערן, אַז געשפּרעכן האָבן זיי נאָר מיט אַקרעדיטירטע פאָרשטייער פון דער אויסלענדישער פּרעסע, און אַזוי ווי איך בין געקומען אַלס טוריסט, קאָן די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע מיך פאַרבינדן נאָר מיטן אינטערנאַציאָנאַלן דעפּאַרטאַמענט פון מיניסטאָרן־ראַט. און אַזוי טאַקע האָבן געטאָן מיינע פריינדלעכע גאַסטגעבער פון דער

אַמבאַסאַדע. מען באַשטימט פאַר מיר אַן אוידיענץ מיטן דירעקטאָר פון דערפּאַרטאַמענט ב. קרילאָוו אין אַ פּאָר טעג שפּעטער.

דערווייל אָבער באַמערק איך, אַז ווען מיר שמועסן אין די צימערן פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, נעמט מיין מיטשמועסער אַרויס דעם קאָנטאַקט פון טעלעפאָן־אַפּאַראַט... מילא, איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס דאָס באַדייט: „וועגנט האָבן אויערן". איך האָב דאָס שוין געזען אין אַנדערע אַמבאַסאַדעס, אָבער נישט אין דער אַמעריקאַנער. מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען מיר פאַרזיכערט, אַז די אַמעריקאַנער ווייסן דעם סוד פון אויס־געפינען באַהאַלטענע „אונטערהערונגס־אַפּאַראַטן" און מען דאַרף דערי־בער קיין מורא נישט האָבן פריי צו רעדן. איך האָב פון דעסטוועגן אַ זאָג געטאָן צו מיין מיטשמועסער, אויף יעדן פאַל: „איך האָב באַשלאָסן בעת מיין מאָסקווער איצטיקן וויזיט נישט נאָר רעדן צו מענטשן, נאָר אויך צו די ווענט. איך מיין צו רעדן נאָר דאָס, פאַר וואָס מען דאַרף קיין מורא נישט האָבן"...

אַרויסגייענדיק פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע האָב איך פון אונ־טערשטן צימער, ווו עס זיצט אַפילו נישט קיין באַאַמטער, מיטגענומען אַ ריי אַמעריקאַנער צייטונגען און אילוסטרירטע זשורנאַלן. עס הענגט דאָרט אַ צעטעלע, וואָס זאָגט, אַז מען קאָן נעמען פריי.

איך בין אַרויס אויף דער פּראַסטיקער גאַס, ווו די פּאָליציי־אָפיצירן האָבן מיך העפלעך סאַלוטירט און געזען אין מיינע הענט דאָס פּעקל מיט „ליטעראַטור". איך האָב צוגערופן אַ טעקסי און זיך געהייסן פירן אין האָטעל. דער שאָפער, דערזעענדיק אין מיינע הענט דעם פּרעכטיק אילוסטרירטן רוסישן זשורנאַל „אַמעריקע", האָט גלייך געפרעגט, צי קאָן איך אים שענקען אַן עקזעמפּלאַר. איך האָב דאָס מיט פאַרגעניגן געטאָן.

אין טומלדיקן האָל פון מיין האָטעל, האָט דער פּאָרטיער דאָס זעלבע געטאָן. ער האָט אָבער געבעטן אַלס צולאָג דעם זשורנאַל „לאַיף". ווען איך בין אַרויפגעפאָרן מיט דער ווינדע אויפן שטאָק צו מיין צימער און געבעטן ביי דער באַאַמטין מיין שליסל, האָט זי גלייך באַמערקט אין מיינע הענט די פאַרביקע אַמעריקאַנער ליטעראַטור און געבעטן אַ פּאָר קאָפּיעס. און אַז איך האָב אויף צו מאָרגנס דערזען, אַז עס פעלן מיר אין צימער די לעצטע עקזעמפּלאַרן פון מיין אילוסטרירטן „פּעקל", האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז דאָס האָבן די באַדינערס צוגענומען.

דאָס, וואָס איך האָב געטאָן — אַזוי אָפן און אומשולדיק, אַזוי מענטש־

לעך און פאַרשטענדלעך — איז דאָך דער שווערסטער פאַרוואָרף קעגן די דיפּלאָמאַטן פון מדינת ישראל, — קעגן די „נאַטאַרישע שפּיאָנען״, ווי די צייטונג „טרוד״ רופט זיי, וואָס טיילן פונאַנדער „ישראל־פּראָפּאַגאַנדע״ צו אומשולדיקע און טרייע סאָוויעטישע בירגער־יידן און דורך דעם פירן זיי אַראָפּ פון גלייכן וועג.

פאַר וואָס אַ זשורנאַל „לאַיף״ אָדער „טאַים״, ווו מען שאַנעוועט שוין גאָרנישט דעם סאָוויעטישן רעזשים, איז כשרער פון אַ ביכל מיט בילדער ווי אַזוי יידן פייערן אין ירושלים דעם „יום העצמאות״, אָדער אַ קאַלענדאַר מיט העברעישע און רוסישע אותיות, פון וועלכן אַ ייד קאָן זיך דערוויסן, ווען ער האָט יאָרצייט נאָך דער מאַמען, אָדער ווען עס פאַלט אויס יום־כיפור — דאָס קאָן איך שוין נישט באַגרייפן.

אָט האָב איך אין אַ זוניק־קאַלטן טאָג זיך אומגעשטערט און נישט־ווילנדיק פאַרנומען מיט אַזאַ אויסטערלישן „שפּיאָנאַזש״ און מען האָט דאָס געזען, און מיך נישט אַרעסטירט.

באַגעגענישן אין מאָסקווע מיט דאָרטיקע ישראל־דיפּלאָמאַטן

מיין פאַרברענגען אין דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע איז נישט געווען קיין קאָמפּליצירט פּראָבלעם. בין איך דאָך אַן אַמעריקאַנער בירגער און עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז איך זאָל באַזוכן אונדזערע רעפּרעזענטאַנטן. גאַנץ אַנדערש איז שוין אָבער צו באַזוכן די ישראל־אַמבאַסאַדע אויפן וועסענין־גאַסל נומער זעכצן.

איך האָב באַזוכט די ישראלדיקע אַמאַבאַסאַדע אין יאָר 1956, ווען ישראל־אַמבאַסאַדאָר איז געווען אבידר. איך בין אויך געווען אין דער ישראלדיקער אַמבאַסאַדע אין יאָר 1960, אין דער צייט פון אַמבאַסאַדאָר הראל. אָבער עס זענען דעמאָלט געווען אין מאָסקווע פאַרהעלטנישמעסיק רואיקע צייטן. מען האָט דאָ און דאָרט אַרויסגעשיקט אַ מיטגליד פון דער אַמאַבאַסאַדע „פאַר שפּיאָנאַזש״, ווי, למשל, דעם סעקרעטאַר חזן, וועמען מען האָט „געכאַפּט״ אין אָדעס, בעת ער האָט געגעבן אַ ייד אַ פּאָר בילדער און בראָשורן וועגן מדינת ישראל.

בעת מיין איצטיקן באַזוך אין מאָסקווע, איז די ישראלדיקע אַמבאַסאַדע

אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון אַ שאַרזש ד'אַפֿעיר, אַ געשעפֿטס־פֿאַרטרעטער. דער נייער אַמבאַסאַדאָר, תוקע, איז טאַקע שוין געהאַט נאָמינירט געוואָרן, אָבער ער איז נאָך דערווייל פֿאַרבליבן אויף זיין פּאָסטן אין בראַזיל.

דעם אַמבאַסאַדאָרס שטעלפֿאַרטרעטער איז אַ פֿעיקער יונגערמאַן, דוב סאַטאַט, וואָס איז נישט לאַנג געקומען קיין מאָסקווע פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע. ער איז דאָ ניי, און מען האָט אים נאָך נישט באַוויזן צו „פֿסלען". דערפֿאַר אָבער איז זיין רעכטע האַנט, דער ערשטער סעקרעטאַר יהושע פּרט, וועמען איך האָב נאָך דאָ געטראָפֿן מיט צוויי יאָר צוריק, איצט אַ אַ וועלט־באַרימטקייט. דאָס האָט אים מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט אַטאַקירט די צייטונג „טרוד"; דאָס האָט מען אים, פּרטן, באַשולדיקט אויף דעם לענינגראַדער פּראָצעס פֿון פֿעטשערסקין, דינקינען און קאַגאַנאָוון (די דאָרטיקע סינאַגאָגע־פֿירער), אַז ער האָט פֿון די דערמאָנטע יידן באַקומען „שפּיאָנאַזש־אינפֿאָרמאַציע" וועגן ראַטן־פֿאַרבאַנד. באַשולדיקט האָט מען אים צוזאַמען מיט שרת און אליאַב. צווישן אַנדערע זאַכן איז אויף יענעם פּראָצעס „פֿעסטגעשטעלט" געוואָרן, אַז די אויבנדערמאָנטע דיפּלאָמאַטן האָבן אַפֿילו איבערגעלאָזט אין פֿעטשערסקיס באָד־צימער אַ מאַשין, אַ מאַגניטאָפֿאָן, אויף וועלכער עס זענען רעקאָרדירט געוואָרן די ידיעות, וועלכע פֿעטשערסקי האָט געזאַמלט פֿאַר די ישראלדיקע דיפּלאָמאַטן...

מילא, אליאַב און שרת זענען שוין אין מאָסקווע נישטאָ. אָבער פּרט איז דאָך נאָך אַלץ דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון דער אַמאַבאַסאַדע. און די סאָוויעטישע רעגירונג האָט, נישט געקוקט אויף די „אויפֿטרייסלענדיקע דאָקומענטן און פֿאַקטן" קעגן פּרטן, נאָך אַלץ אים נישט דערקלערט, ווי מען איז זיך נוהג אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט, אַלס אַ „פּערסאָנאַ נאָן גראַטאַ" — אַלס אַ נישט־געוווּנטשענער פּערזאָן — וועמען מען שיקט, געוויינלעך, תיכף אַרויס פֿון לאַנד.

דאָס איז אַ סימן, אַז אַלע „הימל־שרייענדיקע דאָקומענטן" הינקען היפּשלעך אונטער; אַז עס זענען פּשוט נישט געווען קיין גענוגנדיקע באַווייזן, אַז פּרט האָט זיך פֿאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש. איז ער דעריבער ווייטער דער אַקרעדיטירטער דיפּלאָמאַט פֿון מדינת ישראל אין מאָסקווע, כאָטש זיין נאָמען איז געווען אויף יעדנס ליפּן צוליב דעם אַרטיקל אין אַן אָפֿיציעלן סאָוויעטישן אָרגאַן.

אַלזאָ — איך האָב זיך נישט געוואָקלט צו באַזוכן די ישראל־אַמבאַסאַדע און איך האָב זי באַזוכט נישט ווייניקער, ווי דריי מאָל — כאָטש

מען דאַרף יעדעס מאָל דורכגיין אַ קאָנטראָל דורך דער פּאָליציי־וואַך. איך האָב זיך געטראַכט: „אויב מיין אַלטער פריינד י. פּרט איז נאָך אַלץ „כשר״ פאַר די סאָוויעטן, איז ער געוויס „כשר״ פאַר מיר״...

און אָט שטיי איך פאַר דעם באַשיידענעם געל־געפאַרבטן מויערל פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע. איך וויל אָנקלינגען אין דער מאָסיוועֶר טיר. אָבער ווי ביים אַריינגאַנג אין דער אַמעריקאַנער געזאַנדשאַפט דערנענטערט זיך צו מיר איינער פון די דריי פּאָליציי־אָפיצירן, וואָס היטן דעם אַריינגאַנג אין דער געביידע. ביים הויף שטייט אַ טעלעפאָן־בודקע מיטן שומר, וואָס האַלט אין איין טעלעפאָנירן ערגעץ־ווו. די זעלבע סצענע זעט איר נישט נאָר ביי די אַמבאַסאַדעס, נאָר אויך אין די הויפן פון די הייזער, וווּ די דיפּלאָמאַטן וווינען פּריוואַט. נאָך מער: צוויי מונדירטע שומרים שטייען אויך דאָרטן, וווּ עס וווינען די קאָרעספּאָנדענטן פון „ניו יאָרק טאַימס״, פון לאָנדאָנער „רויטער״ און פון דער פראַנצויזישער פּרעסע. און אויך דאָרט שטייט אַ בודקע און מען האַלט אין איין טעלעפאָנירן ווי דאָס דעפינירט אָרסאָן וועללעס אין זיין באַרימטן בוך „1984״: „דער עלטערער ברודער״ קוקט אויף אייך אומעטום, לאָזט אייך נישט אָפּ פון אויג. ער שלאָפט נישט טאָג־און־נאַכט. ער ווייס אַלץ, ער זעט אַלץ״.

מילא, זאָל ער זען! זאָל מען טעלעפאָנירן פון די בודקעס — מען ווערט געוווינט דערצו און מען פּאַסט זיך צו אויך צו דעם.

דער פּאָליציי־אָפיציר סאַלוטירט, ווען איך ווייז אים מיין פּרעסע־קאַרטע. איך גיי אַריין און טרעף זיי אַלעמען: דעם ציייטווייליקן אַמבאַסאַדאָר סאַטאַט, זיין געהילף פּרט — די ביידע דגנס, די לערערין עבריה פון קיבוץ יפעת און נאָך אַ פּאָר מיטאַרבעטער.

איך פיל זיך צווישן פריינד און ווי אין דער היים. קום איך דאָך איצט דירעקט פון ישראל, וווּ איך האָב זיך אַ פּאָר מאָל געטראָפן סיי מיט פּרעזידענט בן־צבי, סיי מיט פאַרשידענע מיניסטאָרן און מיט די הסתדרות־פירער. וויל מען נאַטירלעך הערן גרוסן. עסן מיר צוזאַמען. מילא, אונדזערע געשפּרעכן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, האָבן זיך געדרייט ארום ישראל־ענינים און אַרום דעם מאָסקווער קאַלטן וועטער. איך האָב אויך דאָ, ווי ביי די אַמעריקאַנער, געדענקט, אַז איך „רעד צו דער וואַנט״ און זי האָט אויערן. אַזוי מיינט מען אַלנפאַלס: די שרעק האָט דאָך גרויסע אויגן.

אייגנטלעך, האָב איך דאָך גאָרנישט געהאַט אויך דאָ, וואָס צו באַ־

האַלטן: די גרויסע מ'שטיינס געזאָגט סודות, וואָס איך וויל דאָ אַרויסבאַ־קומען. אָבער עס ליגט פאַר מיר אויפן טיש די מאָסקווער צייטונג און איך לייען דאָרט אַ געשמאַק שטיקל: „די דיפּלאָמאַטישע טעטיקייט פון פּרטן איז ווירקלעך פאַרשידנאַרטיק: דאָ פאַרשפּרייט ער רעליגיעזע ביכלעך, אין וועמענס איינבונד מען האָט געפונען (!) שפּיאָנאַזש־אינסטרוק־ציעס, דאָ וויל פּרט אַרויסבאַקומען ידיעות פון אַ מיליטערישן כאַראַקטער. ווען ער באַאַרבעט זיין אויסגעקליבענעם „קרבן", זאָגט ער אים שטיל אויפן אויער, אַז די דאָזיקע שפּיאָנאַזש־ידיעות דאַרף ער נישט פאַר זיך (פאַר ישראל), נאָר פאַר זיינע „פריינד". צי מיינט ער נישט דערמיט זיינע „פריינד" פון דער צענטראַלער אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־אַגענטור? וועמען רעפּרעזענטירט דאָך דער דאָזיקער דיפּלאָמאַט: ישראל אָדער דעם אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש?"

און דאָ זיצט מיט מיר דער דאָזיקער שרעקלעכער שפּיאָן אין צענטער פון מאָסקווע און עסט רואיק לאָקשן מיט קעז... עפּעס גלייבט זיך מיר נישט, אַז די, וואָס האָבן די אויבנדערמאָנטע באַשולדיקונגען געשריבן גלייבן אַליין אין זיי — אַנדערש וואָלט דאָך שוין פּרט געווען אין תפיסה, אָדער אַרויסגעשיקט קיין ישראל, נאָך וועלכער ער בענקט אַזוי שטאַרק.

דערווייל אָבער האָבן די דאָזיקע באַשולדיקונגען פּשוט פאַרסמט דאָס געמיט פון מיליאָנען יידן, וועלכע פילן זיך אינסטינקטיוו עפּעס אַזוי ווי מיטשולדיק אין די „פאַרברעכנס", וועלכע עס באַגייען קעגן זיין פאָטער־לאַנד די ישראַלדיקע „גלויבנסגענאָסן".

*

די שפּיאָנאַזש־באַשולדיקונגען מיט די גוט־איינגעאָרדנטע „ספּעק־טאַקל־פּראָצעסן" פון יידישע וואַלוטע־שמוגלערס, מיט די האַרבע טויט־אורטיילן קעגן זיי — דאָס האָט געשאַפן אַ געדריקטע שטימונג צווישן אַלע יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַפילו צווישן יענער גרויסער מערהייט, וואָס אינטערעסירט זיך גאָרנישט מיט ישראל־פּראָבלעמען אָדער מיט וואַלוטע־שמוגלער. עפּעס פילט זיך יעדער ייד ווי פּערזענלעך אויסגע־פּאַטשט, און עפּעס דוכט זיך אים, אַז ער איז שולדיק אַ פאַרענטפערונג פאַר זיינע קריסטלעכע שכנים וועגן די אַלע פאַרווורפן — טיילווייל אין גאַנצע פאַלשע, טיילווייז, ווי אין די שמוגל־פּראָצעסן, שטאַרק אויפגע־בלאָזענע און באַפּעפערטע מיט די יידישע נעמען.

(אַ יידישע סטודענטין, אַ טאָכטער פון אַ הויכן מיניסטאָרן־באַאַמטן, האָט מיר געזאָגט: „ווען איך דערזע אין די צייטונגען אָט די אַלע באַשול־דיקונגען אין שפּיאָנאַזש און ספּעקולאַציע קעגן פּערזאָנען מיט יידישע נעמען, ווילט זיך מיר גאָרנישט גיין דעם טאָג אין אוניווערסיטעט: מען וועט מיך באַוואָרפן מיט אומאָנגענעמע פראַגן און איך וועל זיך דאַרפן פאַרענטפערן, אַ שטיקנדיקע אַטמאָספערע האָט זיך געשאַפן פאַר אונדז״).

נאָכן עסן שטעלט מיר דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אַ פראַגע, וואָס האָט מיך דערשטוינט אויף אַ וויילֹ:

„צי וואָלט איך נישט געוואָלט צוזאַמען מיט אונדז באַזוכן די העברעישע שולע אין מאָסקווע?״

„אַ העברעישע שולע אין מאָסקווע? איר מאַכט חוזק פון מיר! איך האָב גאָרנישט געהערט פון איר עקזיסטענץ! ווו איז זי? לאָמיר שוין דאָרט אַהינגיין!״

מיינע מיטעסער שמייכלען:

„איר וועט זיך גאָרנישט דאַרפן איבערטאָן. די שולע איז טאַקע דאָ אונטן אין די צימערן. דאָרטן לערנען די קינדער פון דעם ישראל־דיפּלאָ־מאַטישן פּערסאָנאַל״.

זענען מיר איצט אונטן, אין ריינעם קלאַס־צימער פון דער איינציקער העברעישער שולע אין ראַטן־פאַרבאַנד.

די לערערין איז די אידעאַליסטישע עבריה פון קיבוץ יפעת. זי איז צוליב דעם טאַקע אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע, כדי די קינדער פון די דיפּלאָמאַטן, וואָס באַזוכן די נאָרמאַלע רוסישע רעגירונגס־שולעס, זאָלן נישט פאַרגעסן פון וואַנען זיי שטאַמען און וואָס זיי האָבן געלערנט אין ישראל.

ביים שוואַרצן טאָוול שטייט אַ פּרעכטיק מיידעלע — די זיבן־יאָריקע גילה פּרט, אָט די טאָכטערקע פון פאַרשריגענעם שפּיאָן און שרייבט מיט קרייד:

„ט״ו באדר במוסקבה. ביום ששי חגגנו את חג י״א אדר והחגיגה היתה יפה מאוד. עבריה הציגה לנו סרט. דב ספר על יוסף טרומפלדור הגבור ועל תל חי. ואחר כך שרנו שירים נחמדים. המסיבה היתה יפה מאוד. גילה פּרט״.

(מיר האָבן געפּייערט אין מאָסקווע דעם יום־טוב פון י״א אדר. מען האָט אונדז געוויזן אַ פילם. מען האָט דערציילט וועגן יוסף טרומפּעל־

דאָר און תל־חי. דערנאָך האָבן מיר געזונגען שיינע לידער. די גאַנצע פּיירונג איז געווען אַזוי שיין. גילה פּרט").

און די קינדערלעך אין עלטער פון זעקס ביז פערצן יאָר הערן די לעצטע ווערטער פון שטאַרבנדיקן טרומפּעלדאָר:

„אין דבר! טוב למות בעד ארצנו!" (עס מאַכט נישט אויס! עס איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד). איך בין געריר͏ט ביז טרערן פון די געזאַנגען, נאַענטע און מעלאָדישע, וואָס טראָגן זיך פון די קינדערשע מיילער אין זייער מאָסקווער קעלער־שולע, און איך דערזע פאַר זיך די לעבעדיקע געשטאַלט פון טרומפּעלדאָר, אַזוי ווי איך האָב אים געטראָפן אין כאַרקאָוו אין יאָר 1918, אויפן וועג קיין ישראל. עס איז דאַן געווען דער באַגינען פון העלדישקייט, דער געבורט פון „חלוץ".

מען דאַרף זיין אין מאָסקווע, כדי די דאָזיקע איבערלעבענישן און זכרונות זאָלן באַקומען אַ ספּעציעלע באַדייטונג.

*

דוב סאַטאַט לייגט מיר פאָר זיך דורכפאָרן מיט אים דורך מאָסקווע. ער גיט צו מיר אַ שמייכל: „אויף מיין אויטאָמאָביל פלאַטערט די בלוי־ווייסע ישׂראל־פאָן מיטן מגן־דוד".

„ניין, ניין! איך וויל טאַקע פאָרן דורך מאָסקווע אין שאָטן פון מגן־דוד. אגב, צי וואָלט איר מיך שפּעטער נישט געוואָלט צופירן צו דער מאָסקווער שול, איך וויל באַזוכן די ישיבה! איר וועט פאָרן ווייטער און מיך אַראָפּלאָזן אין ספּאַסאַגליני שטשעוווסקי פּערעולאָק".

דער אַמבאַסאַדאָר איז מסכים. און מיט אַ ציטערדיק האַרץ זע איך די רעאַקציע פון די דורכגייער אויף די אָפטע קרייצווועגן פון די באַלעבטע גאַסן ווו אונדזער אויטאָמאָביל פאַרהאַלט זיך. די מאַשין ווערט, אגב, געטריבן פון אַן אינטעליגענטן רוסישן שאָפער. מען רינגלט אונדז אָפּט אַרום. מען באַטראַכט מיט גרויס נייגער די פאָן און די מענטשן, וואָס זיצן אינעווייניק.

קיין פיינטלעכער זשעסט פון די דורכגייענדיקע. גראָד פאַרקערט: ביים אָפּפאָרן נאָכן פאַרהאַלטן זיך, גריסט מען אונדז פריינדלעך מיט די הענט. ווער זענען זיי, די באַגריסער? איך קאָן נאָר פּרובירן טרעפן.

אויפן פּלאַץ לעבן דענקמאָל פון פּאָעט מאַיאַקאָווסקי שטייען ווי שטענדיק גרופּקעס יונגעלייט וואָס וואַרטן, אַז אַ דיכטער זאָל זיך שטעלן לעבן

פּעדעסטאַל און לייענען אַ ליד. פּאָליציי האָט דאָס נישט ליב — אָבער די יוגנט קעמפט פאַר דעם דאָזיקן נייעם מנהג מיט אַ פריילעכער איינגע־שפּאַרטקייט.

דאָ ווערט אונדזער פּאַן באַגריסט גאָר אָפן און וואַרעם.

דער רוסישער שאָפער דערקלערט מיר: „אָט דאָס איז דער פּלאַץ, ווו יעווטושענקאָ האָט פיל מאָל געלייענט זיין פּאָעמע „באַבי־יאַר״ און אַנדערע לידער. איר ווייסט מסתמא, אַז פיל טויזנטער זענען דערביי געוועזן״.

„יאָ, איך ווייס, מיר אַלע אין אַמעריקע ווייסן...״

און שוין פאַרהאַלטן מיר זיך אין דעם משופּעדיקן געסל, ווו די סינאַ־גאָגע שטייט. איך וויל נישט, אַז דער אויטאָ מיט דער פּאַן זאָל זיך פאַר־האַלטןביים סאַמען אַריינגאַנג. לאָזט מען מיך אַראָפּ אויפן ראָג פון געסל און איך גיי לאַנגזאַם אויפן גליטשיקן אייז, מיט וועלכן די טראָטואַרן זענען פאַרפרוירן. אָ, ווי גליטשיק איז גראָד היינט דער וועג צו דער מאָסקווער סינאַגאָגע!

עס איז ווידער כמעט סימבאָליש: גייענדיק צו דער סינאַגאָגע האָב איך אין זינען געהאַט נאָר די ישיבה צו באַזוכן, צו מנחה איז נאָך ווייט. און אומגעריכט פאַר זיך אַליין בין איך שפּעטער אַריינגעפאַלן אויף דער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג פון די מאָסקווער סינאַגאָגע־גייער קעגן דעם, וואָס מען וויל זיי נעבעך „פאַרסמען״ מיט ישראל־אידעען.

נישט אומזיסט איז היינט מיין וועג געווען אַזוי גליטשיק.

ביי די „אַנוסים״ אין דער מאָסקווער שול

איך האָב פאַרבראַכט אַ שווערן טאָג אין דער מאָסקווער סינאַגאָגע. אַ טאָג צווישן יידן — דוכט זיך פרומע, גאָטספאָרכטיקע, פיל פון זיי מיט בערד און מיט די איבערבלייבענישן פון דעם נאָבעלן אויסזען פון דעם קלאַסישן, באַזונגענעם, רוסישן יידן — אָבער די שפּראַך זייערע איז געווען אַזוי ווי אין די צייטן פון בבלס טורעם, ווען גאָט האָט צעמישט דאָס לשון פון מענטשן, און אַ ברודער האָט זיין ברודער נישט פאַרשטאַנען.

די ערשטע פּאָר שעה פון מיין זיין אין דער סינאַגאָגע זענען געווען כמעט נאָרמאַלע. מען האָט מיר אָפּגעגעבן „שלום עליכם״. דער געלער שמש, וואָס

איז געזעסןביים אַריינגאַנג, האָט מיך גלייך געפרעגט, צי איך בין אַן אַמעריקאַנער רב.

— פאַר וואָס אַ רב? — פרעג איך פאַרוווּנדערט.

— ווייל — ענטפערט ער מיר — איר טראָגט נישט קיין באָרד, און איר האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה. אַזוי זענען זיי דאָך, די אַמעריקאַנער רבנים...

כאַפּ איך זיך, אַז מיט דעם מעכאַנישן אויפהויבן פון מיין האַנט צו דער מזוזה האָב איך אויסגעדריקט דעם גאַנצן פּיעטעט און כבוד צו מיין פאָטער זצ״ל, מיט וועמען איך האָב איבערגעטראָטן די זעלביקע שוועל אין דעם יאָר 1915, און זיך גלייך פאַרנומען אויף לינקס, צו דעם צימער, פון הרב מזא״ה.

אָ, דאָס איז געווען זייער לאַנג. פון דעם דרייסטן מאָסקווער רב מזא״ה, וועלכער האָט קיין מורא נישט געהאַט צו אַטאַקירן אָפן די אַנטיסעמיטן פון צאַרישע צייטן, ביז דעם היינטיקן רב ר׳ יהודה לייב לעווין, מיט דעם אַזוי צעשראָקענעם בליק, זענען אַריבער נישט קרוב פופציק יאָר, נאָר אייביקייטן גאַנצע. נישט איך בענק נאָך יענע צייטן, ווען הרב מזא״ה האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן ביילִיסן פון דעם בלוט־בלבול, און נישט איך בין אַנטציקט פון דעם היינטיקן טאָג, ווען איך פּרוביר אויסצומיידן דעם הרב לעווין, כדי אים נישט צו שטעלן פאַר אַ נסיון מיט מיינע פראַגן.

אָבער לאָמיר נישט שפּרינגען איבער די געשעענישן. דער שמש מיט דעם געל־גרויען בערדל זיצט לעבן דעם טיש, ווו עס זענען פאַראַן דריי לעכער אַריינצוּוואַרפן נדבות, מיט באַזונדערע אויפשריפטן: פאַר „צדקה״; פאַר דער „ישיבה״; פאַר „בדק הבית״ (רעמאָנט). וואַרף איך אַריין מיט אַ באַזונדער געפיל פון יראת־הכבוד מיינע רובלס אַלס נדבות. אויף דער וואַנט הענגט אַן אויפשריפט אין רוסיש מיט די נעמען פון די קאָמיטעט־מיטגלידער פון דער סינאַגאָגע, וואָס זענען באַשטימט צו עפענען די קעסטלעך מיט די נדבות.

אַזוי ווי עס איז געווען דריי אַזייגער ביי טאָג, נישט די צייט פון תפילות, בעט איך דעם שמש מיר צו ווייזן די ישיבה. רופט ער צו אַ צווייטן יידן, וועמען ער באַטיטלט אַלס „טשלען קאָמיטעטאַ״ (מיטגלידער פון קאָמיטעט), אַז יענער זאָל מיר ווייזן, וואָס ער פאַרשטייט, אַז איך דאַרף זען. דער „גבאי״ איז גוט אָנגעפּעלצט און ער טראָגט אַ פיין טכויערן היטל, ווי מען טראָגט ווינטער אין מאָסקווע.

ער שטעלט זיך פאָר אַלס ירוחם גאַללאַי, אַמאָל פון דניעפּראָפּעט־

ראַווסק (יעקאַטערינאָסלאַוו). ער פירט מיך אַרויף אויף די טרעפּ צו אַ „בית שני״, ווו איך זע עטלעכע יידן זיצן ביי גמרות אין דעם פאָדערשטן צימער. דערנאָך גיי איך אַריין אין אַ צווייט צימער, ווו 8 פאַרהעלטנישמעסיק יונגע מענטשן זיצן אויסגעזעצט ביים טיש, און אויבן אָן, אין אַ פאָטעל, לערנט מיט זיי אַ קליין־געוויקסיקער עלטערער ייד, מיט אַ קורץ גרוי בערדל.

אַלע הייבן זיך אויף, ווען מיר קומען אַריין. מען גיט זיך אָפּ „שלום״. איך קוק אַריין אין די ספרים אויפן טיש: דאָס זענען די יורה דעהס, מיט „הלכות שחיטה״.

און אַזוי טאָקע דערקלערט מען מיר, אַז די אַכט יונגעלייט — זעקס פון קאַווקאַז און צוויי פון מאָסקווע — לערנען זיך דאָ צו זיין שוחטים צווישן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ווען איך פרעג נאָיוו געגנוג, צו מען גרייט אויך מוהלים, ענטפערט מיר דער גבאי אַ ביסל נישט זיכער:

— מוהלים? ביי אונדז אין לאַנד באַנוצט מען צו מילה אַ דאָקטאָר, און דאָס נאָר דעמאָלט, ווען מען אנערקענט, אַז פון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט איז מילה אַ נויטווענדיקייט...

איך האָב, פאַרשטייט זיך, נאָך פון פריער געוווּסט, אַז מיט מל זיין האַלט עס זייער שמאָל אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַז כאָטש אין ווילנע, למשל, אָדער אין קיעוו, אָדער אין כאַרקאָוו, זענען יאָ פאַראַן אַ פּאָר טאָלערירטע מוהלים, איז אָבער אין אַלגעמיין געגומען מעגלעך אויסצופירן דעם געבאָט פון מילה בלויז פאַר אַ פינף ביז צען פּראָצענט יידן. און זיי זענען זיך פאַר דעם טאָקע מוסר נפש. די איבעריקע ניינציק פּראָצענט יידישע ייִנגלעך זענען ערלים.

וויל איך אָבער דווקא אויף דעם אָרט אָנגעבן פאָלגנדיקן פאַקט, וואָס איך האָב געגומען פון אַן אַרטיקל פון פּראָפעסאָר אָסיפּאָוו, אין דער „איז־וועסטיאַ״. דער דאָזיקער פּראָפעסאָר איז פריער געווען אַ פּראַוואָסלאַוונער באָגאָסלאָוו (געלערנטער אין רעליגיע). ער האָט געדינט ביים פּאַטריאַרך פון דער אַלרוסישער צערקווע. שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אַטעאיסט און ער גיסט איצט פעך און שוועבל אויף דער קירכע.

שרייבט ער מיט אַ פאַרוואורף אין יענעם אַרטיקל, אַז נאָך איצט טויפט מען אין די צערקווס אַרום זעכציק פּראָצענט פון די ניי־געבוירענע קינ־דער, און אַז דאָס טוען מערסטנטיילס די מאַמעס און די באָבעס, כלומרשט אין געהיים פון זייערע מענער, וועלכע זענען אָפט מאָל אַפילו פּאַרטיי־מיט־

גלידער. דער פראָפעסאָר האַלט, אַז דאָס איז אַ סקאַנדאַל, און מען דאַרף זען צו באַקעמפן דעם דאָזיקן „אָבערגלויבן".

מילא, זאָלן אַנדערע קעמפן קעגן דעם מאַסן־טויפן פון די ניי־געבוירענע קינדער אין ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער מיך אַרט, וואָס יידישע ייִנגלעך בלייבן ערלים. עפּעס רעוואָלטירט אין מיר. עפּעס ווילט זיך זאָגן דאָרטן ביי דעם טיש, ווו די „יורה דעה" ליגט אָן אָפענע. אָבער איך דערמאָן זיך, אַז איך בין דאָך צווישן אַנוסים, זאָג איך צו זיך אַליין: זיי זשע, ברודער, נישט קיין נאַר, און שוויג!

איך פאַרהאַלט זיך נאָך אַ מאָל ביי די לערנערס אין דעם ערשטן צי־מער. דאָס זענען „ישיבה־בחורים" פון אַ יאָר פופציק און העכער. זיי לערנען „פאַר זיך", באַזונדער. צוויי יידן, מיט בערד, פון ריגע, לערנען בבא קמא און דער דריטער „ישיבה־בחור", פון מינסק, לערנט די גמרא כתובות, און ער בייסט דערביי זיין גרויע באָרד.

דער ייד, וועלכער לערנט מיט די יונגעלייט „הלכות שחיטה", איז אַליין אַ מאָל געווען אַ שוחט אין דער שטאָט אָוורוטש. דער פּאַקטישער ראש־ישיבה אָבער איז הרב לעווין.

וויל איך דאָ באַמערקן: עס איז אמת, אַז די ישיבה עקזיסטירט, אַז די, וועלכע לערנען דאָרטן, באַקומען געלט אויף צו לעבן פון דער מלוכה, אַז די ידיעה, וואָס אַ חשובע דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער יידן האָט מיטגעטיילט דער וועלט, מיט עטלעכע חדשים צוריק, אַז די מאַכט האָט די ישיבה גע־שלאָסן — איז נישט קיין ריכטיקע.

עס גייט נישט אין דעם, צי עס זענען פאַראַן דאָ אַ סך תלמידים, צי זיי זענען יונג אָדער אַלט. מען וואָלט אָנגענומען פיל מער, האָט מען מיר דער־קלערט, ווען עס זאָלן זיין קאַנדידאַטן. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די מערסטע ישיבה־בחורים זענען פון קאַווקאַז. וואָרים דאָרט האָט זיך נאָך קאָנסערווירט אַ קאָמפּאַקטע מאַסע פון רעליגיעזע יידן.

אָבער עס איז בפירוש אַן עוולה, ווען מען טיילט מיט דער וועלט וועגן „גזירות", וואָס זענען נישט פאָרגעקומען. דאָס שטאַרקט די הענט פון יע־נע, וועמען די יידישע רעליגיעזע אינסטיטוציעס זענען ווי אַ דאָרן אין אויג.

מיט צוויי יאָר צוריק, למשל, האָט עמעצער, אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער באַזוכער, געבראַכט פון ווילנע די ידיעה, אַז דאָרט האָט מען פאַרמאַכט די שול. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מען האָט אין אַ וואָכעדיקן טאָג צונויפ־גערופן הונדערט יידן אין דער ווילנער שול. זיי אַלע האָבן אָנגעטאָן טליתים

מיט תפילין, און מען האָט זיי אַזוי פאָטאָגראַפירט. דערנאָך האָט מען דאָס בילד פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט: „זעט, כ׳לעבן, וואָס די שונאים פון ראַטן־פאַרבאַנד טראַכטן אויס אויף אונדז.״

גערעכט. וואָלט אָבער יענער אינפאָרמאַטאָר דערציילט, אַז מען האָט געשלאָסן די שול אין באָברויסק, אָדער אין אַ צענדלינג אַנדערע פלעצער, ווו עס איז טאַקע אַזוינס פאָרגעקומען, וואָלט ער דאָך געווען גערעכט. צו וואָס דאַרף מען אויסטראַכטענישן, אַז דער אמת איז אויך גענוג טרויעריק?

אַלזאָ, די ישיבה אין מאָסקווע האָט עקזיסטירט דינסטיק, דעם 20־טן פעברואַר 1962, ווען איך האָב זי פאַרזענלעך באַזוכט.

אייגענטלעך, האָב איך שוין געוואָלט פאַרלאָזן די סינאַגאָגע, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף מנחה־מעריב. דערזע איך אָבער ביים אַריינגאַנג, ווי עס קומען אָן מאַסן אָנגעפּעלצטע און אין פוטערנע היטלען אָנגעטוענע מאָסקווער יידן. עפּעס אַלע זעען זיי אויס אַזעלכע ערנסטע און אָנגעשטרענגטע, גאָר נישט קיין פריינדלעכע. איך כאַפּ זיך גלייך, אַז דאָס קומט מען נישט דאָ אַהער דאַווענען מנחה אין אַ וואָכעדיקן טאָג. איך האָב, בעת מיינע פריערדיקע וויזיטן, מער ווי אַ צוואַנציק־דרייסיק מענטשן נישט געטראָפן אין דער וואָכן. און געדאַוונט האָבן זיי אין דעם ערשטן, קלענערן צימער, נישט אין דעם הויפּט־זאַל פון דער סינאַגאָגע. איצט אָבער שטופּן זיך אַלע צו דעם פאַראַדנעם, שבתדיקן זאַל. דאָס איז אַ סימן, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס האָט זיי אַלעמען דאָ אַהער געבראַכט.

איך האָב שיער נישט פאַרגעסן צו דערציילן, אַז איידער דער גבאי האָט מיך אַרויפגעפירט אין דער „ישיבה״, האָט ער מיך אַריינגעפירט אין הויפּט־זאַל, צוגעפירט מיך צו דער עסטראַדע, ווו דער ארון־הקודש שטייט (די בימה איז אין מיטן), און דאָרט, ביי דער זייט, האָט ער מיר געוויזן אַן אָפּגעצאַמטן שטח, מיט נייאינקע שטולן און מיט אַ באַריערע.

— דאָס איז די לאָזשע — האָט ער מיר דערקלערט — דער פלאַץ, ווו די ישראלדיקע דיפּלאָמאַטן וועלן זיצן און ווו זיי וועלן זיין אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע מתפללים. איר האָט מסתמא געלייענט די אַלע באַשולדיי־קונגען קעגן זיי און קעגן אונדז. מען דאַרף וועגן דעם נישט רעדן... איז בעסער, אַז זיי זאָלן זיצן באַזונדער...

מיר האָט דאָס אַ טיאַכקע געטאָן ביים האַרצן: אַזוי וויים דערגאַנגען! ביין, נישט קיין „דיפּלאָמאַטישע לאָזשע״ איז דאָס, נאָר אַ „דיפּלאָמאַטישער געטאָ״...

און איצט קומען שוין יידן אין די הונדערטער. איך זע, ווי האַרט פּאַר־ביי מיר גייט דורך דער אַזוי פריינדלעכער און סימפּאַטישער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט פון דער „ניו יאָרק טאַימס״, טעד שאַבאַד.

ערשט נעכטן בין איך געווען ביי אים אין שטוב, זיך געשפּילט מיט זיי־נע קינדער, געשמועסט מיט זיין פרוי. אָבער איצט וואַרפט ער אויף מיר אַ מאָדנעם בליק, און ער דערקענט מיך נישט. פאַרשטיי איך, אַז דאָס איז נישט דעריבער ווייל ער איז קורצזיכטיק... מאַך איך זיך אויך נישט זעענדיק אים. הער איך, ווי דער גבאי פרעגט אים אין רוסיש:

— ווער זענט איר?

ענטפערט שאַבאַד:

— אַ טוריסט פון דער פּראָווינץ.

און נישט אָפּשטעלנדיק זיך, גייט ער אַריין אין דער סינאַגאָגע.

איך זעץ זיך אַוועק אין אַ ווינקל, און מיט אַ פאַרשטענדלעכער נייגע־ריקייט אָבסערוויר איך די אַנטוויקלונגען.

פריער פון אַלץ דאַוונט מען מנחה. אַ מזל האָט געהאַט די מנחה אין יענעם דינסטאָג. וואָרים אַרום צוויי הונדערט יידן, וועלכע קומען דאָ אַהער בלויז אין די שבתים און ימים טובים, האָבן דאָס מאָל געענטפערט „אמן״ אויף דער וואָכעדיקער חזרת הש״ץ.

איך האָב געהערט די ווערטער: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״ (און אונדזערע אויגן זאָלן זען ווי די שכינה וועט זיך צו ציון מיט רחמים צוריקקערן). אינסטינקטיוו האָב איך געכאַפּט אַ קוק אויף דער נייאינקער „לאָזשע״, וווּ מען וועט אָפּצוימען די ישראלדיקע דיפּלאָמאַטן...

שנעל אָפּגעדאַוונט, און אָט שטייט שוין דער אַזוי באַשיידענער און מיט ווערטער צוריקגעהאַלטענער רב, און ער רעדט מיט זיין נישט זיכערער שטימע און אין אַ גוטן יידיש:

— מיר האָבן איך צונויפגערופן אויף דער דאָזיקער אויסערגעוויינלע־כער אסיפה וועגן אַ וויכטיקן ענין. די סינאַגאָגע איז באַשאַפן געוואָרן פאַר תפילה טאָן, פאַר דאַוונען, נישט פאַר שמועסן... מען רעדט צופיל. מען רעדט אומנויטיקע רייד. און דאָס איז נישט גוט... מען קען דאָך שוין לעצטנס צו קריאת התורה נישט הערן וואָס מען לייענט, צוליב דעם שמועסן און דעם שעפּטשען... דאָס מוז אויפהערן, און שלום על ישראל! איצט וועלןריידן די קאָמיטעט־מיטגלידער, שאַ!

אַ קלאַפּ אין טיש.

איצט גייט אַרויף אַ ייד, מיינער אַ לאַנדסמאַן, נעטופּסקי הייסט ער. איך האָב פאַר דער אסיפה גערעדט מיט אים אַ פּאָר פריינדלעכע ווערטער. מיר געדענקען נאָך איינער דעם אַנדערן פון די חדר־יאָרן. ער איז אַ באמת חשוּבער ייד, וועלכער לעבט שוין פון דער מלוכה־פּענסיע.

אָבער איצט רעדט ער נישט דאָס, וואָס אונדזער תנ״ך־רבי, ר׳ לייזער, האָט אונדז געלערנט. ער רעדט גאָר אַנדערע דיבורים:

— מיר דאַרפן נישט די מתנות, וואָס די ישראלדיקע געסט, אָדער די אַמעריקאַנער טוריסטן, ברענגען אונדז. מיר האָבן דאָ אַלץ אַליין גענוג: סידורים, טליתים, תפילין. מוחל די אַלע מתנות!

(עס ווילט זיך מיר אויסשרייען: „יאַשקע טייערער, וואָס רעדסטו? די סידורים ווערן דאָך שוין צעפאַלן. די טליתים זענען צעקראַכן. און תפילין זענען דאָך נישט בנמצא״... אָבער איך פאַרבייס די ליפּן. איך קען אים פאַר אַ קלוגן ייד. ווייסט ער געוויס בעסער ווי איך, וואָס צו ריידן, און ער דאַרף נישט מיין עצה.)

דערנאָך גייט אַרויף אַ ייד אין אַ קאַראַקולענער „פּאַפּאַכע״ און מיט אַ סויבעלנעם קאָלנער, און נישט ער רעדט, נאָר ער שרייט אין רוסיש:

— זיי (די ישראלים) ווילן אונדז אומגליקלעך מאַכן! לייענט וואָס אונדזער צייטונג „טרוד״ שרייבט וועגן דעם!

און דער ייד ציטירט אייניקע שטעלן:

„די ישראלדיקע דיפּלאָמאַטן נוצן אויס די סינאַגאָגעס אויף באַגעגענישן מיט מענטשן, וואָס זענען זיי נויטיק, כדי איבערצוגעבן אינסטרוקציעס און באַקומען שפּיאָנאַזש־אינפאָרמאַציעס...״

— איר הערט? — שרייט דער רעדנער — שפּיאָנאַזש־אינפאָרמאַציעס! מען וועט דאָך אונדז אומגליקלעך מאַכן און מען וועט אויך זיין גערעכט!

דאָ רייסט אים איבער אַ שטימע פון ערגעץ אַ באַנק:

— ר׳ ייד, פאַר וואָס רעדט איר נישט קיין יידיש?

הרב לעווין גיט אַ פּאַטש אין טיש און ער זאָגט:

— דאָ קען יעדער רעדן אין וואָס פאַר אַ שפּראַך ער וויל.

דערנאָך גייען אַרויף נאָך רעדנערס. ווידער ציטירן זיי די אַטאַקירנדיקע און דראַסטישע שטעלן וועגן דעם, אַז דער פּראָצעס קעגן פּעטשערסקין און די אַנדערע אין לענינגראַד, האָט „באַוויזן״, אַז די ישראלדיקע דיפּלאָמאַטן אָרגאַניזירן שפּיאָנאַזש אין די סינאַגאָגעס, אַז מען האָט זיי „געכאַפּט״ ביי דער האַנט, און אַזוי ווייטער.

איך קוק אויפן עולם. יעדער איז טרויעריק, דערשראָקן. ווער קען זאָגן, ווער קען וויסן, וואָס עס קומט פאַר אין די קעפּ אונטער די פוטערנע היטלען פון די דאָזיקע געטרייע יידן?

עפּעס שטיקט מיך אין האַלדז. איך מוז אַרויסגיין. איך קען דעם דאָזיקן בזיון נישט אויסהאַלטן.

*

אויף צו מאָרגנס האָט מיר טעד שאַבאַד געגעבן די רעזאָלוציע, וואָס איז אויף דער פאַרזאַמלונג אָנגענומען געוואָרן:

„נישט רעדן בעת די תפילות.

„נישט האָבן קיין שום קאָנטאַקט מיט די ישראלדיקע דיפּלאָמאַטן.

„בעטן די ישראלים, אַז זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון געבן וועלכע עס איז מתנות אין דער סינאַגאָגע".

אַלע, אַלע, האָבן אויפגעהויבן די הענט פאַר דער דאָזיקער רעזאָלוציע.. עס איז נישט געווען קיין איינציקע שטימע קעגן, אָדער עמעצער, וואָס זאָל זיך אָפּהאַלטן פון שטימען...

אַנוסים!

*

איך בין אַרויס אין שטילן, פינצטערן געסל. עס איז געווען קאַלט, גליטשיק און אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן...

איך דערפיל, אַז עמעצער נעמט מיך פעסט אונטערן אָרעם. איך צאַפּל אויף...

דערהער איך אַ ווייכע שטימע פון אַ באַפּעלצטן ייד מיט אַ באָרד:

— לאָזט מיך אייך אַרויסהעלפן. דאָ איז באַרג־אַראָפּ. איר קענט זיך נאָך אויסגליטשען.

איך לאָז זיך פירן ווי אַ קינד.

און די שטימע רעדט ווייטער:

— לעצטן שמחת תורה, ווי פאַראיאָרן און פאַר צוויי יאָר, איז דאָס דאָזיקע פינצטערע געסל געווען געפּאַקט מיט טויזנטער יידן. און עס איז געווען ליכטיק! און יונגוואַרג איז געווען. דאָ איז געווען צו ענג, אָט מען זיך צעטאַנצט און צעזונגען אויף אָט דעם פּלאַץ. די מיליציע האָט געיאָגט, אָבער מען האָט ווייטער געטאַנצט. די יונגעלייט אונדזערע, וואָס קענען מערסטנ־

טיילס נישט קיין ייִדיש, האָבן אויפגעכאַפּט אַ „פריילעכס״ פון די ייִדישע קאָנצערטן, וואָס מען גיט דאָ, אין מאָסקווע, און זיי האָבן געזונגען:

„אוי, אוי, אוי, אוי, אוי!
פריילעך קינדער אָט אַזוי!
מזל שיט זיך פון די זעק,
פריילעך אָן אַן עק!...״

און אַנדערע האָבן געטאַנצט אין אַ קרייז, און זיך געהאַלטן פאַר די טיכלעך, פון דער ווייטנס, אַזוי ווי די צניעותדיקע באָבעס זייערע פלעגן טאַנצן...

אָט דאָ, ר׳ ייִד, איז דער אַריינגאַנג אין דער מעטראָ. איר דאַרפט מיך מער נישט האָבן... איצט וועט איר זיך שוין נישט אויסגליטשן״...

*

טייערער ברודער מיינער, איינער פון די אַנוסים, מיר דאַרפן דיך זייער שטאַרק. פאַרלאָז אונדז נישט!

און איך ווער פאַרשלונגען צווישן דער פיל טויזנט קעפּיקער, גרויער, מאָסקווער מאַסע אין דער פּרעכטיקער מעטראָ.

אַ באַזוך אין רעדאַקציע פון מאָסקווער ייִדישער צייטשריפט

נאָך דעם ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון דער „ניו־יאָרק טיימס״ אין מאָסקווע, טעאָדאָר שאַבאַד, און איך האָבן, ביי אים אין שטוב, דורכגעדיס־קוטירט די לאַגע פון די ייִדן אין רוסלאַנד, האָב איך געמאַכט אַ פאָרשלאַג, מען זאָל די דיסקוסיע איבערטראָגן אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

„לאָמיר דאָרטן, ווו עס זיצן אַזוינע שאַרפע קעגנער פון אונדזער אַמערי־קאַניש־ייִדישן שטאַנדפּונקט ווי אהרון ווערגעליס און זיינע חברים, פּרובירן אויפקלערן די ספיקות, וואָס מיר האָבן. לאָמיר אָפן און אָן מורא אַרויס־זאָגן אונדזער שטאַנדפּונקט און הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן״.

טעד שאַבאַד איז מסכים. איך דערצייל אים, אַז צוליב דעם, וואָס אהרון ווערגעליס האָט מיר אין יאָר 1956 פאַרזיכערט וועגן אַ ריי ליבעראַלע

שריט, וואָס מען קלייבט זיך אָנצונעמען אין ראַטן־פאַרבאַנד אין באַצוג צו יידישער קולטור — און יאָרן זענען אַריבער אָן אַ רעזולטאַט — האָב איך אים אין מיינע אַרטיקלען אָנגעגריפן. ער האָט רעאַגירט אויף דעם אין זיין געשפּרעך מיטן רעדאַקטאָר פון „דזשואיש כראָניקל" אין לאָנדאָן, מיין פריינד יואל צאַנג:

„זאָל נאָר שאָשקעס אַהער קומען, וועלן מיר לערנען מיט אים ווי עס דאַרף צו זיין..."

צאַנג האָט אין זיין באַשרייבונג אפילו צוגעגעבן, אַז ווערגעליס האָט דערביי געמאַכט אַ זשעסט, ווי מען וואָלט אָט דעם אָרעמען שאָשקעס שוין געהאַלטן אין מיטן שטיקן ביים האַלדז און ער, צאַנג, האָט באַצייטנס אויף מיר רחמנות געהאַט. נו, ווי אַזוי קאָן מען, אונטער אַזעלכע אומ־שטענדן, ווען די „דיפּלאָמאַטישע באַציונגען" צווישן מיר און ווערגעליס זענען אין אַזאַ טרויעריקן מצב; ווי אַזוי קאָן איך זיך מיט אים איצטער ווידער טרעפן?

זאָגט שאַבאַד, אַז דאָס איז אַ געוויינלעכער צושטאַנד פון דער „קאַל־טער מלחמה": אָט כאַפּט מען זיך מיט כרושטשאָוון פאַר די לאַצן, און אָט פאַלט מען זיך אויף די העלדזער. אַלזאָ, ער, שאַבאַד, וועט שוין „אויס־פּרעסן" דעם ענין, אַבי נאָר מיר זאָלן אימשטאַנד זיין אויפצוקלערן די פּראָבלעמען, וואָס מיר ווילן.

ער טעלעפאָנירט צו ווערגעליסן, אַז איך זיץ ביי אים, ביי שאַבאַדן, אין דער היים, און אַז עס איז נויטיק מיר זאָלן זיך דורכשמועסן מיט אים און מיט זיינע חברים, די יידישע שרייבער.

ווערגעליס איז גלייך מסכים און מיר רעדן־אָפּ זיך צו טרעפן אויף מאָרגן אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „סאָוויעטיש היימלאַנד", וואָס גע־פינט זיך אויף איינער פון די צענטראַלע מאָסקווער גאַסן (קיראָוואַ 17).

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס איך באַמערק גלייך אויף דער דאָזיקער באַלעבעטער גאַס די פאַרביק־גלעזערנע שילד מיט די יידישע אותיות אונטער דער רוסישער אויפשריפט, מאַכט אויף מיר אַ גוטן איינדרוק: איך האָב דאָך נאָך דעם געגאַרט אין מיינע פריערדיקע צוויי וויזיטן. איך און מיט מיר אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן מאָסקווע באַזוכט — האָבן אַזוי שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן פולשטענדיקן באַיקאָט פון יידישן „אלף־בית" זינט סטאַלין האָט זיך פאַרלייגט אויסצוראָטן די יידישע קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. האָב איך דאָך געזען אין די הענט פון פאַרשטאַרבענעם מאָסקווער

רב שלייפער די ערשטע בויגנס פון אַ פאָטאָגראַפירטן סידור, ווייל ער האָט נישט באַקומען די דערלויבעניש אַזאַ סידור צו דרוקן. האָב איך דאָך גע־הערט בעת דער זיצונג פון די יידישע שרייבער אין מאָסקווע, אין יאָר 1956, די ספיקות, ווו וועט מען דאָס נעמען יידישן זאַץ אויף דרוקן די צוגעזאָגטע יידישע ביכער און אַלמאַנאַך.

ווערגעליס, וועלכער האָט דאַן געפירט די זיצונג, האָט דערקלערט:

„דער דירעקטאָר פון „איזוועסטיא״ האָט נישט פאַרניכטעט דעם זאַץ פון „עמעס״, וועלכן מען האָט איבערגעטראָגן צו אים נאָך דער קאָנפיס־קאַציע פון דער דרוקעריי. וועלן מיר דעם זאַץ אויסזוכן און האָבן מיט וואָס צו דרוקן אונדזערע אויסגאַבן״.

אייגנטלעך האָבן מיר אַלע שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז אַ לאַנד, וואָס ווייס ווי אַזוי אַרויפצושיסן אַ „ספּוטניק״ אין די הימלען, וועט אויך וויסן ווי אַזוי מען גיסט אויס יידישע אותיות אויפסניי. די הויפּטזאַך איז, אַז די „ראַזרעשעניע״ (דערלויבעניש) פון דער רעגירונג זאָל אויף דעם געגעבן ווערן.

און עפּעס האָט זיך פאַרט אַ ריר געטאָן. די יידישע אותיות שיינען אַרויס צו מיר מיט זילבער אויף דער גאַס ביים אַריינגאַנג אין געראַמען לאָקאַל פון דער רעדאַקציע. איך קום אַריין אין אַ גרויס וואַרט־צימער, מיט אַ סעקרעטאַרין. ווייטער זענען פאַראַן גרויסע און פיין מעבלירטע צימערן פאַרן הויפּט־רעדאַקטאָר און פאַר זיינע געהילפן, מיט אַ רייע טעלעפאָנען. מען זעט, אַז עמעצן אין די הויכע פענצטער גייט אין דעם, אַז דער נייער יידישער אַדרעס זאָל „אויסנעמען״ ביי די באַזוכערס.

איך טראָג אין מיין האַנט אַ פּעקל מיט די 3 ביז איצט דערשינענע נומערן פון „סאָוויעטיש היימלאַנד״. איך טראָג דאָס פּעקל צוליב דעם, וואָס עס איז איינגעוויקלט אין אַן עלעגאַנט פּאַפּיר, אויף וואָס עס איז אויפ־געדרוקט:

„ישראל־געשעפט פון סאָוויעטישע ביכער און פאַרשידענע אויסגאַבן. תל אביב, אַלענבי גאַס״.

ווייל איך גלייך ביים אַריינפאָר זיי וויזן ווי פריי און אָפן מען פאַרקויפט אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד סאָוויעטישע ליטעראַטור, און זאָגן דערביי:

„אָט זעט איר, אין דער מינוט, ווען אויף גאָרקי־גאַס אין מאָסקווע וועט זיך עפענען אַ געשעפט, איבער וועלכן עס וועט הענגען אַ שילד „סאָוויעטיש געשעפט פון ישראלדיקע ביכער און פעריאָדישע אויסגאַבן״ —

דעמאָלט וועט קומען אַ סוף צו דער „קולטור־מלחמה" און דאָס וועט אויך זיין אַ סימן מובהק, אַז שלום איז געוואָרן אויף אונדזער וואונדער־שיינער וועלט..."

און איך האָב דאָס טאַקע שפּעטער געזאָגט, ווייזנדיק זיי זייער אויס־גאַבע איינגעוויקלט אין ראָזע ישראלדיקן פּאַפּיר. אָבער קיין גרויסן איינ־דרוק האָט מיין דעמאָנסטראַציע פון דעמאָקראַטיע לגבי דעם ראַטן־פּאַר־באַנד נישט געמאַכט. דער שמייכל ביים טיש האָט ווי געזאָגט:

„עט, מיר קענען זיי, די צעקראַכענע ליבעראַלן! מיר וויסן בעסער ווי אַזוי צו פּאַרטיידיקן אונדזער רעזשים פון שעדלעכע איינפלוסן".

עס באַגעגנט מיך אַהרן ווערגעליס, אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און פערציק יאָר, מיט אַ שטימע און מיט מאַניערן פון אַ נאַטשאַלניק, פון אַ באַפעלער, לחלוטין נישט פון אַ לירישן דיכטער, וואָס ער איז אין זיינע פרייע שעהן, ווען ער טוט נישט זיין אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט און דער־פילט נישט זיינע פליכטן.

ער איז פריינדלעך מיט אונדז און ער רעאַגירט מיט אַ ספּאָרט־שמייכל אויף מיין באַגריסונג אין רוסיש, בעת וועלכער איך באַנוץ אַן אויסדרוק, וואָס לאָזט זיך קוים איבערזעצן אויף יידיש:

„זדראַווסטוויטע, מאַי דוואָיוראָדני וראַג"! (גוט מאָרגן, מיין שונא, מיין קוזין!)

ער נעמט אונדז אַריין אין זיין גרויסן אַרבעטס־צימער. עס קומען אַריין און זעצן זיך אַוועק ביים טיש די שרייבער אַברהם גאָנטאַר, נחום אויסלענדער און מיכאַל לעוו. עס קומט שפּעטער אויך אָן די מערק־ווירדיקע סאָניאַ פריי. זי איז אַ דאָצענטין פון אוניווערסיטעט, אַ העלדישע פּאַרטיזאַנערין איז זי געווען בעת דער מלחמה, און איצט איז זי אַ שריי־בערין אויף יידיש און אויף רוסיש. זי האָט געפירט דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג.

אין משך פון אונדזער געשפּרעך זענען אַריין און אַרויס אַנדערע מיט־אַרבעטער פון דער רעדאַקציע און שרייבערס, וועמעס נעמען איך האָב נישט באַוויזן צו פאַרצייכענען. עס איז אויך אַריינגעקומען אַ פאָטאָגראַפיסט, געבראַכט דורך דעם אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט פון דער פּראָגרעסי־ווער פּרעסע, ס. ראַבינאָוויטש.

מיט דער באַטייליקונג פון אַ. ווערגעליס און זיין רעדאַקציע־שטאַב, הייבט זיך אָן אונדזער שמועס, וואָס האָט געדויערט מער ווי פיר שעה,

און באַרירט פיל פּראָבלעמען — אַנדערע דראַסטישע, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ שטורמישע דעבאַטע.

א. ווערגעליס האָט גלייך פון אָנהייב באַמערקט, אַז זיינע טענות צו מיר פּערזענלעך וועט ער נאָך אַרויסברענגען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט צום סוף פון דער זיצונג, אָבער איך האָב אַזוי מאַנעווורירט, אַז צו קיין פּערזענלעכע קאָנפליקטן זאָל נישט דערלאָזן ווערן. און עס האָבן מיר געהאָלפן דערין דער „טיימס״־קאָרעספּאָנדענט שאַבאַד, און די אַזוי קולטורעלע פּאַרטיזאַנערין סאָניע פּריי.

איך דריק גלייך ביים אָנפאַנג אויס מיין צופרידנקייט, וואָס ענדלעך האָבן מיר אין מאָסקווע אַן אַדרעס, ווו מען קאָן דיסקוטירן וועגן יידישע קולטור־פּראָבלעמען. נאָך דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג אין דער סינאַגאָגע וועט מען שוין דאָרט מער נישט שמועסן נישט בעתן דאַווענען, נישט פאַרן דאַווענען און נישט נאָך דעם...

עס איז אויך גוט, וואָס די מער ווי הונדערט יידישע שרייבער, וואָס האָבן אַזוי פיל יאָרן געמוזט האַלטן זייערע אָריגינעלע מאַנוסקריפּטן אין די שופלאָדן, וועלן קומען כאָטש טיילווייז צום וואָרט אין זשורנאַל „סאָוויעטיש היימלאַנד״. איך האָב געלייענט די דריי דערשינענע נומערן. איך בין נישט קיין ליטעראַטור־קריטיקער, אָבער איך האָב דאָרט געפונען זייער אינטערעסאַנטע באַשרייבונגען, באַזונדערס פון מלחמה־פּעריאָד, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג געבעטן דערציילט צו ווערן. און די דיכטונג? — עס האָט ווידער אַ בליץ געטאָן דער פאַרשטאָרבענער ש. האַלקין און אַ גאַנצע גאַלעריע ליריקער — ווער בעסער, ווער ערגער — אָבער יידיש איז דער גראַם, און דאָס אַליין איז שוין מוזיק אויף דעם שטומען בית־עולם פון יידישן וואָרט, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד איז געווען ביז נישט לאַנג.

עס אימפּאָנירט, ווען מען לייענט די קורצע ביאָגראַפיעס פון די באַטייליקטע יינגערע שרייבער, אַז כמעט אַלע פון זיי האָבן געענדיקט אוניווערסיטעט, אָדער ספּעציעלע הויכשולן. און דאָס זענען אַלץ קינדער פון בעסאַראַביע, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד אָדער ליטע, וואָס האָבן אויך אָנטייל גענומען אין דער גרויסער וועלט־מלחמה.

עס פרייט מיך, וואָס נישט קוקנדיק אויפן לאַנגן „חרם״ אויף יידיש, האָבן דאָך אין אַלע עקן פון גרויסן לאַנד שטילערהייט געשאַפן אויף אונדזער אלף־בית מער ווי הונדערט פּראָזאַיקער און ליריקער, און ווי נאָר עס

האָט זיך דערהערט דער רוף, אַז מען „מעג שוין״, האָבן זיי אַלע געענט־פערט: „מיר זענען דאָ!״

אָבער דאָס איז נאָך אַ זייער באַשיידענער אָנהייב: עס איז ווייניק, ווי־טיקלעך ווייניק, פאַרן האַלבן מיליאָן יידן, וואָס האָבן אָנערקענט יידיש אַלס זייער מוטערשפּראַך, און פאַר די איבעריקע מיליאָנען, וואָס זענען אַלס יידן פאַרשריבן און פאַרשריען.

מיר, פון דער ווייטנס, וועלן מיט גרויס אינטערעס נאָכפאָלגן די אַנט־וויקלונג פון דער דאָזיקער שעפערישער, אָבער דערוויל אַזוי באַשיידענער התחלה. אָבער עס זענען פאַראַן נאָך פאַקטאָרן, פיל וויכטיקערע ווי ליטע־ראַטור — פאַקטאָרן, וואָס וואַרפן אַרויף אויף אונדז, אייערע פען־קאָלעגן אין יידיש אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, אַ טיפן וואָלקן פון זאָרג.

אָט־די מוסטער־פּראָצעסן פון געלט־שמוגלערס און ספּעקולאַנטן; אָט־דער טראַגישער פאַקט, וואָס זיי טראָגן אַלע יידישע נעמען, סיי די, וואָס מען האָט פאַרמשפּט צום טויט אין ווילנע, סיי די, וואָס מען האָט פאַר־משפּט אין ווייטן קאַווקאַז. שוין־זשע האָט מען פון האַלבן מיליאָן אָדער מער פאַרברעכער, וואָס זיצן אין סאָוויעטישע תפיסות, נישט געפונען געלט־שמוגלערס און ספּעקולאַנטן, וואָס הייסן איוואַנאָוו, אָדער סטעפּאַנאָוו?

אַלע טוריסטן, וואָס קומען דאָ — און איך אויך בתוכם — וועלן אייך דערציילן, אַז אויפן סאַמע קרעמל־פּלאַץ דערנענטערן זיך צו אונדז יונגע רוסן, בלאָנדע און „פּאַניש״ אויסזעענדיקע, און פרעגן, צי וואָלטן מיר גע־וואָלט טוישן דאָלאַרן? זיי וועלן געבן דעם העכסטן קורס. איז פאַר וואָס האָט מען נישט געמאַכט אַ דעמאָנסטראַטיוון פּראָצעס מיט ריין־רוסישע נעמען? זיי פעלן דען אין די תפיסות?

און די פּראָצעסן פון די גבאים אין לענינגראַדער שול — יידן תמימים, און געוויס נישט קיין שפּיאָנען — נו, מיינט איר נישט, אַז יעדער ייד פון די דריי מיליאָן, וואָס רוסלאַנד ציילט, פילט זיך נישט כאָטש אַ ביסל געקרענקט, וואָס דווקא זיין נאַציאָנאַליטעט (אַלע האָבן זיי דאָך גלייך די באַצייכענונג „ייד״ אין זייערע פּאַספּאָרטן) ווערט אויסגעצייכנט אין פאַר־שידענע קרימינעלע אַפערעס, מיט וועלכע, ווי אַלע ווייסן, דאָס גאַנצע לאַנד זינדיקט „צוביסלעך״ צו אין פאַרשידענע געביטן. פאַר וואָס אָבער דווקא יידן ווערן דאָ אַרויסגעשטעלט אַלס טשעמפּיאָנען?

און די באַציונג צום קליינעם דעמאָקראַטישן לאַנד ישראל, ווי זי ווערט געבראַכט צום אויסדרוק אין אייער אָפיציעלער פּרעסע? צי מיינט איר

נישט, אַז יעדער סאָוויעטישער ייד — ווי אַסימילירט ער איז נישט — פילט אין אַ געוויסער מאָס אַ פּערזענלעכן ווייטאָג, וואָס דווקא די יידישע מלוכה ישראל ווערט באַצייכנט אַלס דער רעקאָרד־שפּיאָן קעגן ראַטן־פאַרבאַנד?

און דער פאַקט, וואָס דער מגן־דוד — וועלכער איז גאָר דער רעלי־גיעזער סימבאָל פון יידנטום — ווערט אין אַ אָפיציעלער סאָוויעטישער מאַסן־פּובליקאַציע אין קיעוו פאַראייניקט מיטן בלוטיקן „האַקנקרייץ״; מיינט איר נישט, אַז דאָס טרעפט אין האַרצן פון יעדן יידן, אָן אונטערשיד פון זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען?

האָבן דען יידן אונטערגעשריבן דעם „פאַקט״ מיט היטלערס האַקנ־קרייץ, און נישט סטאַלין?

איך בין נישט אַזוי נאַיוו צו מיינען, אַז איר, ווערגעליס, קענט מיר געבן די תשובות אויף אַלע געשטעלטע פראַגן, אָבער דורך אייך שטעל איך זיי צו יענע העכערע אָרגאַנען פון דער סאָוויעטישער מאַכט, צו וועל־כער איר האָט אַ צוטריט. זאָלן זיי כאָטש וויסן, וואָס ס׳טוט אונדז ווײ! אָט בין איך איצט געקומען צוריק פון אַ וועלט־רייזע און געהאַט די געלעגנ־הייט צו זען און צו רעדן מיט מענטשן פון אַלע קרייזן — נישט נאָר יידן, — אין דער גאַנצער וועלט. קאָן איך אייך זאָגן, אַז מיליאָנען פון סאָוויעטי־שע פּראָפּאַגאַנדע־געלט ווערן פאַרפאַלן, ווייל דאָ ביי אייך הערט מען נישט דעם קרעכץ און דעם ווייטיק און דעם פּראָטעסט, וואָס טראָגט זיך, ווי אַ שטורעם פון לאַנד צו לאַנד צוליב אָט די נאַרישקייטן און רשעות, וואָס ווערן ביי אייך אָפּגעטאָן לגבי יידן. אדרבא, ענטפערט איר מיר אויף די אַרויס־געזאָגטע טענות, — נו, און גיט זיי איבער ווייטער״.

די דאָזיקע טיראַדע מיינע איז געזאָגט געוואָרן אין פאַרשידענע אינ־טערוואַלן בעתן שמועס. און די תשובות, וואָס איך האָב באַקומען זענען אויך געגעבן געוואָרן אין באַזונדערע אָפּזאַצן. אָבער איך האָב בעסער סיי די פראַגן, סיי די תשובות, מיט געוויסע אויסנאַמען, גרופּירט צוזאַמען, כדי דער כאַראַקטער און די פּרטים פון געשפּרעך און רעדאַקציע זאָלן בעסער באַלויכטן ווערן.

פון די תשובות, וואָס איך האָב באַקומען איז מיר קלאָר געוואָרן נאָך אַ מאָל, וואָס איך האָב שוין געוווּסט פון פריער, אַז ווערגעליס וועט נישט אָפּבויגן פון דער „אָפיציעלער פּאַרטיי־ליניע״, וועט אויף קיין איין מינוט דאָס „פינטעלע ייד״ אין זיך נישט לאָזן דאָמינירן איבער דער האַר־

טער דאָגמע פון קורס, וואָס הערשט אין דעם געגעבענעם מאָמענט אין קרעמל (מיט צען יאָר צוריק — סטאַלין־בעריאַ, מיט זעקס יאָר צוריק — מאַלענקאָוו־מאָלאָטאָוו־כרושטשאָוו, אין פעברואַר 1962 — כרושטשאָוו אַליין).

אָבער זיינע אַרויסזאָגונגען אויפן שטח, וואָס איז אים אָמנאָענטסטן — די יידישע צייטשריפט האָב איך אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס און דערוואַרטונג.

לאָמיר אָבער אַרויסכאַפּן פון סאַמען מיטן פון אונדזער דיסקוסיע איין כאַראַקטעריסטישן מאָמענט:

ווערגעליס, נאָכן ענדיקן ציטירן אַ באַרימטן זאַג פון לענינען וועגן די קולטורן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן (לענין האָט זיי געשטיצט קעגן זיינע קאָלעגן — די „גרויסרוסישע שאָוויניסטן", ווי לענין האָט זיי גע־רופן), האָט באַמערקט: „די יידישע קולטור אונטערן קאָמוניזם לעבט איצט איבער אויף איר אופן אַ גרויסן רענעסאַנס". דער „טיימס"־קאָרעספּאָנ־דענט שאַבאַד און איך האָבן זיך אינסטינקטיוו צעלאַכט אויפן קול.

שאַבאַד באַמערקט העפלעך: „און איך, זעט איר, — האָב וועגן דעם גאָרנישט געוווסט... איר זענט זייער אָפּטימיסטיש, — הער ווערגעלי־ס".

אָבער ווערגעליס גיט נישט אַפילו אַ פינטל מיטן אויג און ענטפערט מיט דער גאַנצער זיכערקייט:

„איך בין פון שטענדיק אָן געווען אַן אָפּטימיסט!"...

און שפּעטער הייבן זיך אָן קייקלען די תשובות, די אויפקלערונגען, — די אינטערעסאַנטע און אָפּט מאָל אויפרעגנדיקע מיינונגען.

איז לאָמיר זיי הערן.

אויף מיין פראַגע, פאַר וואָס האָט מען אַזוי טרויעריק אויסגעצייכנט די קליינע מדינת־ישראל מיט באַשולדיקונגען אין שפּיאָנאַזש, אין דער צייט, ווען אַלע ווייסן, אַז פיל גרויסע מלוכות האָבן, — ווי עס האָט דאָס איבערריקנס דער ראַטן־פאַרבאַנד, — אַ פיל מער ברייט פאַרצווייגטע אויס־שפּירונג־דינסט, — ענטפערט ווערגעליס מיט היץ: „אמת טאַקע, אַנדערע מלוכות טוען אויך אויסשפּירונג־אַרבעט, אָבער געכאַפּט האָט מען אָממייסטן נאָר ישראל־דיפּלאָמאַטן".

איר האַלט דאָך אין די הענט די צייטונג „טרוד", ווו עס זענען אויס־גערעכנט די פאַקטן (!) מיט די נעמען און ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט. דאָס איז נישט קיין אַנטיסעמיטיזם, דאָס איז אַ מלוכה־נויטווענדיקייט.

איר האָט פריער דערמאָנט דעם פּײנלעכן אײַנדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אין אויסלאַנד די סוואַסטיקאַ אין מיטן מגן־דוד, וואָס אַן אוקראַיִנישער זשורנאַל האָט פאַרעפנטלעכט.

אָבער עס איז דאָך אמת! בן־גוריון איז דען נישט קיין טרײַער שותף צו אַדענאַוערן? ווערט דען נישט אַדענאַוערס נאָמען פּאָזיטיוו און גלאָריפיצירט אין ישראל? (עס רײַסט זיך בײַ מיר אַרויס אַ צווישנרוף: „אָבער דאָס איז אַ ליגן!״). גיט דען נישט ישראל געוווער צו דײַטשלאַנד? און פאַר וואָס טאַקע האָט דער מאָסקווער ישראל־אַמבאַסאַדאָר גלײַך נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם אַרטיקל פון „טרוד״?

(איך רײַס איבער: „דאָס איז געטאָן געוואָרן פון אויסערן־מיניסטער אין ירושלים בײַם סאָוויעטישן פאָרשטײער אין ישראל״).

„נײן, כל־זמן ישראל וועט זיך חברן אַזוי נאָענט מיט אַדענאַוערן, וועט זיך אונדזער אָפּאָזיציע נישט בײַטן, — אויב זי וועט נאָך אַפילו נישט ערגער ווערן״...

אײַער פראַגע, פאַר וואָס אַזוי פיל יידישע נעמען פיגורירן אין די מוסטער־פּראָצעסן אין ווילנע אָדער קאַווקאַז — קאָן געענטפערט ווערן נאָר מיט די ווערטער: ווײַל אַזוי איז דאָס! די פאַרברעכער אין די פּראָצעסן טראָגן יידישע נעמען, און וואָס קאָנען מיר דערצו העלפן? עס איז ווידער אַ מאָל די יידישע היפּער־עמפּינדלעכקייט. מען פאַרעפנטלעכט בײַ אונדז אַזוי פיל נעמען פון יידן, וואָס זענען טעטיק אין וויסנשאַפט, אין קונסט, אין ליטעראַטור, — וואָס איז דער אומגליק, אַז מען משפּט אויך פאַרברעכער מיט יידישע נעמען?

ווידער אַ מאָל פיל איך, אַז די דיסקוסיע וועט צו קיין רעזולטאַט נישט ברענגען און דאָס „פּינטעלע ייד״ וועט פאַרלאָרן גײן אונטערן שווערן פּזמון: „די פּאַרטיי און איר משפּט זענען גערעכט!״

גײ איך איבער צו אַ מער קאָנקרעטן ענין: צום טעאַטער. איך דערמאָן ווערגעליסן, אַז נאָך אין יאָר 1956 האָט ער מיר געזאָגט, אַז מען קלײַבט זיך אויפלעבן דאָס יידישע טעאַטער: איך האָב וועגן דעם מיטגעטײלט דער וועלט און אויסגעזען נאָיוו אין מײַן גלויבן. אַלזאָ: צי וועט מען איצט דערלויבן יידיש טעאַטער, צי זענען פאַראַן עפּעס קאָנקרעטע צוגרײטונגען צו דעם?

ווערגעליס ענטפערט בײַזלעך:

„איך האָב נישט ליב, אַז מען לייגט מיר צו אַ מעסער צום האַלדז און מען פאָדערט אַ תשובה. וואָס מיינט איר מיט יידיש טעאַטער?"

ענטפער איך: „איך האָב מיט אַ קורצער צייט צוריק געזען אין ווילנע דעם יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו דאָרטן, צוזאַמענגעשטעלט פון מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פּאַראיינען. זיי האָבן וווּנדערבאַר געשפּילט שלום־עליכמען, קולבאַקן און אַנדערע, און געצויגן פיל טויזנטער באַגייסטערטע באַזוכער אין ליטווישן קליינעם ישוב. איז פאַר וואָס זאָלן אויך מאָסקווער יידן פון זיי קיין הנאה נישט האָבן? עס ווױנען דאָך דאָ כמעט אַ האַלבער מיליאָן יידן! אַלזאָ, וועט מען דערלויבן דעם ווילנער טעאַטער־קאָלעקטיוו שפּילן אין מאָסקווע?".

צו מיין איבערראַשונג ענטפערט ווערגעליס:

„מיר האָבן שוין אַן אייגענעם טעאַטער־קאָלעקטיוו און מיר דאַרפן נישט אָנקומען צו ווילנע. עס האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז די אַרטיסטן פון דעם קאָלעקטיוו, וואָס מאַכט שוין רעפּעטיציעס — וואַרטן אויף מיר אין צווייטן צימער. לאָמיר אַרויסגיין און פאַרזענלעך אַלץ זען"...

דאָס איז געווען אַ ווירקלעך דראַמאַטישע ווענדונג פון לאַנגן גע־שפּרעך, ווען מיר האָבן אין צווייטן צימער געפונען עטלעכע דראַמאַ־טישע אַקטיאָרן מיט באַקאַנטע נעמען.

נאָך איצט ווייס איך נישט אויף געוויס, צי איז דאָס געווען אַ פאָרויס באַשטימטע באַגעגעניש, אָדער טאַקע אַ צופאַל?...

אַלזאָ, מיר מישן זיך צונויף אין צווייטן צימער מיט אַ גרופּע פון אַ מאָל באַקאַנטע נעמען פון יידישן טעאַטער אין שלמה מיכאָעלס צייטן.

דער רעפּרעזענטאַטיוועסטער פון זיי איז בנימין שוואַרצער, וואָס טראָגט דעם טיטל „פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון ראַטן־פאַרבאַנד". ער איז לע־בעדיק און פול מיט דערוואַרטונג. מען וועט שפּילן „טוביה דער מילכי־קער" אַלס ערשטע פאָרשטעלונג. ווייטער גרייטן זיי צו די פּיעסע „מיין טאָכטער" פון סינעלניקאָוו. זיי רעפּעטירן אויך (אין קלוב „איסקראַ") אַ מין קאָנצערט־פאָרשטעלונג, וואָס וועט באַשטיין פון די דיכטונגען פון שמואל האַלקין, איציק פעפער און אהרן ווערגעליס.

דער רעזשיסער וועט זיין אפרים לויטער, — אַ מענטש מיט אַ באַרימטן נאָמען אין אַמאָליקן יידישן טעאַטער. ער איז שוין עטלעכע יאָר נישט אַקטיוו אויף דער סצענע.

עס וועט אויך שפּילן די טאָכטער פון דערשאָסענעם באַרימטן פּאָעט

לייב קוויטקאָ, — אַ פּראָפעסיאָנעלע פעיקע אַרטיסטין. איך דערנענטער זיך צו איר מיט די ווערטער: „מיר, אין אַמעריקע געדענקען און שאַצן הויך אייער גרויסן פאָטער. איך קען אַפילו אויף אויסנווייניק אַ פּאָר לידער זיינע, סיי אין אָריגינאַל, סיי אין דער רוסישער איבערזעצונג״.

אַ פּאָר אומעטיקע פאַרטרערטע אויגן פון דער טאָכטער קוקן אויף מיר, ווען איך דערקלאַמיר צו איר שטילערהייט:

„די מאַמע האָט אַ קעצעלע פּאַר מייזעלעך געבראַכט, שפּילט זי זיך אַ גאַנצן טאָג און שלאָפט אַ גאַנצע נאַכט״.

זי הערט אויס אויך די איבערזעצונג אין רוסיש, קוקט מיך שווייגנדיק־אומעטיק אָן און — פאַרלאָזט דאָס צימער.

צווישן די אַרטיסטן געפינען זיך אויך: סאָניאַ ביניטעץ, ראָזאַ קורץ און דער פאָלקס־אַרטיסט לייב פּולווער, וואָס שרייבט אַריין זיין נאָמען אין מיין נאָטיץ־ביכל, — טאָמער האָב איך אים נישט גוט דערהערט.

אַלזאָ, — זאָל זיין מיט מזל! אויב כמעט אַ מיליאָן יידן האָבן באַזוכט די קאָנצערטן, וואָס נחמה ליפשיץ און אַנדערע האָבן די לעצטע יאָרן געגעבן איבער גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד (מען האָט געריסן די בילעטן פון האַנט, מען האָט געצאָלט פאַר זיי דרייפאַכיק, — אַזוי גרויס איז דער דורשט נאָך אַ יידיש וואָרט), וועט מסתם קיין עולם נישט פעלן אויך, ווען דער מאָסקווער טעאַטער־קאָלעקטיוו, וואָס באַשטייט פון טאַלענטירטע אַקטיאָרן, וועט אויסקלינגען זיין מוזיקאַלישן פערז פאַר די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

*

די פיל־שעהדיקע קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען פון איין זייט דער פאָרשטייער פון „ניו־יאָרק טיימס״ שאַבאַד און מיין וויניקייט, און פון דער אַנדערער זייט — דער הויפט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ א. ווערגעליס און זיין רעדאַקציע־שטאַב, איז געפירט געוואָרן אָפנהאַרציק, שטורמיש און אָפט מאָל מיט הומאָר.

עס זענען געזאָגט געוואָרן פיל זאַכן, וועגן וועלכע מען שרייבט נישט אין לייטאַרטיקלען, און דעריבער זענען ווערגעליסעס אַרויסזאָגונגען אין אַ באַדייטנדיקן טייל זייערן ניי און אינפאָרמאַטיוו.

ער זאָגט, למשל, גלייך פון אָנהייב, אַז דאָס אַרויסגעבן פון אַ זשורנאַל אין יידיש איז צוגעאיילט געוואָרן נישט פון יידישן צד, נאָר גראָד פון „אויבן״, מצד דער פאַרוואַלטונג פון סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד.

צווישן יידן אין ווייטע לענדער

דאָס איז אַ נייעס! דאָס ווייזט, אַז די העכערע ספערן, אפשר אין סאַמע קרעמל, האָבן דערפילט אַן אַלוועלטלעכן דרוק, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, כדי אויפצולעבן די יידישע קולטור. עס איז גענוג צו דערמאָנען צווישן

פון לינקס: ט. שאַבאַד, קאָרעספּאָנדענט פון „ניו־יאָרק־טיימס״, א. ווערגעליס און ד״ר ח. שאָשקעס

אַנדערן מאַדאַם פורצעוואַס געשפּרעך מיטן פראָ־סאָוויעטישן פּאַריזער ציוניסטישן טוער אַנדריי בלומעל. זי, דער סאָוויעטישער בילדונגס־מיניסטער, האָט דאַן אונטערגעשטראָכן, אַז כאָטש די רוסישע יידן ווילן

נישט קיין יידיש, — וועט מען אפשר עפּעס טאָן, כדי צו באַפרידיקן דעם אויסלענדישן דרוק.

ווערגעליס דערציילט מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם עס איז אויפגענו־מען געוואָרן דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״. אַלע 25 טויזנט עקזעמ־פּלאַרן פון יעדן נומער זענען פּשוט צעכאַפּט געוואָרן. אַז אין דער רעדאַק־ציע זענען אָנגעקומען נישט ווייניקער ווי צוויי טויזנט דאַנק־בריוו פון סאָוועטישע יידן.

וועט מען טאַקע בקרוב דעם זשורנאַל פאַרוואַנדלען אין אַ חודשדיקע אויסגאַבע, — און ווען דאָס וועט זיין נייטיק, — וועט מען אויך פאַר־גרעסערן דעם טיראַזש.

אגב, האָט ווערגעליס אונטערגעשטראָכן, אַז די יידישע ביכער, וואָס זענען ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, זענען זיך צעגאַנגען אין צענער טויזנטער עקזעמפּלאַרן, אין דער צייט ווען אַ יידיש בוך אין אַמעריקע למשל, דרוקט זיך אין אַ פּאָר טויזנט קאָפּיעס (איך וואַרף אַריין אַ וואָרט: „אָבער מיר דרוקן דאָך אַ הונדערט ביכער אַ יאָר און ביי אייך זענען אין משך פון דריי יאָר נאָר פינף ביכער דערשינען״).

— מיר ווערן געשטיצט פון אַלסאָוויעטישן שרייבער־פאַראיין מיט געלט און מיט לוקסוס־לאָקאַלן פאַר דער אַרבעט — זאָגט ווערגעליס.

אגב, דערציילט ווערגעליס, אַז סיי ער אַליין, סיי אַנדערע מיטגלידער פון רעדאַקציע, פאַרמאָגן אייגענע „דאַטשעס״ (זומער־וווינונגען) אין די וועלדער הינטער מאָסקווע. דאָס האָט זיי געהאָלפן מיט קרעדיט און בוי־מאַטעריאַלן דער שרייבער־פאַראיין. אַזאַ „דאַטשע״ איז ווערט אַרום אונ־דזערע זעקס טויזנט דאָלאַר. וואָלטן זיי אָבער געוואָלט זיי בויען אויף אַ פּריוואַטן אופן וואָלט עס געקאָסט דרייפאַכיק.

אונדזער דיסקוסיע גייט איבער צום אינהאַלט פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד״. איך האָב ספקות, צי ווערט דאָרט אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

און ווערגעליס דערקלערט מיט היץ:

„אונדזער ליטעראַטור איז דער סאָוועטישער רעאַליזם! מיר ווילן מער נישט אָפּשפּיגלען דעם אָפּגעשטאַנענעם לעבנס־שטייגער פון אַ מאָל!

„אַנשטאָט די יידישע שטעטלעך מיט זייער בית־מדרש, מקוה, מאַרק, וועלן מיר דערציילן וועגן פאַבריקן מיט יידישע אַרבעטער, זייער אַפּט אונטער דירעקטער יידישער אָנפירונג.

„מען זאָגט אויף „הימלאַנד", אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג פון רו־סיש. אַ גרעסערן ליגן איז שווער צוצוטראַכטן! די פראַגע איז, ווי אַזוי פאַרשטייט מען יידישקייט? איז עס דאָס שטריימל, דער קולט, די סינאַ־גאָגע? איצטער איז דאָס די וויסנשאַפט־לאַבאָראַטאָריע, די שטאָל־גיסע־ריי, די עקאָנאָמיע — דאָס רעאַלע לעבן, אין וועלכן מיר לעבן איצטער.

„האָבן דען נישט אַזעלכע קאָריפייען פון דער יידישער ליטעראַטור ווי שלום־עליכם און זשיטלאָווסקי געפריידיקט, אַז זי דאַרף זיין אוניווערסאַל און נישט דווקא שטרענג־יידיש? ביי דעם האַלטן מיר זיך".

דאָ גייט ווערגעליס איבער אויף קריטיקירן און טיילן שבחים יענע שרייבער אין אויסלאַנד, וואָס האָבן פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד".

„איבערהויפּט", זאָגט ער, „טוט מיר ווי די נישט־באַרעכטיקטע קריי־טיק פון מיין אַמאָליקן פריינד ב. צ. גאָלדבערג. וואָס זוכט ער ביי אונדז, אַ ייד אין פיאות און אין אַ זשופּיצע? דאָס קאָן מען שוין מער נישט געפינען! אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס אַזאַ טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט ווי ב. צ. גאָלדבערג איז אַוועק אין פרעמדע גערטנער. איך וויל האָפן, אַז ער וועט נאָך צו אונדז קומען צוריק.

„דאַקעגן אָבער האָט יעקב גלאַטשטיין, וואָס איז שטענדיק אַזאַ קעגנער פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, אַמבעסטן און אָביעקטיווסטן אָפּגעשאַצט אונדזער זשורנאַל. ער האָט יאָ פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שווערע התחלה, אַז מיר שטרעבן אַלץ ווייטער צו פאַרבעסערן זיין אינהאַלט, אַז מיטן דערשיינען פון זשורנאַל הייבן מיר אָן אויספילן אַ בלויז אין דער יידישער קולטור, וואָס סיי אונדזערע יידן און סיי אַנדערע יידן אין דער גאַנצער וועלט האָבן אַזוי דערוואַרט. דאַרף מען דאָך אונדז דערמוטיקן און נישט אַראָפּרייסן!"

איך גיי אַריבער צום פאַקט, וואָס אין גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד איז נישטאָ קיין איין שולע אויף יידיש אָדער העברעיש, אַז אין דער הינזיכט זענען יידן אַ טרויעריקער אויסנאַם פון די קרוב זיבעציק נאַציאָנאַליטעטן אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס פאַרמאָגן זייערע אייגענע דערציאונגס־אַנשטאַלטן. אַז דאָס, וואָס די ראַטן־מאַכט האָט געשלאָסן דעם יידישן שול־וועזן איז איינע פון די גרעסטע אַכזריותן קעגן דער יידישער קולטור... אָבער ווער־געליס רייסט מיר איבער, איידער איך ענדיק מיין זאַץ:

„נישט די ראַטן־מאַכט האָט ליקווידירט די יידישע שול־נעץ, נאָר די

יידישע מאַמע! יאָ, זי, די יידישע מאַמע, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן אירע קינדער דאָרט, ווייל זי האָט געוואָלט זיי זאָלן דערצויגן ווערן אין אַ שולע, וואָס עפנט די טירן ווייטער צום אוניווערסיטעט און צו אַ פּאָזי־ציע אין לעבן. איך שטרייך אונטער: עס איז נישטאָ קיין שום פאַרבאָט אין ראַטן־פאַרבאַנד צו עפענען יידישע לערן־אַנשטאַלטן!״

די דאָזיקע קאַטעגאָרישע דערקלערונג פון ווערגעליסן, אַז עס איז קיין פאַרבאָט נישטאָ אויף יידישע שולן אין רוסלאַנד, איז פאַר מיר געקומען אַלס אַ קאָמפּלעטע איבערראַשונג.

עפּעס דוכט זיך מיר, איז דאָ פאַראַן אַ מיספאַרשטענדעניש, וועלכע מען וואָלט געדאַרפט אויפקלערן מיט אַנדערע פאַקטאָרן אויסער ווערגעליס, אָבער נישט איך און נישט קיין אַנדערע אויסלענדישע יידישע פאָרשטייער האָבן דערווייל אַ צוטריט צו די ספערן, וואָס קאָנען געבן אַ דירעקטע און אויטאָריטאַטיווע תשובה.

געפין איך אָבער אַן אַנדערן מאָטיוו קעגן דער באַשולדיקונג פון ווערגעליסן, אַז די „יידישע מאַמע״ — אַלע יידישע מאַמעס פון ראַטן־פאַרבאַנד — זענען דאָס די שולדיקע אין שליסן די יידישע שולעס.

איך דערצייל מיינע מיטשמועסער, אַז מיט אַ טאָג צוריק האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקומען אַ פולן באַריכט וועגן דער לאַגע אין בירא־בידזשאַן פון אַ מענטשן, וואָס האָט פערזענלעך באַזוכט דעם ראַיאָן. פרעג איך ווערגעליסן:

„אָט איז אין בירא־בידזשאַן פאַראַן אַ קאָלכאָז, אין וועלכן עס לעבן זיבעציק פּראָצענט יידן. איר, אַלס בירא־בידזשאַנער, ווייסט געוויס, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין גאַנצן ראַיאָן מאַכט אויס קוים צוואַנציק פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל. אָבער אין קאָלכאָז זענען יידן דווקא אַ מערהייט, און מען רעדט אַ געשמאַקן אוקראַאינישן יידיש. איז ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אויך דאָרטן איז קיין יידישע שולע נישטאָ? האָט דאָס אויך, — אין קאָלכאָז, — די יידישע מאַמע באַשלאָסן? אגב, גיט אַ קוק אויף דער אָרעמער, נעבעך, צייטונג, אויף דעם „בירא־בידזשאַנער שטערן״, וואָס איז געדרוקט מיט יידישע אותיות, וועלכע איך האַלט איצט אין האַנט. דאָס איז דער לעצטער נומער (21, פון 16טן פעב.). אויסער אין „קעפּל״, ווו עס איז געדרוקט: „אָרגאַן פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט״ איז דאָך אין גאַנצן אינהאַלט דאָס וואָרט „ייד״ גאָרנישט דער־מאָנט! אַ פשוטע, ווערטלעכע איבערזעצונג פון דער רוסישער צייטונג.

וואָס גייט דאָרט אַרויס. מעג איך דאָך זאָגן, אַז דער טיטל אין קעפּל איז אַ פיקציע. ביראָ־בידזשאַן איז נישט קיין יידישע און נישט קיין אויטאָנאָמע, נאָר אַ געגנט איז דאָס, דאָס אַלץ!"

ווערגעליס און די שרייבער אַרום טיש נעמען די צייטונג אין האַנט. מען זוכט, מען וויל דערוויזן, אַז ערגעץ־ווו איז דאָס וואָרט „ייד" דאָך דערמאָנט, אָבער — עס איז טאַקע נישטאָ! און ווערגעליס ענטפערט:

„אויך אין ביראָ־בידזשאַן, אויך אין דאָרטיקן קאָלכאָז האָבן די יידישע מאַמעס נישט געוואָלט האָבן קיין שול אויף יידיש און צוליב דעם זענען די שולן פאַרמאַכט געוואָרן!

די קינדער שיקט מען אין די רוסישע הויכשולן אָדער אינסטיטוטן אין דער נאָענטער סיבירער גרעסערער שטאָט כאַבאַראָווסק, ווו פון זיי האָפט מען, וועט אַ בעסערער תכלית ווערן... עס איז טאַקע נישט גוט, אָבער איז דען די לאַגע בעסער אין אַמעריקע?"

ביי דער געלעגנהייט פרעגט טעד שאַבאַד, דער קאָרעספּאָנדענט פון „ניו יאָרק טיימס":

„איך קאָן נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס אין מאָסקווע גייט אַרויס אַ צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך, וועלכע איז באַשטימט פאַר דער צעשפּרייטער איבערן לאַנד דייטשער מינדערהייט. דאָס איז דאָך אַ גרויסע פּריווילעגיע פאַר יענע געוועזענע איינוווינער פון דער דייטשער אויטאָנאָמער רעפּובליק אויף דער וואָלגע, וועלכע מען האָט בעת דער מלחמה ליקווידירט פאַר פאַרראַט. פאַר וואָס זאָל נישט קאָנען דאָ דערשיינען אַ צייטונג אויף יידיש, פאַר בירגער, וועלכע האָבן נישט נאָר נישט פאַרראַטן, נאָר מיטגעהאָלפן צום נצחון?"

ווערגעליס שליסט נישט אויס די מעגלעכקייט, אַז אויב עס וועט אויפקומען אַ באַדערפעניש, אין גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד" — וועט אויך אַ צייטונג אויף יידיש קאָנען דערשיינען. אויב אַ האַלבער מיליאָן יידן האָבן דערקלערט יידיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך, עפענען זיך דאָ פאַרשידענע שאַנסן פאַר יידיש אין ראַטן־פאַרבאַנד. מען דאַרף זיין אָפּטימיסטיש. ער גיט צו: „איר זעט דאָך, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם חורבן פון די מלחמה־יאָרן און אויף דעם, וואָס נאָך דעם איז קיין יידיש געדרוקט וואָרט נישט געווען, האָט זיך געעפנט אַ קוואַל פון יינגערע שרייבערס פאַר אונדזער אויסגאַבע. דאָס איז די נייע פּלעיאַדע שרייבערס, וואָס האָבן געקעמפט אַלס פאַרטיזאַנער, מיט אונדז זיצט די

מערקווירדיקע פרוי סאָניע פריי, וואָס האָט אַלס יונג מיידל אַנגעפירט מיט די פּאַרטיזאַנער אין זשיטאָמירער געגנט. זי איז אַ סאָוויעטישע העלדין, און אָט האָט זי איצט פאַרביטן דעם רעוואָלווער אויף דער פעדער אין יידיש און רוסיש. אָט זיצט מישאַ לעוו, דער באַרימטער פּאַרטיזאַן פון די בריאַנסקער וועלדער. פאַרהעלטנישמעסיק יונג, און זעט, ווי קרעפטיק עס קלינגט אין יידיש זיין פּראָזע. איר פרעגט, וואָס וועט זיין מיט מיין עלף־יאָריק טעכטערל, וואָס באַזוכט אין מאָסקווע אַן אַלגעמיינע שול? איז הערט־זשע: אין איר קלאַס לערנען זיך רוסן, אוקראַינער, טאָטערן, אַרמענער און נאָך פעלקער. שטעלט איר זיך פאָר, וואָס וואָלט געוואָרן, ווען די קלאַסן צעגייען זיך באַזונדער נאָך די לעקציעס און יעדער לערנט דאָן זיין אייגענע קולטור? עס וואָלטן דאָך געשאַפן געוואָרן אַ רייע קליינע געטאָס. און מיר שטרעבן דאָך צו דער צונויפגיסונג פון אַלע פעלקער אין איין גרויסער פאַמיליע פון פריינד...״

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע תשובה הינקט אַ היפּש ביסל אונטער מיט לאָגיק און שמעקט מיט דער אידעע פון טאָטאַלער אַסימילאַציע, אָבער עס איז אַ שאָד צייט צו פירן ווייטער אַזאַ דיסקוסיע.

מיר גייען אַריבער צו מער דראַסטישע פראַגן — וועגן דער פיינט־לעכער באַציאונג צו ישראל, וועגן די „שפּיאָנאַזש־אַפּערעס״ און וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע פון יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

*

נאָך דעם, ווי די אַקטיאָרן פון דעם ערשט אָרגאַניזירטן „יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו״ זענען אַוועק, האָבן מיר זיך ווידער אויסגעזעצט אין רעדאַקטאָרס צימער, אַרום טיש, און מיר האָבן פאָרגעזעצט אונדזער „מאַראַטאָן״־שמועס, וועלכער איז שוין אַריין אין דער פערטער שעה.

ווערגעליס זאָגט:

„האָט איר געזען אונדזערע אַרטיסטישע כוחות? זיי וועלן שוין קיין שונד־טעאַטער נישט שפּילן! נישט ווי אין אַמעריקע, ווו עס איז געבליבן בלויז שונד אין טעאַטער״.

איך רייס אים איבער מיט דער באַמערקונג, אַז אויך מיר פאַרמאָגן גוטע טעאַטער־טרופּעס, למשל, די „פאָלקסבינע״, און אַזעלכע באַרימטע אַרטיסטן און רעזשיסערן, ווי דזשיגאַן, בולאָוו, ליכט און אַנדערע. אָבער ווערגעליס רעדט ווייטער נישט־איבערצייגט:

„וויפל כאַרן, למשל, פאַרמאָגט לאָס־אַנדזשעלעס, מיט אירע פיר הונדערט טויזנט יידן?"

איך בין זיך מודה:

„איך ווייס נישט. אָבער איך בין געווען אויף קאָנצערטן פון די־וואונדערבאַרע ניו־יאָרקער כאָרן".

„אין גאַנצן פופציק זינגערס" — זאָגט ווערגעליס — „זענען פאַראַן אין דעם לאָס־אַנדזשעלעסער כאָר! אָבער אין אונדזער ריגע אַליין, מיט אַ פיל קלענערער יידישער באַפעלקערונג, באַשטייט דער כאָר פון מער ווי הונדערט זינגערס. און אַלע זענען מיטגלידער פון יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. און וואָס פאַר אַ זינגערס! עס זענען דאָרט פאַראַן מענטשן מיט אויסגעבילדעטע גרויסע אָפּערע־שטימעס.

און אין ווילנע? דער אויסגעצייכנטער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו, וואָס באַשטייט פון מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. און דער גוט־איינשטודירטער כאָר דאָרטן!

מיר ווילן אונדזער פאָלקס־טעאַטער אַנטוויקלען! ביים קאָמוניזם וועט דאָס פ א ל ק שפּילן טעאַטער, נישט פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן!"...

דעם לעצטן זאַץ פאַרשטיי איך נישט גוט. וואָרעם אָט זענען דאָך דאָ מיט אַ ווײַלע צוריק געווען פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, וואָס שטעלן צונויף דעם מאָסקווער טעאַטער־קאָלעקטיוו. אפשר מיינט ווערגעליס דאָס זעל־ביקע, וואָס כרושטשאָוו האָט געזאָגט: איצט איז נאָך אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ סאָציאַליסטישער סיסטעם. אָבער שפּעטער — אָ, שפּעטער! — ווען „משיח" קומען. דעמאָלט וועט שוין הערשן קאָמוניזם און די קי וועלן פרייוויליק אָוועקגעבן זייער פלייש און מילך, כדי כרושטשאָוו זאָל קאָנען האַלטן זיינע צוזאָגן, וואָס ער האָט געמאַכט אויף דער ניו־יאָרקער טעלע־וויזיע.

אַזוי, צי אַנדערש; הלוואי זאָלן טאַקע אין ראַטן־פאַרבאַנד זיך פאַר־מערן די יידישע כאָרן, די יידישע טעאַטער־קאָלעקטיוון. זאָלן זיי זיך אומע־טום אָרגאַניזירן און אַנטוויקלען. און זאָל דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימ־לאַנד" זיך פאַרוואַנדלען אין אַ טאָג־צייטונג. מיר אַלע ווילן דאָך דאָס און מיר וואַרטן אויף דעם, געדענקנדיק דעם מאמר חז"ל: „מתוך שלא לשמה בא לשמה!"

דערווייל שטעלט טעד שאַבאַד אַ קיצלדיקע פראַגע (וואָרשיינלעך האָט ער די תשובה געוווסט פון פאַרויס):

„צי האָט איר, אין אייער „סאָוועטיש היימלאַנד״ געגעבן די איבערזעצונג פון יעווטושענקאָס „באַבי יאַר״ ?״

אַרום דעם טיש ווערט אויף אַ ווײַלע אומהיימלעך שטיל. דערנאָך דערהערט זיך די צאַרטע שטימע פון דער פּאַרטיזאַנערין, סאָניע פּריי. זי ענטפערט:

„בײַ אונדז האָט מען נישט ליב יעווטושענקאָס ליד! דאָס איז נישט קיין געלונגען ליד״!

שאַבאַד און איך זענען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט באַפרידיקט מיט דער תשובה. מיר „קוועטשן״ אויף אַן אויפקלערונג.

„וואָס הייסט ?״ — פרעג איך — „אַ ליד, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַזוי פיל שפּראַכן! פיר יידישע דיכטערס האָבן אין ניו־יאָרק אַליין איבערגעזעצט דאָס ליד. ווי אַזוי קאָן דאָס געמאָלט זײַן, אַז דווקא אין דער איינציקער צײַטשריפט אויף יידיש אין מאָסקווע איז יעווטושענקאָס פּאָעמע נישט געדרוקט ?״

סאָניע פּריי ענטפערט:

„ווייל מיר, די יידן דאָ, האָבן נישט אַזוי געפילט ווי יעווטושענקאָ האָט געשריבן. איך, אַלס יידישע טאָכטער, האָב נישט געפילט, אַז מען דאַרף זיך פאַר אונדז אָננעמען, אַז ס׳איז אַ רחמנות אויף אונדז... מיר פילן זיך נישט באַליידיקט אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי יעווטושענקאָ דריקט דאָס אויס אין זײַן ליד. אגב, איז ער נישט דער ערשטער צו שרייבן וועגן „באַבי יאַר״. עס האָט דאָס אויך געטאָן אין אַ זייער געלונגענער פּאָעמע דער פּאָעט נעקראַסאָוו...״

מיר, די אַמעריקאַנער, זענען פּשוט דערשטוינט; ווייסן מיר דאָך, אַז צענדליקער טויזנטער יונגע רוסן האָבן שטורמיש אַפּלאָדירט, ווען יעווטושענקאָ האָט זײַן ליד עפנטלעך פאָרגעלייענט אויפן גרויסן פּלאַץ אין מאָסקווע, הינטער דעם מאָנומענט פון מאַיאַקאָווסקין. און געשטורעמט האָט מען, ווען יעווטושענקאָ האָט געענדיקט מיט דעם אויפרוף, אַז:

„אויפהערן פּראָטעסטירן וועל איך דעמאָלט, ווען עס וועט פאַרשווינדן דער לעצטער אַנטיסעמיט!״

און דאָ, אין אַ יידישער סביבה — אמת, אַ סביבה פון יידישע קאָמוניסטן — ווערט גאָר יעווטושענקאָ קריטיקירט, און מען רעדט וועגן זײַן ליד מיט ביטול.

זאָל זײַן, אַז אויך דאָ זיצן די זעלביקע „אנוסים״, ווי נעכטן אויף דער

פאַרזאַמלונג אין דער מאָסקווער סינאַגאָגע? ניין, נישט די זעלביקע! לאָמיר כאָטש זאָגן „להבדיל“...

עס מישט זיך אַריין ווערגעליס:

„איר דאַרפט וויסן, אַז יעווטושענקאָ אַליין איז אַן אַריינגייער צו אונדז אין דער רעדאַקציע, אַז אָט האָבן מיר דאָך אָפּגעדרוקט איינעם פון זיינע לידער ביי אונדז אין זשורנאַל. אָבער „באַבי יאַר“ שאַפט אַ פאַלשן איינדרוק, אַז יעווטושענקאָ פּראָטעסטירט קעגן סאָוויעטישן אַנטיסעמיטיזם.

„אָט האָט דאָך יעווטושענקאָ אַליין אין אייער אייגענער צייטונג, אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“ אָפּגעלייקנט, אַז אין רוסלאַנד עקזיסטירט אַנטיסעמיטיזם. ער האָט דאָס געזאָגט אין אַן אינטערוויו אין קובאַ מיט אייער קאָרעספּאָנדענט דזשייקאָבסאָן...“

איך מוז מודה זיין, אַז איך אַליין האָב וועגן דעם דאָזיקן אינטערוויו גאָרנישט געוווּסט. וואָרעם בעת מיינע אָפטע רייזעס האָב איך נישט קיין מעגלעכקייט צו לייענען אונדזער צייטונג. אָבער אין מאָסקווע לייענט מען יאָ די יידישע טעגלעכע פּרעסע פון ניו־יאָרק. און מען טוט דאָס זייער אויפמערקזאַם. איך בין אַפילו איבערראַשט געוואָרן, ווען בעת דעם זעלביקן געשפּרעך האָט ווערגעליס אַ זאָג געטאָן:

„אין אייער אייגענעם אַרטיקל פון דעם 10טן דעצעמבער איז אַריינגעפאַלן דער פאָלגנדיקער טעות...“

און ער דערמאָנט פון זכרון דעם טעות, און אין דעם פאַל איז ער טאַקע געווען גערעכט.

בקיצור, יעווטושענקאָס טראַגיש ליד „באַבי יאַר“ איז באַקאַטירט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, און דאָס דעריבער, ווייל זיי דאָ פילן זיך לגמרי נישט אָנגעגריפן פון אַנטיסעמיטיזם און זיי פילן זיך אויך נישט באַליידיקט, וואָס אויף דעם קיעווער מאָנומעדיקן און וויסטן בית הקברות „באַבי יאַר“, אונטער וועמעס ערד עס ליגן צענדליקער טויזנטער דערשאָסענע און פאַרפייניקטע יידן, שטייט נישט אַפילו קיין באַשיידענע מצבה, וואָס זאָל וועגן דעם אומגליק דערציילן...

די פון אונדז, וועלכע האָבן אַ נייגונג פון צייט צו צייט צו דענקען אין סימבאָלן, וועלן געוויס געפינען אַ מאָדנעם סימן אין דעם פאַקט, וואָס מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט זיך די ערד איבער דעם שוידערלעכן קבר אַ ריר געטאָן — פּשוט זיך אָנגעהויבן באַוועגן — און פאַרשאָטן און

באַגראָבן שכנותדיקע הייזער מיט מענטשן, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט. עס זענען דעמאָלט אומגעקומען עטלעכע הונדערט אוקראַאינער אָרעמע לייט, וועלכע האָבן געוווינט אין יענע חורבות.

פאַרשטייט זיך, אַז איך ווייס אַזוי גוט ווי מיינע רעאַליסטיש־אַטעיס־טישע אָפּאָנענטן, פאַר וואָס און ווי אַזוי ערד־שיכטן גיבן זיך אַ ריר פון אָרט און רופן אַרויס אַן אומגליק.

אָבער פאַר וואָס נישט אַ קלער טאָן אויך אין די אייביקע סימבאָלן? „ערגעץ־ווו" איז מען אויפגעציטערט געוואָרן, וואָס מען וויל פאַרוואַנד־לען דעם „עמק הבכא", דעם „באַבי יאַר" אין אַ ספּאָרט־פּלאַץ און מען וויל פאַרשיטן און פאַרגעסן די גרויסע קאַטאַסטראָפע פון די קיעווער יידן... „ערגעץ־ווו" האָט מען אויך אַ ציטער געטאָן, ווען מען האָט אין שכנות פון „באַבי יאַר", אין די דאָרטיקע צייטונגס־קיאָסקן, פאַרקויפט אַ בילד פון אַ „מגן־דוד", אין וועלכן עס איז געווען איינגעשלאָסן די מערדערישע סוואַסטיקאַ — אַ טייוולאַנישער איינפאַל פון אַ כלומרשט מאַרקסיסטישן אוקראַאינישן יידן־פרעסער. האָט די ערד אַ ציטער געטאָן, זיך אַ שאָקל געטאָן פון אויפרעגונג, און געשיקט איר ערשטן סיגנאַל פון וואָרענונג...

וואָלט איך אַ דיכטער געווען, וואָלט איך אפשר אָנגעשריבן אַ ליד: „באַבי יאַר איז זיך נוקם..."

— — — — — — — — — — — — —

אַ ווינטערדיקע נאַכט לאָזט זיך שוין אַראָפּ אויף מאָסקווע. אונדזער שמועס קומט צו אַ סוף. די שרייבערס און דיכטערס אין דער רעדאַקציע פרעגן מיך, וואָס עס מאַכט ה. לייוויק. זיי בעטן מיך, אַז איך זאָל אים פּערזענלעך זען — אויב מעגלעך, און אויסדריקן זייער גאַנצע פיעטעט פאַר אים, און אויך איבערגעבן זייער ווונטש, אַז ער זאָל אין גיכן האָבן אַ רפואה שלימה. איך זאָג זיי דאָס צו אויסצופירן.

דאָ, אין ניו־יאָרק האָב איך טעלעפאָנירט ה. לייוויקס לעבנס־באַ־גלייטערין, שרהן, און מיט איר אָפּגערעדט צו באַזוכן דעם אַזוי קראַנקן גרויסן דיכטער אונדזערן.

איך האָב לייוויקן צום ערשטן מאָל דערזען נאָך אַן איבעררייס פון עטלעכע יאָר. ער האָט באַנומען און פאַרשטאַנען דעם גרוס פון אַ גרופּע פען־קאָלעגן פון דער ווייטער מאָסקווע. אין זיינע אויגן האָב איך געפונען דעם אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און נחת, אַז מען געדענקט אים דאָרטן

מיט פיעטעט. יאָ, איך האָב דאָס דערקענט אין זיינע אַלץ נאָך לעבעדיקע און אָנגעשטרענגטע אויגן...

*

טעד שאַבאַד פירט מיך אַוועק אין זיין אויטאָמאָביל צו מיין האָטעל. מיר „קאָכן" איבער אַלץ, וואָס מיר האָבן היינט געהערט. אַזוי פיל גוטע אָנזאָגן, אָבער אויך אַזוי פיל ספיקות. וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען?

אויב דאָס איז ווירקלעך די התחלה פון אַ יידיש קולטור־לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, מיט ביכער, צייטשריפטן, טעאַטער, פאָלקס־כאָרן, און אפשר אויך יידיש־קלובן אין די גרעסערע שטעט, דאַרפן מיר דאָך זיי ווינטשן דערפאָלג. מיר דאַרפן זיי מאָראַליש שטיצן, נישט קוקנדיק אויף דער „אייזערנער וואַנט" וואָס טיילט אונדז נאָך אַלץ פונאַנדער.

וואָס דערציילט מען אין מאָסקווע וועגן יידישן ישוב אין בירא־בידזשאַן

קיין טוריסטן פאָרן נישט אין דער ווייטער געגענט פון בירא־ביד־זשאַן, וואָס געפינט זיך אויף דער גרענעץ פון כינע (לכתחילה איז דאָס געווען די גרענעץ פון מאַנדזשוריע, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אונ־טער יאַפּאַנס הערשאַפט). אָבער אויב מען וויל וויסן וואָס דאָרט טוט זיך, וואָס עס איז דאָרט געוואָרן פון דעם גרויסן „אויטאָנאָמיע"־אידעאַל, וועל־כער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1928 אַלס אַ „קאָנקורענץ קעגן פאַלעס־טינע"), מוז מען זיך אינפאָרמירן ביי די דיפּלאָמאַטן, וועלכע האָבן צוליב די אָדער אַנדערע סיבות באַזוכט יענע געגנט. אַזאַ דיפּלאָמאַט בעט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש ביי דער סאָוויעטישער רעגירונג צו פאָרן קיין בירא־בידזשאַן. געוויינלעך ווערט אַזאַ דערלויבעניש געגעבן אויף עטלעכע טעג.

אין יאָר 1956, ווען איך האָב באַזוכט מאָסקווע און געשמועסט מיטן גענעראַל יוסף אבידר, דער דעמאָלטיקער אַמבאַסאַדאָר פון מדינת ישראל, האָט ער מיר איבערגעגעבן אַ בינטל איינדרוקן פון זיין באַזוך אין בירא־בידזשאַן. איך האָב זיי פאַרעפנטלעכט, נישט אָנגעבנדיק דעם קוואַל.

ד״ר חיים שאַשקעס

יוסף אבידר האָט דעמאָלט אָפּגעשאַצט די צאָל יידן אין ביראָ־בידזשאַן אויף אַרום 15—18 טויזנט, און די צאָל נישט־יידן אויף אַרום הונדערט טויזנט. ער האָט מיר דעמאָלט דערציילט, אַז אויב ביזן יאָר 1949 (דאָס יאָר פון סטאַלינס אַטאַקע אויף דער יידישער קולטור) האָט מען אין ביראָ־בידזשאַן אַלע קעגנשטאַנדן געלערנט אויף יידיש, זענען דעמאָלט (אין 1956) געבליבן בלויז צוויי קינדער־גאָרטנס פאַר יידישע קינדער. פון פּאָסט־שטעמפּל האָט מען גראָד בעת געגנ. אבידרס באַזוך אויסגעקראַצט די יידישע אותיות. דער גרעסטער טייל חתונות דאָרט זענען געמישטע — פון יידן מיט די דאָרטיקע קאָזאַקן־אָפּשטאַמיקע. דער בית־מדרש איז געווען אָפּגעברענט און מען האָט געקליבן געלט צווישן זיך צו בויען אַ נייעם. אויך דעמאָלט, ווי היינט, איז דאָס בלעטל אויף יידיש „דער ביראָ־בידזשאַנער שטערן" געווען אויסגעליידיקט פון יידישן אינהאַלט.

בעת מיין איצטיקן באַזוך אין מאָסקווע (פעברואַר, 1962) האָב איך ווידער געהערט אַ באַריכט וועגן ביראָ־בידזשאַן פון ישראלדיקע דיפּ־לאָמאַטן, און מען האָט מיר דערלויבט וועגן דעם איבערצוגעבן אין דער עפנטלעכקייט.

אַלזאָ: עס זענען געפאָרן אויף אַ פּאָר טעג קיין ביראָ־בידזשאַן דער אַמבאַסאַדאָר ד״ר הראל און דער ערשטער סעקרעטאַר י. פּרט. ביז איר־קוטסק זענען זיי געפלויגן, דערנאָך זענען זיי געפאָרן מיט דער באַן צו דער גרעסערער שטאָט, כאַבאַראָווסק, און פון דאָרטן, מיט אַ צווייטן צוג קיין ביראָ־בידזשאַן.

זיי האָבן די גאַנצע צייט פון זייער זיין דאָרטן נישט געמאַכט קיין סוד, אַז זיי זענען דיפּלאָמאַטן פון מדינת ישראל. דעריבער איז זייער כאַ־ראַקטעריסטיש ווי אַזוי די דאָרטיקע יידן האָבן זיי אויפגענומען.

בעת דעם צופאָר צו דער סטאַנציע וואָרפט זיך אין די אויגן די אויפ־שריפט אויף רוסיש און אויף י י ד י ש. דער טרעגער פון דעם באַגאַזש, אַ ייד, האָט געענטפערט מיט שמחה אויף זייער „שלום עליכם". ווען ער האָט זיך דערוווּסט ווער די געסט זענען, האָט ער געפרעגט:

— וואָס מאַכט עפּעס ארץ־ישראל?

דער טרעגער האָט צוגערופן אַ טעקסי, געטריבן פון אַ יידן, און אים געזאָגט ווער די געסט זענען. דער דאָזיקער שאָפער האָט בשום אופן נישט געוואָלט נעמען קיין געלט פאַר דער יאַזדע.

— אַזאַ כבוד! — האָט ער געזאָגט — אַזאַ מאָדנער צופאַל.

ווען זיי זענען דערפאָרן צום האָטעל, אַ ריינע און באַקוועמע אכסניא, איז אַרויס אַנטקעגן דער דירעקטאָר.

דער דירעקטאָר האָט זיי שפּעטער דערציילט, אַז זיין פאָטער איז געווען אַן איזוואָשטשיק אין בריסק. און ער, אַ מענטש אין די העכערע זעכציקער, האָט געמאַכט אַ „קאַריערע". אַ שפּאַס עפּעס! אַ דירעקטאָר פון אַזאַ האָטעל! אַפילו אין בריסק איז קיין שענערער נישט געווען! זיינער אַ זון איז אַ שניידער אין אַרגענטינע. פון זיינע אַנדערע צוויי זין איז איינער אַן אינזשעניר דאָ, דער צווייטער שטודירט נאָך. דאָס ווייב זיינס איז אַ גויע און די קינדער ווערן שוין דעריבער פאַררעכנט צו דער רוסישער נאַציאָנאַליטעט.

ייִדישע אויפשריפטן געפינען זיך אויך אַ חוץ אויף דער באַן־סטאַציע — אויף דעם קינאָ, אויף דער שלום־עליכם־ביבליאָטעק (מיט הונדערט טויזנט ביכער, פון וועלכע פופצן טויזנט זענען יידישע), אויף דער מוזיי־געביידע און אויף דעם „אָבקאָם" (געגנט־קאָמיטעט). די ביבליאָטעקאַרין, אַ יידישע טאָכטער פון ליטע, קלאָגט זיך, אַז די יידישע ביכער ווערן זעלטן גע־לייענט.

אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן לעבן איצט אַרום צוועלף טויזנט יידן און פערציק טויזנט פון אַנדערע פעלקער (קאָזאַקן, רוסן, אוקראַינער, מאָנגאָליער, און פון די אַמאָליקע איינגעבוירענע סיביריאַקעס).

אין דער גאַנצער געגנט לעבן 160 טויזנט נישט־יידן און אַרום צוואַנציק טויזנט יידן. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אין דער לעצטער אָפיציעלער סטאַטיסטיק ווערט אָנגעגעבן בלויז די צאָל פון די איינ־וווינערס, אָבער נישט צעטיילט לויט די נאַציאָנאַליטעטן. עס וואָלט דאָך געווען אַ ביסל אומבאַקוועם, אַז אין אַ פּלאַץ, וואָס רופט זיך נאָך איצט „יידישע אויטאָנאָמע געגנט", זאָלן די יידן פאָרשטעלן מיט זיך בלויז איין אַכטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

די ישראלדיקע דיפּלאָמאַטן האָבן באַזוכט די רעדאַקציע פון דעם „בירא־בידזשאַנער שטערן". דאָרט האָבן זיי גערעדט מיטן שרייבער מילער. אין פאַרלויף פון דעם געשפּרעך האָט מילער געזאָגט:

„מיינע קינדער רעדן רוסיש, ווייל קיין יידישע שולע איז דאָך מער דאָ נישטאָ. איר ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן אַפילו געהאַט אַ יידישן לערער־סעמינאַר. די קינדער־גאָרטנס אויף יידיש זענען שוין אויך נישטאָ, ווייל די

מאַמעס האָבן נישט געשיקט דאָרטן זייערע קינדער. מיינע קינדער לייענען מיינע ווערק אין דער רוסישער איבערזעצונג״.

די צייטונג „ביראָ־בידזשאַנער שטערן״ ווערט געדרוקט אין פיר טויזנט עקזעמפּלאַרן און צעשיקט צו אַבאָנענטן איבער דעם גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד.

די ישראלדיקע דיפּלאָמאַטן זענען אויך געפאָרן אויף אַ באַזוך אין יידישן קאָלכאָז, וועלכער געפינט זיך צוועלף קילאָמעטער פון דער שטאָט.

עס וווינען דאָרטן און אַרבעטן עטלעכע הונדערט משפחות, פון וועלכע זיבעציק פּראָצענט זענען יידן. די דיפּלאָמאַטן האָבן פאַר די יידישע קאָלכאָזניקעס דערציילט ווי אַזוי עס ווערט געפירט די ווירט־שאַפט אין אַ ישראלדיקן קיבוץ. זיי האָבן געזען די יידישע פרויען מעלקן די קי. איינע פון די מעלקערינס האָט געטראָגן אַ מעדאַל אויף איר ברוסט. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך אַ געשמאַקן יידיש. איבערהויפּט האָט זיך דאָרט געפילט, אַזביים עלטערן דור איז די יידישע שפּראַך לעבעדיק און אין אומגאַנג.

אָבער אויך אין דעם דאָזיקן קאָלכאָז איז נישטאָ קיין יידישע שול. איינער פון די אינסטרוקטאָרן האָט דערקלערט:

— מיר שיקן די קינדער שטודירן אין כאַבאַראָווסק. פון זיי וועט ווערן אַ תכלית. מוז מען זיי צוגרייטן דאָ אין אַ גוטן רוסיש.

אגב, אַ מאָדנע דערשיינונג בעת די איצטיקע וואַלן: אין דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן אַליין, וווּ די יידן באַטרעפן פערציק פּראָצענט, זענען אַרויס־געשטעלט געוואָרן אַלס קאַנדידאַטן צו דער שטאָטישער זעלבסט־פאַר־וואַלטונג בלויז פינף יידן צווישן פינף און פערציק אַנדערע! אָבער די קאַנדידאַטין נומער איינס צום העכסטן סאָוויעט אין מאָסקווע איז אַ יידישע פרוי, אַ העלדין פון ראַטן־פאַרבאַנד. איר ערשטער נאָמען פיגורירט אַלס ריוועֹ (רבקה) ביי דער זייט פון דעם פאַמיליע־נאָמען, וואָס קלינגט אין גאַנצן רוסיש.

דער קליינער באַראַק, וואָס דינט אַלס אַ בית־מדרש פאַר רעליגיעזע יידן, פוסטעוועט אַ גאַנץ יאָר. אָבער אין די ימים נוראים און צו „יזכור״ אין די ימים טובים איז דאָרט פול.

אָט דאָס איז דער סך הכל פון ביראָ־בידזשאַן.

ווען ביראָ־בידזשאַן איז אין 1934 אָפיציעל דערהויבן געוואָרן צו אַן „אויטאָנאָמע געגנט״ (אָבלאַסט), האָט דער דעמאָלטיקער סאָוויעטישער פּרעזידענט קאַלינין דערקלערט:

— די יידן באַקומען איצט די געלעגנהייט צו אַנטוויקלען זייער אייגענע קולטור, נאַציאָנאַל אין פאָרם, סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט...

און ווייטער האָט ער געזאָגט:

— אויב איר וועט אין משך פון פינף ביז אַכט יאָר טאָן גוטע אַרבעט, וועט איר אימשטאַנד זיין צו פאַרוואַנדלען די אויטאָנאָמע געגנט אין אַ יידישער סאָציאַליסטישער ראַטן־רעפּובליק.

ווען מען דערמאָנט זיך די דאָזיקע רייד קאַלינינס, זעט מען, אַז ליידער־ליידער, איז דער דאָזיקער חלום צערונען געוואָרן.

מיט עטלעכע יאָר נאָך דעם ווי קאַלינין האָט געמאַכט די אויבנדערמאָנטע פייערלעכע דעקלאַראַציע פאַר די ענטוזיאַסטן פון בירא־בידזשאַן כּאַווקין און פּראָפעסאָר ליבערבערג, זענען דיביידע יידן דערקלערט געוואָרן אַלס דיווערסאַנטן, טראָצקיסטן. און צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן (אין 1937), און זיי זענען פאַרשווונדן געוואָרן...

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1938, האָט די צייטונג „בעזבאָזשניק" אין מאָסקווע מודיע געווען, אַז אַ ציוניסטישע קאָנטררעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע איז אַנטדעקט און ליקווידירט געוואָרן אין בירא־בידזשאַן, און אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעפירט מיט שולעס פאַר שפּיאָנען אין די אינטערעסן פון אַ פרעמדער מלוכה. דאָס איז געווען נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. מדינת ישראל האָט נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט. אַמעריקע איז נאָך נישט פאַררעכנט געווען ווי אַ מלוכה, וואָס האָט שפּיאָנאַזש־צילן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

איצט חזרט זיך איבער אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב די זעלביקע געשיכטע, מיט די זעלביקע באַשולדיקונגען. אָבער מען גיט שוין אָן די אַדרעסן: מדינת ישראל און אַמעריקע.

אין יידישע שטובן אין מאָסקווע

איך בין אַריין אין אַ טעקסי און זיך געהייסן פירן צום פוילישן קאָנסולאַט אויף טאָלסטאָי־גאַס נומער 17.

פרעגט דער שאָפער:

— וועלכע טאָלסטאָי־גאַס, לעוו, אָדער אַלעקסיי? זיי זענען ביידע

גרויסע שרייבער, אָבער זייער סטיל איז דאָך אין גאַנצן אַנדערש. אגב, ליגט לעוו טאָלסטאָיס גאַס זייער ווייט פון דער גאַס אויפן נאָמען פון אַלעקסיי...

עס איז גוט, וואָס איך האָב געוווּסט, אַז מיין גאַס איז אויפן נאָמען פון לעוו טאָלסטאָי. אָבער די עקסקורסיע פון מאָסקווער שאָפער אויפן געביט פון ליטעראַטור איז מיר געפעלן. נאָר אין תל־אביב האָט מיר אַ טעקסי־פירער געלערנט, אַז עס זענען, אייגנטלעך, פאַראַן צוויי גאַסן געווידמעט ח. נ. ביאַליק: איינע הייסט טאַקע רחוב ביאַליק און די צווייטע — שדרות ח״ן, ד. ה. די אַלייע פון חיים נחמן, אויך געמיינט ביאַליק — ווייל ביאַליקס דיכטונג — האָט צוגעגעבן דער שאָפער — פאַרדינט ווייניקסטנס באַערט צו ווערן דורך צוויי גאַסן...

ווען איך האָב געשמועסט מיט שילער פון מאָסקווער מיטלשולן וועגן מיינע רייזעס, האָבן זיי אַלע אַרויסגעוויזן אַ גרויסע קענטשאַפט אין געאָגראַפיע. פיל פון זיי האָבן באַוויזן אויסצורעכענען מער ווי צוואַנציק פון די נייע אַפריקאַנישע מלוכות, אָנשטאָט די פיר־פינף, וואָס זענען געווען אימשטאַנד אָנצורופן אַמעריקאַנער קינדער אין זעלבן עלטער.

דאָס באַשטעטיקט ווידער אַ מאָל די מיינונג פון באַרימטע אַמעריקאַנער דערציער, אַז דער ניווא פון לערנען אין אונדזערע שולעס איז נידעריקער, ווי אין די סאָוויעטישע.

מאָסקווע מיט אירע מער ווי פינף מיליאָן איינוווינער באַרימט זיך, און מיט רעכט, מיט איר לוקסוס־מעטראָ. די לענג אָבער פון די ליניעס איז קוים אַ פינפטל פון ניו־יאָרקער מעטראָ. איצט לייגט שוין נישט מאָסקווע אַזוי פיל אַכט אויף דער אויסערלעכער באַצירונג פון די אונטערגרונד־באַנען (אייניקע סטאַציעס זענען לויט זייער סטיל און קינסטלערישן פאַרנעם מוסטערן פון מאָדערנער אַרכיטעקטור. מען קאָן זאָגן, אַז אין דער וועלט איז נישטאָ קיין גלייכן צו זיי), נאָר באַמיט זיך צו פאַרלענגערן די ליניעס.

וואָס איז אָבער יאָ אַ נייעס אין מאָסקווער קאָמוניקאַציע־סיסטעם? דאָס איז, אַז ווען איר גייט אַריין אין אויטאָבוס, די פּאָפּולערסטע קאָמוניקאַציע־פאָרם — איז דאָרט נישטאָ קיינער, וואָס זאָל נעמען דאָס געלט פאַרן פאָרן. מען פאַרלאָזט זיך אויף אייך, אַז איר וועט די פינף קאָפּיקעס אַליין אַריינוואַרפן אין קעסטעלע ביים אַריינגאַנג. דער מאָטאָר־מאַשיניסט זיצט פון פאָרנט אין אַן אָפּגעזונדערטביידל און ער אינטערעסירט זיך

נישט, צי דער פּאַסאַזשיר וואַרפט יאָ, אָדער נישט אַריין זיינע פינף קאָפּיקעס.

מיט מיר האָט דעריבער געטראָפן אַן אומאָנגענעמלעכקייט: איך בין אַריין אין אַן אויטאָבוס, פאַרנומען אַ פּלאַץ און געוואַרט, אַז אַ קאָנדוקטאָר זאָל צו מיר צוגיין און געבן אַ בילעט. נאָך אַ געוויסער ווילע באַמערק איך, ווי מיינע שכנים, פּאַסאַזשירן, קוקן מיך אָן פאַרוווּנדערט און עטלעכע וואַרפן אַפילו אומפריינדלעכע בליקן.

איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס זעען זיי אין מיר אומגעוויינלעכס? איך האָב גענומען באַטראַכטן מיין קליידונג, צי אַלץ איז אין אָרדענונג... אָבער דאָ הייבט זיך אויף אַ גוט־אָנגעפּעלצטער רוס, דערנענטערט זיך צו מיר און גיט העפלעך אַ פרעג?

— צי זענט איר אַן אויסלענדער?

— יאָ, — ענטפער איך אַ ביסל דערשטוינט.

— איז ווייסט איר מסתּם נישט, אַז ביי אונדז אין לאַנד צאָלט דער פּאַסאַזשיר זיין „פּיאַטאַטשאָק" (פינפערל) אַליין ביים אַריינגאַנג און קיין „קאָנדוקטאָר" האָבן מיר נישט. מיר אַלע זענען דאָס די „קאָנטראָלערן" אויף דעם מלוכה־אייגנטום.

איך באַדאַנק אים העפלעך פאַר דער אָנווייזונג, וואַרף אַריין מיין קופּערנע מטבע און זעץ זיך ווידער. דער אָנגעפּעלצטער פּאַסאַזשיר זעצט זיך דאָס מאָל לעבן מיר. ער נוצט אויס די געלעגנהייט „אַריינפּאָמפּען" אין מיין „אויסלענדישן" מאַרך אַ ביסל פּראָפּאַגאַנדע. דערציילט ער:

„איך בין אַן אינזשעניר אין אַן אויטאָמאָביל־פאַבריק. עס אַרבעטן ביי אונדז עטלעכע טויזנט מענטשן. האָט מען לעצטנס איינגעפירט, אַז די שכירות, וואָס מען צאָלט אויס יעדע צוויי וואָכן, ווערן אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט. אַלע קאָנווערטן לייגט מען אויס לויטן אלף בית און דער אַרבעטער נעמט אַליין זיין קאָנווערט. קיין קאַסירער איז דערביי נישטאָ, און עס האָט זיך נאָך נישט געטראָפן, אַז איינער זאָל נעמען אַ צווייטנס קאָנווערט, נישט זיין אייגנעם.

איז דאָס מיר טאָקע געפעלן, אָבער איך פרעג פון דעסטוועגן גאַנץ באַשיידן:

— זינט ווען האָט איר איינגעפירט די דאָזיקע פּראָבע פון ערנסט־לעכקייט?

ענטפערט מיין שכן:

— שוין באַלד אַ חודש...

קלער איך אויף מאַמע־לשון: „אַ נאַכט — אַ יאָר קיין קללה נישט גע־הערט״ — אָבער איך זאָג נישט מיין געדאַנק אַפילו אויף רוסיש, ווייל אַ גוט דערציִונגס־מיטל איז דאָך דאָס פּאַרט.

מיר פאָרן צוזאַמען נאָך אַ לאַנגן וועג, ווייל ער, אַזוי ווי איך, דאַרף אויסשטייגן אויפן עק לענינסקי־פּראָספּעקט, — די דאָזיקע זיבן־קילאָמע־טערדיקע גאַס, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָר און עס האָבן זיך באַזעצט אין איר אַ האַלבער מיליאָן מענטשן. זיי האָבן זיך ביז דאַן געשטיקט אין די פּיל־פאַמיליקע דירות, וואָס איך געדענק פון מיינע פריערדיקע באַזוכן.

די לאַנג־לאַנגע רייע מיט ניין־שטאָקיקע הייזער אימפּאָנירט טאַקע מיט איר פאַרנעם און איינפאַכקייט. מען בויט שוין נישט מער אין מאָסקווע די אַזוי מאָדערנע אין סטאַלינס צייטן פּילשטאָקיקע הימל־קראַצער, מיט קאָלאָנעס, מיט טורעמס, אַזוי ווי, למשל, דער מאָסקווער אוניווערסיטעט, דער האָטעל „אוקראַינאַ״, אָדער די „פּאַלאַצן״, וואָס רוס־לאַנד האָט געשענקט אירע סאַטעליטן אין וואַרשע, פּראַג, סאָפיע, — און די דאָרטיקע באַפעלקערונג האָט זיי פיינט אַלס דערמאָנונג פון מאָסקווער דאָמינירונג.

איצטער לייגט מען דעם טראָפ אויף פּשוטע געביידעס, קליינע וווי־נונגען מיט באַקוועמלעכקייטן — ווו עס איז לייכטער צו באַקומען אַ שטיקל דירה, ווי אין יענע „פּאָמפּעזע״ הייזער פון סטאַלינס צייט, אין וועלכע עס וווינען נאָך איצט די וויניקע פּריווילעגירטע.

לויטן אַמביציעזן פּלאַן פון מאָסקווער שטאָטראַט, דאַרף אין משך פון זיבן יאָר (דריי פון זיי זענען שוין אָפּגעלאָפן) אויסגעבויט ווערן אין מאָסקווע אַזוי פּיל נייע וווינונגען, וויפל עס זענען אויפגעבויט געוואָרן אין די פאַרגאַנגענע פערציק יאָר, ד. ה. מער ווי צוויי הונדערט מיליאָן קוואַדראַט־פוס.

דערווייל האַלט מען נאָך ווייט פון דאָזיקן ענדציל. און ווען איך בין אויך דאָס מאָל דורכגעפאָרן די געגנטן טשערעמושקי (דאָרט, ווו דער סקווערער רבי האָט זיין בית־מדרשל), איזמאַילאָוואַ אאַז״וו, האָב איך נאָך אַלץ געפונען די טויזנטער האַלב־חרובע הילצערנע הייזער — ענלעכע אַזעלכע זענען צעוואָרפן איבער גאַנץ מאָסקווע — ווו עס וווינען אַ פּאָר מיליאָן מענטשן אין דער גרעסטער ענגשאַפט און אָן קאַנאַליזאַציע.

אָבער אויך דאָרטן זעט מען שוין די שטאָלצע „העלדזער" פון די הייב־קראַנען, וואָס זאָגן אָן, אַז אויך דאָ וועלן נייע הייזער אויפשטיין.

איצט בין איך שוין אויפן נײַנטן שטאָק פון איינער פון די נייע הייזער אויף לענינסקי־פּראָספּעקט. דאָרט דאַרף איך ברענגען אַ גרוס פון מיין ניו־יאָרקער פריינד, וואָס באַקומט שוין יאָרן לאַנג נישט קיין תשובה אויף זיינע בריוו — כאָטש בעת מיינע פריערדיקע וויזיטן האָט דער מאָסקווער ברודער יאָ צוגעזאָגט צו שרייבן.

איך האָב פריער נישט טעלעפאָנירט, ווייל איך האָב נישט געוווסט, צי דער מענטש וועט זיך נישט וועלן אַרויסדרייען פון טרעפן זיך מיט מיר. איך האָב באַקומען כמעט ווי אַ באַפעל פון מיינע פריינד, איך זאָל זייער ברודער דאָך זען.

דער מענטש, צו וועלכן איך גיי איצט, האָט אַ מאָל מיט מיר צוזאַמען געאַרבעט אין כאַרקאָוו. בעת מיין פריערדיקן וויזיט האָט ער אַרויסגע־וויזן אַ סך פריינדלעכקייט. לויט זיין באַשעפטיקונג דאַרף ער נישט מורא האָבן זיך צו זען מיט אַן אויסלענדער. ער איז אַ מחבר פון טעכנישע ביכער, וואָס זענען פאַרשפּרייט אין לאַנד, — אַ באַזיצער פון לענין־אָרדן, אַ דורכויס לאָיאַלער סאָוויעטישער בירגער.

ער איז אַ ייד, זיין פרוי — אַ רוסישע, זיין איינציקע טאָכטער איז אַ גימנאַזיע־לערערין און איז פאַרשריבן אין פּאַספּאָרט אַלס רוסישע, לויט דער מאַמען.

איך האָב געטראָפן: מען נעמט מיך ווידער אויף זייער פריינדלעך; מען שטעלט פיינעם כיבוד. די וווינונג באַשטייט פון דריי צימערן, און דירה־געלט קאָסט צוזאַמען מיט גאַז און עלעקטריע אַרום אונדזערע פופצן דאָלאַר אַ חודש (דרייצן „נייע" רובל).

דערצייל איך וועגן די קרובים אין ניו־יאָרק. די טאָכטער וויל, אגב, אויך וויסן, וואָס איך געדענק וועגן איר זיידן — דעם חשובן גביר אין אוקראַינע. איך דערצייל וועגן זיידן און וועגן דער גאַנצער משפחה. ווערט אויפגעלעבט ביים טיש אַ שטיק לעבנס־שטייגער פון דער אַלטער היים. די טאָכטער טראָגט אַרויס איר נייעם גרויען מאַנטל פון קינסטלעכן „מינק" און פרעגט, וואָס קאָסט אַזוינס אין אַמעריקע. זאָג איך: „אַרום הונדערט רוסישע רובל". לאַכן זיך אַלע פונאַנדער: „עס איז דאָך אומ־מעגלעך ביליק! זי דאַרף אַרבעטן אויף דעם אַ האַלב יאָר". צום גליק

אָבער האָט פאַרן מאַנטל באַצאָלט דער טאַטע פון האָנאָראַר פאַר זיינע ביכער.

מען פרעגט אויך, וואָס עס קאָסטן אין אַמעריקע אַט אַזעלכע, ווי אירע, שיך אויף הויכע שפּיציקע אָפּצאַסן? קומט אויס לויט מיין תשובה, אַז אַ לערערין ביי אונדז, ווי זי איז, קאָן קויפן יעדן טאָג אַ פּאָר שיך פאַר אירע שכירות, אָבער דאָרט אין מאָסקווע באַצאָלט מען פאַר אַזעלכע עלעגאַנטע שיך מיט דריי וואָכן שכירות.

איך פיל, אַז מיינע ענטפערס ווערן אויפגענומען מיט אַ ביסל סקעפּטיציזם („פאַר אַ מאַנסביל, ווייסט איר צופיל וועגן די פּרייזן אויף מלבושים״, באַמערקט די מוטער), — און איך בייט די טעמע:

— וואָס מאַכט עפּעס דער עלטערער ברודער? איך האָב געהערט, אַז ער איז נישט געזונט. צי קאָן מען אים באַזוכן און ברענגען אַ גרוס פון אים קיין ניו־יאָרק?

— ניין, דערוויל גייט ער פון שטוב נישט אַרויס, אָבער מען קאָן זיך מיט אים פאַרבינדן טעלעפאָניש.

און אָט הער איך די גוט־באַקאַנטע שטימע פון מיין אַמאָליקן כאַרקאָווער פריינד: „איך בין אַזוי צופרידן צו רעדן מיט אייך! קאָן איך אייך אָנטעלעפאָנירן אין אייער האָטעל אַרום צען אַ זייגער אין דער פרי?״ ענטפער איך: „לײדער פאַרלאָז איך דעם האָטעל אַרום ניין אַ זייגער. זאָל איך אייך אפשר אָנקלינגען איידער איך גיי אַרויס?״

מיין מיטשמועסער ענטפערט ערנסט: „ניין, איך קאָן מיט אייך רעדן נאָר דאַן, ווען די אייניקלעך גייען אַוועק אין שולע. איבעריקנס, רופט צו צום טעלעפאָן מיין ברודער״.

און ווען זיין ברודער — מיין גאַסטגעבער — רעדט דורכן טעלעפאָן מיט אים, פאַרשטיי איך פון זיין תשובה, אין וואָס עס האַנדלט זיך:

„איז וואָס, אַז די קינדער וועלן דערציילן אין דער שולע, אַז דו האָסט גערעדט מיט אַן אַמעריקאַנער? דו ביסט דאָך שוין אויף פּענסיע, די שטעלע קענסטו נישט פאַרלירן, איז וואָס זשע האָסטו מורא?״...

איך האָב פאַרשטאַנען, און מער נישט געוואָלט באַאומרואיקן מיין פריינד פון אַמאָל.

עס דערהערט זיך אַ קלונג אין טיר און אין דער דירה קומט אַריין אַ מיליטערמאַן אין ראַנג פון אַ גענעראַל־מאַיאָר. אַזוי ווי ער קומט מיט אַ

הוילן קאָפּ און אַן אַן אויבערמאַנטל, פאַרשטיי איך, אַז דאָס איז אַ שכן, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט מיט אַ צופעליקן וויזיט.

איך ווייס נאָך נישט ביז היינט, צי איז ער צופעליק אַריין, צי עמע־צער פון דער משפחה האָט אים געזאָגט, אַז ביי זיי זיצט אַן אַמעריקאַנער שרייבער. דער ספק קומט ביי מיר פון דעם, וואָס דער גענעראַל האָט גלייך ביים פאַרשטעלן זיך, מיר געזאָגט: „אַזוי, איר זענט פון ניו־יאָרק? זייער אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך".

די גאָלדענע שליפעס מיט די צוויי שטערן, אַרומגערינגלט מיט געלע ראַנדן, זאָגן עדות, אַז דאָס איז אַ גענעראַל פון אינזשעניר־דינסט. אויף די הויזן אין די הויכע שטיוול אַריינגעשטופּט — ברייטע רויטע לאַמפּאַסן, אויף דער ברוסט — דריי רייען מיט מעדאַלן־בענדלעך. די פיגור — הויך, אימפּאָנירנדיק. דאָס געזיכט — אינטעליגענט, שמייכלענדיק און גוטמוטיק.

איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס ביי מיר האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער אַמאָליקער: „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ" (אייער עקסעלענץ), ווי איך בין דאָס געוווינט געווען צו זאָגן אין מיינע צאַרישע מיליטערדינסט־יאָרן.

לאַכן זיך אַלע הויך פונאַנדער און העכער פון זיי אַלעמען — דער גענעראַל אַליין.

— רופט מיך „גראַזשדאַנין" (בירגער) גענעראַל, אָדער פּשוט גענע־ראַל. די עקסעלענצן זענען שוין פאַרשוווּנדן.

אויב איך האָב בעת מיין שמועס מיט מיינע פריינד אויסגעמיטן באַ־רירן פּאָליטישע מאָמענטן, בין איך שוין אָבער איצט אונטער אַן אַטאַקע פון פּאָליטישע פראַגן, אָנגעפירט פון נישט קיין אַנדערן, ווי פון אַ רוסישן גענעראַל אין אַקטיוון דינסט...

„איז פאַר וואָס האָט זיך אייער פּרעזידענט קענעדי, וויזט אויס אַן אָרנטלעכער מענטש (פּאָריאַדאָטשני טשעלאָוויעק), זיך אַרומגערינגלט מיט מיליטערלייט, וואָס שטופּן צו מלחמה"?...

„אָבער, גענעראַל, מען האָט אייך שלעכט אינפאָרמירט! די נאָענטע מענטשן אַרום אונדזער פּרעזידענט זענען האַרוואַרד־פּראָפעסאָרן, וועלכע זענען גאָר פאַרשריען פון פאַרשידענע רעאַקציאָנערן אַלס פּאַציפיסטן און סאָציאַליסטן".

„אָ, איך ווייס, — דער טיפּ פון „צעקראָכענעם" (מיאַכקאָטיעלי) ליבע־

ראַל, וועלכער דעקלאַמירט שיינע ווערטער וועגן פרייהייט און פּראָגרעס, אָבער לאָזט זיך אויסנוצן אַלס שפּילצייג אין די הענט פון אייערע מאָנאָפּאָ־ליסטן און מיליטאַריסטן. לאָמיר האָפן, אַז כ׳בין נישט גערעכט, ווייל אויב עס איז פאַרקערט — וועלן זיי דאָך אונדז אַלעמען אַריינשלעפּן אין אַ מלחמה, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צום מענטשן־מין. מיר, פון אונדזער זייט, טוען אַלץ, כדי דאָס צו פאַרמיידן, אָבער איר, וואָס האָט אַלס שותפים טעווטאָנישע אַדענאַוער־גענעראַלן, זענט דען אַזוי זיכער, אַז אַ צופעליקער אומגליק קאָן זיך נישט אָנהייבן קעגן אונדזער אַלעמענס ווילן״?

מילא, איך האָב געטאָן דאָס בעסטע, וואָס איך קען, כדי צו דער־קלערן און נישט גלאַט דיסקוטירן. איך האָב דערמאָנט די אומצייליקע אַטאָמישע פּרוּוון, וואָס דווקא זייערע גענעראַלן, און נישט אונדזערע, האָבן נאָר וואָס דורכגעפירט. איך האָב דערציילט וועגן אַלגעמיינעם לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז איינגעשטעלט אויף שלום. איך האָב אויך געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי זייערע חשדים, אָפּט מאָל אַזוי אומבאַגרינ־דעטע: אָט זענען דאָך שונאים פּופּצן מאָל אַריינגעדרונגען אין רוסלאַנד אין משך פון די לעצטע 150 יאָר, — אַ זאַך, פון וועלכער דאָס אומאָפּ־הענגיקע אַמעריקע האָט קיין מאָל נישט געליטן. איך האָב פאַרענדיקט מיטן גרויסן לעוו טאָלסטאָיס ווערטער: „די געשיכטע מאַכט דורך אירע אייגענע אַנטוויקלונגען צי עס געפעלט, אָדער געפעלט נישט גענעראַלן און מלכים״.

לאַכן זיך אַלע פונאַנדער און מיין גענעראַל באַמערקט דערביי:

‚דאָס האָט איר דאָך נישט געמיינט מיך פערזענלעך אַ טשעפּע טאָן! אַלנפּאַ׳ס איז דער דאָזיקער זאָג פון טאָלסטאָי אין פולן הסכם מיט מאַרקס טעאָריע׳.

און אַזוי זענען אַוועק אָנגענעמע שעהען פון פרידלעכער דיסקוסיע. בעיקר האָבן זיי זיך אינטערעסירט מיט מיינע איינדרוקן פון דער רייזע אין אַזיע און אַפריקע. אויך ישראל און אַראַבער האָבן אין זייערע פראַגן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט.

עס איז געווען וואַרעם און פריידלעך אין יענעם פּראַסטיקן אָוונט אין דער שטוב פון מיין פריינד אין מאָסקווע.

אַנטי־יידישע בלבולים אין אַ סאָוויעטיש בוך

איידער איך האָב פאַרלאָזן מאָסקווע האָט מיר אַ באַקאַנטער ייד אַ זאָג געטאָן:

„גייט אַריין אין בוך־געשעפט פון אייער האָטעל און קויפט דאָס נאָר וואָס דערשינענע בוך פון קריווילייאָוו, וועגן דער ראָל פון רעליגיע און קירכע אין דער היינטיקער וועלט".

איך האָב באַצאָלט בסך־הכל 50 קאָפּיקעס (55 סענט) און געקויפט דאָס בוך. לויט דעם פאַמיליע־נאָמען — קריווילייאָוו — וואָלט איך דעם מחבר אָנגענומען פאַר אַ געבוירענעם רוס, אָבער לויטן איצטיקן רוסישן געזעץ מוז יעדער סאָוויעטישער בירגער אָנגעבן זיין ריכטיקן נאָמען און פאָטערס נאָמען, ווי ער איז פאַרשריבן ביים געבורט. דעריבער, ווען איך האָב אויף דער לעצטער זייט געזוכט דעם פולן נאָמען פון מחבר, — (אויפן קעפל זענען באַצייכנט נאָר די ערשטע איניציאַלן: „י. א. קריווילייאָוו"), — האָב איך אויסגעפונען, אַז זיין נאָמען איז, יוסף און זיין פאָטערס נאָמען אהרן, — יאָסיף אַראָנאָוויטש.

ווייס איך שוין, הייסט דאָס, אַז ער איז אַ ייד, אַלזאָ, — אַ פאַסנדיקער נאָכפאָלגער פון „רעליגיע־באַקעמפער" פּראָפ. שאַכנאָוויטש, וועמענס ווערק „דער רעאַקציאָנערער תוך פון יידנטום" האָט מיט אַזאַ שאַרפקייט און שנאה באַשמוצט און באַשפּיגן אַלץ, וואָס יידן האַלטן טייער: פון די אָבות ביז מדינת ישראל.

דאָס בוך פון קריווילייאָוו איז געווידמעט דעם קאַמף קעגן אַלע רעליגיעס, נישט נאָר דער יידישער. אָבער דער אויפמערקזאַמער לייענער געפינט אויס ווידער אַ מאָל, אַז דער דאָזיקער מומר, ווי זיין פאָרגייער שאַכנאָוויטש, שיסט זיינע אַממייסטן גיפטיקע פיילן נישט נאָר אויף דער יידישער רעליגיע, — נאָר אויף יידן אַלס אַן „אינטערנאַציאָנאַל פאָלק".

מען זעט גלייך אַרויס, אַז די, וואָס האָבן דאָס דאָזיקע ווערק באַשטעלט ביי קריווילייאָוון, טוט אַממייסטן וויי דער פאַקט, וואָס יידן האַלטן זיך צוזאַמען בעת נאַציאָנאַלע אומגליקן (די צאַרישע פּאָגראָמען, די היטלער־רדיפות) און דאָס וואָס יידן האָבן ענדלעך צוגעגרייט דאָס אויפשטעלן פון אַן אייגענער מדינה: ישראל.

אַלזאָ, דאָס דאָזיקע נייעסטע בוך, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1962, איז

אַ רינגעלע פון דער קייט פון רדיפות נישט נאָר אויף דער יידישער רעליגיע מיט די אַלע קאָנסעקווענצן, וואָס מיר האָבן לעצטנס דערפילט: דאָס פאַרווערן באַקן מצות, די פרעסע־אַטאַקעס אויף סינאַגאָגעס און דאָס שליסן פון פיל פון זיי אין די פּראָווינץ־שטעט, נאָר אויך אַ נייער אָנפאַל אויף אַלע יידן, רעליגיעזע און נישט־רעליגיעזע, און ספּעציעל אויף די וועלטלעכע אינסטיטוציעס פון ישראל צוגלייך מיט די רעליגיעזע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש: אין דערמאָנטן בוך, וואָס אַנטהאַלט אַרום צוויי הונדערט זייטן, איז דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע (דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער) אָפּגעגעבן נאָר איין זייט, און בוכשטעבלעך קיין איין וואָרט פון קריטיק האָט דער ייד קריווילעוו פאַר איר נישט געפונען.

ער דערציילט, אַז היות לויט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע דאַרפן אַלע רעליגיעס האָבן דאָס רעכט פריי צו עקזיסטירן און זיך אויסלעבן, דעריבער האָט דער מאָסקווער פּאַטריאַרך די פולע פרייהייט צו באַזאָרגן די רעליגיעזע הצטרכותן פון די פּראַוואָסלאַוונע: די קירכע פאַרמאָגט צוויי אַקאַדעמיעס פאַר אויסבילדן העכערע גייסטלעכע און זעקס סעמינאַרן פאַר אויסבילדן געווייגלעכע פּאָפּן. די קירכע גיט אַרויס אַן אייגענעם זשורנאַל, ביכער מיט תפילות, צערקווע־קאַלענדאַרן, זאַמלביכער וועגן רעליגיעזע ענינים. עס זענען אָפן און טעטיק אַרום פופציק צערקוועס אין מאָסקווע און פיל הונדערטער איבערן גאַנצן לאַנד...

אַזוי זענען איבערגעגעבן געוואָרן די פאַקטן, וואָס עס ווילט זיך באַצייכענען מיטן ווערטל: „הלוואי אויף יידן געזאָגט געוואָרן!״

עס איז גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן וועגן דער ראָל פון דער פּראַ־וואָסלאַוונער קירכע בעת די צאַרישע יאָרן, גאָרנישט וועגן די אַנטדעקטע אין די קלויסטערס מכלומרשטע „הייליקע קערפּערס״, וואָס זענען זיך אין משך פון הונדערטער יאָרן נישט פונאַנדערגעפאַלן, אָבער אַז די באָלשע־וויסטישע מאַכט האָט זיך צו זיי אַ נעם געטאָן, האָט מען אויסגעפונען, אַז די שלעכט־באַלזאַמירטע קערפּערס זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט וואַטע, דזשעגעכץ און האָלץ.

ווען עס קומט אָבער צו באַשרייבן די „שווינדלען״ און „קאָרופּציע״ פון דער יידישער רעליגיע פאַרנעמט דאָס אין זעלבן בוך גאַנצע צען זייטן, דערביי געפינט איר דאָרט אַן אָפּשפּאָטונג און חוזק־באַשרייבונג פון די יידישע נביאים, וועלכע האָבן צוגעזאָגט, אַז דאָס „אויסדערוויילטע פאָלק״ וועט שפּעטער, ווען משיח וועט קומען, הערשן איבער אַלע אַנדערע פעל־

קער (דאָס וואָרט איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, כדי נאָך מער צו פאַר־שטאַרקן די שנאה צו יידן ביים לייענער). עס ווערט גלייך צוגעגעבן, אַז די רעגירונג פון בן־גוריון האַלט זיך ביי דעם דאָזיקן באַפעל פון „פאַרניכטן עמלקן" און זוכט צו פאַרניכטן די אַראַבער מיט אַרויסיאָגן זיי פון „פאַ־לעסטינע", מיט פירן מלחמה קעגן זיי — קעגן אָט די „אָרעמע פעלקער וואָס האָבן זיך נאָר וואָס באַפרייט פון קאָלאָניאַלן יאָך".

פלוצלינג נעמט דער יידישער מומר, ביי וועלכן מען האָט גאָר באַ־שטעלט אַן אַנטי־רעליגיעז בוך קעגן אַ ל ע קולטן אין דער וועלט, — און קלויבט אויס דאָס פאָלק ישראל און זיין לאַנד אַלס דעם צילברעט פון אָנפאַלן און אָפּשפּאָטונגען. אַ מין „אתה בחרתנו" פון דער לינקער זייט...

אָבער דעם העכסטן שטאַפּל פון נידערטרעכטיקייט האָט דער מענטש, וואָס הייסט נאָך אַלץ יוסף בן אהרן, דערגרייכט אין פאָלגנדיקע שורות:

„אַזוי ווי גלויביקע יידן לעבן אין פיל לענדער פון דער וועלט, — איבט אויס די יידישע רעליגיע אַן אוממיטלבאַרע ווירקונג אויף די אידעאָ־לאָגישע און פּאָליטישע קאַמפן אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב"... (ז. 53).

איך האָב אייניקע מאָל איבערגעלייענט דעם דאָזיקן זאַץ און נישט געגלייבט מיינע אייגענע אויגן: איז דאָך די טעזע לעבעדיק אַרויסגענומען פון די פאַלשע פּראָטאָקאָלן פון די „זקני־ציון", וואָס האָבן אונדז יידן אין די ערשטע פערציק יאָר פון הייניטיקן יאָרהונדערט אַזוי פיל שלעכטס געטאָן, צו פּאָגראָמען געבראַכט, צו אַ קייט פון בלבולים דערפירט. דאָס איז דאָך געווען די באַזע פון היטלערס פאַרניכטונגס־קאַמף קעגן יידן אַלס אַזעלכע, קעגן דער „יידישער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרשווערונג", וואָס האָט אין געהיימע פּראָטאָקאָלן פון „ציונס עלטסטע" באַשלאָסן פאַרשקלאַפן די „גוישע" וועלט און זי באַהערשן, — אַזוי ווי „אין פסוק שטייט, אַזוי ווי די נביאים האָבן צוגעזאָגט"...

עס איז ווערט צו באַצייכענען, אַז דער ערשטער, וואָס האָט די פאַר־קירצטע ווערסיע פון די געפעלשטע „ציון־פּראָטאָקאָלן" פאַרעפנטלעכט, איז געווען דער בלוטיקער פּאַוועל קרושעוואַן, — דער אינספּיראַטאָר פון קישיניעווער פּאָגראָם (אין זיין שמוץ־בלעטל „זנאַמיאַ", אין אויגוסט 1903), נו, און דער לעצטער, וועלכער האָט די דאָזיקע טעזע פון יידישער וועלט־הערשאַפט ווידער אין דרוק אַרויסגעבראַכט, איז געווען דער ייד קרוי־וויליאָוו איז זיין נאָר וואָס ציטירטן בוך, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין יאָר 1962, אין מאָסקווע.

עס איז נאָר אַ ווייטיק אין האַרצן, וואָס ביי די איצטיקע באַדינגונגען, ווען קיין אַנדערע קוועלן זענען נישטאָ, מוז דער אונטערוואַקסנדיקער יידי־שער דור אָנקומען צו אַזעלכע סם־ביכער, ווי שאַכנאָוויטשעס און קרי־ווילאָווס, כדי זיך עפּעס צו דערוויסן וועגן דער „געשיכטע״ פון דער יידישער רעליגיע און ביי דער זעלבער געלעגנהייט גיבן זיי אויך אַ זופּ דעם פאַרגיפטעטן שטאָף, וואָס אַנטיסעמיטן פון אַלע צייטן האָבן זיך מיט דעם באַנוצט אין זייער קאַמף קעגן יידן אַלס פאָלק.

*

איך וויל איבערגעבן אַ קליינעם עפּיזאָד, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן היינטיקן רוסלאַנד, ווו די אָפיציעלע פּרעסע פירט אַזאַ אינטענסיווע אַטאַקע קעגן ישראל אַלס מדינה.

איך בין געזעסן אין אַ קרייז פון איבערגעגעבענע יידישע קאָמוניסטן. אויך דאָ האָב איך אויסגעהערט אַלערליי מעגלעכע אָנפאַלן אויף ישראל און ספּעציעל אויף אירע דיפּלאָמאַטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט „שפּיאָנאַזש״ און טיילן אויס אין די סינאַגאָגעס און צווישן פּריוואַטע באַקאַנטע אַזעלכע סימבאָלן פון ציון, ווי „מגן־דודלעך״ און „מנורהס״.

איינער פון זיי האָט מיך אַפילו אַ פרעג געטאָן: „צי קומט אויך דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר יעדן זונטיק אין קירכע און טיילט דאָרטן „צלמלעך אָדער די אַמעריקאַנער פענדלעך צווישן די מתפללים?״

איך האָב נאָר געקאָנט ענטפערן, אַז איך ווייס איבערהויפּט נישט צי דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר דאַוונט אין קירכע, אָבער איך ווייס דאָקעגן, אַז צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל אין רוסיש, — פיל מאָל מיט דער שטערנדיקער פאָן פון אַמע־ריקע — ווערט מיט דער דערלויבעניש פון דער סאָוויעטישער רעגירונג פאַרשפּרייט איבער רוסלאַנד, איז דעריבער נישטאָ קיין נויטווענדיקייט פונאַנדערצוטיילן „אַמעריקאַנער פענדלעך״ אויף אַ „היימישן״ אופן.

צווישן אָט די פאַרזאַמלטע קאָמוניסטן איז געווען איינער, וואָס האָט דערציילט וועגן זיין פעיק צוועלף יאָריק קינד.

האָט זיך מיר געוואָלט רייַן פּאַטערלעך און מענטשלעך איבערגעבן דעם טאַטן עפּעס אַ מתנה פאַר זיין קינד. איך האָב געזוכט אין מיינע קעשענעס און געפונען אַ ביכעלע מיט זילבערנע טאָוולען, וואָס איך האָב געקויפט אין ישראל — פון וואַנען איך בין דירעקט קיין מאָסקווע געקומען.

אויף די טאָוולען איז געווען אויסגראַווירט אַ זילבערנע מנורה מיט אַרײַנגעפּאַסטע פּאַרביקע שטיינדלעך, ווי אויך די סימבאָלן פון די צוועלף שבטים, אַרומגערינגלט מיט מגן־דודס.

אַז איר ווילט — איז דאָס אַ גאַנץ פײַנע, נאַטירלעכע מתנה פאַר יעדן קינד אין דער גאַנצער וועלט. אָבער, אַז איר ווילט, איז דאָך דאָס דער אמתער כיטרער „שפּיאָנען־געצייג", — די מנורה, די מגן־דודס — אַט די אַלע געפערלעכע אינסטרומענטן, וואָס קאָנען אונטערמינירן דעם גרויסן, מעכטיקן ראַטן־פאַרבאַנד.

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן דאָס ביכעלע באַטראַכט אויפמערקזאַם. דער פאָטער פון קינד האָט מיט די אויגן אַ פרעג געטאָן די מיטזיצנדיקע, וואָס ער זאָל טאָן? זיי האָבן געזאָגט אויפן קול: „נעמט דאָס, אדרבא, עס איז אַ שיינע מתנה". און דער פאָטער האָט עס גענומען מיט דאַנק. איך האָב מיט צופרידנקייט אַ טראַכט געטאָן: „ווער ווייס, אפשר וועט זיך כאַטש איין ליכטל פון אָט דער מנורה אָנצינדן אין קינדערשן האַרצן?"... געטראַכט, אָבער נישט געזאָגט. ווײַל, אפשר בין איך גאָר נאָר וואָס באַגאַנגען אַן אַקט פון „ציוניסטישער אַגרעסיע"?...

ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַנטי־יידישן קורס אין ראַטן־פאַרבאַנד?

איך רוף אָן דאָס, וואָס קומט איצט פאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד: „די אַקציע קעגן יידישן פאָלק", און נישט מיט דעם אויסגעדראָשענעם וואָרט „אַנטיסעמיטיזם", ווײַל דאָס, וואָס ווערט געטאָן קעגן יידן אַלס כלל, אַלס פאָלק, איז מ ע ר ווי דאָס, וואָס מיר קענען אַלס אַנטיסעמיטיזם. ווײַל לויטן מצב פון יעדן באַזונדערן ייד, פון יחיד, קאָן מען דאָס אַלס אַנטיסעמיטיזם אין אַלגעמיין נישט באַצייכענען. איך וועל פּרובירן מיט ציפערן און פאַקטן באַרעכטיקן די דאָזיקע מיינונג מײַנע, און נישט דווקא מײַנע, נאָר אויך פון געלערנטע, פון עקספּערטן, וואָס פאַרנעמען זיך ספּעציעל מיטן סאָוויעט־יידישן פּראָבלעם, ווי פּראָפ. עריק גאָלדהאָגען פון האָנטער אוניווערסיטעט און ניקאָלאָס דע וויט, פון האַרוואַרד. מיט פּראָפ. גאָלד־

האָגען האָב איך פערזענלעך פיל מאָל זיך באַראַטן, איידער איך בין איבערהויפּט געקומען צו געוויסע באַשלוסן אויפן גרונט פון די ציפערן, וואָס איך האָב אין מיין באַזיץ. און סטאַטיסטישע ציפערן, ווי מיר ווייסן, זענען אָפּטמאָל פאַרפּירעריש, אויב מען אַנאַליזירט זיי נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ ריי אָביעקטיווע פאַקטן, פון וועלכע זיי זענען אַ רעזולטאַט. ספּעציעל, אויב מען באַטראַכט זיי באַזונדער און נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט די ציפערן פון פריערדיקע יאָרן.

און פריער ווי אַלץ — אַן אַלגעמיינע באַמערקונג. אין משך פון דער צייט, וואָס איך האָב פאַרלאָזן מאָסקווע (סוף פעברואַר 1962), האָט זיך די לאַגע פון די יידן באַדייטנדיק פאַרערגערט: מען האָט ענדגילטיק פאַרווערט באַקן מצות (מיר האָט מען דאַן דערקלערט, אַז דער באַשלוס הענגט נאָך אין דער לופטן); מען האָט פאַרמאַכט די ישיבה, וועלכע איך האָב פערזענלעך באַזוכט און נאָך דאָרטן געפונען אַרום 13—12 תלמידים — און מען האָט געשאָסן דריי פון די ווילנער יידן, באַשולדיקטע אין וואַליוטע־ספּעקולאַציע, ווי אויך דריי יידן, באַשולדיקטע פאַרן זעלבן פאַרברעכן, אין קאַווקאַז.

דאָס איז אַן אָנזאָג פון אַ פאַרביסענער ווייטערדיקער אַקציע, וועלכע איז נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך די העפטיקע פּראָטעסטן פון אינטעלעקטועלע און פאָלקס־מאַסן אין דער מערב־וועלט.

אין ליכט פון די דאָזיקע אַנטי־יידישע געשעענישן ווערן בלאַסער די ציפערן פון גרויסן יידישן אַנטייל אין וויסנשאַפטלעכן און קולטור־לעבן פון ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכע איך האָב אין מיין באַזיץ, און פון וועלכע עס וואָלט זיך אויסגעדוכט, אַז דער יידישער י ח י ד געפינט זיין וועג צו יעדער פּראָפעסיע, צו וועלכער ער איז באַרעכטיקט לויט זיינע פעיקייטן.

פאַר מיר, ווי געזאָגט, איז נישט געווען גענוג צו באַקומען די ציפערן וועגן יידישן אַנטייל אויף פאַרשידענע געביטן. איך האָב זיי געוואָלט אַנאַליזירן און פאַרשטיין. און דאָס האָב איך געטאָן שוין אין ניו־יאָרק.

זיך איך אין מאָסקווע, אין דער געביידע פון מיניסטאַרן־ראַט און האָב אַ לאַנגן שמועס מיטן דירעקטאָר פאַר אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען. איך בין רעקאָמענדירט צו אים דורך דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, און ער האָט צייט און געדולד אויסצוהערן מיינע פראַגעס.

שפּעטער האָט ער אַריינגערופן דעם לייטער פון דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג, וועלכער האָט מיך באַזאָרגט מיט ציפערן.ביידע פון זיי דריקן

אויס זייער דערשטוינונג, ווען איך זאָג זיי, אַז ביי אונדז אין אַמעריקע ה'אַקסט אַלץ מער די מיינונג, אַז עס ווערט דיסקרימינירט קעגן יידן, אַז מען לאָזט זיי נישט צו אין די אוניווערסיטעטן, מיליטער, אָדער דיפּלאָמאַטיע. וועגן מיליטער און דיפּלאָמאַטיע, דערקלערט מען מיר, באַזיצן זיי נישט קיין גענויע ציפערן, ווייל דאָס איז „געהיים", ווי אין אַלע לענדער. אָבער צי איז נישט אויפפאַלנדיק, וואָס צווישן די זיבן מיליטערלייט וואָס האָבן באַקומען „מעדאַלן פאַר העלדישקייט פאַר אַראָפּשיסן מיט אַ ראַקעט דעם אַמעריקאַנער „שפּיאָן־אַעראָפּלאַן" (געמיינט פ. פּאַוערס), זענען פאַראַן צוויי יידן: דער פּאָלקאָווניק משה אייזיקאָוויטש קונעווסקי און דער סערזשאַנט וואַלערי מענדעלעוויטש שוסטער? (זיי ווייזן מיר אַ קאָפּיע פון „פּריקאַז").

און אָט זעט ווייטער: אויף יעדע צען טויזנט יידן זענען אין אָנהייב יאָר 1961 געווען כמעט 250 יידישע סטודענטן און אויף יעדע צען טויזנט רוסן — נאָר 65 סטודענטן. די אוקראַינער און גרוזינער האָבן נאָך אַ קלענערע פּראָפּאָרציע. קאָן מען דאָס אָנרופן „אַנטיסעמיטיזם" אַ לאַגע, ווען יידן פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט צווישן די פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד לויט דער פּראָפּאָרציאָנעלער צאָל פון זייערע סטודענטן? *

מיינע מיטשפּרעכער ווייזן מיר אַ ווייטערדיקע טאַבעלע: צווישן אַקאַדעמיש־וויסנשאַפטלעכן פּערסאָנאַל אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען פאַראַן אין קיילעכדיקע ציפערן: גרויסרוסן — 150 טויזנט; יידן — 28 טויזנט; גרוזינער — 5 טויזנט; אַרמענער — 5 טויזנט. ווידער אַ מאָל זענען צווישן רוסן פאַראַן נאָר 12 וויסנשאַפטלער אויף יעדע צען טויזנט, אָבער

* די ציפערן זענען טאַקע ריכטיקע, אָבער אין דער סטאַטיסטיק איז נישט אָנגעוויזן, וועלכע הויכשולן ווערן דאָ אַריינגענומען. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די גרויסע פּראָפּאָרציע יידן געפינען זיך אין לערער־סעמינאַרן, פעלדשער־שולעס, טעכניקומס, אָבער וואָס העכער דער קלאַס פון דער שולע, אַלץ ווינציקער יידן זענען דאָרט פאַראַן. און ווען עס קומט צו אַזעלכע אוניווערסיטעטן ווי מאָסקווע אָדער לענינגראַד, זענען שוין יידן אויפן זעקסטן אָרט.

אויף אַ געוויסן קורס פון אַ פאַקולטעט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, למשל, זענען צווישן זעקס הונדערט סטודענטן פאַראַן איצט נאָר צען יידן — אַ רעזולטאַט פון אַ „סעלעקציע" אין משך פון צען יאָר. עס זענען פאַראַן פיל יידישע סטודענטן אין קאַזאַכסטאַן, אין סיביר, אָדער אוזבעקיסטאַן, ווו די „סעלעקציע" קעגן יידן איז נישט אַזוי שטרענג.

יידן זענען הונדערט און דרייסיק אויף יעדע צען טויזנט, דאָס הייסט, אַז צוועלף פּראָצענט פון אַלע וויסנשאַפטלער אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען יידן, אין דער צייט, ווען זייער אַבסאָלוטע צאָל איז קוים דריטהאַלבן מיליאָן, ד. ה. נישט מער ווי 1.2 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.*

אויך אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע פאַרנעמען יידן אַן אָנגע־זעענעם אָרט: מער ווי אַ ד ר י ט ל פון אַלע דאָקטוירים אין מאָסקווער קרייז זענען יידן (פון אַכצן טויזנט דאָקטוירים דאָרט, זענען 6.700 יידן).

איך האָב נאָך באַקומען זייער פיל אַנדערע טאַבעלן מיט סטאַטיסטישע ציפערן, וואָס באַציען זיך אויף דער ראָלע פון יידן אין ליטעראַטור (דאָס דריטע אָרט), אין קונסט (דאָס דריטע אָרט) און אין דער לערער־פּראָפע־סיע — ספּעציעל אין אוקראַינע און בעסאַראַביע — ווו יידן זענען אויפן צווייטן אָרט.

איך האָב מיינע מיטשמועסער אָנגעוויזן, אַז דער דאָזיקער אַנטייל צווישן יידן אין די אינטעלעקטועלע פּראָפעסיעס איז אַ רעזולטאַט פון זייער וווינען אין משך פון פיל דורות אין שטעט אין דער נאָענטקייט פון שולעס. אויף דעם האָב איך באַקומען די זעלבע תשובה, וואָס די בילדונגס־מיניס־טאַרשע פורצעוואַ האָט געגעבן די ענגלישע לייבאָר־פירערס:

„כל זמן מיר האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע אויסגעבילדעטע אינ־טעליגענץ, האָבן מיר זיך אויף אַלע געביטן באַנוצט מאַסנווייז מיט יידן, אָבער איצטער איז דאָס שוין אַנדערש און מיר פירן איין קוואָטעס״...

פאַרשטייט זיך, דער דאָזיקער ענטפער סיי פון מאַדאַם פורצעוואַ און סיי פון מיינע איצטיקע מיטשמועסער, האָט אַרויסגערופן די רעאַקציע, אַז „דאָס איז דאָך נישט אין הסכם מיט מאַרקסיזם־לעניניזם״, אָבער אַ שוואַכער שמייכל איז געווען זייער תשובה.

איך וויל דאָ ברענגען אַ כאַראַקטעריסטישע ציטאַטע פון אַ רעדע, וואָס דער אַקאַדעמיקער קאָנסטאַנטין סקריאַבין האָט געהאַלטן אויף דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (לויט

* די ציפער פון אַקאַדעמיקער־וויסנשאַפטלער איז טאַקע אַ ריכטיקע. און מען קאָן זיין שטאָלץ מיט דעם. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אין אַזאַ הויך־ספּעציאַלי־זירטן צווייג פון וויסנשאַפט, ווי חלל־פאָרשונג, זענען פאַראַן מער ווי ז ע כ צ י ק פּראָצענט יידן. אין דעם געביט, ווי אין שאַכמאַט־שפּיל זענען טאַקע די יידן די ערשטע. זיי באַקומען אויך אַ גרויסע צאָל פון אויסצייכענונגען.

דער „פּראַוודאַ“ פון 21סטן מערץ): „פון מיין שטאַנדפּונקט דאַרף אַ וויסנ־שאַפטלער אָפּגעשאַצט ווערן נישט לויט דער נאַציאָנאַליטעט אין זיין פּאַספּאָרט, נאָר לויט זיינע מאָרך־פעיקייטן און זיין נאַציאָנאַלער נוצלעכ־קייט“ (אַפּלאָדיסמענטן אין זאַל). די דאָזיקע באַמערקונג באַשטעטיקט דאָס, וואָס מיר ווייסן שוין סיי ווי סיי: צוליב דעם „קוואָטע־סיסטעם“ הויבן שוין ליידן געוויסע וויסנשאַפטלעכע געביטן.

דער שרייבער וואַלערי קאַטאַוו האָט אין זיין אַרטיקל אין „איזוועסטיאַ“ (דעם 7טן נאָוועמבער, 1961) אויסגערעכנט אַ ריי שלעכטע מידות, וועלכע דער ראַטן־פאַרבאַנד דאַרף באַקעמפן, צווישן זיי: „אַלקאָהאָליזם, כוליגאַ־ניזם, אַנטיסעמיטיזם“...

מיט יידישער סטאַטיסטיק אויף געוויסע געביטן שפּילט מען אַ „קאַץ און מויז“ שפּיל: מען דערציילט נישט, למשל, וויפל יידן זענען פאַראַן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עס זענען דאָרט אויסגערעכנט אַכצן פעל־קער, („פּאַרטינאַיאַ זשיזן“, נומ. 262) צווישן זיי רוסן מיט 6,116 טויזנט מיטגלידער, אוקראַינער — 1,412 טויזנט; לאַטישן — 33 טויזנט; ליט־ווינער — 42 טויזנט; טאַדזשיקן — 32 טויזנט. און עס ווערט צוגעגעבן: עס זענען אויך פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן, טאָטערן און דייטשן. נו, מילא, מיט טאָטערן און דייטשן שעמט מען זיך, און מיט רעכט, — זיי האָבן דאָך מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס. אָבער יידן?

מען דאַרף דערמאָנען, אַז אין דער סטאַטיסטיק פון די „העלדן פון ראַטן־פאַרבאַנד“ פעלט אויך די רובריק „יידן“, כאָטש לויט די אומאָפּי־ציעלע ידיעות פאַרנעמען יידן נאָך איצט דאָס דריטע אָרט צווישן דער דאָזיקער העכסטער אויסגעצייכנטער גרופּע, — אַזוי ווי יידן האָבן בעת דער מלחמה פאַרנומען דאָס דריטע אָרט צווישן אויסגעצייכנטע מיט מעדאַלן פאַר העלדישקייט.

ווען הערי שוואַרץ פון „ניו יאָרק טיימס“, האָט מיט אַן אומשולדיקער מינע וועגן דעם אַ פרעג געטאָן איינעם פון די העכסטע סאָוויעטישע רעגירונגס־פאָרשטייער, האָט יענער געענטפערט: „עס איז טאַקע אַ פעַ־לער“.

אגב, האָט מיר דערציילט אַ פערזאָן, וואָס האָט נישט לאַנג באַזוכט די גרעסטע אין דער וועלט הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציע אין בראַטסק, סיביר (זי איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי די גרעסטע סטאַנציע אין אַמע־ריקע), אַז ער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן פון הויפּט־פאַרוואַלטער,

פּראָפ. גינדין, דער באַזוכער, אַן אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט, האָט צווישן אַנדערן געפרעגט גינדינען: „וועלכע איז אייער נאַציאָנאַליטעט?״ האָט אים גינדין געענטפערט: „מיין פולער נאָמען איז אהרון איזראַילעוויטש גינדיק. איז דאָס נישט קלאָר?״

פון די אַלע געבראַכטע ציפערן און פאַקטן וויקלען זיך אַרויס איניקע אומשטרייטבאַרע אמתן:

1) דער יידישער יחיד, דערצויגן דורך לאַנגע דורות אין קאַמף פאַרן קיום, שלאָגט זיך דורך אויף זיין פּריוואַטן וועג צו פּרנסה: דורך בילדונג, דורך אַריענטירונגס־פעיקייטן, — דורך די נוצן, וועלכע ער ברענגט פאַר זיין לאַנד, ווו ער לעבט. וואָלט מען אים געלאָזן צו רו, נישט אַריינגעשריבן אין פּאַס זיין נאַציאָנאַליטעט „יעווריי״ (ייד), וואָס מאַכט אים און זיינע קינדער אַלץ שווערער און ענגער דעם וועג צו אַ העכערן שטאַפּל, וואָלט אפשר אַ גרויסער טייל פון איצטיקן און געוויס פון קינפטיקן דור, זיך צעשוווּמען אין גרויסן רוסישן ים: אָן אייגענער רעליגיע, אָן אייגענער שפּראַך, אָן יידישער קולטור, — אָן יעדן באַגאַזש, וואָס אידענטיפיצירט דעם מענטשן מיט דער נאַציאָנאַליטעט, וואָס איז אַריינגעשריבן אין פּאַס־פּאָרט.

2) די נאַציאָנאַלע אידענטיטעט פון יידן ווערט דווקא אונטערגעהאַלטן: דורך די באַגרענעצונגען אין אַ רייע לערן־אַנשטאַלטן (די צאָל יידן דאָרטן ווערט קלענער פון יאָר צו יאָר); דורך די אומאויפהערלעכע באַשולדיקונגען קעגן ישראל, וואָס רירן אָן יעדן יידן, אַפילו דעם אַממיינסטן אַסימילירטן צווישן זיי. די באַגרענעצונגען און באַליידיקונגען זענען פיל שאַרפער און בייסיקער ווי קעגן אַנדערע רעליגיעס, די אויפגעבלאָזענע פּראָצעס; קעגן פּערזאָנען מיט בולטע יידישע נעמען, וואָס רודערט נאַטירלעכווייז אויף אַלע אַנדערע פון דער זעלבער נאַציאָנאַליטעט, — דאָס אַלץ שאַפט אַן אומזיכערקייט און אומהיימלעכקייט ביי דער גרעסטער מערהייט יידן, וואָס קאָנען דאַדורך נישט רויק געניסן פון זייערע פּריוואַטע דערפאָלגן און דערגרייכונגען. ספּעציעל לאָזט זיך דאָס פילן דורך דער דערוויל שטומער אויפברויזונג ביי אַ טייל יידישער יוגנט.

3) „נישט מיט ברויט אַליין לעבט דער מענטש״, און כאָטש פיל, זייער פיל יידישע יחידים, ווי מיר זעען דאָס פון אונדזער פּערזענלעכע באַגעגע־נישן, פון דער סטאַטיסטיק און פון די טעלעפאָן־ביכער אין די גרעסטע שטעט, ווו די צאָל טעלעפאָן־באַזיצער מיט יידישע נעמען איז זייער

גרויס — האָבן זיך פּערזענלעך, אַ דאַנק פעיקייטן, בילדונג און צופּאַסונגס־קראַפט, גוט איינגעאָרדנט, באַקומט זיי דאָס אָבער נישט צוליבן דראַנג פון דער מאַכט אַוועקצונעמען די יידישע אידענטיטעט אַלס אַ פאָלק. די רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען רופן אַרויס פּראָטעסטן אפילו ביי די נישט־רעליגיעזע. אָפט מאָל דוכט זיך, אַז ערגעץ ווו אין דער הויפּט־מאַשינעריע פון דער ראַטן־מאַכט זיצן סאַבאָטאַזשיסטן, וואָס גראָבן אונטער דעם רעזשים אין די אויגן פון דער וועלט צוליב אַ נישט־באַהערשטן יידן־האַס.

אפשר מיט דער אָפּשוואַכונג אָדער מיטן פאַרשווינדן פון „קאַלטן קריג״ צווישן מזרח און מערב, וועט אויך געפונען ווערן אַ געלעגנהייט אויפקלערן און אויסגלייכן די עוולות בנוגע צום יידישן פאָלק אַלס גאַנצעס אין ראַטן־פאַרבאַנד.

דער שאָדן פאַר יידן איז טאַקע גרויס, אָבער נישט קיין קלענערער שאָדן מאַכן אָן דעם ראַטן־פאַרבאַנד זיינע אָפענע און פאַרבאָרגענע אַנטיסעמיטישע „סאַבאָטאַזשניקעס״.

אַ שפּאַציר איבערן היינטיקן מאָסקווע

צו קורץ איז איצט געווען מיין וויזיט אין מאָסקווע (אין גאַנצן זעקס טעג), אַז איך זאָל קאָנען זיך אָנזעטיקן מיט איינדרוקן אַזוי ווי איך האָב געהאַט די געלעגנהייט דאָס צו טאָן אין די יאָרן 1956—1960. אָבער דווקא דעריבער, ווייל איך קען אַזוי גוט די שטאָט און די פאַרהעלטענישן, האָב איך אַזוי אויספּלאַנירט מיין צייט, אַז כ׳זאָל נישט פאַרלירן קיין איבעריקע שעה.

אמת, דער פאַקט, וואָס איך האָב זיך אַזוי געמוזט איילן, איז מיין אייגענע שולד; איך האָב לכתחילה געקאָנט בעטן פאַרלענגערן די וויזע אויף נאָך עטלעכע טעג, אָבער, אין דער מינוט, ווען די וויזע איז אַריינגעשריבן אין פּאַספּאָרט, איז שוין כמעט אוממעגלעך זי צו פאַרלענגערן, אָדער עפּעס ענדערן אין איינגעשריבענעם פּאַס־מאַרשרוט. אין דער הינזיכט איז דאָס ביוראָקראַטישע סיסטעם אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַרגליווערט און נישט בויגזאַם.

איך האָב, למשל, געבעטן מען זאָל מיך לאָזן איבערנעכטיקן נאָך איין נאַכט אין האָטעל, כדי איך זאָל קאָנען פליען קיין וואַרשע נישט מיט קיין קליינעם פוילישן אַעראָפּלאַן, וואָס נעמט אַוועק זעקס שעה, נאָר מיטן גרויסן „אַעראָפלאָט"־אַעראָפּלאַן, מיט וועלכן מען פליט נאָר צוויי שעה.

איך האָב געוואַרט אַ טאָג אויף אַ תשובה. זי איז געווען קאַטעגאָריש: „ניין!" די סיבות: ערשטנס, זענען שוין אַ סך צימערן פון האָטעל פאַרנומען פאַר אָט דער נאַכט; און צווייטנס, זענען אין אַעראָפּלאַן פון „אַעראָפלאָט", וואָס פליט אָפּ מאָרגן פאַרטאָג קיין פלעצער מער נישטאָ. האָט דאָס מיך פאַרדראָסן און איך האָב פּרובירט דעם ענין קאָנטראָלירן. פון דער האָטעל־אַדמיניסטראַציע האָב איך זיך דערוווסט, אַז צוליבן ווינטער־סעזאָן זענען אַ העלפט צימערן גראָד ליידיק און אין הויפּט־ביוראָ פון „אַעראָפלאָט" האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך וויל קאָן איך אפילו באַקומען נאָך צען פרייע פלעצער אין זייער אַעראָפּלאַן, וואָס פליט אָפּ פאַר טאָג קיין וואַרשע. בין איך מיט די תשובות אַוועק צום פאַרוואַלטער פון „אינטוריסט", וואָס האָט מיר אָפּגעזאָגט די דערלויבעניש איבערצונעכטיקן די נאַכט. האָט מיך דער אינטוריסט־באַאַמטער אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשטיינערט פנים און אפילו נישט אַ שמייכל געטאָן, ווען איך האָב אים אויפגעוויזן, אַז מען זאָגט מיר ליגן. נו, און איך בין געבליבן ביי מיין נאַאיוון „הער קאָזאַק, שעמט איך!..."

איך בין דעמאָלט אַוועק אָנקוקן דעם אַמאָליקן קבר פון לענין־סטאַלין אויפן קרעמל־פלאַץ: איך האָב געוואָלט דערלעבן אַ נקמה אין דעם „עקס־מיסירטן טיראַן". האָב איך דערזען, אַז דער מאַוזאָליי איז אַרומגעצאַמט מיט אַ הילצערנעם הויכן פאַרקאַן, אַ סימן, אַז מען רעמאָנטירט אים. איך בין פון דעסטוועגן צוגעגאַנגען צו די ברעטער און דורך אַ שפּאַרונע אַ קוק געגעבן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן. האָב איך געזען, אַז אויבן, אויפן קאַרניז ביים אַריינגאַנג, איז שוין אויפגעשריבן נאָר דאָס וואָרט „לענין", אַנשטאָט „לענין־סטאַלין", ווי פריער. אַז מען פאַרבט אויף ס'ניי איבער די מאָנומענטאַלע טיר ביים אַריינגאַנג. איך האָב געוווסט, פאַרשטייט זיך, אַז סטאַלינס אַמאָל באַלזאַמירטער קערפּער איז שוין איצט, אַ צעשאָטענער הויפן ביינער, געבראַכט געוואָרן צו קבורה דאָ נישט ווייט אויף דער צווייטער זייט פון קרעמל־וואַנט צווישן „כל הנערים". אָבער אַ קוק טאָן האָט זיך געוואָלט. איז, אָבער, צוגעגאַנגען צו מיר אַ מיליציאַנט, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן אַקסל און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס זוכסטו דאָ, פעטערקע? (טשעוואָ אישטשעש זדיעס, דיאַדענ־

קאָ?). מילא, האָב איך זיך לייכט אָפּגעטראָגן פון פּאַרקאָן און אַריין אין דער באַרימטער היסטאָרישער צערקווע פון „וואַסילי בלאַזשענני" מיט אירע אומ־פּאַרגלייכלעכע געפּאַרבטע קופּאָלן. אָבער, דאָס איז שוין מער נישט קיין צערקווע, נאָר אַ מוזיי. און אינעווייניק זענען די ווענט באַהאָנגען מיט ביל־דער און קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן צו טאָן מיט רוסישער געשיכטע פאַר די לעצטע זעקס הונדערט יאָר. פון דעסטוועגן האָב איך געזען, ווי צוויי עלטערע פרויען אין טיכלעך האָבן זיך איבערגעצלמט ביים אַריינגאַנג. אפשר האָבן זיי דערפילט דאָס, וואָס איך האָב דערפילט, ווען איך בין אַריין אין דער אַמאָליקער גרויסער כאַרשול פון כאַרקאָוו און געפונען דאָרטן אַ ספּאָרט־קלוב. דער אונטערשיד איז אָבער, וואָס אין מאָסקווע זענען נאָך אַלץ פאַראַן מער ווי פופציק אָפענע פאַרן געבעט קירכעס; און אין כאַרקאָוו איז, לײדער, קיין איין יידישע שול נישטאָ מער.

איך האָב אויך באַזוכט אויפן זעלבן „רויטן־פּלאַץ" דאָס גרעסטע האַנדלס־הויז אין ראַטן־פאַרבאַנד. עס ווימלט דאָ פון טויזנטער מענטשן, וואָס דרייען זיך איבער די גאַלעריעס, בריקן און לאַנגע רייען מיט קראָמען. מען קויפט שיכעלעך, קליידלעך, וועליסאָפּעדן, אַלץ־אַלץ, וואָס מען געפינט גע־ווײנלעך אין אַזאַ געשעפט ביי אונדז.

אָבער די פּרייזן זענען פילפאַך טייערער, ווי אין אַמעריקע אָדער אין מערב־אייראָפּע; און די קוואַליטעט איז אַ שלעכטע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וועט זיך לאָזן „אויספּרעסן", ווען די מיליטער־בודזשעטן (נישט נאָר ביי זיי, נאָר אויך ביי אונדז) וועלן נישט אויפפרעסן די סובסטאַנץ פון רייכטום, וואָס דאָס פאָלק אַרבעט אויס. אָבער קלאָר איז פאַר מיר, אַז דער סאָוויע־טישער בירגער יאָגט זיך איצט נאָך פאַרשענערן זיין קליידונג, זיין דירה; נאָך די באַקוועמלעכקייטן פון לעבן, וואָס פאַריאָגן די מאַנאָטאָניע און גרוי־קייט. די פאַרדינסטן סטייען טאָקע נישט דערוויל, אָבער דאָס שטערט דאָך נישט די טויזנטער צו קוקן אין די שויפענצטער, ווו עס שטייען פאָטאָגראַ־פישע־ און טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן און אויך פאַרשידענע זילבערנע און גאָל־דענע אויסאַרבעטונגען; מען קוקט דורשטיק, אָבער דאָס קאָסט קיין געלט נישט — אַזוי ווי ביי אונדז, אַזוי, ווי אומעטום.

און איצט איז צייט צו גיין אָנקוקן די נייע קאָנצערט־טעאַטער־געביידע, וואָס מען האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק פאַרענדיקט בויען אין סאַמע צענטער פון קרעמל. דאָ קומען שוין איצט פאַר די גרויסע צוזאַמענפאָרן

און דאָ איז אויך די נייע פאָלקס־בינע פאַר אויפטרעטונגען פון די בעסטע אַרטיסטישע כוחות פון גאַנצן לאַנד און פון אויסלאַנד.

די דאָזיקע נייע געביידע נעמט אַריין מער ווי אַכט טויזנט צושויער, און לויט דער רייכקייט פון איר אויסשטאַטונג, דאַרף זי פאַררעכנט ווערן צו די שענסטע געביידעס אין דער וועלט.

ווען איך בין דאָרט צוגעגאַנגען, האָט זיך שוין דער עולם אָנגעהויבן צונויפזאַמלען ביי די צאָלרייכע גלעזערנע באַלקאָנען, וואָס דינען אַלס אַריינ־גאַנג. אַלע בילעטן זענען שוין לאַנג אויספאַרקויפט געווען. דער עולם קומט צו פאָרן אין פול־געפאַקטע אויטאָבוסן, וואָס טראָגן די נעמען פון די פאַ־בריקן, ווו זיי אַרבעטן.

איך האָב קיין בילעט נישט געהאַט, האָב איך פּרובירט מזל און מיט מיינע פּרעסע־קאַרטן אויף פראַנצויזיש און ענגליש זיך דערשלאָגן צו איינעם פון די אויפזעערס איבערן הויפּט־אַריינגאַנג. ער האָט מיך העפלעך פאַרזיכערט, אַז ווען ער זאָל מיך אפילו אַריינלאָזן, וועל איך אויך אינעווייניק קיין פרייע שטול נישט געפינען. נאָר, אַז איך וועל אַ ביסל וואַרטן, וועלן אפשר קומען מענטשן, וואָס וועלן האָבן צו פאַרקויפן אַ פרייען בילעט. און אַזוי טאַקע איז געשען! אַ רוסישער גוט־געקליידעטער הער איז געקומען מיט אַ בילעט פון זיין פרוי, וואָס איז קראַנק געווען. האָב איך באַצאָלט דריי און אַ האַלבן רובל פאַר דער פּערצנטער ריי אונטן. דאָס איז כמעט פּי־דאָלאַר, דער זעלבער פּרייז, וואָס ביי אונדז אויף אַזאַ מין פּלאַץ. אַזעלכע פּלעצער זענען פאַראַן צוויי טויזנט. אָבער אויבן איז ביליקער. און אויף דער „גאַלאָרקע״ קאָסט שוין אַ פּלאַץ נאָר אַכציק קאָפּיקעס. פאַר מיר איז ווערט געווען אָנצוקוקן די אַלע טויזנטער רוסן אין אָט דער נייער טעאַטער־געביידע. אַלע מענער אין קעלנער און שניפּסן; אַלע פרויען אין ציכטיקע, כאָטש אַ ביסל טאַנדעט אויסזעענדיקע קליידלעך. זייער ווייניק געפאַרבטע ליפּן. סאָליד און ערנסט. דער טעאַטער אַליין — אַ סימפאָניע פון גלאָז, מאַר־מאָר, אומצאָליקע עלעקטרישע ליכטער, באַוועגלעכע טרעפּ ביז אַ צענטן שטאָק; בופעטן, ווו עס זיצן אויסגעזעצט, בעת די איבעררייסן אין פּראָגראַם, טויזנטער מענטשן אין יעדן זאַל. די פּרייזן, מער־ווייניקער, די זעלבע, ווי ביי אונדז אין די קאַפעטעריעס, אָדער אויטאָמאַטן. די אָרדענונג אַ מוסטער־האַפטע.

דער קאָנצערט־פּראָגראַם: סימפאָניע־מוזיק, סאָלאָ־געזאַנג און טענץ, און אויך רעציטאַציעס פון קאָמיקער. דאָס פּובליקום לאַכט הויך און שטור־

מיש, ווען מען קריטיקירט אין וואָרט און אין ליד די „סטיליאַגעס״, רייכע זינדעלעך, וואָס ווילן קאָפּירן אַמעריקאַנער מיטן „אָל־ראַיט״, „אָ־קיי״ און אַזוי ווייטער.

אין אַלגעמיין האָט מיך מער אימפּאָנירט די געביידע מיט איר אינעווייניקסטן און מאָדערנעם לוקסוס, ווי דער פּראָגראַם פון קאָנצערט. איך האָב אפילו פאַרלאָזן די פאָרשטעלונג איידער זי האָט זיך געענדיקט און אַוועק צופוס צום „נאַציאָנאַל האָטעל״, וואָס געפינט זיך נישט ווייט, ווו איך קאָן טרינקען קאַווע ביי מוזיק. אויך טאַנצט מען דאָרטן יעדן אָוונט און עס איז אינטערעסאַנט צו אָבסערווירן די אָנוועזנדיקע.

ווי שטענדיק, איז דער זאַל איבערפולט מיט יונגע רוסישע פּאָרלעך, אָבער, אויך אַ סך געל־ און שוואַרץ־פּנימדיקע יוגנט פון אַנדערע לענדער, ווייזט אויס סטודענטן, זעט מען דאָרט.

איך זעץ זיך צו אַלס אַ פערטער צו אַ טישל. אַנטקעגן מיר טענהט עפּעס לאַנג און איבערצייגנדיק אַ יונגער סטודענט צו זיין נישט־פּאַראינטערעסירטער באַגלייטערין. ער קריטיקירט די טענץ און די טענצערס. זיין דאַמע געגעצט לאַנגווייליק. לעבן מיר זיצט אַ מיטליעריקער מאַן פון אומבאַשטימטן אייראָפּעישן אויסזען. ער רופט צו די קעלנערין און באַשטעלט אַ טיי מיט אַ קיכל. זיין רוסיש איז שלעכט. פרעג איך אים, פון וואַנען ער שטאַמט, ענטפערט ער אין פראַנצויזיש, אַז פון פּאַריז, פריער פון פּוילן. ער לייגט פּאָר רעדן יידיש.

ער דערפרייט זיך שטאַרק, ווען איך רוף אָן מיין נאָמען. און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אונדזערס אַ שטענדיקער לייענער. דאָס איז שוין כמעט אַ קרוב. דערציילט ער מיר, אַז ער קומט קיין מאָסקווע כמעט יעדער וואָך: ער פאַרקויפט דער סאָוויעטישער רעגירונג אַ געוויסן אינדוסטריעלן אַרטיקל. קומט ער צו פאָרן יעדן מאָנטיק און פאָרט אַוועק פרייטיק אין דער פרי אַהיים אויף שבת. ער עסט נאָר כשר און ברענגט מיט זיך זיין שפּייז אין קאָנסערוון־פּושקעס.אַליין איז ער אַ חסיד פון אַ באַוווסטן רבין, דאַוונט אין „שטיבל״ און שטיצט מיט אַ ברייטער האַנט די ישיבה און אַנדערע רעליגיעזע מוסדות.

יאָ, דורכגעמאַכט די מלחמה־יאָרן אין היטלערס קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָבער דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין אמונה. ער גיט מיר אַלס געשאַנק אַ „פאַרקער־פעדער״, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט דער נאָמען פון זיין פירמע. ער מאַכט אָבער אַ רעזערוואַציע: איך זאָל זיין

נאָמען נישט פאַרעפנטלעכן אין דער פרעסע; עס וועט נישט טויגן צו זיינע איצטיקע געשעפטן מיט „קאָמוניסטישע מלוכות״. ער לויבט די סאָלידקייט מיט וועלכן די מאָסקווער פירמעס פירן אויס די האַנדלס־התחייבותן לגבי אים. אָבער פּריוואַט לאָזט מען אים קיין מאָל נישט אַריין. עס איז אינ־טערעסאַנט, אַז אין פּראָג, טשעכיע, האָב איך אויך געטראָפן אין דער מהר״ל־שול אַ בעלגישן חסידישן ייד, וואָס קומט דאָרט יעדן מאָנטיק און פאָרט געוויינלעך אויף שבת אַהיים. אויך ער איז פון פּוילן, פון די לאַגערן. אויך ער ברענגט מיט זיך זיין כשר־שפּייז, איז אונדזערס אַ לייענער, פאַר־קויפט אינדוסטריע־אַרטיקלען דער טשעכישער רעגירונג. צום סוף פון געֿ־שפּרעך האָט ער מיר פאַרגעלייגט אַלס מתנה אַ פאַרקער־פעדער מיטן נאָמען פון זיין פירמע. דער סקעפּטישער לייענער וועט זיך וווּנדערן, ווי אַזוי אַזעלכע נישט־געוויינלעכע, אָבער ענלעכע צופעליקע באַגעגענישן טרעפן זיך אין לעבן. איך וועל דאָס מאָל אָנרופן דעם נאָמען פון אָט דעם באַגע־גנטן ייד. דאָס איז ר׳ משה גלעטצער, פון אַנטווערפּן, וועלכער איז געקומען קיין פּראָג אין באַגלייטונג פון זיין פרומען שוואָגער, מענדל ליפּסקי.

דער פּראָצעס אין ווילנע

מיר ווייסן נאָך איצטער נישט אויף געוויס, צי האָט מען דערשאָסן אַלע פיר צום טויט־פאַרמשפּטע יידן, צי נאָר די ערשטע דריי: קאַמינער, ראַבינאָוויטש און רעזניצקי, איבערלאָזנדיק דערווייל די פרוי רעזניצקי מיט אַ הענגענדיקן איבער איר קאָפּ טויט־אורטייל.

אַלנפאַלס איז קלאָר, אַז אין משך פון דער צייט, ווען די באַשולדיקטע זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר פאַרברעכנס, וועלכע זיי זאָלן האָבן באַגאַנ־גען, ד. ה. אין די חדשים יאַנואַר־יוני 1961, איז נאָך דאָס געזעץ פון טויט־שטראָף פאַר אַזעלכע פאַרברעכנס איבערהויפּט נישט דערשינען. עס איז פּובליקירט געוואָרן שפּעטער. און דאָס איז אַן אייזערנער פּרינציפּ אין יוריספּרודענץ — אויך אין דער סאָוויעטישער — אַז אַ געזעץ האָט נישט קיין ווירקונג אויף צוריק — אויף פאַרברעכנס, וואָס זענען פריער באַגאַנגען געוואָרן.

אָבער נישט אין דעם גייט דאָ. עס איז אפילו נישט באַזונדערס וויכטיק דער פאַקט, צי די פאַרמשפּטע און געשאָסענע אין ווילנע האָבן יאָ אָדער נישט ספּעקולירט מיט וואַלוטע. עס גייט אָבער אין דעם, פאַר וואָס האָט מען דווקא יידן אויסגעקליבן צו זיין דער טראַגישער מוסטער, וואָס זאָל מאַכן ציטערן דאָס גאַנצע סאָוויעטישע לאַנד, אַז ספּעקולאַציע און וואַלוטע־פאַרברעכנס ווערן שטרענג באַשטראָפט. איז דאָך דאָס זעלבע געשען נישט נאָר אין ווילנער געריכט: יידן זענען פאַרמשפּט געוואָרן און דערשאָסן געוואָרן אויך אין לענינגראַד, גרוזיע און אין קאַזאַכסטאַן.

ווען איך בין געווען אין מאָסקווע, האָב איך די פראַגע געשטעלט קאָמוניסטן און נישט־קאָמוניסטן. די ערשטע האָבן כלומרשט מיט פולער איבערצייגונג „מצדיק הדין״ געווען, די צווייטע האָבן מיט אַ טיפן קרעכץ רעאַגירט...

אָבער אין אַ געוויסער אָפיציעלער אינסטאַנץ אין מאָסקווע האָב איך באַקומען אַ סטענאָגראַפישע קאָפּיע פון די פאַרהאַנדלונגען אויפן ווילנער פּראָצעס און פון איר האָב איך זיך דערוווּסט, אַז צווישן די וואַלוטע־ספּעקולאַנטן, וועמענס נעמען דער פּראָקוראָר האָט דערמאָנט אַלס מיט־העלפער פון דער גרופּע באַשולדיקטע יידן, פיגורירן גאַנץ חשובע נישט־יידישע נעמען און מען קאָן דעריבער נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס עפּעס האָט מען דאָ געמאַכט אַ יידישן „ספּעקטאַקל״ מיט הונדערטער יובלענדיקע ליטווינער, וועלכע האָבן אָנגעפילט דאָס געריכט־זאַל און שטורמיש אַפּלאָדירט די אויספירונגען פון פּראָקוראָר, דעם אורטייל און מיט אַ שפּאָטיש געלעכטער איבערגעריסן די דערקלערונגען פון די באַשולדיקטע. די ליט־ווינער, ווי מיר ווייסן, האָבן גאָרנישט געזינדיקט מיט פּראָ־סאָוויעטישע סימפּאַטיעס בעת די מלחמה־יאָרן. דאַקעגן, ווייסן מיר גענוי, אַז גאָר פיל פון זיי האָבן מיטגעאַרבעט און בלוטיק געהאָלפן די נאַציס. האָט מען זיי איצט ווידער געגעבן אַ געלעגנהייט, אין דער סאַמע הויפּטשטאָט ווילנע, צו זיין די צושויער אויף דער אַרענע, ווו יידן, און נאָר יידן, זענען אַרויס־געפירט געוואָרן אַלס „פאַרברעכער קעגן דעם סאָוויעטישן מוטערלאַנד״. וואָס פאַראַ איראָניע פון דער געשיכטע!

נאָר צוריק צו די פאַקטן. דער פּראָקוראָר פון דער ליטווישער רעפּו־בליק פ. אַרכיפּאָוו, האָלט זיין לאַנגע באַשולדיקונגס־רעדע און פון איר נעמען מיר אַרויס עטלעכע כאַראַקטעריסטישע טיילן:

„...אהרן רעזניצקי און זיין ווייב באַשע ווילן אונדז איינרעדן, אַז זיי

זענען צווישן זיך צעריסן, אַז קיין שום געמיינזאַמס האָט זיי שוין יאָרנלאַנג נישט פאַראייניקט, אָבער אויפן „שוואַרצן וואַלוטע־מאַרק״ אין קאָוונע, מינסק און ווילנע איז דאָס פּאָרל געווען באַוווּסט אַלס אַן איינהייטלעכער אַדרעס פאַר ספּעקולאַנטן. די געכאַפּטע אין מינסק „וואַליוטשיקעס״ ראַ־קאַטאַוו, עדליסין (נישט קיין יידן — ח.ש.) האָבן אַליין עדות געזאָגט, אַז זיי פלעגן מאַכן געשעפטן מיט באַשע רעזניצקי אַלס פאַרשטייערין פון דער משפּחה; האָט דאָך באַשע זיך באַרימט פאַר די מינסקער ספּעקולאַנטן, אַז איר מאַן לעבט זיך נישט ערגער ווי פאַרדן. און דאָס פּאָרל האָט דאָך צוזאַמען געוואָלט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. מען האָט זיי געכאַפּט, אַרעס־טירט און זיי זענען זייער שטראָף אָפּגעזעסן. אָבער ווי נאָר מען האָט זיי באַפרייט, האָבן זיי ווידער אַנטוויקלט אויף נאָך אַ גרעסערן מאסשטאַב זייערע וואַלוטע־עסקים״...

דער פּראָקוראָר זעצט פאָר:

„...די פרוי רעזניצקי האָט דאָ איינגעשטעלט די קאָנטאַקטן מיט די וואַלוטע־הענדלער פון מאָסקווע, מינסק, ריגע און אָדעס. צו איר פלעגט דאָך קומען פון וואַרשע קאַראַל דזשערזשינסקי — אַ באַוווּסטער קאָנ־טראַבאַנדיסט... ווען מיר האָבן אויסגעפרעגט די באַשולדיקטע זעלדע זיסמאַנאָוויטש, האָט זי זיך מודה געווען, אַז זי האָט צוזאַמען מיט דער באַשע רעזניצקי געמאַכט גרויסע דאָלאַר־טראַנזאַקציעס מיטן טעלזער קאַטוילישן בישאָף פּ. מאַזשיליס און מיטן גלח פון קלאַיפּעדע ל. פּאָווי־ליאָניס און מען האָט די דאָלאַרן אַריבערגעפירט קיין אַמעריקע און קאַנאַדע״.

דער פּראָקוראָר שטעלט זיך אָפּ אויף דער פּערזאָן פון הויפּט־באַשול־דיקטן פעדיאַ קאַמינער:

„...דער דאָזיקער געוועזענער פאַבריקמאַכער, אַ מענטש מיט אומגע־וויינלעכער ענערגיע און פעיקייטן, דער דאָזיקער „קעניג פון שוואַרצן מאַרק״ האָט פון קליינע ספּעקולאַציעס מיט סחורה זיך דערהויבן ביז מיליאָניקע אומזאַצן אין דאָלאַרן און בריליאַנטן. ער האָט זיך נישט נאָר מודה געווען אַליין, נאָר דערציילט אָפן און פריי וועגן די פאַרברעכנס פון אַלע זיינע מיטאַרבעטער. ער האָט זיי אויך גערופן חרטה צו האָבן און זיך מודה זיין ווי ער טוט דאָס. ער האָט מיט פאַראַכטונג גערעדט וועגן זיין מיטהעלפער מלמד, אַז יענער ווייס אַפילו נישט, וויפל טויזנטער זענען פאַראַן אין אַ מיליאָן... (שטורמישער געלעכטער אין זאַל). ער האָט אַריינ־

געצויגן אין קרייז פון זיין טעטיקייט פיל אָרנטלעכע סאָוויעטישע מענטשן איבערן גאַנצן לאַנד. פעדיאַ קאַמינער און מיכאל ראַבינאָוויטש האָבן געגרינדעט די „פיליע" אין מאָסקווע און אָנגעשטעקט מיט זייער סם פיל מענטשן פון שוואַכן כאַראַקטער, וועלכע ליידן איצט צוליב דעם. אין זייך „ווידוי" דערציילט קאַמינער, ווי ער האָט „געדרייט" מיט מיליאָנען, ווי ער האָט פאַרקויפט פלאַטין צו עטלעכע קילאָ מיט אַ מאָל, און דערביי רופט ער אָן נעמען און האַלט זיך נישט ביי דער „גנבישער עטיק", ווי עס טוען זיינע מיטשולדיקע, די רעזניצקיס און ראַבינאָוויטש"...

איך וויל נישט אַריינגיין אין ווייטערדיקע פּרטים ווי אַזוי דער פּראָ־קוראָר האָט געפאָדערט דעם טויט־אורטייל פאַר ראַבינאָוויטש, די רעז־ניצקיס און פאַר קאַמינער, אויסרעכענענדיק יעדנס שולד באַזונדער.

אַלס גרונד פון דער דאָזיקער פאָדערונג האָט געדינט דער „אוקאַז (באַפעל) פון פּרעזידיום פון העכסטן סאָוועט פון 1טן יולי, 1961", דאָס הייסט, אַ געזעץ, וואָס מען האָט ספּעציעל אַרויסגעגעבן שוין נאָך דעם, ווי די פאַרברעכנס זענען געמאַכט געוואָרן און די באַשולדיקטע זענען געוואָרן אַרעסטירט.

אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. דער פּראָקוראָר האָט דערמאָנט אין זיין רעדע פיל נישט־יידישע נעמען אַלס מיטבאַשולדיקטע, — צווישן זיי: דעם בישאָף פון טעלז, דעם גלח פון קלאַיפּעדע, דעם פּוילישן קאָנטראַ־באַנדיסט קאַראָל דזשערזשינסקי, די רוסן ראָקאָטאָוו און עדליסין. ער האָט אויך אין זיין רעדע דערמאָנט, אַז פיל ספּעקולאַנטן אין מאָסקווע, אָדעס, ריגע האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער גרופּע באַשולדיקטע אין ווילנע. אָבער זייערע נעמען האָט ער נישט אויסגערעכנט.

מיר גיבן נישט קיין עצות דער סאָוויעטישער יוסטיץ ווי אַזוי זי דאַרף אַראַנזשירן איר געריכטס־פּראָצעדור, אָבער ווי אַנדערש וואָלט אָפּגעקלונ־גען אין דער וועלט אַ פּאַראייניקטער פּראָצעס קעגן אַ בישאָף, גלחים, קעגן מאָסקווער ספּעקולאַנטן מיט רוסישע נעמען, צוזאַמען מיט די ראַבי־נאָוויטשעס און רעזניצקיס.

מיר, יידן, זענען באַרעכטיקט צו האָבן צווישן זיך די פּראָפּאָרציאָנעלע צאָל פאַרברעכער קעגן געזעץ, ווי יעדער אַנדער פאָלק, אָבער מיר פילן מיט אַ באַזונדערער פיינלעכקייט די דאָזיקע שענדלעכע ס ע ל ע ק צ י ע, וואָס איז אַראַנזשירט מיט די ראַבינאָוויטשעס, רעזניצקיס און קאַמינערס, און וועלכע איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַזאַ שטורמישן בייפאַל פון די־

ליטווישע צושויער און מיט אַזאַ פּראָטעסט און פייפערייען אין דער גאַנצער פרייער וועלט.

וואָלטן זיי דאָרט אין ווילנע אַזוי אַפּלאָדירט דעם פּראָקוראָרס רעדע, ווען ער פאָדערט פאַראורטיילן צום שיסן אויך דעם טעלזער בישאָף און דעם קלאַיפּעדער גלח ?

אין אַעראָפּלאַן מאָסקווע—וואַרשע

ויכולו... עס האָבן זיך געענדיקט די זעקס טעג שווערע אַרבעט אין מאָסקווע, ווי אויך מיין וויזע.

אַ שאָד! איך האָב נאָך אַזוי פיל געוואָלט זען, זיך באַגעגענען מיט מענטשן, אַרויספאָרן אין אַ פּאָר אַנדערע שטעט. דריי מיליאָן יידן וווינען דאָך אין דאָזיקן לאַנד. זייער לעבן איז פּאַקטיש פאַרשלאָסן פאַר אונדז, און זייערע טראַכטענישן און געדאַנקען — נאָך מער פאַרהוילן.

עס ציט מיך צו זיי, ווייל דווקא איצט, — אין דער צייט פון אַזעלכע שאַרפע גזירות אויף דער יידישער רעליגיע און אויף דער פאָלקס־אינדענ־טיטעט אַלס גאַנצע, — ווילט זיך וויסן די אינערלעכע רעאַקציע פון יידישן געלערנטן, אינזשעניר, דאָקטאָר, סטודענט. דאָס וואָלט דאָך אונדז געגעבן אַ באַגריף, צי דער יידישער כאַראַקטער ברעכט זיך איין, צי די פאַר־פאָלגונגען פירן טאָקע צו דער פולשטענדיקער אַסימילאַציע, צום שנעלן פאַרשווינדן פון יידישן שטאַם, אָדער פאַרקערט: עס לויכטן אפשר אויף נייע פייערלעך אין די יידישע היימען, צווישן דער יוגנט איבערהויפּט, און ווי שטענדיק אין קריטישע צייטן פון אונדזער געשיכטע, פאַלן אָפּ די שוואַכע, אָבער עס שמידט זיך אויס אַ לעגיאָן שטאַרקע, וואָס ציען ווייטער דעם ירושה־פאָדעם פון לאַנגע דורות.

*

בעת מיינע פריערדיקע וויזיטן, און אויך איצט, האָב איך געפונען סימנים, וואָס מאַכן מיין שטימונג אָפּטימיסטיש: באַגעגנטע יונגע פּראָ־פעסיאָנאַלן און סטודענטן — אין גרונט געגומען טרייע בירגער פון ראַטן־פאַרבאַנד — לאָיאַלע מאַרקסיסטן, ווילן וויסן מער וועגן מהות פון יידיש־

קייט, רעוואָלטירן קעגן די אײנזייטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן „אַגרעסיוון, אימפּעריאַליסטישן ישראל", פּילן זיך באַליידיקט דורך די „מוסטער־פּראָצעסן" מיט דורכויס יידישע נעמען.

פאַרשטייט זיך, איך בין נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן מיינע געשפּרעכן מיט אַזעלכע צופעליק באַגעגנטע יונגעלייט אויף דעם זעלבן אופן, ווי איך האָב דאָ, למשל, דערציילט וועגן מיין לאַנגן געשפּרעך אין דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד".

אָבער מענטשן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן איצט ווייניקער מורא צו רעדן מיט אויסלענדער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט עטלעכע יאָר צוריק. מען דיסקוטירט גערן, און אין גאַנג פון דער דיסקוסיע קומען אַרויס אמתן, וועלכע עס איז אינטערעסאַנט צו הערן און ארויסציען פון זיי קאָנקלוזיעס.

אָט איז דער יונגער יידישער וויסנשאַפטלער, מיט וועלכן איך האָב אַזוי צופעליק און קורץ איבערגעקרייצט מיין וועג. ער איז דורכויס אַ פּראָדוקט פון סאָוויעטישן רוסלאַנד. זיין פאָטער איז נאָך מיט אַרום פערציק יאָר צוריק אַנטלאָפן אַהער פון פּוילן, ווו מען האָט אים באַשולדיקט אין קאָמוניזם. דער יונגערמאַן איז געבוירן אין לענינגראַד. ער איז נישט געמלט און מען האָט אים זייער ווייניק דערציילט וועגן יידישקייט, — וועלטלעכע יידישקייט פאַרשטייט זיך, ווייל וועגן יידישער רעליגיע וויס ער נאָר דאָס נעגאַטיווע, וואָס מען דערציילט אין די אַנטי־רעליגיעזע ביכער.

איז ער אָבער מיט עטלעכע יאָר צוריק אַריינגעפאַלן אין אַ קרייז, ווו מען מעג אָפיציעל לערנען מזרח־שפּראַכן, — צווישן זיי אַראַביש און העברעיש. אַרום צוואַנציק יידישע יונגעלייט מיט אַ נייגונג צו פילאָלאָגיע האָבן גאָר ערנסט שטודירט העברעישע ליטעראַטור און געשיכטע (צווישן די פּראָפעסאָרן זענען צוויי געווען יידן און איינער אַן עלטערער רוס).

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אַלס טעכנישער שטודיום, אָבער לאַנגזאַם זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בענקשאַפט און ליבע צו אָט דעם אינהאַלט פון די ביכער אין עברית וועגן געשיכטע און מהות פון יידישקייט.

דער לייענער וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך וועל איבערהיפּן אינטערעסאַנטע פּרטים פון דער באַגעגעניש און פון געשפּרעך: דאָס איז דאָך אַזוי פאַרשטענדלעך, אָבער אַז מיר האָבן זיך געשיידט, האָב איך באַקומען אַ צעטל פון ביכער, וועלכע מען האָט מיר געבעטן שיקן איינציקווייז.

די טיטלען פון די ביכער רעדן פאַר זיך אַליין: „די קאָרעספּאָנדענץ פון קאַרל מאַרקס מיט גרעץ״, „אייכמאַנס פּראָצעס״, זיגמונד פרוידס „טעאָריע פון פּסיכאָאַנאַליז״. די אויבנאויסגערעכנטע ביכער מעגן זיין אין ענגליש. איצט גייען די ביכער אין העברעיש: מלחמות היהו־דים״ פון יוסף פלאַוויוס; די לידער פון ר׳ יהודה הלוי, שלמה בן גבירול, אבן עזרא און חנה סענעש.

דער יונגער וויסנשאַפטלער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז די צענזור אין מאָסקווע וועט אַזעלכע ביכער נישט פאַרהאַלטן, אויב איך וועל זיי ווי געהעריק אַדרעסירן צו דער אינסטאַנץ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער ליטעראַטור.

די עטלעכע צענדליק יונגעלייט, וואָס אינטערעסירן זיך מיט אַזאַ ליטעראַטור זענען נישט די איינציקע אין ראַטן־פאַרבאַנד, — אַזוי האָט מען מיך פאַרזיכערט.

און דאָס איז דער אָנזאָג, — א צוזאָג, אויב איר ווילט, — אַז די מנורה ברענט.

— — — — — — — — — — — — —

און איצט בין איך שוין אויפן מאָסקווער פליפלאַץ,ליידער מוז איך פליען מיטן קליינעם פוילישן אַעראָפּלאַן פון „לאָט״.

אַ נייעס פאַר מיר איז געווען דער מאָדערנער טעלעוויזיע־אַפּאַראַט אויפן לופטפלאַץ, — איך האָב אַזעלכעס אין קיין אַנדער לאַנד נישט געזען. אויב דער אַפּלי פאַרשפּעטיקט זיך, גייט איר צו צום טעלעוויזיע־אַפּאַראַט און פרעגט אַריין: „פאַר וואָס פאַרשפּעטיקט, און ווען וועט מען אָפּפליען?״ באַווייזט זיך אויפן עקראַן אַ מיידל און ענטפערט אייך גענוי אויף אַלץ, וואָס איר פרעגט.

איצט זענען מיר שוין אין מיטן פלי. לויט דער קליינער געאָגראַפי־שער מאַפּע, וואָס מען טיילט אַלע פּאַסאַזשירן, פליען מיר איבער סמאָ־לענסק, וויטעבסק, מינסק און וועלן זיך פאַרהאַלטן אויף אַ שעה אין ווילנע.

ווען דער ספּיקער זאָגט אָן, אַז מיר פליען איבער וויטעבסק, לעב איך נאָך אַ מאָל דורך די באַגעגעניש מיט מאַרק שאַגאַל אין תל־אביב און זיין ביטע צו מיר.

דאָס איז געווען אויף אַן אויפנאַמע ביים ראש העיר מרדכי נמיר.

מאַרק שאַגאַל, דערוויסנדיק זיך, אַז איך פֿאָר באַלד אָפּ קיין רוסלאַנד, גיט אַ זאָג:

„איך וואָלט אַזוי געוואָלט איר זאָלט זיך פֿאַרהאַלטן אין מיין געבורט־שטאָט וויטעבסק און דאָרט אָפּשטאָטן אַ קורצן וויזיט אויף פּאָקראָווסקע גאָס 17, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, דאָרט איז דאָס הויז, ווו איבערן דאַך איז געפֿלויגן מיין פֿעטער מיט דעם פֿידעלע און דאָרט איז אויך דאָס ציגעלע געשטאַנען אונטער מיין וויגעלע... (די לייענער געדענקען מסתמא דאָס בילד פֿון שאַגאַל, וואָס מאָלט דעם ייד מיט דער צעפֿלאַטערטער באָרד מיט דער פֿידל, מיט דער ציג איבער די דעכער פֿון שטעטל).

ליידער, האָב איך זיך אין וויטעבסק נישט פֿאַרהאַלטן און דאָס הויז נישט באַזוכט. סיי ווי פֿליט שוין מער נישט זיין פֿעטער איבערן דאַך פֿון שטעטל און אויך שטייט שוין דאָרט נישט מער אַ כשר ציגעלע אונטער אַ יינגעלעס וויגעלע... אָט פֿלי איך יאָ איבער די דעכער פֿון וויטעבסק. אָבער פֿון דעם וועט שוין קיין אומשטערבלעך ווערק נישט אַרויסקומען.

אין אַעראָפּלאַן זיצט בשכנות מיט מיר אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר דרייסיק. מיר רעדן פּויליש און ער שטעלט זיך פֿאָר אַלס דער עקספּאָרט־דירעקטאָר פֿון אַ פּוילישן רעגירונגס־קאָמבינאַט. גאָרנישט אין אים זאָגט עדות וועגן יידישקייט. זיין נאָמען איז וואָיטשעך ניעדזיעלסקי. אָבער אָט דער־ציילט ער מיר, אַז ער איז אַ ייד. זיין נאָמען איז געווען גאָר אַן אַנדע־רער אין דער דורכויס ציוניסטישער שטוב פֿון זיין טאַטן. און ער גיט צו: אַז זיין פֿרוי איז אַן אייניקל פֿון באַרימטן חזן גרשון סיראָטאַ, און זי איז אַ יידישע שוישפּילערין אין אידאַ קאַמינסקיס טעאַטער אין וואַרשע.

מיר איז געווען זייער אָנגענעם צו זען אויך אין דעם פֿאַל, ווי צע־בראָכענע שפּליטערן פֿון אונדזער רומרייכן עבר אין פּוילן אַנטדעקן זיך אונטער פֿרעמדע נעמען און פֿרעמדע „פֿאַרפּאַקונגען", אָבער ווינקען און טוליען זיך צום אַלטן שטאַם.

— — — — — — — — — — — — —

און אָט איז ווילנע. ליידער קאָן איך דאָ נישט אָפּשטייגן און אַריינ־פֿאָרן אין שטאָט. און עס וואָלט זיך געוואָלט גראָד אין די טעג, ווען אַ פּראָצעס אין ווילנע האָט זיך געענדיקט מיט טויט־שטראָפֿן, זיך זען מיט

מענטשן און עפּעס מער פֿאַרשטיין. מען עפֿנט נישט אויף דער גרענעץ מיט פּוילן אונדזערע זאַכן און מיר פֿליען ווייטער.

וואָס פֿאַר אַ קאָנטראַסט מיט מיין אַרויספֿאָר פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק: מען האָט מיך דאָן באַזוכט אין משך פֿון מער ווי צוויי שעה, דעם צוג אַפֿילו צוליב דעם פֿאַרהאַלטן, געניסטעט יעדע קלייניקייט.

בין איך צופֿרידן, וואָס מען האָט מיר איצט פֿאַרשפּאָרט די מאַטערניש.

און ווידער פֿלי איך איבער דעכער פֿון גראָדנע, פֿון ביאַליסטאָק, פֿון אַן אַ שיעור שטעטלעך, וואָס זענען אַזוי איינגעקריצט אין מיין האַרצן און וויטאָגן איצט אויף ס׳ניי מיט זייער פֿאַריתומטן „נישטאָ!״

און אַז איך בין געקומען קיין וואַרשע, — האָב איך ערשט דאָרטן דערפֿילט דעם יאָמער פֿון טויטן־טאָל, כאָטש אַרום בליט אויף ס׳ניי אַן אויפֿגעבויטע, שיינע שטאָט מיט באַקאַנטע נעמען פֿון גאַסן. אָבער אַלע אַדרעסן מיינע זענען פֿאַרשוווּנדן, פֿאַרניכטעט — זענען מער נישטאָ!

ווו זענט איר, מיינע ליבסטע, טייערסטע שוועסטער, ברידער, מאַמעס, טאַטעס?

זיי זענען צעשפּרייט צווישן די אַשן פֿון אָט דעם פֿעלד, און פֿון פֿיל אַנדערע פֿעלדער.

„געלעגן דאָרטן צווישן יענע ביינער,
געטוליעט זיך מיטן לעצטן צער און וויי...
דער ווינט איז זייער איינציקער באַוויינער
און דאָס איז אַלץ! פֿאַר מיר, פֿאַר דיר, פֿאַר זיי!״.

ז. סעגאַלאָוויטש „נישטאָ״

אין וואַרשע

און אַט בין איך ווידער אויף אַ באַזוך אין וואַרשע.

אייגנטלעך, בין איך דאָך ערשט נישט לאַנג דאָ געווען, בסך־הכל מיט צוויי יאָר צוריק, און מיט אַן אויטאָמאָביל דורכגעפאָרן דורך פיל שטעט און שטעטלעך, ווו איך האָב געזוכט, און נישט געפונען אַן אָפּקלאַנג פון דער פּולער מיט יידיש לעבן פאַרגאַנגענהייט: ביאַליסטאָק, לובלין, שעדלעץ, מעזריטש, קאָצק און גער, ראַדאָם און צויזמיר און פּשעמישל, און פיל אַנדערע איצט פּוסטע און טויטע פאַר מיר ישובים. אַ סך פּון זיי זענען רעסטאַווּרירט געוואָרן נאָכן חורבן און פרעמדע באַוווינען די אַמאָל יידישע גאַסן און הייזער. „כי אכל את יעקב ואת נוהו השמו״.

איז וואָס טו איך דאָ ווידער? וואָס זוך איך דאָ אין וואַרשע? איך האָב דאָך געקאָנט פליען פון מאָסקווע דירעקט קיין פּאַריז און פאַרשפּאָרן די עמאָציעס פון זכרונות וואָס טריפן נאָך מיט וואַרעמען בלוט.

דאָסטאָיעווסקי האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „דעם מערדער ציט צוריק צום פּלאַץ ווו ער איז זיין פאַרברעכן באַגאַנגען״: אפשר ציט אויך דעם ק ר ב ן צוריק צום פּלאַץ, ווו מען איז איבער א י ם דעם פאַרברעכן באַגאַנגען?

אַלנפאַלס — עס איז אָוונט, און איך בין ווידער אויפן וואַרשעווער פליפלאַץ. דער באַאַמטער פון רייזע־ביוראָ „אָרביס״ טעלעפאָנירט אין אַ פּאָר האָטעלן. מען ענטפערט אַז קיין צימער איז נישטאָ. איז וואָס זאָל איך טאָן? איך בין שוין אַזוי מיד פון לאַנגן טאָג, וואָס האָט זיך געצויגן פון אַ מאָסקווער פרימאָרגן דורכן לאַנגן פלי „איבער די דעכער״ פון וויטעבסק, אָרשע, מינסק, ווילנע. און איצטער ווו זאָל איך נעכטיקן? איך פאָר מיטן גרויסן גערוימען אויטאָבוס צום אַלט־באַקאַנטן האָטעל „בריסטאָל״ און פּרוביר אויסבעטלען אַ צימער. דאָס מיידל איז פריינדלעך, אָבער אַלע צימערן, זאָגט זי, אויסער איינעם נאָר וואָס רעמאָנטירטן און פריש־געפאַרבטן, זענען באַזעצט. בקיצור, איך נעם דעם דאָזיקן צימער מיט דער שטיקנדיקער לופט פון פרישער פאַרב, — אַבי איך זאָל זיך שוין קאָנען אויסציען אויף אַ בעט. איך וועל תיכף אַנטשלאָפן. אָבער איך כאַפּ זיך אויף אַ באַגאָסענער מיט שווייס. איך האָב נישט מיט וואָס צו אָטעמען, איך פיל, אַז איך וועל דערשטיקט: די פרישע פאַרב גיט אַרויס פון זיך

עפּעס אַ פאַרסמטן ריח, וואָס שטיקט דעם האַלדז, די לונגען. איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט, פּרוביר עפענען אַ פענצטער, — אָבער עס לאָזט זיך נישט: עס איז ווינטער, די פענצטער זענען פאַרפרוירן.

איך פיל, אַז איך דאַרף זיך שנעל דעצידירן, ווען נישט וועל איך פאַלן אַן אָטעם. כאַפּ איך פון טיש די שווערע שטאָלענע וואַזע און גיב מיט איר אַ זעץ אין שויב. איך דערשרעק זיך אַליין פאַרן קלאַנג פון די שפּליטערס, וואָס פאַלן אויפן גאַס און אויף דער פאָדלאָגע פון צימער. אָבער אַ פרישער קאַלטער שטראָם לופט דרינגט אַריין און איך לעב אויף. אַריין צוריק אין בעט, דערוואַרעמט זיך, אָבער שלאָפן קען איך נישט. מיך מאַטערט די אַסאָציאַציע פון מיין שיער נישט דער־שטיקט ווערן דורך די פאַרסמטע פאַרב־גאַזן, וואָס די ווענט האָבן פאַר־שפּרייט — מיט די גאַזן פון טרעבלינקע, מיידאַנעק, אוישוויץ... דאָס איז דאָך דאָ, נישט ווייט פאָרגעקומען. כלל ישראל איז דאָרט דערשטיקט געוואָרן. אָבער קיין וואַזע מיט וואָס אַרויסצוזעצן די שויבן און אַריינלאָזן לופט האָבן זיי נישט געהאַט... סיידן דעם אויפשטאַנד אין געטאָ וועלן מיר אָננעמען פאַר אַזאַ וואַזע.

איז ווידער פאַר די אויגן דורכגעגאַנגען יענער פיינלעכער פילם, וואָס וועט אונדז שוין באַגלייטן ביזן סוף, ביז מיר וועלן אויף אייביק די אויגן צומאַכן...

— — — — — — — — — — — — —

דאָס היינטיקע פוילן באַשטייט נישט נאָר פון עמאָציעס און פון פּיינ־לעכע דערינערונגען: אַ פאָלק פון קרוב דרייסיק מיליאָן מענטשן לעבט דאָרט און פּרוּווט אויף אַן אַקראָבאַטישן אופן אויפבויען מאַטעריעל און מאָראַליש אַ לאַנד, וואָס איז געבליבן אין חורבות נאָך דער מלחמה.

פאַר וואָס רוף איך דאָס „אַקראָבאַטיק״? ווייל אויב אַ פאָלק, וואָס איז מער ווי אַכציק פּראָצענט פּראַקטיצירנדיק קאַטוילישע, קען לעבן, אַרבעטן, שאַפן און בויען אונטער אַ רעזשים, וואָס איז דאָמינירט דורך אַטעיסטן־קאָמוניסטן און אונטער דער מאָסקווער השגחה — איז דאָס אַ גרויסע קונץ, אַן אַקראָבאַטישער נומער, און נישט קיין נאָרמאַלע עקזיסטענץ.

די דאָזיקע קאָנדאָמיניום פון קאָמוניסט גאָמולקאַ מיטן קאַרדינאַל ווישינסקי וועט שוין אַריבערגיין אין דער געשיכטע אַלס איינע פון די גרעסטע אומוואָרשיינלעכקייטן, — אָבער עס אַרבעט, אָט זעט איר דאָך!

אַ זעלטנקייט איז אויך די דורכויס ליבעראַלע און אַפילו „פּראָטע־זשירנדיקע" באַציונג צו דער קליינטשיקער יידישער מינדערהייט, צו די קרוב דרייסיק טויזנט יידישע נפשות, וואָס זענען געבליבן אין פּוילן — צו דעם איין צענטל פּראָצענט אַנשטאָט די פאַרמלחמהדיקע צען פּראָצענט.

איר וועט זאָגן, אַז דאָס איז די זאָרגפעלטיקע באַציונג צו מוזיי־עקס־פּאָנאַטן, וועלכע מען היט אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ, אַז דאָס איז אַ מין פּסיכאָלאָגיש־היסטאָרישע קאָמפּענסאַציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ שולד־געפיל? יאָ און ניין!

עס איז אַ פאַקט: דאָס ביסל צעוואָרפענע יידן אין פּוילן, וואָס האָבן נישט עמיגרירט קיין ישראל צוליב פאַרשידענע סיבות, זענען דורך דער מלוכה באַזאָרגט מיט אַ יידישער צייטונג, — אגב, גאַנץ פיין רעדאַגירט, — און מיט אַ חודשלעכן ליטעראַרישן זשורנאַל אויף יידיש, מיט אַ קינסט־לעריש טעאַטער און מיט שולעס, — ספּעציעל די גוטע פאַך־שולעס, געשטיצט פון „אָרט". דעם „דזשאָינט" איז דערלויבט צו זיין טעטיק אין פּוילן און צו העלפן; די רעגירונג גיט אַ מעגלעכקייט דאָס ביסל רעליגיעזע יידן זיך פריי אויסצולעבן: זי צאָלט פאַר די הוצאות פון אויסהאַלטן די פאַר רבנים, שוחטים, סינאַגאָגעס.

(ווי האָט מיר געזאָגט איינער פון די ווייניקע פאַרבליבענע ביאַליס־טאָקער פרומע יידן? „הלוואי וואָלט נאָר געווען פאַר וועמען, — וואָלט די רעגירונג אונדז אויך דאָ געהאָלפן אויסהאַלטן אַ רב"...)

— — — — — — — — — — — — —

איך זיץ אין קאַבינעט פון פאָרזיצער פון יידישן קולטור־געזעלשאַפט־לעכן פאַרבאַנד, — הערש סמאָליאַר. די געביידע אויף נאָוואָגראָדזקע־גאַס נומער 5 איז דער נערוון־קנופּ פון יידישן ישוב אין פּוילן.

פאַרשטייט זיך, אַז הערש סמאָליאַר איז נישט צופרידן מיטן עמיגראַ־ציע־שטראָם פון פּוילן קיין ישראל — אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד און דעם אָרגאַניזירטן יידישן לעבן האָט געדראָט מיט א פולשטענדיקער צעשטערונג.

סמאָליאַר האַלט, אַז טראָץ דעם האָט זיך זיין פאַרבאַנד איינגעגעבן איינצוהאַלטן די פּאָזיציע און ממשיך צו זיין מיט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פאַרן קליינעם יידישן קיבוץ אין פּוילן אַלס אַן „אָרגאַנישן טייל פון נאַציאָנאַל־פּוילישן פראָנט, וואָס קעמפט פאַרן סאָציאַליזם"... נו, מילא, —

די אַלע דאָזיקע „הויכע״ פּראָזן מאַכן שוין מער נישט קיין איינדרוק, — ווייל אָט ביים שכן, ביים ראַטן־פאַרבאַנד, — האַלט מען שוין אַ שריט ווייטער: ביים „פּאַראייניקטן פראָנט, וואָס שטייט אויפן שוועל פון פאַר־ווירקלעכן נישט נאָר דעם סאָציאַליזם, נאָר דעם סאַמע קאָמוניזם״, און ווי אַזוי אונדזער דריי מיליאָניקע יידיש־אינטעגראַלע טייל פילט זיך דאָרטן, ווייסן מיר אַלע.

ווען דער סימפּאַטישער און קולטורעלער ד״ר דוד ספּאַרד — דער נאָענטסטער חבר פון ה. סמאָליאַר — דערקלערט: „די פּוילישע פאָלקס־רעפּובליק האַלט זיך ביי דער ריכטיק לעניניסטישער נאַציאָנאַליטעטן־פּאָלי־טיק בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג, און דער בעסטער באַוויז דערצו איז די נעץ פון יידישע מלוכה־שולן״ — שטרייכט ער דען דערמיט נישט אונטער, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז ווייט אַוועק פון דער דאָזיקער לעניניסטישער ליניע? אָבער וועלכע ליניע איז דאָך די אמת מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע, די, וואָס ווערט דורכגעפירט אין פּוילן, אָדער יענע, וואָס מען פּראַקטיצירט אין ראַטן־פאַרבאַנד? ווי אַזוי קאָן מען אונטער אַזעלכע אומשטענדן און שטענדיקע ווידערשפּרוכן ערנסט נעמען די באָמבאַס־טישע פּראָזעס?

איין זאַך איז קלאָר: די קליינע גרופּע יידיש־קאָמוניסטישע קולטור־טוער אין פּוילן אַנטוויקלט אַן אומגעהויערע ענערגיע, כדי איינצוהאַלטן דאָס קולטור־לעבן צווישן דעם אַזוי קליינעם אין צאָל פּוילישע יידנ־טום — די פּרעסע, דאָס טעאַטער, די שולעס, דער יידישער היסטאָרי־שער אינסטיטוט אונטער דער אַזוי פעיקער לייטונג פון פּראָפ. בער מאַרק. איך ווייס, אַז לייכט איז זיי דאָס נישט אָנגעקומען, אַז מען האָט געמוזט פאַר יעדער פּאָזיציע האַרטנעקיק קעמפן, — און דעריבער קומט זיי אַ יישר כוח, כאָטש מיר שטייען אויף קעגנזייטיקע אידעאָלאָגישע פּאָלוסן.

אגב דערציילט מיר ה. סמאָליאַר אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ אין מאָס־קווע, ווען ער, סמאָליאַר, האָט דאָרט נישט לאַנג צוריק געוויילט.

אַ רוסישער גענעראַל אין פולער אוניפאָרם איז אַריין אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע, זיך צוגעקוקט צו די אָנוועזנדיקע שרייבערס, אַ ביסל מיט זיי געשמועסט, און דערנאָך אַ זאָג געטאָן: „איך בין גענעראַל פּ., אַ ייד, וואָס איז שוין לאַנג פון יידישקייט אַוועק, האָבן מיך אָבער צוגע־צויגן די יידישע אותיות אויף אייער שילד. איך בין אַריין און דערוואָרט

צו טרעפן יידן מיט בערד און פּיאות... איצט אָבער, אַז איך ווייס שוין ווער איר זענט און וואָס איז אייער ציל, מאַך איך אייך אַ פאָרשלאָג: איך וועל אייך איבערגעבן מיינע מלחמה־זכרונות צו דרוקן. זעצט דאָס איבער אין יידיש אַזוי, אַז מיין מאַמע זאָל זיי אויך קענען לייענען. דאָס וועט זיין פאַר איר אַ נחת און אַ פריידי״...

די אָנוועזנדיקע, וואָס האָבן קיין מאָל נישט חושד געווען, אַז דער באַוווסטער גענעראָל פּ. איז אַ ייד, — האָבן מיט פריידי אָנגענומען זיין פאָרשלאָג און די זכרונות וועלן זיין געדרוקט אין די צוקונפטיקע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

אַזאַ איז די מאַגנעטישע קראַפט פון יידישן אלף־בית.

בעת מיינע פריערדיקע באַזוכן אין פּוילן האָט מען מיר געזאָגט, אַז נישט ווייניקער ווי צען טויזנט יידן לעבן נאָך איצטער אַלס „פאַרבאָר־גענע״, דאָס הייסט, זיי זענען אַוועק פון זייער שטאַם און באַהאַלטן זיך אויס מיט גויישע נעמען אין אַ ריין פּוילישער סביבה. פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן זיי נישט אָנרופן מיטן פאַרהייליקטן ביי יידן נאָמען „אנוסים״־מאַראַנען, ווייל ווער צווינגט זיי דען זיך אויסבאַהאַלטן אין פּוילן, וווּ מען קאָן פריי זיך אויסלעבן אויך אַלס ייד?

דערציילט מיר איצט הערש סמאָליאַר, אַז דווקא אַ סך פון די „פאַרבאָרגענע״ האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ישראל. זיי, זאָגט ער, זענען געווען צווישן די אומצופרידענע מיטן איצטיקן רעזשים.

מעגלעך, אַז אַזוי איז דאָס. אָבער אָט האָב איך אַליין גערעדט מיט אַזאַ „פאַרבאָרגענעם״, — האָט ער מיר טאַקע געזאָגט, אַז נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אים איינגעגעבן זיך צו ראַטעווען מיט „אַרישע פּאַפּירן״ צווישן קריסטן, האָט ער די פּאַפּירן נישט געביטן און באַשלאָסן שוין אַזוי אויסלעבן זיינע יאָרן אַלס פּאָליאַק, אָבער נ י ש ט קאַטאָליק, ווייל ער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס פריידענקער.

זענען אָבער אונטערגעוואַקסן די קינדער, און זיי באַזוכן איצט אַ מיטל־שולע. לויט דער אָנווייזונג פון טאַטע־מאַמע האָבן זיי זיך נישט רעגיס־טרירט אויף דער „קאַטוילישער שעה״. האָבן די חברים אין קלאַס זיי באַליידיקט, געמאַטערט און גערופן „זשיד״, כאָטש עס איז נישט געווען קיין יסוד זיי אַלס יידן צו פאַררעכענען. פלעגן די קינדער קומען וויינענדיק אין שטוב. איז דאָס ענדלעך דערעסן געוואָרן די עלטערן, און מען האָט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן קיין ישראל.

און נאָך אַ פֿאַקט ווייס איך, וואָס האָט שוין צו טאָן מיט מיינער אַ ווייטער קרובה, וואָס איז געווען דורכויס פּויליש־אַסימילירט נאָך פֿאַר דער מלחמה.

זי האָט פֿאַרלאָרן איר מאַן און קינד און צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט אַן אייניקל פֿון אַ באַרימטער משומדים־משפּחה. ער איז אַ קינסטלער און ווייס וויניקער פֿון יידישקייט, ווי אַ קריסט, וואָס האָט געלעבט צווישן יידן. נאָך מער: זיין זיידע איז שוין געווען אַנטיסעמיטיש געשטימט... זיצט ער איצט מיט מיר צוזאַמען מיט זיין פֿרוי, מיין ווייטער קרובה, און דערציילט, אַז זיי האָבן באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין ישראל און אַז זיי האָבן שוין אַלע נייטיקע דאָקומענטן.

איך האָב זיי פּרובירט אָפּרעדן פֿון דאָזיקן שריט. איך האָב זיי דערקלערט, אַז נישט האָבנדיק דאָס מינדסטע וואַרעמע געפֿיל צו ישראל, נישט זייענדיק באַקאַנט מיט דער יידישער סביבה און געשיכטע, נישט זייענדיק גרייט אויף קרבנות, וואָס זענען אומפֿאַרמיידלעך אין אַ ניי לאַנד, — וועלן זיי זיך שנעל אַנטוישן און קאָנען ווערן אַ לאַסט פֿאַרן לאַנד. זיי האָבן מיך אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט, אָבער זיי האָבן זייער באַשלוס נישט געביטן; פֿאַראַן, ווייזט אויס, סיבות עקאָנאָמישע, פּסיכאָלאָגישע און אויך אונטערבאַוווסטזיניקע, וואָס שטופּן זיי צו עמיגראַציע.

אַרויסגייענדיק פֿון זייער וווינונג, האָב איך זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז איינער פֿון די עלטער־זיידעס פֿון דעם קינסטלער איז דאָך געווען ר׳ שמואל זביטקאָווער, דער מנהיג פֿון יידן אין פּוילן, אין סוף פֿון 18־טן יאָרהונדערט, וואָס האָט אויסגעקויפֿט פֿון די קאָזאַקן פֿאַר פֿעסלעך מיט גאָלדענע רענדלעך די געפֿאַנגענע דורך זיי יידן, — אַ רענדל אַ ייד. האָט זיך אפֿשר פֿון יענעם גרויסן אוהב ישראל אַ פֿונק אַריבערגעכאַפּט צו זיין ווייטן, שוין קריסטלעך־געבוירענעם אייניקל? אָבער דאָס איז שוין מיסטיק...

— — — — — — — — — — — — —

הערש סמאָליאַר איז, פֿאַרשטענדלעך, שטאָלץ מיט די דערפֿאָלגן פֿון קאַמינסקאַס יידישן טעאַטער אין די שטעט פֿון אייראָפּע און ישראל. קאַמינסקאַס טעאַטער, — דאָס איז דאָך אַן עק פֿון יענעם גאָלדענעם, יחוסדיקן פּאָדעם פֿון אַמאָליקן פּוילן, פֿאַר וועלכן עס כאַפּן זיך אָן אַלע יידן אין דער וועלט.

דערציילט ער מיר, אַז מען רעפּעטירט איצט האַלקינס דראַמע „בר־כוכבא" און אין דער דאָזיקער אַמביציעזער אויפפירונג ווערט אַריינגעלייגט פיל כוחות און מיטלען.

ווען איך אַליין האָב געלייענט האַלקינס „בר־כוכבא" האָט די פּיעסע אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק מיט דער ליבע און פּאַטאָס, מיט וועלכן עס זענען באַהויכט די הויפּט־העלדן. האַלקין האָט אַריינגעלייגט אַ סך וויזיע און העלדן־פאַרערונג אין דער געשטאַלט פון בר־כוכבא און זיינע מיטקעמפער. ווי מוזיק קלינגען די העברעישע ווערטער, מיט וועלכע די וועכטער אויף די מויערן שרייען זיך איבער:

„שומר מה מליל, שומר מה מליל?"

אגב דערמאָנט מיך סמאַליאַר, אַז ווען האַלקין האָט איין מאָל פאָרגעלייענט זיינע לידער פאַרן רעדאַקטאָר פון „עמעס" מ. ליטוואַקאָוו (ליקווידירט דורך סטאַלינען נאָך אין די דרייסיקער יאָרן), — האָט דער לעצטער באַמערקט: „ווען דו לייענסט פאַר דיינע יידישע לידער, דוכט זיך מיר, אַז זיי זענען געשריבן אין העברעיש"... כאַראַקטעריסטיש און אמת!

*

איך בין זיך נוהג, אַז יעדעס מאָל ווען איך פאָר דורך וואַרשע, באַזוך איך די לעצטע איבערגעבליבענע שול, די „נאָזשיק־שול" אויף טוואַרדע־גאַס.

אין די אַמאָליקע יאָרן פלעג איך דאָרט דאַווענען אין די ימים נוראים. פּראָפעסאָר באַלאַבאַן איז דעמאָלט דאָרט געווען דער רב און פּרעדיקער. אין זיינע לעצטע יאָרן האָט דער באַרימטער חזן סיראָטאַ דאָרט געדאַוונט פאַרן עמוד.

אין יענע פינצטערע טעג, שוין נאָך דעם, ווי וואַרשע איז געוואָרן באָמבאַרדירט, האָבן זיך געסטאַפּאָ־אָפיצירן אַריינגעכאַפּט אין דער קהילה־געביידע אויף גזשיבאָווסקע, און ביי טשערניאַקאָוון אין קאַבינעט אויפגעזאַמלט די מיטגלידער פון ראַט, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין לאָקאַל. עס זענען דעמאָלט געשטאַנען אַ חוץ דעם ראש־הקהל, די אומפאַרגעסלעכע מיטגלידער פון ראַט: ר' משולם קאַמינער, ר' זישע פרידמאַן, פּראָפעסאָר באַלאַבאַן, אינזשעניר יאַשונסקי, שמואל זיגעלבוים, מיין וויניקייט, און דער קהילה־סעקרעטאַר, דער קלוגער אונדזערער ד"ר הלל זיידמאַן.

די געסטאַפּאָ־אָפיצירן האָבן געפאָדערט, אַז צוויי מענטשן זאָלן מיט זיי מיטגיין און זיי ווייזן נאָזשיקס שול און דאָס פּראַגער שעכטהויז. איז דער אויסוואַל פון דעם פּאָרזיצער געפאַלן אויף מיר און אויף ד״ר הלל זיידמאַן.

עס איז געווען געפערלעך אַרויסצוגיין אין די גאַסן מיט אַ גרופּע געסטאַפּאָ־מערדערס, וועלכע זענען כּמעט קיינעם נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך. אָבער מיר האָבן זיך געשטאַרקט די הערצער, און מיר זענען געגאַנגען. אונדזער ערשטער וויזיט איז געווען אין דער איינציק געבליבענער און אומבאַשעדיקטער נאָזשיקס שול. די יידן אין דער גאַס און אַרום דער שול זענען זיך צעלאָפן, ווען זיי האָבן דערזען די נאַצישע אָפיצירן.

ווי נאָר מיר זענען אַריין אין דער פּוסט־געוואָרענער שול, זענען די נאַציס צוגעלאָפן צום ארון־קודש, ברייט צעעפנט די טירלעך, אַ קוק געטאָן און זיך פונאַנדערגעלאַכט. אַ טייוולאָניש געלעכטער איז דאָס געווען, אין אָנבליק פון די שטומע ספר־תורהס. אַ באַליידיקונג איז דאָס געווען, און איך האָב אינסטינקטיוו אַ טראַכט געטאָן:

„ווער וועט לאַכן דער לעצטער?״

אַ סך יאָרן און טייכן פון יידיש בלוט זענען זינט יענעם פּרייטיק אָפּגעפלאָסן. אָבער דער גורל האָט געוואָלט, אַז גראָד די דאָזיקע שול זאָל זיין די איינציקע גאַנץ־געבליבענע אין וואַרשע.

בין איך, בעת דעם איצטיקן וויזיט אין וואַרשע, ווידער אין אַ פּרייטיק, נאָך מיט 22 יאָר שפּעטער, ביי דער הויכער שוועל פון דער שול אויף טוואַרדע. עס איז שוין שפּעט אין אָוונט, און איך האָב געמיינט, אַז מען האָט שוין מקבל שבת געווען און אפילו אָפּגעדאַווענט מעריב. פינצטער איז אויף דער גאַס און מען זעט קיין מענטשן נישט. איך עפן נישט דרייסט די שווערע טיר פון דער שול. אַ פּאָר יידן לויפן מיר אַנטקעגן:

— אָט איז דאָך דער צענטער צום מנין! — רופט איינער פון זיי אויס — מען קאָן זיך שוין שטעלן דאַווענען!

האָט מיר אַזש ביים האַרצן אַ קלעם געטאָן. אַזוי ווייט האַלט דאָס שוין! אין וואַרשע, אין דער איינציקער שול, קאָן מען מקבל שבת זיין נאָר מיט דער הילף פון אַ צופעליקן אורח פון אַמעריקע, וואָס איז געקומען מיט אַ וויזיט צו די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט.

„לכו נרננה!" — אינטאָנירט עפּעס אַן עלטערער ייד מיט אַ הייזע־ריקער שטים.

וואָס פאַר אַן איראָניע! ווי קאָן מען זינגען אָט דאָ, אין דער כמעט ליידיקער שול פון דער פּאַריתומטער וואַרשע?

דער אַלטער רב פּערעצאָווסקי איז געשטאָרבן מיט עטלעכע חדשים צוריק. אויף זיין אָרט אין מזרח זיצט אַ ייד מיט אַ באָרד. ער איז דער שוחט ר' פּסח סאַליטאַן, וועלכער איז געקומען פון ווילנע. און אַז אַ ייד קומט פון ווילנע קיין וואַרשע, איז ער, געוויינלעך, אַ טראַנזיט־פּאַסאַזשיר און אויף נישט לאַנג. איז ווער זשע וועט זיצן דאָ בעת מיין קינפטיקן וויזיט? און צי וועט דען בכלל דעמאָלט זיין אַ מנין אין נאָזשיקס שול?

צוויי יונגע ייִנגלעך זאָגן קדיש. אויך זיי זענען אויף זייער דורכרייזע פון ווילנע.

ווען איך גיי אַרויס פון דער שול אויף דער פּינצטערער גאַס, שאָטנט אַנטקעגן דאָס געסל, וואָס הייסט מאַריאַנסקע. אָט אויף דער מאַריאַנסקע־גאַס איז לאַנגע יאָרן געווען די רעדאַקציע פון דער „הצפירה". דאָ איז מיט אַרום זעכציק יאָר צוריק געזעסן נחום סאָקאָלאָוו און געאַרבעט. פון דאַנען איז אַ ליכט אַרויס און זיך געשפּרייט איבער אַלע יידישע וועלט־ישובים. איצט טונקלט קוים אַ לאָמפּ אין דעם דאָזיקן ווינקל פון וואַרשע. צי האַלט ער נישט, חלילה, אין גאַנצן ביים פאַרלאָשן ווערן?...

— — — — — — — — — — — — —

אין דעם יוסטיץ־מיניסטעריום פון דער פּוילישער רעגירונג אין וואַרשע געפינט זיך די ביוראָ פון דער „הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די פאַרברעכנס פון די נאַציס אין פּוילן". זיץ איך דאָרט איצט מיט די צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע: ריכטער קאַזשימיעזש לעשטשינסקי און ד"ר שמעון דאַטנער. דער לעצטער איז אַמאָל געווען אַ לערער אין דער העברעישער גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק. אָבער אין דער ברייטער וועלט איז ער באַוווּסט אַלס אַ פּאַרטיזאַן אין די וועלדער און אַלס דער היסטאָ־ריקער פון געטאָ.

ער ווייזט מיר איצט די מאַטעריאַלן, וואָס זענען נאָר וואָס געפונען געוואָרן אונטער דעם אַש אין אוישוויץ, מיט די שטאַרק פאַרברענטע זייטלעך פון אַ טאָגבוך אין לאָדזשער געטאָ. די דאָזיקע זייטלעך זענען

געפונען געוואָרן אין אַ בלעכן קענדל און זיי זענען פון אַ באַדייטנדיקן, היסטאָרישן און אַפילו ליטעראַרישן ווערט. דער אומבאַקאַנטער מחבר, אַ זייער אינטעליגענטער מענטש, אַ תלמודיסט און מיט אַלגעמיינער ביל־דונג, גיט אַ נייע באַלייכטונג פונעם לעבן אין לאָדזשער געטאָ.

ד״ר דאַטנער פאַרנעמט זיך מיט דורכברעכן די שוועריקייטן פון די האַלב־פאַרברענטע און פאַרסמאַליעטע זייטלעך. ער ווייזט מיר דאָס זייטל 316. דאָרט איז פאַרשריבן:

„אַלס אַן אַמאַליקער מומחה אין תנ״ך, רוף איך אויס צו אייך, מיינע דורך דער קאַטאַרזשנער אַרבעט פאַרמאַטערטע ברידער: „בדמיך חיי״ איר ווערט טאַקע אין בלוט פאַרטרונקען, אָבער פון אונדזער בלוט וועט אַ לעבן אויפבליען...״

אַט דעם נאָמען „בדמיך חיי!״ האָט דאַטנער געגעבן זיין אַרטיקל אין דער פּוילישער צייטשריפט „נאָוואַ קולטוראַ״, ווו עס זענען געבראַכט געוואָרן די אויסצוגן און פאַקסטאַטן פון דעם ניי־געפונענעם טאָגבוך פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר.

ד״ר דאַטנער איז דאָס געוועזן דער, וועלכער האָט בעת דער פאַרניכ־טונג פון ביאַליסטאָקער געטאָ אַרויסגעפירט פון דאָרטן אין די וועלדער אַריין אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער. אויף דער יוראָווצער גאַס זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן דורך באַוואָפנטע נאַציס. ד״ר דאַטנער האָט זיך געוואָרפן אויף איינעם פון זיי און גלייך אים דערשאָסן אויף טויט. דער צווייטער האָט פּרובירט זיך קעגנצושטעלן, ער איז אָבער אויך געפאַלן אַ פאַרוווּנדעטער.

מיר גייען אַרויס פון דער געביידע פון יוסטיץ־מיניסטעריום, און מיר לאָזן זיך אין דער ריכטונג צו ד״ר דאַטנערס וווינונג. אויפן וועג באַמערק איך אַ גרויסע געביידע מיט אַ שילד: „בילדונגס־מיניסטעריום״. דער אַריינגאַנג אין דער דאָזיקער געביידע קומט מיר עפּעס פאַר באַקאַנט. אין אַ סעקונדע אַרום דערמאָן איך זיך: דאָס איז דאָך געוועזן דער שטאַב פון דער געסטאַפּאָ אין וואַרשע! דאָ האָט מען דאָך מיך, טשערניאַקאָוון, ר׳ יצחק מאיר לעווינען (היינט אין מדינת ישראל, געוו. מיניסטער), אברהם געפּנערן און דעם פּראָפ. באַלאַבאַן געשלעפּט אויף געשפּרעכן און אויספאָרשונגען. דאָ איז דאָך פאָרגעקומען יענע טראַגישע סצענע אין טאָג פון דער געטאָ־דעקלאַרירונג, ווען דער מערדערישער געסטאַפּאָ־שעף, האָופּטמאַן באַך, האָט זיך מיט אַ בייטש פאַרמאָסטן אויף טשערניאַקאָוון

און נאָך דעם אויף מיר, נאָך דעם ווי די קהילה האָט אָנגעקלאָגט זיין פאַר אָרדענונג פאַרן גענעראַל נויראַדע־ניומאַן.

האַופטמאַן באַץ האָט זיך געהאַנגען מיט אַ יאָר צוריק אין אַ דייטשער תפיסה, ווו ער האָט געוואַרט אויף זיין שטראָף. אָבער די געביידע לעבט, און עס לעבן אַזוי קלאָר און אַזוי פיינלעך די זכרונות...

ד״ר דאַטנער און איך גייען אַריין אין דעם בנין. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די פוילישע רעגירונג האָט דאָ טאַקע איינגעאָרדנט אַ מין מוזיי, מיט אַ „נר תמיד״, וואָס פירט אין אַ קעלער, וווּ מען האָט געמאַטערט די קרבנות פון דער געסטאַפּאָ.

מיט אַ פאַרשטענדלעכער ציטערניש גיי איך אַראָפּ אין יענעם קעלער. די ווענט זענען פאַרשמירט מיט אויפשריפטן פון בלייפעדערס, קויל און אויך מיט בלוט.

אָט איז אַ צימער, געמאַכט אין דער פאָרם פון אַ טראַמוויי־וואַגאָן מיט בענקלעך. דאָ פלעגן די קרבנות וואַרטן אויף דער אויספאָרשונג. און אָט זענען די פינצטערע תפיסה־צעלן.

פיל אויפשריפטן זענען געצייכנט מיט אַ צלם. פאַראַן אויך נעמען, אַרום וועלכער אונדזער מגן־דוד איז אַרומגערינגלט.

דער פלאַם פון „אייביקן פייער״ באַלייכט אומהיימלעך דעם פינצטערן קאָרידאָר.

איך פיל, אַז מיינע פיס בייגן זיך און איך פאַרליר מיין גלייכגעוויכט. ד״ר דאַטנער האַלט מיך אונטער. איך קען זיך נישט באַהערשן. איך צעכליפּע זיך אויפן קול... דאָס איז מיין „קדיש״ ביי דעם „נר תמיד״ אין דעם אַמאָליקן קעלער פון דער וואַרשעווער געסטאַפּאָ.

אין אַ האַלבער שעה אַרום בין איך שוין אין דער וווינונג פון ד״ר שמעון דאַטנער, און איך לעב דאָרט דורך אַ פריידיקן מאָמענט. זיין געראָטן טעכטערל פון צוועלף יאָר, חנהלע, ווייזט מיר אַ ביכל, וואָס זי לייענט גראָד איצט, אַ ה ע ב ר ע י ש ביכל, „נתיבות״, מיט דער הילף פון וועלכן דער טאַטע, דער אַמאָליקער העברעישער לערער, לערנט זיין בת־יחידה עברית.

און חנהלעס פאָטער גיט צו:

— מיין טאָכטער טראָגט דעם נאָמען נאָך איר גרויסער עלטער־באָבען. וועלכע איז געווען די אַלטע וווּרקער רביצין!

שוין נאָך מיין אָנקומען אַהיים, קיין ניו־יאָרק, האָב איך פון ד״ר דאַט־

נערן דערהאַלטן אַ מתנה זיין ניי בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פּוילישן פּאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום. דער נאָמען פון דעם בוך, וואָס האַלט איבער 400 זייטן, איז: „די פאַרברעכנס פון דער דייטשער אַרמיי לגבי די קריגס־געפאַנגענע פון די אַליאירטע״. דאָס איז דאָס איינציקע בוך פון דעם מין אין דער מיליטערישער ליטעראַטור.

אויף דעם דאָזיקן בוך געפין איך די פאָלגנדיקע אויפשריפט:

„מיין טייערן פריינד ד״ר ח. שאַשקעס לזכרון פון אונדזער אויפטרייסלענדיקן וויזיט אין דעם טאָג פון 23סטן פעברואַר 1962, אין די געסטאַפּאָ־קעלערס, אויף אַלעיאַ שוכאַ, אין וואַרשע״.

אַן אויפטרייסלענדיקער וויזיט איז דאָס טאַקע געווען. און ד״ר שמעון דאַטנער, וועלכער אַרבעט אין דעם פּוילישן יוסטיץ־מיניסטעריום, אויספאָרשנדיק יענע פאַרברעכנס, און זיין טאָכטער, וועלכע רעדט צו מיר עברית — זענען דער בעסטער ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס ד״ר הלל זיידמאַן און איך האָבן זיך געשטעלט דעמאָלט, ווען די געסטאַפּאָחיות האָבן זיך צעלאַכט ביי דעם אָפענעם ארון־קודש אין נאָזשיקס שול: „ווער וועט לאַכן דער לעצטער?״

— — — — — — — — — — — — —

איך וויל אויך נישט דורכלאָזן אַ וויזיט אין „יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט״, וועלכער ווערט אַזוי קאָנסטרוקטיוו אָנגעפירט דורך פריינד פּראָפעסאָר בער מאַרק.

דער אוצר מיט דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס, מאַנוסקריפּטן, וואָס איז דאָרט אָנגעזאַמלט און ווערט פאַכמעניש באַאַרבעט פון אַ שטאַב ספּעציאַליסטן, איז אַ שטענדיקער קוואַל פאַר דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום אין שלום־צייט און אין דעם אומקום־פּעריאָד.

לײדער האָב איך דאָס מאָל געקאָנט רעדן מיט מאַרקן בלויז טעלעפאָניש, ווייל ער האָט זיך געפילט נישט גוט. זאָגט ער מיר:

„ווי פאַלט מען דאָס אַריין אין וואַרשע בלויז אויף עטלעכע שעה? מיר האָבן דאָך אַזוי פיל צו שמועסן און זיך קעגנזייטיק צו אינפאָרמירן וועגן די נייע אַנטוויקלונגען אין דער געשיכטלעכער פאָרשונגס־אַרבעט. אַלזאָ, דעם קומענדיקן מאָל מוזט איר איבערלאָזן מער צייט פאַר אונדזער אינסטיטוט״.

זאָג איך אים דאָס צו. אַז מען לעבט, איז שטענדיק פֿאַראַן אַ האָפֿענונג אויף אַ „קומענדיקן מאָל״.

שטיי איך אין דעם שיינעם וועסטיבול פֿון דער אינסטיטוט־געביידע, איינער פֿון די זעלטענע בנינים, וואָס זענען ווי דורך אַ נס געבליבן פֿון דעם פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן. וויפֿל מי און ליבשאַפֿט איז אינעם אויפֿבוי פֿון דעם בנין אַריינגעלייגט געוואָרן דורך פּראָפֿעסאָר מ. שאָר ז״ל, און דורך דעם סענאַטאָר מ. קערנער, וועלכער לעבט איצט אין זיינע הויכע אַכציקער יאָרן אין מדינת ישראל.

דערזע איך פּלוצלינג דורכן פֿענצטער, אַז די געביידע, וואָס מען האָט געזאָלט בויען אויפֿן אָרט פֿון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, אַ פּלאַ־נירטער קאָמערציעלער בנין מיט אַ סך שטאָקן, פֿון וועלכע עטלעכע זענען שוין געווען כמעט פֿאַרטיק אונטער די רושטאָוואַניעס, איז גאָר פֿאַרשוווּנדן.

פֿרעג איך די מיטאַרבעטער פֿון דעם אינסטיטוט, י. ראָזענבערג און שיין:

— וואָס איז דאָ געשען? פֿאַר וואָס האָט מען ליקווידירט דעם פּלאַן פֿון אַ נייעם בנין אויפֿן פּלאַץ פֿון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע?

דערביי דריק איך אויס מיין פֿרייד איבער דעם, וואָס דער דאָזיקער פּלאַץ וועט נישט פֿאַרשוועכט ווערן דורך אַן אַנדערער געביידע. פֿאַר וואָס זאָל מען דאָ איצט נישט אַוועקשטעלן אַ שטיין, מיט אַן אויפֿשריפֿט, וואָס דערמאָנט, אַז דאָ האָבן די נאַציס אויפֿגעריסן די צענטראַלע שול אין וואַרשע?

מיינע מיטשמועסערס האַלטן נישט מיט מיר. זיי זאָגן:

„וויניק קירכעס האָט מען דאָ פֿאַרוואַנדלט אין מוזייען, אָדער אויף זייער אָרט אַוועקגעשטעלט וועלטלעכע געביידעס? פֿאַר וואָס זאָל דער פּלאַץ פֿון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע זיין אַן אויסנאַם?״

פּרוביר איך זיי איבערצייגן וועגן דעם אונטערשייד, וועגן דער לעצטער דערמאָנונג, אַז אין וואַרשע איז אַמאָל געווען אַ גרויסער יידי־שער צענטער פֿון פּוילישן יידנטום. אָבער עס העלפֿט נישט.

פֿון דעסטוועגן ווייזט אויס, אַז די פּויליש־קריסטלעכע שטאָטישע פּלאַנירערס אין וואַרשע האָבן דאָס יאָ פֿאַרשטאַנען. ווייל, אָט זעט איר דאָך! וועט שוין אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ פֿאַרפּלאַנצט ווערן אַ גערטנדל, אַנשטאָט דער געביידע, וואָס מען האָט געהאָט אָנגעהויבן צו בויען.

און אפֿשר וועט פּראָפֿעסאָר ב. מאַרק, וואָס האָט אַ חוש פֿאַר געשיכטע,

ד״ר חיים שאַשקעס

איך אויספּועלן דאָ אַ שטיקל מאָנומענט? אין שפּאַניע האָב איך 450 יאָר נאָכן גירוש יאָ געפונען די דערמאָנונגען וועגן די יידן, וועלכע האָבן דאָרט געלעבט און געשאַפן (אין טאָלעדאָ, קאָרדאָבאָ, סעווילִיע, גראַנאַדע). פאַר וואָס זאָל אונדזערס אַ ווייט אוראייניקל אַזאַ דערמאָנונג וועגן אַ יידישן „אַמאָל״ אין פוילן נישט געפינען, אָט דאָ, אין דעם גערטנדל, ווו די גרויסע שול אויף טלאָמאַצקע איז געשטאַנען?

— — — — — — — — — — — — —

איך פאַרלאָז וואַרשע מיט יענעם טעמפּן ווייטיק אין ברוסט, וואָס מען פילט, ווען מען פאַרלאָזט דעם בית עולם, אויף וועלכן עס ליגן נאָענטע. אָבער איך נעם מיט זיך מיט דאָס וואַרעמע געפיל צו דער גרופּע טוערס, וואָס האָבן באַוויזן צו בויען און איינצוהאַלטן פאַר דעם קליינטשיקן איבערגעבליבענעם יידישן ישוב אַ פּרעסע, אַ טעאַטער, שולן, און אַן אינסטיטוט, וואָס דערמאָנען וועגן יענע מיליאָנען, וועלכע זענען אויף אייביק אַוועק און וועלן שוין מער צו די אַלטע נעסטן נישט קאָנען קומען.

אין מאָסקווע אויף אַ קאָנצערט

נישט איינער פון מיינע לייענער וועט זיך וווּנדערן פאַר וואָס איך האָב ווידער אַ מאָל, נאָך אַן איבעררייס פון נישט מער ווי 4 חדשים, אונ־טערגענומען אַ רייזע קיין ראַטן־פאַרבאַנד.

בין איך זיי שולדיק אַ דערקלערונג: אין פעברואַר 1962 האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש צו זיין אין ראַטן־פאַרבאַנד נאָר פינף טעג. איך האָב, ווי די לייענער געדענקען, אויסגענוצט די דאָזיקע קורצע צייט אויף געשפּרעכן מיט די רעדאַקטאָרן פון יידישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, מיט באַגעגענישן אין די אַמבאַסאַדעס פון אַמעריקע און ישראל, מיט אַן איין־און־איינציקן וויזיט אין אַ פּריוואַט הויז, און — דאָס אַלץ.

מיין אַפּעטיט צו זען וואָס מער יידן, צו פאַרשטיין וואָס מער די לאַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן פונאַנדערשפּילן, און שוין האָב איך געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

האָב איך דעריבער פאַרטראַכט אַ לעגאַלן און לאָגישן פּלאַן איבער־צוחזרן און פאַרזעצן מיין נישט פאַרענדיקן וויזיט אין ראַטן־פאַרבאַנד, אים פאַרברייטערן, זיך זען מיט מער יידן, באַזוכן מער פּלעצער. דאָס איז פאַר מיר דערמעגלעכט געוואָרן דורך באַקומען אַ דערלויבעניש (יעדער אַמעריקאַנער בירגער קאָן דאָס באַקומען) צו פאַרברענגען אין די קור־אָרטן — אין די ווירקלעך פּרעכטיקע נאַטור־פּלעצער, וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט „פון די קאַלטע פינישע פעלדזן ביז די פלאַמענדיקע ברעגעס פון קאַווקאַז און קרים״ (אַ פאַראַפראַזע פון פּושקינס באַרימטן פערז).

און איך האָב אַן שווערקייטן באַקומען די וויזע קיין מאָסקווע, פון וואַנען איך האָב שוין געזאָלט פליען קיין קאַווקאַז, קיין יאַלטע און צום צווייטן עק פון לאַנד, צו די ברעגעס פון קילן באַלטישן ים אַרום ריגע. אמת, איך האָב „אַריינגעכאַפּט״ גאָר אומדערוואַרט נאָך אַ ביסל פּלעצער וואָס זיינען לכתחילה אין פּלאַן נישט געווען, — ווי לענינגראַד, סעוואַסטאָ־פּאָל, סימפעראָפּאָל, די שטאָט ריגע אַליין, ווילנע און אַ רייע קלענערע שטעטלעך אויפן קרימער האַלב־אינדזל, אָבער דאָס געהערט שוין צו דער „פלינקייט״ פון אַ געניטן רייזנדן, — פון א „שטריק־גייער״, וואָס באַלאַנ־

סירט און פאַלט נישט אַראָפּ פון שטריק, וואָס איז פאַרצויגן געגנוג הויך איבער דער ערד...

האָב איך טאַקע זיך געטראָפן אין די אָפּרו־פונקטן מיט מענטשן, וואָס קומען דאָרט צו פאָרן פון אַלע עקן פון ריזיקן לאַנד, — האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט געמיטלעך און אָן מורא (עס רעדט זיך נאָר אַזוי) צו שמועסן מיט יידן פון סווערדלאָווסק אויפן אוראַל און פון בענדערי אין בעסאַראַביע.

האָב איך באַזוכט דעם בית־מדרש אין סימפעראָפּאָל, וווּ מען האָט שוין אַ יאָר פערציק קיין אויסלענדישן ייד נישט געזען, זיך געטראָפן מיט ביטערע יידישע אָרעמע לייט, וואָס וווינען זאַלבעצוועלף אין אַ פינצטערן קאָרידאָר־לאָך, אָבער אויך מיט מאַכט־האָבנדיקע יידישע נאַטשאַלניקעס, וואָס וווינען זאַלבעצווייט אין זעקס צימערן, פאַרמאָגן דינערשאַפט און אַן אויטאָמאָביל, און מיט וועמענס וויסנשאַפטלעכע און פּאָליטישע טאַלאַנטן רוסלאַנד שטאָלצירט.

איך בין געגאַנגען אומעטום וווּ יידן דאָוועגען און אויך אומעטום וווּ יידן קומען הערן אַ פאָלקס־ליד און אַ רעציטאַציע פון אונדזערע שרייבער און דיכטער.

כמעט פינף וואָכן האָב איך געאָטעמט מיט דער זעלבער אַטמאָספער, אין וועלכער עס אָטעמען און לעבן אונדזערע דריי מיליאָן ברידער אין נאָך אַלץ פאַר אונדז נישט פאַרשטענדלעכן לאַנד פון ראַטן־פאַרבאַנד.

און כאָטש אַזוי פיל איז נישט דעררעדט געוואָרן, און כאָטש אַזוי פיל שרעק, אַ סך מאָל אין גאַנצן נישט פאַרשטענדלעכע, איז אַרויסגעוויזן געוואָרן בעת מיינע באַגעגענישן, האָב איך עפּעס געלערנט, ווייס איך מער. איך גלייב, אַז אַ חוץ שכל, האָט מיר אויך דאָס מזל צוגעשפּילט.

ווען מיין אַעראָפּלאַן האָט מיך געבראַכט דירעקט פון פּאַריז קיין מאָסקווע און דער געניטער פּאָליטישער באַאַמטער האָט דערזען אין מיין פּאַס, אַז מיין באַשעפטיקונג איז באַצייכנט אַלס „שרייבער און זשורנאַ־ליסט״, האָט ער נישט געזוכט ביי מיר קיין איבעריקע זאַכן, נישט גע־ציילט מיין אויסלענדישע וואַלוטע, נאָר גוט דורכגעקוקט דאָס ביסל ביכער און צייטונגען, וואָס איך האָב מיט זיך געהאַט. אין דעם קליינעם וואַליז־קעלע האָט ער גלייך אָנגעטאַפּט די צוויי ספרימלעך: דעם סידור נוסח אר״י און דעם „תניא״. וואָס אַ סידור איז האָט ער געוווּסט און גלייך גע־כשרט, — אָבער וואָס דער „תניא״ איז האָט ער געגוג שטרענג געפרעגט.

האָב איך אים געענטפערט: „דאָס איז אַ ספר געשריבן פון אַ גרויסן יידישן רבי, וואָס איז געזעסן אַרעסטירט אין פעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג דורכן משוגענעם צאַר פּאַוועל דעם ערשטן אין יאָר 1800 און באַפרייט געוואָרן מיט אַ יאָר שפּעטער דורכן ליבעראַלן צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער".

דער פּאָליטישער באַאַמטער האָט מיט אַ געוויסן אומצוטרוי זיך באַצויגן צו מיינע ווערטער, אָבער דאָס ספרל מיר דאָך אָפּגעגעבן.

ווי נאָר איך בין אָנגעקומען אין מיין האָטעל, האָט מיר אַ באַגעגנטער „לינקער" טוריסט פון ניו־יאָרק מיטגעטיילט, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום קומט פאָר אַ יידישער קאָנצערט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן פאַראיין פון סאָוויעטישע קינסטלער אין זייער אייגענעם קלוב. דער אָוונט איז אַ געשלאָסענער, נאָר פּאָר ספּעציעל איינגעלאַדענע. אויב איך וועל תיכּף פאָרן אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועט מען מיר געוויס אַן איינלאַדונג געבן.

בין איך אַוועקגעפאָרן אין דער רעדאַקציע פון יידישן זשורנאַל און דאָרט טאַקע געטראָפן ווערגעליס, אויסלענדער, סאַניע פּריי, שולמאַן און די אַנדערע מיטאַרבעטער. זיי האָבן זיך אַלע געקליבן גיין אויפן קאָנצערט.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז מיינע אַרטיקלען וועגן ווערגעליסן זענען שוין גאָר נישט געווען קיין לויב־געזאַנג, כאָטש „סאָוועטיש היימלאַנד" ווי אַזעלכע האָב איך באַשריבן אַלס אַ דערפּאָלגרייכע און העכסט ניצלעכע דערגרייכונג — סיי ליטעראַריש און סיי פּאָליטיש — בין איך געווען אַ ביסל מסופּק וועגן קבלת פּנים, וואָס מען וועט מיר דאָרט איצט מאַכן.

אָבער איך בין צופרידן פעסטצושטעלן, אַז אַלע האָבן מיך אויפגענומען זייער פריינדלעך. ווי האָט דאָס פאָרמולירט ווערגעליס: „מיט זעכציק פּראָצענט פון אייער שרייבן וועגן אונדז זענען מיר, פאַרשטייט זיך, נישט מסכים. אָבער איר האָט ריכטיק און אָרנטלעך איבערגעגעבן וואָס מיר האָבן געזאָגט. און אונדז גייט אין דעם, אַז אייערע לייענער זאָלן וויסן וואָס מיר טראַכטן און וואָס זענען אונדזערע ווייטערדיקע פּלענער".

איך לאָז איבער די עטלעכע אָנגעווייטיקטע פראַגן, וואָס זענען אַנטשטאַנען בעת מיין אָפּוועזנהייט, ווי דאָס פאַרווערן באַקן מצות, די „יידישע פּראָצעסן", די ישיבה אַאַז"וו אויף אונדזער מאַרגנדיקן געשפּרעך, און לאָז זיך אַוועק מיטן גאַנצן רעדאַקציע־אַנסאַמבל צום קאָנצערט־זאַל.

ווען מיר זענען געקומען, איז שוין דער זאַל געווען פול געפּאַקט מיט

די איינגעלאַדענע געסט, צווישן זיי אַ סך רוסישע און יידישע קינסטלער.

דער דירעקטאָר פון קונסטהויז, דער רוס באַלקין, טרעט מיר אָפּ גאַסטפריינדלעך זיין פּלאַץ אין דער ערשטער ריי און זעצט זיך אַליין אויף אַ טאַבורעטל ערגעץ אין אַ ווינקל.

פון דער עסטראַדע האָבן זיך געלאָזט הערן די געלונגענע פּאַרלייענונגען פון אַרטיסט מאַרק ברוידע, רעזשיסירט דורך דוד שעכטמאַן. ברוידע רעציטירט לייב קוויטקאָס „עלף טעכטער״ און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז די אמתע טאָכטער פון לייב קוויטקאָ איז גראָד געזעסן ביי מיין זייט. און אָט קלינגען שוין די מוזיקאַלישע פּערזן פון ש. האַלקין („טיפע גריבער״) און די פאַבלען פון שטיינבאַרג און די אומפאַרגעסלעכע רעציטאַציע פון שלום עליכמס „חוה״ (טוביה דער מילכיקער). דער רעציטאַטאָר מאַרק ברוידע, הגם נישט אַ מיטרייסנדיקער אַקטיאָר, רופט אָבער אַרויס ענטוזיאַזם ביים אויסגעבענקטן עולם. די שטימונג ווערט נאָך פריידיקער און הייסער ווען אַ יונגע זינגערין קלעמענטין שערמעל, זינגט אַ ריי יידישע און אויך רוסישע (גלינקאַ, שאָסטאַקאָוויטש) פאָלקס-לידער.

קלינגט אין מאָסקווער זאַל: „בלייבט דאָך אַלץ די אַלטע קשיא״ (יאָ, און זי בלייבט, די קשיא!) און די רירנדיקע אַריע פון הלויס „רחל״ און יאַמפּאָלסקיס „לידער אָן ווערטער״ און ל. שטיינבערגס „פייגעלע״.

מען לאָזט די זינגערין נישט אַראָפּ פון דער בינע, און זי זינגט אויף „ביס״.

צום סוף גייט אַרויף אויף דער סצענע די זייער באַרימטע און אַלטע רוסישע זינגערין אירמאַ יאַנסען, און לויבט אין אַ קורצער רוסישער רעדע סיי דעם געדאַנק פון מאַכן יידישע קאָנצערטן און סיי די אויספירער, און עס גייט אויך אַרויף דער באַרימטער טענאָר פון גרויסן טעאַטער קאָזלאָווסקי און קושט די יונגע אַרטיסטין.

פאַר מיר, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין מאָסקווע, איז דער דאָזיקער קאָנצערט פון יידיש וואָרט און מוזיק געווען די שענסטע מתנה.

דער עולם אין די קולואַרן? אָט איז דער קאָמפּאָזיטאָר פּולווער, דער זעלבער, וואָס האָט אונטערגעשריבן צוזאַמען מיט ז. ווענדראָפן דעם פּובליקירטן בריוו, אַז אַלץ איז גלענצנדיק מיט די יידן אין ראַטן-פאַרבאַנד.

ווען איך ווער פאַר אים פאַרגעשטעלט, זאָג איך אין אַ שפּאַס, אַז זיינע מוזיקאַלישע ווערק, וועלכע מיר קענען גוט, קלינגען פאַר מיינע אויערן פיל בעסער, ווי זיין פּראָזע, וועלכע מען האָט נאָר וואָס פאַרעפנטלעכט.

כאַפּט זיך נישט דער קאָמפּאָזיטאָר און זאָגט: „אָבער איך שרייב דאָך נישט קיין פּראָזע!" רעאַגיר איך מיט אַ שמייכל: „האָט מען טאָקע ביי אונדז געזאָגט, אַז אייער פּראָזע איז פון אַ נישט געניטן אָנפאַנגער". דאָס מאָל האָט ער פאַרשטאַנען, אָבער זיך נישט באַליידיקט.

איך באַגעגן זיך מיטן אַרטיסט פון די מלוכה־טעאַטערס, עמיל האָראָוויטש, וואָס קלייבט זיך אויף אַ טורנע מיט יידישע לידער איבערן ראַטן־פאַרבאַנד. מען קאָן אים אויך אין פּאַריז. אַ טייערער יונגער פלאַמענדיקער ייד. מיט צוויי וואָכן שפּעטער בין איך געזעסן אויף זיין יידישן קאָנצערט אין יאַלטע מיט פיל הונדערטער יידן. און אויף מאָרגן נאָך דעם, אין סימפּעראָפּאָל אויף אַ קאָנצערט, וואָס ס'האָבן בייגעוווינט אַרום צוויי טויזנט יידן, דאָס הייסט, כמעט פופציק פּראָצענט פון דער גאַנצער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג.

בעתן אַנטראַקט לאַדט מיך איין אויף אַ גלעזל שאַמפּאַניער מיט קאַוויאַר דער יידישער דיכטער דוד בראָמבערג (זיין ליד מיט מוזיק פון פּולווער איז פאַרעפנטלעכט אין פינפטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד"). דוד בראָמבערג איז אויך אַ טאַלאַנטפולער גראַווירער.

איך בין אויך געווען צופרידן צו האָבן אין אונדזער גרופּע די אַמעריקאַנער טוריסטין חנה סאַפּראַן פון מיאַמי ביטש.

איך בין אַוועק אין האָטעל נאָך יענעם מאָסקווער אָוונט אין אַ געהויבענער שטימונג. נישט אָפט האָב איך אַזעלכע אָוונטן געהאַט בעת מיינע פינף וואָכן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

באַגעגענישן אין קאַווקאַז

רייך מיט באַוועגונגען און באַגעגענישן איז געווען דער לעצטער טאָג אין מאָסקווע. אין דער פרי — מיין געוויינלעכער העפלעכקייט־וויזיט אין דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע מיט אַן אינטערעסאַנטן אינפאָרמאַטיוון געשפּרעך מיטן צווייטן סעקרעטאַר דזשאָן העמענוויי.

ער קען גוט די יידישע לאַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד, אָבער ער שטעלט מיר אַ באַדינג נישט „קוואָטירן" אים דירעקט און נישט צו פיל דערציילן

אומדירעקט... אַ שאָד, עס וואָלט געווען באַלערנדיק אויסהערן זיין מיינונג. זיצט אָבער דער „טאַימס״־קאָרעספּאָנדענט, טאַפּינג, זאָגט ער מיר: „געוויסע פירנדיקע מענטשן אין ראַטן־פאַרבאַנד האַלטן די יידן פאַר אַ פיינטלעכע מינדערהייט, פאַר אַ פרעמדן עלעמענט, וועמען עס ציט צו דער בורזשואַזער מערב־קולטור... און פאַרגעסט נישט די ווירקונג וואָס מדינת ישראל האָט אויף אַ זייער גרויסן טייל פון די יידן דאָ, — אַ געפיל, וואָס איז אויסגעבענקט, אויסגעדאַווענט געוואָרן אין משך פון טויזנטער יאָרן דריי מאָל אַ טאָג... און ישראל איז דאָך „טריף״ פאַר דער סאָוויעטישער רעגירונג, נאָך מער אָפּילו ווי אונדזערע פאַראייניקטע שטאַטן, ווייל ישראל איז דאָך קליין און שוואַך, — לויִנט דעריבער צו מאַכן „ביזנעס״ מיט אירע ביטערסטע קעגנער״...

דערווייל נעמט דזשאָן העמענוויי אַראָפּ פון זיין שרייבטיש אַ דיק בוך אין אַ רויט־בלויען איינבונד און גיט אַ זאָג: „לויט מיין מיינונג איז דאָס דאָזיקע בוך — „דאָס יידישע פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד״ — איינער פון די בעסטע, וואָס זענען אויף דער דאָזיקער טעמע געשריבן געוואָרן. צי קענט איר זיין מחבר ב. צ. גאָלדבערג?״

מוז איך זאָגן, אַז דאָ אין ווייטן מאָסקווע, אין קאַבינעט פון איינעם פון די אָמבעסטן אינפאָרמירטע אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן, — איז מיר געווען אָנגענעם צו הערן דעם דאָזיקן קאָמפּלימענט אויפן אַדרעס פון מיינעם אַ רעדאַקציע־קאָלעגע.

פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע פאָר איך אויף דער ספּעציעלע „אויפנאַמע פאַר אַמבאַסאַדאָרן״ אין דער געזאַנדשאַפט פון ישראל.

ווי קום איך גאָר אויף אַן אויפנאַמע, וואָס איז באַשטימט אויסשליסלעך פאַר אַמאַבאַסאַדאָרן? איז די מעשה אַ פשוטע: מיט אַ טאָג פריער, בעת מיין באַזוך אין דער ישראל־פאַרשטייערשאַפט, האָבן מיר די ישראל דיפּלאָמאַטן ד. סאַטאַט און י. פרט מיטגעטיילט, אַז דעם קומענדיקן טאָג וועט פאָרקומען אַ „קאָקטייל־פּאַרטי״ לכבוד דעם גענעראַל־דירעקטאָר פון ישראלס אויסערן־מיניסטעריום, וואָס ווײלט איצט אין מאָסקווע אויף אַ קורצן באַזוך, ד״ר חיים יאַכיל. אָבער עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן אויסשליסלעך די אַמאַבאַסאַדאָרן פון אויסלענדישע מלוכות. מיר האָט זיך זייער נישט געוואָלט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט, איז מיר געקומען צו הילף דער שטעל־פאַרטרעטנדיקער געזאַנדטער פון ישראל ד. סאַטאַט מיט אַ זאָג: „אָבער אונדזערע פשוטע יידן רופן אייך דאָך „דער פליענדיקער

אַמבאַסאַדאָר״, — און ווער זאָגט עס, אַז מיט אַזאַ פּאָלקס־טיטל זענט איר נישט באַרעכטיקט צו קומען אויף דער אויפנאַמע? בקיצור — איר זענט איינגעלאַדן״.

אַלזאָ פאָר איך אין דער ריכטונג פון שמאָלן וועסנין־געסל, ווו אויפן געלבלעכן קליינעם מויערל פלאַטערט די ווייס־בלויע פאָן פון ישראל, — באַוואַכט פון דרויסן מיט גאַנצע דריי סאָוויעטישע פּאָליציי־אָפיצירן (אַזוי זענען באַוואַכט, אגב, אַלע אַמבאַסאַדעס אין מאָסקווע).

טרעף איך שוין אין אויפנעם־זאַל פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע עט־לעכע אַמבאַסאַדאָרן און די פאָרשטייער פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניס־טעריום. דאָ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג איז באַ־זונדערס פּילבאַר אין אַזעלכע ענינים, ווי דער „דיפּלאָמאַטישער פּראָטאָ־קאָל״, — אירע פאָרשטייער זענען ספּעציעל העפלעך אויף אויפנאַמעס. און אין זייער באַנעמונג, געשפּרעכן און שמייכלען וועט איר נ י ש ט באַמערקן, צי זיי זענען געסט אין אַ פריינדלעכער אָדער נישט־פריינד־לעכער אַמבאַסאַדע. איך האָב דעריבער מיט זיי געשמועסט אומגעשטערט. כאָטש איך האָב, פאַרשטייט זיך, קיין דראַסטישע פראַגן נישט באַרירט.

ספּעציעל אָנגענעם איז פאָר מיר געוואָרן דאָס געשפּרעך מיטן מעקסיקאַנער אַמאַבאַסאַדאָר גאַבליער לוטשיאַ. דערהערט פון מיר, אַז איך האָב פיל מאָל באַזוכט מעקסיקאָ און האָב ליב דאָס פּרעכטיקע לאַנד און זיין פאָלק, זאָגט לוטשיאַ אַ צעשטראַלטער:

„אויך מיר, מעקסיקאַנער, שאַצן דעם וווּנדערלעך אָרגאַניזירטן און אַזוי נוצלעכן פאַר אונדז קליינעם יידישן ישוב. צי קענט איר דעם פּראָ־פעסאָר סאָלאָמאָן קאַהאַן? ער און זיינע טאַלאַנטפולע זין זענען דאָך אַ שטאָלץ פאַר מעקסיקאָ: דער פאָטער אַ מוזיקאָלאָג,ביידע זין מאַכן באַ־רימט מעקסיקאָס נאָמען אויף זייערע אינטערנאַציאָנאַלע מוזיק־אַרויס־טרעטונגען. איך באַמי זיך איצט ברענגען דעם זון, דעם פּיאַניסט, אויף קאָנצערטן קיין מאָסקווע״...

איצט איז מיין ריי צו ענטפערן:

„פּראָפ. סאָלאָמאָן קאַהאַן איז דאָך מיינער אַ לאַנדסמאַן, — און איך קען די זין זיינע מיט זייער פאַנאַטיש־איבערגעגעבענער מאַמען, נאָך פון קינדווייז. איך וועל אייער מיינונג וועגן די מעקסיקאַנער יידן איבער־געבן צו טויזנטער לעזער אין מעקסיקאָ גופא, — עס וועט זיי פאַרשאַפן פאַרגעניגן״...

נאָך דעם באַקענט מען מיך מיטן אַמבאַסאַדאָר פון איראַן, — אַ פאַר־חלומטן יונגערמאַן מיטן אויסזען פון אַ פּאָעט.

האָב איך דאָך עטוואָס אומגעווײַנלעכס פאַר אים צו דערציילן: וועגן מײַן באַגעגעניש פּונקט מיט אַ יאָר צוריק (צום טאָג!) מיט זײַן מאַיעסטעט דעם פּערסישן שאַך אין פּאַלאַץ אין טעהעראַן און וואָס ער האָט דאַן גע־זאָגט וועגן זײַן באַציונג צו ישראל.

דער אַמאַבאַסאַדאָר־פּאָעט לויכט אויף, ווען ער הערט די ווירקלעך קלוגע ווערטער פון זײַן סוווערען: „אונדזער „ראָמאַן" מיטן פאָלק ישראל ציט זיך דאָך נאָך פון די צײַטן פון מײַן גרויסן פאָרגייער כורש מלך פרס, וועלכער האָט עזרהן געגעבן די מיטלען צוריקצוגיין און בויען ירושלים.. כאָטש פאָרמעל האָב מיר נישט קיין דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונג מיט ישראל, אָנערקענען מיר זי אָבער פאַקטיש, און צי איז נישט אַמאָל אַ ליבע אָן חופה־וקדושין שטאַרקער ווי אַ „געזעצלעכע הייראַט?"

ווען דער אַמבאַסאַדאָר דערהערט די דאָזיקע תשובה פון שאַך, וואָס פּאַסט זיך אַזוי אַרײַן גראָד דאָ, ווען ער איז געקומען אויף אַן אָפיציעלער אויפנאַמע פון אַ ירושלימער מיניסטער, רופט ער צו די אַמאַבאַסאַדאָרן פון איטאַליע, בורמאַ און יאַפּאַן און בעט מיך איבערחזרן דעם שאַכס דערקלערונג. אַלע לאַכן צופרידן און מען הייבט אויף די באָקאַלן, ווען איך רוף אויס: „פאַרן געזונט פון זײַן מאַיעסטעט דעם שאַך און פאַר מדינת ישראל!"

און שוין — חסל סידור מאָסקווע: איך מוז זיך איילן אויפן לופט־פּאָרט שערעמעטעוואָ, ווו אין אַ שעה אַרום וועט אַ ריזיקער דזשעט־עראָפּלאַן, איליושין־18, מיך פאַרטראָגן ווייט, ווייט, אַזש קיין קאַווקאַז, אין קוראָרט סאָטשי, די נייע „זומער־רעזידענץ" פון מאָסקווער מלכות.

מײַן באַגאַזש געפינט זיך טאָקע אין „אינטוריסט"־אויטאָ, וואָס האָט מיך געבראַכט אויף דער קורצער אויפנאַמע איז דער ישראל־אַמבאַסאַדע. און באַגלייט מיט ברכות פון מײַנע גאַסט־געבער, טראָג איך זיך אין געאייל איבער די נייע מאָסקווער פּראָספּעקטן אויפן וועג צום אַעראָפּלאַן. נאָך אַ בליק אויף די לאַנגע רייען נײַן־שטאָקיקע הײַזער, וואָס זענען אויס־געוואָקסן אין משך פון די לעצטע פינף יאָר; נאָך אַ ווונטש, אַז הלוואַי זאָל דער האַלבער מיליאָן מענטשן, וואָס מען האָט דאָ איבערגעפירט פון די ענגע, דושנע צימערן און כאַטעס — הנאה האָבן אין שלום און פּרנסה

פון די קליינע מאָדערנע דירות, און פאַרגעסן, וואָס שנעלער פאַרגעסן, אַז ערגעץ־ווו רייסן אויף אַטאָמישע באָמבעס די ערד און די הימלען.

— — — — — — — — — — — — —

עס פליען פאַרביי די נאַר וואָס צעבליטע וועלדלעך פון די בעריאָזעס מיט ווייסער קאָרע, וואָס דערוועקן אַזוי פיל זכרונות און סענטימענטן. און שוין בין איך אין אַעראָפּלאַן, וואָס שניידט דורך אַ גרויסן שטח פון ריזיקן לאַנד און וועט מיך דערטראָגן אַזש ביז די שניי־בערג פון קאַווקאַז, אַזש ביזן היטל פון קאַזבעק, ביי די ברעגעס פונעם בערג־קייט, וואָס ענדיקט זיך מיטן לעגענדאַרן חומשדיקן באַרג אַררט.

מיט מיר צוזאַמען טראָגן זיך אין די הייכן מער ווי הונדערט סאָוועטישע מענטשן — לערער און לערערינס, באַאַמטע און מיליטערלייט — אַלע מיט די אויסגעבענקטע „פּוטיאָווקעס" אין קעשענע („פּוטיאָווקע" איז אַ צייגעניש, אַז זיין אייגנטימער איז באַרעכטיקט צו געניסן פון אָפּרו און קוראַציע אין אַ געגעבענעם קוראָרט).

ווידער אַ מאָל קאָנט איר אין אַעראָפּלאַן זען, לויט דער קליידונג און באַנעמונג, אַז דעם סאָוועטישן מענטש לעבט זיך איצט בעסער ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק, כאָטש, פאַרשטייט זיך, אים איז נאָך וויט־ווייט פון דעריאָגן אין דריי יאָר אַרום דעם אַמעריקאַנער מענטשן, ווי עס האָט אונדז אַלעמען פאַרזיכערט כרושטשאָוו.

הגם, ביטע שיין, אדרבא, יאָגט אונדז אָן מיט עסן, מיט קליידונג, מיט דירות, אָבי נישט מיט אַטאָמישע באָמבעס, וואָס קאָנען אַפילו „אַ פליג נישט דורכלאָזן לעבעדיק אין די אייבערשטע שיכטן פון דער אַטמאָספערע" — אַ פיגוראַטיוו־באָמבאַסטישע באַרימעריי פון כרושטשאָוון, וואָס דערמאָנט אונדז אָבער דעם יידישן שפּריכוואָרט: „אַז מען לייגט זיך שלאָפן מיט הינט, שטייט מען אויף מיט פליגן".

אָבער דאָ צעזינגען זיך קינדער אין אַעראָפּלאַן, — אַ גרופּע קינדער, וואָס פאָרן אין אַ סאַנאַטאָריע אין סאָטשי. ווערט ווידער פול מיט האָפענונג די שטימונג. די קינדער זינגען וועגן פעלדער, וואָס ווערן מיט אַ גאָטרעגן באַזעטיקט, ווילט זיך דאָס מיר פאָלקסטימלעך־יידיש איבערזעצן:

„גאָט־גאָט, ברענג אַ רעגן, — פאַר די קליינע קינדערס וועגן".

פאַרשטייט זיך, אַז אין ליד איז נישט דערמאָנט „גאָט". זיי זינגען גאָר

וועגן אַ רעגן אויף די פּרידלעכע פעלדער פון פאָטערלאַנד — אָבער דער מיין איז דער זעלבער.

„שלום אויף דער וועלט, פאַר די קליינע קינדערס וועגן".

— — — — — — — — — — —

מיר גיבן זיך נאָך אַ דריי איבערן מאָלערישן סוכום, — די שטאָט אויף דעם שוואַרצן ים, ווו אַ גרויסער טייל פון מיין משפחה האָט געוווינט ביז דער רעוואָלוציע. זיי זענען געווען רייכע טאַבאַק־פּלאַנטאַטאָרן. פלעגן זיי שיקן זייערע ייִנגלעך, — מאָדנע אָנגעטאָן אין טשערקאַסישע שינעלן, מיט קליינע קינזשאַלן אויפן זילבערנעם פּאַס, — צו אונדז קיין ביאַליסטאָק.

די ייִנגלעך האָבן קיין ייִדיש נישט גערעדט, האָט מען זיי אין אונדזערן אַ חדר אַריינגעגעבן, תורה און ייִדישקייט געלערנט. אין דער היים זענען זיי אויסגעוואַקסן אַלס גרוזינישע סאָציאַליסטן. ניין, קיינער פון זיי איז נישט געבליבן אין סוכום, — אַ שטאָט, וועלכע איז געווען לעגענדאַריש ווייט פון אונדז — זעקס טעג מיט דער באַן. איצט בין איך דערפלויגן צו איר אין צוויי שעה פון מאָסקווע.

מיר לאַנדן אויפן לופטפּאָרט אַדלער, און דורך פּאַלמען, וועלדלעך און ווייסע ליימענע דערפלעך פאָרן מיר מיטן אויטאָמאָביל צום כּישופדיקן סאָטשי, ווו מיר קומען אָן שוין אין אָוונט.

ווי אַ חלום אין אַ זומער־נאַכט, אַזוי שיינט אַרויס סאָטשי פון די ציפּרעס־ביימער, וואָס רינגלען אַרום דעם פאַרשוימטן שפּיגל פון שוואַרצן ים.

עס אָטעמען די בערג מיט קילקייט און אַ ים פון עלעקטרישע ליכט פאַרגיסט די יונגיטשקע שטאָט. פון די ווייסע פּאַלאַצן אַרום, — די סאַנאַטאָריעס „מעטאַלורג", „אָרדזשאָניקידזע", „אַרמיי און פלאָט" און נאָך אַנדערע צענדליקער לוקסוס־געביידעס אין פאַרשידענע סטילן, — קלינגט אַרויס מוזיק, הערן זיך געזאַנגען. עס איז די צייט פאַר די אָוונט־קאָנצערטן וואָס קומען פאַר אין יעדער פון זיי.

מאָרגן דאַרף אָהערקומען אונדזער פּרעזידענטס סעקרעטאַר, פּיער סאָלינדזשער. אַ צימער פאַר אים איז גרייט בשכנות מיט מיינעם אין אונדזער פּאַלאַציקן האָטעל. נעכטן אָבער איז פון דאַנען אָפּגעפלויגן קיין בולגאַריע כרושטשאָוו. אַ שאָד. געהאָפט אים טרעפן...

אין סאָטשי

איך בין אָנגעקומען קיין סאָטשי אין פרילינג־סעזאָן, ווען די סוב־טראָפּישע פאַרקן האָבן זיך שטורמיש און פאַרביק צעבליט, און זיי האָבן מיך געהאַלטן אין אַ האַלב־פאַרשיכורטן צושטאַנד די גאַנצע וואָך.

אין אינטוריסט־האָטעל — אַ געביידע, איבערגעמאַכט פון אַן אַלטן פירשטלעכן פּאַלאַץ, אײנער פון די ווייניקע, וואָס זענען געבליבן פון אַמאָל — האָט מען מיר געגעבן אַ באַקוועם צימער מיט אַ ווערענדע, וואָס איז געהאָנגען איבערן שוואַרצן ים. די ווערענדע איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַן אָרקעסטער פון אַ פופציק קלעזמאָרים וואָלט זיך דאָרט געקאָנט געראַם אויסזעצן. ווען איך האָב זיך פון מיין ווערענדע פאַרקוקט אויף די קלאָרע וואַסערן פון ים, האָב איך געטראַכט וועגן די פּאַראַדאָקסן מיט די נעמען, וואָס מענטשן האָבן געגעבן ימען אויף דער ערד. אָט איז דער „שוואַרצער" ים גאָר גרין. און פאַר אַ יאָרן האָב איך זיך געשפּיגלט אין „רויטן" ים לעבן אילת, איז ער גאָר העל־בלוי. און מיט יאָרן צוריק בין איך גע־שווימען איבערן „ווייסן" ים (אין צפון־רוסלאַנד), איז ער גאָר טונקל־גרוי.

כאַפּט מיך פלוצלינג אָן אַ חשק צו דינגען איינס פון די מאָטאָר־שיפלעך, וואָס שניידן די כוואַליעס, און זיך אַ לאָז צו טאָן צו יענע אומ־באַקאַנטע ווייטקייטן, ווו די גאָלדענע וואָלקנדלעך נעכטיקן אויף אַ גיגאַנ־טישן פעלדז.

דינג איך אַזאַ שיפל (פאַר אַרום פינף דאָלאַר אַ שעה), און איך הייס דעם „גאָנדאָליער" זיך יאָגן אָט צו דעם דאָרטן־דאָרטן, ווו דער פעלדז שטייט, אָט אין דער ריכטונג צו גאַגרי, ווו עס וווינט כרושטשאָוו, וועלכער איז גראָד נעכטן אַרויסגעפלויגן פון זיין אָדלער־נעסט.

יאָגט זיך דאָס שיפל מיט אַזאַ שנעלקייט און קראַפט, אַז עס פאַר־כאַפּט און פאַרהאַלט דעם אָטעם אין דער ברוסט. פייפט דער ווינט, און די אויגן ווערן אַזש פאַרטונקלט פון די פאָנטאַנען מיט קאַלטע וואַסער־שפּריצן וואָס הייבן זיך אַרום אונדזער מאָטאָר־שיפל.

דוכט זיך מיר, אַז דאָס מאַך איך איצט דורך די רייזע פון די גאַנצע פערציק יאָר, וואָס איך בין דאָ נישט געווען — די פערציק שטורמישע יאָרן פון וואַנדערן פון קאַווקאַז ביז ניו־יאָרק און פון ניו־יאָרק אַרום דעם ערד־קיילעך. לעב איך איצט דורך, מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווידער אָט די

אַלע מיט יוגנט, מיט געלעכטער, מיט אומעט און מיט בלוט דורכגעלעבטע לעצטע פערציק יאָר. איך האָב דעמאָלט, אויף דעם זעלביקן קאַווקאַז, אין פּיאַטיגאָרסק, געזען הענגען אויף דעם באַרג דריי צאַרישע גענעראַלן, איינער פון זיי, דער הויפּט־קאָמאַנדיר גענעראַל רוזסקי. און ווען איך בין אַנטלאָפן פון דאָרט קיין כאַרקאָוו, האָב איך געטראָפן הענגען אין צענטער פון שטאָט (טעוועלעוו־פּלאַץ) דריי קאָמוניסטישע פירערס... בין איך אַנט־לאָפן פון די מאַקאַברישע תליות קיין וואַרשע, און דאָרט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם אַ צוויי צענדליק יאָר. איז געקומען היטלער... און ווייטער ווייסט איר אַלץ — אַלץ איז מיטן ווינט אַוועק, אָט מיט דעם ווינט, וואָס פייפט איצט אַזוי אומדערטרעגלעך שאַרף אין מיינע אויערן...

זינגט עפּעס דער מאַטראָז, וואָס טרייבט מיין שיפל. שריי איך איבער מיט די קלינגענדיקע פערזן פון דעם פּאָעט מינסקיס ליד:

„ווי פייגל זענען מיר דורכן לעבן געפלויגן,
און אַלץ איז שוין הינטער אונדז:
יוגנט און פרייד און קאַמפן און האָפענונגען.
און די האָר זענען ווייס געוואָרן,
און די אויגן טונקעלער,
און דער ענדציל איז שוין נאָענט, אַזוי נאָענט...״

פּלוצלינג שטעלט זיך שאַרף אָפּ דאָס שיפל. מיר זענען צוריק אין סאָטשי. און עס איז גאָרנישט דער סוף. דער וועג ליגט נאָך אַלץ ברייט פאַר אונדז און האָפענונג שיינט נאָך העלער, ווי דאָס גאָלדענע וואָלקנדל אויף דער ברוסט פון גיגאַנטישן פעלדז...

ווי זינגט דער אומפאַרגעסלעכער קאַטשערגינסקי:

„ווייל יונג איז יעדער, יעדער, יעדער,
ווער עס וויל נאָר, —
יאָרן האָבן קיין באַדייט...״

שפּריַיז איך איבער די אַספאַלט־וועגן פון סאָטשי, פון דער דאָזיקער יונגער שטאָט, דורך וועלכער אַ האַלבער מיליאָן מענטשן גייען דורך יעדעס יאָר, און זיי זוכן רו, זיי זוכן אַ רפואה פאַר דער נשמה און פאַרן גוף.

אין פופציק סאַנאַטאָריעס, יעדע געבויט אין אַנדערע אַרכיטעקטאָנישע ליניעס, אָבער אַלע מאָדערן אויסגעשטאַט, זוכן די קראַנקע און שוואַכע גענעזונג. די דאָזיקע געביידעס געהערן מערסטנטיילס צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען אָדער צו דער אַרמיי און צום פּלאַט. צאָלט דער אַרבעטער בלויז איין דריטל פון דעם באַשטימטן פּרייז (צוויי רובל אַ טאָג). דאָס איבעריקע דעקט דער פאַראיין.

(לויט דער סאָוויעטישער סטאַטיסטיק ווערן פינף מיליאָן אַרבעטער געשיקט יעדעס יאָר קיין קאַווקאַז, קרים און אין די קורערטער ביים באַלטישן ים).

אין יענעם קאַווקאַז, וואָס איך געדענק פון די צאַרישע צייטן — אין קיסלאָוואָדסק, זשעליעזנאָוואָדסק, אין עסענטוקי, אָדער אין דעם זעלביקן סאָטשי, דעמאָלט אַ שטעטל פון אַן ערך זיבן טויזנט נפשות — זענען אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן פאַרן אַרבעטנדיקן מענטשן געווען אוממעגלעך.

די ריזיקע סאַנאַטאָריע אַנטקעגן מיין האָטעל „מעטאַלורג״, איז באַשטימט פאַר די אַרבעטער פון דער שווערער מעטאַל־אינדוסטריע. עס געפינען זיך דאָרט אַרום טויזנט אַרבעטער מיט אַ מאָל. זיי בלייבן דאָרט פון צוויי ביז דריי וואָכן.

אַ ליכטיקייט פון זון און פון גרינס און פון ווייסן מאַרמאָר באַגיסט דעם פּאַלמען־גאָרטן מיט די ברייטע טרעפּ, וואָס פירן אַרויף צו דער סאַנאַטאָריע. איך גיי אין דער באַגלייטונג פון צוויי אַמעריקאַנער דאַמען, וואָס רעדן ענגליש אויפן קול. איך באַמערק, ווי אַ רוסישער סאַנאַטאָריע־באַאַמטער גייט אונדז דיסקרעט נאָך, און ער גיט זיך שנעל אַ יאָג פאָרויס אויף די טרעפּ. דאָרטן אויבן שטייט אַ גרופּע אין ווייסע כאַלאַטן, ווייזט אויס דאָקטוירים. טיילט זיך פון דאָרט אָפּ איינער און גייט אונדז אַנטקעגן.

עפּעס הייבט מיר אָן נישט צו געפעלן די אָנגעבלאָזענע פּאַראַדנעקייט אַרום אונדז. מען קוקט אַרויס פון די פענצטער. אַ קראַנקן־שוועסטער, מיט אַ בוקעט בלומען, הייבט זיך אָן אַראָפּצולאָזן פון די טרעפּ אונדז אַנטקעגן.

איינער פון די אין ווייסע כאַלאַטן שטעלט זיך פאָר אונדז פאָר אין רוסיש אַלס דער הויפּט־דאָקטער, און אין אַ פייערלעכן טאָן באַגריסט ער מיך אַלס דעם סעקרעטאַר פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער פּרעזידענט, אַלס דעם טייערן גאַסט פון סאָטשי, פּיער סאַלינדזשער...

מילא, עס איז נישטאָ שוין מער צו פיל צו דערציילן. דער „סעקרעטאַר פון פּרעזידענט״ קלערט גלייך אויף דעם טעות, און ער שטעלט זיך פאָר אַלס אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט.

דער דאָקטאָר לאַכט זיך גוטמוטיק פונאַנדער. אָבער די בלומען ווערן געהאַלטן אין רעזערוו. טאָמער וועט טאַקע דער ריכטיקער סעקרעטאַר באַלד אָנקומען.

אפשר וואָלט אַן אַנדערער אויף מיין אָרט דאָ איבערגעחזרט די סצענע מיט גאָגאָלס „רעוויזאָר״. אָבער יענע צייטן פון ניקאָליי דעם ערשטן זענען שוין לאַנג פאַרביי! אין צען מינוט אַרום וואָלט אַ פאַלשער „סעקרעטאַר פון פּרעזידענט קענעדי״ זיך געקייקלט פון אַלע טרעפּ אַראָפּ, אַ קימאַ־לן פון זעכציק מאַרמאָרנע טרעפּ...

אָבער אונדז האָט מען זייער האַרציק אויפגענומען. מען האָט אונדז געוויזן די אַלע איינאָרדענונגען פון דער סאַנאַטאָריע, די עלעקטרישע קאַבינעטן, די זויערשטאָף־וואַזעס, די רחבותדיקע עס־ און שלאָף־צימערן, ווי אויך די הענגענדיקע „אייזנבאַן״, וואָס ברענגט די פּאַציענטן פון אָט אַזאַ הויך דירעקט צו דעם ים אונטן און צוריק.

און אַרום זעען מיר אַרבעטער מעטאַלורגיסטן, פון סיביר און פון דער וואָלגע־געגנט, אויסגעהאָרעוועטע געזיכטער פון מענער און פרויען, געקליידט מער ווי באַשיידן, מיט וויניק געלעכטער אָדער שמייכל אויף די ליפּן. זייער אויסזען איז אין קאָנפליקט מיט דער פריילעכער נאַטור אַרום. אָבער, אַז מען רעדט צו זיי, פילט מען אַ האַרציקייט און גוטמוטיקייט — און מיט פילליידן הינטער זיך.

מיר זענען איינגעלאַדן צו אַ קאָנצערט אין טעאַטער־זאַל פון „מעטאַלורג״, אין דעם זעלביקן אָוונט. די „סצענישע״ כוחות באַשטייען אויסשליסלעך פון די אַרבעטער־פּאַציענטן. און אַזוי פיל טאַלאַנטן, אַזוי פיל געזאַנג. דער פילהונדערטקעפּיקער עולם אין זאַל טרייסלט זיך פון געלעכטער, ווען די קאָמיקערס דערציילן זייערע וויצן. דאָס איז אַ שטאַרק און געזונט רוסיש געלעכטער, וואָס איר הערט אָבער אַזוי זעלטן מחוץ די טעאַטער־זאַלן.

— — — — — — — — — — — — —

יאָ, איך האָב זיך באַגעגנט מיט יידן. דער הויפּט־דאָקטער פון דער גרעסטער סאַנאַטאָריע אין סאָטשי איז אַ בעסאַראַבער ייד, ד״ר יוסף

בערשאַדסקי, און עס זענען פאַראַן ווייניקסטנס נאָך אַ פּופציק יידישע דאָקטוירים אין סאַטשי.

אָבער ליידער: איך וועל נישט אימשטאַנד זיין אָנצורופן די נעמען פון די, מיט וועמען איך האָב געשמועסט. איין אויסנאַם וועל איך מאַכן: דאָס איז דער טייערער שאָפער־אינזשעניר יוסף ניסנבוים, וועלכער האָט דאָס מיר דערלויבט צו טאָן, און ער מיט זיין פרוי האָבן מיך אַפילו באַזוכט אין מיין האָטעל־צימער.

ער האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט אַ גרויסן גאַסט אויף אַ וויילע: מען האָט דערלויבט זיין פאָטער, אַ פרומען יידן פון קרית־שלום, אין תל־אביב צו קומען באַזוכן זיין זון אין סאַטשי. לכתחילה האָט יוסף ניסנבוים אַליין געבעטן אַ דערלויבעניש צו פאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן צו זיין פאָטער אין מדינת־ישראל. ער האָט געוואָלט איבערלאָזן אין סאַטשי זיין ווייב און זיין זונעלע. האָט מען געזאָגט:

„איר זענט אַן ערשטקלאַסיקער ספּעציאַליסט. מיר דאַרפן אייך האָבן דאָ. זאָל אייער פאָטער קומען צו אונדז".

איז ער דאַנקבאַר פאַר דעם חודש, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט זיין פאָטער אין סאַטשי.

ווי אַזוי האָב איך זיך באַקענט מיט יוסף ניסנבוימען? ווען איך בין אַרויס פון וואָקזאַל, האָב איך דערזען אַ גרויסן, ווייסן טוריסט־אויטאָ־מאָביל. זענען דאָרטן געזעסן אַרום דרייסיק מענטשן אין באַקוועמע פלעצער. געווען נאָך דאָרט אַ פּאָר פרייע פלעצער. ווענד איך זיך צום שאָפער נאָך אַ דערלויבעניש מיטצופאָרן. קוקט מיך דער שאָפער שאַרף אָן. ער גייט אַרויס פון דעם אויטאָמאָביל, און ער גיט אַ פרעג אין יידיש:

„פון וואַנען קומט אַ ייד?"

זאָג איך אים דעם אמת. ענטפערט ער מיר, אַז דאָס פירט ער איצט קיין גאַגרי די זיכערקייטס־וואַך פאַר די גאָר הויכע רעגירונגס־מענטשן.

„איך גלייב נישט" — דערקלערט ער מיר — „אַז איר וועט זיין אַ פאַסיקע געזעלשאַפט פאַר זיי..."

האָב איך מיט אים גלייך מסכים געווען. איז ער מיט זיין יונגער און חנעוודיקער פרוי געקומען מיך זען דעם זעלביקן אָוונט. און מיר האָבן פיין פאַרבראַכט.

יוסף ניסנבוים איז אַ קוואַליפיצירטער שאָפער־מעכאַניק, און ער וועט באַלד קריגן זיין אינזשעניר־דיפּלאָם (ער לערנט זיך אויף אָוונט־קורסן).

זיין פרוי איז אַ נייטאָרין, צוזאַמען פאַרדינען זיי אַרום 250 רובל (275 דאָלאַר) אַ חודש. דאָס איז טאָפּלט פון דעם, וואָס עס פאַרדינט אַ דאָקטער אין אַ סאַנאַטאָריע אין סאָטשי. מען לעבט נישקשהדיק. זייער יינגעלע איז 9 יאָר אַלט. ניין, ער איז נישט געמלט. קיין איינציק יידיש יינגעלע אין סאָטשי איז נישט געמלט. עס איז פאַרווערט. פאַר אַ קריסט איז לייכטער אָפּצוהיטן זיין רעליגיע. די מאַמע, אָדער די באָבע, ברענגט דאָס קינד צום טויפן אין דער קירכע. שניידן דאַרף מען דאָך נישט. מעג מען. כמעט אַלע „זייערע״ טוען דאָס. (אין דער דאָרטיקער צייטונג איז געווען געשריבן, אַז דער הכנסה־שטייער פאַר דער מלוכה פון דער קירכע אין סאָטשי האָט אין יאָר 1961 באַטראָפן דריי הונדערט טויזנט רובל. דאָס איז אַ סימן, אַז דאָס איז אַ גוט געשעפט...).

בסך־הכל וווינען אין סאָטשי אַרום זיבעציק יידישע משפחות. די מערסטע פון זיי זענען פּראָפעסיאָנאַלן: דאָקטוירים, אינזשענירן און בוכהאַלטערס. יעדן באַזונדער לעבט זיך נישט שלעכט. אָבער קיין פּלאַץ ווו צו דאַווענען איז נישטאָ. ווען עס קומען די ימים נוראים (זיי רופן דאָס אין די קורערטער „דער סעזאָן פון אברהם אבינו״, און דער דאָזיקער נאָמען האָט זיך אָנגענעם איינגעקריצט אין מיין זכרון), באַמיט מען זיך, אַז די אָרטיקע מאַכט זאָל „צומאַכן אַן אויג״ און נישט דערזען, אַז יידן דאַווענען אין אַ מנין.

פאַר אַ יאָרן אָבער האָט זיך דאָס נישט איינגעגעבן.

„עס איז דאָך קעגן געזעץ״ — האָט מיט דער גאַנצער נאַיווקייט אַ זאָג געטאָן מיין מיטשמועסער.

אָבער אויף די לעצטע ימים נוראים איז גראַד קיין סאָטשי געקומען זיך היילן אַ גרויסער חזן, און ער, יוסף ניסנבוים, איז געגאַנגען ווו מען באַדאַרף, און ער האָט אויסגעפּועלט אַ „האַלבע״ דערלויבעניש. האָט מען געמאַכט זיך נישט זעענדיק, כאָטש די שטימע פון דעם חזן האָט אָפּגע־הילכט אין די בערג אַרום... עס זענען געקומען אַרום הונדערט מענטשן דאַווענען אין דעם שטיבל און אין גאָרטן. עס זענען אויך געקומען אַלע קינדערלעך, די „ערלימלעך״, וואָס קענען קיין „אלף־בית״ נישט און זיי האָבן נישט ווער עס זאָל מיט זיי לערנען.

ווען מען האָט פאַר אַ יאָרן נישט דערלויבט קיין מנין, האָט אַ ייד אַוועקגעשטעלט אין די ימים נוראים אַ פּאַטעפאָן מיט די פּלאַטן פון ריטשאַרד טאַקער, משה קוסעוויצקי, און אויך פּלאַטן מיט לידער פון

סידאָר בעלאַרסקי (אַלץ מתנות פון אַמעריקאַנער קורגעסט). די דאָזיקע פלאַטן האָט ער געלאָזט שפּילן אין אַ גאָרטן פון אַ סאַנאַטאָריע פאַר באַנק־באַאַמטע, ווו עס האָבן זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן א סך יידן.

אויף צו מאָרגנס זענען אין יענעם גאָרטן שוין געווען אַרום הונדערט יידישע געסט פון אַנדערע סאַנאַטאָריעס. די פלאַטן האָבן געשפּילט און די געסט האָבן געוויינט...

אַ טאַטע האָט געהאַלטן אַ יינגעלע אויף די הענט, און ער האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

„וואָס, שלמהלע, וועט זיין פון דיר דער תכלית ?..."

דער ייד, וואָס האָט דאָס מיר דערציילט, וווינט אין אַ ווייטער שטאָט. ער איז געפאָרן מיט מיר הויך־הויך אין די בערג. גערעדט האָט ער האַסטיק, אין אָפגעריסענע פראַזן:

„...איך הער די שטימע פון דער „מאַמען" אַ פאָר מאָל אַ וואָך, און איך ווייס וואָס זי מאַכט... מען רייסט זי זייער אָפּט איבער... אָבער אַ סך הערן זי און קיינער גלייבט נישט די בלבולים פון די שונאים..."

„בעת דעם סעזאָן פון אברהם אבינו" — האָט דער ייד ווייטער גערעדט — „ווען עס קומען דאָ אַהער אַזוי פיל פון אחינו בני ישראל, טוליען מיר זיך איינער צום צווייטן. אָבער דאָך איז די מורא צו רעדן געננוג גרויס. מען געטרויט זיך נישט... די הויפּט־באַשולדיקונג קעגן אונדז איז, אַז מיר זוכן לייכטע פרנסות. אָבער ז י י אַליין, די „צדיקים", די מערהייט פון זיי, גנבענען דאָך אויף פאַרשידענע אופנים, און זיי וואַגן נאָך אַלץ אַרויסצושטעלן ווי די הויפּט־שולדיקע די יידן... לעצטנס איז צוגעקומען נאָך אַ באַשולדיקונג: מיר, יידן, ווילן אַ מלחמה... דער אמת אָבער איז, אַז אַלע דאָ ווילן שלום, און מיר, יידן, מער פון אַלע. נישקשה, מיר געדענקען נאָך די מלחמות..."

דער אויטאָבוס דראַפּעט זיך אַלץ העכער אין די בערג. די פרעכטיק־גלייכגילטיקע נאַטור הערט זיך נישט צו צו דעם טרויעריקן שעפּטשען פון מיין שכן. זי שמייכלט מיט טויזנטער בלומען און פאַרבן.

— — — — — — — — — — — — —

נישט ווייט פון סאָטשי איז די שטאָט, ווו אַ טייל פון מיין משפחה האָט געלעבט: סוכום. פון אַ ווייטער באָבען האָט פון דאָרטן אין מיינע אָדערן אַריינגעשטראָמט הייס יידיש־גרוזיניש בלוט. אָבער איך האָב נישט

קיין דערלויבעניש דאָרט אַהין צו פאָרן. קיין קרובים האָב איך שוין דאָרטן אויך נישט מער. אָבער אַ באַגעגנטער ייד דערציילט מיר:

„עס וווינען ביי אונדז אַרום דריי הונדערט יידישע משפּחות. אין קאַווקאַז, ווי איר ווייסט, איז די באַציונג צו דער יידישער רעליגיע מער ליבעראַל. האָבן מיר טאַקע צוויי קליינע שולן: אַ ספרדישע, פאַר די קאַווקאַזער יידן; און אַן אשכנזישע, פאַר די יידן, וואָס זענען אַהער אַנטלאָפן בעת דער מלחמה פון אוקראַינע״.

„די קאַווקאַזער יידן״ — דערציילט דער ייד ווייטער — „זענען פרום, און יעדן טאָג דאַוונט מען מיט מנין. ביי די אשכנזים גייט דאָס שוין צו שוואַכלעך, און בלויז אין די ימים נוראים קומען זיי אין אַ גרעסערער צאָל״.

„אַ העלפט פון די פּראָפעסאָרן״ — האָט מיין אינפאָרמירער פאַרענדיקט — „אין אונדזער קליינעם אוניווערסיטעט זענען יידן. אָבער פאַר אַ פרעמדן יידישן סטודענט איז איצט נישט לייכט אַנצוקומען דאָרטן. עקאָנאָמיש לעבט זיך יידן געוויס נישט ערגער, ווי זייערע גרוזינישע און רוסישע שכנים...״

— — — — — — — — — — — — —

איך שטיי איצט אויף דעם שפּיץ פון אַ באַרג, און איך קוק אַראָפּ אין די וואַסערן פון דער אַזיערע ריטסאַ. די „סצענע״ אַרום: מיט גרינס באַוואַקסענע פעלדזן און טיפע אָפּגרונטן. דאָס וואַסער פון דער ריטסאַ איז אומבאַוועגלעך, טיף־בלוי. די זון פאַרגייט איבער די שנייען פון באַרג אַדזשעפּסטאַ און זי באַשפּריצט מיט בריליאַנטענע פונקען דעם שטילן וואַסער־שפּיגל.

ווי האָט געזאָגט דער גרויסער לערמאָנטאָוו:

„אַ, קאַווקאַז! ווער ס׳האָט דיך איין מאָל נאָר געזען, —
וועט דיך שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן!״

יידן לעבן נאָך אַלץ אין שרעק

די איצטיקע רייזע מיינע איבערן שטח פון ראַטן־פאַרבאַנד איז געפּלאַנעוועט געוואָרן ספּעציעל צו באַזוכן די קורערטער אין קאַווקאַז, קרים און צום ריגער ים־ברעג. די קורצע באַזוכן אין לענינגראַד, מאָסקווע, ריגע, ווילנע, הגם זיי האָבן מיר געגעבן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל, זענען אָבער געווען פון אַ דורכרייז־נאַטור — נישט דער עיקר פון מיין ציל. און וואָס איז געווען דער ציל? ווי שטענדיק, ווי בעת מיינע רייזעס איבער דער גאַנצער וועלט, זיך טרעפן און באַקענען מיטן לעבן פון דורכשניטלעכן יידישן מענטשן, נישט דווקא מיטן רב, מיטן רעדאַקטאָר און מיטן פּאַרטיי־פאַרשטייער.

אין ראַטן־פאַרבאַנד קאָן מען אָבער נישט וויסן, וועמען מען קען באַזוכן און וועמען איבערשרעקן. גיין גלאַט צו יענעם אין שטוב, נישט אָנפרעגנדיק פריער, קאָן זיין אומאָנגענעם. אמת, די מורא איז אומעטום שוואַכער ווי זי איז געווען בעת מיינע פריערדיקע וויזיטן, אָבער די מורא עקזיסטירט און זי קוקט אויף אייך מיט טויזנטער דערשראָקענע אויגן.

עס איז אמת, אַז ביי נישט־יידן, ספּעציעל ביי דער יוגנט, — האָב איך אַפילו באַמערקט אַ מין „בראַוורישקייט" אין וועלן רעדן מיטן אויסלענדער, אין חשק צו דיסקוטירן מיט אים, — אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט מיר געררייצט: „ביסט אַן אַמעריקאַנער? אויסגעצייכנט! איז פאַר וואָס ווילט איר מלחמה? איז פאַר וואָס „לינטשט" איר די נעגערס? און פאַר וואָס מאַכט איר אַטאָמישע אויפרייסן?"

מען זעט, אַז דער יונגערמאַן גלייבט גאָר אַליין נישט צו פיל אין דער אמתדיקייט פון זיינע פראַגן, — אָבער ער רופט מיך אַרויס אויף קלאָרע דיבורים.

ענטפער איך, לייקן אָפּ זיינע אינפאָרמאַציעס, דערצייל אים אויך וועגן די אַטאָם־אויפרייסן, וואָס זיי מאַכן דאָ די ערשטע.

און מען זעט, אַז מיין פרעגער האָט הנאה פון אַ דרייסטער תשובה, וויל וויסן און הערן וואָס מער. אין דער היינזיכט האָב איך באַמערקט אַן אַלץ וואַקסנדיקע כוואַליע פון נייגער און פון פראַגן אָן מורא.

נישט אַזוי איז מיט יידן: גראָד אין לעצטן יאָר, אין שייכות מיט די עקאָנאָמישע פּראָצעסן, מיט די טויט־שטראָפן, מיט די יידישע נעמען,

וואָס גייען נישט אַראָפּ פון די צייטונגס־שפּאַלטן, מיט די אַטאַקעס קעגן ישראל — האָט ביי יידן ווידער אַ מאָל אויפגעוואַכט אַ געפיל פון אינער־לעכער אומזיכערקייט און מורא. נאָך מיט צוויי יאָר צוריק איז די שטימונג ביי יידן געווען אַ פריילעכע, — איצט אָבער נישט. איך האָב זיך אינטע־רעסירט מיט דער שטימונג ביי דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט, געפרעגט ביי זייערע טאַטעס, מיט וועלכע איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט פרייער צו שמועסן. די תשובה איז געווען:

„אונדזערע קינדער פילן זיך באַליידיקט, צוריקגעשטויסן, אַרומגע־רינגלט מיט אומצוטרוי מצד אַ סך פון זייערע קאָלעגן״.

ניין, דאָס איז נישט די אַזוי־גערופענע קרענקלעכע יידישע „עמפּינד־לעכקייט״, — דאָס איז אַ פּועל יוצא פון דער פּרעסע־קאַמפּאַניע אין משך פון לעצטן יאָר, ספּעציעל אין אוקראַינע, בעסאַראַביע, ליטע.

די געלעגנהייט אַ ביסל טיפער אַריינצוקוקן אין יידישן לעבן אין רוסלאַנד האָבן מיר געגעבן די עטלעכע וואָכן פאַרברענגען אויף די שפּאַ־ציר־אַלעען אין די קאַווקאַזער בערג און ביים שוואַרצן ים אין קרים, דאָרט וועט איר געפינען אַ באַדייטנדיקע צאָל פון אונדזערע „אחינו בני ישראל״ ביים פאַרברענגען זייערע וואַקאַציעס, סיי אַלס „פּאַציענטן״ פון זייערע פאַראיינען, סיי פּריוואַט, ווען זיי זענען שוין אויף פּענסיע. מען זעט זיך ביים שפּאַציר און מען דאַרף נישט קלינגען דורכן טעלעפאָן און זיך נאָכ־פרעגן אויב מען קאָן קומען. דאָ, אונטערן פרייען הימל, זענען פאַראַן געלעגנהייטן צו זען זיך אויך מיט מענטשן פון ווייטע שטעט און שטעט־לעך, ווו מיר, אויסלענדישע טוריסטן, האָבן גאָר קיין צוטריט נישט.

דאָ, אגב, איז דער מענטש מער אויפגעלייגט צו שמועסן און די מורא איז אויך נישט אַזוי גרויס: אָפּט מאָל זענען עדות צו אַזאַ געשפּרעך נאָר הימל און וואַסער — און זיי וועלן נישט לויפן מסרן אין פּאָליציי...

האָב איך זיך באַגעגנט מיט הונדערטער יידן פון אַלע טיילן פון ראַטן־פאַרבאַנד און געשמועסט. איך וועל נישט גאַראַנטירן, אַז צווישן מיינע מיטשמועסער זענען נישט געווען קיין געהיים־אַגענטן, וואָס האָבן גערעדט אַ גוטן יידיש. איינער איז געזעסן לעבן מיר אין יאַלטאַ אויפן באַנק ביים ים־ברעג און דערציילט נסים ונפלאות ווי עס לעבט זיך יידן אין יעווּפּאַ־טאָריע (אַ שטאָט אין קרים, דאָ נישט ווייט).

גראָד קען איך יעווּפּאַטאָריע פון מיין זיין דאָרט נאָך אין יאָר 1916. איז געווען אַ נחת רוח צו הערן זיין אומוואָרשיינלעכע דערציילונג, אַז די

עטלעכע טויזנט יידן דאָרטן לעבן זיך אויס פריי און אַז די אַמאָליקע שיינע סינאַגאָגע שטייט פאַר זיי אָפן און אַלע רעגירונגס־שטעלעס — געוויס. אגב, ווייזנדיק אויף זיינע נייע שיינע שיך, זאָגט ער: „און דאָס קאָסט ביי אונדז נאָר זיבן רובל".

האָב איך אָבער דעם זעלבן אָוונט געהאַט די פולע אַנטוישונג. אַנדערע יעוופּאַטאָרער יידן זענען מיט מיר געזעסן אויפן באַנק און מיר אויפגעקלערט: „מיר האָבן איך געזען זיצן מיט יענעם פאַרשוין פון אונדזער שטאָט. דאַרפט איר אָבער וויסן, אַז ער איז אַ הויכער באַאַמטער פון ראָוונע, וואָליק. ער איז געווען גאָר שלעכט אין סטאַלינס צייטן, — נישט בעסער אויך איצט. איז מיידן מיר אים אויס. וואָס האָט ער אייך דערציילט?"

און ווען איך גיב זיי אַלץ איבער, לאַכן זיי זיך פונאַנדער: „די סינאַגאָגע־געביידע האָט מען אונדז געצוווּנגען צו פאַרקויפן. ווען מיר האָבן געוואָלט צעטיילן דאָס געלט אויף צדקה צווישן די אָרעמע און אַלטע יידן, האָט מען נישט דערלויבט, און די סומע איז אַריבער אויף אַלגעמיינע צוועקן. ווען מיין טאָכטער, אַ געענדיקטע בוכהאַלטעריך, איז געקומען מיט אירע פּאַפּירן בעטן אַ געוויסע שטעלע, האָט מען איר טאַקע גלייך אָנגענומען, אָבער אויף מאָרגן, נאָך דעם ווי מען האָט בעסער נאָכגעקוקט די פּאַפּירן, זי אָפּגעזאָגט... און אָנגענומען נאָך דעם זעלבן טאָג אירס אַ חברטע אַ קריסטין. ווייל די שטעלע איז געווען אין „גאָרקאָם", און דאָרט וויל מען אונדז נישט האָבן.

מיין טאָכטער אַרבעט איצט אין אַ פאָרם־מאַגאַזין פאַר 35 רובל אַ חודש (40 דאָלאַר). אַזוי פיל קאָסט דאָס קליידל, וואָס זי טראָגט איצט אויף זיך... אַז מען קלאָגט זיך אויף די קליינע געהאַלטן, הערט מען אַ תשובה: „אייך, יידן, ווילט זיך לייכט לעבן, לייכטע פאַרדינסטלעך כאַפּן".

דאָס איז נאָר איין ביישפּיל ווי איך בין שיער נישט געפאַלן אַ קרבן פון אינפאָרמאַציע (די שיך פון יענעם ייד קאָסטן 30 רובל און נישט זיבן...).

פון דער אַנדערער זייט וועט מיר אָבער גאָרנישט אַזוי לייכט זיין צו דערציילן מיינע לייענער וועגן די געשפּרעכן מיט באַגעגנטע מענטשן, יידן און נישט־יידן. דאָס וואָס איך אָדער אַן אַנדערער שרייבער שרייבט, ווערט ערגעץ ווו געלייענט, גוט צעקייט און נאָכגעפאָלגט. אויב עס איז וויכטיק, — מיט דער פּערזאָן, מיט וועלכער איך האָב געשמועסט.

אָט איז מיר פּאָזיטיוו באַוווּסט, אַז פיר מענטשן, מיט וועלכע איך

האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק געשמועסט אין ווילנע, האָט מען אַרויס־גערופן ווו מען דאַרף, און דאָרט זיי געפרעגט דעם אינהאַלט פון שמועס. עס איז נאָך גוט, וואָס איך האָב דאַן „געהאַלטן קאָפּ״ און נישט באַרירט קיין דראַסטישע פראַגן. אגב, האָבן אויך יענע מענטשן געוווסט פון מאמר: „ודע מה שתשיב״ (ווייס וואָס צו ענטפערן). האָבן זיי נישט מורא געהאַט זיך נאָך אַ מאָל מיט מיר צו באַגעגענען און דאָס — עפנטלעך.

מיט צוויי ליטווישע פרויען פון קאָוונע, וואָס זענען געקומען קיין ווילנע ספּעציעל זיך טרעפן מיט אַ דאַמע, וואָס איז מיטגעפאָרן מיט מיין גרופּע, — זייערס אַן עלטערע חברטע, — האָב איך געהאַט דעם אַמ־מערסטן ראָמאַנטישן שמועס פון מיין רייזע: אין אַ לבנה־נאַכט ביים אוהל פון ווילנער גאון, אויפן נייעם בית־עולם.

זענען געווען עדות „די לבנה און שטערן״, און אַז מען האָט אונדז נישט געמסרט, קאָן איך שווערן.

און לאָמיר טאַקע דערמאָנען אַ געשפּרעך מיט אַ ווילנער קריסטלעכער פרוי, וואָס איז געקומען צו גאַסט צו איר טאָכטער, אַ קראַנקן־שוועסטער אין קוראָרט סאָטשי. איך האָב דערהערט פויליש רעדן אויפן באַנק, ווו איך בין געזעסן, האָב איך די פרויען אויף פויליש באַגריסט. האָבן זיי זיך דערפרייט: אַ שפּאַס — זייער מוטער־שפּראַך אויפן וויטן קאַווקאַז.

די עלטערע פרוי איז איבער 60 יאָר אַלט און וווינט אין ווילנע. אירע אַלע יאָרן האָט זי געאַרבעט אין אַ לאַבאָראַטאָריע. איצט שוין נישט. היות אָבער זי קאָן נישט לעבן פון איר פּענסיע (דרייסיק רובל), דערלויבט מען איר אַרבעטן אַלס דינסט אַ פּאָר טעג אַ וואָך אין דער זעלבער לאַבאָ־ראַטאָריע.

דערציילט זי מיט ביטערניש:

„איך, ווי נאָך טויזנטער ווי איך, פירן אַ פינצטער לעבן אין אָרעמ־קייט און שמוץ. אויף מיין הויף, ווו עס וווינען אין ענגשאַפט צענדליקער שכנים, איז אפילו קיין אַלגעמיינער בית הכסא נישטאָ. באַנוצן מיר די „באַקוועמלעכקייט״ פון שכנותדיקן הויף. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, וואָס דאָרטן טוט זיך. ספּעציעל איז דאָס שווער אין ווינטער.

„קיין נייע בגדים קאָן מען זיך נישט דערלויבן צו קויפן. העלפן צו אַ ביסל די קינדער מיט זייערע אָפּגעטראָגענע קליידער און שיך. די ליטווינער זאָגן „ווילנאָס מוסו, לעטובאַ רוסו״ (מיר האָבן צוריק באַקו־מען ווילנע, אָבער רוסלאַנד האָט איבערגענומען גאַנץ ליטע).

„נעכטן האָב איך געהערט פון אַן אַמעריקאַנער טוריסט, אַז די טובערקולאָז־קראַנקייט איז שוין ביי אייך כמעט באַהערשט, אַז זעלטן ווען עס שטאַרבט איינער פון דער דאָזיקער קראַנקייט; אַז סאַנאַטאָריעס האָבן זיך געמוזט פאַרמאַכן, ווייל עס איז פאַראַן ווייניק פאַציענטן. ביי אונדז איז די קראַנקייט נאָך אַזוי פאַרשפרייט כמעט ווי אין די פאַרמלחמהדיקע יאָרן. די צאָל טויט־פאַלן איז אויך גרויס. די סיבה: ענגשאַפט, שמוץ און דאָס פעלן פון מעדיקאַמענטן. איך האָב געאַרבעט אין אַ לאַבאָראַטאָריע, ווייס איך, אַז מען לויפט אַ מאָל אויס אַלע אַפטייקן אין שטאָט מיט אַ רעצעפּט און מען קומט מיטן ליידיקן".

איך האָב פּינקטלעך איבערגעגעבן די ווערטער פון דער אַלטער קאַטוילישער פרוי. איך גלייב נישט, אַז זי איז אויסן געווען פּראָפּאַגאַנדע, אָבער אַ שונא פון רעזשים איז זי געוויס.

אַלזאָ, האָב איך לאַנג געטראַכט איבער דער שוועריקייט פון איבער־געבן וועגן מיינע באַגעגענישן אין רוסלאַנד.

פאַרשטייט זיך, דער לייענער דאַרף נישט דערוואַרטן, אַז איך וועל אים געבן די פּרטים ווען און מיט וועמען דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען. אויב דער אינהאַלט איז אַן אינטערעסאַנטער, איז דען אַ נפקא מינה צי מיר האָבן זיך געטראָפן אין יאַלטע, צי אין ריגע, צי איז מיין מיטשמועסער אַ דאָקטער אָדער גאָר אַ קאַמאַשן־מאַכער? דער עיקר זענען די פאַקטן, און זיי וועל איך געוויס געטרײַ איבערגעבן.

און נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן די שוועריקייטן פון שרייבן איבערן ראַטן־פאַרבאַנד, — שוועריקייטן, מיט וועלכע איך טרעף זיך נישט דאָרט, נאָר דווקא דאָ, ביי אונדז אין אַמעריקע.

איך וועל זאָגן אַ פּאַראַדאָקס: די צאָל פון די, וואָס „שפּיאָנירן" מיינע רייזע־איינדרוקן איז פיל גרעסער דאָ, אין ניו־יאָרק ווי אין רוס־לאַנד.

דאָס זענען מערסטנטייל גראָד נישט קיין קאָמוניסטן, נאָר „היימישע" מענטשן, וואָס ציטערן כלומרשט איבערן גורל פון די, וועלכע איך באַשרייב, און איבער די „צרות", וואָס וועלן פאַלן דאָרטן אויף זייערע קעפּ.

מען דאַרף נישט זיין קיין צו־גרויסער פּסיכאָלאָג צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ מאָטיוון עס שטעקן הינטער אָט די בייזע צינגער, וואָס אינפאָר־מירן, טעלעפאָנירן, באַרעדן אויף כלערליי אופנים:

„איר האָט געלייענט דעם אַרטיקל? מען וועט דאָך דאָרטן דעם באַ־

שריבענעם דעם קאָפּ אַראָפּנעמען, ער האָט דאָך אים אומגליקלעך גע־מאַכט״.

אָט האָב איך אין פעברואַר ד. י. באַשריבן ווי אַ געוויסער באַאַמטער אין מאָסקווע האָט זיך דערפריייט, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז פונקט אַזאַ פאַמיליע־נאָמען ווי זיינער, האָט געהאַט אַ פאַרשטאָרבענער גרויסער יידישער געלערנטער.

דער „גאָטס־סטראַפּטשע״ אין ניו־יאָרק האָט דאָס גלייך אויפגע־כאַפּט און צעקלונגען אומעטום, ווו ער „טומלט״, אַז מען וועט איצט יענעם באַאַמטן געוויס באַזייטיקן פון דער שטעלע.

איז וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן? ווען איך בין איצט געקומען קיין מאָסקווע און ווידער געטראָפן יענעם באַאַמטן, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט געשריבן צו דער אַלמנה פון יענעם גרויסן געלערנטן אין לאָנדאָן און פון איר באַקומען אַ תשובה, אַז דער געשטאָרבענער איז טאַקע געווען זיינער אַ נאָענטער קרוב. שטאָלצירט גאָר מיט דעם דער מאָסק־ווער באַאַמטער, אָט דער זעלבער, וואָס צוליב אים האָט זיך אַזוי געזאָרגט אַ געוויסער פאַרשוין.

און גאָר אינטערעסאַנט איז דער פאַל, וואָס האָט מיט מיר געטראָפן אויף אַן אויפנאַמע (לכבוד ח׳ זרובבל) אין ניו־יאָרק. דאָרט האָט אַ באַ־קאַנטער פאַר אַלעמען אין די אויגן מיך געבעטן איך זאָל זיין פאָרזיכטיק מיט מיין שרייבן, ווייל אין געוויסע צוויי רוסישע שטעט זענען מענטשן פאַרשוווּנדן געוואָרן נאָך דעם, ווי איך האָב מיט זיי גערעדט.

פאַרשטייט איר דאָך, אַז עס איז מיר אַזש „אונטערן האַרצן אונ־טערגעגאַנגען״, ווען איך האָב דאָס דערהערט: אַ שפּאָס עפּעס, צוליב מיין אומפאָרזיכטיקייט זענען מענטשן פאַראומגליקט געוואָרן! האָב איך געזאָגט אויפן קול יענעם פאַרשוין: „אויב איר וועט גלייך נישט זאָגן, ווו די זאַך איז פאָרגעקומען, וועל איך אייך עפנטלעך באַליידיקן״ און יענער האָט אויסגעשטאַמלט: „מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין בוכאַראַ און סאַמאַרקאַנד״...

ברוך השם! עס איז מיר לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. איך בין אויף מיין לעבן אין די דאָזיקע צוויי שטעט נישט געווען.

האָב איך שוין „געקוועטשט״ אויפן דאָזיקן „תם״ ער זאָל אַרויס מיט לשון און אָנרופן דעם נאָמען פון רכילותניק, וואָס האָט דאָס אים דערציילט. יענער האָט אָנגערופן. ווידער אַ מאָל דער זעלבער „טומלער״.

אויף וואָס פאַר אַ יסוד ער האָט די רכילות פאַרשפּרייט? ער האָט געוווּסט פון אַ געמיינזאַמען פריינד, אַז פאַר אַ יאָרן האָב איך זיך געקליבן פאָרן קיין סאַמאַרקאַנד און בוכאַרא. אָבער אין דער לעצטער מינוט האָב איך זיך פאַרקירעוועט פון פּערסיע קיין אינדיע און אויסגעמיטן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער ביז וואָס־ווען, האָט יענער דערווייל אָפּגעבאַקן אַ ליגן — טאָמער וועט דאָס דורכגיין.

איך דערצייל דאָס אַלץ דעריבער, אַז אַנדערע שרעקעוודיקע הערצער, וואָס וועלן ציטערן פאַר מיין באַשרייבן מענטשן אין רוסלאַנד, — זאָלן זיך באַרויקן. איך „האַלט קאָפּ" און דער גורל פון מיין יעדן מיטשמועסער אין ראַטן־פאַרבאַנד איז מיר טייער.

און איצט קען איך אייך רויק מיטנעמען אויף די אַלעען פון קרים און קאַווקאַז און איר וועט אַלץ אויסהערן, וואָס יידן האָבן צו דערציילן.

עס איז כדאי צו וויסן.

מיט יידן אין קרים

עס איז שוין דער לעצטער אָוונט מיינער אין פּרעכטיקן קאַווקאַזער קוראָרט סאָטשי. מאָרגן פרי דאַרף איך פליען קיין יאַלטע, אין קרים.

מער ווי פערציק יאָר זענען אַריבער זינט איך האָב דאָס פריערדיקע מאָל פאַרלאָזן קאַווקאַז. קלערט זיך נישט ווילנדיק: ווען וועל איך נאָך אַ מאָל זען די ריזיקע בערג מיט די טונקל־גרינע וועלדער באַוואַקסן, די אויסגעשטעלטע ווי זעלנער־רייען מיט שלאַנקע ציפּרעסן־ביימער ביי דער זייט פון שפּיגלדיקן אַספאַלט־שאָסיי און די שוימיקע כוואַליעס פון שוואַרצן ים, וואָס קלאַפּן אומאויפהערלעך אויף דער וואַנט פון מיין טעראַסע.

זעץ איך זיך אַוועק אַן איינזאַמער אויף אַ באַנק און לאָז פליסן פריי און ווייט די נאָסטאַלגישע געדאַנקען.

באַווייזט זיך אַ שאָטן פון אַ מאַן לעבן מיר און פרעגט, צי ער וועט מיר נישט שטערן אויב ער וועט זיך אויך אַוועקזעצן. ענטפער איך: „געוויס נישט, מיט פאַרגעניגן".

דאָס קאַרגע ליכט פון עלעקטרישן לאָמפּ צווישן די ביימער באַלייכט

אַן ענערגיש פּנים פון אַ ברונעט אין עלטער פון אַרום פערציק יאָר. ער שמייכלט צו מיר מיט אַ ספּעציעלער פריינדלעכקייט. ער זאָגט: „איר דערקענט מיך נישט? נעכטן האָט איר מיך געזען אָט־דאָ אויבן אין סאַנאַטאָריע, צווישן דער גרופּע דאָקטוירים אין ווייסע כאַלאַטן. מיר האָבן אַלע דערוואָרט דעם אַמעריקאַנער גאַסט פֿיער סאַלינדזשער, דעם סעקרעטאַר פון אייער פּרעזידענט קענעדי. און אַז מען האָט אונדז געזאָגט: „די אַמעריקאַנער גייען", זענען מיר אַרויסגעלאָפן מיט די בלומען אייך באַגעגענען. נו, האָט איר זיך פאָרגעשטעלט אויפן קול אַלס אַמעריקאַנער יידישער זשורנאַליסט. האָט מען די בלומען צוגענומען און מיר האָבן אַלע צוזאַמען געלאַכט...

„וואָס מיך האָט איבערראַשט אין אייך איז דער אופן פון אייער פאָרשטעלן זיך אַלס אַמעריקאַנער י י ד. איר האָט דאָך געקאָנט דאָס נישט דערמאָנען. אָט בין איך אַ געבוירענער ייד און אַ דאָקטאָר פון פּסיכאָלאָגיע און נערוון־קראַנקייטן, און עס האָט מיך שפּעטער געמאַטערט די פראַגע: צו וואָס האָט איר נייטיק געהאַט צוצוגעבן דאָס וואָרט „ייד" צו אייער באַשעפטיקונג אַלס אַמעריקאַנער זשורנאַליסט? ווען איך האָב אייך איצט געזען שפּאַצירנדיק, בין איך אייך ספּעציעל נאָכגעגאַנגען און געזוכט די געלעגנהייט אייך דאָס צו פרעגן. און דעריבער טאַקע זיצן מיר איצט צוזאַמען אויף דער באַנק".

ענטפער איך מיין צופעליקן שכן, אַז איידער איך בין צו זיי אין סאַנאַטאָריע געגאַנגען, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָרט אַרבעטן אַ צאָל יידישע דאָקטוירים, האָב איך מיטן צוגעבן דאָס וואָרט „ייד" געהאָפט, אַז אפשר וועט זיך איינער פון זיי פאַראינטערעסירן מיט מיר נאָך מיין אָפיציעלן וויזיט. און ווי ער, דער דאָקטער אַליין זעט, איז דאָך טאַקע אַזוי געשען...

„אַלס פּראָפעסיאָנעלער פּסיכאָלאָג מוז איך אייך מאַכן אַ קאָמפּלימענט פאַר אייער ריכטיקער אויסרעכענונג.

„און איצט הערט אויס מיין געשיכטע: אַ גאַנצן טאָג קומען צו מיר פּאַציענטן מיט זייערע נשמה־פּראָבלעמען, וויל איך זיך אַליין פאַרוואַנדלען אויף אַ ווייל אין אַ פּאַציענט און זייט איר מיין דאָקטער. נאָר פריער — זייט געדולדיק און הערט אויס אַ פּאָר קורצע אינפאָרמאַציעס וועגן מיר אַליין. איך בין אַרום פערציק יאָר אַלט און בין אַ זון פון אַ מעדיצין־דאָקטאָר אין מאָסקווע, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ סאָציאַליסט.

פון קיין שום רעליגיעזע צערעמאָניעס האָט מען ביי אונדז אין שטוב נישט געהאַלטן. איך בין שוין געבוירן געוואָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און מיין פאָטער האָט נישט געהאַלטן פאַר נייטיק מיך מל זיין. פון יידישקייט האָב איך געוווסט פון לייענען און פון דיסקוסיעס.

„צוליב מיין יידיש־קלינגענדיקן פאַמיליע־נאָמען האָב איך עטלעכע מאָל געהאַט אַנטיסעמיטישע צוזאַמענשטויסן, ספּעציעל ווען אַלס דאָקטער־אָנפאַנגער בין איך געווען מיט דער אַרמיי אין אוקראַיִנע.

„איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל, וואָס האָט אויך ווייניק וואָס יידישקייט געהאַט, כאָטש אַ ביסל מער פון מיר. ווען אונדזער יינגעלע איז מיט צוועלף יאָר צוריק געבוירן געוואָרן, האָבן מיר אים, פאַרשטייט זיך, נישט געמלט און פון זיין גאַנצער יידישקייט איז אים געבליבן דער יידיש־קלינגענדיקער נאָמען און דער צושריפט „יעווריי" (ייד) אין זיינע שול־דאָקומענטן.

„ביז פאַר אַ יאָרן האָבן מיר געוווינט אין מאָסקווע. מיין יינגל האָט באַזוכט אַ שולע און אַלץ איז גלאַטיק צוגעגאַנגען. מיט אַ יאָר צוריק זענען מיר אַריבערגעפאָרן קיין קיעוו. און מיין קינד איז אָנגעקומען אין אַ דאָר־טיקער שולע. אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָכן באַזוכן די שולע קומט ער אַ פאַרוויינטער אַהיים. ער איז אַ קינד מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און פאַר־גיסט נישט לייכט קיין טרערן. לכתחילה האָט ער זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, נישט געוואָלט עסן און נישט גערעדט מיט אונדז. אָבער שפּע־טער איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעהויבן שטאַמלען:

„צי קאָן מען דאָס נישט אויסמעקן? איבערמאַכן? אויסקראַצן אין גאַנצן?"

„מיר האָבן אים אָנגעקוקט דערשטוינטע, גאָרנישט פאַרשטאַנען.

„וואָס אויסקריצן, וואָס איבערמאַכן?

„און דער יינג שטאַמלט ווייטער דורך טרערן:

„דאָס וואָרט „יעווריי" פון מיינע דאָקומענטן... מען רייצט זיך מיט מיר... מען האָט מיך היינט אויך געשלאָגן... אפשר וועלן מיר פאָרן צוריק קיין מאָסקווע? דאָרט איז דאָך דאָס אַלץ נישט געווען...

„מיין פרוי און איך זענען געבליבן זיצן דערדריקטע. איך פּרוביר דערקלערן מיין קינד, אַז דאָס איז אַ געזעץ אַזאַ, עס איז זיך גאָר נישטאָ מיט וואָס צו שעמען, אַז מען איז אַ ייד. פיל מלחמה־העלדן, פיל געלערנטע זענען יידן. אָבער איך אַליין ווייס דאָך דעם אמת. איך האָב דאָך קיין מאָל

נישט דערקלערט מיין זון, אַז ער איז אַ ייד. און פאַר וואָס? עס וואָלט דאָך מיר אַליין אויך געווען לייכטער, ווען מען קאָן „דאָס" אָפּמעקן, ענדערן. אַ מאָל פלעגט מען זיך שמדן און אַוועקגיין. אָבער היינט האָט דאָך דאָס גאָר קיין זין נישט.

„איך וויל אייך זאָגן, אַז די רעאַקציע פון מיין פרוי איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערע. איר פאָטער, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז גאָר אַ מאָל אַ ציוניסט געווען. האָט זיך דאָס איצט אין איר אויפגערופן. רעדט זי דיבורים, וואָס זענען גאָר נישט אין הסכם מיט דער פּאַרטיי־ליניע. יאָ, איך האָב אייך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז איך בין אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי. בין איך קעגן דעם, אַז מיין פרוי זאָל דעם יינגל, — עמעצן אויף צו להכעיס, ווי זי זאָגט, — געבן אַ „פּאַרציע יידישן נאַציאָנאַליזם", דער־ציילן וועגן איר טאַטנס ציוניזם. איך קאָן דאָס נישט דערלאָזן. אָבער זעט נאָר, ווי עס קומט אין דריטן דור צוריק, — איך מיין די נייטיקייט אפילו צו רעדן וועגן דעם. צי איז טאַקע נישט מעגלעך, ווי מיין זונעלע מיינט דאָס, „אָפּמעקן, אָפּרייבן?"

און דאָ איז געקומען מיין ריי. צייט האָב איך געהאַט. די שטילקייט אַרום ווערט באַגלייט נאָר פון מאָנאָטאָנעם רויש פון די ים־כוואַליעס, וואָס שלאָגן זיך אָן אין ברעג און אַ ווייכער ווינט שאָקלט מיט דיביימער אַרום אונדז. איך האָב לאַנג פּרובירט דערקלערן, פאַר וואָס מען קאָן „דאָס" נישט אָפּמעקן און אויסקראַצן. ווי אַ פעניקס פון די פייערן קומט „דאָס" צוריק און מאָנט... און געפילט האָב איך, אַז מיין שטראָם ווערטער, ווי אַ וואַרע־מער שטראָם בלוט בעת אַ טראַנספוזיע, דרינגט אַריין טיף אין האַרצן פון מיין דאָקטער־פּאַציענט.

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען צוויי אומבאַקאַנטע ביז איצט יידן האָבן זיך געדריקט די הענט לעבן דער באַנק, וואָס שטייט אונטער דער לוקסוס־סאַנאַטאָריע „מעטאַלורג" אין סאָטשי.

— — — — — — — — — — — — —

און אין זוניקן פרימאָרגן טראָג איך זיך אין אַעראָפּלאַן אין דער ריכ־טונג צום קרימער האַלבאַינדזל.

אין צוויי שעה אַרום לאַנדן מיר אין סימפעראָפּאָל, — אין דער הויפּט־שטאָט פון קרים. פון דאַנען צעגייען זיך די וועגן — צום מערב מיט די שטעט פעאָדאָסיע און קערטש, און צום מזרח מיט די שטעט יעווּפּאַטאָריע

און סעוואַסטאָפּאָל. אין די דאָזיקע אַלע ערטער האָב איך נישט קיין דער־לויבעניש צו פאָרן (קיין סעוואַסטאָפּאָל בין איך יאָ מיט אייניקע טעג שפּעטער געפאָרן אויף אַ ספּעציעלן „שיין״).

אונטן, אויפן דרום פון קרימער האַלבאינדזל, לויכטן די קוראָרטן פּערלען: יאַלטע, אַלופּקאַ, אַלושטאַ, ליוואַדיאַ. צווישן זיי דער האַלב־לעגענדאַרישער באַכטשי־סאַראַי, דער אַמאָליקער זיצאָרט פון די טאַטאַ־רישע הערשער־כאַנען, דאָס אָרט, וואָס פיל פון אונדז געדענקען פון די פאַרביקע באַלעטן אין פילם און אויף די סצענעס.

קיין סימפעראָפּאָל, ווו כ׳וויס פון פריער, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ באַדייטנדיקע יידישע קהילה מיט אַ סינאַגאָגע, קאָן איך דערווייל נישט פאָרן. שפּעטער האָב איך אַראַנזשירט אַ קורצן און אינטערעסאַנטן וויזיט דאָרטן.

פאָרן פליפלאַץ שטייען דאָ די מאָדערנע אויטאָבוסן, וואָס צעפירן די פּאַסאַזשירן אין די אַלע אויבנדערמאַנטע פלעצער.

די ליבנסווירדיקע פרייליַנס פון „אינטוריסט״ גיבן אונדזער קליינער גרופּע אַמעריקאַנער אַ ספּעציעלן אויטאָמאָביל. און אָט פאָרן מיר אַ פּאָר שעה דורך דער היסטאָרישער ערד, וואָס האָט געזען אימפּעריעס און קעניג־רייכן שטייגן און פאַלן נאָך פון די אַלטע גריכישע צייטן, געפילט די בלוטיקע נעגל פון מאָנגאָלישע, באַרבאַרישע און נאַצישע אינוואַזיעס, אַריינגע־שריבן העלדישע קאַפּיטלען אין דער רוסישער געשיכטע מיטן פאַרטיידיקן סעוואַסטאָפּאָל אין די צייטן פון ניקאָליי דעם ערשטן (די באַלאַגערונג פון 1854—55) און קעגן היטלערס האָרדעס אין די יאָרן 1941—52. יעדער אַרויספּאָר פון אונדזער אויטאָמאָביל אויף די מאָלערישע רוקנס פון די בערג אַנטדעקט אַלץ נייע נאַטור־שיינקייטן און דערמאָנט אומפאַרגעסלעכע עפּיזאָדן פון דער געשיכטע: דער אויפשטאַנד פון די מאַטראָסן אויף דער שיף „פּאָטיאָמקין״ אין 1905. אָט דאָ, אונטערן באַרג, האָט דער לייטע־נאַנט שמידט אַרויפגעצויגן די רויטע פאָן.

און דאָ נישט ווייט האָט מען אין לייוונט־געדעקטע בוידן, מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, די „קאַנטאָניסטן״ — יידישע ייִנגלעך, אַרויסגע־כאַפּטע פון אָרעמע היימען — געמושטרירט. מיט זייער בלוט האָבן זיי פּעט געמאַכט די ערד אַרום סעוואַסטאָפּאָל, פאַרטיידיקנדיק מיט העלדישקייט און מסירת־נפש אַ רעזשים, וואָס האָט זיי פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן.

קרים... וויפל יידישע געשיכטע איז מיט דעם דאָזיקן נאָמען פאַר־

בונדן, אָנהייבנדיק פון די נעפּלדיקע היסטאָרישע צייטן, ווען פון בבל און פון כאַזאַרן־לאַנד האָבן דאָ יידן און קאַראַימער איינגעוואַנדערט. די ערשטע האָבן פאַרשפּרייט די יידן־לערע, די צווייטע — אַ ספּעציפישן יידן־האַס. שענדלעך איז געווען דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די טאָטערן, ווען די ראַטן־מאַכט האָט קרים אַלס רעפּובליק צוגעטראָגן, און פון די דאָרטיקע עטלעכע טויזנט קאַראַימער, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיט די טאָטערן אין היטלערס משרתים פאַרוואַנדלט. ווען מ׳דערמאָנט זיך, ווי ברידערלעך־תורה־טריי די קאַראַימער האָבן זיך אין נאַסערס עגיפּטן געהאַלטן, און צוזאַמען מיט די יידן קיין ישראל מאַסנווייז אויסגעוואַנדערט, — טוט דאָס האַרץ וויי, וואָס די רייכע כאַפּטע קאַראַימער האָבן זייער פאָלקס־שטאַם פאַר אַ „טאָפּ לינזן״ פאַרראַטן. אמת, צוזאַמען מיט די טאָטערן האָט די ראַטן־מאַכט, וואָס האָט קרים ווידער פאַרנומען, זיי בלוטיק באַשטראָפט, און שפּעטער אַלע ביז איינעם, — די טאָטערן און די קאַראַימער — פון דאַנען אַרויסגעיאָגט און זייער אויטאָנאָמע רעפּובליק צו דער סאָוויעטישער אוקראַינע פאַר־איינִיקט.

איז נאָך דער היטלער־אינוואַזיע דער שיינער האַלבאינדזל קרים כמעט פּוסט געבליבן, אויסגעליידיקט פון זיין באַפעלקערונג. דאָ הייבט זיך אָן יענע מיסטעריעזע געשיכטע מיט עפּעס אַ צוזאָג, אַ ווונק פון סטאַלינען, צי פון זיינע נאָענטסטע אַז מען זאָל קרים אין אַ י י ד י ש ן אויטאָנאָמען ראַיאָן פאַרוואַנדלען, — אָנשטאָט דעם דורכגעפאַלענעם פּרווו מיט ביראָ־בידזשאַן.

און באַרימטע יידן — שרייבער און קולטור־טוער, האָבן אין דאָזיקן צוזאָג געגלייבט. און פיל פון זיי האָבן שפּעטער מיט זייער לעבן באַצאָלט פאַר דעם דאָזיקן האַלב־לעגענדאַרן און האַלב־פּראָוואָקאַטאָרישן סטאַלין־צוזאָג.

געדענקען מיר דאָך אַלע, אַז די געשיכטע פון ווען אָפּריסן קרים פון ראַטן־פאַרבאַנד האָט געדיכט פיגורירט אויפן פּראָצעס פון די יידישע שרייבער, וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן פּונקט מיט צען יאָר צוריק (12טער אויגוסט, 1952).

— — — — — — — — — — — — —

אָט די אַלע געדאַנקען האָבן מיך נישט פאַרלאָזן ביז מיר זענען דער־פאָרן צום אינטוריסט־האָטעל „אָרעאַנדאַ״, אַ לוקסוס־אכסניא פון אַלטן

סטיל, מיט מאַרמאָר־טרעפּ און הענגענדיקע באַלקאָנען איבערן ים.

עס געפעלט מיר דאָ, ווען איך דערזע, אַז גראָד אַנטקעגן מיר בלעזלט ווידער מיט ווייסע שוימעלעך דער בלויער שפּיגל פון שוואַרצן ים, אַז די ברייטע פּראָמענאַדע, וואָס ציט זיך מײלן־ווייט און איז דער צענטער פון קוראָרט — איז אונטערן באַלקאָן. אַחוץ דעם קוקט אַריין דירעקט אין מײן פענצטער אַ חשובער שכן, וועלכער האַלט אין איין מאָנען און דערמאָנען: דער ברוינער מאָנומענט פון וולאַדימיר לעניִן.

איך דאַרף דאָ פאַרברענגען אַרום צען טעג. שוין אונטן אין האָל פון האָטעל דערזע איך היימישע בראָנקסער און ברוקלינער פּנימער, און אין זייער באַגלייטונג — יידן „רוסיש" געקליידט, דאָס הייסט, אין אָפּגעטראָגענע בגדים און מיט צעטראָגענע בליקן. דאָס זענען געקומען פון אַמעריקע קרובים זיך טרעפן מיט זייערע משפחה־מיטגלידער, וואָס זענען ספּעציעל צו דעם צוועק אָנגעפאָרן פון די ווייטסטע מקומות, — פון סיביר און פון ווייסרוסלאַנד, פון גרויסע און קליינע שטעט. אין יאַלטע מעג מען — און עס איז אויך באַקוועמער — זיך טרעפן. דאָרט צו זיי אין די שטעט און שטעטלעך קענען די אַמעריקאַנער קרובים נישט דערפאָרן. פון אָנהייב פילט זיך אַ שטייפקייט ביי די רוסישע קרובים, ווען זיי זעען, אַז איך, אָדער אַן אַנדער אַמעריקאַנער דערנענטערט זיך צום טיש, ווו די משפחה זיצט צוזאַמען. שפּעטער געוווינען זיי זיך צו צוביסלעך און עס איז שוין נישטאָ אַזאַ שרעק אין זייערע אויגן.

צום שבח פון יאַלטער קוראָרט דאַרף געזאָגט ווערן, אַז מען פילט דאָ ־ט בכלל נישט קיין נאָכשפּירן אָדער נאָכקוקן, אַז די אַדמיניסטראַציע מאַכט דאָס מסתם מיט גרויס טאַקט, געדענקענדיק, אַז דאָ איז אַ קוראָרט און דאָס לעבן דאַרף מען נעמען לייכט.

ווי נאָר מען גייט אַרויס פון האָטעל — צעזעצט מען זיך אויף די בענק פון דעם פּראָמענאַדע, און עס דערהערן זיך די אַזוי געגאַרטע קלאַנגען פון „מאַמע־לשון" כמעט אויף יעדער צווייטער באַנק. און אַז איר דערהערט רעדן יידיש — האָט איר נישט קיין מורא צוצוגיין, געבן „שלום עליכם" און אפילו צוזעצן זיך אויף דער באַנק נישט געבעטענערהייט.

האָט דאָס מיך טאַקע דערמאָנט דעם „יידישן פּאַרלאַמענט" אין שדרות ראָטשילד אין תל־אביב, די אַלעען אַרום ברוקלין, לאָנג־איילאַנד און אין אַמאָליקן קראַשינסקיס גאָרטן אין וואַרשע.

און אויך דאָ, אויף די בענק אין יאַלטע, האָט מען גערעדט און געשמועסט.

ד״ר חיים שאָשקעס

סאָוויעטישע יידן דערציילן

ווי אַ „פּאָדקאָווע״ מיט דימענטן באַזעצט, האָט זיך מאַלעריש צעלייגט דער אומפאַרגלייכלעכער ים־ברעג אַרום יאַלטע.

דאָס אויג אייערס ווערט גאַרנישט זאַט פון וואַנדערן איבער די נאָענטע און ווייטערע בערג אַרום מיט די באַרימטע נעמען פון אַפּרו־פּלעצער, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון זינט מיין פריסטער קינדהייט: אָט איז אַלושטאַ, ליוואַדיע און באַכטשי־סאַראַי, באַזונגען דורך פּושקינען און מיצקעוויטשן; און אָט איז אַלופּקאַ; און דער פּירקאַנטיקער באַרג טשאַטירדאַג און סימעיז און גורזוף, ווו עס האָבן געוווינט און געוואַנ־דערט גאָרקי און טשעכאָוו איז פיל פריער — דער גענעראַל סוואָראָוו און לעוו טאָלסטאָי.

און עס גייען אָפּ פון דאַנען, ווו איך זיץ איצטער אויפן באַנק, ווייסע מאָדערנע שיפן קיין אָדעס, סוכום, פעאָדאָסיע און קערטש. און איבערן קאָפּ פליען העליקאָפּטערס, וועלכע באַשפּריצן מיט כעמיקאַלן די וויינ־גערטנער, ווו עס ווערן באַלד רייף די גרויסע קרימער טרויבן. יעדע האַלבע שעה לאָזן זיך אַרויס אויף שפּאַציר אַרום דער „פּאָדקאָווע״ מיט די קור־ערטער פּאַסאַזשיר־שיפלעך, וועלכע גיבן אייך די מעגלעכקייט פאַר דרייסיק קאָפּיקעס (35 סענט) צו פאָרן און זיך אָפּשטעלן אין אָט די אַלע דער־מאָנטע נאַטור־שיינקייטן און דערהאָלונגס־פּלעצער. זענען די שיפלעך שטענדיק פול מיט די קור־געסט, וואָס באַוווינען געדיכט די 150 סאַנאַ־טאָריעס אויפן קרימער האַלבאינדזל, וועלכע זענען באַזעצט צו יעדער צייט פון יאָר מיט פופציק טויזנט אַרבעטס־מענטשן פון גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד.

במשך פון לעצטן יאָר האָבן אַנדערהאַלבן מיליאָן אַזעלכע געסט פאַר־בראַכט אין קרים, צווישן זיי 20 טויזנט אויסלענדישע טוריסטן. לויט דעם „זיבן יאָר פּלאַן״, וואָס ענדיקט זיך אין 1965, דאַרף די צאָל פּלעצער פאַרגרעסערט ווערן אויף פופציק פּראָצענט.

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז די נאַציס האָבן איבערגעלאָזן קרים אין שערבלעך און אַז דאָס אַלץ איז ווידער אויפגעבויט געוואָרן אין אַ האַסטיקן טעמפּאָ, מוז מען באַוווּנדערן די פּלאַנירער און בויער.

אָט וועגן דעם טאַקע שמועסט איר מיט אַ גרופּע יידן פון פאַרשידענע

שטעט אין רוסלאַנד, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן באַקומען „פּוטיאָווו־קעס" אויף עטלעכע וואָכן אין קרים.

איינער, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, אַ מעכאַניקער פון סווערדלאָווסק (אַמאָל יעקאַטערינבורג אויפן גרענעץ פון סיביר אין די אוראַלער בערג), דערציילט אין אַ צעבראָכענעם יידיש, אַז עס וווינען דאָרטן ווייניקסטנס אַרום צען טויזנט יידן, כמעט אַלע באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע. זיי האָבן דאָרט אַ סינאַגאָגע און אויך אַ רב. מען פאַר־דינט קוים אויפן לעבן. ער האָט קרובים אין ברוקלין און שרייבט זיך אַ מאָל מיט זיי איבער. אַז מען שיקט אים אַ פּעקל מיט קליידונג, איז דאָס אַ גרויסע הילף, ווייל אויף זאַכן סטייען נישט זיינע פאַרדינסטן. ניין, ער גייט נישט אין שול, אָבער מצות אויף פּסח פלעגט ער קויפן, ווען מען האָט נאָך געמעגט. הײַנטיקס יאָר איז געווען שווער צו באַקומען. צום רב האָט ער נישט געוואָלט גיין, ווי אַנדערע, ווייל עס וואָלט געקאָנט שאַטן זיין שטעלע. זיין פרוי איז נישט קיין יידישע. זיין יינגעלע פון ניין יאָר איז געמלט. איצט וואָלט דאָס שוין געווען אוממעגלעך. צוליב פאַרשידענע סיבות האָט מען דעם קינד נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד. אָבער מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז דאָס יינגעלע געקומען צו לויפן פון שולע מיט אַ געוויין: „טאַטע, מען רופט מיך „זשיד", פאַר וואָס? איך בין דאָך דאָס נישט!"

דער אמת איז, אַז לויט דער מאַמען איז ער פאַרשריבן אַלס „רוס", אָבער קינדער האָבן שוין אויסגעשמעקט ווער דער טאַטע איז.

„מיר האָבן דאָס קינד באַרואיקט און אים געזאָגט, אַז יאָ, ער איז טאַקע אַ ייד! און איך דערצייל אים איצט יעדן טאָג מעשהלעך פון חומש, וואָס איך האָב געהערט ביי מיין טאַטן אין שטוב. מען זעט, אַז אים געפעלט גאָר, וואָס ער איז אַ ייד, אין „קאָמפּאַניע" מיט אַזעלכע מענטשן ווי אברהם, יצחק, יעקב און משה רבינו.

„איך קאָן זיך נישט קלאָגן אויף דער באַציונג פון מיינע קריסטלעכע חברים צו מיר. אָבער גראָד איצט, ווען איך האָב אין פאַבריק באַקומען די „פּוטיאָווקע" אין קרימער סאַנאַטאָריע, האָב איך געהערט מורמלען מיט קנאה: „אַ ייד קומט אַלץ לייכט אָן: געוווּנען אויף דער „קרימער לאָטעריע" איינער צווישן הונדערט רוסן"...

און דאָ רופט זיך אָפּ אַ צווייטער ייד אויף דער זעלבער באַנק, אַ ביסל אַן עלטערער, וועלכער רעדט שוין גוט יידיש:

„אַט הער איך זיך צו צו די מעשיות וואָס מיין „זעמליאַק״ (לאַנדס־מאַן) דערציילט אייך און איך מיין, אַז ער איז אַ נאַיווער מענטש. איך בין אויך פון סווערדלאָווסק און איך זאָג אייך, אַז מען דאַרף נישט נישט די סינאַגאָגע, נישט דעם רב און נישט די מצות. איך האָב שוין מיט דעם אַלץ געענדיקט אין מיין אוקראַיניש שטעטל, אַ מאָל, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער רב גייט צום זעלביקן מיידל, וואָס איך... מיין רבי איז עמעליאַן יאַראָסלאַווסקי (אַ באַרימטער אַטעיסטישער קעמ־פער) מיט זיין „בייער ביבל״. דער איינציקער וועג פאַר אונדז יידן איז צו פאַרשווינדן, צונויפמישן זיך צווישן די גויים, וועלן די צרות אויפהערן.

אגב, וואָס הערט זיך עפּעס אין ארץ ישראל? איך הער זיך אַ מאָל צו וואָס זיי רעדן דאָרטן אויפן ראַדיאָ, — קוקן זיי מיר אויס ווי גאָר בראַווע יונגען, — נישט אַזוי שלעכט ווי מען באַשרייבט זיי ביי אונדז. וואָלט איך געוואָלט עפּעס הערן פון אייך״.

דער ייד קוקט מיך אָן מיט אַ שפּאָטישן בליק און איך ווייס נאָך אפילו איצט נישט, צי איז ער טאַקע אַ ציניקער, אָדער ער האָט געוואָלט באַהאַלטן מיט מיאוסע ווערטער וועגן רעליגיע זיין מורא פאַרן שכן צו שטעלן די פראַגע וועגן ישראל.

האָב איך מיינס געטאָן, כדי ביידע שכנים זאָלן עפּעס וויסן וועגן ישראל.

איך הייב זיך אויף פון באַנק און לאָז זיך שפּאַצירן איבער דער ברייטער פּראָמענאַדע צווישן די טויזנטער קור־געסט. עס איז שוין אָוונט און פון די גרויסע רעסטאָראַנען און קאַפעהייזער טראָגט זיך מוזיק.

ביי אָפענע, שיין־דעקאָרירטע בודקעס פאַרקויפט מען גלעזער שוימענדיקן קרימער וויין, — קאַווקאַזער שאַשליק, אייזקרעם אָדער רוסישן קוואַס.

איך דערהער, אַז דאָס פּאָרל, וואָס גייט פאַר מיר, רעדט יידיש. גלייך איך זיך מיט זיי אויס און באַגריס זיי מיט „שלום עליכם״. איך בעט זיי איבער, וואָס איך שטער זיי און פרעג, אויב איך מעג אַ ביסל מיט זיי מיטגיין?

ביידע דריקן אויס זייער צופרידנקייט און זיי ווערן גאָר נישט איבערראַשט, ווען איך זאָג, אַז איך בין אַן אמעריקאַנער טוריסט, דערביי רוף איך אָן מיין נאָמען און גיב צו, אַז פריער האָב איך לאַנג געוווינט אין וואַרשע.

דער מאַן, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער מאַנסביל פון אַ יאָר פופציק, גיט

זיך אַ שטעל אַוועק אין איבערראַשונג: „זענט איר דער זעלבער, וואָס האָט געשריבן וועגן רייזעס אין דער צייטונג „היינט״? אָ, יאָ, דער זעלבער! איך האָב אייך דאָך געהערט אויף פאַרזאַמלונגען ביי אונדז אין סטאַניסלאַוואָוו. מיר זענען אפילו געווען חברים אין דער התאחדות־פאַרטיי״.

שטעלט איר זיך פאָר אויף מיין שמחה? און עס פרייט זיך די קליינוווקסיקע, אַ ביסל דיקלעכע פרוי זיינע. זי איז פון לעמבערג.

זיין געשיכטע: אין 1939 געוואָרן אַ רוסישער סאָלדאַט, געענדיקט די מלחמה אַלס אָפיציר אין ראַנג פון מאַיאָר מיט אַ סך אויסצייכענונגען. זיך געלערנט אויף אינזשעניר אויף אָוונט־קורסן. איצט איז ער איינער פון די קאָנסטרוקציע־אינזשענירן, וואָס האָבן געבויט און בויען ווייטער אָט די ווייסע באַקוועמע נייע סאַנאַטאָריעס, וועלכע איך באַוווּנדער שוין זינט עטלעכע טעג. ער פאַרדינט גאַנץ פיין — דריי מאָל אַזוי פיל ווי אַ דורכשניטלעכער דאָקטער, ד. ה. אַרום פיר הונדערט דאָלאַר אַ חודש. אויך זיין פרוי פאַרדינט אַ ביסל אַלס צושניידערין פון דאַמען־קליידער.

„קומט צו אונדז אַריין אויף אַ גלעזל טיי! אַזאַ באַגעגעניש מיט אַן אַמאָליקן אַלטן חבר!״

אויך זיין פרוי בעט שטאַרק איך זאָל צו זיי גיין. ניין, זיי האָבן קיין מורא נישט מיך אויפצונעמען אַלס אַמעריקאַנער.

בקיצור, מען שפּרייזט אַ האַלבע שעה איבער די זייטיקע יאַלטער גאַסן און מען ברענגט מיך אין אַ שיין־מעבלירטער וווינונג אויף אַ הויכן שטאָק מיט אַ ווינדע.

אין ערשטן צימער שטייען צוויי בעטן, אין וועלכן עס ליגן שוין און לייענען ביכער צוויי יינגלעך: איינער זעכצן יאָר אַלט, דער צווייטער — צען.

מען שטעלט מיך פאָר זיי נישט פאָר אַלס אויסלענדער, נאָר אַלס אַן אַלטן פריינד פון גאַליציע. סיי ווי רעדן מיר רוסיש.

מען סערווירט שנעל טיי מיט איינגעמאַכטס, מיט צובייסעכץ. מיין אַמאָליקער פאַרטיי־חבר קוקט מיך אָן אַ ביסל אומעטיק:

„איך ווייס, איר ווילט פרעגן עפּעס וועגן די קינדער מיינע. און די תשובה איז: ליידער וואַקסן זיי פולשטענדיקע גויים, ביידע נישט געמלט. ביידע ווערן דערצויגן אין קאָמסאָמאָל, האָבן נישט, פאַרשטייט זיך, דעם מינדעסטן אינטערעס פאַר יידישקייט, כאָטש איך און מיין פרוי פּרובירן זיי דערציילן וועגן די זיידעס, די באָבאָווער און טשאָרטקאָווער חסידים, וועגן אַמאָליקן לעבנס־שטייגער. אָבער זיי ווילן אפילו נישט הערן. און איך, צוליב מיין איי־

גענער פּאָזיציע, דאַרף נישט און טאָר נישט צופּיל קווטשן. אַ פאַר־לוירענער דור!״

אַזוי ווי די קינדער שלאָפן אין אַ צווייטן צימער, מעג איך שוין רעדן. און מיין אַמאָליקן חבר און זיין ווייב טוט, ווייזט אויס, אַ ביסל וויי, וואָס איך זאָג. אָבער איך קאָן זיך נישט העלפן.

*

גרויסע אַפּישן זאָגן אָן, אַז מאָרגן אָוונט וועט אין יאַלטער סטאַדיאָן פאָרקומען אַ פאָלקס־לידער־קאָנצערט פון זינגער עמיל האָראָוויץ אין באַ־גלייטונג פון אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער. אויף די פאַרביקע אַפּישן מיטן בילד פון האָראָוויץ געפינט זיך אַרויפגעקלעפּט, אויך אין רוסיש, אַ „מאַגיש״ צעטעלע: האָראָוויץ וועט זינגען אין דער יידישער שפּראַך.

אויף מאָרגן איז דער סטאַדיאָן אויף דער פרייער לופט אויסגעפילט געוועזן מיט אַ טויזנט־קעפּיקן עולם, וועלכער האָט געצאָלט די גענוג הויכע פרייזן פאַר בילעטן (פון אַ דאָלאַר ביז דריי). איך האָב געטראָפן האָראָ־וויצן שוין דעם ערשטן טאָג ווי איך בין געקומען אין מאָסקווע אויפן גע־שלאָסענעם יידישן קאָנצערט פון די קונסט־אַרבעטער. דאָרט האָט ער מיר דערציילט, אַז ער פאָרט איצט אַרויס אויף אַ טורנע איבער די שטעט פון ראַטן־פאַרבאַנד, וווּ ער וועט זינגען פאַר וויניקסטנס הונדערט טויזנט יידן. ער האָט מיך דאָן אויך באַקענט מיט זיין פרוי, פּאָלאָנסקאַיאַ, וועלכער איז דער „קאָנפעראַנסיע״ פון זיינע קאָנצערטן. זי איז אַ געוועזענע שילערין פון מיכאָעלסן.

אַ מחיה געווען אָנצוקוקן דעם טויזנט־קעפּיקן יידישן עולם אונטערן סאַמעטענעם הימל פון קרים, צווישן שוואַרצן ים און די שאָטנס פון די בערג.

אַ יום־טובדיקער אויסדרוק פון דערוואַרטונג איז געלעגן אויף די גע־זיכטער פון די אין אַלגעמיין פיין־געקליידטע קורגעסט, צווישן וועלכע מען האָט געזען אַ סך יוגנט. דאָס האָט מיך דערפרייט: אַ סימן, אַז ערגעץ ווו וואַכט דאָס פּינטעלע ייד, — און דער דור איז נאָך נישט פאַרלוירן.

עס באַווייזט זיך אויף דער עסטראַדע אין אַ רייך באַל־קלייד די אַזוי שיינע פּאָלאָנסקאַיאַ, און דערקלערט אונדז אין אַ קלינגענדיקן יידיש די באַ־דייטונג פון פאָלקס־ליד. נאָך דעם זעצן זיך אויס זעקס יונגע מוזיקאַנטן אין ווייסע טאָקסידאָס. מען זעט, אַז דאָס זענען נישט קיין יידן, כאָטש פון צייט

צו צייט וואַרפֿן זיי אַריין אַ פּאָר יידישע ווערטער אַלס „רעפריין" צו די לידער. און אָט איז עמיל האַראָוויץ אין אַ שוואַרצער טאָקסידאָ — עלעגאַנט, יונג, זינגענדיק צעשטראַלט. און ער „דערלאַנגט" פֿון אַלטן און נייעם רעפּערטואַר. און נאָך יעדן ליד שטורעמט דער עולם: מען איז אויסגעהונגערט נאָכן קלאַנג פֿון וואָרט, מען וויל מער.

און דער עולם ווישט די אויגן, ווען עס דערהערן זיך די האַרצרייסנדיקע קלאַנגען פֿון געבירטיגס „עס ברענט". און איך פֿריי זיך צו הערן, אָט דאָ אין ווייטן יאַלטע, איציק מאַנגערס לידער.

נישט אַלע מאָל איז צוגעפּאַסט צום ליד דער רעפריין פֿון די זעקס מוזיקאַנטן, וואָס שרייען אויס: „געפֿילטע פֿיש" אָדער „טשאָלנט מיט יויך" (ווען איך האָב אויף דעם דאָזיקן דיסאָנאַנס שפּעטער פֿערזענלעך אויפֿמערקזאַם געמאַכט האַראָוויצן, האָט ער מודה געווען, אַז אויך ווערגעליס אין מאָסקווע האָט אים געראָטן די דאָזיקע „משוררים" באַגרענעצן בלויז צו זייערע אינסטרומענטן)...

אין אַנטראַקט כאַפּן מיר זיך וואַרעם אַרום מיטן זינגער. ער דערציילט מיר, אַז ערשט מיט אַ וואָך צוריק זענען צוויי טויזנט יידן געקומען אים הערן אין כערסאָן און מיט אַ חודש צוריק זענען אין ריגע דריי טויזנט יידן געקומען צו זיין קאָנצערט. ער האַלט, אַז די יידישע זינגער, וואָס פֿאָרן איצט איבער רוסלאַנד, האָבן שטאַרק מיטגעהאָלפֿן צום פֿאַקט, אַז אַ האַלבער מיליאָן יידן האָבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אָנגעגעבן יידיש אַלס מוטער־שפּראַך. אגב, דערציילט ער מיר, אַז די הכנסה פֿון די קאָנצערטן גייט אין דער מלוכה־קאַסע. ער אַליין באַקומט פֿאַר היינטיקן אויפֿטריט, למשל, נאָר 50 רובל (55 דאָלאַר) און זיין ווייב נאָר 12 רובל. די רוסישע מוזיקאַנטן באַקומען צען רובל אַן אָוונט.

איך קען נישט פֿאַרגעסן מיינע דריי יונגע שכנים, וואָס זענען אויפֿן קאָנצערט מיט מיר געזעסן אויף דער באַנק: אַ יונגע בילד־שיינע מיידל, וואָס האָט פּרובירט איבערזעצן פֿון יידיש אויף רוסיש די געזונגענע לידער פֿאַר אירער אַ חברטע און דעם בחור, וואָס האָט זיי באַגלייט.

דאָס מיידל, די איבערזעצערין, האָט אויסגעקוקט פּונקט ווי אין שניאורס ליד „מאַרגאַריטקעס". „אַ מיידל מיט צעפּ, מיט אויגן סאַפּירן, — מיט אייגעלעך טראַ־לאַ־לאַ". אַזעלכע קלייבט מען געוויינלעך אויס אין די שיינהייטס־קאָנקורסן.

איך האָב נאָכן קאָנצערט זי געפֿרעגט אויף יידיש: „וואָס איז אייער

באַשעפּטיקונג און ווו האָט איר געלערנט יידיש?״ ענטפערט זי מיט אַ שטרענגן עגזיכטס־אויסדרוק, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר רוסישע מיידלעך:

„איך אַרבעט אַלס מעדיצינישע אַרבעטערין אין שפּיטאָל, און געלערנט רעדן יידיש האָט מיך מיין יידישע מאַמע. פאַרשטאַנען?״

„יאָ, טייערע, פאַרשטאַנען און באַוווּנדערט״.

איר געפעלט נישט מיין צו „פאַמיליאַרן״ טאָן.

דער יונגער בחור, וואָס באַגלייט זי ענטפערט אויף מיין פראַגע: „איך בין אַ סטודענט אין פּאָליטעכניקום. מיינע טאַטע־מאַמע קענען יידיש. אויך איך וועל נאָך קענען רעדן יידיש!״

*

דער עולם שיט זיך אַרויס אין אַ פריילעכער שטימונג צווישן די ביימער פון ים־ברעג. מען זעצט זיך אויס אויף בענק; מען שמועסט ווייטער מיט אומבאַקאַנטע, וועלכע דאָס יידיש ליד האָט עפּעס ווי נענטער צוזאַמענ־געבראַכט.

די שעהען נאָכן „יידישן קאָנצערט״ אין יאַלטער סטאַדיאָן זענען געווען די רייכסטע אין מיינע באַגעגענישן מיט יידן פון גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד. און עס איז קיין וווּנדער נישט: אָט זענען זיך צונויפגעקומען אַרום טויזנט מענער און פרויען — אין בענקשאַפט נאָך אַ יידיש וואָרט, נאָך אַ מוזיקאַלישן אָפּ־קלאַנג פון דער היים, ווו זייער וויג איז געשטאַנען.

מען האָט דערפילט אַ מאָדנע וואַרעמקייט פון זיין אַן אָוונט „אין איינעם״ — האָט מען טאַקע אַזש זיך געוויגט אויף די בענק פון אַן אינערלעכער הדווה, ווען דער אַרטיסט אויף דער עסטראַדע האָט געשלאָסן מיטן „לאָמיר אַלע אין איינעם״... לאָמיר... לאָמיר טאַקע! אָבער מען לאָזט נישט אין איינעם, מען וויל זיי צעשפּרייטן, צעררייבן, צעטיילן...

זיצט מען אויף די בענק און מען רעדט. שפּאַצירן פאָרלעך אין די געדיכטע אַלייען, פאָרלעך יידן, וואָס האָבן זיך דאָ צופעליק צוזאַמענגעטראָפן פון ווייטן סיביר ביזן הייסן קערטש.

איך גיי מיט צוויי אַמעריקאַנער צוריק צו מיין „אָרעאַנדאַ״ האָטעל. מען רעדט ענגליש. גייען אונדז נאָך צוויי עלעגאַנטע דאַמען: איינע אַ מיטליע־ריקע די צווייטע גאָר אַ יונגע. און ווען מיר ווילן אַרויסגיין פון דער אַלעע אויפן ברייטן ים־וועג, פאַרהאַלט אונדז די עלטערע דאַמע מיט די ווערטער אין ענגליש: „פּליז, עקסקיוז מאַי באַדערינג יו, — אַי וואָנט טו עסק יו

עי קוועסטשטאָן" (ביטע, אַנטשולדיקט, וואָס איך שטער אייך: איך וויל אייך שטעלן אַ פראַגע).

פאַרהאַלטן מיר זיך און קוקן אָן נייגעריק די דאַמען. זיי, צווישן זיך, רעדן אַ ווייל אין רוסיש, און דערנאָך שטעלט די עלטערע, ווידער אין ענגליש, יי פראַגע: „איז עמיצער פון אייך לעצטנס געווען אין ישראל? קענט איר אונדז דערציילן וועגן דער לאַגע דאָרט?"

ווען איך ענטפער, אַז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק בין איך געווען און איך קאָן זיי עפּעס דערציילן וועגן דער לאַגע, נאָר פאַר וואָס אין ענגליש? איך קאָן דאָך זיי זאָגן אין רוסיש, — פּראָטעסטירט די עלטערע דאַמע: „ביין ביטע, נאָר אין ענגליש. עס איז באַקוועמער אַזוי". פאַרשטייען מיר די סיבה, אָבער מיר לייגן פאָר רעדן נישט שטייענדיק אין מיטן וועג, נאָר זיך צוזעצן אויף אַ באַנק. עס קומט ווידער אָן אָפּזאָג: „אונדז איז באַקוועמער צו שטיין"... פאַרשטייען מיר ווידער. מיינע באַגלייטער גייען פאָרויס, און איך שפּאַציר נאָך זיי מיט די דאַמען, וועלכע האַלטן זיך אין איין אַרומקוקן. נו, איך קאָנ־דענסיר דאָס אַלץ, וואָס מיר ווילט זיך דערציילן זיי פון ישראל. עס קומען פראַגן, וועגן די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער, וועגן טעאַטער, וועגן דער־ציונגס־וועזן. אויך די געוויינלעכע אין ראַטן־פאַרבאַנד פראַגע וועגן בן־גוריונס „אַגרעסיוויקייט" קעגן די אַראַבער.

עס איז נאָר נאַטירלעך ווען איך פרעג די דאַמען פון וואַנען זיי זענען און וואָס זיי טוען. זיי רופן אָן דעם נאָמען פון אַ גרויסער רוסישער שטאָט — ווו די עלטערע דאַמע איז אַ פּראָפעסאָרין פון ענגליש און די יינגערע — אַ פריילין נאָך — מאַכט דורך איר דאָקטאָר־עקזאַמען אויף מעדיצין.

די עלטערע דאַמע פאַרדינט ביז פינף הונדערט דאָלאַר אַ חודש, וואָס איז איבערגענוג צו לעבן און זיך פיין צו קליידן. די יינגערע קריגט נאָר 75 דאָלאַר, אָבער אַ פאָטער, אַ פּראָפעסאָר, שטיצט זי ביז זי וועט ענדיקן דאָס שטודירן.

ביידע קלאָגן זיך אויף גאָרנישט. זיי זאָגן, אַז עס איז זיי גוט. אָבער וועגן ישראל ווילן זיי וויסן אַלץ — שטאַרק וויסן. פאַר וואָס? איך זע זייער רעאַקציע אויף מיינע ווערטער: צו וואָס זאָל איך נאָך פרעגן קשיות?

*

אין דער פרי פאָר איך אויפן עלעקטרישן פּאַסאַזשיר־שיפל פון יאַלטע קיין ליוואַדיע. עס איז אין גאַנצן אַ פּאָר מייל, אָבער עס דוכט זיך, אַז דער

באַשעפער דאָ האָט אַ שאָט געטאָן מיט אַ פולער האַנט אַזוי פיל שיינקייט, בלומען, בערג און גרינס, פעלדזן און פּאַלמען, ווייסע פּאַלאַצן־סאַנאַטאָריעס פאַר קראַנקע און אוראַלטע טורעמס פון נעפּלדיקן „אַמאָל״, וועלכע זענען אין מוזייען פאַרוואַנדלט, — אַז עס וואָלט געקאָנט סטייען פאַר אַ גאַנץ לאַנד.

דאָס שיפל שטעלט זיך אָפּ און איך גיי אַראָפּ לעבן אַ קליינער פּליאַזשע מיט שמאָלע טרעפּ, וואָס זענען אויסגעהאַקט אין באַוואַלדיקטן באַרג.

איך מאַך אַ טעות: אַנשטאָט צו פאַרנעמען זיך רעכטס צו דער פּליאַזשע, הינטער וועלכער עס וואַרטן אויטאָבוסן, וואָס פירן אייך אין דער הויך פון ליוואַדיע, האָבן מיך אַ צי געטאָן די סודותדיקע געשלענגלטע טרעפּ, וואָס פאַרשווינדן אין די הויכן. איך האָב אָנגעהויבן קלעטערן. נאָך אַ האַלבער שעה האָב איך אויפגעהויבן די אויגן און נאָך אַלץ געזען, אַז צום שפּיץ איז זייער ווייט.

וויל איך שוין גיין צוריק. קוק איך אָבער אַראָפּ אונטן, זע איך, אַז די טרעפּלעך זענען כמעט אין אַ גלייכער ליניע הויך איבערן ים, — אַז עס איז פשוט אַ מורא גיין צוריק, ווייל דער קאָפּ וועט זיך מיר פאַרדרייען און מען קאָן זיך אַראָפּקייקלען אונטן, אין ים אַריין.

האָב איך קיין ברירה נישט, ווי מאַכן זיך האַרץ און קלעטערן אַלץ העכער איבער די שמאָלע שטיינערנע טרעפּ. איך אייל זיך דאָך נישט אין ערגעץ, איז לאָמיר זשע זיין אַ „העלד״ און האַלטן זיך ביים לעבנס־כלל: „ברודער, קיין מאָל נישט צוריק!״

און קיין מענטשן באַגעגנט מען נישט. עס לויפט דורך פון צייט צו צייט אַ הירש און טאָפּטשעט אויף די טרוקענע אָנגעוואָרפענע צווייגן: ער שרעקט מיך און איך שרעק אים. אַ פּאָר מאָל דערשרעק איך יונגע פּאַרלעך, וואָס טוליען זיך אין דעם פינצטער־גרינעם באַרגוואַלד.

כ׳שריי צו זיי: „ווי ווייט איז דער וועג צום ליוואַדיער פּאַלאַץ?״ און אַ „זי״, אָדער אַן „ער״ ענטפערט קורץ — אַזוי ווי עס וואָלט געווען שווער „מפסיק״ צו זיין: „קריך העכער!״ און נאָך צוויי שעה קלעטערן „דער־קריך״ איך טאַקע אָן אָטעם. איך האָב איבערגעציילט פיר הונדערט טרעפּ — אַ קימאַ לן פון אַרום צוואַנציק שטאָק! דאָס איז אַ רעקאָרד פאַר מיר, ספּעציעל אויב מען באַטראַכט, אַז נישט לאַנג האָב איך געמאַכט אַ „סיום״ אויף די „ביבלישע״ יאָרן.

און נאָכן אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון אָט דעם קריכן, אַנטדעקט זיך אַ

פּאַנאָראַמע, וואָס פאַרכאַפּט ווידער דעם אָטעם: דער ווייסער ליוואַדיער פּאַלאַץ, ווו דער צאַר ניקאָליי דער צווייטער האָט געמאַכט זיין זומער־רעזידענץ, — אַן אַרכיטעקטאַנישער חלום, אויסגעדיכטעט דורך איטאַ־ליענישע קינסטלער אין שפּעטן רענעסאַנס־סטיל. טרינקט זיך דער פּאַלאַץ אין רויזן פון אַזאַ גרויס, וואָס איר זעט גאָר נישט אין קיין שום אַנדער אָרט, — ספּעציעל די געלע טיי־רויזן, וואָס פאַרשיכורן מיט זייער ריח. דערמאָנט איר זיך דעם צאַר ניקאָלאַיס ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט צו די דומע־פאָרשטייער גוטשקאָוו און שולגין, אין פרילינג פון יאָר 1917, ווען ער האָט אַבדיקירט פון טראָן: „לאָזט מיך פאָרן קיין ליוואַדיע צו מיינע רויזן, צווישן וועלכע איך וויל פאַרברענגען די איבערגעבליבענע יאָרן פון מיין לעבן"...

היינט איז אָט דער פּרעכטיקער פּאַלאַץ אַ סאַנאַטאָריע פאַר נערוון־קראַנקע מענטשן: צו אַכט הונדערט רוען זיי דאָ יעדע פאַר וואָכן. און אין די אַלטע פּאַלאַצן אַרום פון די גרויספירשטן און פון דער אַמאָליקער הויף־קאַמאַריליע וווינען אויך פּשוטע מידע מענטשן פון גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד. שפּריץ איך איבערן גלאַטיקן „צאַרסקן וועג", וואָס פאַראייניקט די פּאַלאַצן דורך דעם שאָטנדיקן געדיכטן פּאַרק און איך דערמאָן זיך: נישט נאָר דער צאַר האָט דעם דאָזיקן פּאַלאַץ פאַרגעטערט. עס האָבן דאָ געשפּאַצירט אין פאַרשידענע עפּאָכעס פּושקין און לעוו טאָלסטאָי, גאָרקי און טשעכאָוו, נאַדסאָן און נעקראַסאָוו, און צום סאַמע לעצטן, אין יאָר פון זיין זעלבסטמאָרד, — דער באַזינגער פון נייעם רוסלאַנד — דער דיכטער מאַיאַקאָווסקי.

איך גיי אַריין אין די מאַרמאָר־געפּלאַסטערטע זאַלן פון ליוואַדיער פּאַלאַץ. איך וויל אויפלעבן די געשעעניש, — אפשר די גרעסטע אין דער געשיכטע פון פּאַלאַץ, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען צווישן 4טן און 12טן פעברואַר אין יאָר 1945, — די באַרימטע „יאַלטער קאָנפערענץ", — ווען דאָ האָבן זיך באַראַטן רוזוועלט, טשערטשיל און סטאַלין.

די אויגן פון דער גאַנצער וועלט זענען דאַן געווען געווענדט אין דער ריכטונג פון אָט די זאַלן. דאָ האָט געזאָלט פאָרקומען די „חלוקה" פון דער וועלט, ווען זי וועט שוין פון היטלערן אין גאַנצן באַפרייט ווערן.

רוזוועלט איז שוין געווען שטערבלעך קראַנק. סטאַלין — אויפן שפּיץ פון זיין מאַכט. טשערטשיל, ברומענדיק ווי אַ לייב, האָט אָבער געפילט, אַז מען גייט דאָ אים אָפּשניידן די נעגל: צי ער וויל, צי ער

וויל נישט, פּרעזידירט ער איבער דעם ליקווידאַציע־פּראָצעס פון זיין בריטישער אימפעריע.

פיל מענטשן אין דער גאַנצער וועלט, ספּעציעל אונדזערע אַמעריקאַנישע רעפּובליקאַנער, האַלטן נאָך איצטער, אַז די יאַלטער קאָנפערענץ איז געווען אַ טריומף פאַר סטאַלינען און אַן אומגליק פאַר דער פרייער וועלט.

איז איצטער נישט מיין אויפגאַבע וועגן דעם צו דיסקוטירן. אָבער אַ ציטער כאַפּט דאָך אַרום, ווען איר פאָטאָגראַפירט זיך ביים אַריינגאַנג פון ליוואַדיער פּאַלאַץ אונטערן ווייסן מאַרמאָרנעם טאָוול, אויף וועלכער עס זענען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות די נעמען פון רוזוועלט, טשערטשיל און סטאַלין, און דאָס, וואָס איז אין די טעג פון פעברואַר 1945 דאָ פאָרגעקומען.

אגב, איז דאָ דאָס איינציקע אָרט אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו סטאַלינס נאָמען איז איבערגעלאָזן געוואָרן אויף אַ מאָנומענט. אומעטום האָט מען די מאָנומענטן פון מאָנסטער־מערדער און אַלץ, וואָס האָט זיין נאָמען געטראָגן (אַרום אכציק שטעט, דערפער, אומצאָליקע גאַסן און אינסטיטוציעס) — אָפּגעמעקט, אָפּגעריבן און צעשטערט.

איצטער הערט אַ מעשה מיט אַ בוים פון צווישן פיל טויזנטער זעלטענע עקזעמפּלאַרן, וואָס זענען פאַרפלאַנצט דאָ אַרום דעם ליוואַדיער פּאַלאַץ, — פיל פון זיי פערזענלעך דורכן צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן.

איך לייען מעכאַניש די צעטלען, וואָס זענען צוגעקלעפּט צו די ביימער און באַמערק אויף איינעם פון זיי אַן אונטערשריפט „בוים פון יהודה״.

אַזוי גאָר? זענען מיר דאָך קרובים! באַטראַכט איך שוין זיינע צווייגן, זיינע העל־בלויע בלימלעך גאַנץ אַנדערש. ווילט זיך מיר זינגען צוזאַמען מיט לערמאָנטאָוון „זאָג מיר, צווייגל פון פּאַלעסטינע, ווו ביסטו געוואַקסן, ווו האָסטו געבליט, אין וועלכע בערג און אין וועלכע טאָלן האָסטו מיט יוגנט־רייץ געגליט?״

אויפן ווייסן קאַרטל שטייט געשריבן: „דאָס מוטערלאַנד פון בוים איז אין מיטלאָזיע, פאַרפלאַנצט דאָ אין יאָר 1911, ווען דער פּאַלאַץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קייזערלעכן פּאַלאַץ״.

און אַז איך האָב אויפן בוים געקוקט און זיין פרישן אַראָמאַט אין זיך געצויגן, — האָב איך צו אים כמעט אויפן קול אַ זאָג געטאָן:

„בוים פון יהודה! דו שטייסט דאָ ווי אַ לעבעדיקער סימבאָל פון

דער ערד, פון וואַנען מען האָט דיך אַראָפּגעבראַכט. די, וואָס האָבן דיך אויסגעריסן מיטן וואָרצל און אויף פרעמדער ערד געפלאַנצט, — דער צאַר מיט זיינע משרתים, — זענען אומגעקומען, מער נישטאָ. און דו בליסט און שיינסט מיט אַלע פאַרבן. דו האָסט זיי איבערגעלעבט!״

— — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין יאַלטע (דאָס מאָל נישט דורך טרעפּ, נאָר מיט אַן אויטאָבוס, ווי אַלע נאָרמאַלע מענטשן), בין איך אַריין אין דער שטאָט־ביבליאָטעק און געבעטן אַ בוך, וואָס דערציילט עפּעס וועגן דער „יאַלטער קאָנפערענץ״. די ביבליאָטעקאַרין, אַן עלטערע, געבילדעטע פרוי, האָט געזוכט, געבישטערט און זיך עפּעס געקווענקלט, ווען זי האָט אַזאַ בוך געפונען. ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן טיטל, וואָס דערציילט אייך גלייך, אַז די „יאַלטער קאָנפערענץ איז אַ נצחון פון גרויסן סטאַלין״, האָב איך פאַרשטאַנען פאַר וואָס די ביבליאָטעקאַרין קווענקלט זיך: אַזאַ בוך איז שוין איצט אַרויסגעצויגן פון אומגאַנג. אָבער אַז איך דערצייל איר וועגן מיין וויזיט אין ליוואַדיע און אַז איך וואָלט געוואָלט זיך באַ־קענען מיט דעם סאָוויעטישן שטאַנדפּונקט וועגן דער דאָזיקער קאָנפערענץ, פאַרשטייט זי און וויל מיר העלפן: „אַלזאָ, איך געטרוי אייך אָן דעם דאָזיקן בוך ביז פאַר נאַכט. איך טאָר אים נישט אַרויסגעבן. אָבער מיר דוכט זיך, אַז איר וועט אים צוריקברענגען. נייִן, איך דאַרף נישט קיין געלט־משכון, — איר וועט דאָס בוך אָפּגעבן״.

און זיבן פאַרנאַכט, ווען די ביבליאָטעק האָט זיך געהאַלטן בייַם שליסן, האָט דער אַמעריקאַנער גאַסט אָפּגעגעבן דער נאָבעלער רוסישער פרוי דאָס בוך.

עס איז געווען זייער אינטערעסאַנט און שפּאַנענדיק צו לייענען דאָס בוך. מען האָט געפילט, אַז סטאַלין באַרימט זיך, אַז ער האָט די קאָנפע־רענץ דאָמינירט. רוזוועלטס שטאַט־סעקרעטאַר סטעטיניוס פּרובירט קעמפן פאַר די טעזעס פון זיין קראַנקן באַלעבאָס. די גרעסטע הילף באַקומט ער פון זיין פעיקן אַסיסטענט אַלדזשער היס...

און אַז מען דערמאָנט זיך, אַז דאָס איז דער זעלבער היס, וואָס איז שוין דאַן געווען אַ שפּיאָן פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווי דאָס איז אויפגעדעקט געוואָרן בעת זיין סענסאַציאָנעלן פּראָצעס, — זעט מען טאַקע, וואָס פאַר

אַ לייכט לעבן סטאַלין האָט געהאַט. ער האָט געשפּילט מיט אַ קעגנער, וועמענס קאָרטן עס זענען געווען דורכזיכטיק ווי גלאָז...

זייער אינטערעסאַנט זענען די דיסקוסיעס וועגן פּוילן (אונדזערע רעפּובליקאַנער רופן דאָס: „די אויסליפערונג פון פּוילן צו סטאַלינען) די ביטערע געגנג פון סטאַלינען אָפּצוציען זיין אַריינטריט אין יאַפּאַנישן קריג, וואָס ווען נישט די אַטאָם־באָמבע, וואָלט זי אונדז געקאָסט מינימום נאָך אַ מיליאָן לעבנס. אָבער דאָס האָט סטאַלינען נישט געאַרט. דאָס זענען דאָך נישט זיינע, נאָר אַמעריקאַנישע... די אַלע זאַכן זענען אין די רוסישע קוועלן פיל בולטער דערציילט, ווי מען האָט דאָס אונדז געגעבן. אָבער אין זאַך פון טשערטשילן ווילט זיך יאָ ברענגען אַלס אַ ראיה, ווי קורצ־זיכטיק אַפילו די גרעסטע מענטשן פון אונדזער עפּאָכע, זענען געווען אין דעצידירנדיקע מאָמענטן. ווען סטאַלין און רוזוועלט האָבן געקוועטשט פאַר דער באַפרייונג פון עטלעכע גרויסע ענגלישע קאָלאָניעס, האָט טשער־טשיל אַ זאָג געטאָן: „איך וועל קיין מאָל נישט דערלויבן, אַז די צע־דרייטע, אומגעלומפּערטע פינגער פון 50—60 לענדער זאָלן זיך ראַיען אין געקעכץ פון דער ענגלישער אימפּעריע״...

נו, ווייסט איר דאָך דעם סוף. נישט 50—60 פאַרביקע פינגער, נאָר פיל מער ראַיען זיך אין אַמאָליקן „אימפּעריע־געקעכץ״.

און טשערטשיל האָט דאָס דערלעבט, און — איבערגעלעבט.

— — — — — — — — — — — — —

אין האָטעל זאָגט מען מיר, אַז איך האָב באַקומען אַ דערלויבעניש צו באַזוכן מאָרגן די שטאָט סעוואַסטאָפּאָל, אין באַגלייטונג פון אַן „אינ־טוריסט״־פירער.

סעוואַסטאָפּאָל

איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס מיר, אַ קליינע גרופּע אַמערי־קאַנער, האָבן באַקומען די דערלויבעניש צו מאַכן אַ טאָג־עקסקורסיע אין סעוואַסטאָפּאָלער פּאָרט־ און פעסטונג־שטאָט.

אמת, פאָרן אויטאָמאָביל און אונדזער אינטוריסט־באַגלייטער דאַרף

מען צאָלן אַרום הונדערט דאָלאַר, אָבער עס ווילט זיך מיר דאָך צום ערשטן מאָל אָנקוקן די שטאָט, וועמעס נאָמען ס׳האָט געקלונגען אין מיינע אויערן זינט כ׳בין אַ קינד געווען. דער לעבעדיקער סימבאָל פון איר אין מיין זכרון איז געבליבן אין דער פאָרם פון אַן אַלטן יידישן אינוואַליד מיט אַ ברייטער, ווייסער באָרד און מיט אַ הילצערנעם פוס, וואָס האָט זיך געשלעפּט אויף קוליעס איבער די גאַסן פון מיין היימשטאָט. אויף דער ברוסט ביי אים האָבן זיך געבאָמבלט מעדאַלן, — אַן אומגעווייגלעכע דערשיינונג אויף אַ רעקל פון אַן אַלטן ייד.

פלעגן מיר, חדר־יינגלעך, פאַראינטריגירטע מיט זיין הילצערנעם פוס און מיט זיינע מעדאַלן, זיך אַרומדרייען אַרום דעם ייד אין אַ פאַרנאַכט פאַר מנחה אין יחיאל־נעכעס בית־מדרש און „פּאַמפּען״ פון אים מעשיות וועגן „שעוואַשטאָפּאָל״, ווו ער האָט געקעמפט און וועגן דעם, ווי אַזוי יידן־כאַפּערס האָבן אים, אַן אַכט־יאָריקן יתום, אַרויסגעריסן פון די אָרעמס פון זיין מאַמען דער אַלמנה און אַוועקגעפירט אין אַ וויטן דאָרף צוזאַמען מיט נאָך אָרעמע יידישע יינגלעך.

„דאָרט האָבן מיר ביי פּויערים חזירים געפּאַשעט. מען האָט אונדז געפּייניקט און געשלאָגן, מען זאָל זיך לאָזן ביים פּאָפּ אָפּשמדן. מען האָט אונדז געגעבן הערינג און נישט דערלויבט צו פאַרטרינקען, געהייסן קושן דעם צלם, אָבער מיר האָבן זיך נישט געלאָזט. איך געדענק, ווי די מאַמע האָט וויינענדיק נאָכגעשריגן, ווען די כאַפּערס האָבן מיך שוין אין דער קאָלדרע איינגעוויקלט און אַוועקגעטראָגן: „אברהמלע, געדענק, אַ ייד זאָלסטו בלייבן״. נישט אַלע זענען דאָס געבליבן. נישט אַלע האָבן גע־קענט אויסהאַלטן. זענען זיי גויים געוואָרן. שפּעטער האָט מען זיי פאַר אָפיצירן געמאַכט. אָבער מיר, אַ גרופּע יינגלעך פון גראָדנער גובערניע, האָבן זיך ביזן סוף געהאַלטן צוזאַמען. געדאַוונט אויסנווייניק, קיין חזיר נישט געגעסן, אויף ברויט און וואַסער געלעבט. צו זיבעצן יאָר זענען מיר אַלע געבראַכט געוואָרן אַלס סאָלדאַטן קיין סעוואַסטאָפּאָל. זיך געשלאָגן ביז בלוט מיטן טערק און פראַנצויז. כמעט אַלע „זעמליאַקעס״ (לאַנדסלייט) זענען אומגעקומען. נו, און איך, ווי איר זעט, האָב נאָר אַ פוס פאַרלוירן. און פאַר וועמען? פאַר דעם צורר ניקאָליי דעם ערשטן. אָט איז דאָך זיין בילד אויף אַלע מעדאַלן. וואָלטן זיי כאָטש געווען פון גאָלד, וואָלט איך זיי פאַרזעצט און חתונה געמאַכט מיין טאָכטער. זענען זיי אַלע אָבער פון מעש און זענען ווערט אַ שמעק טאַבאַק״.

אַזעלכע און נאָך ענלעכע מעשיות האָבן ביי מיר אין זכרון געבונדן די פאַרטיידיקונג פון סעוואַסטאָפּאָל מיט די טויזנטער יידישע „קאַנטאָ־ניסטן״, וואָס האָבן מיט זייער העלדישקייט אַריינגעשריבן אַ רומפול קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער רוסישער אַרמיי.

אין סעוואַסטאָפּאָל גופא האָט מען אין די זעכציקער יאָרן געשטעלט אַ מאָנומענט פון ווייסן מאַרמאָר, אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט: „צום אָנדענק פון די פינף הונדערט י י ד י ש ע סאָלדאַטן, וואָס זענען דאָ געפאַלן פאַר זייער פאָטערלאַנד״. אַזאַ מין אויסערגעוויינלעכע אויסצייכענונג אין די צאַרישע צייטן, — אַ דענקמאָל פאַר געפאַלענע יידן, — האָט געמוזט זיין אַ רעזולטאַט פון אַ נישט דורכשניטלעכער העלדישקייט, פאַר וועלכער עס האָבן עדות געזאָגט אין ספּעציעלע באַריכטן די אַדמיראַלן נאַכימאָוו און קאָרנילאָוו.

*

מיט אונדז אין אויטאָ אויפן וועג קיין סעוואַסטאָפּאָל, פאָרט אויך מיט דער מוזיקער א. גערשונאָוו מיט זיין פרוי (פון לאָס אַנדזשעלעס). ער איז נאָך אַלץ אין כעס זינט ער איז אַהער געקומען פון לענינגראַד זיך אַ ביסל אָפּרוען: ער האָט געשלעפּט מיט זיך פון קאַליפאָרניע ביז לענינגראַד אויף דער שיף גאַנצע צען טשעמאָדאַנעס מיט קליידונג־מתנות פאַר זיינע צאָלרייכע קרובים אין מאָסקווע. די צאָל־באַאַמטע אין לענינגראַד האָבן אַלע צען וואַליזעס פאַרהאַלטן. צוגעזאָגט אים זיי צוריקגעבן ווען ער וועט פאָרן אַהיים מיט דער זעלבער שיף. איז ער אויפגערעגט און בעט מיך איך זאָל מתרה זיין אַזעלכע „גרינע״ ווי ער איז, מען זאָל קיין צו פיל מתנות אין ראַטן־פאַרבאַנד נישט ברענגען. די באַאַמטע אין פאָרט האָבן אים „באַרויקט״ מיט דעם באַקאַנטן נוסח: „או נאַס וסיאָ יעסט״ (ביי אונדז איז דאָך אַלץ פאַראַן), איז וואָס שלעפּט איר קליידונג אַהער פון אַמעריקע?״

שעלט זיך דער מוזיקאַנט גערשונאָוו, וואָס האָט מיט גרויס טאַלאַנט „געפייפט״ אויפן פּליט אונטער דעם געניאַלן טאָסקאַניני אַרום דער גאַנצער וועלט: אַ פּראָפעסיאָנעלער „פייפער״, מיין פריינד, האָט ער פיינט, אַז עמעצער „פייפט״ אים אָן: האָט ער דאָך געוווסט, זאָגט ער, אַז אַמעריקע וואָלט אויך נישט אַריינגעלאָזן קיין צען „טשעמאָדאַנעס״ מיט נייע זאַכן.

מיר פֿאָרן דורך דעם קוראָרט אַלופּקאַ, דעם צוווייטן לויט זיין באַטייט נאָך יאַלטע. איבער אונדז טויערט דער אַי־פּעטרי־באַרג מיט די קודלע־וואַטע סאָסנע־וועלדער, וואָס דערגרייכן אונטן כמעט ביזן ים. צווישן יענע מחיהדיקע סאָסנעס זעט מען אַ ריזיקע געביידע פֿון ווייסע שטיינער, — אַ סאַנאַטאָריע פֿאַר קינדער, וואָס ליידן פֿון ביינער־טובערקולאָז. און דאָרט, אויף רעכטס, אין אַ ווייס הייזל, האָט אַדאַם מיצקעוויטש געשריבן (אין 1820) זיינע קרימער סאָנעטן. און לינקס, האַרט ביים ברעג, האָט דער אומ־פֿאַרגעסלעכער מאָלער פֿון ים, י. אייוואַזאָווסקי, געשאַפֿן זיינע אומשטער־בלעכע לייוונטן פֿון צעשטורעמטע ים־כוואַליעס.

ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן פֿון אַלופּקאַ אויפֿן שאָסיי, זענען מיר פֿאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ פּאָליציי־וואַך, וואָס קאָנטראָלירט דעם וועג צו דער סעוואַסטאָפּאָלער פֿעסטונג. און עס דויערט גענוג לאַנג דער געשפּרעך צווישן דעם אינטוריסט־מענטש און די פּאָליציי־באַאַמטע. מען קאָנטראָלירט די דאָקומענטן. מען טעלעפֿאָנירט אַפֿילו צוריק קיין יאַלטע צו עפּעס אַ העכערער „קאָמאַנדע". שפּעטער אַנטשולדיקט זיך דער פּאָלי־ציי־אָפֿיציר, דערקלערנדיק, אַז נישט אונדז האָט מען געמיינט... און מיר פֿאָרן ווייטער מיטן העלן ים־ברעג אין ראַם פֿון די באַוואַלדטע בערג. און אָט אַנטדעקט זיך פּלוצלינג פֿאַר אונדז די אַזוי מאָלערישע פּאַנאָראַמע פֿון סעוואַסטאָפּאָל מיט די גאַסן פֿון בלענדנדיקער ווייסקייט.

דאָרט ווייט, איז דער היסטאָרישער „מאַלאַכאָוו־קורגאַן", ווו מער ווי אַ יאָר האָבן זיך געהאַלטן די באַלאַגערטע דורך ענגליש־פֿראַנצויזיש־טערקישן מיליטער העלדישע פֿאַרטיידיקער פֿון סעוואַסטאָפּאָל אין יאָר 1854—55. און אָט איז אַ סלופּ ביים ים, אויף וועלכן עס איז אויסגע־קריצט, אַז פֿון דאַנען איז דער רעוואָלוציאָנערער לייטענאַנט שמידט אָפּגעשוווּמען, כדי איבערצונעמען די קאָמאַנדע איבער די צעבונטעוועטע מאַטראָסן אין יאָר 1905.

עפּעס ווייס איך פֿון נאָך אַ געשעעניש, וואָס איז אויפֿן זעלביקן אָרט פֿאָרגעקומען: דאָ האָבן אין אָנהייב פֿון דער באָלשעװיסטישער רעוואָלוציע מאַטראָסן פֿון זעלבן פֿלאָט זייערע אָפֿיצירן אין די הונדערטער געמאָרדעט און אין ים געוואָרפֿן. וואָכן־לאַנג זענען זייערע טויטע קערפּערס געשווו־מען איבער די וואַסערן, אײדער זיי האָבן זיך צום ברעג דערשלאָגן.

און איצט פֿאָרן מיר פֿאַרביי דעם סאַפּון־באַרג, ווו די נאַציס האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיקט אין מאַי 1944, כדי איינהאַלטן די דאָזיקע לעצטע פֿעס־

טונג פון קרים. סאַפּון איז אָבער דעם זיבעטן מאַי געשטורעמט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע סאָלדאַטן, און אין 24 שעה געגומען געוואָרן צוזאַמען מיט די נאַצי־פאַשיסטישע חיילות, וועלכע האָבן אים פאַרטיידיקט.

מיר פאָרן שוין איבער די גאַסן פון דער דאָזיקער „וווּנדער־שטאָט", וואָס איז אין גאַנצן געקליידט אין ווייסן בעטאָן, גראַניט און אַספאַלט. אַ וווּנדער־שטאָט — נישט נאָר צוליב איר העלדישער פאַרגאַנגענהייט, נאָר צוליב דעם, וואָס די נאַצישע באַרבאַרן האָבן איבערגעלאָזן בלויז פינף נישט קיין צעשטערטע הייזער, — און איצט איז אַלץ צוריק אויפגעבויט נאָך פיל שענער און רייכער, ווי די דאָזיקע שטאָט האָט אויסגעזען פאַר דער לעצטער מלחמה.

פון ביידע זייטן פון די פּראָספּעקטן — נייע הייזער. מיר פאַרפאָרן אין אַ לוקסוס־האָטעל, וואָס הייסט טאַקע „סעוואַסטאָפּאָל" און קאָן איינשטיין אין יעדער אייראָפּעישער שטאָט.

דאָרט בייסט מען צו און מען פירט אונדז זען די גרעסטע מערקווירדיקייט פון דער שטאָט — די „פּאַנאָראַמע מאַלאַכאָוו־קורגאַן", וואָס ווייזט אין אַ רעליעפער פאָרם (די קיילעכדיקע געביידע מיט די פיגורן אַרום, איז 115 מעטער אין היקף און 14 מעטער די הייך), דעם לעצטן עפּיזאָד פון דער פאַרטיידיקונג פון סעוואַסטאָפּאָל (דעם 14טן יוני 1855) און דעם טויט פון העלדישן אַדמיראַל נאַכימאָוו.

אָט דאָ, אויף דעם פּלאַץ, איז אין יענעם יאָר געשטאַנען אַ יונגער גוואַרדיע־לייטענאַנט גראַף לעוו טאָלסטאָי און קעמפנדיק פאַרפיקסירט פאַר די קומענדיקע דורות די בלוטיקע מלחמה־עפּאָפּעע אין זיין בוך „סעוואַסטאָפּאָלער דערציילונגען". טאָלסטאָי ברענגט אַרויס די העלדישקייט פון פּשוטן סאָלדאַט און די שוואַכקייט און נידעריקייט פוו די צאַרישע אַריסטאָקראַטישע אָפיצירן. אין אַ געוויס אָרט שילדערט טאָלסטאָי זיין באַזוך אויפן „פערטן באַסטיאָן", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערער העלדישקייט. צווישן אַ גרופּע סאָלדאַטן באַמערקט ער איינעם, וואָס איז, ווייזט אויס, אַ „זשיד". יאָ, דער יונגער טאָלסטאָי האָט נישט באַנוצט דאָס מאָל דאָס אידעלע וואָרט „יעווריי", נאָר דווקא דעם באַליידיקנדיקן אויסדרוק „זשיד", וואָס וואָלט מיך איבערראַשט, ווען איך דערמאָן זיך נישט, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן איידער עס איז אין טאָלסטאָיען פאָרגעקומען דער איבערברוך פון דעם גראַף צו דעם גאָט־זוכנדיקן געניאַלן פילאָזאָף. אַז מיר וועלן זיך דערמאָנען, אַז מיר געפינען ביי־

טאָלסטאָיען אַ דערציילונג, ווו ער באַצייכנט אַ באַגעגנטן מאַן אין וואַגאָן ערשטער קלאַס אַלס „כאַם״, ווייל יענער האָט קיין הענטשקעס נישט געטראָגן — וועט אייך קלאָר ווערן, פאַר וואָס האָט דאָן דער יונגער טאָלסטאָי באַצייכנט אַ יידישן העלד אין סעוואַסטאָפּאָל אַלס „זשיד״.

פון דער „פּאַנאָראַמע״ הייבן מיר זיך אויף אין אַ מערקווירדיקן גאָרטן, ווו אין אַ ספּעציעלער אַלעע זענען פאַרזעצטביימער דורך עטלעכע צענדליק באַרימטע קאָמוניסטישע און ראַדיקאַלע פירער פון דער גאַנצער וועלט, — פון כרושטשאָוו ביזן אַמעריקאַנער נעגער־זינגער פּאָל ראָבסאָן.

איר זעט דאָ דעם „גאַמולקאַ־בוים״ און ביימער פאַרזעצטע דורך די פּרעזידענטן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, רומעניע און בולגאַריע, ווי אויך פון מאַאָ פון כינע און טיטאָ פון יוגאָסלאַוויע.

ווייס איך, אַז דאָ זענען אַ מאָל געשטאַנען ביימער פאַרזייט פון איינעם אַ סטאַלין און פון האָדזשאַ פון אַלבאַניע. האָט זיי מסתם דער ווינט אויסגעריסן און ערגעץ פאַרטראָגן.

דערפאַר אָבער בין איך אַ ביסל פאַרוווּנדערט געוואָרן, ווען איך האָב שפּאַצירט איבער אַן אַנדער גרויסער אַלעע מיט גרויסע בילדער פון אַמאָליקע העלדן פון רוסישן פלאָט: זיי אַלע זענען דאָ פאַראַן, — די צאַרישע אַדמיראַלן נאַכימאָוו, קאָרנילאָוו, אושאַקאָוו און אפילו מאַקאַראָוו, וואָס איז אומגעקומען פון אַ יאַפּאַנישער מינע אויף דער פּאַנצער־שיף „פּעטראָפּאַוולאָווסק״ אין יאָר 1904.

זיי זענען אַרויס מיט זייערע גאָלדענע עפּאָלעטן, צאָלרייכע מעדאַלן מיט די בילדער פון די צאַרן, — אַ סימן, אַז ווען עס קומט צו גלאָריפיצירן די מיליטערישע פאַרגאַנגענהייט, ציט די היינטיקע סאָוויעטישע מאַכט מיט שטאָלץ די ליניע פון איוואַן גראָזני דורך סוואָראָוו, קוטוזאָוו, נאַכימאָוו, ביז — דעם שווערוואָגיקן היינטיקן מאַרשאַל מאַלינאָווסקי.

נאָך דעם זעלבן אָוונט זיצן מיר שוין אין יאַלטער האָטעל אַרום דעם טיש, וואָס איז אין טומלדיקן רעסטאָראַן באַשטימט פאַר אַמעריקאַנער. גייט פאַרביי אונדז אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פערציק, — פיין געקליידט, מיט אַ טיפּיש פּנים פון אַ יידישן אינטעליגענט. ער פאַרהאַלט זיך אויף אַ ווייל, באַגריסט אונדז אין רוסיש און גייט דערביי אַ זאָג: „ראַד בי וו' ראַי, דאַ גרעכי ניע פּוסקאַיוט״ (אַ שפּריכוואָרט אַזאַ: „איך וואָלט געוואָלט אַריין אין גן־עדן, — דערלאָזן מיך אָבער נישט מיינע זינד״).

פאַרשטיי איך פאַר וואָס ער גייט נישט צו צום טישל. געפין איך אים

אויס גלייך נאָכן עסן און מיר פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף דער פּראָמענאַדע. ער איז אַ געשיכטע־פּראָפעסאָר טאַקע אין סעוואַסטאָפּאָלער אָפּטיילונג פון אָדעסער אוניווערסיטעט, אַ זון פון אַן אַמאָליקן אָנפירער פון דער דאָר־טיקער קליינער יידישער קהילה ביזן ערשטן קריג. ער ווייס צו דערציילן וועגן די ליידן פון די יידן צוליב דעם, וואָס מען האָט קיין וווין־רעכט נישט געהאַט אין זיין שטאָט, ווי אַזוי מען האָט אין יאָר 1909 פאַרמאַכט דאָס קליינע בית־מדרשל פון די „ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן״ און אַלעמען אײַ־בערגעוואָרפן וווינען אין אַנדער קוואַרטאַל צוליב „זיכערקייט־סיבות״.

ער האָט אויך אַ מאָל אין דער סאָוויעטישער פּרעסע באַשריבן אַ ריי עפּיזאָדן פון דער אויסערגעוויינלעכער העלדישקייט פון אַ גרופּע יידישע סאָלדאַטן־קאַנטאָניסטן, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף די אָנגרייפנדיקע טערקן מיטן געשריי „שמע ישראל״, מיטגעשלעפּט מיט זיך די זיך וואַק־לענדיקע רוסישע סאָלדאַטן און פאַריאָגט דעם שונא. מיט דער אַטאַקע האָט אָנגעפירט דער יידישער באַראַבאַנשטשיק פון דער ראָטע.

דער דאָזיקער פּראָפעסאָר שרייבט איצט אַ ווערק וועגן דער ראָלע פון די יידישע סאָלדאַטן און פּאַרטיזאַנער אין דער צייט פון דער „גרויסער פאָטערלאַנד־מלחמה״. עס איז זייער מעגלעך, אַז אונטער „געוויסע אומ־שטענדן״ וועט די וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע עס פאַרעפנטלעכן.

ער זאָגט, אַז אין זיין ווערק ברענגט ער פיל פאַלן וועגן העלדישע יידישע סאָלדאַטן, בעת דעם קריג אין קרים, בעת דער טערקישער מלחמה אין די זיבעציקער יאָרן און בעתן יאַפּאַנישן קריג.

דאָס איז דער אַריינפיר אין זיין פּראָיעקטירטן בוך. ער פרעגט מיך, צי איך ווייס וועגן דער העלדישקייט פון אַ פּראָפּאָרשטשיק (יינגסטער אָפיציר) טרומפּעלדאָר בעת דער באַלאַגערונג פון פּאָרט־אַרטור. ער דער־ציילט וועגן אים, אַז נאָך דעם ווי מען האָט אַמפּוטירט זיין האַנט און ער איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט ער געבעטן מען זאָל אים געבן אַ שווערד אין דער איבערגעבליבענער האַנט. און אָט מיט דער שווערד איז ער ווידער אין אַטאַקע געגאַנגען און באַקומען די העכסטע מיליטערישע אויסצייכע־נונג. ער איז געגאַנגען אין שלאַכט מיטן אויסגעשריי: „פאַרן פאָטער־לאַנד!״

שמייכל איך אויסהערנדיק די דאָזיקע „נייעס״ וועגן טרומפּעלדאָרן אין יאַפּאַנישן קריג און פרעג מיין פּראָפעסאָר: „צי ווייסט איר, ווי און ווו טרומפּעלדאָר איז געשטאָרבן?״

יאָ, ער ווייס, אַז אין פּאַלעסטינע, אָבער ער קען נישט די אומשטענדן. איז איצטער מיין ריי צו ענדיקן פאַר אים די געשיכטע: טרומפּעל־דאָר איז געפאַלן אין קאַמף קעגן שונא מיט די ווערטער: „עס איז גוט צו שטאַרבן פאַר מיין פאָטערלאַנד!" אין דעם פאַל האָט דאָס פאָטערלאַנד געמיינט טאַקע דאָס לאַנד פון זיינע אייגענע אָבות".

מיין פּראָפעסאָר פאַרטראַכט זיך טיף, און אונדזער דיסקוסיע גייט אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג.

מיר געזעגענען זיך ביידע מיט אַ מאָדנעם געפיל: איך זע דאָס אין זיינע אויגן, איך פיל דאָס נישט־דערזאָגטע.

ווי אַזוי לעבן איצט יידן אין קרים

אַ שאָד, וואָס די יום־טובדיקע טעג אין יאַלטע ענדיקן זיך שוין. אַרום מיר — די שיינע נאַטור, און מיט מיר — אַזוי פיל יידן, קיין עין הרע, יידן פון אַלע עקן ראַטן־פאַרבאַנד.

די „אינטוריסט"־פאַרשטייערס דאָ זענען ווערט געלויבט צו ווערן פאַר זייער פריינדלעכער און ליבלעכער באַציונג צו אויסלענדער. אָט האָבן זיי פאַר מיר פערזענלעך אויסגעפּועלט אַ „בייט" פון צוויי קאַווקאַזער טעג אויף צוויי מאָסקווער. און צום סוף האָבן זיי מיר געגעבן אַ קורצן וויזיט אין דער הויפּטשטאָט פון קרים, אין סימפעראָפּאָל. דאָס איז געווען אַ וויזיט, וואָס איז נישט געווען אַריינגערעכנט אין מיין רייזע־פּלאַן.

די פאַרביסענע „אינטוריסט"־פאַרשטייערין אין קיעוו, קרילאָוואַ, וואָלט מיר און אויך אַנדערע יידן קיין שום טובה נישט געטאָן. איך האָב זיך ספּעציעל נאָכגעפרעגט ביי אַ ריי טוריסטן וועגן איר באַציונג צו זיי. האָב איך באַקומען אַ תשובה, אַז די דאָזיקע אַלטע מויד האָט זיי דערקוטשעט מיט אַ ספּעציעלער רשעות. לעצטנס האָט זי אָפּגעזאָגט אַ גרופּע אַמעריקאַניש־יידישע טוריסטן די דורך זיי באַצאָלטע אויטאָמאָבילן צו באַזוכן באַבי יאַר, דערקלערנדיק:

„וואָלט איר געווען אַמעריקאַנער קוילנגרעבערס, וואָלט איך אייך דאָס דערלויבט. אָבער אַזעלכע ווי איר זענט, וועלן דאָרט אַהין נישט פאָרן!"...

דאָס זעלביקע ווילט זיך זאָגן וועגן דעם ווילנער פאַרשטייער פון

„אינטוריסט״, וועלכער מישט צונויף זיינע קאָנפידענציעלע, פּאָליצייאישע פונקציעס מיט דער פליכט צו זיין אַ גאַסטגעבער פאַר אויסלענדער.

קיין סימפּעראָפּאָל קען איך פון יאַלטע פליען מיט אַ העליקאָפּטער, און עס קאָסט אין גאַנצן דריי דאָלאַר. אָבער ווען איך וויל שוין באַשטעלן דעם פלי, זאָגט מען מיר, אַז דער העליקאָפּטער וועט זיך ערשט „אויפ־הייבן״ מאָנטיק, און היינט איז דאָך פרייטיק.

דערלאַנגט מען ווידער אַ פּריוואַטן אויטאָמאָביל. גייען אַרויס אויף דער טעראַסע מיך באַגעגענען די ליבע לייענערס פון די בראָנקס, מיט זייערע געסט: דער ברודער פון סיביר און זיין פרוי מיטן ליידנדיקן פּנים. עס גייט אויך אַרויס אויף דער טעראַסע דער אַלטיטשקער אַלבערט קין פון לאָס אַנדזשעלעס. ער גיט מיר מיט אויפן וועג אַ מתנה, דוד עדלשטאַטס ביכל לידער מיט זיין בילד. קין איז שטאָלץ, וואָס דער גרויסער דיכטער איז געווען זיין לייבלעכער פעטער, און די מומע זיינע — שרה עדלשטאַט, דוד עדלשטאַטס שוועסטער — וועלכע איז ניינציק יאָר אַלט, פאַרשטענדיקט זיך נאָך איצט מיט איר נאָך „יונגעטשקן״, 80יאָריקן פּלימעניק.

אַלבערט קין איז אַ מאָל, ווי דער פעטער זיינער, געווען אַ באַרימטער אַנאַרכיסט. ער האָט דעמאָלט מבטל געמאַכט אַלע „נאַציאָנאַליזמען״ ווי נאַרישקייטן. אָבער איצט קומט ער פון מדינת ישראל מיט אַ פול מויל לויב־געזאַנג.

איך עפן דאָס ביכל און עס קלינגען צו מיר אַרויס פון דער ערשטער זייט אַ פּאָר סטראָפן פון עדלשטאַטס באַרימט ליד „די צוואה״:

„אויך אין מיין קבר וועל איך הערן
מיין פריי ליד, מיין שטורעם־ליד.
אויך דאָרט וועל איך פאַרגיסן טרערן
פאַר דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און ייד...״

הערט איר דאָס ווידערקול פון יענע נאַיווע אַכציקער יאָרן, ווען אי־דעאַליסטישע דיכטער, מיט ברייטע שניפּסן און מיט ברייטע הערצער האָבן מענטשן־ליבע באַזונגען?

פאַרוויאַנעט, געשענדעט, צעטאָפּטשעט זענען יענע בלומען פון דעם 19טן יאָרהונדערט.

אָבער אויף דעם וועג קיין סימפּעראָפּאָל בליען נאָך אַלץ די רויזן־

קוסטעס, און זיי דערמאָנען, אַז מען זאָל זיך נישט מיאש זיין. „נייע צייטן, נייע בלומען, נייע לידער..." הלוואי, רבונו של עולם!...

— — — — — — — — — — — — —

און איצט זענען מיר שוין אין דעם אינדוסטריעלן סימפעראָפּאָל, מיט די אויפגעבויטע גאַסן און הייזער, מיט כמעט הונדערט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע אַרבעטן מיטן פולן טעמפּאָ.

אַ מאָל איז דאָס געווען אַ שטילע, ווייסע שטאָט, ווו פאַרחלומטע טאַטאַרן — אַ סך נאָך אין בונטע כאַלאַטן, ווי אין די צייטן פון די קרימער כאַנען — זענען געזעסן אויף די שוועלן פון זייערע הייזער. אַ מאָל האָבן דאָ געלעבט עקזאָטישע יידן, די „קרימטשאַקעס", וועלכע האָבן זיך אָפּגע־שיידט פון די טאַטאַרן דורך זייערע „ציצית", וואָס מען האָט אַרויסגעזען פון הינטער זייערע קליידער. עס האָבן דאָ אויך רייכע קאַראַימער געלעבט, ברידער פון משה רבינוס גלויבן, וועלכע האָבן געהאַסט זייערע „תלמודי־שע" ברידער צוליב מורא, אַז דער צאַר זאָל ביי זיי, די קאַראַימער, נישט צונעמען די פּריווילעגיעס, וואָס זענען געווען געגעבן גרויס (זיי האָבן געקענט ווערן אָפיצירן אין דער צאַרישער אַרמיי, וויינען אומעטום און פאַרנעמען אַפילו מלוכה־שטעלעס).

ביז היטלערן איז אַלץ צוגעגאַנגען כשורה. די „תלמודישע" יידן האָבן געאַרבעט אויף שטעלעס, אין פאַבריקן, און אָרגאַניזירט אַ רייע לאַנדווירט־שאַפטלעכע קאָלאָניעס אַרום סימפעראָפּאָל, מיט דער יידישער שפּראַך און מיט דער יידישער קולטור אַלס באַגלייטער.

און סימפעראָפּאָל איז געווען די הויפּטשטאָט פון דער טאַטאַרישער קרימער רעפּובליק. אויך די באָלשעוויקעס, ווי אַ מאָל די צאַרן, האָבן געהאַלטן די טאַטאַרן פאַר לאָיאַלע בירגער, וועלכע פאַרדינען, אַז מען זאָל זיך מיט זיי צאַצקען.

אָבער אַזוי גיך ווי היטלער איז געקומען דאָ אַהער, האָבן די טאַטאַרן פאַרראַטן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. זיי האָבן זיך באַהעפט צו היטלערס היילות און געהאָלפן אויסראָטן די יידן. נו, האָט מען זיי דערפאַר, נאָך היטלערס מפּלה, באַצאָלט אַזוי ווי עס קומט פאַררעטערס. די קרימער רעפּובליק איז אַנולירט געוואָרן; די שולדיקע אין פאַרראַט האָט מען געשאָסן און געהאָנגען; די גאַנצע טאַטאַרישע באַפעלקערונג איז געוואָרן אַרויסגעיאָגט פון קרים קיין סיביר און אין אַנדערע צפונדיקע געגנטן.

דעם זעלביקן גורל האָבן אויך געטיילט — ווי איך האָב דאָס שוין דערמאָנט — די קאַראַימער, וועלכע האָבן זיך פּאַראייניקט קעגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און קעגן זייערע שותפים צו תורת־משה, די יידן.

נישטאָ היינט קיין איין טאַטאַר, קיין איין קאַראַימער אין קרים. קיין איינציקער מאַכמעדאַנישער מעטשעט איז נישט איבערגעלאָזט געוואָרן, און אויך נישט קיין איינציקע קאַראַימישע „כנסת״. אַ מאָל זענען געווען צען אַזעלכע קאַראַימישע שולן אין קרים.

אָבער אַ יידישע סינאַגאָגע איז דאָ יאָ פאַראַן. און עס וווינען נאָך דאָ אַלץ צען טויזנט יידן. און איך בין צו זיי געקומען צו גאַסט, כדי צו זען וואָס זיי מאַכן.

אין יאַלטע האָט מען מיר געזאָגט, אַז דער בית־מדרש געפינט זיך אויף אַ גאַס, וואָס הייסט פּאָנטאַנקאַ. אָבער קיינער ווייסט נישט פון אַזאַ גאַס, ווייל דער נאָמען שטאַמט נאָך פון די טאַטאַרישע צייטן. היינט הייסט די דאָזיקע גאַס אַנדערש. פּירט מיך איבער דער ווייסער שטאָט דער זינגער האַראָוויץ, וואָס וווינט מיט מיר אין איין האָטעל. דערגייען מיר ערגעץ צו אַ זייטיק געסל, מיטביימער און מיט ווייסע, שטאָקיקע הייזלעך. זאָגט מען אונדז, אַז דאָס איז די גאַס, וואָס מיר זוכן.

איך טרעף אַן עלטערן מענטש, געקליידט אין אַ ווייסן לייוונטענעם אַנצוג. ער גייט מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע. קוק איך זיך גוט צו צו אים, און עס דוכט זיך מיר, אַז איך דערקען די משא, וואָס האָט אים איינגעבויגן די פּלייצע: דאָס איז דער יידישער גלות, דאָס זענען די יידישע צרות...

דער זינגער האַראָוויץ לאָזט מיך דיסקרעט איבער אַליין. איך האָב טאַקע קיין טעות נישט געהאַט. דער באַגעגנטער מענטש איז נישט סתם אַ ייד, נאָר ער איז ר׳ צבי — אַ גבאי („טשלען קאָמיטעטאַ״) אין דער שול.

איז שוין ר׳ צבי מיין שליסל צו דער היגער יידישקייט. ער פירט מיך צום אַלטן, אָפּגעלאָזענעם הויף, ווו דאָס שולעכל שטייט. דאָס איז אַן אָרעמע געביידע מיט דער אויפשריפט: „צדיקים יבואו בו״... גיב איך אַ קלער: „וועך זשע דען? די געביידעס פאַר די רשעים קוקן אויס שענער און באַקוועמער...״

ביי דער זייט פון דער געביידע איז דאָס „חברה־קדישא״־שטיבל.

דאָרט האָט מען אויך ביז מיט צוויי יאָר צוריק אָפּיציעל געמעגט באַקן מצות.

„היינט אָבער" — דערציילט מיר ר' צבי — „חלילה! מיר זענען דאָך אַ טייל פון דער אוקראַינישער רעפּובליק, ווו מצות באַקן עפנטלעך איז שוין זינט לאַנג פאַרבאָטן. זענען דאָך אָבער יידן אַן איינגעשפּאַרט פאָלק, האָבן זעכציק פּראָצענט פון אונדזערע משפחות געבאַקן מצות אין זייערע קיכן. ווען מען פלעגט דאָס מעגן קויפן אָפּיציעל, האָבן נישט מער ווי פערציק פּראָצענט יידן געקויפט מצות. דאָס איז, אַלזאָ, נאָר אַ באַשטעטיקונג פון דעם כלל, אַז וואָס מער מען דריקט יידן, אַלץ שטאַרקער איז זייער קעגנערשאַפט..."

און ר' צבי נעמט מיך צו זיך אין זיין צוויי־צימערדיקער דירה, ווו ער לעבט מיט זיין עלטערער פרוי.

„אַן אָרעמע דירה" — זאָגט ער מיר מיט שטאָלץ — „אָבער אַן אייגענע. נישט מיט יענעם אין אַ קיטקע".

פון וואָס לעבט ער? אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן! ער און זיין פרוי באַקומען שוין צוזאַמען אַרום אַכציק רובל (ניינציק דאָלאַר) פּענסיע אַ חודש. און דירה־געלט צאָלט מען בלויז צוויי רובל אַ חודש.

„אונדזער הויפּטגליק" — זאָגט ער מיר — „זענען די קינדער, זעקס דערוואַקסענע און אויסגעגעבענע קינדער. זיי זענען דאָקטוירים און אינזשענירן. פאַרדינען זיי אַלע ווייניקסטנס צו צוויי הונדערט רובל אַ חודש, און זיי האָבן פיינע דירות מיט שיין מעבל. זיי העלפן אויך צו ביסלעך טאַטע־מאַמע מיט קליידונג. דאָס עלטסטע אייניקל האָט נאָר וואָס אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין מאָסקווער אַעראָנאַווטישן אינסטיטוט. האָט ער געמוזט זיין אַ זשעני, כדי איבערצוויאַגן אין קאָנקורס זיינע קריסטלעכע קאָלעגן". און ר' צבי זעצט פאָר:

„דאָס זענען אָבער אַלץ גשמיותדיקע גליקן: עסן, דירה, קליידונג. אָבער מיינע קינדער און אייניקלעך זענען דאָך שוין אין גאַנצן אַוועק פון יידישקייט! קיין איין אייניקל איז נישט געמלט, כאָטש ביי אונדז אין שטאָט קען מען יאָ איינלאַדן אַ מוהל אין שטוב אַריין, אויב מען וויל נאָר. און מען דאַרף נישט קיין מורא האָבן, אַז דאָס וועט שאַטן צו דער שטעלע. נאָך מער: אַפילו אַ שוחט פאַר הינער וועט איר באַקומען דירעקט אין שטוב אַריין, אויב נאָר איר ווילט עסן כשר פלייש. וועגן מילה קען איך אייך זאָגן געוויי: בלויז איין יידיש יינגל פון פינף ווערט געמלט".

„איין ייד פון צען" — האָט ר׳ צבי ווייטער דערציילט — „איז אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן מיט דער שול, צי בלויז דורך יום כיפור, צי דורך אַ יאָרצייט. אָבער 9 טויזנט יידן זענען דאָ שוין אין גאַנצן אָפּגעפרעמדט, און זיי זענען שוין אין גאַנצן אַוועק פון אונדז. מיר האָבן זיך דאָ נישט צו באַקלאָגן, אַז די רעגירונג באַגרענעצט אונדז אין דער אַרבעט אָדער אין בילדונג. גראָד פאַרקערט: אונדזערע שכנים מיינען, אַז מיר זענען גאָר פּריווילעגירט; אַז די „כיטרע יידעלעך" אָרדענען זיך בעסער איין, ווי זיי..."

ר׳ צבי האָט מיר געהאַט גאָר אַ סך צו דערציילן וועגן יידישן לעבן אין שטאָט. אינטערעסאַנטע פאַקטן האָב איך זיך פון אים דערוווּסט וועגן דעם דאָרטיקן רב.

„יאָ, יאָ! מיר האָבן דאָ אַ רב! ער איז אַ למדן און אַ געבילדעטער מענטש. איר ווילט, אַז מיר זאָלן גיין צו אים? איך ווייס אָבער נישט, צי דאָס איז געוווּנטשן. שוין יאָרן ווי ער קומט נישט אַפילו אין שול אַריין, אַפילו נישט אין די ימים נוראים. ער דאַוונט דריי מאָל אַ טאָג ביחידות. אָבער וואָס טוט מען נישט צוליב קינדער? אַ זון זיינער איז גאָר אַ גרויסע שישקע. איז אַ טאַטע אַ רב נישט קיין גרויסע מעלה צו אַ קאַריערע. וואָס? עס טוט אייך ווי? מיר אויך, און אים, דעם רב, אויך. אָבער אַזוי איז דאָס... איר קענט מאַכן בעסער?"

איצט איז אַריינגעקומען ר׳ מיכאל, אַ ייד אַ זייגערמאַכער און אויך אַ שול־מענטש.

ר׳ מיכאל איז פון ווינניצע. ער איז אַן עלטערער ייד, אַרבעט נאָך אין זיין פאַך. ער נעמט מיך אַרויף צו זיך אין זיין דירה, כדי איבערצוגעבן זיין ווייב די שליסלען. אָבער ער וויל אויך, אַז איך זאָל אַ קוק טאָן ווי אַזוי ער לעבט.

„ברוך השם" — זאָגט ער — „עס איז נישט צו פאַרזינדיקן. איז נישט קיין פּאַלאַצן. אָבער אַ ראַדיאָ און אַ טעלעוויזיע האָבן מיר אויך".

געוויס איז דער דאָזיקער לאַנגער און שמוציקער קאָרידאָר, ווו ר׳ מיכאל לעבט אין אַן איינציק צימער, נישט קיין פּאַלאַץ. אין דעם זעלביקן גליטשיקן און טונקעלן קאָרידאָר וווינען נאָך צ ע ן פאַמיליעס, צו אַ משפחה אין אַ צימער. איין טואַלעט פאַר אַלעמען אויף דעם הויף.

„און אַז מען וויל זיך באָדן?" — פרעג איך.

„גייט מען אין באָד אַריין!" — ענטפערט מיר ר׳ מיכאל — אין גאַנצן דריי גאַסן פון דאַנען".

שטייט גראָד אין מיטן קאָרידאָר אַן אוקראַינער מיט דעם אויסזען פון אַ קצב, און ער האַקט טאַקע מיט אַ גרויס האַקמעסער אַ שטיק רוי־פלייש. און דאָרט, אין דעם צימער מיט דער אָפענער טיר, האַלט מען גראָד אין מיטן שמייסן אַ יינגל, אַ שטיפער געוויס.

דער ריח אין דעם דומפּיקן, לאַנגן קאָרידאָר איז ווי אין אַן אַמאָליקן הקדש. אָבער ר׳ מיכאל טרייסט מיך:

„מען בויט שוין פאַר אונדז אַ גאַס הייזער אויף יענער זייט שטאָט, איז אויב איך וועל פריער זיך נישט אַריינכאַפּן אין מתים־שטיבל ביי דער סינאַגאָגע, וועל איך נאָך דערלעבן נחת אין אַ שיינער דירה אויך".

זיצן מיר שפּעטער מיטביידע מיינע יידן אויף אַ באַנק אין אַ דער־בייאיקן גערטנדל. דערוויס איך זיך דאָרט, אַז ר׳ צבי איז גאָר אַ יחסנ־דיקער ליובאַוויטשער חסיד נאָך פון פּאָלאָצק, און אַז סיי ער און סיי ר׳ מיכאל, וועלכער איז אַ ריזשינער, זענען אויף דער עלטער געוואָרן דרדקי־מלמדים, און זיי גייען איבער יידישע היימען לערנען „אלף־בית" מיט יידישע קינדער. לויט דעם געזעץ מעג מען דאָס טאָן, אויב טאַטע־מאַמע דערלויבן דאָס.

מיר רעדן זיך אָפּ צו טרעפן ביי נאַכט צו קבלת־שבת אין שולעכל.

אויפן וועג צו מיין האָטעל בין איך צופעליק אַן עדות פון אַ כאַראַק־טעריסטישע דעמאָנסטראַציע.

אַ גרויסער עולם פון פרויען, מערסטנס עלטערע, שטייען ביים פענצ־טער פון צענטראַלן קאָאָפּעראַטיוו און זיי טומלען דאָרט עפּעס הויך אויפן קול. דערזע איך אין שויפענצטער די קאַריקאַטורן פון ספּעקולאַנטן, וואָס מען זעצט איצט אַזוי אָפט אין אַלע סאָוויעטישע שטעט. אַפילו אין דעם גרעסטן מאָסקווער האַנדלס־הויז „אוניווערמאַג", זעט מען בילדער פון געכאַפּטע פרויען אָדער מענער, וואָס פאַרקויפן אומלעגאַל און צו גאָ־הויכע פּרייזן שפּייז־פּראָדוקטן און קליידונג. דאָס איז אַ שרעקלעכע שטראָף אַזוי עפנטלעך אַרויסגעשטעלט צו ווערן צום שאַנדסלופּ (גראָד האָב איך אין מאָסקווע צווישן די קאַריקאַטורן קיין יידן נישט געזען).

אָבער דאָ, אין דעם שויפענצטער, זעט איר אַ פאַרביקע קאַריקאַטור פון אַ רוסישן גלח, מיט לאַנגע האָר, אין אַ „ריאַסע", וואָס הענגט אויף אַ צלם. און אונטן איז פאַראַן אַ צושריפט:

„פּאָטער פעדאָר האָט פאַרשטעקט אין דער צערקווע זעק מיט צוקער און פעסער מיט בוימל״.

האָט מען אים, דעם גלח, אַלס שטראָף אויפגעהאַנגען אין דער קאַרי־קאַטור אויף דעם צלם.

איך מוז אייך זאָגן, אַז אויך איך האָב געטיילט די אויפרעגונג פון דעם עולם, וועלכער האָט אין דער קאַריקאַטור דערזען אַ גאָט־לעסטע־רונג.

די געשרייען און די פּראָטעסטן זענען געוואָרן אַלץ העכער. עס זענען שוין אויך צוגעקומען פיל מענער. און איין פּרוי שרייט היסטעריש אויף אוקראַיניש:

„הענגט אויף דעם באַטיושקאַ פעדאָר, אָבער באַליידיקט נישט דעם צלם!״

ווען דער טומל איז שוין געוואָרן גאָר גרויס און מיליציאָנערן זענען געקומען מאַכן אָרדענונג, האָב איך געהאַלטן פאַר גלייכער זיך אָפּצוטראָגן. מער פעלט מיר נישט! געפונען אַן אַמעריקאַנער ביי אַ פאָלקס־פּראָ־טעסט אין ראַטן־פאַרבאַנד!

ווען איך בין פאַר נאַכט געגאַנגען צוריק דורך דעם זעלביקן פּלאַץ אויף מיין וועג צום בית־מדרש, איז שוין די קאַריקאַטור אין דעם שויי־פענצטער נישט געווען. דער צאָרן פון פאָלק האָט געהאָלפן.

— — — — — — — — — — — — —

איך בין מקבל שבת אין דעם אָרעמען און אָפּגעלאָזטן בית־מדרשל. כאָטש איך וויל נישט, שטופּט מען מיך אַרויף צו דער מזרח־וואַנט אויף דעם ליידיקן פּלאַץ פונעם רב. דאָס איז געווען סימבאָליש.

עטלעכע צענדליק עלטערע יידן און אַ פּאָר יונגע קדיש־יתומים־זאָגער געפינען זיך ביים דאַווענען. מען זאָגט מיר אָבער, אַז אין די ימים נוראים איז נישט בלויז דער הויף פול, נאָר אויך אַ שטיק גאַס.

נאָך קבלת־שבת מאַכט דער חזן קידוש, אָבער עס איז נישט פאַראַן קיין איינציק ייִנגל וועמען צו געבן דעם זופּ וויין פון קידוש.

דערנאָך גייט צו צום חזן עפּעס אַ ייד, און ער רוימט אים איין אַ סוד אין אויער. דער חזן, מיט אַ ברייטן שמייכל, צעזינגט זיך מיט אַ „שהחיינו״. אַזוי ווי איך ווייס, אַז דער נוסח התפילה פאַרלאַנגט נישט דאָ קיין

שום „שהחיינו", פרעג איך דעם ייד, וואָס האָט דעם „עפּעס" געזאָגט צום חזן:

„וואָס האָט איר אים געזאָגט?"

ענטפערט מיר דער ייד:

„עוף השמים יוליך את הקול (אַ פויגל פון הימל האָט אונדז געבראַכט אַ קול), און דאָס קול האָט דערציילט, אַז מען האָט נאָר וואָס, ערגעץ־ווו אייכמאַנען אויפגעהאָנגען, פאַרברענט, און זיין אַש צעשפּרייט איבערן ים... פאַרדינט דאָס אַ „שהחיינו", צי נישט?..."

און איידער דער ייד ענדיקט ריידן, ווייסן שוין אַלע יידן אין בית־המדרש די אינפאָרמאַציע פון מויל צו מויל, ווו, ווען און ווי אַזוי מען האָט דעם צורר ליקווידירט.

יאָ, אין די צייטונגען אין סימפעראָפּאָל איז אַפילו אויף צו מאָרגנס די דאָזיקע ידיעה אויך נישט דערשינען...

— — — — — — — — — — — — —

ווען ר׳ צבי האָט מיך באַגלייט אין מיין האָטעל אַריין, האָט ער מיך געבעטן אויסצונוצן, אויב מעגלעך, אַ „פּראָטעקציע" און פּועלן, אַז מען זאָל אים שיקן (פאַר געלט) דעם זשורנאַל „סאָוויעטיש היימלאַנד" פון מאָסקווע.

„עס בענקט זיך אַזוי" — האָט ער מיר געזאָגט — „נאָך אַ יידיש וואָרט. אָבער דאָ איז דאָס שווער צו באַקומען".

איך האָב זיין ביטע דערפילט.

באַגעגעניש מיט יידן אין ריגע

מיט אַ געפיל פון נאָסטאַלגיע פאַרלאָז איך די ביידע דימענטן פון רוסישן לאַנד — קאַווקאַז און קרים — און טראָג זיך פון ליבן דרום ביים שוואַרצן ים צום ווייטן צפון — צו ריגע ביים באַלטישן ים.

מיין אויטאָ פאָרט פאַרביי נישט ווייט פון ראָמאַנטישן אַמאָליקן סולטאַן־כאַן־שטעטל באַכטשי־סאַראַי מיט זיינע ווייסע שפּיציקע מינאַ־רעטן, מיט די דורכזיכטיקע באַלקאָנען פון פּאַלאַצן, ווו עס האָבן זיך מיט

הונדערטער יאָרן צוריק אָפּגעשפּיגלט שטורעמדיקע און גרויזאַמע קאַמף־סצענעס פאַר מאַכט. די מאַכמעדאַנישע קינדער פון יענער באַפעלקערונג — די טאַטאַרן, זענען מער דאָ נישטאָ. אָבער עס קלינגען אין מיר ערגעץ ווו טיף די מוזיקאַלישע פערזן פון פושקינס „באַכטשיסאַראַיסקי פאָנטאַן" און ווי דורך אַ פאַרביקן פאָרהאַנג זע איך ווידער דעם באַלעט מיטן זעלביקן נאָמען.

לאָז איך איצט הינטער זיך דעם מער ווי אַ האַלבן מיליאָן יידן, וואָס וווינען אין די שטעט ביים שוואַרצן ים — אין אָדעס, כערסאָן, ניקאָלאַיעוו, אין יאַלטע, סימפעראָפּאָל, אין סאַטשי, אין סוכום, באַטום א. א.

אגב, איז דאָך דאָ טאַקע לעבן באַכטשי־סאַראַי אַנטדעקט געוואָרן מיט אַ יאָר הונדערט צוריק אַ שטיין מיט העברעיִשע אויפשריפטן צווישן רואינען פון אַ שטאָט, וועלכע די טאַטערן האָבן גערופן טשופּעטקאַלע (פון טאַטעריש: „יידישע פעסטונג") לויטן דאָזיקן אויפשריפט האָבן דאָ נאָך פאַר דעם חורבן פון צווייטן בית המקדש געוווינט יידן אַרויסגעטריבענע פון שומרון (די צען שבטים) און פון יהודה (נאָך נבוכדנצרן). אויפן שטיין איז דאַטירט אַן ערע: „לגלותינו" און נישט לויט דער אָנגענומענער ביי יידן צייט־רעכענונג פון בריאת־העולם (אַ זייער אינטערעסאַנטע אויספאָרשונג וועגן דעם האָט גע־מאַכט, צווישן אַנדערע, דער געלערנטער ב. נאַדעל, איצט אין וואַרשע, אין זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע פון יאָר 1961).

ווייס איך שוין, הייסט דאָס, אַז יידיש מאַרך און בלוט האָט די דאָזיקע הייסע ערד געבויט און גענעצט מיט טויזנט יאָר צוריק. יאָ, און דעם געצאָלט פאַר דעם האָב איך דאָך געזען אָט דאָ נישט ווייט, ווו דער רב אין סימפעראָ־פּאָל קומט שוין נישט דאַווענען אין שול, ווייל דאָס קען שאַדן די קאַריערע פון זיינע קינדער, וואָס פאַרנעמען הויכע שטעלעס.

איך זעגן זיך מיטן שוואַרצן ים. ווען דער אַעראָפּלאַן הייבט זיך אויף און טראָגט מיך ווייט־ווייט קיין ריגע, שיק איך שטילערהייט צוזאַמען מיט ביאַליקן דעם האַרציקן גרוס:

„גלוסט זיך מיר ווייִנען געשמאַקער פון האַרצן, ציט מיך, ווי כמאַרעס, צום ים דעם שוואַרצן, — טיפער צו איך, — מיינע עלנדע ברידער.

„כ׳ווייס אויך: אַ טרער פון מיין אייגענער מאַמען עקבערט דעם תהום דאָרט אין אייערע ימען, — בענקט אפשר שטילערהייט נאָך מיינע לידער"...

טייל בענקען דאָרט שטילערהייט און אַנדערע — הויך אויפן קול נאָך די לידער פון ביאַליקן, — נאָך די לידער פון ציון...

*

אין ריגע בין איך אָנגעקומען אין אַ ליכטיקן פֿאַרטאָג און גלייך דער־פֿילט די ענדערונג פֿון קלימאַט: כאָטש עס איז זומער, — נעמט אייך דורך אַ פֿראָסט־ווינטל, וואָס בלאָזט פֿון צפֿון, פֿון די אייז־געגנטן ביים אַרקטיק.

אויפֿן וועג צו מיין האָטעל האָב איך צייט געהאַט צו דערזען די גאַסן, די גערטנער, די אַלטערטימלעכקייטן פֿון דער דאָזיקער שטאָט, וואָס פֿאַר־נעמט איינעם פֿון די ערשטע פּלעצער צווישן די שענסטע שטעט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. זי פֿאַרמאָגט אין זיך דעם אַריסטאָקראַטישן סטיל פֿון פֿריען מיטל־אַלטער (ריגע איז אַלט 760 יאָר) מיט גלאָקן־טורעמס, מיט פּיל־שטאָקיקע שמאָלע געביידעס, וואָס האָבן נאָך געזען די קרייצצוגן. ריגע איז טאַקע דורך די פֿאַנאַטישע „קרייצציגלער“ געבויט געוואָרן, און ווייל זי איז געלעגן דאָן אויפֿן קנופּ פֿון די קאָמערציעלע וועגן פֿון אייראָפּע, האָט זיך די שטאָט צעוואַקסן און צעבליט. זי איז דעריבער געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט, — פֿון די דייטשן צו די פּאָליאַקן, צו די שוועדן, — ביז אין יאָר 1710 איז ריגע פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך רוסלאַנד. די לעטישע רעפּובליק האָט געהאַט אַ קורצע אָטעם־פּויזע מיט דעמאָקראַטישער און שפּעטער פֿאַשיסטישער זעלבסטשטענדיקייט. און שפּעטער — ביי דייטשן; און דערנאָך — ווידער די רוסן, — עד היום הזה.

דאָס וואָרט ריגע באַדייט אין אַלטן לעטיש: „די שטאָט פֿון גרינס“, און אַז איר פֿאָרט דורך אירע אַזוי פּרעכטיקע באַוואַלדטע בולוואַרן און פּאַרקן זעט איר, אַז דער דאָזיקער נאָמען איז באַרעכטיקט: אַלטע סטיל־הייזער, פֿרישע גרינס און נייע מאָדערנע געביידעס, — טעאַטערן, מוזייען, גרויסע מאַגאַזינען (אוניווערמאַגן) גיבן צו דער שטאָט אַ ספּעציפֿישן כאַראַקטער, וואָס איז נישט ענלעך אויף די אַנדערע רוסישע שטעט. גיכער דערמאָנט דאָס שוועדן און דענעמאַרק.

פֿאַרפֿאָרן מיר אין האָטעל „ריגע“ — אַ נייע מאָדערנע געביידע אין גריכישן סטיל, מיט סלופּעס און מאַרמאָרנע ווענט און טרעפּ.

און דאָ האָב איך אַ ביסל מורא, וואָס וועט דאָ זיין איצט? אייגנטלעך, איז דאָך מיין וויזע נאָר אויף ד ו ר כ פֿ אָ ר ן ריגע און גלייך דאַרף איך זיך פֿאַרנעמען צו אים, צום קוראָרט בולדורי, — ווו עס האָט געזאָלט באַ־שטעלט ווערן פֿאַר מיר אַ צימער אויף אַ וואָך צייט.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דאָך מיין גאַנצע איצטיקע רייזע געוועזן

אַזוי אויסגערעכנט, אַז איך זאָל פֿאַרברענגען אין די קורערטער פֿון קאַווקאַז, קרים און ביים באַלטישן ים. די פּאָר טעג אין מאָסקווע האָבן געזאָלט זיין נאָר אויף טראַנזיט. אויך איז דאָס אַ פֿראַגע פֿון קאָסטן. אַ טאָג, למשל, אין מאָסקווע אָדער קיעוו, אָדער אַן אַנדער שטאָט פֿון טוריסטישן מאַרשרוט, קאָסט אַרום 35 דאָלאַר. אַ טאָג אָבער אין די קורערטער קאָסט נאָר 8 דאָלאַר ערשטע קלאַס. און מיין ציל איז דאָך געווען אַליין אָפּרוען און אויך טרעפֿן זיך מיט יידן, וואָס פֿאָרן אָפּרוען אין די קורערטער, — אַ זאַך, וואָס איך האָב מיט דערפֿאָלג אויסגעפֿירט אין קרים און קאַווקאַז, און איך האָב געהאָפֿט דאָס זעלבע טאָן אויפֿן באַלטישן ברעג, ווו די באַרימטע קורערטער קעמערן, בולדורי, דזשינטאַרי זענען פֿון לאַנגע יאָרן געווען אַ צוציונגס־קראַפֿט פֿאַר געסט פֿון גאַנץ רוסלאַנד.

האָב איך, — ווי דאָס איז געווען אין סימפֿעראָפּאָל, — דערוואַרט, אַז דער „אינטוריסט״־פֿאַרשטייער אין האָטעל „ריגע״ וועט מיך גלייך משלח זיין קיין בולדורי, און איך וועל אפֿילו נישט האָבן די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער שטאָט ריגע, און מיט כאָטש אַ ביסל פֿון די עטלעכע צענדליק טויזנט יידן, וואָס וווינען דאָ.

איך האָב געוווּסט פֿון פֿריער, אַז ערגעץ ווו אין דער אַלטער שטאָט געפֿינט זיך אַ בית־מדרש מיט אַן „אונטן״ און אַן „אויבן״. אויבן דאַוונט מען נוסח אשכנז און אונטן טוט מען תפֿילה לויטן נוסח האר״י — לובאַוויטש־חסידישער נוסח.

ביי מיר אין טשעמאָדאַן ליגן צוויי ספֿרים, דער „תניא״ און דער פּולער סידור טאַקע מיטן נוסח האר״י. איז וועמען זשע, אויב נישט די טרייע זעלנער פֿון דאָזיקן נוסח וועל איך די ספֿרימלעך איבערגעבן?

און אַז איך זיץ שוין אין זיין קאַבינעט און וואַרט אויפֿן „אורטייל״, דערהער איך גאָר אַנדערע דיבורים. עפּעס שטאַמלט ער גאָר און רעדט נישט אַזוי פֿעסט, ווי זיי זענען דאָס געוווינט דאָ אין לאַנד:

„איר וועט אונדז מוזן אַנטשולדיקן... מען האָט אייך אין ניו־יאָרק דורך אַ טעות פֿאַרקויפֿט אַ וואָך צו פֿאַרברענגען אין בולדורי. מיר זענען נישט גרייט שוין אין היינטיקן סעזאָן אויפֿנעמען אויסלענדישע געסט. דער מאָסקווער „אינטוריסט״ האָט וועגן דעם נישט געוווּסט און אַרויסגעשיקט די טאַלאָנען. מיר האָבן פּרובירט דאָס אָפּרופֿן, אָבער איר זענט שוין אַרויסגעפֿאָרן פֿון ניו־יאָרק. אַלזאָ, מוזט איר אונדז אַנטשולדיקן, וואָס מיר וועלן אייך די זעלבע זיבן טעג אָפּגעבן אין ריגע גופֿא. עס איז אַ שיינע שטאָט, מיט

טעאַטערס, מוזעען און פּאַרקן. איר וועט דאָ קאָנען גוט פאַרברענגען. אגב, כאַפּט איר דאָך א „מציאה" אויב מיר וועלן אייך צוליב אונדזער אייגענעם טעות רעכענען נאָר אַכט דאָלאַר אַ טאָג אַנשטאָט די 35 דאָלאַר, וואָס עס קאָסט געוויינלעך אין ריגע".

פאַרשטייט איר דאָך שוין, אַז איך האָב זיך שנעל אָריענטירט, אַז איך בין גאָר דער באַעוולהטער, אַז מיר קומט גאָר אַ רעשט...

האָב איך זיך דעריבער נישט געאײַלט מיט אויסדריקן מיין פרייד, וואָס עס איז אַזוי געשען, נאָר גראָד געמאַכט אַן אומעטיקע מינע: „אָבער וואָס וועל איך דאָ אין ריגע טאָן גאַנצע זיבן טעג? איך האָב דאָך דאָ נישט קיין קרובים און באַקאַנטע! איך האָב דאָך אַזוי געהאָפט פאַרברענגען אויף אייער שיינעם ים־ברעג — איז לייגט איר מיר פאָר אַנשטאָט דעם די שטאָט גאָר אין זומערצייט?"

דער אַזוי סימפּאַטישער „אינטוריסט"־דירעקטאָר פילט זיך אַלץ מער שולדיק. ער וויל מיר העלפן: „אפשר וואָלט איר געוואָלט דריי טעג פאַרברענגען דאָ מיט אונדז און די איבעריקע פיר טעג פאַרברענגען אין לענינגראַד? עס איז נאָר אַ שעה פלי פון דאַנען. איך וועל באַלד טעלעפאָנירן מיין קאָלעגע דאָרטן און בעטן ער זאָל אייך אַראַנזשירן אין בעסטן האָטעל פאַר די זעלבע אַכט דאָלאַר אַ טאָג. מיר וועל אייך אויך פירן ווייזן דעם ים־ברעג אין בולדורי, ווו איר האָט געזאָלט וווינען, וועט איר אַליין פאַרשטיין פאַר וואָס מיר שיקן אייך אַהין נישט".

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? מיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט פרייד, וואָס אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט בעסער ווי איך האָב אַליין דערוואַרט: ריגע, לענינגראַד — אַנשטאָט די איינזאַמקייט ביים נאָך איצט קאַלטן ים־ברעג. אַלזאָ — געלויבט דעם אויבערשטן! איז לאָמיר שוין גיין אין שול דאָרטן, אין דער אַלטער שטאָט, ווו מען דאַוונט ביידע נוסחאות (אפשר ווייסט איר פאַר וואָס, בעוונותינו הרבים אײַל איך זיך גאָר נישט אַזוי שטאַרק אין די שולן פון ניו־יאָרק, אָדער שיקאַגאָ, און עס ציט מיך מיט אַנגסטן צו די שולן אין מאָסקווע אָדער ריגע? אפשר ווייסט איר פאַר וואָס?).

דערווייל באַקום איך אַ פיינעם צימער, פרישטיק, און מען בעט מיך וואַרטן אויף דער תשובה פון לענינגראַד, צי וועט מען מיך דאָרטן אויפנעמען אויפן חשבון פון מיין „פאַרשטערטן" פאַרברענגען אין בולדורי. אין אַ שעה אַרום זאָגט מען מיר אָן, אַז לענינגראַד נעמט מיך אָן אויף פיר טעג אין זייער בעסטן „אַסטאָר"־האָטעל, אָט אַזוי גרויס איז געווען דער „שולד-

געפּיל״ פון אינטוריסט, וואָס האָט נישט געקאָנט האַלטן זיינע התחייבותן פאַר אַן אויסלענדישן גאַסט.

איך דערמאָן זיך אויך מיט צופרידנקייט, אַז די טעג, וואָס זענען פאַר מיר באַשטימט צו פאַרברענגען אין לענינגראַד פאַלן גראַד אויס אויפן יום־טוב שבועות.

מען לאָזט מיך נאָך נישט אַרויסגיין אין שטאָט שפּאַצירן, ווייל דער „אינטוריסט״־דירעקטאָר וויל מיר טאַקע פּערזענלעך ווייזן דעם באַלטישן ים־ברעג.

מיר פאָרן מיטן אויטאָמאָביל זיינעם דורך די גאַסן און פאָרשטעט פון דער דאָזיקער שיינער שטאָט, מיר קרייזן דורך די לאַנגע אייזן־בעטאָנענע הענגענדיקע בריקן איבער ריגער ים־אויסגוס. און וואָס ווייטער מיר דער־נענטערן זיך צום ים, ווערט אַלץ קעלטער. זאָגט מיר מיין באַגלייטער: „קעלט אין יוני איז איינע פון די סיבות פאַר וואָס מיר קאָנען נישט אויפ־נעמען די אויסלענדישע געסט. אונדזערע זענען צו דעם געוווינט. מיר האָבן נישט קיין אויוועלעך אין די הילצערנע דאַטשע־הייזער״.

און אָט זענען מיר שוין אין אַ מאַלעריש שטעטל פול מיט לייכטע הייזער און בערעזע־וועלדלעך — אַ היימישע דאַטשע פון מיין פריסטער יוגנט ערגעץ אין דרוסגעניק אָדער מיליטשיץ. און אָט בין איך שוין אויך ביי מער ווי באַשיידענעם קורהויז ווי בולדורי, אַ צוויי־שטאָקיקע הילצערנע גע־בײדע פון שטעטלשן טיפּ. דער עסצימער איז פול מיט אַרבעטער, וואָס זיצן ביי ביידע לאַנגע טישן באַשטעלט מיט אַ ביסל אָרעמען געשיר. אין דעם צווייטן הויז, וווּ איך האָב געזאָלט וווינען, זענען די צימערן קליין, אָבער ציכטיק, מיט אייזערנע בעטלעך און מיט פאַרהענגלעך אויף די פענצטער. דער טואַלעט איז אין קאָרידאָר, — איינער פאַר אַלעמען. איצט פאַרשטיי איך שוין: ברענגען אַהער אַן אויסלענדישן גאַסט אויף קוראַציע אַזש פון אַמעריקע, איז מער ווי נאַיוו.

דער „אינטוריסט״־דירעקטאָר קוקט מיך שווייגנדיק אָן. זאָג איך אים:

„אָ, ניין! אַ דאַנק. איך וואָלט דאָ טאַקע נישט געפילט זיך באַקוועם... שוין אַוועק יענע יאָרן, ווען איך האָב אין די רוסישע וועלדער געוווינט און הנאה געהאַט אָט אויף אַזעלכע „דאַטשעס״. איצט ווילט זיך שוין עפּעס מער. אַ ביסל לוקסוס, באַקוועמלעכקייטן. אַ דאַנק אייך, וואָס איר האָט דאָס פאַר־שטאַנען און מיר פאַרשפּאָרט די אומבקוועמלעכקייטן״.

פאָרן מיר אָבער אָפּ עטלעכע קילאָמעטער ווייטער און מיר געפינען

זיך פלוצלינג אין אַן אַנדער וועלט: מאָדערנע לוקסוס־געביידעס, אמתע פּאַלאַצן, וואָס טרינקען זיך אין בלומען: דאָס איז דער קוראָרט קעמערן. מיר גייען אַריין אין סאַנאַטאָריע נומער 1, אַ פּילשטאָקיקער פּאַלאַץ פאַר עטלעכע הונדערט פּאַציענטן. זאַלן מיט פּאַלמען, עסצימערן מיט באַזונדערע טישלעך, רייך באַדעקטע מיט טייערן געשיר. היילצימערן מיט דער נייעסטער אויסשטאַטונג. אַ גרויסער דאָקטוירים־שטאַב. פּאַרוויילונגס־צימערן, אַ פּליאַזשע ביים ים. שריי איך אויס: „אָט דאָ איז דאָך דאָס! דאָ וואָלט איך יאָ געוואָלט פאַרברענגען אַ פּאָר טעג!"

לאָזט דער אינטוריסט־דירעקטאָר אַראָפּ די אויגן: „יאָ, איך פאַרשטיי! אַלע סאַנאַטאָריעס אָבער אין קעמערן זענען באַשטימט פאַר מיטגלידער פון אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אפשר איבער אַ יאָר וועלן מיר דאָ מאַכן פריי אַ צאָל פּלעצער פאַר אויסלענדער".

פאָרן מיר צוריק קיין ריגע, ווו איך הייב אָן מיינע וואַנדערונגען צום מקום־קדוש אין איבער יידישע הייזער.

*

דער טאָג האָט זיך נאָך לאַנג געצויגן אין ריגע; מען זעט גאָר נישט דעם פאַרנאַכט. עס קומט גאָר נישט די נאַכט. איצט איז דער פּעריאָד, ווען די זון פאַרגייט נאָר אויף מינוטן אין גאַנצן צפון פון רוסלאַנד.

נאָך אין ניו־יאָרק האָט מיר אַ פרומער ייד, וואָס קען ריגע, געגעבן דעם אַדרעס פון דער אַלטער שול, אָנרופנדיק אַ גאַס אין ראַיאָן פון ריגע, ווו די הייזער און די גאַסן זעען אויס ווי אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, ווען מען האָט זיי געבויט.

דער זייער בכבודיקער ייד פון ברוקלין האָט מיר געזאָגט, אַז מנחה דאַוונט מען זומער־צייט שפּעטער אין אָוונט. אויף שחרית דאַרף איך נישט גיין אין שול, ווייל איך וועל דאָרט קיינעם נישט טרעפן. ער האָט מיך אויך געבעטן איך זאָל זיך דערוויסן, צי דער אַלטער יידישער בית־עלמין איז נאָך טיילווייז, אָדער שוין אין גאַנצן פאַרניכטעט. אַ טאַטן האָט ער דאָרט ליגן, וויל ער וויסן וואָס עס מאַכט זיין קבר.

איך באַשליס קיינעם אין האָטעל נישט פרעגן ווו דער בית־מדרש געפינט זיך און ווי אַזוי מען דאַרף אַהין גיין. איך וועל פּרובירן אַליין בלאָנדזשען און טרעפן.

דער זעלבער בכבודיקער ייד האָט מיר אויך געגעבן די צוויי שוין

דערמאָנטע, פּיין אַרויסגעגעבענע קליינע ספרימלעך: דעם „תניא״, וואָס איז דער עיקר פון ליובאַוויטשער חב״ד־חסידות און אַ דיק סידורל על פּי נוסח האר״י, אָנגעפּראָפּט ווי אַן ענציקלאָפּעדיע מיט אַלע אַזוי נייטיקע תפילות.

„איך בין זיכער״, האָט דער ייד אין ברוקלין געזאָגט, „אַז איר אַליין, מיט אייער געזונטן חוש פאַר יידן און יידישקייט, וועט שוין וויסן וועמען דעם סידור און דעם „תניא״ איבערצוגעבן צוזאַמען מיט מיינע האַרציקע ברכות״...

וואָרט איך מיט אומגעדולד דעם לאַנגן זומערדיקן טאָג איך זאָל זיך שוין קאָנען אַרויסלאָזן אויף מיין עקספּעדיציע איבער די אומבאַ־קאַנטע ריגער גאַסן „אין שול אַריין״.

און גראָד רודערט זיך מאָדנע מיט מיליטערלייט אַ גאַנצן טאָג אין מיין האָטעל. אַזוי ווי איך אָריענטיר זיך אין מיליטערישע ראַנגען, ווערט מיר אויפפאַלנדיק די צאָל פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלן, וואָס פּילן איִיס דעם עסצימער און מיט וועלכע איך פאַר אַ גאַנצן טאָג אין דער ווינדע. זיי דיסקוטירן אין עלעגאַנטן רויכער־סאַלאָן און אַלע זענען אַן דער באַגלייטונג פון פרויען.

פאַרשטיי איך שוין, אַז דאָס איז נישט קיין צופעליקער צוזאַמענ־טרעף פון הויכע אָפיצירן, נאָר עפּעס אַ צוזאַמענפאָר, צי מעגלעך זומער־מאַנעוורעס. פון די שכנותדיקע האָטעלן שיטן זיך אַרויס ייִנגערע אָפיצירן אין די הונדערטער.

איז דאָס פאַר מיר אַ ביסל אומבאַקוועם, ווייל כאָטש אַלע אָפיצירן זענען אַזוי עלעגאַנט און איידל, אָבער איך, אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, דאַרף גאָר אַזוי פיל נישט זען און צווישן זיי זיך צו פיל נישט דרייען ווייל מען מען קאָן נאָך מיך צוטשעפּען צו עפּעס אַ קלייניקייט: אין דער פרי, למשל, האָב איך געטרונקען קאַווע ביי איין טישל מיט דריי מיליטער־לייט, האָבן זיי מיך געפרעגט, ווער איך בין און איך האָב געזאָגט דעם אמת: אַ זשורנאַליסט פון אַמעריקע. איז מען „פאַרשטומט״ געוואָרן און מער מיט מיר אַ וואָרט נישט גערעדט. און איך האָב פאַרשטאַנען פאַר וואָס. שפּעטער האָט מען שוין פאַר מיר סערווירט אַ טישל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַן אַמעריקאַניש פענדל מיט פּאַסן און שטערנס, כדי קיינער זאָל קיין טעות נישט האָבן.

ביי זיך אין האַרצן ווייס איך, אַז איך האָב דאָ נישט קיין שום אינטע־

רעס פּאָר מיליטערישע ידיעות, אָבער צו ווייסן דאָס די פּאָר ציווילע פּאַרשווינען, וואָס באַגלייטן פון דער ווייטנס די גענעראַלן מיט די רויטע לאַמפּאַסן? יענע פּאַרשווינען לאָזן מיך אַ גאַנצן טאָג נישט אַראָפּ פון אויג.

איך דערמאָן זיך פּלוצלינג, אַז אין זעלבן האָטעל האָט מען מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק פּאַרהאַלטן דעם יונגן ישראל־דיפּלאָמאַט שרת צוזאַמען מיט זיין פרוי — זיי גוט געמאַטערט. גראָד ווייס איך די מעשה מיט דער פּראָוואָקאַציע, וואָס מען האָט דאָ אַראַנזשירט אַרום דעם יונגן זון פון געוועזענעם ישראל־פּרעמיער. דעריבער דאַרף איך דאָ אין זעלבן האָטעל „המוכן לפורעניות" זיין טאָפּלט פּאָרזיכטיק. איך האָב נישט געדונגען קיין טעקסי, און ווען די מנחה־שעה האָט געדאַרפט קומען, האָב איך זיך אַרויסגעלאָזן בלאָנדזשען איבער דער שטאָט.

האָב איך געפרעגט ווו ס'איז די „אַלטע שטאָט" מיט די מיטלאַלטער־לעכע גאַסן. האָבן מיר פּאַרבייגייער גערן געגעבן אָנווייזונגען מיט די פינגער (די מערהייט דאָ רעדט לעטיש, כאָטש אַ גרויסער טייל פּאַרשטייט און ענטפערט רוסיש). און אַזוי בין איך טאַקע דערגאַנגען צו אַ צוויי־שטאָקיקער אַלטער געביידע מיטן אַן אויפשריפט, וואָס זאָגט קלאָר, אַז אָט דאָס איז דער „טויער פון גאָט און צדיקים מעגן דאָ אַריינגיין". איך האָב דערפילט, אַז מיט אַזאַ לאַנגן גאַנג און מיטן „תניא" אין בוזעם־קעשענע בין איך איצט אַ כמו־צדיק און זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן מיט די טרעפּ אין דער ריכטונג פון אַ פינצטערן חלל, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דער ניגון פון גמרא־לערנען, אַזש ביי דער נשמה האָט אַ צופּ געטאָן דער ניגון! יאָ, אַרום לאַנגן הילצערנעם טיש זיצן אַ פּאָר מנינים יידן ביי גמרות, צוויי און דריי קוקן אַריין אין דער זעלבער גמרא. און אויבן אָן, אונטערן סאַמע עלעקטרישן לעמפּל, זיצט אַ ייד, אַ הדרת פנים, מיט אַ גוט צוגעקעמטער גרויער באָרד אין פּאַלדן.

אַ באַקאַנטער האָט מיך אַ מאָל געראָטן, אַז ווען איך וועל זיין אין ריגער בית־מדרש זאָל איך אויסזוכן דעם ייד ר' משה אהרן, וואָס איז אַ צדיק און אַ תמים. ער האָט פּאַר מיר אויך אויסגעמאָלן זיין געשטאַלט. איצט האָב איך פּאַר מיינע אויגן דעם טייערן ר' משה אהרן, וואָס לאָזט נישט פּאַרגעסן יידישע קינדער די צורה פון „אלף־בית", דעם טעם פון מצות, דעם קלאַנג פון דער תורה.

מען באַמערקט מיך, מען מאַכט פּאַר מיר אַ פּלאַץ צווישן צוויי יידן, וואָס זיצן אַנטקעגן ר' משה אהרן, מען רייסט נישט איבער דאָס לערנען, אָבער

איך פיל די גאַנצע צייט אויף זיך דעם דורכדרינגלעכן בליק פון ר׳ משה אהרנס אויגן. ער דערקענט מיך, כאָטש ער האָט מיך קיין מאָל נישט געזען. ער ווייסט, אַז איך בין אַ פריינד פון מרחקים, כאָטש ער האָט נאָך מיט מיר אַ וואָרט נישט אויסגערעדט. זיינע גוטע אויגן גיבן מיר אַ „שלום עליכם״, כאָטש די ליפּן הערן נישט אויף צו זאָגן פאַרן עולם דעם דף יומי אין „פסחים״.

און אָט האָט מען געענדיקט דעם שיעור. דער רבי און זיינע תלמידים דריקן מיין האַנט. מען פרעגט זיך נאָך: וואָס, ווען? איך ענטפער, אַז מיט אַ חודש צוריק האָב איך נאָך געהערט דעם תורה־ניגון פון יונגעלייט אין אַ געוויסן פּלאַץ אין ברוקלין, און דאָרט, האָב איך באַקומען דעם „תניא״. איך נעם אַרויס דאָס ספרל און גיב עס איבער אין די הענט פון ר משה אהרן.

ער פאַרמאַכט די אויגן, נעמט דעם „תניא״ אין האַנט און שעפּטשעט עפּעס שטיל. מיר אַלע שוויגן מיט יראת הכבוד.

דאָס סידורל נוסח האר״י גיב איך איבער דעם יידן מיט דער צעפּלאָש־שעטער באָרד, וואָס מען רופט אים דער „שמש״. ער גיט אים אַ קוש און — גלייך אַ „קלאַפּ אין טיש״. מען שטעלט זיך דאַוונען „מנחה״. דער בעל־תפילה איז טאַקע דער זעלבער שמש, און דאַוונען דאַוונט ער פון סידורל, וואָס איך האָב נאָר וואָס געבראַכט פון ברוקלין.

איך האָב געפילט, אַז בעת יענעם מנחה־און־מעריב בין איך פאַר־וואַנדלט געוואָרן, אַזוי נישט פאַרדינטערהייט, אין אַ שליח פון די אַלטע צייטן, וואָס פלעגט וואַנדערן פון איין קהילה צו אַ צווייטער מיט בשורות און ידיעות, מיט נחמות און האָפענונגען. אַ מין מיסטישער שליח אָט אין דעם קעלער אין ריגע, ווען דער טאָג איז נישט אַוועק און די נאַכט איז נישט געקומען.

דערווייל איז אַראָפּ צו די „ליובאַוויטשער״ אַ יונגערמאַן, געשיקט פון דער אשכנזישער שול אויבן: מען האָט זיך דאָרט דערוווּסט, אַז אין „קעלער״ איז פאַראַן אַ גאַסט פון מרחקים, ווילן זיי אים אויך האָבן. זיי ווילן דאַווענען מעריב מיט אים.

גיי איך אויף די טרעפּ אַרויף אין אַ שיינער שול. ניין, דאָס איז נישט די באַרימטע כאָר־שול פון ריגע. יענע איז פאַרברענט געוואָרן דורך די נאַציס צוזאַמען מיט אַלע יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. נו, און ווי אומעטום, האָבן דאַן די אָרטיקע רוצחים־לאַטישן געפייפט און געלאַכט און געזונגען.

אין שול טרעף איך אַרום פופציק מתפללים. אויך עטלעכע יינגערע, אין די דרייסיקער יאָרן. יענע זענען אבלים און זאָגן קדיש.

איך צערעד זיך מיט אַ יונגן דאָקטער, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט זיין מוטער צום קדיש.

זאָגט ער מיר, אַז ער איז פון דווינסק, אַז דאָרטן געפינען זיך איצט נישט מער ווי טויזנט יידן. עס לעבט נאָך דער אַלטער רב, און אויך אַ שול האָבן זיי, אָבער מען איז עלנט, איינזאַם, נישטאָ קיין גוטע פריינד אַרום (ער דריקט זיך אויס אַזוי איידל...), צעלויפן זיך די יידן. אין משך פון איין יאָר זענען אַ העלפט איבערגעפאָרן קיין ריגע און לענינגראַד. ער אַליין פאַרדינט נאָר אַכציק רובל אַ חודש אַלס דאָקטער־אָנפאַנגער. אַזוי ווי ער לעבט אין שפּיטאָל, סטייעט קוים אויף אַ ביסל שטיצן דער מאַמען.

און מען הערט ווייטערדיקע און אויך נישט קיין פריילעכע גרוסן פון דער קהילה אין ריגע: אַרום דרייסיק טויזנט יידן לעבן דאָ. כאָטש עס זע־נען פאַראַן פיל יידן אויף גאַר הויכע וויסנשאַפטלעכע שטעלעס, פּירט אָבער די מאַסע אַ געמאַטערט לעבן מיט די קליינע געהאַלטן און אין שלעכ־טע אַלטמאָדישע דירות. ריגע ווערט נישט אַזוי שנעל אָפּגעבויט ווי לענינ־גראַד, קיעוו אָדער מינסק.

בעת די ימים נוראים איז די שול און דער גרויסער הויף אַרום גע־פּאַקט מיט פרויען, מענער און אויך קינדער. דאָ האָט מען קיין מורא נישט און מען טענהט זיך אויס מיטן רבונו של עולם, מען וויינט דערביי אויפן קול. דאָס מעג מען — דערוויל...

קיין רב איז נישטאָ, — זינט דער אַלטער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק.

„פרעגט נישט קיין קשיות פאַר וואָס מיר האָבן קיין רב נישט. געוויס נישט דערפאַר, ווייל מען קען נישט קריגן קיין מרא־דאתרא איז ווייטן אוי־קראַינע. מיר האָבן שוין צוויי „אויף פּראָבע" דאָ אַראָפּגעבראַכט. האָט זיי אָנגעקוקט אַ „למדן", אַ גוי, פאַרשטייט זיך, און זיי זענען אים נישט גע־פעלן געוואָרן. האָט מען אונדז פון „אויבן" געגעבן אַ ווונק, אַז מען דאַרף בכלל נישט קיין רב אין ריגע. וואָס פרעגט איר קשיות ?

„מצות האָבן מיר הייַנטיקס יאָר — צוליבן פאַרבאָט — געבראַכט פון ווילנע. דאָרט טאָר מען אויך נישט באַקן, אָבער מען האָט ווייניקער אויף די הענט געקוקט.... און מל זיין טאָר מען נישט לויטן געזעץ, — זענען אונדזע־רע קינדער ערלים; מיר האָבן אַ שוחט אויף עופות, אָבער נישט אויף „גסות".

(קעלבער, אָקסן). יאָ, ברודער לעבן, יידישקייט גייט אונטער נישט נאָר אין דווינסק. איר ווילט וויסן ווי איז ביי די לוטעראַנער אָדער פּראַוואָסלאַוונע? פרעגט בעסער נישט. הלואי כאַטש אַ העלפט אַזוי ביי אונדז...״

נאָך מעריב גיי איך ווידער אין קעלער צו די ליובאַוויטשער, ווייל איך האָב אָפּגערעדט מיט ר׳ משה אהרן, אַז ער וועט מיך אַרויסבאַגלייטן אין גאַס אין דער ריכטונג צו מיין האָטעל. איך פרעג זיך נאָך ביי אַ ייד אויף די טרעפּ, וואָס איז געוואָרן מיטן אַלטן בית־עולם? איך דאַרף דאָך ברענגען אַ תשובה דעם בכבודיקן ייד אין ברוקלין.

„מען האָט דעם גאַנצן אַלטן בית־עולם צעאַקערט און איצט איז דאָרט אַ פּאַרק פאַר קינדער״.

מיר גייען אַרויס אין גאַס מיט ר׳ משה אהרן. דער זייגער איז עלף ביי־נאַכט, אָבער עס איז ליכטיק ווי בייטאָג — מען קען אַ צייטונג לייענען.

די גאַסן זענען פּוסט. זעלטן באַגעגנט מען אַ מענטשן. שפּרייזן 2 יידן איינזאַם אויף די זעלבע שטיינער, אויף וועלכע עס האָבן אַ מאָל מאַרשירט די בלוטיקע ריטער פון די קרייצצוגן. זיי האָבן מיט יידיש בלוט די שטיי־נער אין גאַנץ אייראָפּע פאַרגאָסן, אָבער די יידן נישט אָפּגעמעקט. וועט זיך דאָס איצט איינגעבן מיט דעם בלוטלאָזן פאַרניכטונגס־סיסטעם?

רעדט אַזוי טיף־שטיל פון האַרצן אַרויס ר׳ משה אהרן:

„זאָגט זיי דאָרטן, אַז מיר זענען זיך נישט מיאש! און אויב עס בלוטיקט דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק, איז דאָס אויף אונדזערע קליינע קינדער, נעבעך, וואָס מען נעמט אַוועק אין אַ פרעמדער וועלט און סביבה און מיר זעען נישט ווי אַזוי זיי וועלן צוריקקומען... סיידן מיט נסים. און מיר גלייבן אין נסים... זאָגט זיי דאָרטן, אַז מיר דאַרפן רחמים... און איר, טייערער שליח, נעמט מיט די ברכה פון אַן עלנטן ייד פון דער ווייטנס. איך קען גאָרנישט געגנוג בענטשן אייך פאַר אייערע מתנות, — פאַרן „תניא״ און פאַר אונדזער סידורל. נעמט מיט די ברכה פון אַן אַלטן ריגער ייד און ברענגט זי צו אייער משפחה און צו אַלע יידן בכל תפוצות ישראל. זאָגט זיי אויך דאָרטן אין ברוקלין, אַז מיין האַרץ גייט אויס אין בענקשאַפט נאָך זיי״...

עפּעס פאַרהאַלטן זיך איצט די ווערטער אין האַלדז פון ר׳ משה אהרן, אַזוי ווי אַ שלוקערץ... ניין, ער וועט נישט וויינען, דער דאָזיקער ייד איז פון פעסטן שטאָל געשמידט.

„ווייטער קען איך אייך נישט באַגלייטן. דאָרטן, אין יענע גאַסן, גיין מיט מיין באָרד איז נישט אָנגענעם. אָט דאָרטן, הינטערן טעאַטער, איז אייער האָטעל״.

מיר צעקושן זיך און גייען זיך פאַנאַנדער.

אויף אַ בר־מצוה אין ראַטן־פֿאַרבאַנד

אין אַ געוויסער גרויסער רוסישער שטאָט בין איך בייגעווען אויף אַ בר־מצווה־פייערונג, וואָס האָט געלאָזן אַ טיפן איינדרוק אין מיין זכרון און האַרצן.

מיין אָנטייל אין דער „בר־מצווה" איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ באַגעגעניש, וואָס איך האָב געהאַט אין פעברואַר פון יאָר 1962 אין אַ קיבוץ אין ישראל. איידער עס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן מיין פאַרלעזונג האָט מען מיך, ווי דער שטייגער איז, אַרומגעפירט ווייזן די איינריכטונגען פון קיבוץ.

און געפירט האָט מיך אַ געוויקסיקער, געזונטער חבר פון אַ יאָר פופציק, וואָס האָט גערעדט עברית און יידיש מיט אַ בולטן רוסישן אַקצענט.

האָב איך אים געפרעגט פון וואַנען ער שטאַמט און ווען איז ער געקומען אין לאַנד?

זיין ענטפער איז געווען, אַז ער שטאַמט פון די בערסאַנער יידישע פאַמיליעס, זיינע עלטערן זענען אויך געווען פויערים־קאָלאָניסטן, און געקומען איז ער קיין ארץ ישראל אין די צוואַנציקער יאָרן. ער גיט צו מיט זיין כאַראַקטעריסטישן „ריש": „מיר זענען שוין פויערים מער ווי דריי דורות. האָב איך נישט געדאַרפט בייטן מיין לעבנס־אַרט, ווען איך בין אַריין אין קיבוץ. אָבער דער וועג איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער. פריער זיך געמאַטערט דריי יאָר אין „ישיבה" און שפּעטער מאַרשירט מער ווי אַ יאָר מיטן פיעכאָטע־פּאָלק"...

איך קוק אָן דעם ברייטפּלייציקן „בחורעץ" מיטן פאַרברענטן פנים און פאַרהאַרטעוועטע מיט מאַזאָליעס הענט, און פרעג אַ ביסל מיט אַ ספק:

„ווי אַ סאָלדאַט אין פיעכאָטע קוקט איר אפשר אויס, אָבער מען זעט נישט, אַז איר זאָלט האָבן „געפינצטערט אין אַ ישיבה", ווי איר דריקט זיך אויס". לאַכט מיין באַגלייטער:

„איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען: „ישיבה" מיין איך זיצן, — דאָס בין איך דריי יאָר געזעסן אין אַ פינצטערן לאָך פון כערסאָנער טורמע, ווייל איך האָב געפירט אַ ליבע מיטן „מגן דוד". נאָך דעם האָב איך געשפּרייזט פשוטו כמשמעו, — איך בין דאָס געגאַנגען מיט דער „פיעכאָטע" צופוס אַ גאַנץ יאָר דורך קאַווקאַז, פערסיע, איראַק — ביז איך בין געקומען אַט דאָ, און דאָ בין איך שוין געבליבן"...

איצטער האָב איך פאַרשטאַנען.

ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט: „אויב איר וועט זיין אין מיין שטאָט אין ראַטן־פאַרבאַנד ווי איר פּלאַנעוועט דאָס צו טאָן, פאַרשרייבט דעם אַדרעס פון מיין ברודער, באַזוכט אים. ער איז טאַקע נישט מער ווי אַ פּשוטער אַרבעטער, אָבער ער און זיין פיינע פרוי וועלן אייך גוט אויפנע־מען. גיט זיי איבער אַ גרוס פון אַראַנטשיק. איך שרייב טאַקע היינט צו זיי, אַז איר וועט מסתמא קומען אין איינִיקע וואָכן אַרום און טייל זיי מיט, ווער איר זענט.

מיט פיר חדשים שפּעטער קלעטער איך אויף שמאָלע הילצערנע טרעפּ פון אַן אַלט הויז אין אַ פאַרשטאָט פון גרויסן כרך.

עס איז האַלב־פינצטער און איך קלאַפּ אין פאַרשידענע טירן, — ביז איך דערוויס זיך גענוי, אַז די געזוכטע דירה איז אויפן זעקסטן שטאָק. עס איז מיר פיזיש שווער צו קריכן אַזוי הויך, אָבער צוריק וועל איך דאָך נישט גיין, עס שמעקט מיט שימל און אָרעמקייט. אויך אַ מאָל פלעגן אין אַזעלכע הייזער וווינען בעלי־מלאכות און אַרבעטער. קיין ביוראָקראַטן און באַלע־בּאַטים ווינען דאָ געוויס נישט.

ענדלעך עפנט זיך די טיר, וואָס איך זוך. אין טונקעלן ליכט פון אַן עלעקטריש לעמפּל, וואָס באַלייכט אַ קיך־פּליטע און אַ גרויס וואַסער־פאַס, שטייט אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק מיט אַ שאַל אויף די פּלייצעס. איך גיב גלייך אַ זאָג: „געבראַכט אייך אַ גרוס פון אַראַנטשיקן״. און עס דוכט זיך מיר, אַז די פרוי לייכט אויף און עס ווערט אויך ליכטיקער אין צימער. „אָ, קומט, קומט, טייערער גאַסט. מיר וואַרטן שוין אויף אייך אַזוי לאַנג״. וואַרעמע הענט דריקן מיין האַנט. מען פירט מיך אַריין אין אַ צימער, גאַנץ פיין מעבלירט. אויך דער לאָמפּ דאָ שיינט העל. די פרוי ציטערט אַזש פון פרייד.

„אָט באַלד רוף איך אַריין מיין מאַן. ער איז ביים שכן. מיין זונעלע וועט אויך באַלד קומען. זעצט זיך, מיר וועלן טרינקען טיי. איז וואָס מאַכט ער, אונדזער אַראַנטשיק?״

עס איז אַ נס, וואָס איך ווייס וואָס צו ענטפערן אויף דער תשובה, ווייל איך האָב דאָן אין קיבוץ אָפּגעטראָטן אַ ווייל אין דער דירה, ווו זייער ברו־דער וווינט.

איך זיץ אַ ביסל ביז די פרוי רופט אַריין איר מאַן. איך בין אָנגענעם איבערראַשט פון די שיינע מעבל אין צימער אַרום מיר. שפּעטער דערקלערט

זיך דאָס לייכט: דער בעל־הבית פון דער דירה איז אַ מייסטער אין אַ מעבל־פאַבריק און ער אַרבעט אויס יעדעס שטיק מעבל מיט זיינע אייגענע הענט.

די פרוי קומט צוריק מיט איר מאַן. ער איז הויך געוויקסיק, ווי אַראַנטשיק, אָבער יינגער, נישט מער ווי אַ יאָר פערציק. זיין אויסזען איז עפּעס אַזוי בלאַס־גרוי און די אויגן קוקן פאַרלאָשן אין קאָנטראַסט מיטן אויסזען פון זיין פרוי, וואָס בליצט מיט לעבן.

ער דערקלערט מיר שפּעטער:

„אין קאָפּ ביי מיר זיצט נאָך אַלץ אַ קויל, אַ דייטשע קויל פון דער לעצטער מלחמה. לייד איך אָפטע קאָפּ־ווייטיקן. איך בין אַ מלחמה־אינוואַליד און האָב אַ סך מעדאַלן פאַר העלדישקייט. אָבער דעם קאָפּ־ווייטיק פאַרלייכטערט דאָס נישט. עס איז מיר זייער שווער צו קריכן אויף די טרעפּ. מען האָט אונדז צוגעזאָגט אַ דירה צום סוף פון דער „פּיאַטילעטקע", דערווייל אָבער איז שווער. ספּעציעל צוליב דעם, וואָס דער וואַסער־צופלוס אויף אַזאַ הויכן שטאָק שטעלט זיך אָפּ און מען מוז שלעפּן מיט עמערס וואַסער פון אונטן. דעריבער טאַקע שטייט שטענדיק אין קיך די פאַס מיט וואַסער.

„איך פאַרדין פאַרהעלטנישמעסיק גוט אַלס מעבל־מייסטער, — אַרום 160 רובל אַ חודש (175 דאָלאַר. אַ דאָקטער, וואָס הייבט אָן צו פּראַקטיצירן, פאַרדינט נישט מער ווי 80־100 רובעל אַ חודש. — ח. ש.). מיין פרוי פאַרדינט אויך צו ביסלעך: זי שטריקט שאַלן און פאַרקויפט זיי אין קאָאָפּעראַטיוו. אונדזערע פאַרדינסטן סטייען אויף געַנוג עסן און באַשיידענע קליידער. איצטער, אַז פלייש און פּוטער זענען געשטיגן אַזוי הויך, וועלן די הוצאות אויסמאַכן מיט 30־40 רובל אַ חודש מער.

„אַ סך נחת האָבן מיר פון אונדזער יינגעלע. ער איז דרייצן יאָר אַלט, און דער בעסטער שילער אין קלאַס. מיר האָבן טאַקע געוואָרט אויף אייער קומען, און זיין בר מצווה אָפּגעלייגט אויף אַ פּאָר חדשים. אַראַנטשיק האָט דאָס אונדז געעצהט אין אַ בריוו.

„איר פרעגט, צי קענען זיין פאַר אונדז אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס איר, אַן אַמעריקאַנער, זענט געקומען צו אונדז אין שטוב? ניין, מיר זענען אָרנטלעכע מענטשן און נישט פון די שרעקנדיקע. מיט מיין קויל, וואָס „סטערטשעט" אין קאָפּ, פאַלט שוין איבערהויפּט אָפּ יעדע שרעק".

די פרוי שטעלט פאַר אונדז גלעזער טיי מיט טעצעלעך „מאַלינאָווע" איינגעמאַכטס. דערווייל קומט אַריין אַ שיין יינגל אין אַ גימנאַזיסטישער בלוזע, דאָס איז דער „בר־מצווה־בחור".

מיר רעדן די גאַנצע צייט רוסיש, ווייל דעם בעל־הבית פון דער דירה איז שווער צו רעדן יידיש. אַ שווערע קינדהייט האָט ער דורכגעמאַכט. אין די ערשטע באָלשעוויסטישע צייטן איז ער געווען אַפּגעריסן פון דער היים צוליב די מאַכנאָווצעס. געלעבט צווישן גויים. זיין ברודער געדענקט ער קוים, אָבער מען זעט, אַז אַראָנטשיק איז דאָס שיינדל און שטאָלץ פון דער משפחה.

די באַלעבאָסטע איז פון אַן אינטעליגענטער יידישער פאַמיליע אין אַן אוקראַיניש שטעטל. זי קען לעזן און שרייבן יידיש און מען האָט אויך מיט איר אַ ביסל חומש געלערנט. האַלט זי אַן דעריבער אַ יידישן גייסט אין דער קליינער פאַמיליע. דאָס האָט זי טאַקע באַשלאָסן באַצייכענען דעם דרייצנטן געבוירן־טאָג פון איר זון קאָסטיאַ (קאָנסטאַנטין) מיט אַ מין בר־מצווה־פייע־רונג. אמת, דאָס ייִנגל איז נישט געמלט, ווי עס זענען נישט געמלט איצטער אַרום נײַנציק פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער, און קיין „אלף־בית״ קען אַפילו דער טאַטע אויך נישט. אָבער זי, די מאַמע, דערציילט איר זון די אַלע מעשהלעך פון חומש און פון דער יידישער געשיכטע, וואָס זי געדענקט פון דער היים. און ער האָט דאָס אַזוי ליב צו הערן.

טיף אין האַרצן האָפט זי מיט איר מאַן, אַז מען וועט אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיין צוזאַמען מיט אַראָנטשיקן דאָרט, אין „יענעם לאַנד״, אין קיבוץ. מען איז דאָ אַזוי איינזאַם און דאָס לעבן איז אַזוי גרוי און נישט אינטערע־סאַנט.

איצט, אַז איך בין שוין געקומען מיטן גרוס פון אַראָנטשיקן, ווייל זי שבת נאָך מיטאָג איינלאַדן אַ פּאָר חברים פון דער מעבל־פאַבריק, וווּ דער מאַן אַרבעט, און אַ פּאָר שכנים. און אַ „בר־מצווה״ זאָל זיין ווי זי האָט דאָס גע־זען ביים טאַטן אין שטוב. אמת, קיין תפילין זענען נישטאָ, קיין סידור אויך נישט. אין שול גייען זיי קיינמאָל נישט. „עס פּאַסט נישט פאַרן מאַן, דעם „מלחמה־העלד״, און צו פּרנסה איז דאָס אויך נישט קיין סגולה״...

דערווייל רופט זיך אָפּ איר מאַן:

„מיר האָבן דאָ אַ שכן, וואָס שרייבט לידער וועגן ציון. ער שרייבט זיי אין רוסיש. ווען ער האָט געהערט, אַז עס וועט קומען צו אונדז אין גיכן אַ גאַסט אַ יידישער שרייבער, האָט ער געבעטן, מיר זאָלן אים למען השם איינ־לאַדן, ווען איר וועט צו אונדז קומען. וועט ער איך פאָרלעזן זיינע לידער״...

רייס איך שנעל און קאַטעגאָריש איבער:

„דעם שכן קענט איר איינלאַדן, אָבער זאָל ער זיך נישט דערוועגן

ברענגען זיין העפט מיט לידער. זאָל ער אַפילו נישט פּרוּוון לייענען זיי אויסנווייניק. איך וועל גלייך פאַרלאָזן אייער שטוב, אויב ער וועט דאָס טאָן!״

איר דאַרפט מיך פאַרשטיין, פאַרוואָס איך האָב זיך דערשראָקן פאַר די ציון־לידער אויף דער דאָזיקער פרעמדער ערד, ווי אין פּסוק שטייט: „איך נשיר את שירת ציון על אדמת נכר?״ די סיבה איז פּשוט: אַ געוויסער ישראל־דיפּלאָמאַט האָט בעת אַ באַזוך אין אַ רוסישער שטאָט זיך געלאָזן אַריינגאַרן אין אַ „פּאַסטקע״ מיט אַ ביכעלע לידער וועגן ליבשאַפט צו ציון און ישראל, וועלכע אַ מכלומרשטער דיכטער האָט אים געבראַכט אין האָ־טעל און געבעטן פּובליקירן אין ישראל.

די מעשה געדענקט איר מסתם אַלע. דער דיכטער איז געווען אַ פּראָ־וואָקאַטאָר: דער דיפּלאָמאַט — אַ תמימותדיקער, נישט דערפאַרענער יונגערמאַן. דעם דיפּלאָמאַט האָט מען אַרויסגעשיקט פון רוסלאַנד און דער „דיכטער״ דרייט זיך נאָך אַלץ אַרום מיט זיין ביכל „ליבעס־לידער״ צו ישראל.

דאָס אַלץ האָט שנעל אַ בליץ געטאָן דורך מיין זכרון און דעריבער איז מיין רעאַקציע געווען אַזוי שאַרף. עס קען גראַד געמאָלט זיין, אַז אין דעם געגעבענעם פאַל האָב איך גאָר חושד געווען אַן אָרנטלעכן, טייערן יידן, וועלכער זינגט טאַקע לידער וועגן ישראל, אָבער זיכער איז זיכער: איך האָב דעם ייד, דעם שכן געזען שבת אין דער דאָזיקער שטוב, אָבער זיין העפטל האָט ער נישט מיטגעבראַכט. איז ער נעבעך טאַקע געזעסן שווייגנדיק און טרויעריק.

שבת, דריי ביי טאָג, אין דער זעלבער שטוב: איך קלעטער ווידער אויף די פאַרדרייטע טרעפּ אויפן זעקסטן שטאָק און כאַפּ קוים אָפּ דעם אָטעם.

אין עסצימער איז דער לאַנגער טיש געדעקט מיט אַ ווייס טישטעך. אַ פלאַש ווין שטייט אין מיטן. טרוקענע קיכלעך ליגן אין אַ שיסל. אַרום טיש — אַכט יידן, — אַלע מיט אויסזען פון רוסישע פאַבריק־אַרבעטער, — אָבער געקליידט אין טונקעלע אַנצוגן.

ווען איך קום אַריין, ווערט אַ פריידיקע באַוועגונג, אָבער מען שטעלט מיך נישט פאָר: סיי ווי ווייסן זיי שוין, אַז איך האָב געבראַכט אַ גרוס פון דעם „אַראָנטשיק״, וואָס איז אַ פאַרמער אין „יענעם לאַנד״.

טאַטע־מאַמע שיינען מיט אַ באַזונדער פרייד און נחת, ווען זיי קוקן אויף זייער קאָסטיאַ, וואָס זיצט אויבן אָן מיט דער מאַמען. מיך זעצט מען אַוועק לעבן זיי. איינער פון די געסט, — אַ ייד פון אַ יאָר פופציק, — וואָס

איז דער שעה אין „צעך״ ווו דער בעל־הבית אַרבעט, בעט מיך איך זאָל דערציילן ביי וואָס פאַראַ אומשטענדן האָב איך לעצטנס געטראָפן דעם בעל־הבית ברודער אַראָנטשיק. דערצייל איך זייער פּאַרזיכטיק, האַלטנ־דיק זיך נאָר ביי די פאַקטן און אָפּהיטנדיק מיין צונג פון יעדעס וואָרט, וואָס וואָלט געקענט אַנגענומען ווערן אַלס פּראָפּאַגאַנדע.

„אַראָנטשיק איז געזעסן אויף אַ הויכער שטול אין דער געביידע, ווו מע מעלקט מיט מאַשינען די קי. יעדע קו איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשין און מילך איז פון איר אויסגעפּאָמפּעט געוואָרן דורך אַ רער אין גלעזערנעם באַסיין, וואָס איז געשטאַנען לעבן אַראָנטשיקן.

„די קי זענען געשטאַנען אין אַ לאַנגער ריי, זיך געהאַלטן אַנשטענדיק און דיסציפּלינירט, און נאָכן ווערן אויסגעמאָלקן, אָפּגעטראָטן זייער פּלאַץ דער „דאַמע״, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן.

„דערנאָך איז געקומען דער חבר, וואָס האָט אַראָנטשיקן פאַרטראָטן. ער איז אויך אַ מיטגליד פון קיבוץ, אָבער צו גלייכער צייט אַ פידלער אין פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער. ווי נאָר ער וועט ענדיקן זיין אַרבעט, וועט ער זיך איבערטאָן אין אַ פראַק און שפּילן די ערשטע פידל אין דער גרויסער שטאָט.

„אַראָנטשיק פירט מיך ווייזן די נייע געביידע פאַר דער שולע אין קאָנ־צערט־זאַל: דאָס איז אַ מאָדערנע געביידע פון גלאָז און בעטאָן.

„שפּעטער עסן מיר אַלע — עטלעכע הונדערט מענטשן, אין גרויסן עס־צימער פון קיבוץ, — אַ געשמאַקן, געזונטן מאָלצייט. דאַן קומט פאַר מיין פאַרלעזונג. שפּעטער בעט מיך אַראָנטשיק איך זאָל אייך דאָ דערציילן, וואָס איך האָב געזען. און דאָס טו איך איצט״.

איך קוק אויף די פּנימער אַרום — פאַרטראַכטע, נייגעריקע, אָבער קיין פּראָגעס שטעלט מען נישט.

די באַלעבאָסטע גיסט אָן יעדן זיין גלעזל מיט ווײַן. דער „בר־מצווה״־בחור, קאָסטיאַ, שטעלט זיך אויף און מיט זיין קלינגענדיקער קינדערשער שטימע זאָגט ער אין רוסיש דאָס, וואָס די מאַמע האָט אים אויסגעלערנט:

„איך זאָג צו צו זיין אַ טרייער סאָוויעטישער בירגער.

„איך זאָג צו צו זיין אָן איבערגעגעבענער זון פון מיין אייגן אַלט פאָלק.

„איך האָף, אַז דער גורל וועט זיין גוט צו אונדז און וועט אונדזער משפּחה ווידער פאַראייניקן אין לאַנד, ווו אַראָנטשיק וווינט. אָמן!״

„אָמן!" האָבן אַלע אַרום טיש עפּעס אַזוי ווי אויטאָמאַטיש איבערגע־חזרט קאַסטיאַס לעצט וואָרט.

„און לחיים!" שרייט אויס די מאַמע. מען טרינקט דעם ווײַן, מען פֿאַר־בײַסט מיט קיכלעך און מיט טרערן... יעדער שטיקט אין זיך די זכרונות, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיטן „אמן" און מיטן „לחיים".

און כאָטש גאָטס נאָמען איז דאָ נישט דערמאָנט געוואָרן, האָט אָבער די ליכטיקע שכינה אויסגעפּילט דעם גאַנצן צימער אין דעם אַלטן הויז אויפֿן זעקסטן שטאָק.

אַ שמועס מיט אַן אַלטן יידישן קאָמוניסט

איך האָב געוווּסט, אַ אין ריגע וווינט ערגעץ דער אַמאָליקער באַרימ־טער ציוניסט־טעריטאָריאַליסט און שפּעטערדיקער קאָמוניסטישער פירער שאַץ־אַנין.

אָבער ווי געפינט מען אים? אין טעלעפאָן־בוך האָב איך זיין נאָמען נישט געזען. פרעגן ביי בית־מדרש־יידן? ווייס איך דאָך אָבער, אַז שאַץ־אַנין האָט ביטער געקעמפּט קעגן דער רעליגיע און קעגן בתי־מדרשים.

פון דעסטוועגן האָב איך פּרובירט און זיך געווענדט צום עולם אין דער אשכנזישער שול: „אפשר ווייס עמעצער פון אייך דעם אַדרעס פון אַמאָליקן אַדוואָקאַט שאַץ־אַנין?"

האָט זיך אומדערוואָרט אָפּגערופן דווקא דער שמש פון שול:

„זיין אַדרעס ווייס איך נישט און ער אַליין אינטערעסירט אונדז נישט, אָבער זיין טאָכטער וווינט אין דעם זעלבן הויז וואָס איך, און אָט איז איר נאָמען און אַדרעס. געפינט אויס אין טעלעפאָן־בוך".

האָב איך אויסגעפונען און דערהערט די אַנגענעמע שטימע פון שאַץ־אַנינס טאָכטער יהודית: „מיין פאָטער וועט צופרידן זיין אויפנעמען אַ יידישן שרייבער. ער איז 86 יאָר אַלט, אָבער זיין שכל איז פריש און יונג. קומט אַרי־בער אין זיין הויז היינט פאַר נאַכט, איך וועל אויך דאָרט זיין צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, וועלן מיר שמועסן און טרינקען טיי".

דאָס איז מיר געווען זייער אַנגענעם, ווייל קאָמוניסטיש־יידישע פּרי־וואַטע הייזער זענען געוויינלעך פאַרשלאָסן פאַר אַזעלכע אורחים פון אַמערי־קע ווי איך.

נאָך אַלס יונגער בחור׳ל האָב איך געהערט דעם נאָמען שאַץ־אַנין, דעם אַמאָליקן פּועלי־ציוניסט, שפּעטער אַ טוער פון די „פּאַראיינִיקטע טעריטאָ־ריאַליסטן״. זיין נאָמען איז געווען אָפּטמאָל געבונדן מיט אַזעלכע „שטערנס״ ווי סירקין, ד״ר זילבערפאַרב, סינגאַלאָווסקי, לוואָוויטש, נאָוואַקאָווסקי לאַצקי־בערטאָלדי און אַלע אַנדערע פירער פון יענער גרופּע.

איך האָב אָפּט באַגעגנט שאַץ־אַנינס עסייען אין פּאַרטיי־זשורנאַלן און אויך אין קאָמוניסטישן „האַמער״ און „מאָרגן־פרייהייט״ אין די צוואַנציקער יאָרן אין ניו־יאָרק.

אין דער גאַלעריע פון פירנדיקע יידישע נעמען פון די רעוואָלוציעס אין „פינפטן״ און „זיבעצנטן״ יאָר איז שאַץ־אַנינס נאָמען געווען אויף די ערשטע פלעצער.

אין יענע יאָרן, ווען יידישע סאָציאַליסטן האָבן געפלירטעוועט מיט דער אוקראַינער „ראַדע״ אין קיעוו, איז שאַץ־אַנין געווען זייער יורידישער ספּע־ציאַליסט: דאָס האָט ער דאָך רעדאַגירט אין דער „ראַדע״ אין יאָר 1918 דאָס געזעץ פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר יידן אין אוקראַינע.

וואָס פאַראַ ים פון „שאָוויניזם, סעפּאַראַטיזם און קאָסמאָפּאָליטיזם״ האָט דאָס אַנטהאַלטן יענער געזעץ אין ליכט פון די שפּעטערדיקע יעווסע־קיש־סטאַליניסטישע יידן, וואָס האָבן געזוכט יידן צו צעברעקלען און צע־רייבן צווישן די זעלבע אוקראַינער. און שפּעטער, אַז די גרופּע, צו וועלכער שאַץ־אַנין האָט געהערט, איז מיט האַק־און־פּאַק אַריבער צו די קאָמוניסטן, האָט ער גלייך תיכף באַוויזן אָנשרייבן אַ בוך אונטער דעם אינטריגירנדיקן נאָמען: „יידישע סאָציאַליסטן פון מאַרקס ביז טראָצקי״.

איר פאַרשטייט? „ביז טראָצקי!״

איז ווי איז פאַרט דער מחבר פון אַזאַ „טרייפענעם״ בוך לעבן געבליבן בעת די דרייסיקער יאָרן, ווען מען האָט אויסגעשאָסן די אַמאָליקע יעווּ־סעקישע פירער און יעדן איינעם, אויף וועמען עס איז נאָר געפאַלן אַ חשד, אַז ער האָט אָפּגעוויכט פון דער ליניע?

דער תירוץ איז: שאַץ־אַנין איז לא עלינו בלינד געוואָרן (אין יאָר 1935) און, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, דאָס וואַכנדיקע אויג פון דער טשעקאַ האָט אים אויפגעהערט צו זען, נאָכקוקן און געלאָזן לעבן.

די שפּעטערדיקע ביאָגראַפיע פון שאַץ־אַנין, — זיינע יאָרן אין דער לע־טישער רעפּובליק, זיין אַרבעט אַלס יוריסקאָנסולט פון דער סאָוועטישער

דיפּלאָמאַטיע אין זעלבשטענדיקן ריגער רעזשים — און די לעצטע יאָרן, אַלס „פּענסיאָנער״ אונטערן סאָוויעטישן רעזשים, איז צו לאַנג פאַר די ראַמען פון דעם קאַפּיטל.

כאַראַקטעריסטיש איז דער אָפּרוף פון סאָציאַליסטישן פירער אין ניו־יאָרק לעווין־שאַצקעס, ווען ער האָט דערהערט, אַז איך האָב זיך איצט גע־טראָפן מיט שאַץ־אַניך: „געוואַלד געשריען! דאָס האָט ער דאָך אַרויסגעריסן די „קולטור־ליגע״ פון אונדזערע סאָציאַליסטישע הענט און זי איבער־געגעבן די קאָמוניסטן! דאָס האָט ער דאָך אַלע אונדזערע פרייע אינסטי־טוציעס זיי אָוועקגעגעבן!״

פאַר מיר אָבער איז מיין וויזיט אין שאַץ־אַנינס שטוב און דאָס טרעפן זיך מיט אים און זיין משפחה געווען אַ טיפע און אינטערעסאַנטע איבערלע־בעניש, אַ מענטשלעכע איבערלעבעניש. איך בין געווען אין הויז פון אַ ייד וואָס סימבאָליזירט די גאַנצע עפּאָכע פון איצטיקן יאָרהונדערט, ווען מיר אַלע האָבן די אויגן געעפנט אויף די נייע יידישע פּראָבלעמען: ציוניזם, סאָציאַליזם, יידישע קולטור — און גראָד ביי אים, ביי שאַץ־אַנינען האָבן זיך די אויגן אַזוי טראַגיש צוגעמאַכט...

אין דער באַקוועמער ציכטיקער דירה אויף איינער פון די שטילע און אַזוי אָנגענעמע ריגער זייטיקע גאַסן, דריק איך די האַנט פון דעם 86־יאָריקן וועטעראַן, וואָס באַגריסט מיך האַרציק. לעבן אים — זיין טרייע לעבנס־באַגלייטערין חנה — זיינע אויגן און זיין אינספּיראַציע. אַ, ניין, נישט יעדע פרוי וואָלט געווען פעיק אונטערהאַלטן דעם לעבנסלוסט און אַפילו די שע־פערישקייט ביי אַ בלינדן מאַן אין משך פון כמעט גאַנצע דרייסיק יאָר. דאָס איז פיזיש שווער און גייסטיק — שיינט דאָס צו זיין כמעט אוממעגלעך. צו דעם פאָדערט זיך אַ ים מיט ליבע, מיט אָנערקענונג און זעלבסטרעזיגנאַ־ציע. איז דאָך זיין פרוי פיל יינגער פון אים.

אָט וווינט נאָך אַלץ אין זעלבן ריגע די פרוי פון אַמאָליקן אידעען־חבר פון שאַץ־אַניך, — פון לאַצקי־בערטאָלדי. זי הייסט בערטאַ און איז איצט 76 יאָר אַלט. אַ מאָל איז זי געווען אַ באַרימטע שיינהייט. זי איז נאָך היינט אויך אָריגינעל שיין. אָבער זי האָט נישט געקענט מיטמאַכן מיט איר באַ־רימטן מאַן אַלע זיינע יידישע ליטעראַריש־פּאָליטישע גלגולים. זי האָט געוואָלט זיך בעסער אויסלעבן אין וועלט־־פאַרגעניגנס, האָט זי איר מאַן פאַרלאָזן, חתונה געהאַט מיט אַ סאָוועטישן דיפּלאָמאַט, און איצט לעבט זי אַלס זיין אלמנה. זי האָט פיל גרינגערע יאָרן, ווי די העלדישע פרוי פון שאַץ־

אַנינען, וואָס גייט אים נאָך זיין שווערן, פינצטער־געוואָרענעם וועג, — באַוואָרנט אים און היט אויף די פרישקייט פון זיין געמיט.

ווען מיר זעצן זיך נאָענט איינער לעבן צווייטן און ער לייגט אַוועק זיין האַנט אויף מיינער, אַזוי ווי ער וואָלט מיך וועלן דורך דעם „זען און פילן". — דערהער איך די אַריינפיר־פראַזע צו אונדזער לאַנגן געשפּרעך:

„פריער פאַר אַלץ וויל איך אונטערשטרייכן, אַז איך בין אַן אַנהענגער, אָן יעדן קאָמפּראָמיס, פון אַ וועלט־אָרדענונג, נאָר אויף דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער באַזע פון קאָמוניזם"...

וואָלט דער אַ מאָל אַזוי ראַפינירטער שאַץ־אַנין געקענט זען, וואָלט ער געוויס באַמערקט מיין שמייכל אַלס רעאַקציע: ווייסן מיר דאָך ביידע, אַז אין צייטן פון אינקוויזיציעס אָדער פון קאַמפן פאַר רעליגיעס מיט פייער און שווערד, פלעגן אויך מאַראַנען אָנהויבן זייערע רייד: „אין נאָמען פון פאָטער, זון און הייליקן גייסט"...

קלוגע האָבן זיי פאַרשטאַנען, נאַראָנים האָבן זיי געגלויבט.

און אַז די מאַגישע פאָרמולע איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, קען מען שוין איבערגיין צום „וויכוח".

ער פרעגט וועגן מיינע איינדרוקן נאָכן באַרייזן דעם ראַטן־פאַרבאַנד.

איך קריטיקיר אָפן און קלאָר די פאַרפאָלגונגען קעגן יידישן דת, קעגן דער יידישער קולטור. איך באַריר אויך די אומזיכערקייט, וואָס עס פילט אַ מענטש, וואָס איז געוווינט צו פרייהייט, — ווי איך, למשל, ווען ער באַוועגט זיך דורך ראַטן־פאַרבאַנד.

שאַץ־אַנין אָבער האַלט, אַז דער קאָמוניסטישער מענטש קעמפט פאַר אַ גאַנץ אַנדער פרייהייט: פון קנעכטשאַפט, פון אינטערדריקונג, פון באַהערשט ווערן דורך פינצטערע מאַכט־כחות. ער זאָגט:

„אין אונדזער טויזנט־יעריקן געשיכטע־שפּאַן פון דער אַסיים־סעקטע אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש, וואָס זענען געווען קעגן סיי די פרושים און סיי די צדוקים, — דורך דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד, דורך די געפּאַלענע פון די קרייצצוגן און אינקוויזיציעס ביזן קאַמף פאַרן קאָמוניזם, ציט זיך איין יידישער גאָלדענער פאָדעם"...

רייס איך איבער:

„אָבער אַז מען לערנט נישט ביי אייך די יידישע קינדער זייער רומפולע געשיכטע, פון וואַנען זאָלן זיי, ווי איר, ציען דעם דאָזיקן פאָדעם און מיט דעם — דאָס חיות פון אונדזערע אַלטע קאַמפּס־קוואַלן? און אַז דער מנוול

און רב־רענעגאַט שאַכנאָוויטש פּאַרמיאוסט אין זיינע ביכער, וואָס ווערן דאָ אָפיציעל פּובליקירט, — אַלע קוואַלן פון דער יידישער געשיכטע, אַלע קאַמפן, וואָס מיר האָבן געפירט קעגן אַלערליי אונטערדריקער, ווי וועלן יידישע קינדער קענען שעצן זייער הערלישע ירושה, וואָס איר האָט נאָר וואָס דערמאָנט?"

איך בין צופרידן, וואָס דער מומר שאַכנאָוויטש ווערט אויך קריטי־קירט דורך שאַך־אַנינען... ער איז אויך מסכים מיט דעם, אַז אויב צוליב אַ ריי אומשטענדן קען מען נישט לערנען יידישע געשיכטע פאַר יידישע קינדער אין זייערע אייגענע שולן, דאַרף מען זוכן וועגן צו לערנען זיי דאָס אין רוסיש.

אָבער ווען מיר גייען איבער צו דער יידישער מדינה, רופט אַן שאַך־אַנין איר רעזשים אַלס פאַשיסטישן.

נו, הייב איך אָן צו פּראָטעסטירן און דערצייל עפּעס וועגן די פּאָליטישע מעטאָדן פון דעם „באַרימטן דעמאָקראַט" נאַסער, אָדער פעאָדאַלן הערשער פון סאוד־אַראַביע — ביידע געפּיעשטשעטע דורכן ראַטן־פאַרבאַנד אַראַ־בישע „בנים יקירים".

אין גאַנג פון געשפּרעך אָבער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זידלען בן־גוריונס רעגירונג געהערט אויך צו דער פריער דערמאָנטער „רעליגיעז־קאָמוניסטישער פאָרמולע".

ווייל אָט שליכן זיך אַריין אַזוי האַרציק־סימפּאַטיש אין אונדזער גע־שפּרעך דער קיעווער רב אַראָנסאָן און דער ריגער רב הרב נוראָק. און עס ווערן דערמאָנט צום גוטן זיינע אַמאָליקע פריינד בן־צבי און זרובבל, אויך יוסף קרוק און ניר־ראַפאַלקעס. מען פרעגט זיך נאָך אויף גלאַנץ־לעיעלעס, נחמן מייזיל און דער פלעיאַדע „אַרט"־טוער, וואָס ער דערוויסט זיך פון מיר, אַז זיי זענען שוין געשטאָרבן (סינגאַלאָווסקי, לוואָוויטש און זייער אַל־טער פאַמיליע־פריינד ד"ר סוראָוויטש).

איך פאַרזיכער אים, — ווי מיר איז דאָס אויסגעקומען צו טאָן אין די אַלע אומצייליקע געשפּרעכן אין רוסלאַנד, — אַז מיר אין אַמעריקע ווילן שלום נישט ווינציקער ווי זיי אין רוסלאַנד; אַז די מורא, אַז מען וועט אין וואַשינגטאָן אַ קוועטש טאָן „יענעם קנעפּל", וואָס וועט אויפרייסן די וועלט, פאַרפאָלגט אונדז אויך, — מער נישט, אַ סך ביי אונדז טראַכטן, אַז דאָס פינגער אויפן קנעפּל האַלט גראָד רוסלאַנד...

מען דערלאַנגט אַ באַשיידענעם אָוונט־מאָלצייט. עס קומט אַריין זיין

אײדעם, זײן בת־יחידהס מאַן. אַלע רעדן יידיש, און ווי געשמאַק עס קלינגט די דאָזיקע שפּראַך אין מויל פון זײן טאָכטער, וועלכע איז אַ מאָל געווען אַ לערערין אין אַ יידישער שולע און האָט שוין נישט, לײדער, מער די געלעגנהײט ממשיך צו זײן איר פאַך.

די פרוי שאַץ־אַניק פירט אַריבער דעם געשפּרעך אויף חסידות. זי אַלײן איז פון רבישן יחוס און זי וויל וויסן וועגן דעם, ווי עס לעבט זיך דעם סקווערער? די טווערסקיס אין מילוואָקי?

די מער פון זעכציק יאָר יידיש לעבן פון הײנטיקן יאָרהונדערט האָבן זײער תיקון געפונען אין אינטימען געשפּרעך מיט דער משפּחה שאַץ־אַניק.

באַגלײט פון זײן אײדעם דעם באַן־אינזשעניר, בין איך צוריקגעגאַנגען דורך די שטילע ריגער גאַסן צו מײן האָטעל. איך האָב ביז ווײטאָג געוווּסט: קײן שום נײ וואָרט פון האָפענונג און אויפקלערונג וועט צו אונדזער פאָלק נישט קומען פון די הײזער, וווּ עס ווערט אויפריכטיק אָדער מאַראַניש געפּרעדיקט די לערע, אַז דער יידישער גאָלדענער פאָדעם ציט זיך פון בר־כוכבא ביז קאָמוניזם.

דער גורל פון די יידן אין סאָוויעטישן ריגע

דעם לעצטן טאָג אין ריגע האָב איך פאַרבראַכט צווישן אירע פּראַכט־פולע גערטנער, צווישן טויזנטער קינדער וואָס שטיפן און זינגען — און אויך מיט אַ סאָוועטישן פּרעסע־פאַרשטײער, אַ יונגן, סימפּאַטישן ייד, וואָס האָט מיך אינטערוויואירט. און דער מלאך, וואָס באַגלײט אַ זשורנאַליסט מיט אַ קאַפּיטשקע מזל, האָט מיך אַרײנגעשטופּט אין אַ טראַמוואַי־וואַגאָן, ווו עס איז געזעסן אַ גרופּע ריגער אינטעליגענטע יידן. נו, מיט זײ האָב איך אויך געשמועסט.

דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם וויזיט פונעם „אינטוריסט״־דירעקטאָר אין דער לאַטווישער רעפּובליק.

איך האָב שוין מײנע לײענער דערצײלט וועגן זײן אומגעווײנלעכער פרײנדלעכער באַציִונג צו אויסלענדישע טוריסטן. עס האָבן אים געלויבט די אַלע באַגעגנטע אַמעריקאַנער און די גרופּע יידן פון דרום־אַפריקע.

אַלזאָ, דער ריגער דירעקטאָר בעט מיך, אַז איך זאָל אויפנעמען דעם

קאָרעספּאָנדענט פון דער לאַטווישער טעלעגראַף־אַגענטור (לט״א) און זיך טיילן מיט אים מיט מיינע איינדרוקן פון וויזיט אין ריגע.

איך האָב גאָרנישט געזען אין דעם עפּעס אומגעוויינלעכס: איך בין דאָך אין מיין פּאַס רעגיסטרירט אַלס שרייבער־זשורנאַליסט, טאָ פאַר וואָס זאָל איך נישט שמועסן מיט אַ קאָלעגע פון ראַטן־פאַרבאַנד? האָב איך מסכים געווען און באַשטימט די באַגעגעניש מיט אים אויף פאַר נאַכט אין מיין האָטעל.

דערווייל בין איך אַרויסגעפאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל אין אַ פּלאַץ, וואָס איז מיר שטאַרק רעקאָמענדירט געוואָרן דורך פריינט, וואָס קענען ריגע: דער „מעזשפּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו״. דאָס איז אַ געדיכטער סאָסנע־וואַלד, מאַלעריש צעלייגט אויפן ברעג פון טייך קישעזער.

מען פאָרט אַהין פון אַלע עקן לאַנד. עס פירן אַהין טראַמווייען, טראָליי־בוסן, עלעקטרישע אייזנבאַנען און אויך קליינע דאַמפּערס אויפן וואַסער.

שוין עטלעכע יאָר נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט מען אויפגעבויט דעם אָפּרו־פּאַרק מיט טעאַטערס, טאַנץ־זאַלן, אויסשטעלונג־פּאַוויליאָנען און אַן עסטראַדע פאַר געזאַנג־קאָנקורסן — די גרעסטע אין איראָפּע, ווייל אויף איר קענען זיך אויסשטעלן גלייכצייטיק הונדערטער כאָרן מיט צענדליקער טויזנט זינגער. דאָס איז אין דער ריגער טראַדיציע. ווו געזאַנג־פאַרמעסטן קומען שוין פאָר זינט דעם יאָר 1873.

אין דעם צענטער פון דעם דאָזיקן פּאַרק געפינט זיך די „קינדער־שטאָט״, אַ מין קוני־איילאַנד, מיט אַן אייגענער אייזנבאַן־ליניע, וואָס ווערט געפירט דורך קינדער און פאַרמאָגט אַזש דריי סטאַנציעס, די מיניאַטור־באַן שטעלט זיך אָפּ, לאָזט אַראָפּ און נעמט אַרויף קינדער־פּאַסאַזשירן.

קען זיין עפּעס שענערס, ווי אַ ריזיקער סאָסנע־וואַלד מיט רוישנדיקע פאָנטאַנען, מיט געזאַנג אויף עסטראַדעס, מיט טויזנטער קינדער, וואָס לאַכן, שפּרינגען און שטיפן? איז פאַר וואָס זיץ איך דאָ גאָר אויפן באַנק ביים טייך אַזוי אומעטיק, אַזוי צעבראָכן, מיט אַ פאַרשלאָפענעם בליק? ווייל מיט מיר צוזאַמען זיצט אויף דער זעלבער באַנק אַן אינטעליגענטע דאַמע פון ניו־יאָרק, וואָס מאַכט אויך מיט די זעלבע רייזע וואָס איך. און די דאָזיקע דאַמע — אַ מעדיצינישע אַרבעטערין — עווא נאַדעל פון ווילנע, פון ווילנער געטאָ, — זעט גאָר פאַר זיך גאַנץ אַנדערע בילדער ווי די, וועלכע עס ווייזן זיך איצט פאַר אונדז אין דאָזיקן מיט זון און פרייד באַגאָסענעם טאָג. זי רעדט שטיל,

געשטיקט, דורך טרערן, און אירע טראַגישע ווערטער פאַרטויבן די פרייד אַרום אונדז:

„איר זעט אָט דעם פּאַרק, אָט דעם „מעזשפּאַרק״? ער האָט געהייסן קייזערוואַלד ביי די נאַציס, און דאָ טאַקע האָב איך מיט אַרום טויזנט אַנדערע פרויען, ווי שקלאַפינס, געאַרבעט אין דעם באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער.

„איצט בין איך געקומען קיין ריגע פון לענינגראַד אין אַ שלאָף־וואַגאָן ערשטע קלאַס. אָבער דעמאָלט, ווען מען האָט דאָס ווילנער געטאָ ליקווידירט, האָט מען אונדז, טויזנט לעבעדיק געבליבענע פון פאַנאַרער פאַרניכטונג יידישע פרויען אין זייערע בעסטע יאָרן, אין פראַכט־וואַגאָנעס אָנגעשטאָפּט און קיין ריגע געבראַכט — אַרבעטן פאַר דער דייטשער מאַשין. פיל פון מיינע חברטעס זענען אין די וואַגאָנעס דערשטיקט געוואָרן. די אוקראַינער און ליטווישע וועכטער־בעסטיעס האָבן פאַר אַ שלוק וואַסער אויסגענאַרט פון אונדז די באַהאַלטענע ווערט־זאַכן. נאָר אַ טייל איז דערפאָרן צו דעם קייזערוואַלד־לאַגער, וואָס איז דאַן באַשטאַנען פון הילצערנע באַראַקן מיט שטעכעדיקע דראָטן אָפּגעצאַמט. און לאַנגע, לאַנגע חדשים זענען דאָ די פרויען — מיט בייטשן געיאָגט צו דער אַרבעט — געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די מערדערס.

„און קינדער, און דערוואַקסענע ריגער איינוווינער, האָבן דאַן געלאַכט, ווען זיי האָבן געזען ווי מען האָט די האַלב־נאַקעטע, פאַרמאַטערטע און פאַרווייִנטע פרויען אָט פון דעם קייזערוואַלד איבער די גאַסן פון ריגע געטריבן...

„די דאָזיקע אַלע פרויען האָבן שוין דאַן זייערע מענער געהאַט לאַנג פאַרלאָרן און זייערע קינדער אויך. (עוואַ נאַדעלס זונעלע איז פאַרברענט געוואָרן אָט דאָ נישט ווייט, אין עסטאָניע, אין באַרימטן לאַגער קלאָגע, וווּ מען האָט די שייטערהויפנס אינסטאַלירט...)

„נישט ווייט פון דאַנען האָבן אויך די איבערגעבליבענע ריגער יידן אויף קאַטאָרגע געאַרבעט, און אַזוי ווייניק פון זיי זענען לעבן געבליבן״.

זיץ איך אויף דער באַנק און קוק אויף די רעדער, וואָס דרייען זיך מיט די קינדער אויף זיי, אויף די שיפלעך, פון וואַנען עס דערטראָגן זיך די געזאַנגען. און די שטילע שטימע פון דער עוואַ, וואָס זיצט לעבן מיר, פאַרטויבט די אַלע פרייד־קלאַנגען, פאַרטונקלט דעם בלויען הימל און דעם גרינעם וואַלד.

צוריק צום צענטער שטאָט פאָרן מיר אין אַ טראַמוויי. אין אונדזער אָפּ־טיילונג זיצן אויך דריי מיטעליאָריקע מענער און אַן עלטערע פרוי.

עס דויערט נישט לאַנג און מיר צערעדן זיך. מיינע מיטפאָרער זענען אַלע יידן. די מענער זענען דעקאָראַטאָרן־מאָלער, וועלכע אַרבעטן דאָ אויף דער אויסשטעלונג. אַלע מיט הויכער בילדונג, און אַלע דריי געבוירענע ריגער — האָבן אויך אַ פּאָר יאָר געשמאַכט אין אָט דעם קיזערוואַלד־לאַ־גער. זיי פילן דעריבער מיט אַלע חושים די ענדערונג אויף אָט דעם פּלאַץ, וועלכן זיי אַליין העלפן פאַרוואַנדלען מיט זייערע בונטע מאָלערייען און דע־קאָראַציעס אין אַן אָרט פון פרייד און זאָרגלאָזיקייט. עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ געוואָלט נקמה נעמען פאַר יענע יאָרן, ווען דאָ האָט דער טויט געשוועבט און די שרעק האָט ווילד געלאַכט הינטער יעדן בוים.

וועגן זייער יידישקייט זאָגן זיי: „מיר זענען איצטער אַרום דרייסיק טויזנט יידן אין ריגע, אָבער קיין שום זאַך דאָ פאַראייניקט אונדז נישט. זע־נען מיר דאָך נישט קיין בית־מדרש יידן, האָבן מיר נישט אַפילו אָט דעם באַשיידענעם אַדרעס".

צווישן די יידן דאָ זענען פאַראַן וויסנשאַפטלער, מוזיקער. זיי לעבט זיך גאָר נישט שלעכט. אָבער דאָס לעבן פון אַזעלכע מענטשן ווי מיר זע־נען איז גרוי, און מערסטנטיילס נישט אינטערעסאַנט. די קינדער זענען שוין אַוועק אין אַנדערע דרכים, ווייסן גאָרנישט וועגן יידישקייט און ווילן וואָס שנעלער פאַרגעסן די יסורים און אויך די אָפּשטאַמונג פון די טאַטעס.

„איר פרעגט וואָס איז געוואָרן מיט לאַטישן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס און געהאָלפן אונדז פייניקן? זיי זענען מערסטנטיילס פאַר־שוווּנדן געוואָרן. אַ סך פון זיי האָט די סאָוויעטישע מאַכט פאַרניכטעט, אַנ־דערע זענען מסתם ערגעץ פאַרשיקט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער גרוי־סער מדינה. אָבער איר אַמעריקאַנער מעגט זיך שעמען, וואָס באַרימטע לעטישע און ליטווישע מערדער האָבן שוץ און רו געפונען אין אייער אַמע־ריקע. פאַר וואָס הויבט איר נישט אויף קיין שטורעם קעגן דעם? מיר לייע־נען דאָ אין די צייטונגען זייערע נעמען מיט די אַמעריקאַנער אַדרעסן".

די יידישע פרוי, וואָס איז לעבן אונדז געזעסן און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, געפירט אין יידיש און אין רוסיש, האָט אין אַ געוויסן מאָ־מענט, ווען איינער פון די מאָלערס האָט אַ זאָג געטאָן: „אָט זעט איר דאָך, מען עסט, מען אַרבעט, מען לעבט", רעאַגירט אויף אַ עכט יידישלעכן אופן: „זיי זאָגן „מען לעבט!" אַז אָך און ווי צו מיינע שונאים!"

אין האָטעל וואָרט שוין אויף מיר דער קאָרעספּאָנדענט פון דער לעטי־שער טעלעגראַפן־אַגענטור, אַ סימפּאַטיש אויסזעענדיקער יונגער יידישער בחור, וועלכער שטעלט זיך פאָר אַלס דוד העפּטער, אַ יורד פון בירא־בירזשאַן. און אונדזער געשפּרעך איז, גאַנץ נאַטירלעך, צעטיילט געוועזן אויף צוויי טיילן: אויף דעם אומאָפיציעלן, וואָס וועט אין דרוק נישט דער־שיינען, און אויף דעם אָפיציעלן, וועלכער איז כמעט פּינקטלעך און אין אַ פריינדלעכן צו מיר טאָן דערשינען.

בעתן פּערזענלעכן געשפּרעך האָב איך באַרירט די גזירה קעגן מצה, אויף וואָס דוד העפּטער האָט אָפן געענטפערט: „איך האָב געגעסן מצה און אויך, ווי מיר איז באַוווּסט, האָט קיין מצה נישט געפעלט פאַר אַלע די, וואָס האָבן געוואָלט עסן מצה״.

פאַרשטייט זיך, איך האָב אין אין מיין פּריוואַטן געשפּרעך מיטן רע־פּאָרטער איבערגעחזרט אַלץ דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט אין מאָסקווע ווערגעליסן, ווי שעדלעך עס זענען אַפילו פון אַ ריין סאָוועטישן שטאַנד־פּונקט, די באַגרענעצונגען קעגן יידישן דת און קולטור.

אָבער נישט איר און נישט איך דערוואַרטן דאָך, אַז אָט דער טייל פון געשפּרעך וועט דערשיינען אין אַ באַריכט פון אַ סאָוויעטישער אַגענטור!

איך האָב געזאָגט:

„„ביי מיר איז קיין שום ספק נישטאָ, אַז דאָס פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד האָסט מלחמה און וויל שלום״. איך האָב אויך דערמאָנט די ווער־טער פון אונדזער פּרעזידענט קענעדי, אַז „דער ראַטן־פאַרבאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן לעבן אויף איין פּלאַנעטע, בלייבט דאָך אונדז נאָר איין אויסוועג: קאָעקזיסטירן צוזאַמען אין נאָמען פון שלום און פאַרן גוטס פון דער מענטשהייט״...

אָט אין דעם פּלאַץ האָט מיין ריגער קאָרעספּאָנדענט געמאַכט אַ טעות. איך האָב ציטירט די ווערטער פון קענעדין און ער האָט זיי צוגעשריבן צו ניקיטאַ כרושטשאָוון.

פאַרשטיי איך אים און בין אים מוחל.

אגב, וויל איך דאָ ציטירן ריכטיק וואָס כרושטשאָוו האָט טאַקע געזאָגט אויף דער דאָזיקער טעמע. ווען ער האָט אין יולי ה. י. באַזוכט זיין געבורט־דאָרף קאַלינאָווקאַ אין קורסקער קרייז:

„אונדזער קאָעקזיסטירן מיטן קאַפּיטאַליזם איז אַזוי ווי איינער איז גענויט צו לעבן אונטער איין דאַך מיט אַ פאַרשטונקענעם (!) באָק. עס איז

טאַקע אומדערטרעגלעך, אָבער דאָס איז דאָך אַלץ בעסער ווי אַ מלחמה". זאָל זיין אַזוי, אַבי נישט קיין מלחמה.

און איך האָב דעם רעפּאָרטער דערציילט מיינע איינדרוקן פון יענעם פּראַכטפולן וואַלד, וואָס איך האָב היינט באַזוכט און פון די פּאַרווייַלונגען פאַר קינדער, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן אין נאָך־מלחמהדיקן ריגע — אין קייזערוואַלד אויפן אָרט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. אַ פּלאַץ, ווו קינדער שפּילן זיך, אַנשטאָט די שרעקן פון קאַטאָרגע־לאַגערן — דאָס איז אַ פריידיקער סימבאָל און הלוואי זאָל ער טאַקע האַלטן אויף אייביק. מיט דעם האָב איך פאַרענדיקט מיין געשפּרעך מיטן פאַרשטייער פון דער לט"א.

די זעלבע מיינונג וועגן קאָעקזיסטענץ און שלום מיטן סאָוועטישן פאָלק חזר איך איבער אויך איצט און בשום אופן וועל איך נישט באַנוצן בנוגע זיי דעם אויסדרוק: „שטינקענדיקער באָק", מיט וועלכן כרושטשאָוו האָט אונדז באַצייכנט.

איך האָב זיך שפּעטער גאָר פאַרווּנדערט, ווען דער דאָזיקער געשפּרעך מיינער איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין די קאָמוניסטישע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט אַזוי ווי איך וואָלט געזאָגט עפּעס סענסאַציאָנעלס.

הלוואי וואָלט איך טאַקע געהאַט די איבערצייגונג, אַז דורך אַזעלכע אַרויסזאָגונגען קען דערנענטערט ווערן דער וועג צום שלום.

ליידער זיצן טיף אין מיין באַוווסטזיין די ראַקעטעס און די טאַנקן, וואָס ראַטן־פאַרבאַנד שיקט נאַסערן, און קאַסטראָן, און אולבריכטן. ווי האָט גע־קלאָגט דער נביא? „שלום, שלום — ואין שלום! אמר ד' לרשעים".

איר רעדט אַזוי פיל וועגן שלום, און ווו איז ער טאַקע, דער שלום?

אַ באַזוך אין לענינגראַד

איך בין אין לענינגראַד קיין מאָל נישט געווען. אָבער אין פּעטערבורג — יאָ. און אין פּעטראָגראַד אויך. און דאָס איז דאָך די זעלבע שטאָט, וואָס האָט געביטן איר נאָמען זינט פּיאָטר דער גרויסער האָט זי געגרינדעט מיט 160 יאָר צוריק: ביז דער מלחמה מיטן קייזער ווילהעלם האָט מען טאָלע־רירט דעם דייטשן טייל פון נאָמען (בורג). נאָכן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג האָט מען אים געביטן אויפן סלאַווישן „גראַד". שפּעטער,

אין 1924, איז דער שטאָט געגעבן געוואָרן דער נאָמען פֿון דאָן פֿאַרשטאָר־בענעם לעניך. דאָ האָט ער דאָך אָנגעהויבן און געפֿירט מיט דער באָלשע־וויסטישער רעוואָלוציע, — דאָ, אין דעם היסטאָרישן סמאָלני־אינסטיטוט.

וועל איך נאָך שרייבן וועגן אָט דער שיינער און העלדישער שטאָט, מיט איר דריי מיליאָניקער באַפעלקערונג, מיט אירע צוויי הונדערט און פופ־ציק טויזנט יידן. אַלץ דערמאָנט דאָ אַ גרויסע, רומפולע פֿאַרגאַנגענהייט. אַלע מאָנומענטן, פּאַלאַצן, פּלעצער און קירכעס — פֿיל פֿון זיי געוועזענע קירכעס, איצט אין מוזעען פֿאַרוואַנדלט.

וואָס פֿאַראַ איראָניע: דער אַזוי אַמאָל „הייליקער" „קאַזאַנסקי סאָ־באָר" איז איצט דער מוזיי פֿון „רעליגיע און אַטעאיזם", און דער „איסאַ־קאָווסקי־סאָבאָר" — דער העכסטער אין שטאָט, די אַמאָליקע קאַטעדרע פֿון פֿאַנאַטישע און רעאַקציאָנערע פּאַטריאַרכן און מיטראָפּאָליטן, מיטן זאַל פֿאַר העכער 113 טויזנט צוהערער, איז איצט אַ מוזיי פֿון רוסישע אַלטער־טימער.

עס איז דעריבער אַזאַ סאַטיספֿאַקציע פֿאַר מיר, אַז די באַרימטע פּע־טערבורגער כאָרשול אויף לערמאָנטאָוו־גאַס, אין וועלכער דורות רוסישע יידן האָבן מיט אַזאַ שטאָלץ געדאַוונט אין צילינדערס, איז נאָך אַלץ דער צענטראַלער און אמת־איינציקער בית־תפילה אין היינטיקן לענינגראַד. עס דאַרף אויך געזאָגט ווערן, אַז אויסער די דערמאָנטע קירכעס־מוזעען זענען אין היינטיקן לענינגראַד אָפֿן און טעטיק צענדליקער פּראַוואָסלאַוונע צערק־וועס מיט מיטראָפּאָליטן, אַרכימאַנדריטן און גלאַט בערדיקע פּאָפּעס.

איך איַל זיך גאַנץ פֿרי פֿון מיין האָטעל צו דער שבועות־תפילה אין דער סינאַגאָגע.

איך גיי צופֿוס אין דעם גענוג קילן פֿרימאָרגן דורך די גרויסע פּראָס־פּעקטן, פֿול מיט טויזנטער אויטאָמאָבילן, טראָליייבוסן, אויטאָבוסן און פֿוס־גייער, וואָס איילן זיך צו דער אַרבעט.

איך האָב אַ געלעגנהייט צו אָבסערווירן דעם נייעם רוסישן מענטשן אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן כמעט דריי יאָר פֿון נאַצישער באַלאַגערונג און בלאָקאַדע, ווו הונדערטער טויזנטער זענען בוכשטעבלעך געשטאָרבן פֿון הונגער, אָבער דעם פֿאַרפֿלוכטן דייטש אין שטאָט נישט אַריינגעלאָזן. מיין הוט נעם איך אַראָפּ אין כבוד פֿאַר זיי, — פֿאַר די אַלע, וואָס האָבן ווידער פֿון שערבלעך און חורבות זייער רומפולע שטאָט אָפּגע־בויט און נאָך פֿאַרשענערט.

און אַט איז די לערמאָנטאָוו־גאַס און די שטאָלצע געביידע פון דער לע־נינגראַדער שול מיט אירע ברייטע שטיינערנע טרעפּ און הויכע טורעמס.

עס שטראָמען פון אַלע זייטן יידן — פרויען און מענער — מער פרויען ווי מענער, ווייל היינט איז אַן אַרבעטס־טאָג, און מענער, די מערהייט פון זיי רעגירונגס־באַאַמטע, וועלן נישט וואַגן איבעררייסן די אַרבעט און לויפן זאָגן יזכור.

אָבער צווישן די פרויען — אַזוי פיל נאָך אין פריען מיטעלן עלטער, מיט שוואַרצע שאַלן אויף די קעפּ, אַלמנות וואַרשיינלעך.

מען האַלט פאַר דער ערשטער שמונה־עשרה און עס זענען פאַראַן פיל לייזיקע פלעצער. דעם חזנס שטימע — אַ באַריטאָן פון דער מלוכה־אָפּערע (אויך אין מאָסקווע איז דער חזן אַ געוועזענער באַרימטער טענאָר פון „באָל־שאָי טעאַטער״), באַהערשט דעם גרויסן האָל און פילט אים אָן מיט אַ מעכ־טיקן „שמע ישראל״, באַגלייט דורך אַ מענער־כאָר אין שוואַרצע טאַגעס. צווישן זיי איין ייד מיט אַ ווייסער פּאַטריאַרכאַלער באָרד. די איבעריקע — יונגע און מיטליעריקע.

אויבן, אויף דער בימה־עסטראַדע, זיצן די חשובע בעלי־בתים, — אמת נישט אין צילינדער־היט, אָבער אין יאַרמולקעס און קאַפּעליושן. אַז איר קוקט זיך איין אין עטלעכע פון די פּנימער, קאָנט איר נאָכפאָלגן אַ „שלשלת היוחסין״ פון אַמאָליקע צייטן: אויסגעאיידלטע פּנימער, בליקן פון אינטע־ליגענטן פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט, — אַלע מסתם אויף פּענסיע און באַ־זאָרגט מיט שטיצע פון קינדער אויף הויכע רעגירונגס־שטעלעס.

אין אַ באַזונדערער „לאָזשע״ ביי אַ שטענדער, אָפּגעצאַמט פרום, זיצט דער רב פון לענינגראַד, אַ ייד מיט אַ ווייסער שיינער באָרד און מיט קלוגע, טיפע אויגן — אַ געזיכט, וואָס דערמאָנט אַ בילד פון אַמאָליקע האָלענדישע מאָלערס. ער דאַוונט רויק, נישט שאָקלענדיק זיך, מיט פאַרפרעסטע ליפּן. איך האָב די גאַנצע צייט קיין שמייכל אויף זיין פּנים נישט באַמערקט, — נישט דאַן, ווען די קהילה־פירער האָבן מיט אים געשמועסט בעת די אי־בעררייסן, נישט אויף צו מאָרגנס, ווען איך האָב בייגעוווינט די זיצונג פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, אויסער איין־איינציקן אויסנאַם בעת דער דאָזי־קער זיצונג, — און וועגן דעם וועל איך דערציילן.

איך האָב פאַרנומען לכתחילה אַ פּלאַץ אין איינער פון די ווייטערע רייען. אָבער אומדערוואַרט איז צו מיר אַראָפּ פון דער בימה אַ מיטגליד פון קהילה־פאַרוואַלטונג און מיך פאַרבעטן אַרויפצוגיין אויבן אָן אין דער ערשטער ריי,

אָנטקעגן רב. דאָרט זענען געשטאַנען עטלעכע ליידיקע שטולן. אויף איינעם פון זיי איז געזעסן אַ ייד מיט אַ בלאָנדער באָרד, אין אַ קאָלירטער ישראל־יאַרמולקע און אין אַ נייעם טלית. דער דאָזיקער שכן מיינער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גאַסט פון ישראל, — דער ביבליאָטעקאַר פון „היכל שלמה״ אין ירושלים, וואָס האָט מיך דערקענט פון דער ווייטנס און אַ זאָג געטאָן וועגן דעם איינעם פון די סינאַגאָגע־פירער. דעריבער בין איך געוואָרן „עולה לגדולה״ און שפּעטער אויך „עולה לתורה״. דער גאַסט פון ישראל, ד״ר צבי הרכבי פון „היכל שלמה״, איז אַן איידעם פון אַלטן גרויסן ישיש רב פון פתח תקוה, ר׳ ראובן כ״ץ, — אַ פריינד מיינער נאָך פון די צייטן, ווען איך האָב געוואַנדערט איבער די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן אַלס באַנק־אינספּעקטאָר און באַזוכט אַדמור און סטאַווי סקי, ווו ראובן איז געזעסן אויפן כסא הרבנות און אויך אָנגעפירט מיט די קאָאָפּעראַטיוון דאָרטן.

ר׳ צבי הרכבי קאָן מיך אויך זייער גוט און דאָס האָט גלייך פאַרלייכטערט מיינע באַציונגען מיט געוויסע יידישע רעליגיעזע און וויסנשאַפטלעכע ספערן: הרכבי איז אַהער געקומען פון ירושלים אין אַ מיסיע, וואָס האָט צו טאָן מיט אַלטע אַראַביש־יידיש מאַנוסקריפּטן.

איידער ד״ר הרכבי איז אַריין דאַווענען אין דער הויפּט־שול, האָט ער פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט פון פרימאָרגן אין „בית שני״ פון דער שול, ווו חסידישע יידן דאַווענען לויטן נוסח האר״י. אַ שאָד, וואָס צוליב טעכנישע סיבות האָב איך שוין די דאָזיקע גרופּע יידן, מערסטנטיילס ליובאַוויטשער, פאַרשפּעטיקט. (מערקווירדיק אָבער איז, וואָס צבי הרכבי האָט מיך געבעטן, אַז ווי נאָר איך וועל אָנקומען קיין ניו־יאָרק, זאָל איך מודיע זיין דעם ליובאַוויטשער רבין, אַז זיין ברכה, וואָס ער האָט אים געגעבן, איז דאָפּלט מקוים געוואָרן. איך האָב די דאָזיקע מיסיע טריי דערפילט).

ביי „קריאת התורה״, וואָס האָט געדויערט אַ גאָר לאַנגע צייט, האָט מען אויפגערופן נישט שבעה קרואים, נאָר עטלעכע און צוואַנציק, ווייל מען האָט אַ פּאָר מאָל געטיילט די סדרה און יעדער פון די אויפגערופענע האָט געגעבן אַ נדבה, וואָס האָט באַטראָפן מינימום 18 רובל.

דערווייל איז די סינאַגאָגע געוואָרן געפּאַקט מיט די אַלע, וואָס זענען געקומען צו יזכור. מיינע שכנים האָבן אָפּגעשאַצט, אַז עס זענען געווען אַ פּאָר טויזנט מענטשן אין שול. די ווייבער — אונטן און אויבן — האָבן שוין געוויינט אויפן קול באַצייטנס; באַשטייט דאָך די גאַנצע עדה פון יתומים,

פון אָפּגעריסענע צווייגן, וועמעס שטאַם איז פאַרברענט געוואָרן אין אַלע מיתות משונות בעת דער מלחמה.

און דאָ גייט אַרויף אויף דער בימה אַן עלטערער ייד מיט אַ גלאַט געראַזירטן פּנים, אין אַ לאַנגן טלית. דער שמש גיט אַ פּאַטש אין טיש און זאָגט אָן, אַז באַלד וועט רעדן וועגן יזכור דער „פּרעדסעדאַטעל פּראַוולעניא" פון דער שול (דער קהילה־פאַרזיצער).

עס האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן שטאַרקער אין האַרצן: נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק איז דער פאַרזיצער פון לענינגראַדער קהילה געווען ר׳ גדליה פּעטשערסקי, וועלכער איז אין יולי 1961, צוזאַמען מיט עטלעכע אַנדערע קהילה־מיטגלידער, פאַרמשפּט געוואָרן פאַר „שפּיאָנאַזש" לטובת מדינת־ישראל. די גאַנצע גרופּע האָט באַקומען לאַנגיאָריקע תפיסה־שטראָפן און געפינט זיך איצט גאַנץ ווייט פון דער דאָזיקער בימה, ווו ר׳ גדליהס איצטיקער פאַרטרעטער, מרדכי ביעלאָאוס וועט האַלטן די אָפיציעלע דרשה.

ווען דער פאַרזיצער ביעלאָאוס האָט אָנגעהויבן זיין רעדע (אין יידיש), האָט זיך דער גאַנצער עולם זיך אַ לאָז געטון צו דער בימה, כדי בעסער צו הערן. עס איז געוואָרן אַ געדראַנג. יאָ, און אַלע האָבן געהערט די רעדע פון דעם נייעם פאַרזיצער. איך גלייב נישט, אַז ר׳ גדליה פּעטשערסקי וואָלט אַזאַ רעדע געהאַלטן. איך וויל אָבער גלייך צוגעבן, אַז איך באַטראַכט סיי די רעדנער, סיי די שוויגער אַלס „אַנוסים" און בין זיי מוחל לכתחילה.

סיידן... סיידן עס איז אמת, וואָס יודעי־חן האָבן מיר געזאָגט, אַז צווישן די „אַנוסים" זענען פאַראַן פרייוויליקע מוסרים און דאָס האָט מען זייער עדות־זאָגן געהערט אויפן פּראָצעס פון די פריערדיקע קהילה־פירער... דאָס וועלן מיר שוין קיין מאָל נישט מוחל זיין.

קלינגט די שטימע פון ביעלאָוסן אין סינאַגאָגע: „יזכור... מען דאַרף געדענקען די אַלע מיליאָנען אונדזערע, וואָס זענען אַוועק פאַר דער פרייהייט פון אונדזער פאָלק און פון גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד. יזכור!.. מען דאַרף אָבער אויך געדענקען, אַז אויף „יענער" זייט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווערט ווידער געפּלאַנעוועט און צוגעגרייט אַ בלוטיקער וועלט־קריג. דאָס טוען די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליסטן צוליב זייערע פּריוואַטע נוצן. אָבער זאָלן זיי נאָר פּרובירן! זיי וועלן אומקומען דורך די העלדישע סאָוועטישע קעמפער. קיין זכר וועט פון זיי נישט בלייבן!" און אַלץ ווייטער אין זעלבן באַקאַנטן נוסח, וועלכן איר הערט, לײדער, אין גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד און קיינער וויל אייך, דעם אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָ־

ליסט, נישט גלייבן, אַז אויך ער האָט אַ ווייב מיט קינדער, מיט אייניקלעך און האָסט מלחמה נישט ווייניקער ווי דער גבאי, וואָס שרייט איצט אויף דער בימה פון לענינגראַדער שול! אַז אויך איך און מיין ישראלדיקער שכן הרכבי, באַקלאָגן טאַטעס־מאַמעס, ברידער און שוועסטער, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם, און מיר ווינען דעם יזכור נאָך זיי און ווילן מיט אַלע חושים, אַז שלום זאָל הערשן אויף דער וועלט.

זיין רעדע פאַרענדיקט, אגב, ביעלאָאוס מיט אַ טשיקאַוון „אַפּעל": „אַזוי ווי איר, אַלע מתפללים, וועט זיך באַלד צעפאָרן אויף „דאַטשעס" און פאַרגעסן, אַז אונדזער שול האָט גרויסע הוצאות, פאָדערן מיר פון אייך קומען מאָרגן און אין די אַנדערע וואָכעדיקע טעג מיט אייערע נדבות און מיט אייער שטיצע. ווער וועט אונדז שטיצן, אויב נישט איר, יידן?"

ווייס איך שוין, הייסט דאָס, אַז דאָס רוב יידן וועלן פאָרן אויף „דאַטשע", אַ סימן פון אַ פאַרבעסערטן עקאָנאָמישן מעמד אין לענינגראַד.

נאָך דעם ווי ביעלאָאוס האָט פאַרענדיקט זיין דרשה, בין איך צו אים צוגעגאַנגען מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„איך בין אַן אַמעריקאַנער יידישער שרייבער און איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז אויך ביי אונדז האָסט מען מלחמה. אַגב, קומט מיר אייער נאָמען ביעלאָאוס פאַר גאַנץ באַקאַנט. פון וואַנען שטאַמט איר אַליין?"

„איך בין אַ סלאָנימער, דער זון פון סופר ר' דוב ביעלאָאוס. איך האָב געלערנט אין דער סלאָנימער ישיבה און אויך ביי ר' מרדכלע אַשמענער (דער באַרימטער רב), וועלכער האָט פון מיר געהאַלטן אַלס זיין בעסטן תלמיד".

„נו, אויב אַזוי, פריינד ביעלאָאוס, האָבן מיר אַ סך געמיינזאַמע באַקאַנטע. ווען איר האָט געלערנט אין דער סלאָנימער ישיבה, האָב איך געלערנט אין דער סלאָנימער רעאַל־גימנאַזיע. פלעג איך געבן אומזיסטע רוסישע לעקציעס די ישיבה־בחורים. דערלויבט מיר מאָרגן קומען אין שול און האָבן מיט אייך אַ פּריוואַטן געשפּרעך. אַגב, וויל איך זיך באַקענען מיט אייער רב, וואָס האָט אַזאַ הדרת־פנים און מיט נאָך יידן פון דער פאַרוואַלטונג".

„מיט פאַרגעניגן וועלן מיר אייך מאָרגן זען צווי אַ זייגער ביי טאָג. אגב, האָב איך אַ ברודער אין אַמעריקע, וועט איר אים איבערגעבן אַ גרוס".

איך רעד אויך אָפּ מיט ד"ר הרכבי פון ירושלים זיך טרעפן צוזאַמען און אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט אַ פירנדיקן יידישן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר.

*

געווען איז דאָס זונטאָג נאָך שבועות, ווען איך בין צום צווייטן מאָל געגאַנגען דורכן צענטער פון לענינגראַד אין דער ריכטונג פון דער סינאַגאָגע אויף לערמאָנטאָוו־גאַס.

אויפן פּראַכטפולן זוניקן פּלאַץ, ווו עס שטייט מיין אַלטמאָדישער לוקסוס־האָטעל, „אַסטאָריאַ״, שטייט אויך דער מאָנומענטאַלער איסאַקיעווסקער סאָבאָר, וואָס איז איצט פאַרוואַנדלט אין אַ מוזיי. און אַנטקעגן — פון שווארצן בראָנדז און מארמאָר אויסגעהאַקט — דערזע איך, צו מיין פאַרווונדערונג, די אַראָגאַנט־פּאַרריסענע מיליטערישע פיגור פון אַ רייטער אויף אַ פערד. דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער אימפּעראַטאָר ניקאָלאַי דער ערשטער, איינער פון די פינצטערסטע רעאַקציאָנערן אין דער דינאַסטיע פון רוסישע צאַרן.

דעם פאַקט, וואָס מען האָט אין לענינגראַד איבערגעלאָזט פיל מאָנומענטן וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער צאַרישער עפּאָכע, האָט מען מיר דערקלערט דערמיט, וואָס זיי ווערן באַטראַכט אַלס גרויסע קונסטווערק, וואָס פאַרשענערן און באַרייכערן די שיינע שטאָט אויף די ברעגעס פון טייך נעוואַ — וואָס איז אויסגעחלומט געוואָרן דורך פּיאָטר דעם גרויסן און „אויסגעכאָליעט״ געוואָרן פריער דורך די צאַרן און שפּעטער דורך דער ראַטן־מאַכט אַלס דאָס שויפענצטער פון סאָוויעטישע שטעט.

ווען איר קוקט אויף דער גראַניט־פּאָעמע צו פּיאָטר דעם גרויסן — אַ פּאָעמע אויסגעפורעמט ווי אַ געזאַנג דורך באַרימטע איטאַליענישע סקולפּטאָרן, — פאַרגעסט איר גאָר אין וועלכער עפּאָכע איר לעבט. דער גרינדער פון פּעטערבורג, צאַר פּיאָטר, ציט פאַר די לייצעס זיין מעכטיק פערד, וואָס שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס און רייסט זיך, ווי אַ לעבעדיקער, אַריבערצושפּרינגען די נעוואַ און „אָנלערנען די פאַרריסענע מערב־שכנים״ (אין דעם פאַל — די דעמאָלטיקע גרויסמאַכט שוועדן).

און איר פאַרהאַלט זיך ביי דער מאַיעסטעטישער פיגור פון יעקאַטערינאַ דער גרויסער — איך האָב געזען איר „צנועהדיק״־פריילעכן בליק נאָך דאַן, ווען דאָ נישט ווייט, אין ווינטער־פּאַלאַץ, איז געזעסן דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער.

מען האָט אויך איבערגעלאָזט די מאָנומענטן פון די אַמאָליקע צאַרישע מיליטער־פירער סוּוואָראָוו, קוטוזאָוו, רומיאַנצעוו און אַפילו פון דעם גע־

נעראַל, וואָס האָט שיר נישט פאַרשפּילט די פראַנצויזישע מלחמה — באַרקלאַי־דע־טאָלי.

איך האָב ספּעציעל זיך אָפּגעשטעלט אויף די דאָזיקע עדות פון דער גלאָ־ריפיצירטער פאַרגאַנגענהייט — כאָטש פּיל־פּיל מער זענען די נייע מאָנו־מענטן פאַר די פירער פון נייעם רוסלאַנד: פאַר לענינען, פאַר די שרייבער מיט פּושקינען אין דער שפּיץ, פאַר די געלערנטע, קאָמפּאָזיטאָרן און דער־פינדער — אַלץ אוצרות פון קונסט, וואָס באַצירן די אַמאָליקע הויפּטשטאָט.

אָבער סטאַלינען זע איך נישט צווישן די דענקמעלער. אפשר האָב איך אַ טעות געהאַט אין אַדרעס? אין וועגווייזער איז אָנגעוויזן, אַז זיין מאָנו־מענט דאַרף שטיין אָט דאָ אויפן פּלאַץ. איך געפין אָבער דאָרטן אַ ריזיקן גראַניט־סלופּ, אָבער קיין פיגור איז נישטאָ, אויך נישט קיין אויפשריפט. אפשר האָב איך אַ טעות אין אַדרעס? ווי איז דאָס מעגלעך? ניקאָלאַי דער ערשטער — יאָ און זיין נאָכפאָלגער מיט די זעלבע אכזריותדיקע כאַראַק־טער־שטריכן — נישט?

גרימאַסן פון דער געשיכטע, וואָס לאָזן זיך דערוויל נישט אַנאַליזירן וויסנשאַפטלעך.

ביי דער געלעגנהייט דערמאָן איך זיך די קלוגע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט אין אויגוסט 1961 פון גענעראַל מאָבוטו אין קאָנגאָ, ווען איך האָב אים געפרעגט, פאַר וואָס ער לאָזט שטיין ביי זיך אין קאַבינעט די מאַרמאָר־סטאַטוע פון בעלגישן קעניג לעאָפּאָלד דעם דריטן, וועלכער איז דאָך גע־ווען דער מערדער פון מיליאָנען קאָנגאָלעזער. זיין ענטפער איז געווען: „און אַז איך וועל די סטאַטוע צעברעכן און אַרויסוואַרפן, וועל איך דען דורך דעם אָפּווישן דעם אָנדענק פון לעאָפּאָלדן?״ ער האָט דאַן צוגעגעבן: „און אַז נאַ־סער האָט צעבראָכן די סטאַטוע פון פראַנצויז לעססעפּס, וואָס האָט געבויט ד׳עם סועץ־קאַנאַל, האָט ער דען מיט דעם פאַרניכטעט דעם טאַט פון גע־ניאַלן אינזשעניער?״

אַלזאָ, די שטאָט־פּלאַנירער פון לענינגראַד האָבן גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט די גאָלדענע יחוס־קייט פון זייער שטאָט אין דער פאָרם, ווי די געשיכטע האָט זי געשמידט.

איך איַיל זיך אָבער אין שול און טאָר זיך נישט לאָזן אַריינציען אין מחשבות וואָס פאַרדינען מען זאָל צו זיי נאָך אַ מאָל צוריקקומען.

בין איך ווידער אין פּאָדערהויז פון דער גרויסער סינאַגאָגע, ווו נעכטן נאָך האָבן מער ווי צוויי טויזנט יידן באַוויינט אין אַ יזכור זייערע טויטע.

איצט איז דאָ פּוסט. דורך דער אָפענער טיר אין צווייטן צימער דערזע איך אַרום אַ טיש עטלעכע צענדליק יידן. אין מיטן זיצט דער הדרת־פּנימדיקער לענינגראַדער רב און ביי זיין זייט — דער נייער ראש־הקהל מ. ביעלאָוס.

איך באַשליס אַריינגיין דאָ נישט געמעלדעטערהייט, ווייל אונטער אַלע רעזשימען אין דער וועלט פיל איך זיך נישט קיין פרעמדער ביי אַ טיש, אַרום וועלכן עס זיצן יידישע פּירער.

מיין אַריינגיין אין מיטן אַ דיסקוסיע זייערער רופט אַרויס אַ שטיקל צעטומלעניש. ביעלאָוס וויל זיך אויפהייבן פון שטול און לויפן מיר אַנט־קעגן. פאַרהאַלט איך אים מיט די ווערטער:

„ר' מרדכי, עס איז נישט נויטיק איבערצורייסן די זיצונג. איך וויל אייך דאָ אַלעמען באַגריסן אַלס שרייבער און ברודער פון אַמעריקע. מיר טראַכטן וועגן אייך, פילן זיך נאָענט צו אייך, טוען תפילה פאַר אייך ביי יע־דער געלעגנהייט".

דער רב מיטן „רעמבראַנדט"־געזיכט — זיין נאָמען איז ר' אַברהם לובאַנאָוו — ווייזט מיר אַ שטול אַנטקעגן זיך און זאָגט עפּעס אַזוי ווי נישט דרייסט: „בלייבט מיט אונדז אַ פּאָר מינוט". איך זעץ זיך אָבער נישט, כדי אונטערצושטרייכן, אַז איך פאַרשטיי גוט די קיצלדיקע לאַגע, ווען אַן אַמע־ריקאַנער שרייבער (זיי געדענקען מיך פון נעכטיקן דאַוונען) קומט פּלוצ־לינג אַריין אויף אַ קהילה־זיצונג, כאָטש געדאַרפט האָט ער זיך טרעפן נאָר מיט זייער פאָרזיצער אַליין.

איך באַמערק אויפן טיש בויגנס מיט פּלענער פון געביידעס. פאַר־שטיי איך, אַז מען באַטראַכט עפּעס אַ בוי־פּראָיעקט. אָבער נאָך מיינע באַ־גריסונגס־ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן טיף פון האַרצן און מיט גרויס געפיל, האָט עפּעס אַ פּאָר סעקונדן געהערשט אַ טויטע שטילקייט. און גלייך נאָך דעם דערהערט זיך די קלינגענדיקע שטימע פון פאָרזיצער ביעלאָוס.

„גיט איבער די אַמעריקאַנער יידן, אַז אונדז דאָ — די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד — גייט גוט. עס איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. מען לאָזט אונדז פריי אָפּהיטן אונדזערע רעליגיע. די רעגירונג גיט אונדז די מעגלעכקייט פון לערנען און פּרנסות. און טאָמער וויל עמעצער לערנען העברעיש אָדער גמרא אַפילו, האָט ער דערצו די פולע מעגלעכקייט: אין אינסטיטוט אויף פאָנטאַנקע זיצן יידישע פּראָפעסאָרן און זיי וועלן אויסלערנען יעדן וואָס וויל נאָר פון „אַלף־בית" ביז פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון „שאלות ותשו־

בות״ פון אונדזערע גדולים. מען קען אַפילו דאָרט דערגיין ביז סמיכות אויף רבנות״...

די דאָזיקע טיראַדע פון סלאָנימער סופרס זון, וואָס האָט — ווי ער האָט מיר נעכטן דערקלערט — זיך געלערנט סיי אין דער ישיבה און סיי פּריוואַט ביים גרויסן רב דאָרטן, רב מרדכלע אַשמענער, האָט אַרויסגערופן אַ קאָנסטערנאַציע אַרום טיש. איך האָב דאָס דערזען פריער ווי אַלץ אויפן אויסדרוקספולן פּנים פון רב לובאַנאָוו. איך האָב אויך דערהערט דאָס שעפּ־טשען פון אַ פּאָר שכנים אין רוסיש: „לישנייע סלאָווא״ (איבעריקע ווער־טער). אַלע האָבן געקוקט אויף מיר, אין דערוואַרטונג אויף מיין רעאַקציע.

און כאָטש עס האָט אין מיר געקאָכט און געזאָטן נאָך פון דער נעכ־טיקער רעדע פון ביעלאָוסן וועגן די „אַמעריקאַנער מאַנאָפּאָליסטן, וואָס זוכן מלחמה״ — האָב איך פון דעסטוועגן זיך באַהערשט. אָבער מסתם בין איך געווען גוט בלאַס, ווען איך האָב געענטפערט:

„מיר אין אַמעריקע ווייסן גוט וועגן די מעגלעכקייטן פון לערנען „אלף־בית״ און גמרא אין דער אוניווערסיטעט־אַפּטיילונג אויף פּאָנטאַנקע. איך אַליין בין שוין דאָרט געווען און געזען דעם דיקאַן־פּראָפעסאָר. מיט איי־ניקע וואָכן צוריק, פריינד ביעלאָוס, בין איך געווען אין דער שול אין פּראַג, ווו דער מהר״ל האָט, לויט דער לעגענדע, געשאַפן דעם גולם. אַ שפּעטערדיקער רב, חכם אשכנזי, האָט אין זיינע „שאלות ותשובות״, וועל־כע געפינען זיך אויך דאָ אין אוניווערסיטעט, דיסקוטירט די פראַגע, צי מעג מען אַ „גולם״ מצרף זיין צום מנין? ווייזט אויס, אַז איר, ביעלאָוס, האָט געפּסקנט, אַז יאָ, ווייל אָט האָט איר מיך נעכטן מצרף געווען צום מנין דורך געבן מיר אַן עליה און היינט האַלט איר מיך, ווייזט אויס, פאַר אַ גולם, ווען איר האָט מיר געהייסן איבערגעבן אייער פולן גרוס אונדזערע אַמע־ריקאַנער ברידער״.

אויפן געזיכט פון אַלטן רב האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער שמייכל. נאָך עטלעכע יידן, צווישן זיי אַפילו ביעלאָוס, האָבן אַ לאַך געטאָן אויף מיין תשובה.

און גלייך נאָך דעם האָט ביעלאָוס צוגעגעבן:

„און איצט גיט אַ קוק אויף די פּלענער, וואָס ליגן דאָ אויפן טיש: דאָס זענען פּלענער פון אַ נייעם בית עולם וואָס וועט געבויט ווערן אין לעניג־גראַד. אונדזער רעגירונג וועט אויף דעם אויסגעבן מיליאָנען. זעט נאָר, ווי שיין דער אַריינגאַנג וועט אויסזען״.

און אַזוי איז מען אַריבערגעגאַנגען צום ריכטיקן „טאָג־אָרדענונג״: אַ נייער בית־עולם וועט אויפשטיין אין דער דאָזיקער שטאָט פון אַ פערטל מיליאָן יידן. איך האָב דאָך אַליין די פּלענער געזען. אָבער קיין אַדרעס, ווו מען זאָל „אלף־בית״ לערנען האָב איך דאָך נישט באַקומען. אמת, די וואָס האָבן חשק, קענען אין דער אַראַביסטיק־סעמיטישער אָפּטיילונג פון לענינגראַדער אוניווערסיטעט לערנען אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט יודאַיסטישער וויסנשאַפט. אָבער דערצו איז שוין נויטיק אַ דיפּלאָם און אַן עלטער פון אַרום צוואַנציק יאָר.

איך זעגן זיך אין פריינדלעכע ווערטער מיט די מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אין לענינגראַד.

אַגב, איז דער הדרת־פּנימדיקער לענינגראַדער רב געזעסן דריי יאָר אין תפיסה אונטער סטאַלינען פאַר אַ רעדע, וואָס ער זאָל האָבן געהאַלטן אין יום־טוב בעת יזכור.

איז וווּנדערט זיך נישט, וואָס ביעלאָוס וויל נישט גיין אין תפיסה און האַלט רעדעס אין אַן אַנדער נוסח.

*

איך האָב נאָך בעת מיינע פריערדיקע וויזיטן אין ראַטן־פאַרבאַנד געהערט וועגן איינציקן (אויסער די סינאַגאָגעס) ווינקל, ווו העברעיש און תּלמודישע ליטעראַטור ווערט געפאָרשט, און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן איר ווערן פּובליקירט. איך האָב געוווּסט, אַז דער פּלאַץ איז די „מזרח־אָפּטיילונג״ פון לענינגראַדער אוניווערסיטעט און די פּערזאָן, וואָס פירט מיט דעם אָן איז אַ יידישער פּראָפעסאָר, יצחק וויניקאָוו.

אָבער איך האָב בעת מיינע פריערדיקע וויזיטן אין רוסלאַנד נישט באַזוכט לענינגראַד. האָב איך איצטער, אין 1962, אויף מאָרגן נאָך שבועות, זיך צוויי מאָל געטראָפן מיט פּראָפעסאָר וויניקאָוו און עפּעס געלערנט וועגן זיין נוצלעכער אַרבעט פאַר דער יידישער וויסנשאַפט (מיטן וואָרט „יידיש״ מיין איך דאָ אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט יידישקייט אין אַלע עפּאָכעס, אין פאַרשיידענע שפּראַכן, נישט נאָר אין ענג־נאַציאָנאַלן זין).

די ערשטע באַגעגעניש איז געווען צוזאַמען מיט ד״ר צבי הרכבי, וועלכער האָט גראַד געווילט אין לענינגראַד אין שליחות פון „היכל שלמה״ אין ירושלים. אַ פעטער זיינער, דער אַמאָל באַרימטער אָריענטאַליסט אברהם

אליהו הרכבי האָט איבערגעלאָזט טיפע איינקריצונגען פון זיינע אָדלער־נעגל אין אַמאָליקן פעטערבורגער אוניווערסיטעט און אין דער „אימפּעראַ־טאָרסקער ביבליאָטעק״. קיין שום רוסישער אָדער אַנדער סעמיטאָלאָג קען נישט טיפער שטודירן די גאונישע, קאַראַימישע אָדער סלאַוויש־יידישע ליטעראַטור אָן די פונדאמענטאַלע ווערק פון אַמאָליקן נאָוואָגרודקער און שפּעטערדיקן פעטערבורגער תושב אברהם אליהו הרכבי (1919־1835).

בין איך איצטער אַן עדות, ווי פּראָפעסאָר וויניקאָוו, אויף וועמעס פּלייצעס עס איז איצט אַרויפגעפאַלן דער ירושה־מאַנטל פון אַ. אַ. הרכבי (אמת, אין אַ ביסל אַנדערע פאַרבן און פון אַ קלענערער מאָס), גיט איבער דעם פּלימעניק ד״ר צבי הרכבי אַן אַלטע פאָטאָגראַפיע פון פאַר זעכציק יאָר פון זיין גרויסן פעטער מיט אַן אויפשריפט אויף העברעיש.

מיט פּראָפעסאָר וויניקאָוו, וועלכער ווייס פון פריער מיין נאָמען, איז מיר לייכט און אָנגענעם זיך דורכשמועסן. אָבער אַז דער געשפּרעך הויבט אָן אַריינגיין אין דער טעריטאָריע פון אַלטע מאַנוסקריפּטן, געשריבן מיט העברעישע בוכשטאַבן אין דער אַראַבישער שפּראַך — צוועלף טויזנט פון זיי געפינען זיך אין רשות פון לענינגראַדער אוניווערזיטעט — דערפיל איך, אַז איך פּאַס זיך נישט אַריין אין דאָזיקן שמועס (אַגב, האָט דער ניו־יאָרקער פּראָפעסאָר אַברהם קאַטש גרויסע פאַרדינסטן אין מיקראָפילמירן די זעלטענע מאַנוסקריפּטן פון דער לענינגראַדער קאָלעקציע און ברענגען זיי צו אונדז. פּראָפעסאָר וויניקאָוו רופט זיך אָפּ וועגן ד״ר א. קאַטש מיט פיל אָנערקענונג).

אַלזאָ, איך רעד אָפּ מיט פּראָפ. י. וויניקאָוו ער זאָל מיך נאָך היינט באַזוכן אין מיין האָטעל, האָטעל אַסטאָריאַ, וווּ מיר וועלן רעדן וועגן לע־בעדיקע מענטשן, און נישט וועגן לאַנג־טויטע מאַנוסקריפּטן.

אַ מאָדנע זאַך מיט מאַכן אַן איינלאַדונג אין ראַטן־פאַרבאַנד: איר דאַרפט נישט פאַרבעטן דעם סאָוויעטישן גאַסט אין אייער האָטעל־צימער, נאָר, בעסער ווי אַלץ, אין אַלגעמיינעם רעסטאָראַן־זאַל, ווו צווישן הונדערטער טישלעך, מיט אַ פילפאַרביקן אינטערנאַציאָנאַלן מישמאַש און שפּראַכן־טומל רעדט איר פריי וועגן די אינטימסטע זאַכן, אויב נאָר איר האָט באַ־קומען פאַר זיך אַליין אַ קליין באַזונדער טישל.

פאַר וואָס דער סאָוויעטישער בירגער, ווי גרויס אָדער ווי קליין זיין פּאָ־זיציע זאָל נישט זיין, האָט נישט ליב די „פּריוואַטקייט״ און שטילקייט פון האָטעל־צימער, איז זיך לייכט פאַרצושטעלן: צי מיט רעכט אָדער מיט

אומרעכט האַלט מען, אַז אין פיל אַזעלכע צימערן זענען פאַראַן קונציק־באַהאַלטענע אונטערהער־אַפּאַראַטן, און קיינעם גלוסט זיך נישט, אַז זיינע ווערטער, די אַממייסטן אומשולדיקע, זאָלן פאַרצייכנט אָדער אונטערגעהערט ווערן פון פרעמדע אויערן.

באַרייזנדיק דעם ראַטן־פאַרבאַנד ווערט אייך פשוט נמאס און פאַרדריסלעך דער שטענדיקער פינגער, וואָס איר זעט אויף אייער מיטשפּרעכערס מויל און וואָס באַדייט: „רעד וואָס ווייניקער! מען הערט! זיי פאָרזיכטיק!" וויסנדיק, אַז איך האָב גאָרנישט קיין מיליטערישע אָדער פּאָליטישע סודות צו דערציילן אָדער אויסצוהערן, פלעג איך אַמאָל, ווי אויף צו להכעיס, נישט פאָלגן יענעמס „פינגער־סיגנאַל" און רעדן ווייטער, פלעגט אַנטקעגן מיר מיין מיטשפּרעכער ווערן בלאַס און שווייגנדיק — האָב איך שוין ממילא געביטן די טעמע: גערעדט וועגן וועטער און וועגן די נאַטור־שיינקייטן אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס רופט נישט אַרויס קיין מורא.

דאַקעגן אָבער זענען צו מיר אין מאָסקווער האָטעל דאָס מאָל געקומען צו גאַסט אַ פּאָר פרעמדע דיפּלאָמאַטן, האָבן זיי דווקא געבעטן איך זאָל זיך מיט זיי טרעפן אין דער ריזיקער האָל־קאַפע, ווו ווייניקסטנס יעדער צענטער באַזוכער איז יאָ פאַראינטערעסירט צו וויסן וואָס אַ שטייגער עס קענען רעדן די דאָזיקע פאַרשוינען פון אַמעריקע? מיינע געסט האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז עס איז אוממעגלעך אויפצוכאַפּן אַ געשפּרעך צווישן הונדערטער קאַפעטישלעך. האָב איך זיי געפאָלגט: מסתם ווייסן זיי בעסער: זיי זענען דאָך שוין יאָרנלאַנג אין מאָסקווע.

דאָס אַלץ האָט נישט קיין שייכות צו דער באַגעגעניש מיט פּראָפעסאָר י. וויניקאָוו. אַלס קאָמוניסט, פּראָמינענטער געלערנטער און פאַרטרויונגס־מענטש דאַרף ער געוויס נישט מורא האָבן פאַר אַ פאַרצייכנטן דורך דער „וואַנט" געשפּרעך.

פון דעסטוועגן זענען מיר דאָך גאָר אַ לאַנגע צייט געזעסן אין פּלושדעקאָרירטן לוקסוס־זאַל פון אַמאָליקן קייזערלעכן האָטעל „אַסטאָריאַ" און געשמועסט געמיטלעך און פריי.

ד"ר איסאַק נאַטאַנאָוויטש וויניקאָוו איז נישט שטענדיק געווען אַ לעניגראַדער פּראָפעסאָר. מענטשן, וואָס ווייסן מער וועגן אים, האָבן מיר געזאָגט, אַז גאָר אַמאָל איז ער געווען אַן אָרטאָדאָקסישער רב ערגעץ אין אַן אוקראַינער שטאָט... ער איז איצט זייער ווייט פון צו זיין אַ פרומער ייד, אָבער אַ גרויסער למדן איז ער געוויס און אַ טייערער ייד, לויט אַלע באַגריפן — אויך.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט מיר, אַז דער טרויעריק־באַרימטער שאַכנאָוויטש איז אַ בייזווילִיקער איגנאָראַנט אין יידישער עטיק און מאָראַל — האָט מיך גלייך דערנענטערט צו מיין מיט־שמועסער. אַגב, דערציילט מיר וויניקאָוו, אַז שאַכנאָוויטש איז שוין באַזייטיקט פון באַשטאַנד פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, ווייל אויך דאָרט, ווייזט אויס, האָבן זיך געפונען עטלעכע מבינים אויפן דאָזיקן „מאָדערנעם פּפעפערקאָרן״.

וואָס לערנט מען אויפן פאַקולטעט, מיט וועלכן עס פירט אָן פּראָפעסאָר וויניקאָוו ?

מען לערנט דאָרט די גאָר אַלטע און מיטלאַלטערלעכע אַראַביש־סעמיטישע ליטעראַטור. פאַרשטייט זיך, אַז די צאָל צוהערער אויף אַזאַ ספּעציאַליזירטן פאַקולטעט איז זייער אַ קליינע, נישט מער ווי אַ פיר צענדליק — יידן און נישט יידן.

עס איז אינטערעסאַנט געווען צו הערן, אַז מיט אַ יאָר צוריק האָבן גראַדואירט אויסשליסלעך יידן (פינף) און היינטיקס יאָר אויסשליסלעך קריסטן (אויך פינף).

פּראָפעסאָר וויניקאָוו דערקלערט דאָס דערמיט, וואָס פון פּראַקטישן שטאַנדפונקט גיט זיין פאַקולטעט ווייניקער שאַנסן אויף לוקראַטיווע פרנסות, ווי פיזיק, אינזשעניר, מעדיצין, און בלויז ווייניק האָבן חשק פאַרצוזעצן זייער לעבנס־קאַריערע אַלס וויסנשאַפטלער אין אַראַביש־סעמיטישן געביט, וואָס פאָדערט דאָס לערנען פון טויטע און האַלב־טויטע שפּראַכן, אויסער די לעבעדיקע עברית און אַראַביש. ער זאָגט מיר, אַז פּראָפ. ראַבין פון ירושלימער אוניווערסיטעט האָט אים דערקלערט, אַז אויך דאָרטן איז די צאָל צוהערער אויף אַזאַ פאַקולטעט זייער אַ קליינע, כמעט צוליב די זעלבע טעמים פון קאַריערע.

אָבער מיט אַ יאָר צוריק האָט ער, וויניקאָוו, נחת געהאַט פון אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע, וועלכע ס׳האָט פאַרטיידיקט אַ יונג יידיש מיידל, קאַטיאַ (ג. מ.) גלוסקין, וועלכע איז אַ דירעקט אוראייניקל פון מינסקער גדול ר׳ ירוחם לייב פּערעלמאַן (1835־1896), וועמענס פּרושים אויף תלמוד („אור גדול״) און משנה („יתרון האור״) זענען באַרימט אין דער וועלט. די טעזע פון קאַטיאַ גלוסקין איז געווען „די מגילות פון ירדן״ און זי האָט אַרויסגעוויזן די גרעסטע חריפות אין דער אָריגינעלער אַלטער און נייער העברעישער ליטעראַטור.

די זעלבע קאַטיאַ גלוסקין האָט אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון אָריענטאַליסטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע אין אויגוסט 1960, געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „די נאָך נישט פּובליקירטע מאַנוס־קריפּטן פון יהודה אַלחריזי (איינער פון די לעצטע דיכטער פון דער „גאָלדענע יידישע עפּאָכע" אין שפּאַניע אין דרייצנטן יאָרהונדערט). זי האָט וווּנדער־באַר ציטירט די מוזיקאַלישע גראַמען פון טיף־רעליגיעזן דיכטער אין אָרי־גינעלן העברעיש.

היינטיקס יאָר איז שוין דאָס „וווּנדערקינד" אויף וויניקאָווס פאַקולטעט געווען אַ געבוירענער רוס, לעבעדיעוו, וואָס האָט פאַרטיידיקט זיין דיסער־טאַציע וועגן אַלט־אַראַבישן פּאָעט אַנטאַראַ, וועמענס מאַנוסקריפּט מיט העברעישע בוכשטאַבן מען האָט געפונען אין הרכבי־אַרכיוו. האָט דער דאָזי־קער רוס געמוזט קאָנען פולקאָם אַלט־העברעיש און אַלט־אַראַביש, כדי די דאָזיקע שווערע טעזע צו פאַרטיידיקן.

„דאָס זענען דאָך אָבער אַלץ אויסנאַמען, טייערער פּראָפעסאָר, אַ ייד דאָ, אַ גוי דאָרטן, וואָס קענען העברעיש, אָבער וואָס וועט זיין דער תכלית מיט די מיליאָנען יידישע קינדער, וואָס האָבן נישט ווו דעם „אַלף־בית" צו לערנען? מען קאָן דאָך נישט שיקן אַ יידיש ייִנגל אין חדר־עלטער אויף אייער פאַקולטעט, ווו עס קומען מעז־סטודענטילס אַן יונגעלייט מיט פריערדיקע דיפּלאָמען? פילט איר נישט, אַלס יידישער געלערנטער, אַלס — לאָמיר זיין דרייסט מיט איך — אַלס אַמאָל רבנישער תורה־ייד — דעם ווייטאָג, וואָס אַלע געטרייע יידן ביי אונדז און ביי איך פילן, אַז עס ווערט אויס־געטריקנט דער קוואַל?"

די מוזיק אויף דער עסטראַדע שפּילט, אַן אַרטיסטין אין בלאָנדע לאָקן זינגט וועגן „אויגן וואָס האָבן מיך געפאַנגען", אַ טומל און אַ רויך וויקלט איין דעם טויזנטקעפּיקן עולם, און דאָך דוכט זיך מיר, אַז מיין געגנוג־שטילער זאָג צום פּראָפעסאָר וועגן חורבן פון יידישקייט — שרייט איבער מיט זיין ווייטאָג אָט דעם גאַנצן טומל און אַז פּראָפעסאָר וויניקאָוו האָט דערהערט מיין האַרץ־געשריי פיל העכער ווי איך האָב אים אויסגעדריקט.

עפּעס ענדערט זיך אויף זיין גלאַט־געראַזירטן פּנים — אַן אומעט באַ־פאַלט אים און איך דערהער:

„אונדזער אַלטער ריזשינער רבי פלעגט אין אַזאַ פאַל זאָגן: „יידן, מען קען גאָרנישט וויסן"... — און וויניקאָוו חזרט איבער מיט אַן איינגע־שפּאַרטן טאָן: „איר הערט, מען קען גאָרנישט וויסן — עס וועט נישט

אונטערגיין! יאָרן פון קריזיסן וועלן זיין, אָבער אונטערגיין וועט דאָס נישט!״...

ענטפער איך אין זעלבן טאָן:

„אָבער דער קאָצקער רבי פלעגט זאָגן, אַז דער עיקר איז עס זאָל עמעצן אָרן — איז זאָגט מיר, פּראָפעסאָר, ווען אָרט דאָ, וואָס יידישקייט גייט אונטער? און צו דעם העלפן נאָך אונטער אַזעלכע כלומרשטע קאָלעגן אייערע, ווי די מומרים שאַכנאָוויטש אין קריווילאָוו מיט זייערע מסירות און אָפּשפּעטונגען אין ווערק, וואָס צעגייען זיך אין פיל מער עקזעמפּלאַרן ווי אייער „פּאָלעסטינסקי סבאָרניק״, ווו מען לייענט נאָך עפּעס פּאָזיטיווס וועגן סעמיטיזם. וואָס וועט אייער זון און אַנדערע יידישע קינדער לערנען מער ווי חוזק פון די דערמאָנטע „געלערנטע״?

„מיין זון, מיין איינציק קינד, איז לײדער געפאַלן אין דער פּאַטערלענדישער מלחמה אין אויגוסט, 1941. ער האָט געהייסן ישראל און אים טאַקע האָב איך געווידמעט מיין ווערק וועגן דעם בוכשטאַב „ג״ אין „תלמוד ירושלמי״...

עס ווילט זיך מיר טרייסטן אַ פאַריתומטן פאָטער (אגב, איז אויך זיין פרוי געשטאָרבן מיט אַ יאָר צוריק) מיט די ווערטער, אַז דער זון ישראל איז געפאַלן, אָבער „עם ישראל״ לעבט. דאָס וואָלט אָבער געקלונגען אפשר נישט אין פּראָפּאָרציע מיט דער אַטמאָספערע אין טומלדיקן רעסטאָראַן.

האַלט איך פאַר זיך דעם אָנהויב פון דער קאָנקאָרדאַנץ, וואָס וויניקאָוו פּובליקירט אין לענינגראַד. עס איז אין רוסיש מיט פיל העברעישע ווערטער און פראַזן (אַז מען וויל — געפינט מען העברעישן זאַץ אויך אין לענינגראַד...). וויניקאָוו זאָגט, אַז אין משך פון די נאָענטסטע צוויי יאָר וועט ער פּובליקירן די קאָנקאָרדאַנץ אויף נאָך צוויי אָדער דריי בוכשטאַבן.

עס פרייט דאָס האַרץ, ווען מען מישט די זייטן פון דאָזיקן ווערק און עס באַווייזן זיך די רשימות פון אַלע מסכתות פון תלמוד ירושלמי און אויך פון גאַנץ משניות.

אין גאַנצן האָט מען עס געדרוקט אין 1500 עקזעמפּלאַרן, אָבער זיי זענען צעכאַפּט געוואָרן, אַ סימן אַז עס איז פאַראַן אַן אינטערעס.

מיר רעדן נאָך ווייטער וועגן אָט די אַלע אָפּטיילונגען אויפן לענינגראַדער אוניווערסיטעט (פילאָלאָגיע, סעמיטאָלאָגיע, אַראַביסטיק), וואָס זענען נאָך געגרינדעט געוואָרן דורכן פּראָפעסאָר דניאל כוואָלסאָן, וועלכער האָט זיך כמעט פונקט מיט הונדערט יאָר צוריק געמוזט שמדן, כדי

צו באַקומען אַ קאַטעדרע אין דעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט (עס איז באַוווסט זיין ווערטל: „איך האָב דאָס געטאָן, ווייל עס איז באַקוועמער צו זיין פּראָפעסאָר אין פּעטערבורג, איידער אַ שמש אין ווילנע" — אַן אוממאָראַליש „ווערטל" — וואָס האָט פאַרטונקלט די גרויסקייט פון געלערנטן).

ביים פאַרענדיקן דעם שמועס זאָגט מיר פּראָפעסאָר וויניקאָוו:

„מיר האָבן ביי אונדז אין אוניווערסיטעט געוויס מער ווי הונדערט יידישע פּראָפעסאָרן. מיר האַלטן אָבער נישט אָן קיין קאָנטאַקט צווישן זיך אַלס אַ גרופּע".

יאָ, דאָס פאַרשטיי איך! אָבער, ווי האָט געזאָגט דער ריזשינער: „יידן, מען קען גאָרנישט וויסן"... פאָרויס ליגט די האָפענונג.

ווי אַזוי לעבן יידן אין לענינגראַד

איך בין אין לענינגראַד אין פּעריאָד פון די „ווייסע נעכט" (יוני 1962), ווען עלף אַזייגער אין אָונט קענט איר גיין אין גאַס און לעזן אַ צייטונג אָן דער הילף פון קינסטלעך ליכט. עס איז נאָך טאָג.

דערנאָך דאַרפן זיך טעאָרעטיש (לויטן זייגער) באַווייזן די שטערן, אָבער מען זעט זיי נישט אויפן הימל. דערנאָך גיט אַ בלאָז אַ קיל ווינטל און עס פאַלט אַ גרויע פינצטערניש, וואָס דויערט נישט קיין גאַנצע שעה, — און שוין פינף מינוט נאָך דעם, ווי דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף ביי נאַכט, באַווייזן זיך ווייט־ווייט די ערשטע פאַסן פון זון־אויפגאַנג, — עס איז שוין ווידער טאָג.

זענען די דאָזיקע „ווייסע נעכט" באַזונגען געוואָרן דורך פּאָעטן. זיצט איר אין די שאָטנדיקע היסטאָרישע פּאַרקן פון דער אַמאָליקער הויפּטשטאָט פון די צאַרן און לעבט ווידער איבער יענע ווייטע צייטן, ווען אין אַ סטודענטישן אָדער מיליטערישן מונדיר זענט איר דאָ געזעסן מיט אַ כאָפּטע יינגלעך און מיידלעך פון אייער עלטער און געזונגען יענע לידער וועגן די „ווייסע נעכט", דעקלאַמירט די קלינגענדיקע שורות פון די אומפאַרגעסלעכע דיכטער.

אָבער מאַכט נישט קיין טעות: דער גרויער „ווינטער־פּאַלאַץ״, ווו עס האָבן אין יענע יאָרן געוווינט די צאַרן, איז איצט אַ טייל פון גרויסן ער־מיטאַזש־מוזיי. אַנטקעגן, אויפן טייך נעוואַ, שטייט נאָך איצט שטאָלץ פאַר־אַנקערט די אַלטמאָדישע קרייצער־שיף „אַווראָראַ״, פון וועלכער די מאַ־טראָסן האָבן געגעבן דעם ערשטן האַרמאַטן־שאָס אויפן ווינטער־פּאַלאַץ אין אָקטאָבער פון יאָר 1917, און דאָס איז געווען דער סיגנאַל פון באָלשע־וויסטישן שטורעם אויף דער לעצטער באַפעסטיקטער פּאָזיציע פון קע־רענסקי־רעזשים.

און דאָרט, ווייט איבער דער צווייטער זייט טייך, ציען זיך די גע־ביידעס פון דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, — די סאַמע שרעקלעכסטע געפענגעניש פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער: דאָ זענען געזעסן די דעקאַ־בריסטן און די נאַראָדניקעס, — און די גרויסע שרייבער טשערנישעווסקי, דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי. און אויך איז דאָ געזעסן אַרעסטירט צוליב אַ מסירה ר׳ שניאור זלמן בן ברוך פון לאַדי, דער מחבר פון „תניא״, דער שאַפער פון חב״ד־חסידיזם.

איצטער קענט איר גיין איבער די אַמאָליקע שטיינערנע לעכער און לייענען די אויפשריפטן פון די, וואָס זענען דאָרטן געזעסן, אָלץ נעמען, וואָס זינגען אַראָפּ פון די זייטן פון דער געשיכטע און שיינען אין מאָנו־מענטן. שטעט און גאַסן זענען אָנגערופן מיט די נעמען פון אַמאָליקע אַרעס־טאַנטן פון אָט דער פינצטערער צאַרישער תפיסה־פעסטונג.

איך קען נישט דורכגיין גלייכגילטיק דעם טאַורישן פּאַלאַץ, ווו דער רוסישער פּאַרלאַמענט — די גאָסודאַרסטווענע דומאַ — האָט צוזאַמען מיט אירע פּראָגרעסיווע, רעאַקציאָנערע, אָבער אויך קעמפּעריש־סאָציאַליסטי־שע דעפּוטאַטן, צוגעצויגן אונדז אַלעמען ווי אַ מאַגנעט פון האָפענונג צווי־שן דיביידע רעוואָלוציעס (1905 — 1917) און געענדיקט איצט אַלס אַ האַלב רויִנירטער דענקמאָל פון צעבראָכענע האָפענונגען און אַזוי פיל אַנ־טוישונגען.

אָט דאָ ביים אַריינגאַנג האָב איך אין סעפּטעמבער 1915 פאַרהאַלטן דעם דאַן אַזוי יונגן צאַפּלדיקן דעפּוטאַט אַלעקסאַנדער קערענסקי און גע־בעטן אים ער זאָל מיך מיטנעמען אינעווייניק, ער האָט דאָס געטאָן. און איך בין געווען אַן עדות פון יענע שטורמישע זיצונגען, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דער אַזוי גערופענער „פּראָוויזאָרישער בלאָק״.

אַזוי שפּאַצירט איר אין דער „ווייסער נאַכט״ איבער די גאַסן פון אַ

שטאָט, וואָס הייסט אין דער געשיכטע פּעטערבורג — פּעטראָגראַד — לע־נינגראַד. און עס גייט אייך נישט אַרויס פון קאָפּ דער זאָג פון די אַלטע רוימער: „סיק טראַנזיט גלאָריאַ מונדי״ (אָט אַזוי בייט זיך די באַרימטקייט אין דער וועלט) — וואָס היינט איז גרויס, איז מאָרגן קליין, וואָס היינט ליגט און פוילט ערגעץ־ווו אין אַ תּפיסה־לאָך, קען מאָרגן פאַרקלינגען מיט רום די גאַנצע וועלט.

ווערט דער דאָזיקער שפּאַציר מיינער אין ליכט פון בין־השמשות פון אַ צפון־נאַכט — באַגלייט פון אַן אינערלעכער מוזיק פון מענדעלסאָן און בערטאָלדיס „חלום אין אַ זומערדיקן נאַכט״. זאַמלען זיך אַלע גייסטער פון דער פאַרגאַנגענהייט און טאַנצן אַרום לויטן טאַקט פון גרויסן, פון דעם גרעסטן דיריזשאָר — פון דער געשיכטע, פון ווייטן און דאָך אַזוי נאָענטן אומבאַוווסטן.

און שוין גאַנץ פרי פון יענעם יום־טובדיקן טאָג גיי איך באַזוכן אַ יידי־שע פאַמיליע, וועמעס וואָרצלען עס שטעקן אין דער יחוסדיקער פאַרגאַנ־גענהייט פון האָמעל און וויטעבסק און וועמען די שטורעמס פון דער גע־שיכטע האָבן צעזייט און צעשפּרייט איבער די וועגן, וועלדער, און פעל־דער פון גרויסן רוסלאַנד.

אַ טייל פון דער משפּחה האָט געלאַנדעט אויף איינעם פון די אָפּגע־לעגענע ברייטע פּראָספּעקטן פון היינטיקן לענינגראַד. אין אַמאָליקן פּע־טערבורג וואָלטן זיי קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ (וווינרעכט) אַלס יידן נישט געהאַט. אין היינטיקן לענינגראַד האָבן זיי יאָ רעכט צו וווינען, אָבער קיין רעכטע וווינונגען האָבן זיי נאָך נישט. און אַזוי ווי די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון דער משפּחה האַלטן זיך צוזאַמען, וווינען זיי אַלע — פופצן נפשות, זיבן משפּחות — אין אַן אַלטמאָדישער דירה פון זעקס צימערן.

לאָמיר אָבער זיין גערעכט צו דער לענינגראַדער מוניציפּאַליטעט: מען בויט זייער אינטענסיוו און געבויג שנעל גרויסע הייזער מיט קליינע באַקוועמע וווינונגען. עס וואַקסן יעדן יאָר נייע קוואַרטאַלן, אַ ביסל טאַנ־דעט־צונויפגעשטוקעוועטע, אָבער דאָך אויסגערעכנט, אַז דער יחיד זאָל האָבן זיינע פּריוואַטע צוויי צימערן מיט באַקוועמלעכקייטן. אין יאָר 1961 זענען אויפגעבויט געוואָרן נייע וווינונגען אַזוי פיל ווי אין די פריערדיקע פיר יאָר. און אין דעם „זיבן יאָר־פּלאַן״, וואָס ענדיקט זיך אין 1965, איז אויסגערעכנט, אַז עס זאָלן אויפגעשטעלט ווערן אַרום דריי טויזנט פינף־שטאָקיקע געביידעס (265 טויזנט וווינונגען) פאַר אַ מיליאָן לענינגראַדער

איינוווינער. דאָס זענען אָבער אַלץ שיינע פּראָיעקטן און מיר דאַרפן וואַרטן און זען ווי זיי וועלן פאַרווירקלעכט ווערן.

דערווייל וווינט יענער מיליאָן איינוווינער (און נאָך אַ מיליאָן מענטשן, וואָס זענען נאָך נישט אַריינגערעכנט אין „זיבן־יאָר־פּלאַן") אין די אַלטמאָדישע אַמאָליקע פּעטערבורגער הייזער, יעדעס צימער איז אַ דירה פאַר אַ פאַמיליע און איין קאָרידאָר פאַראייניקט זיי אין ענגשאַפט, און איין קיך קאָכט פאַר זיי שפּייז, און איין טואַלעט און אויך באָדצימער דאַרף באַפרידיקן די היגיעניש־נאַטירלעכע באַדערפענישן.

אין דער דירה פון מיין באַקאַנטער פאַמיליע קום איך געגוג פרי. נאָר איין טייל האָבן פריער געוווּסט, אַז איך קום מיט אַ באַזוך אַזש פון אַמעריקע. פאַר די אַנדערע, ספּעציעל פאַר די קינדער, האָב איך געדאַרפט זיין אַ ווייטער פעטער פון אַ שכנותדיק סאָציאַליסטיש לאַנד.

די ערשטע זאַך, וואָס איך דערזע אין האַלב פינצטערן קאָרידאָר, איז אַ קליינע ריי פון קינדער און דערוואַקסענע ביים טואַלעט־צימער: אַ יינגעלע אין דער רייע קלאַפּט אין טירל פון דער „באַקוועמלעכקייט", דערמאָנענדיק דעם „אינעווייניקסטן", אַז מען וואַרט...

איך האָב שפּעטער געפרעגט די אַלטע באַלעבאָסטע, די נאָמינעלע הויפּט פון דער משפּחה — „ווי אַזוי קאָן מען דאָס אַזוי לעבן?" ענטפערט זי פילאָזאָפיש: „צו צרות קאָן מען זיך צוגעוווינען; מיט יאָרן צוריק, ווען דאָס וואַסער האָט נישט געאַרבעט און די ווינדע אויפן זיבעטן שטאָק איז נישט געפאָרן, איז דאָך געווען נאָך ערגער"...

אין יעדן צימער באַזונדער ווערט אָבער אויפגעהאַלטן אַ פאַרהעלטניש־מעסיקע ציכטיקייט, כאָטש די ענגשאַפט שיינט צו זיין אומדערטרעגלעך.

די פאָטערס פון אָט דער פאַמיליע זענען מיט פופציק יאָר צוריק אין האַמעל אָדער וויטעבסק געווען באַלעבאַטישע אַ ביסל פרומע אַ ביסל משכילישע יידן. די שפּראַך אין שטוב איז געווען יידיש. די קינדער זענען געגאַנגען אין גימנאַזיעס, אָבער אויך געקענט און גערעדט יידיש. און שבתים און ימים טובים זענען טראַדיציאָנעל אָפּגעהיט געוואָרן. איצטער איז פון יענע פאַטריאַרכן פון דער משפּחה געבליבן נאָר איין פרוי — די אַלטע מאַמע־באָבע. גאָר אין גיכן וועט זי אויך אַן עלטער־באָבע ווערן. אירע זין, מיטל־יעריקע באַאַמטע, רעדן נאָך מיט איר יידיש. צווישן זיך רוסיש. ביי דער פאָלקס־ציילונג האָבן זיי אויך, ווי איבעריקנס אפשר אַ גאַנצער מיליאָן אַנדערע יידן, געענטפערט, אַז זייער מוטער־שפּראַך איז רוסיש. (ווי באַוווּסט

האָבן נאָר אַ האַלבער מיליאָן יידן געענטפערט, אַז זייער מוטער־שפּראַך איז יידיש. צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן אַ ביסל מוט).

ווען די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די וואַנדערונגען, האָט איינער פון די זין פון דער דאָזיקער אַלטער פרוי געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ קריסטלעך מיידל. זיין מאַמע האָט געוויינט, געבעטן און צום סוף געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט חתונה האָבן מיט דער קריס־טין, וועט זי זיך פון אים אין גאַנצן אָפּזאָגן און זיך זעצן „שבעה" נאָך אים, ווי נאָך אַ טויטן. דאָס האָט געהאָלפן. דער זון האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישער טאָכטער און זיי וווינען איצט צוזאַמען אין דער דירה מיט דער מאַמען און מיט זייערן אַ זון, וואָס איז שוין אַ סטודענט.

קומט לעצטנס אַריין צום סטודענט זיינס אַ חברטע, אַ קריסטין. האָבן זי אַלע אין דער דאָזיקער ענגער דירה ליב. דער יונגער סטודענט האָט דאָ נישט לאַנג דערקלערט זיין פאָטער, אַז ער גייט חתונה האָבן מיט דער סטודענטין. און דער זעלבער פאָטער, וואָס האָט אין זיינע יונגע יאָרן געהאַלטן ביים חתונה האָבן מיט אַ קריסטלעך מיידל, פּראָטעסטירט איצט גאָר שטאַרק, האַלט אין איין שרייען, אַז ער וויל נישט, אַז זיין יידישער שטאַם זאָל זיך מיט אים ענדיקן. ער סטראַשעט נישט מיט זעצן זיך „שבעה", אָבער דער „שלום בית" איז דאָך צעשטערט געוואָרן. און דאָ קומט דאָס אומדער־וואַרטע: די אַלטע מאַמע, וואָס האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק אַזוי געקעמפט מיטן זון ער זאָל חתונה האָבן נאָר מיט אַ יידיש קינד — וויל צוריקשטעלן דעם שלום אין דער משפּחה, רעדט זי איצטער צו איר זון ער זאָל דערלויבן אַרייננעמען די קריסטלעכע סטודענטין אין דער משפּחה. „אמת, איצטער קאָן מען קיינעם נישט „מגייר" זיין, אָבער זי וועט אפשר מסכים זיין דער־ציען די קינדער אין דער יידישער נאַציאָנאַליטעט"... (דאָס איז אוממעגלעך, ווייל די נאַציאָנאַליטעט פון די קינדער ווערט אין רוסלאַנד גערעכנט לויט דער מוטער און אין דעם פאַל וועט שוין אין פּאַס אַריינגעשריבן ווערן נישט „יעווריי" (ייד), נאָר „רוס"). אָט האָט איר אַ ביישפּיל, ווי די צייט און די סביבה ווירקן אפילו אויף אַזאַ טרייער, אַלטער יידישער פרוי ווי די מאַמע פון דער משפּחה.

דער דאָקטער אין צוויטן צימער לעבט דאָרט מיט זיין פרוי און צוויי 15־16 יאָריקע טעכטערלעך. דער דאָקטער פאַרדינט אינגאַנצן הונדערט רובל אַ חודש (אַרום 110 דאָלאַר). דאָס איז דער דורכשניטלעכער לוין אפילו פאַר מענטשן מיט הויכער בילדונג, וואָס צייכענען זיך ספּעציעל מיט

עפּעס נישט אויס אין זייער פאַך. מוז שוין די פרוי אויך צואַרבעטן, כדי צו שפּייזן די פאַמיליע פון פיר.

די טעכטערלעך, — אַזעלכע ציכטיקע, מיט צעפּעלעך און ווייסע שליפן, — לערנען זיך גוט, האַלטן זיך באַשיידן, געהאָרכזאַם. ווען איך פאַרגלייך אָט די דאָזיקע מיידלעך — און בכלל מיידלעך אין רוסלאַנד אין עלטער ביז 20 יאָר, מיט מיידלעך אין זעלבן עלטער ביי אונדז אין אַמעריקע, אָדער אין גרעסטן טייל פון אייראָפּע, — זענען מיינע סימפּאַטיעס אין גאַנצן אויף דער זייט פון רוסישן טיפּ דערציונג. די מיידלעך פאַרבן זיך נישט, שפּרינגען נישט אין די אויגן פון יעדן בחור מיט חוצפּה, מיט זייער קאָסמעטיק און מיט זייער קליידונג, אַז איר ווייסט נישט, צי איז זי אַ קאַבאַרעט־זינגערין, אָדער אַ קינד פון אַ באַלעבאַטיש הויז.

אין יעדער פאַמיליע, וואָס איך האָב אין רוסלאַנד באַזוכט, באַמערקט זיך, אַז די קינדער גיבן אָפּ כבוד זייערע עלטערן, הערן זיך צו צו וואָס זיי זאָגן.

אין געגעבענעם פאַל, אין דער פאַמיליע פון דאָקטער, דערציילט מיר זיין פרוי, אַז ווען זי גייט אַ מאָל אַרויס אין טעאַטער, אָדער אויף אַ פאַרווייַלונג און וויל זיך אַ ביסל אָפּפאַרבן די ליפּן, מוז זי דאָס טאָן בגניבה פון אירע קינדער. זיי האָבן דאָס אַ מאָל באַמערקט און געפרעגט די מוטער, צי קאָן זי זיך נישט באַגיין אָן דעם? זי איז דאָך אַזוי נאַטירלעך שיין...

אין דריטן צימער וווינט זיין ברודער — אַ מיליטערישער אינזשעניר אין ראַנג פון פּאָלקאָווניק. ער פאַרדינט שוין מער און וועט באַלד באַקומען אַ באַזונדערע דירה. ער פאַרשטייט נאָך און רעדט יידיש. דערציילט ער מיר, אגב, אַז אַ ברודער זיינער איז אויך אַן אינזשעניר אין ראַנג פון אַוויאַציע־גענעראַל. ווען איך דריק אויס זייער פאַרזיכטיק מיין פאַרוווּנדערונג, וואָס יידן פאַרנעמען נאָך הויכע מיליטערישע שטעלעס, באַמערקט ער טרוקן: „אויב אַזעלכע באַגרענעצונגען זענען פאַראַן — ווייס איך נישט אַלנפאַלס פון דעם: איך האָב צוויי קוזינען,ביידע אין די פּופּציקער — ביידע העלדן פון לעצטן קריג, איז איינער אַ גענעראַל, און דער צווייטער אַ פּאָלקאָווניק — ביידע פּראָפעסיאָנעלע מיליטערלייט.

„נאָך אַ קוזין האָב איך געהאַט, איז ער געהרגעט געוואָרן בעת דעם אָנגריף אויף מאָסקווע, ווען ער האָט געפירט אַ טאַנק־אָפּטיילונג קעגן שונא. נאָכן טויט האָט ער באַקומען דעם טיטל „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד". ער האָט איבערגעלאָזן צוויי קליינע פאַריתומטע יינגלעך. מען האָט זיי ביידע

פאַר אַ יאָרן אַנגענומען אין דער מיליטערישער „סוואָראָוו־אַקאַדעמיע".

„רעפּעראַ־רעלאַטאַ", זאָגט מען אין לאַטייַן. און דאָס הייסט: מען האָט מיר דערציילט — דערצייל איך דאָס ריכטיק איבער.

אפשר האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן אויסנאַם, וואָס אַזוי פיל הויכע יידישע מיליטערלייט האָבן זיך געפונען אין איין משפחה? בכלל גענומען האָב איך אַזעלכע משפחות אין מיינע וואַנדערונגען איבער רוסלאַנד מער נישט געטראָפן.

אין דער גאַנצער משפחה — סיי אין דער אַ דירה און סיי צווישן די, וואָס וווינען אין אַנדערע דירות — איז שוין אַרום צוואַנציק יאָר קיין יינגל נישט געמלט געוואָרן.

פון יידישע ימים טובים וויסן די קינדער כמעט גאָרנישט; פון ישראל, אויסער די שלעכטע כאַראַקטער־ידיעות, וואָס מען לייענט אין די צייטונגען, — אויך גאָרנישט.

עפּעס אַ ייד, אַ באַקאַנטער, פלעגט אויף יעדן פּסח ברענגען אַ פּאָר פונט מצות אַלס מתנה. היינטיקס יאָר איז דער ייד מער נישט דערשינען. אגב, אַ באַמערקונג: כאָטש די אָפיציעלע מצה־בעקערייַ, וואָס געפינט זיך אויפן הויף פון דער סינאַגאָגע, האָט היינטיקס יאָר, פאַרשטייט זיך, קיין מצה נישט געבאַקן, האָבן מיר אָבער יידן דערקלערט, אַז יעדער, וואָס האָט נאָר געוואָלט, האָט געקענט פּריוואַט קויפן מצות פאַרן פּרייז פון דריי רובל (דריי דאָלאַר דרייסיק) אַ קילאָ. און אַזוי איז דאָס אויך געווען אין מאָסקווע. דאָס איז זייער אַ סך געלט, אָבער יידן האָבן זיך פאַר דער הוצאה נישט אָפּגעשטעלט.

די אַלע פופצן מענטשן אין דער דירה באַזוכן במשך פון יאָר די יידישע קאָנצערטן. אין שול אָבער גייט קיינער נישט דאַווענען.

אויף אַ פּאָרזיכטיק געשטעלטער פראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם, האָט איינער פון די זין געענטפערט נישט זייער גערן: „איך גלויב, אַז די אַלע, וואָס ווערן באַשולדיקט אויף די איצטיקע עקאָנאָמישע פּראָצעסן, זענען יאָ פאַרמישט אין ספּעקולאַציע. אַלעמען אָבער איבערראַשט די האַרבקייט פון די שטראָפן — ביז טויט־שטראָף".

אַז איך האָב זיך אַ ביסל נענטער פאַרטראַכט איבער דער נאָענטער צוקונפט פון אָט דער יידישער פאַמיליע פון פופצן פערזאָן, וואָס וווינט אין דער דירה, — האָב איך קלאָר געזען: זי וועט פון יידישקייט אָפּגעווישט ווערן במשך פון נאָענטן דור. און אפשר — און הלוואי — האָב איך אַ

טעות! ווי האָט דער ריזשינער געזאָגט: „יידן — מען קאָן גאָרנישט וויסן״...
אַז איר שפּאַצירט איבער די אַלייען פון געשיכטע אין זעלבן לעניניגראַד און דערזעט אירע ענדערונגען אין משך פון אונדזער אייגענער לעבנסצייט, הייבט איר אָן צו פאַרשטיין דעם „זאָג״ פון דעם ריזשינער.

אין ווינטער־פּאַלאַץ

ווען הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער בירגער פילן אָן די טעאַטערס פון קאָנצערט־זאַלן, ווו עס טאַנצן, שפּילן אָדער זינגען די סאָוויעטישע באַלעטן, די אָפּערע־אַנסאַמבלען, די פידל־ אָדער פּיאַנאָ־סאָליסטן — פאַרגעסט מען אין גאַנצן די סאָציאַלע אָדער פּאָליטישע אונטערשיידן, וואָס טיילן פונאַנדער ראַטן־פאַרבאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן.
דאָס זעלבע האָב איך געזען אין ראַטן־פאַרבאַנד: גראָד בין איך געווען אין לענינגראַדער האָטעל, ווען דאָרט איז פאַרפאָרן דער אַמעריקאַנער קלאַרנעטיסט בעני גודמאַן און געזען די פרייד און ליבע, מיט וועלכן טויזנטער יונגע ענטוזיאַסטן האָבן באַגעגנט און באַגלייט דעם קעניג פון דזשעז, טאַקע דעם זעלבן, וואָס איז מיט זיין אַרט קונסט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געווען „טריף״ פאַר דער אָפיציעלער סאָוויעטישער היעראַרכיע.
רוסיש טעאַטער, באַלעט, מוזיק — ברענגט מען צו אונדז קיין אַמעריקע, אָבער די אוצרות פון די מוזייען אין לענינגראַד אָדער מאָסקווע זעט מען דערווייל ביי אונדז נישט. האָב איך דעריבער נאָך אַן איבעררייס פון מער ווי פערציק יאָר ווידער אַ מאָל באַזוכט אין מאָסקווע די טרעטיאַקאָווסקע גאַלעריע, ווו עס זענען אויסגעשטעלט די אומשטערבלעכע ווערק פון ווערעשטשאַגין, ריעפּין, איוואַזאָווסקי, איוואַנאָוו און פיל אַנדערע. (אגב, איז צו דער ריעפּין־קאָלעקציע צוגעקומען פון דעמאָלט אָן נאָך איין בילד, און דאָס איז פון אַן אַלטן ייד אין טלית און תפילין. אין די צאַרישע צייטן האָט מען אַזאַ בילד נישט געוואָלט עפנטלעך אַרויסשטעלן).
אין פּעטראָגראַד אָבער וואָלט מען מיך אין יאָר 1915 נישט אַריינגעלאָזן אין „ווינטער־פּאַלאַץ״, ווו עס האָט דאַן געוווינט די צאַרישע פאַמיליע.
איצט איז דער אַמאָליקער „ווינטער־פּאַלאַץ״ די צענטראַלע טייל פון גרעסטן רוסישן מוזיי „ערמיטאַזש״ און ער איז, פאַרשטייט זיך, אָפן פאַר

אַלע, וואָס ווילן אָנקוקן זיינע מערקווירדיקייטן. מבינים זאָגן, אַז דער איצטיקער „ערמיטאַזש“, וואָס האָט זיך אַזוי ברייט און מאָלעריש צעלייגט אויף די ברעגעס פון דער נעוואַ, איז די גרעסטע קונסט־זאַמלונג אין דער וועלט, — רייכער אין אוצרות ווי דער „לוווּר“ אין פּאַריז, דער וואַטי־קאַן אין רוים און דער „מעטראָפּאָליטען“ אין ניו־יאָרק. דאָס זאָגן די רוסן. איך בין אויף דעם נישט קיין צו גרויסער מבין און קען נישט פּסקענען.

אָבער די מינוט, ווען איר גייט אַרויף אויף די ווייס־אַלבאַסטערנע טרעפּ פון אַמאָליקן ווינטער־פּאַלאַץ — הייבט איך אָן שווינדלען אין די אויגן פון דער רייכקייט און גערוימקייט אין די זאַלן, פון די בלישטשענדיקע קאַנדעליאַברעס, פון די ווענט פון ראָזן מאַרמאָר און גרינעם מאַלאַכיט — פון די לאַנגע, לאַנגע שורות אויסגעהאַנגענע אויף די ווענט בילדער און אויסגעשטעלטע אין מיטן שאַפעס מיט שניצונגען, פיגורן, פיל פון זיי גאָלדענע, פון טייערע שטיינער, אָדער פון העלפאַנטביין ביז... טיף־טיף צוריק אין אַלטערטום, ווען דער מענטש האָט אַ נאַקעטער אין פינצטערע היילן געוווינט און דאָרט געשניצט ביינערנע שפּיזן פאַר אַ חיות־יאַגד.

אין די אַלע פּאַראייניקטע „ערמיטאַזש“־געביידעס, שוין צוזאַמען מיט דעם אינטימען פּאַלאַצל פאַר דער קייסערין יעקאַטערינע דער צווייטער, ווו זי פלעגט פאַרברענגען די ראָמאַנטישע טעג און נעכט מיט אירע באַטיטלטע פאַוואָריטן, — דאַרף מען דורכגיין דריי הונדערט זאַלן און אָנקוקן דריט־האַלבן מיליאָן באַזונדערע קעגנשטאַנדן פון קונסט און קולטור (פּופצן טויזנט בילדער, צוועלף טויזנט סקולפּטור־פיגורן !...).

דער טוריסט, וואָס קומט אַ קוק טאָן אויפן „ערמיטאַזש“ האָט פאַר זיך דריי שעה צייט און ווערט געפירט דורך אַן עקספּערט פון „אינטוריסט“. זאָגן מבינים, אַז אפילו אַ גאַנצער חודש — פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט — איז אויך ווינציק כדי זיך צו באַקענען מיטן „ערמיטאַזש“.

איך האָב דאָס געוווּסט נאָך פון פריער און דעריבער האָב איך מיין פירעדין געבעטן מיר ווייזן במשך פון די דריי שעה נאָר דאָס סאַמע וויכ־טיקסטע. זאָגט די באַגלייטערין, אַז אַלץ איז וויכטיק. בקיצור, נאָך צוויי שעה וואַנדערן איבער די זאַלן, זיך אָפּשטעלנדיק נאָר פאַר דאָס „סאַמע וויכ־טיקסטע“, בין איך אַ טויט־מידער פון די טיפע איינדרוקן געבליבן זיצן אויף אַ פּלושענער באַנק אין מיטן פון געאָרגיעווסקי־זאַל — ווו בעת די צאַרישע צייטן פלעגן פאָרקומען די גראַנדיעזע בעלער פון קייסערלעכן הויף. מער האָב איך נישט געקאָנט גיין: איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און

אויפגעלעבט די שאָטנס פון הער פאַרגאַנגענהייט — ווען אָט־דאָ האָבן זיך געדרייט אין קאַדרילן און וואַלצן די קיסרים, די צאַריצעס, די הויף־דאַמען — די עלעגאַנטע גוואַרדיע־אָפיצירן. זיך געדרייט, געדרייט און ער־געץ פאַרדרייט. אַנדערע האָבן אויף תליות געענדיקט, אַנדערע „ביים ווענטל״ — גאָר אַנדערע אין אַלערליי עמיגראַציע־לענדער, אין עלנט און אָרעמקייט.

איך האָב נאָך באַוויזן דאָ אין „ערמיטאַזש״ אָן אָטעם צו טאָן מיט די הימלישע הויכקייטן פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, פון רעמבראַנדט, פון ראַפאַעל — פון אַלע, אַלע, אָנהייבנדיק מיט אָן אומבאַקאַנטן האָלץ־שניצער אין די צייטן פון אברהם אבינו (געפונען אין נגב) ביז דעם מאָדערניסטישן פיקאַסאָ, (נישט, חלילה, אַ מענטש מיט דריי אויגן און צוויי קעפּ — אַזאַ פיקאַסאָ איז נאָך פאַרוועררט אין ראַטן־פאַרבאַנד — נאָר אַ פול־רעאַליס־טיש בילד פון אַ „שיכורער פרוי מיט אַ פלאַש בראָנפן״).

און ווען איך האָב זיך אַ ביסל אָפּגערוט אויף מיין באַנק, האָב איך זיך גענומען צוקוקן צו די באַזוכער אין „ערמיטאַזש״, צו די טויזנטער, טויזנטער מער ווי באַשיידן געקליידטע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן אין דער מינוט, ווי שטענדיק, ווען דער מוזיי איז אָפן, אויסגעפילט די הונדערטער זאַלן, מערסטנטיילס אין גרופּעס, אָנגעפירט דורך וועגווייזער. דאָס איז דער דורכשניטלעכער סאָוויעטישער מענטש — דער אַרבעטער, דער פּויער, דער סטודענט, דער שילער. איר זעט, אַז עס פעלט אים נאָך געלט אויף אַן אָנשטענדיקן אָנצוג, אויף אַ פּאָר סאָלידע שיך. די פרויען — מערסטנ־טיילס אין ביליקע לייוונטענע פּאַנטאָפל, אין לייכטע ביליקע זומער־קליי־דלעך. גאָר זעלטן וואַרפט זיך דורך איינע מיט געפאַרבטע ליפּן. דער גרעסטער טייל שווער־לייביקע. מען זעט, אַז אויף קיין „דיעטע״ האַלטן זיי נישט זייערע פיגורן: מען עסט, אַבי עס איז קיין מאַנגל אין עסן נישטאָ.

און דאָס עסן האָט מען טאַקע מיטגעבראַכט מיט זיך אין פּאַפּירענע זעקלעך, אָדער קערבעלעך פאַר דער גאַנצער משפּחה. דאָרט אין אַ זייט זיצט אַזאַ פּויערים־משפּחה. עסן זיי שוואַרץ ברויט, האַרטע אייער, שטיקלעך ווורשט, פּאַרטרינקען מיט פלעשער טיי.

און דאָרט די גרופּע שילערינס מיט די לאַנגע צעפּ, — מיט די אַריינ־געפלאָכטענע ווייסע שלייפן, — עסט „אייזקרעם״ אין פּאַפּיר געפּאַקט, ווי ביי אונדז.

מען זעט, ווי סיי די דאָרפישע פּויערים, סיי די שטאָטישע שילערינס

היטן זיך אָפּ, אַז קיין שום זאַך זאָל נישט פאַלן אויף דער פאָדלאָגע. זיי וואַרפן דאָס איבערבלייבעניש זאַרגפעליק אַריין אין די מיסט־קעסטלעך, וואָס זענען אין גרויסע זאַלן צעשטעלט אין אַלע ווינקעלעך.

אין לעני‍נגראַד אַליין זענען פאַראַן מער ווי צוואַנציק פאַרשידענע מוזייען — צווישן זיי די אַמאָליקע פּראַוואָסלאַוונע קירכע־הייליקטימער, די קאַזאַנסקע און איסאַקיעווסקי סאָבאָרן.

איך גיי צוריק צו מיר פאַרברענגען דעם לעצטן אָוונט אין האָטעל — אויך אַ לוקסוס־איבערבלייבעניש פון די אַמאָליקע צייטן.

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט איז זיך צו געפינען אין גרויסן עסזאַל פון האָטעל „אַסטאָריאַ" אין פאַרגלייך מיט דער פּראָלעטאַריש־פּויערישער מאַסע, וואָס איך האָב נאָר וואָס געלאָזן הינטער זיך אין „ערמיטאַזש".

מיט שוועריקייטן געפין איך פאַר זיך אַ פּלאַץ ביי אַ טישל נישט ווייט פון דער סצענע, וווּ עס שפּילט דער אָרקעסטער און עס טרעטן אַרויס אַרטיסטן.

אַרום איז אַלץ באַזעצט מיט אַן עלעגאַנטן עולם פון סאָוויעטישע אַרמיי־און פּלאַט־אָפיצירן, פון אויסלענדישע געסט מיט זייערע דאַמען, — אַבער אויך פון פיל סאָוויעטישע מענטשן, וואָס געהערן, ווייזט אויס, צו די איצטיקע פּירנדיקע קלאַסן. די פרויען זייערע זענען מערסטנטיילס אין שוואַרצע זיידענע קליידער, אין פאַנטאַפל אויף הויכע שפּיציקע אָפּצאַסן, — די ליפּן, דאָס געזיכט צוגעפאַרבט. אַלץ כדת וכדין, ווי אין די „בורזשואַזע" מלוכות. די מענער אין גוט געפרעסטע אַנצוגער, אויפגענייט צו דער לעצטער מאָדע (אַ סימן: איין ריי פון דריי קנעפּלעך פאַרנט; די מערסטע מענטשן אין גאַס אָבער טראָגן אַלטע צוויי־רייאיקע אַנצוגן און ברייטע הויזן, די מאָדע פון אַרום 7־10 יאָר צוריק). כדי אַזוי צו קליידן זיך און צו צאָלן פאַרן מאָלצייט אין האָטעל, ווו איך זיץ איצט, דאַרף אַ סאָוויעטישער מענטש פאַרדינען נישט ווייניקער ווי פינף־זעקס הונדערט רובל אַ חודש (זעקס־זיבן הונדערט דאָלאַר). אַזעלכע „כשרע" פאַרדינער וועט איר געפינען צווישן די הויכע פאַבריק־אַדמיניסטראַטאָרן, אינזשענירן, שרייבער מיט נעמען, גרעסערע געלערנטע — נישט מער ווי צוויי־דריי פּראָצענט פון די פאַרדינער אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אַ מענטש מיט „טריפה" פאַרדינסטן וועט זיך אָפּהיטן אויסצוגעבן געלט אין אַזאַ עפנטלעכן פּלאַץ ווי מיין האָטעל: מען קוקט אים נאָך פון

אַלע זייטן און מען וויל וויסן, פון וואַנען נעמט ער געלט אויף גוטע קליי־דונג און פאַרווײַלונג.

איך זיץ אַזוי, קוקנדיק אָנגעשטרענגט אַרום זיך, — דערנענטערן זיך צום טישל אַ הער און אַ דאַמע און זיי פרעגן, צי זיי קענען פאַרנעמען אַ פּלאַץ. זיי זעצן זיך אַוועק. און פּלוצלינג דערהער איך אַ ווענדונג אויף פּויליש: „זדאַיען שיען, פּאַן שאַשקעס?“ (דוכט זיך, איר זענט ה׳ שאַשקעס?) איך קוק זיך איין אין געזיכט פון שמייכלענדיקן שכן מײַנעם, וועלכער האָט אַראָפּגענומען זײַנע שוואַרצע ברילן און איך דערקען אים: „איר זענט דאָך ד״ר ק. — מיט וועמען מיר זענען אַמאָל געפאָרן פון פּוילן קיין אַמעריקע אויף דער שיף „באַטאָרי“? „אָ, — דאָס בין איך טאַקע! מיר האָבן זיך דאָך מער ווי צוואַנציק יאָר נישט געזען. יאָך וווין אין קאַליפאָרניע און איך האָב געהערט וועגן אײַך. זיי באַקאַנט: דאָס איז זאָיאַ, — די באַלערינע פון לענינגראַדער אָפּערע“.

איך בין צופרידן וואָס דאָס פּאָרל האָט מיך אַרויסגעריסן פון דער איינזאַמקייט צווישן דעם טויזנטקעפּיקן עולם. און נאָך מער, וואָס מײַן שכנטע זאָיאַ, די באַלערינע, האָט מיט איר שיינקייט און עלעגאַנץ, באַלד באַלויכטן אונדזער טישל.

אַ מערקווירדיקע באַגעגעניש און עס לוינט צו דערציילן די געשיכטע פון אונדזער ערשטער באַגעגעניש מיט ד״ר ק. פּונקט מיט 25 יאָר צוריק אויף דער שיף „באַטאָרי“ אויפן וועג קיין ניו־יאָרק.

ער איז דאַן געפאָרן זיך באַקענען מיט געוויסע נײַע דערפינדונגען אויפן אַטאָמישן געביט, דעלעגירט דורכן פּאָליטעכנישן אינסטיטוט אין לעמבערג. די גאַנצע צען טעג פון אונדזער רייזע האָבן מיר זיך געפונען בײַ איין עסטיש, אַרום וועלכן, אויסער אונדז, עס איז אויך געזעסן דער אומפאַרגעסלעכער פאַרשטאָרבענער פּובליציסט סאַלאָמאָן דינגאָל. מיר האָבן זיך, ווי עס פּירט זיך אין אַזעלכע פאַלן, באַפרײַנדעט אַ ביסל, שפּאַ־צירט און פאַרבראַכט צוזאַמען. נאָך דעם האָט דעם יונגן דאָקטער איבער־גענומען אַ מיטרייזנדיקע שוועדישע אַקטריסע און איך בין שוין געבליבן מיט ס. דינגאָלן אַליין.

אויפן אַכטן טאָג פון אונדזער רייזע איז אויף דער שיף אויסגעבראָכן אַ שריפה און עס איז געוואָרן אַ טומל: מען האָט באַפוילן אַלעמען אָנטאָן די שווים־גאַרטלען און זיך זאַמלען אַרום די רעטונגס־שיפלעך, וואָס זענען ווי געווײנלעך אין אַזעלכע פאַלן, נאָך פון פריער לויטן נומער צוגע־

טיילט יעדן פּאַסאַזשיר. שטייען מיר מיט דינגאַלן און קוקן אויס די אויגן אויפן ד״ר ק., וואָס האָט געהערט צו אונדזער שיפל. די סירענעס פּייפן, די גלאָקן קלינגען „אַלאַרם״ און ד״ר ק. איז נאָך אַלץ נישטאָ. און פּלוצלינג דערזעען מיר, ווי פון די טרעפּ, וואָס פירט אונטן צו די קאַבינעס, לויפט אַרויס דערשראָקן ד״ר ק. און זיין שוועדישע באַגלייטערין. זיי האָבן ביידע נישט געהערט די „טרעוואָגע״ ביז מען האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר פון דער קאַבינע.

„וואָס קומט דאָ פּאָר ?״ — פרעגט מיך מיט אַ ציטערדיקער שטימע ד״ר ק.

ענטפער איך :

„דאָס גייען מיר באַלד דערטרונקען ווערן, דאָקטאָר !״

און ער, אַ צעטומלטער, שטאַמלט אַרויס :

„אויב איר וועט בלייבן לעבן, זאָגט מיין פרוי דאָרט אין פּוילן, אַז איך בין געשטאָרבן מיט איר נאָמען אויף מיינע ליפּן״...

ווי ביטער עס איז אונדז אַלעמען נישט געווען אויפן האַרצן, האָב איך, אָנקוקנדיק דאָס פּנים פון מיין אַ ביסל צעדולטן „שיף־ברודער״, זיך אַרויס־געכאַפּט :

„עס איז דאָך אָבער נישט אמת, איר שטאַרבט דאָך גאָר מיט שוועדי־שע „ליפּסטיק״ אויף אייערע ליפּן״...

בקיצור : מיר זענען נישט דערטרונקען געוואָרן.

און איצט — אַזאַ מערקווירדיקע באַגעגעניש. איך באַוויז נאָך נישט גענוג זיך פרייען, און איך דערהער ווי ד״ר ק. זאָגט צו מיר אין יידיש :

„אַז איך וועל אייך אין קאַליפאָרניע אַמאָל באַקענען מיט מיין פרוי דערציילט איר נישט, אַז איר האָט מיך געטראָפן מיט אַ „שיקסע״...

דאָ רופט זיך אָן די „שיקסע״ — די לעגינגראַדער באַלערינע, אויך אין אַ גוטן ליטווישן יידיש :

„קוקט אים נאָר אָן דעם אַמעריקאַנער דזשענטעלמאַן : איך בין אַזאַ „שיקסע״, ווי ער איז אַ גוי״...

שיסן מיר אַלע אַרויס אין אַ געלעכטער. דערציייל איך שוין דער באַלע־רינע די מעשה מיט די געפּאַרבטע ליפּן זיינע אויף דער טרינקענדיקער שיף מיט 25 יאָר צוריק. ד״ר ק. פּרובירט פּראָטעסטירן, — אָבער עס העלפט אים נישט : איך דערפיר די מעשה ביזן סוף.

ד״ר חיים שאַשקעס

זאָגט די באַלערינע זאַיאַ:

„מיינע עלטערן זענען יידן פון מינסק, — רעדן נאָך אַלץ יידיש צווישן זיך און אויך מיט מיר, — איז וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי? ביי אונדז אין באַלעט זענען פאַראַן אַ סך יידישע מיידלעך, און פיל פון זיי פאַרשטייען יידיש״.

איידער דער אָוונט האָט זיך געענדיקט בין איך אין זעלבן רעסטאָראַן געווען אַן עדות פון אַ שטומער סצענע, וועלכע איז געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון: פונקט אַנטקעגנאיבער דער שטול אויף וועלכער איך בין געזעסן, זעט מען די אָפענע טיר אין זאַל, און לעבן איר אַ גיגאַנט, אַ ריטער אין אַ גאָלד־באַנייטער ליווריי, — אַ „שווייצאַר״ פון אַמאָליקע צייטן.

זע איך: עפּעס אַ בלאָנדער יונגערמאַן, ווייזט אויס אַ רוס, אַנגעטאָן אין אַ דיקן גרויען „סוועטער״ וויל אַריינגיין אין זאַל. דעם וועג פאַרשטעלט אים דער שווייצאַר. איך זע, ווי דער יונגערמאַן זאָגט אים עפּעס און ווייזט מיט אַ פינגער אויף אַ טישל: מסתמא זיצן דאָרט באַקאַנטע. דער שווייצאַר שאָקלט קאַטעגאָריש מיטן קאָפּ אויף „ניין״! דער יונגערמאַן ווערט רויט, זאָגט עפּעס אויפגערעגט און וויל זיך דאָך דורכשטופּן דורך דער טיר. דער גיגאַנט־שווייצאַר נעמט אים אָן פאַר דער טאַליע, גיט אים אַ הויב־אויף און אַ גוטן שטופּ פאַרויס. דער יונגערמאַן פאַלט שיער נישט אום און מען זעט אים שנעל אַוועקגיין.

די „עקסקלוזיווע״ געזעלשאַפט אין רעסטאָראַן איז אָפּגעהיט געוואָרן פון אַ „חוצפּהניק״ אין אַ סוועטער, וואָס וואָלט פּשוט „איבערגעפּירט״ די גאַנצע יום־טובדיקייט אַרום.

למען האמת דאַרף מען אָבער זאָגן, אַז אין מאָסקווער אָדער אַנדערע גרויסע רעסטאָראַנען זעט מען יאָ טאַנצנדיקע בחורים אין בלוזעס אָדער סוועטערס.

דאָס שטומע, אַזוי „פּאַרצייטיקע״ בילד פון לענינגראַד האָט אָבער אויף מיר געמאַכט אַ רושם נישט צו פאַרגעסן.

דיסקרימינאַציע פון דער יידישער רעליגיע אין ראַטן־פאַרבאַנד

בעת מיין איצטיקן וויזיט אין ראַטן־פאַרבאַנד האָב איך צוויי מאָל באַזוכט מאָסקווע, — צוזאַמען נישט קיין גאַנצע פינף טעג. לכתחילה האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש צו זיין אין מאָסקווע נאָר צוויי טעג אויף מיין וועג קיין קאַווקאַז. שפּעטער האָב איך דערפילט, אַז מיינע איינדרוקן, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן פון די באַגעגענישן מיט יידן דאָרטן, פאָדערן אַז איך זאָל נאָך אַ מאָל זיין אין מאָסקווע און זיי קאָנטראָלירן ביי אינסטאַנצן, וואָס קענען אפשר געבן אַ תשובה צו מיינע פראַגעס.

אַזוי ווי איך האָב געוווסט, אַז מען וועט מיר קיין איבעריקע טעג נישט דערלויבן פאַרברענגען אין רוסלאַנד, ווי די צאָל, וואָס איז לכתחילה פאַרצייכנט געוואָרן אין מיין וואַשינגטאָנער וויזע, האָב איך באַשלאָסן בייטן מיין דערלויבעניש צו פאַרברענגען צוויי טעג אין טיפליס אויף אַזעלכע צוויי טעג אין מאָסקווע. דער „אינטוריסט" אין יאַלטאַ האָט טעלעגראַפיש דורכגעפירט דעם „בייט" און כאָטש עס איז מיר געווען אַ שאָד זיך אָפּצוזאָגן פון אַ באַזוך אין דער אינטערעסאַנטער יידישער קהילה פון דער גרוזינישער הויפּטשטאָט, בין איך אָבער יאָ געווען צופרידן, וואָס איך האָב נאָך אַ מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו זיין אין מאָסקווע און דערגאַנצן מיינע אַלגעמיינע איינדרוקן.

אין מאָסקווע בין איך אויך דאָס מאָל אַוועק אין דער רעדאַקציע פון „סאָוויעטיש היימלאַנד" כדי צו רעדן מיט ווערגעליסן און זיינע מיטאַרבעטער וועגן די נייע אַנטוויקלונגען אין באַצוג צו יידן: דאָס פאַרווערן מצה־באַקן, דאָס שליסן פון דער ישיבה און די פאַרשטאַרקטע „ספּעקולאַציע־פראָצעסן" מיט אַ באַדייטנדיקן „יידישן" בייגעשמאַק.

אין פלוג איז דאָך אַ קשיא: אין אַ רעדאַקציע פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל גייט מען געוויינלעך שמועסן וועגן ליטעראַטור, ביכער, שרייבער. אין ניו־יאָרקער „צוקונפט", למשל, וואָלט איך געוויס נישט געקומען זיך דערוויסן וועגן קענעדיס פּאָליטיק אין באַצוג צו נאַצערן, אָדער אין תל־אביבער „גאָלדענע קייט" וואָלט איך נישט געפרעגט וועגן בן־גוריונס באַציונג צום רעליגיעזן סעקטאָר. אין די דאָזיקע ביידע שטעט האָב איך גענוג

אַנדערע און קאָמפּעטענטע אַדרעסן, ווו איך וואָלט געקאָנט זיך דורכשמועסן וועגן אַזעלכע און ענלעכע פּראָבלעמען.

אין מאָסקווע אָבער, ווי איבערהויפּט אין ראַטן־פאַרבאַנד, זענען אַזעלכע אַדרעסן נישטאָ, — אויב איר ווערט נישט רעכענען די צוויי פּלעצער, וואָס זענען ספּעציעל פאַר יידן רעזערווירט: די סינאַגאָגע און דער נייער יידיש־ליטעראַרישער זשורנאַל.

און די ביידע פּלעצער האָב איך טאַקע באַזוכט און דאָרט געשמועסט סיי מיט הרב ר׳ יהודה לעווין, סיי מיטן הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוויעטיש היימלאַנד״, אהרן ווערגעליס.

עס איז נאַאיוו צו גלויבן, אַז דער לעצטער איז נאָר אַ רעדאַקטאָר פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל. עס איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער פּלאַץ איז פון די גאָר הויכע ספערן באַשטימט געוואָרן אַלס נייער, קאָנקורירנדיקער מיט דער סינאַגאָגע, אַדרעס, ווו דער אויסלענדישער באַזוכער קען שטעלן פראַ־געס און קריגן די לעצטע אינפאָרמאַציעס אין הסכם מיט דער לויפנדיקער פּאַרטייאישער ליניע. די רעגירונג קען זיך, ווייזט אויס, פאַרלאָזן אויף ווער־געליסן. ער רעדט שאַרף, אָן דיפּלאָמאַטישע קונצן, אָן מורא. ער רעכנט זיך נישט מיט דעם, אַז זיינע תשובות באַליידיקן אָפּט אייער „אינטעליגענץ״ — זענען אפילו נישט אין הסכם מיטן גלייכן שכל. אָבער אַזוי איז דאָס! און איר דאַרפט דאָס נעמען מיטן גאַנצן „פונט זאַלץ״, ווי מען סערווירט דאָס פאַר אייך.

אַנדערש, פאַרשטייט זיך, איז מיט הרב לעווין. ער זאָגט אויך נישט אָפּ אָנצונעמען יעדן אויסלענדישן באַזוכער, אָבער עס איז אַ „צער־בעלי־חיים״ צו מאַטערן דעם מענטשן: עס קוקן אויף אייך דערשראָקענע, הילפלאָזע אויגן פון אַ ייד אַ תמים און, ביטע, דערוואַרט נישט קיין קאָנקרעטע תשובות.

איך האָב טאַקע בעת מיין פאַריקן וויזיט פּשוט אויסגעמיטן צוליב די דערמאָנטע טעמים צו באַזוכן דעם רב. צו וואָס אים מאַטערן? דאָס מאָל אָבער, צוליב דער וויכטיקייט פון „ישיבה־פּראָבלעם״ האָב איך אים יאָ באַזוכט. האָט טאַקע דער דאָזיקער באַזוך מיר ווי געטאָן.

*

ווען איך בין געקומען אין רעדאַקציע, איז נאָך ווערגעליס אין לאָקאַל נישט געווען. האָט מען מיך דערווייל אַריינגעפירט אין צימער פון מיטאַר־בעטער שולמאַן.

אַט הערט שולמאַנס אַרויסזאָגן זיך וועגן מצה־פאַרבאָט:

„עס איז אַ ליגן די גאַנצע מעשה! דער רב אַליין האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז אַזאַ פאַרבאָט איז נישטאָ און אַז יעדערער וואָס וויל נאָר קאָן קויפן און באַקן מצות. און אַלע האָבן געהאַט מצות. איך אַליין האָב ליב גע־פרעגלטע מצות, האָב איך זיי געקויפט צו אַנדערהאַלבן רובל (אַ דאָלאַר מיט זעכציק סענט) אַ קילאָ.

„און די ישיבה? ווער זאָגט אייך, אַז זי איז געשלאָסן? קומט מיט מיר צום רב, וועט איר זיך דערוויסן דעם אמת. (צום רב בין איך טאַקע גע־גאַנגען, אָבער אָן שולמאַנען). און וואָס טויג איבערהויפּט אַזאַ ישיבה, ווען מען האָט געכאַפּט נישט לאַנג אַ שיכורן ישיבה־בחור מיט צוויי פאַרדעכ־טיקטע נקבות אין מיטן אַ הוליאַנקע?"

פּרוביר איך איבעררייסן מיט אַ וויץ:

„פּאַרוואָס עפּעס מיט גאַנצע צוויי? אפשר איז דאָרט געווען נאָר איינע?"

און שולמאַן ענטפערט מיט היץ: „און אַז איינע איז דען ווייניק פאַר אַ ישיבה־בחור?"

אַלע אַרום טיש האָבן זיך צעלאַכט.

מיט שולמאַנען אין צימער איז איצט אין רעדאַקציע געזעסן די באַ־קאַנטע יידישע דיכטערין רחל בוימוואָל. איך האָב אַ ספּעציעלע באַציונג צו דער דאָזיקער צאַרטער דיכטערין, וואָס האָט אין יאָר 1956, בעת מיין ערשטן באַזוך אין מאָסקווע, אויף אַן אויפנאַמע אין סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד פאַרן דעמאָלטיקן „טיימס"־קאָרעספּאָנדענט זשאַק רעימאָנד און פאַר מיר, געהאַט דעם מוט אויף רעימאָנדס ווענדונג אויסצורעכענען אויפן קול די נעמען פון די דערמאָרדעטע שרייבער. איר ווייכע שטימע האָט דאַן ווי אַ געוויין אָפּגעקלונגען אין פאַרבאַנד־זאַל פון פאַראיין. סיי דער „טיימס"־קאָרעספּאָנדענט און סיי מיין ווייניקייט האָבן דאַן די דאָזיקע באַגעגעניש באַשריבן. האָבן מיר זיך טאַקע ביידע דערפרייט מיט דער נייער באַגעגעניש.

מישט זיך אָבער אַריין שולמאַן:

„ווי קענט איר זיך איצט אַזוי פרייען מיט אַ דיכטערין, וועמענס מאַן איר האָט באַליידיקט?"

פרעג איך מיט דערשטוינונג:

„וועמען האָב איך באַליידיקט? ווער איז איר מאַן? איך ווייס אפילו נישט, אַז זי האָט אַ מאַן".

ענטפערט שולמאַן שטרענג: „איר האָט געמעגט וויסן, אַז איר מאַן איז דער דיכטער זיאַמע טעלעסין און אַז אייער צייטונג האָט אַראָפּגעריסן זיינס אַ ליד"...

זאָג איך שוין דאָס מאָל מיט אַ גאַר האַרטן טאָן:

„עפּעס טשעפּעט איר זיך, שולמאַן! נישט איך ווייס ווער און ווען און פאַרוואָס מען האָט אַראָפּגעריסן טעלעסינס אַ ליד, און נישט איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם. עס איז דאָך ווידער די מעשה מיטן פיקטיוון ישיבה בחור און צוויי נקבות".

מישט זיך שוין דאָ אַריין רחל בוימוואָל:

„אָבער חבר שולמאַן, מען זעט דאָך, אַז דער ייד (איך הייסט דאָס), איז גאָט די נשמה שולדיק: ער ווייס אפשר גאָר נישט ווער טעלעסין איז? אגב, איז דאָס, דוכט זיך, געווען אין „פאָרווערטס" גאָר און נישט אין זיין צייטונג".

אָבער שולמאַן לאָזט נישט אָפּ:

„זיי זענען אַלע איין כנופיא — ביי אונדז וואָלט מען אַזעלכע זאַכן נישט דערלאָזן: אַלע זענען איינער פאַר דעם אַנדערן פאַראַנטוואָרטלעך".

זאָג איך ווידער געגנוג שטרענג:

„אָט דאָס איז טאַקע דער אונטערשייד צווישן אונדז און אייך: ביי אונדז איז דער שרייבער פריי און פאַר קריטיק וועט מען אים אין „קרימינאַל" נישט אַריינזעצן".

מען רייסט איבער דעם געגנוג אומאָנגענעמען שמועס, ווען מען זאָגט מיר, אַז ווערגעליס וואַרט אויף מיר אין זיין צימער.

*

„אַלזאָ, פריינד ווערגעליס, זייט אַזוי גוט און גיט איבער דאָרטן, וווּ איך האָב קיין צוטריט נישט, אַז דער פאַרבאָט אויף באַקן מצות האָט דעם ראַטן־פאַרבאַנד פאַרשאַפט אַזאַ היזק אין דער גאַנצער וועלט — סאָציאַליסטישע לענדער אַריינגערעכנט. — וואָס מען קאָן פאַרגלייכן צו אַ פאַרשפּילטער שלאַכט בעת אַ מלחמה. ווער האָט אַזאַ עצה געגעבן? ווער האָט דאָס געלוינט? מען האָט דאָך גערדאַרפט אין קייטן שמידן די דאָזיקע „סאַבאָ־טאַזשניקעס", וואָס זענען פאַרבלענדט מיט יידן־שנאה אינעווייניק אין אייער רעזשים"...

ווערגעליס, ווייזט אויס, גיט זיך יאָ אָפּ אַ רעכענונג וועגן מאָראַלישן שאָדן, וואָס דער מצה־פֿאַרבאָט האָט געבראַכט דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, אָבער ער דערקלערט די זאַך נאָר טעכניש:

„איר דאַרפֿט וויסן, אַז אין גאַנצן האַנדלט זיך דאָס אין בודזשעט־פּראָ־גע און בשום אופֿן נישט אין אַן אַנטי־יידישן שריט: די מצות פֿלעגן יעדן פֿאַר־פּסח געבאַקן ווערן דורך ספּעציעלע מאַשינען אין אַ „קאָלווירט״־(קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿט) אָפּטיילונג. די מאַשינען פֿלעגן באַקן אַרום זעכ־ציק טאָן מצות (120 טויזנט פֿונט). קיין ריווח פֿלעגט דאָס קיין מאָל נישט ברענגען. דעם לעצטן יאָר האָבן די מצות געבראַכט אַ היזק. האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז עס לוינט פּשוט נישט. דער בודזשעט פֿון יעדער אונ־טערנעמונג מוז פֿאַרגעשטעלט ווערן מיט אַ פֿאַרדינסט, אָדער ווייניקסטנס מיט אַ גלייכגעוויכט.

ביי אונדז אין ראַטן־פֿאַרבאַנד מוז יעדע פֿאַלקס־קאָפּיקע אָפּגעהיט ווערן. די מצה־אונטערנעמונג האָט געבראַכט היזקות, און דאָס קאָנען מיר זיך, אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, פּרינציפּיעל נישט דערלויבן״.

„עס איז אַזוי פּשוט, פֿריינד ווערגעליס, אַז איך קען זיך גאָר נישט פֿאָרשטעלן, אַז איר, אַן אינטעליגענטער און קלוגער ייד, זאָלט מיר אַזאַ מעשה דערציילן... נו״, פֿרעג איך ווייטער, „און פֿאַרוואָס „אַרבעט״ נישט די ישיבה?״

ווערגעליס ענטפֿערט:

„איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: איך אַליין ווייס גאָרנישט אויף זיכער צי זי איז אָפֿן, צי זי איז פֿאַרמאַכט. איר פֿאַרשטייט, אַז איך קאָן נישט, צוליב כמה טעמים, אָנפֿרעגן דעם רב לעווין, ווי האַלט דאָס טאַקע מיט דער ישיבה. אפֿשר וועט איר דאָס טאָן? איך בעט אייך אָבער, מיר טעלעפֿאָנירן וואָס הרב לעווין האָט אייך געענטפֿערט״.

איך זאָג צו ווערגעליסן, אַז איך פֿאָר דירעקט פֿון אים צו הרב לעווין און וועל אים מיטטיילן די תשובה.

איך שטעל ווערגעליסן אַ פֿראַגע:

„ווען איך בין דאָ געווען אין פֿעברואַר, האָב איך זיך באַקענט מיט אייניקע מיטגלידער פֿון אייער געפּלאַנטן טעאַטער־קאָלעקטיוו. מען האָט מיר אפֿילו מיטגעטיילט דעם פּראָגראַם פֿון דער ערשטער פֿאָרשטעלונג. קענט איר מיר אפֿשר זאָגן, ווי האַלט דאָס מיט אָט דעם פּראָיעקט?״

„עס איז ווידער אַ מאָל אַ בודזשעט־פּראָגע. מיר האָבן דעם בודזשעט

פאַרגעלייגט אין דער געהעריקער אינסטאַנץ. עס זענען פאַראַן גוטע אויס־זיכטן, אַז מען וועט אים באַשטעטיקן".

מיין תשובה איז — אַ קרעכץ און אַ פעסימיסטישער „הלוואי".

איך שטעל די לעצטע פראַגע:

„איך ווייס, אַז אייער זשורנאַל „סאָוויעטיש היימלאַנד" מיט זיין טיראַזש פון 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן ווערט שנעל אויספאַרקויפט. אין סימפעראָפּאָל האָט אַ ייד געבעטן ביי מיר „פּראָטעקציע" ביי איך, מען זאָל אים מאַכן פאַר אַן אַבאָנענט, ווייל פון דאַנען האָט מען אים געענטפערט: אַז מער קיין עקזעמפּלאַרן זענען נישטאָ. די סאָוויעטישע יידן, ווי איך האָב זיך איבערצייגט, זענען דורשטיק נאָך אַ יידיש וואָרט, און איר זייט דאָך די איינציקע ליטעראַרישע אויסגאַבע. ווען פאַרוואַנדלט איר אייער זשור־נאַל אין אַ מאָנאַטלעכן?"

„איך דאָס האַלט שוין נאָענט פאַרווירקלעכט צו ווערן", האָט ווער־געליס געענטפערט. „מיר באַקומען דאָך אַריין אַזאַ רייכן מאַטעריאַל פון אונדזערע יונגע און עלטערע שרייבער. עס איז אין אונדזערע אייגענע אינטערעסן אַרויסצוגעבן אָפטער אונדזער צייטשריפט... מיר טוען אין דער ריכטונג אַלץ וואָס מיר קאָנען".

*

מיט אַ פאָר וואָכן פריער, שבת פרשת בהר, בין איך געווען אין דער שול ווען זי איז געווען געפּאַקט מיט אַ טויזנט־קעפּיקן עולם. איך בין אַריין מיט מיין טלית אויפן אַקסל און געוואָלט זיך אומבאַמערקטערהייט פאַרשטעקן אויף אַן הינטערשטער באַנק צווישן די מתפללים. אין פּאָליש פון שול האָב איך נאָך באַוויזן צו פרעגן אַ ייד, פאַרוואָס איז היינט דאָ קיין עין הרע אַזאַ גרויסער עולם. ער האָט מיר געענטפערט: „מען האָט געזאָגט, אַז היינט וועט דאָ זיין אַ מיניסטער פון ישראל, זענען אַ סך מסתם געקומען אַ קוק טאָן"...

ווער געזאָגט, וואָס געזאָגט — דאַרף מען נישט פרעגן.

איך האָב דאָך יאָ געוווּסט, אַז באַלד וועט קומען דער גענעראַל־דירעק־טאָר פון אויסערן־מיניסטעריום אין ירושלים, חיים יחיל מיטן גאַנצן פּער־סאָנאַל פון דער אַמבאַסאַדע, מענער און פרויען.

און אָט גייען זיי אַלע אַריין, כמעט אַ מנין מענער. זיי פּילן אויס די נייע „לאָזשע", וואָס איז ספּעציעל פאַר דעם צוועק אויפגעשטעלט געוואָרן

אויף דער בימה פון דער סינאַגאָגע, אַ באַזונדערע לאָזשע מיט אַ באַזונ־דערן אַריינגאַנג, כדי די דיפּלאָמאַטן זאָלן זיך נישט „מישן" מיט די מתפּללים.

און דאָ קומט צו מיר אויף צו דער שמש מיט דער פיינער „ליובאַווי־טשער" באָרד, וועלכער קען מיך שוין פון די פריערדיקע וויזיטן, און לייגט פאָר, אַז איך זאָל זיך אויך מטריח זיין דאָרט אויבן אין דער לאָזשע אַריין.

אַלע ישראל־דיפּלאָמאַטן טראָגן לאַנגע וואָלענע טליתים און דאַוונען געשמאַק.

פון דער לאָזשע רופט מען אונדז אַרויס צו דער תורה. אַ טירל אַזאַ עפנט זיך „דיפּלאָמאַטיש" ווען איינער פון דער לאָזשע קריגט אַן עליה. באַקום איך „לוי" און דער גענעראַל־דירעקטאָר יחיל — דעם בכבודיקן „שלישי". באַגריסן מיר זיך, ווי עס איז אָנגענומען, מיטן רב, מיט די גבאים, אָבער צו קיין ווערטער־אויסטויש קומט נישט. מען גייט צוריק אין דער לאָזשע.

ווען איך בין אָבער איצט, מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, אין דעם וואָכע־דיקן טאָג געקומען אין שול, איז אין פּאַליש קיינער נישט געווען. האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט און שנעל אַרויף אויף די טרעפּ, וואָס פירן צו דער ווייבער־שול, דאָרט ווו איך האָב אין פעברואַר געטראָפן די ישיבה אָפן: אין ערשטן צימער האָבן דאַן דריי מיטליעריקע יידן געלערנט „פאַר זיך" 3 באַזונדערע מסכתות און אין צווייטן צימער האָבן אַכט יונגעלייט, מיט דעם בולטן אויסזען פון מזרח־טיפּן (זיי זענען טאַקע אַלע געווען פון קאַווקאַז), געלערנט הלכות שחיטה אין „יורה דעה" מיט אַ רבין, אַ געווע־זענעם רב־שוחט אין אוקראַינע.

איצט אָבער, זונטיק, דעם 3טן יוני 1962, האָב איך געפונען ביידע צימערן פּוסט, קיין נפש איז דאָרט מער נישט געווען. די טישן מיט די שטולן שטייען נאָך אַלץ, אָבער קיין לערנער זענען נישטאָ.

גיי איך אַראָפּ אונטן, געפין דעם שמש און בעט צו פירן מיך צום רב אין זיין צימער. דאָרט טרעף איך נישט נאָר הרב לעווין, נאָר אויך אַ צווייטן ייד, ר' מרדכי כאַנזין, וועלכער איז דער פאַרוואַלטער־גבאי אין אַ מנין אין אַ מאָסקווער פאָרשטאָט, ווו דער סקווערער רבי טווערסקי פירט זיין קליינע חסידישע קהילה פון עטלעכע צענדליק יידן. איך בין דאָרט געווען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויף אַ „מלוה־מלכה־באַנקעט" פון טרוקענער חלה, שטיקלעך הערינג און שוואַרץ ביר, און געהאַט מער פאַרגעניגן ווי אויף די רייכע מאָלצייטן אין וואַלדאָרף־אַסטאָריאַ.

איך באַגריס זיך פֿריינדלעך און האַרציק מיט הרב לעווין און זיין גאַסט, וועלכער געדענקט מיך גוט פֿון יענעם סקווערער וויזיט.

איך אַנטשולדיק זיך פֿאַרן רב און שטעל דירעקט די פֿראַגע צוליב וועלכער איך בין געקומען:

„רבי, איך בין איצט געווען אויבן, ווו איך האָב נישט לאַנג צוריק געטראָפֿן די ישיבה אָפֿן. איצט איז דאָרט קיינער נישטאָ, מען לערנט נישט. איז אמת, וואָס מען האָט מיר געזאָגט, אַז מ'האָט די ישיבה פֿאַרמאַכט?"

די אומעטיקע, אַ ביסל פֿייכטע אויגן פֿון רב קוקן מיך אָן דאָס מאָל דירעקט און מער אָפֿן ווי געוויינלעך:

„קיינער האָט די ישיבה נישט פֿאַרמאַכט! מען האָט אָבער די תלמידים פֿון דער פֿרעמד נישט דערלויבט צוריקצוקומען קיין מאָסקווע. לויטן געזעץ, דאַרף אַ סטודענט פֿון אַ פֿרעמדער שטאָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו וווינען אין מאָסקווע. ביז איצט האָט דאָס די מיליץ פֿון די ישיבה־בחורים נישט געפֿאָדערט. דאָס מאָל, אָבער, ווען די קאַווקאַזער סטודענטן האָבן געדאַרפֿט צוריקקומען פֿון זייער פּסח־באַזוך אין דער היים, האָט מען זיי נישט דערלויבט זיך ווידער צו באַזעצן אין מאָסקווע. איז דערי־בער די ישיבה פֿאַקטיש געשלאָסן, כאָטש נישט פֿאָרמעל. איך וואָלט געזאָגט, אַז זי געפֿינט זיך אין צושטאַנד פֿון גסיסה און, ווי איר ווייסט, טאָר מען אַ גוסס נישט דערקלערן פֿאַר טויט, כל זמן עס איז נאָך דאָ אַ האָפֿענונג, אַז אפֿשר וועט ער דאָך אויפֿלעבן"...

ווייס איך שוין, הייסט עס, דעם אמת: די ישיבה, וואָס איז מיט אַזוי פֿיל שתדלנות און מי אויפֿגעשטעלט געוואָרן מיט 13—15 תלמידים אין דער ווייבער־שול פֿון דער מאָסקווער סינאַגאָגע, שטאַרבט מיט אַ „מיתת נשיקה". מען פֿאַרמאַכט זי נישט, חלילה, פֿאָרמעל, נאָר מען לאָזט זי נישט עפֿענען דאָס מויל. איז זי פֿאַקטיש אָן אַ דעקרעט דערשטיקט געוואָרן.

איך וויל נישט מאַטערן מיט פֿראַגן דעם הרב לעווין. ר' מרדכי כאַנזין בעט מיך איבערצוגעבן אַ גרוס זיין ברודער, דעם צווייטן רב אין פּתח־תקווה.

הרב לעווין גיט מיר אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ נאַציאָנאַליטעטן־קאָנפֿע־רענץ וועגן שלום, וואָס איז נאָר וואָס אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע. אין דער ערשטער ריי זיצן די פֿירער פֿון אַלע רעליגיעס: דער פּראַוואָ־סלאַווער מעטראָפּאָליט, דער הויפּט פֿון דער קאַטוילישער רעליגיע, דער

רב פון מאָסקווע הרב י. לעווין, דער הויפּט־מולא פון די מאָכמעדאַנער און די הויפּטן פון די רעליגיעזע אַקאַדעמיעס פון אַנדערע רעליגיעס (דער עקוויוואַלענט פון אַ ישיבה). און דאָ רייסט זיך ביי מיר אַרויס די פראַגע:

„אפשר ווייסט איר, רבי, וויפל תלמידים עס זענען נאָך פּסח צוריק־געקומען לערנען אין דער פּראַוואָסלאַוונער אַקאַדעמיע? איך זע, אַז איר זיצט אויף דער פאָטאָגראַפיע גראַד לעבן דעם היכן גייסטלעכן, וואָס איז דער רעקטאָר פון דער דאָזיקער אַקאַדעמיע".

ענטפערט דער רב:

„יאָ. איך האָב אים טאַקע וועגן דעם געפרעגט. צוויי הונדערט סטו־דענטן לערנען זיך איצט אין דער דאָזיקער רעליגיעזער אַקאַדעמיע"...

מער איז דאָ נישטאָ וואָס צו פרעגן, וואָס צו רעדן, וואָס צו זוכן.

איך גיי אַוועק מיט אַ שטאַרקן פאַרדרוס אויף דער דערוויל פאַר אונדז געהיימער האַנט אין דער סאָוויעטישער רעגירונג, וואָס דיריגירט מיט אַזאַ רשעות און טעמפּער נאַרישקייט מיט די רדיפות קעגן דער יידישע רעליגיע.

פון פעברואַר ביז אַפּריל, היינטיקס יאָר, צוויי נייע רדיפות: דער פאַרבאָט אויף מצות און דאָס דערשטיקן די ישיבה.

איך טעלעפאָניר, אַזוי ווי איך האָב צוגעזאָגט, א. ווערגעליסן: „פאָרמעל איז טאַקע די ישיבה נישט פאַרמאַכט, אָבער פאַקטיש איז זי געשלאָסן, ווייל מען האָט די תלמידים נישט דערלויבט צוריקצוקומען קיין מאָסקווע".

ווען איך האָב באַזוכט די סאָוויעטישע שטעט, פלעג איך פון צייט צו צייט זיך דאָרט נאָכפרעגן פאַר וואָס עס געפינט זיך נישט קיין איינער פון זייערע שטעט אין דער מאָסקווער ישיבה. אין קיעוו האָט מען מיר געענטפערט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל קיין אינטערעס איז נישטאָ. אָבער אין אָדעס און אין ריגע האָבן מענטשן וואָס ווייסן געזאָגט, אַז זיי האָבן יאָ געהערט פון עטלעכע יונגעלייט, וואָס האָבן געוואָלט פאָרן קיין מאָסקווע לערנען, אָבער די אָרטיקע מאַכט האָט שטאַרק נישט געהאַלטן דערפון. זענען די בחורים געבליבן זיצן אין דער היים.

ווילט זיך מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער צו יענע „לינקע יידן" אין ניו־יאָרק, וואָס וואַרפן מיר פאָר, אַז איך פיר אָן „אַנטיסאָוויעטישע און קאַלטע מלחמה־ליניע אין מיינע אַרטיקלען דורך איבערקייען די רכילות

וועגן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד, כאָטש ווען איך בין געווען אין רוסלאַנד האָב איך „אין אַן אינטערוויו מיט אַ פּרעסע־אַגענטור דאָרט פעסטגעשטעלט דעם שטאַרקן דראַנג פון די סאָוויעטישע פעלקער צו שלום און פריינדשאַפט מיטן אַמעריקאַנער פאָלק״.

איך האָב געבראַכט די גאַנצע ציטאַטע מיט דער „באַשולדיקונג״ קעגן מיר, כדי צו ווייזן מיט וואָס פאַר אַ — ווייך גערעדט — נאַיווע און נישט לאָגישע אַרגומענטן מען וויל פאַרדעקן די באַגרענעצונגען, ספּעציעל אויפן רעליגיעזן געביט, וואָס זענען געווענדט נאָר קעגן יידן.

איך שטעל דאָ פעסט, אַז מיין טיפער איינדרוק איז, אַזוי ווי איך האָב דאָס געזאָגט אין דעם אינטערוויו, אַז דער סאָוויעטישער מענטש, ווי דער אַמעריקאַנער מענטש, האַסט מלחמה און וויל אומבאַדינגט, אַז שלום זאָל הערשן אויף דער וועלט. איך שטרייך אונטער אין מיינע אַרטיקלען די גלענצנדיקע רעזולטאַטן פון בילדונג און דערציונג אין ראַטן־פאַרבאַנד; דעם איבעררזשנדיקן בוי־פּראָצעס; די איצטיקע בעסערע לעבנס־באַדינגונגען פון דורכשניטלעכן סאָוויעטישן בירגער אין פאַרגלייך מיט מיינע פריערדיקע באַזוכן.

אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט די פאַקטן, וועלכע איך ברענג וועגן יידישן רעליגיעזן און קולטורעלן לעבן?

איך האָב אויסגעדריקט מיין צופרידנקייט מיטן דערשיינען פון אַזאַ פיינעם ליטעראַרישן זשורנאַל, ווי „סאָוועטיש היימלאַנד״. דערשיינט ער אָבער נאָר איין מאָל אין צוויי חדשים. כאָטש זיינע רעדאַקטאָרן ווייסן זייער גוט דעם דראַנג נאָך יידיש אין ראַטן־פאַרבאַנד און אַז די 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון אַ וועכנטלעכן, נישט צווייחדשימדיקן זשורנאַל, וואָלטן אויך צעכאַפּט געוואָרן, אַזוי ווי עס ווערן צעכאַפּט די בילעטן אויף די יידישע קאָנצערטן.

די קולטור־אַנטוויקלונג ווערט אָבער נאָך אַלץ קינסטלעך געהאַמעוועט, כאָטש אַפילו פון אַ בודזשעט־שטאַנדפּונקט וואָלט אַ צייטונג און אַ טעאַטער געבראַכט פאַרדינסט, נישט קיין דעפיציט.

ווען מיר קומען אָבער צו יידישער רעליגיע און פאַרגלייכן איר לאַגע מיט דער לאַגע פון אַנדערע רעליגיעס אין ראַטן־פאַרבאַנד, מוזן מיר אויפריכטיק באַנוצן דאָס וואָרט: דיסקרימינאַציע.

איינס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם צווייטן. איך האַלט, אַז מען דאַרף אַרויסברענגען אַלע ליכטיקע דערשיינונגען פון סאָוויעטישן לעבן,

כדי ווען מען דאַרף, זאָלן מיר זיך אַליין פֿון דעם אַ ביישפּיל נעמען. אָט האָט דאָך נישט קיין אַנדערער ווי אונדזער פּרעזידענט קענעדי געזאָגט: „כל זמן פֿון אונדזערע טעכנישע הויכשולן גייען אַרויס יערלעך נאָר זיבעציק טויזנט אינזשענירן, אין פֿאַרגלייך מיט די איבער צוויי הונדערט טויזנט, וואָס רוסלאַנד לאָזט יערלעך אַרויס — איז די לאַגע אַ שווערע און מען מוז זי פֿאַרריכטן".

מיר טאָרן אָבער נישט אויפֿהערן צו פֿאָדערן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד און צו מאָנען, וואָס עס קומט די יידן לויט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע.

די לאַגע, ווי זי איז איצט, איז בפֿירוש קעגן דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע און קעגן די אָפֿיציעלע אויסטייטשונגען אירע פֿון דער סאָוויעטישער זייט.

איז דעריבער מיין חוב, ווי עס איז דער חוב פֿון אַלע אַנדערע, וואָס ווייסן וועגן דער לאַגע, נישט מיד צו ווערן אויף איר אָנצווייזן.

נישט פּריווילעגיעס פֿאַר יידן, נאָר גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע גרופּן!

איז אַ דערמאָנונג אָפּצוהיטן אַזאַ גלייכהייט — אַ רוף צו דער קאַלטער מלחמה?

*

ווען מען שטעלט מיר דירעקט די פֿראַגע: „צי פּראַקטיצירט דער ראַטן־פֿאַרבאַנד ספּעציעלע דיסקרימינאַציעס בנוגע דער יידישער רעליגיע אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע רעליגיעס?" ענטפֿער איך אָן שום וואַקלעניש: „יאָ! די יידישע רעליגיע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד געפֿינט זיך אין אַ פֿיל ערגערער לאַגע אַלס רעזולטאַט פֿון דיסקרימינאַציעס, וואָס זענען קעגן דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע און קעגן די אַלע אָפֿיציעלע אויפֿקלערונגען".

מיט דעם מאַטעריאַל אין האַנט, וואָס איך און אויך פֿיל אַנדערע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט אָט דער פֿראַגע, באַזיצן, נעם איך זיך אונטער אין אַ סאָוויעטישן געריכט אַרויסטרעטן מיט אַ באַשולדיקונג קעגן די פֿאַרלעצער פֿון די פֿאַרשריפֿטן, וואָס די סאָוויעטן־מאַכט האָט אַרויסגעגעבן צו באַשיצן דעם רעליגיעזן וועזן אין לאַנד בכלל און אין הסכם מיט די זעלבע פֿאַרשריפֿטן רופֿן צו באַשטראָפֿן די שולדיקע אין אַזעלכע פֿאַרלעצונגען סאָוויעטישע באַאַמטע.

איך ווייס, פאַרשטייט זיך, אַז נישט מיך און נישט קיין שום אַנדערן אויסלענדער וועט מען דערלאָזן צו אַ סאָוויעטישן געריכט מיט אַזוינע אָנקלאָגעס. איך ווייס אויך, אַז קיין שום רב אין ראַטן־פאַרבאַנד אָדער קיין שום יוריסט דאָרט וועט אַפילו נישט וואַגן אָנקלאָגן די דאָזיקע פאַרלעצער־קעגן דער יידישער רעליגיע. בלייבט אונדז נאָר איין אויסוועג: מאָבּן געו־רעכטיקייט אויף אויסלענדישע „פאָרומס״, ספּעציעל אין דער פרייער פּרעסע, דערגרייכן דורך פאַרשידענע וועגן די פאַראינטערעסירטע אינ־סטאַנצן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אַ מאָל גיט דאָס אויך אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט.

*

נאָך דעם ווי איך האָב פון הרב לעווין אין מאָסקווע זיך דערוווּסט, אַז כאָטש די ישיבה איז פאָרמעל נישט פאַרמאַכט, איז זי אָבער דערשטיקט געוואָרן דורך דעם, וואָס מען האָט אירע תלמידים פון דער פרעמד נישט געוואָלט פאַררעגיסטרירן אַלס רעזידענטן אין מאָסקווע, — בין איך צוגעפאָרן צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטן (רעליגיעס), וועלכע געפינט זיך אויף איינער פון די נאָענטע לעבן דער סינאַגאָגע געסלעך אין אַרבאַט־ראַיאָן.

דאָס דאָזיקע הויז האָט מסתם אַ מאָל געדינט אַלס פּאַלאַץ פאַר אַ צאַרישן מאַגנאַט: אַ גלעזערנער קופּאָל איבערן הויפּט־זאַל, ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ, אָפענע טירן און צימערן אַרום דעם אינערלעכן באַלקאָן, אָבער צו מיין דערשטוינונג געפין איך דאָרטן נישט קיין מענטשן. קומט אָבער צו מיר צו דער „שווייצאַר״, וואָס וואַכט ביים טיר און דערקלערט, אַז גראָד היינט ציט זיך דער „קולט־אַמט״, איבער אין אַ נייעם לאָקאַל און וועט אָנהייבן זיין טעטיקייט דאָרט, אין אַ וואָך אַרום. וויל איך שוין אַוועק־גיין מיט ליידיקן, דערזע איך אָבער, אַז אין איינעם פון די צימערן גייט אַריין אַ באַאַמטער. אויף דער טיר איז אויפגעשריבן: „סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג״. פּרוביר איך מזל און גיי אַריין. דער סעקרעטאַר, אַ צווייטראַנגיקער באַאַמטער, איז געווען פריינדלעך, אָבער ליידער האָט ער קיין סך צייט פאַר מיר נישט געהאַט. ער איז אָבער גראָד באַקאַנט מיט דעם פּראָבלעם אין דער ישיבה. דערקלערט ער קורץ: „צוליב אַ ריי סיבות האָט די פאַרוואַלטונג פון דער ישיבה נישט פאָרמאַליזירט דאָס רעכט פון די סטודענטן צו וווינען אין מאָסקווע. האָט מען דאָס טאָלערירט

במשך פון עטלעכע יאָר. גראָד איצט האָט די מיליץ זיך אַרומגעזען, אַז די צוריקגעקומענע פון קאַווקאַז האָבן נישט קיין וווין־רעכט און מען האָט זיי דעריבער נישט „צוגעשריבן" אין געהעריקן באַצירק. די זעלבע לאַגע איז אויך געווען אין דער פּראַוואָסלאַוונער אַקאַדעמיע, ווו מען האָט דרייצן צוריקגעקומענע סטודענטן נישט צוגעשריבן צוליב דעם, וואָס זייערע דאָקומענטן זענען נישט געווען אין אָרדענונג"...

„אָבער אין דער פּראַוואָסלאַוונער אַקאַדעמיע זענען נאָך אַלץ געבליבן אַרום 200 סטודענטן, און די ישיבה איז דאָך איבערגעלאָזן געוואָרן נאָר מיט איינעם אַן עלטערן צוהערער, וואָס איז אַ מאָסקווער תושב".

„נו, אין אַזאַ פֿאַל קאָן איך גאָרנישט העלפֿן! איך מוז אַוועקגיין אין נייעם לאָקאַל, אָבער איך וועל אייך געבן אַ ביסל מאַטעריאַל וועגן דער רעכטלעכער לאַגע פון רעליגיעזן וועזן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס וועט אייך אויפֿקלערן ווי פֿריי מען איז ביי אונדז אין באַציונג צו די גלויביקע".

ער גיט מיר אַ ריי סימעאָגראַפֿירטע בויגנס, — דער לעצטער פון זיי איז דאַטירט אין יאַנואַר 1961.

איך האָב זיי גוט דורכגעשטודירט, און טאַקע אויפֿן גרונט פון אָט די אָפֿיציעלע סאָוויעטישע דאָקומענטן האָב איך דאָס געמאַכט די אויבנ־דערמאָנטע דערקלערונג, אַז עמעצער אין די סאָוויעטישע רעגירונגס־ספֿערן, מעגלעך אפשר אין זעלבן „קולט"־לאָקאַל, וואָס טראָגט זיך גראָד איצטער סימבאָליש איבער אויף אַ נייעם אָרט, — דאַרף צוגעצויגן ווערן צו פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אַלס פֿאַרלעצער פון די אייגענע סאָוויעטישע געזעצן.

עס וואָלט פֿאַרנומען צו פיל אָרט, כדי צו ברענגען דעם אינהאַלט פון אָט די אַלע דאָקומענטן, וועלכע דאַרפֿן דערווייזן, ווי ליבעראַל די סאָוויעטן־מאַכט טראַקטירט די רעליגיע, וויפֿל פּריווילעגיעס און מעגלעכ־קייטן זי גיט דאָס אַלץ די גלויביקע זיי זאָלן קאָנען אויספֿירן די פֿאָדע־רונגען פון זייער „קולט", וואָס פֿאַראַ האַרבע שטראָפֿן עס זענען אַלץ פֿאַרויסגעזען אין קרימינעלן קאָדעקס פֿאַר שטערן דעם רעליגיעזן מענטש אין רוסלאַנד ווי געהעריק אָפּצוהיטן די פֿאָרשריפֿטן פון זיין רעליגיע.

אָט איז דער גרויסער מעמאָראַנדום, וואָס דער סאָוויעטישער פֿאָר־שטייער וואַלענטין סאָפּאָזשניקאָוו האָט אַריינגעטראָגן אין דער קאָמיסיע פון מענטשלעכע רעכט (סובקאָמיסיע קעגן דיסקרימינאַציע). וואָס איז דאָרט אַלץ נישטאָ? „אַלע גלויביקע איז פֿאַרזיכערט די פֿולע פֿרייהייט פון תפילה טאָן לויט זייערע פֿאָרשריפֿטן".

אין דעם זעלבן מעמאָראַנדום, וואָס איז דאָך גאָר נישט לאַנג אַרויס־געגעבן געוואָרן (אין 1959) און באַנייט געוואָרן אין 1961, איז צווישן אַנדערן דערמאָנט, אַז „יידן איז דערלויבט צו באַקן מצות אויף פּסח, אַז זיי איז דערלויבט צו דרוקן זייערע תפילה־ביכער און אויך, אַז עס עקזיסטירט אַ ישיבה אין מאָסקווע, ווו צוקונפטיקע רבנים ווערן דערצויגן״.

פאַר אונדזער יידישן לייענער איז איבעריק נאָך אַ מאָל צו דערמאָנען די אַלע שרייענדיקע פאַקטן, וואָס לייקענען אָפּ אָט דעם ליבעראַלן נוסח סיי פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע (ווען עס קומט צו יידישע רעכט) און סיי פון די דערמאָנטע מעמאָראַנדומס אין דעם טייל, וואָס איז שייך יידן.

אמת איז, אַז די פּראַוואָסלאַווע רעליגיע פאַרמאָגט צוויי טעאָלאָגישע אַקאַדעמיעס און צוועלף רעליגיעזע סעמינאַרן, אין וועלכע עס לערנען זיך טויזנטער קאַנדידאַטן אויף פּאָפּן. עס עקזיסטירן אויך סעמינאַרן פאַר צוגרייטן קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע גייסטלעכע (אין ליטע און לעטלאַנד), צוויי סעמינאַרן פון מוסולמענישע גייסטלעכע אין טורקעסטאַן און קאַווקאַז, אָבער די איינציקע נעבעכדיקע ישיבה אין מאָסקווע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פאַר אירע פינף יאָר עקזיסטענץ נאָר צוויי רבנים און ווו אַלע (אַחוץ דריי) האָבן זיך גאָר לעצטנס געלערנט אויף שוחטים — איז אויף אַ צינישן אופן דערשטיקט געוואָרן צוליבן אַזוי גוט אונדז יידן באַקאַנטן מאָטיוו: „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ (רעכט אויף וווינען). דאָס ביסל אַלטע רבנים שטאַרבן אויס (לעצטנס דער רב אין אָדעס); דער קיעווער רב י. פאַניטש איז שוין אַ פּאָר יאָר קראַנק און קאָן נישט אויספירן זיינע פונקציעס; דעם ווילנער רב י. ראַבינאָוויטש האָט מען דאָ גאָר נישט לאַנג געהאַלטן ביים „צוטשעפּען״ צו דעם „ספּעקולאַנטן־פּראָצעס״, און נאָר בדרך נס איז ער אַרויס בשלום; אין ריגע דערלויבט מען נישט נעמען קיין נייעם רב נאָכן פאַרשטאָרבענעם מיט איניקע יאָר צוריק. אין מינסק האָט מען אויך קיין נייעם רב נאָכן אַוועקגעגאַנגענעם הרב שאַפּיראָ נישט אַריינגעלאָזן; אין סימפעראָפּאָל קומט שוין נישט צוויי יאָר דער רב אין שול, ווייל איינער פון זיינע זין פאַרנעמט אַ שטעלע אין אַ „פּילבאַרער״ אינדוסטריע; די אַכציק טויזנט יידן אין כאַרקאָוו האָבן שוין יאָרנלאַנג נישט נאָר קיין רב נישט — זינט די פריערדיקע צוויי זענען געשטאָרבן אין תפיסה — נאָר אויך אַפילו נישט קיין מנין.

דאָס זעלבע אין סמאָלענסק, ווו נאָכן טויט פון רב מיט איניקע יאָר

צוריק, איז אַפילו דער מנין דערקלערט געוואָרן אַלס אומלעגאַל און די פּרעסע דאָרט פירט אָן „אָפּשפּאָט־קאַמפּאַניע" קעגן די פּאָר יידן, וואָס שלעפּן זיך מיט זייער „געהיימען" מנין, נעבעך, פון גאַס צו גאַס (די אָרטיקע צייטונג גיט שטענדיק אָן דעם נייעם, כלומרשט „געהיימען" אַדרעס).

די פּראַוואָסלאַוונער דרוקן פּראַכטפולע אויסגאַבעס און קאַלענדאַרן, פּאַרעפנטלעכן אויך צוויי פּעריאָדישע שריפטן פאַר דער צערקווע. באַזיצן אַ פּאַראיין פון גייסטלעכע — די זעלבע היעראַרכיע פון די צאַרישע צייטן: פּאַטריאַרך, מעטראָפּאָליטן (אין די ראַיאָנען), בישאָפן, עלטערע און ייִנגערע אין ראַנג פּאָפּן.

די מוסולמענער גיבן אַרויס דעם קאָראַן אין פּאָלקס־ און לוקסוס־אויסגאַבעס (די לעצטע פּובליקאַציע אין יאָר 1960 איז געדרוקט געוואָרן אין צוויי אויפלאַגעס). די מוסולמענער האָבן אויך רעכט צו שיקן ספּע־ציעל פעיקע סעמינאַריסטן אין אוניווערסיטעט קיין אַל־אַזהאַר, קיין קאַירא. די זעלבע רעכט האָבן אויך לוטעראַנער, וועלכע שיקן גרופּעס סטודענטן־גייסטלעכע קיין שאָטלאַנד.

און ביי יידן? דער סעקרעטאַר פון „קולט", וועלכער האָט מיט מיר גערעדט, האָט אין קורצן געשפּרעך באַוויזן צו זאָגן, אַז מען נעמט אָן ביי זיי, אַז וויַיניקסטנס אַ האַלבער מיליאָן יידן האַלטן זיך פאַר רעליגיעז. לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז אָט דער מינימאַלסטער ציפער איז אַ ריכטי־קער, — ווי אַזוי ווערן צו זיי אָנגעווענדט יענע „ליבעראַלע" געזעצן, וועלכע זעען אַזוי שיין אויס אויפן פּאַפּיר?

ווען פון די הונדערטער סינאַגאָגעס, וואָס זענען אין רוסלאַנד געווען אָפן נאָך בעת דער סטאַלין־הערשאַפט (פון די דרייסיקער יאָרן), זענען איצט געבליבן קוים 60, שוין אַריינרעכענענדיק די פּאָר צענדליק אין קאַווקאַז און טורקעסטאַן, וווּ די רעליגיעזע באַדינגונגען זענען בכלל אַנדערש ווי אין גאַנצן ראַטן־פּאַרבאַנד; ווען פון די הונדערטער רבנים אין יענער צייט, ציילן מיר איצט די איבערגעבליבענע אויף די פינגער און זעען קלאָר, ווי דאָס ענדיקט זיך מיט דער „מיתת נשיקה" פון דער מאָסקווער ישיבה און מיטן הויכן עלטער פון די רבנים; ווען אַזאַ עיקר אין יידישקייט ווי „מילה" איז פּאַקטיש פּאַרווערט (נאָר דריי פּראָצענט יידן זענען איצט מל זייערע ייִנגלעך; די מוסולמענער אָבער דערציילן עפנטלעך, אַז נישט וויַיניקער ווי אַכציק פּראָצענט פון זייערע זין ווערן געמלט, און אַ באַרימטער פּראָפעסאָר דערציילט אין „איזוועסטיאַ", אַז

נאָך איצט ווערן זעכציק פּראָצענט קריסטלעכע קינדער געטויפט אין צערקווע, — ד. ה. זיי ווערן סימבאָליש אַריינגעבראַכט אין שויס פון זייער אמונה) — פאַרשטייט איר דעם ווייטיק אין האַרצן פון יעדן ייד אין רוסלאַנד אָדער אין אויסלאַנד, ווען ער זעט צו, אַז זיין אומה ווערט סיס־טעמאַטיש פאַרטיליקט, אַז זיינע קינפטיקע דורות ווערן צום פאַקטישן „שמד״ געבראַכט, אַז די ליבעראַלע פאַרשריפטן פון דער קאָנסטיטוציע און פון די „מעמאָראַנדומס״ מיט וועלכע מען פּאַראַדירט אַרום, ווערן אין אַ חוזק פאַרוואַנדלט, ווען מען ווענדט זיי אָן בנוגע יידן.

פאַרשטייט איר שוין איצטער, פאַר וואָס איך וואָלט חשק געהאַט מיט מיין גאַנצן מאַטעריאַל אין האַנט דערשיינען פאַר אַ סאָוויעטיש געריכט און מאָנען אַ שטראָף פאַר די אַלע שולדיקע אין די דאָזיקע פאַרלעצונגען, וועלכע געפינען זיך אין די רייען פון דער סאָוויעטישער אַדמיניסטראַציע, מאָנען פאַר זיי יענע שטראָף, וואָס איז פּאַר אַזעלכע פאַרברעכער פאַרגעזען טאַקע אין קרימינאַל־קאָדעקס פון דער סאָוויעטישער רעפּובליק — אין קאַפּיטל פיר.

ווילנע — אַ שטאָט פון אומעט און יידישן צער

פון אומעטום האָב איך מיטגענומען אַ ביסל פרייד, אַ ביסל שיינקייט צוזאַמען מיט דער פּאַרציע אומעט, וואָס איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך נאָך באַגעגענישן מיט אַזוי פיל מענטשן, געפּענטעטע אין זייער נאַטירלעכן דראַנג פריי זיך אויסלעבן.

אָבער פון ווילנע האָב איך נישט מיטגענומען דעם מינדסטן שפּור פון איגערלעכער באַפרידיקונג, פון אַ פאַרלאַנג נאָך אַ מאָל זיך אומקערן אַהער און נאָך אַ מאָל אָנקוקן די שטאָט, אין וועלכער דורות יידן האָבן אינוועסטירט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן פון תורה־לערנען, פון השכלה־קולטור, געשאַפן אַן אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער — אַרויסגעגעבן אַזוי פיל ליכטיקע נעמען פון גאונים און פרייהייטס־קעמפער, — אָבער האָבן קיין סימן נישט געלאָזן אין אָט דעם ווילנע, וואָס שוועבט איצט לעבעדיק פאַר מיינע אויגן.

ווילנע אַליין, אין קאָנטראַסט צו אַזעלכע שטעט ווי מינסק אָדער קיעוו, זעט אויס אָפּגעלאָזן און שמוציק, — האָט פאַרלאָרן איר סטיל, וואָס מיר געדענקען פון אַמאָל און קיין נייער סטיל איז נישט געשאַפן געוואָרן.

איך בין צוגעפאָרן קיין ווילנע מיטן צוג, וואָס גייט דירעקט פון לענינגראַד. איך האָב באַשלאָסן די גאַנצע שטרעקע לענינגראַד—וואַרשע דורכרייזן מיט דער באַן אָנשטאָט מיט אַן אַעראָפּלאַן: געוואָלט נישט פון דער הייך, נישט פון די וואָלקנס איינשלינגען די דיסטאַנס פון אַרום 900 מייל אין 2 שעה, נאָר טאָקע זיך „שלעפּן" כמעט אַ גאַנצן מעת־לעת און אָנקוקן דורכן פענצטער פון וואַגאָן די וועלדער, פעלדער, סטאַנציעס און הינטער זיי דאָס, וואָס מען קאָן זען פון די שטעט, וועלכע זענען איינגע־קריצט אין אַרכיוו פון זכרון נאָך פון יענע יאָרן, ווען יונג און צאַפּלדיק האָב איך דעם זעלבן מהלך דורכגעמאַכט אין אַ וואַגאָן פון דריטן קלאַס.

איצט פאָר איך אין אַ שלאָף־וואַגאָן ערשטע קלאַס, ספּעציעל

פאַר אויסלענדישע טוריסטן באַשטימט, — אָבער אַן אומעט פון שפּעטן פאַרנאַכט פון לעבן דרינגט מיך אין גאַנצן דורך און גיט נישט קיין רו און פרייד: פרעמד זענען די אַמאָל אַזוי באַקאַנטע שטעט און אויסגע־ליידיקט זענען זיי פון אַלדאָס ליבסטע דורך נאַטירלעכע און רוצחישע סיבות.

מיט מיר אין וואַגאָן זיצן אויך מיינע באַגלייטערינס, — צוויי אַמע־ריקאַנער דאַמעס, וואָס שטאַמען פון ווילנע און פאָרן איצט אָנקוקן, צום ערשטן מאָל נאָכן קריג, די שטאָט פון זייער וויג און פון זייער געטאָ־פּיין. מיטן זעלבן וועג האָט מען דאָך זיי געפירט מיט הונדערטער אַנדערע ווילנער פרויען, — די לעצטע לעבן־געבליבענע נאָכן געטאָ און נאָך פאָנאַר, — אין פאַרחתמעטע פראַכט־וואַגאָנען, אָן לופט און אָן וואַסער, אויפן וועג צום קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לעטלאַנד.

דער קאָנטראַסט פון דעם טויטן־וואַגאָן ביזן לוקסוס־וואַגאָן, אין וועלכן מיר געפינען זיך איצט, איז טאַקע גרויס, אָבער דער קאָשמאַר איז ווידער דאָ און טרייסלט אויף מיט זכרונות פון יענעם „טויטן־צוג״.

דערמאָנט זיך איינע פון די דאַמען: „אָט דאָ, אויף דער סטאַנציע האָט מען געעפנט די טירן פון אונדזער וואַגאָן, אַרויסגענומען צען טויטע פרויען און אַרויסגעוואָרפן זיי אויפן פעראָן״...

דערמאָנט זיך די צווייטע: „געדענקסט, ווען דער צוג האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן, האָבן מיר פון אויבערשטן פענצטער פון דער „קראַטע״, אין וועלכער מען האָט אונדז געפירט, אַרויסגעשריען צו אונדזערע אוקראַי־נישע וועכטער: „האָט רחמנות, גיט אַ ביסל וואַסער. מיר שטאַרבן פאַר דורשט!״ און דאַן האָבן די מערדער געפאָדערט צירונג פאַר וואַסער. און מיר האָבן זיי געגעבן די לעצטע אוירינגלעך, בראָשן, רינגען, וואָס מיר האָבן ערגעץ־ווּ פאַרשטעקט, אַבי נישט אויסגיין פון דורשט״...

מיר דערנענטערן זיך צו ווילנע. דער צוג פאַרהאַלט זיך אויף אַ קלענער סטאַנציע צווישן סעדער און גרינס. אַ ביסל אָפּגעקראָכענע ליטווישע פּויערים קוקן נייגעריק אויפן צוג און אויף די פּנימער פון די פּאַסאַזשירן אין די פענצטער.

די אויפשריפט אויף דער סטאַנציע איז „פּאָדבראָדזיע״. שרייט אויס איינע פון מיינע באַגלייטערינס: „אָט דאָ איז דאָך געווען די „דאַטשע״ פון מיינע עלטערן! דאָ פלעגט די משפּחה קומען אויף זומער־אָפּרו!״ זאָגט די צווייטע: „און אונדזער דאַטשע איז געווען אין וואַלאָ קאַמפּיאַ־ביים ווילי־טייך״.

דער צוג פאָרט אָפּ, איבערלאָזנדיק די גרויע ליטווינער פּויערים צווישן דער אייביקער יום־טובדיקייט פון דער גלייכגילטיקער גרינער זומער־נאַטור.

און שוין זענען מיר אויפן ווילנער וואָקזאַל, וואָס איז אויפגעבויט ווי אַ קאָפּיע פון אַמאָליקן פּריילעכן, טומלדיקן בנין. טומל איז דאָ פאַראַן אויך איצט, אָבער יענע פאַסאַזשירן פון אַ מאָל זענען אַוועקגעפאָרן אין אַ ווייט־ווייטן וועג, און די פריילעכקייט מיט זיך מיטגענומען.

עס נעמט אונדז אויף אַ מיידל פון אינטוריסט, און פירט מיט איר אויטאָ איבער די ווילנער גאַסן אויפן וועג צום האָטעל. די גאַס, ווו דער האָטעל שטייט, האָט געהייסן געאָרגיעווסקאַיאַ, ווען ווילנע האָט געהערט צו רוסלאַנד, און שפּעטער מיצקעוויטשאַ, ווען זי האָט געהערט צו פּוילן. בעת מיינע פריערדיקע באַזוכן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט די גאַס זיך גע־רופן אויף סטאַלינס נאָמען, און — אָסור — אויב איך געדענק ווי זי הייסט היינטיקס יאָר! וואָס איז די נפקא מינא, אַז אַלץ בייט זיך אַזוי שנעל?

דער האָטעל, ווו מיר פאַרפאָרן, דער אַמאָליקער „געאָרגיעווסקע" און היינטיקער „ווילניוס", האָט מיט פופציק יאָר צוריק, ווען איך האָב דאָרט דעם ערשטן מאָל געגעכטיקט, אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ פּאַלאַץ. און היינט איז ער אַן „אָפּגעפּאָרענער" איבערבלייב פון אַמאָליקער מאָדע און סטיל: די צימערן מיט שווערע שאַפעס, מיט פּלושענע טישטעכער, מיט דיקע טוכענע פאָרהאַנגען אויף די פענצטער, מיט ריזיקע הילצערנע בעטן, ווי אַרויסגענומען פון מיין זיידנס שלאָף־צימער. יאָ, געבליבן האָט זיך דאָס בילד, וואָס הענגט איבערן מאַסיוון שרייבטיש: אַ מאָל איז דאָס געווען דער צאַר ניקאָלאַי און איצט דער פּרעזידענט פון דער ליטווישער רעפּובליק, וועמעס נאָמען, איך שעם זיך נישט מודה זיין, איך האָב פּשוט פאַרגעסן.

איך נעם דעם אויטאָמאָביל פון אינטוריסט און לאָז זיך מיט מיינע ערשטע וויזיטן איבער דער שטאָט.

איך ווייס גענוי, אַז דער שאָפער וועט באַריכטן זיין שעף, דעם לאָ יוצלחדיקן אינטוריסט־דירעקטאָר אין ווילנע, אַלע וויזיטן, וואָס איך וועל מאַכן. אָבער איך האָב קיין מורא נישט. סיי ווי באַציט זיך צו מיר דער דירעקטאָר מיט חשד נאָך פון פאַר צוויי־יאָריקן וויזיט: ער האָט מיך דאַן בעתן געזעגענען זיך פאַרגעוואָרפן, אַז איך אינטערעסיר זיך אין ווילנע

נאָר מיט קבֿרים (געמיינט דעם אַלטן בית עולם) און מיט חורבֿות (געמיינט די לעצטע וואַנט פֿון ווילנער גאונס שול, וווּ איך האָב פֿאָטאָגראַפֿירט די מיסטקאַסטנס). ער האָט מיך דאַן מיט נאַרישער איגנאָראַנץ געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס עפּעס ציט אײַך אַזוי צו סינאַגאָגעס און צו די „דינערס״ פֿון קלער?״ (געמיינט מיינע וויזיטן אין דער סינאַגאָגע, ביים גבאי און ביים רבֿ אין זייערע שטיבער). האָב איך אים דאַן פֿאַרהאַלטן מיט אַ פֿראַגע: „צי האָט אײַך דער שאָפֿער נישט דערציילט וועגן מיינע וויזיטן אין קאָמוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט (געמיינט די קולטור־אָפּטיילונג זיינע, וווּ יידישע אַמאַטאָרן האָבן געמאַכט רעפּעטיציע) און אין דער רעדאַקציע פֿון „פּראַוודאַ״?

דער דירעקטאָר האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיט זיינע פֿראַגן האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס, ווייל ער האָט דאָך מיט זיי אַרויסגעוויזן, אַז ער איז צו פֿיל אינפֿאָרמירט וועגן מיינע באַוועגונגען אין שטאָט.

אגבֿ, האָט אַ גוטער באַקאַנטער מיינער, אַ ניו־יאָרקער פּראָפֿעסאָר, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק געווען אין ווילנע, אָפּגעשניטן פֿיל ערגער ווי איך. ווען ער איז אָנגעקומען צו דער רואינירטער וואַנט פֿון גאונס קלויז (היינט איז זי שוין אויך נישטאָ — גאָר נישטאָ. אַלץ, וואָס דערמאָנט דעם אַמאָליקן שול־הויף, איז אָפּגעמעקט...) און געמאַכט אַ פּאָר פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער, זענען אים פּלוצלינג באַפֿאַלן עטלעכע „ציווילע״ פֿאַרשוינען, אויסגעדרייט די הענט אויף הינטן, אַוועקגעפֿירט אין פּאָליציי־אַמט און צוגענומען ביי אים דעם פֿילם. מען האָט שוין אָנגעהויבן שרייבן אַ פּראָטאָקאָל מיט באַשולדיקונגען אין „פֿאַרלעצונגען״, ביז דער פּראָפֿעסאָר האָט נישט אַרויסגענומען די איינלאַדונג פֿון דער סאָוויעטישער רעגירונג, אַז ער זאָל קומען קיין מאָסקווע אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכן צוזאַמענפֿאָר. אָבער אַ פֿאָרוווּרף האָט מען אים דאָך געמאַכט: „מיר האָבן אין ווילנע אַזוי פֿיל נייע און אינטערעסאַנטע געביידעס, גייט איר דווקא פֿאָטאָגראַפֿירן חורבֿות, כדי אונדז צו באַשמוצן אין אויסלאַנד?״

דער פּראָפֿעסאָר אָבער האָט קאַלט געענטפֿערט:

„אָט די דאָזיקע חורבֿות פֿון אַלטן שול־הויף מאַכן ווילנע באַרימט. אַז איר וועט אָנשטאָט זיי אויפֿבויען נייע הייזער, וועלן מיר פֿאַרלירן דעם אינטערעס צו קומען אײַך באַזוכן״...

*

מיין ערשטער וויזיט מיטן אינטוריסט־אויטאָמאָביל איז צו דער איינ־ציקער ווילנער שול (אַמאָליקע קאָר־שול) אויף זאַוואַלנע גאַס.

מען האָט שוין אָפּגעדאַוונט שחרית. קיינער איז דאָרט נישטאָ. באַשליס איך פאָרן צום רב ר׳ יהודה ראַבינאָוויטש, מיט וועלכן עס בינדט מיך אַ פריינדלעכע באַקאַנטשאַפט נאָך פון מיינע צוויי פריערדיקע וויזיטן. ער וווינט אַ פּאָר קוואַרטאַלן פון דער סינאַגאָגע, אין אַ געגנט מיט אַ ביסל אַלטע הייזער, אומריינע הויפן און מער ווי באַשיידן געקליידטע אַרבעטער־מענטשן, צווישן וועלכע עס וואַרפן זיך דורך יידישע פּנימער.

דער אַריינגאַנג אין הויף צום רב איז פאַרלייגט מיט אַ באַרג קוילן, וועלכע מען וועט מסתם אַראָפּטראָגן אין קעלער, דערווייל קלעטער איך אַרויף מיט דער הילף פון מיין שאָפער אויף די קוילן און שפּרינג אַראָפּ פון דער אַנדערער זייט. איצט קלעטער איך ווידער אויף שמאָלע היל־צערנע טרעפּ צום קליינעם דירהלע, ווו דער מרא דאתרא פון ווילנע וווינט. דאָס גאַנצע הילצערנע הויז מיט דער דירה צוזאַמען, מיט דעם רחבותדיקן „סמעטניק״ (מיסטקאַסטן) אויפן הויף, וואָלטן ביי אונדז געהערט צו דעם טיפּ „חורבות״ (סלאַמס), וועלכע דאַרפן צעוואָרפן ווערן וואָס שנעלער. אָבער אין אַזעלכע סלאַמס וווינט דאָך איצטער מער ווי האַלב ווילנע!

אויף מיין וועג צום רב האָב איך נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם טראַגישן פּלאָנטער, וואָס האָט זיך אַרום אים געוויקלט בעתן טרויע־ריקן פּראָצעס פון די זיבן יידן באַשולדיקטע אין וואַליוטע־ספּעקולאַציעס, וועלכע זענען שפּעטער פאַרמשפּט און דערשאָסן געוואָרן. דאָס איז דאָך געווען אין אָנהייב פון היינטיקן (1962) יאָר.

און אַ ביסל שפּעטער האָט מען געמישט דעם ווילנער רבס נאָמען בעתן פּראָצעס פון די צוויי הויכע קאַטוילישע גלחים מיט די פּאָר פּויליש־רוסישע שמוגלערס, וועלכע זענען מיט צוויי חדשים שפּעטער, נאָכן „יידישן״ פּראָצעס, פאַרמשפּט געוואָרן צו 8—10 יאָר תפיסה. לויט די ערשטע רעגירונגס־קאָמוניקאַטן וועגן דער דאָזיקער פיינלעכער שמוגל־אַפּערע, איז דעם רבס ראָלע צווישן די גלחים און די יידן געווען אַלס דער פאַרמיטלער, אויף וועלכן ביידע צדדים האָבן זיך געזאָלט פאַרלאָזן, ווען מען האָט „איינגעלייגט״ די פּעקלעך מיט דאָלאַרן, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסגעשיקט ווערן קיין קאַנאַדע.

די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן די דאָזיקע באַשולדיקונג קעגן ווילנער רב באַטראַכט ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. פאַר די יידן אין ווילנע גופא און אין גאַנץ ליטע (עס וווינען דאָ איצט אַרום 25 טויזנט יידישע נפשות), האָט מען דאָס צוציען זייער רב צו דער שמוציקער אַפּערע באַטראַכט ווי אַ פּאַטש אין פּנים: כ׳האָב דאָס געהערט גראָד פון אַ יידישן קאָמוניסט, וואָס אָריענטירט זיך גוט אין שטימונגען.

געהערט דאָך דער רב ר׳ יהודה ראַבינאָוויטש צום העכסטן רבנישן יחוס: אַ זון פון ווילנער רב און אַ „פּלימעניק״ פון גרויסן ר׳ יצחק אלחנן.

אָבער די, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט דעם פּראָצעס, ליט די סטענאָ־גראַמעס, — און איך בין געווען איינער פון זיי, — האָבן באַמערקט, ווי אין די ערשטע טעג האָט זיך דעם רבס נאָמען יאָ געשלענגלט אין מויל פון די באַשולדיקטע, וואָס האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, צו אַלץ „מודה״ געווען. שפּעטער איז דעם רבס נאָמען פאַרשוווּנדן און דער רעגירונגס־באַשולדיקער האָט אים אין גאַנצן נישט דערמאָנט. מיר אַלע האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט.

עפּעס האָט זיך נישט געגלייבט, אַז דער דאָזיקער לומדישער, הדרת פּנימדיקער ייד, מיט די געמאָסטענע טריט און די געציילטע ווערטער, — אַ ייד, וואָס דעקט מיט כבוד זיינע באַשיידענע הוצאות, — זאָל זיך לאָזן אויפן גליטשיקן וועג פון פאַרמיטלען צווישן קאַטוילישע גלחים און יידי־שע אונטערוועלט־מענטשן.

פאַרשטייט איר דעריבער די קיצלדיקע לאַגע, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען, ווען איך האָב געדאַרפט זיך באַגעגענען אויג־אויף־אויג מיט מיין אַלטן באַקאַנטן, נאָך זיינע שווערע טעג פון די נאַר וואָס פאַרענדיקטע פּראָצעסן.

די טיר אין קיך איז אָפן. איך גיי אַריין און דערזע גלייך דעם טיש אין עסצימער, ביי וועלכן עס זיצט ביי אַ טעלער קאַשע מיט מילך דער ווילנער רב. יאָ, זיין בלאָנדע באָרד איז היפּש גרוי געוואָרן פאַר די לעצטע פאַר יאָר, וואָס איך האָב אים נישט געזען.

לעבן אים שטייט זיין רביצין, — זיין צווייטע פרוי, — די זעלבע, וועלכע, ווי מיינע לייענער געדענקען אפשר, האָט אים דאָס מויל נישט געלאָזט עפענען בעת מיינע פריערדיקע וויזיטן אויס מורא, ער זאָל עפּעס איבעריקס נישט זאָגן...

דער רב הייבט זיך אויף, דערקענט מיך גלייך און באַגריסט מיך מיט אַ וואַרעמען „שלום עליכם".

די רביצין אָבער דערקענט מיך נישט און ווענדט זיך צום רב מיט אַ „שאַרפער" פראַגע:

„קענסטו כאָטש דעם אורח, וועמען דו נעמסט איצט אויף אין שטוב?"

דער רב באַרויִקט זי געמיטלעך מיט דער תשובה, אַז יאָ, ער קען דעם אורח גוט.

און עס הייבט זיך אָן אונדזער געשפּרעך, „צענזורירט" אין גאַר אַ שטאַרקער מאָס דורך דער רביצין, וואָס ווייס נאָך אַלץ נישט, וואָס אַ שטייגער, אַזאַ אורח ווי איך וויל פון איר מאַן.

צי וועל איך אין אַזעלכע שאַרף־„צענזורירטע" באַדינגונגען קענען שטעלן דעם רב די קיצלדיקע פראַגע, ווי אַזוי ער איז בשלום אַרויס פון בלבול, וואָס געוויסע מאַכט־אָרגאַנען דאָ האָבן אויף אים געמאַכט, אַז ער איז געווען דער „בורר" צווישן דער טראַגיש־באַרימטער גרופּע פון יידישע שמוגלער מיט קאַטוילישע גלחים — האָב איך פון אָנהייב פון געשפּרעך נישט געוווּסט. איך וועל דאָך דאָס נישט טאָן אין דער אָנוועזנהייט פון דער שטרענגער רביצין...

דערווייל איבעראַשט מיך דער רב מיט זיין חריפותדיקן זכרון: „איר געדענקט, אַז מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך אייך דערציילט די מעשה, פאַר וואָס איך האָב זיך קעגנגעשטעלט דאָס איבערטראָגן דעם קערפּער פון „חפץ חיים" זצ"ל פון ראַדון קיין ווילנע, כדי אים דאָ מקבר צו זיין אין דעם ניי־אויפגעשטעלטן אוהל, וווּ מען האָט איבערגעטראָגן די ערדישע רעשטלעך פון ווילנער גאון און דעם „חיי אדם". (איך וועל דערמאָנען דעם לייענער די מעשה: דער דעמאָלטיקער ראש הקהל, ר' גרשון קאָב, האָט מיט גרויסע שוועריקייטן באַקומען דערויף די דערלויבעניש פון דער מאַכט. האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז ווען קאָב איז געקומען אין דער שול אויף זאַוואַלנע אָנזאָגן דעם רב, אַז ער האָט שוין די דערלויבעניש, איז גראַד דער רב געזעסן מיטן עולם און געלערנט יענע „אגדתא" אין „עין יעקב", וווּ עס דערציילט זיך, ווי אַ רייכער אַמורא האָט געוואָלט דורכפירן וואַסער אויף זיינע גיטער און דאָרט טיף געגראָבן. פּלוצלינג האָט ער דערהערט די פּראָטעסטירנדיקע שטימע פון אַ טויטן תנא, וועמען מען האָט דאָרט מיט פיל יאָרן צוריק מקבר געווען. דער ווילנער רב האָט דעם דאָזיקן צופאַל, וואָס גראַד איצט איז מען אים געקו־

מען אָנזאָגן, אַז מען מעג שוין ברענגען דעם קערפּער פון „חפץ חיים״, געהאַלטן פאַר אַ וואָרענונג פון „אויבן״, אַז מען טאָר נישט דעם גוף עקסהומירן פון זיין קבר אין ראַדון. קיין ישראל יאָ, — דאָס איז אַ מצוה, — אָבער נישט אין אַ נייעם קבר אין „גלות״).

און דער רב הייבט אָן דעם געשפּרעך דאָרט, ווו מיר האָבן אים איבערגעריסן מיט צוויי יאָר צוריק:

„... איך האָב איך דעמאָלט פאַרגעסן צו זאָגן, אַז וועגן דער זעלבער מעשה ווערט דערמאָנט אין דער מסכתא שבת דף קנ״ד און אויך אין חידושי הרב״...

די רביצין האָט דערהערט, אַז מיר רעדן פון מתים, האָט זי זיך אַ ביסל באַרויקט און אַרויס אין קיך אויפקאָכן אַ גלאָז טיי פאַרן אורח.

האָב איך אין איר אָפּוועזנהייט געשטעלט דעם רב די פאָלגנדיקע פראַגע:

„מיר זענען אויפגעציטערט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט, ווען מיר האָבן געלייענט, אַז איר, דער ווילנער רב, ווערט צוגעצויגן צום פּראָצעס פון דער קאַטויליש־יידישער גרופּע, וואָס מען באַשולדיקט אין געלט־פאַרברעכנס. ווי אַזוי האָט זיך איך איינגעגעבן אַרויסצוגיין בשלום פון דער באַשולדיקונג?״

„יאָ, דאָס זענען געווען זייער שווערע טעג פאַר מיר און פאַר די גלויביקע רעשטלעך פון ליטווישן יידנטום. און ווי איר זאָגט, האָבן אויך יידן אין דער וועלט אויפגענומען מיט אַנגסט די ידיעה, אַז איך, דער זון פון ווילנער רב, ר׳ משה, און דער פּלימעניק פון ר׳ יצחק אלחנן, זאָל אַוועקגעזעצט ווערן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק צוזאַמען מיט וואַלוטע־פאַרברעכער.

„איז גאָט אַ פאָטער און מיין אומשולד איז אַרויס קלאָר ווי דער טאָג אַפילו פאַר די שטרענגע אויספאָרשער. שוין צוליבן פאַקט אַליין, וואָס די טיר צו מיין דירה איז אָפן און ווער עס וויל קאָן אַריינקומען, — האָט מען מיר אַלס מיטבאַשולדיקטן נישט געקאָנט פאַררעכענען און צום געריכט נישט איבערגעגעבן. געלויבט דער אויבערשטער פאַר זיינע חסדים!״

די רביצין איז אַריינגעקומען אין צימער און, געלויבט דעם אויבערשטן, די פראַגע איז אויפגעקלערט געוואָרן אין איר אָפּוועזנהייט.

מיר רעדן אָפּ מיטן רב, אַז צו מנחה וועל איך קומען אין שול און מיר וועלן זיך ווידער דאָרט טרעפן. ליידער אָבער האָב איך אין די שפּעטער־

דיקע שעהן בעת מיינע שפּאַצירן איבער ווילנע, געזען ווי מען שפּירט מיר נאָך אויף אַ גאָר נישט דיסקרעטן אופן: עס איז, ווייזט אויס, נישט געווען דער שאָפער אין דער אָפיציעלער אינטוריסט־מאַשין, איז נאָך אונדז פון הינטן נאָכגעפאָרן אַ גרינער קליינער אויטאָמאָביל, וועלכן עס איז געווען זייער לייכט צו אידענטיפיצירן, ווייל אין די שמאָלע ווילנער געסלעך אַרום זאַוואַלנע גאַס זענען צוויי אויטאָס זייער אָנזעעוודיק...

בקיצור, ווי נאָר איך בין אַרויס פון רבס דירה און געוואָלט אַריבער־שפּרינגען דעם בערגל קוילן, וואָס איז געלעגן אָנגעשאָטן ביים אַריינגאַנג פון הויף, — האָב איך גלייך דערזען יענעם גרינעם אויטאָ. נאָך מער, דער יונגערמאַן, וואָס האָט אים געפירט, איז געשטאַנען ביים טויער און אויף מיר געוואַרט. ווען ער האָט דערזען, אַז מיר איז שווער דאָס אַריבער־שפּרינגען איבערן בערגל, האָט ער מיר גאָר העפלעך געגעבן אַ „חברישע" האַנט און געהאָלפן אַראָפּגייין פון בערגל.

דערנאָך איז שוין דער גרינער אויטאָמאָביל נאָכגעפאָרן נאָך מיין שוואַרצן אויטאָמאָביל, ווי מען פאָרט נאָך אַ לוויה, — רחמנא לצלן. איך האָב זיך געפילט „באַשיצט" פון אַלע זייטן. איך הייס מיין שאָפער אַריינפאָרן אין געסל, ווו עס וווינט דער נישט לאַנג באַזייטיקטער ווילנער ראש הקהל. ר' גרשון קאַב, מיט וועלכן איך האָב בעת מיינע פריערדיקע צוויי באַזוכן אין ווילנע זיך פיין אונטערהאַלטן.

מיט אַ יאָר צוריק, בעת מ'האָט געמשפּט דעם לענינגראַדער ראש הקהל פּעטשערסקי און זיינע חברים, האָט מען באַזייטיקט פון זייערע אַמטן אַנדערע דריי קהילה־פירער: דעם מינסקער ר' חיים פריד; דעם קיעווער ר' שמואל באַרדאַק און דעם ווילנער ר' גרשון קאַב. קעגן יעדן פון זיי האָבן יידן שטאַרק „געמורמלט" אין זייערע קהילות, תרעומות געהאַט, פּראָטעסטירט, געזאָגט, אַז זיי זענען צו נאָענטע קרובים מיט דער מאַכט.

איצט אָבער, אַז מען האָט זיי באַזייטיקט, ווייס איך ווי אָפּצושאַצן די אַזוי שווערע און גליטשיקע ראָלע, וואָס זיי האָבן געהאַט דורכצופירן. און איך מוז זאָגן, אַז פון אַלץ וואָס איז מיר באַקאַנט וועגן זייער טעטיקייט, איז זיי גאָר נישט געווען וואָס מקנא צו זיין: יוצא זיין פאַר דער מאַכט, וואָס האָט פון זיי געפאָדערט זאַכן, וואָס האָבן גאָר נישט צו טאָן מיט תפילה און מיט מלאכת־הקודש, און יוצא זיין פאַר די מתפללים, וועמען זיי האָבן גאָרנישט געקענט באַפרידיקן מיט די קהילה־הצטרכותן.

בעת מיין באַשרייבונג וועגן לעגינגראַד האָב איך פאַרגעשטעלט דעם פאַרשוין, וועמען מען האָט אַרויפגעזעצט אויפן אָרט, וואָס איז געווען פאַרנומען מיטן אָרנטלעכן אידעאַליסט פעטשערסקי, וועלכער שמאַכט איצט אין אַ לאַגער אין ווייטן צפון. און ווי איך דערוויס זיך, זענען פון זעלבן קאַליבער די פערזאָנען, וואָס מען האָט געשטעלט אין דער שפּיץ פון די קהילות אין אַלע דערמאָנטע (און פיל נישט דערמאָנטע) שטעט.

אָבער כאָטש ר׳ גרשון קאַב איז איצט נישט ביי דער „מאַכט״, האָב איך באַהאַלטענע סענטימענטן פאַר אים און פאַר דעריבער באַזוכן אים אין זיין וווינונג. אַי, מען פאָרט מיר נאָך? זאָלן זיי נאָכשפּירן. סיי ווי קלייב איך זיך נישט שמועסן מיט קאַבן וועגן מלוכה־סודות.

איין גרויסן שבח וועגן אים, וואָס איך האָב נישט געוואָלט דערציילן בעת ער האָט אַנגעהאַלטן דעם אַמט, קאָן מען שוין איצט אַנטדעקן: דאָס האָט ער אין זיינע ערשטע יאָרן אַלס ווילנער ראש הקהל געשטעלט די מצבה אויפן בלוטיקן פּאָנאַר, דעם פּלאַץ, וווּ צענדליקער טויזנטער ווילנער ייִדן זענען צעשאָסן געוואָרן און פאַרשאָטן געוואָרן האַלב־לעבעדיקע. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער ווילנער „באַבי יאַר״.

קאַב האָט יאָ געשטעלט אַ מאָנומענט אויפן וויסטן פעלד. און אַן אויפשריפט האָט ער געלאָזן אויסקריצן מיט העברעישע אותיות, אַז עס ליגן דאָ די געקוילעטע ווילנער ייִדן.

אָבער לאַנג איז דער דאָזיקער שטיין נישט געשטאַנען. מען האָט קאַבן באַפוילן זיין שטיין אַראָפּנעמען און אַנשטאָט דעם שטייט איצט אַן אַנדערער. איצט איז אויפן שטיין פאַראַן אַן אויפשריפט, אַז דאָ ליגן די קרבנות, וואָס די פאַשיסטן האָבן דערמאָרדעט. עס ווערט נישט דער־מאָנט מיט קיין וואָרט, אַז דאָס זענען אייגנטלעך ייִדן געווען... אָט איז זי, די קאַלטע טענדענץ צו באַהאַלטן דעם שרעקלעכן ייִדן־מאָרד און פאַר־וואַנדלען אים אין אַן אַלגעמיינעם באַגריף: „קרבנות פון פאַשיזם״.

אַלזאָ, בין איך ווידער אין שמוציקן טאַריבא־געסל, מיט די חורבות־הייזער און מיט די הויפן, אויף וועלכע עס זעט זיך פּראָמינענט אָן דער „סמטעניק״, — דער ווינקל מיטן אָפּפאַל.

גראָד שטייט אין מיטן הויף ר׳ גרשון קאַב אַליין און ער דערפרייט זיך מיט מיין אָנקומען.

יאָ, ער האָט באַקומען דעם נומער פון דער צייטונג, אין וועלכן איך דערצייל וועגן זיין וואַנדלונג צו מיר איך זאָל העלפן אָפּזוכן און ברענגען

צום געריכט די מערדער פון ליטווישן יידנטום, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אין אַמעריקע.

ער האָט דאַן אין זיין בריוו, אונטערן אָפיציעלן שטעמפּל פון דער ווילנער רעליגיעזער קהילה, געשריבן צווישן אַנדערן: „מיר, יידן, פון דער גאַנצער ליטווישער רעפּובליק זענען פול מיט האָפענונג, אַז איר וועט זיך נישט באַרויקן אַזוי לאַנג, ביז איר וועט דעם גערעכטן ציל דערגרייכן. דאָס וועט זיין נישט נאָר אַן אַקט פון נקמה, נאָר אַ כבוד פאַרן יידישן פאָלק״.

מוז איך אים לייגער דערציילן, אַז די פאַרברעכער, וועגן וועלכע ער האָט געשריבן, ספּעציעל דער מערדער פון די ווילקאָמירער יידן, פאַשקע־וויטש, איז נאָך אַלץ פריי. און דאָס זעלבע מיט די איבעריקע. אַז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס פאַרנעמט זיך ענערגיש מיט דעם ענין, אַז עס זענען פאַראַן פיל פאָרמעלע שטרויכלונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיטן „קאַלטן קריג״, וואָס שטערן אַמעריקע אַרויסצוגעבן די דאָזיקע פאַרברע־כער צום ראַטן־פאַרבאַנד, ווי דער לעצטער פאַרלאַנגט דאָס.

קאָב זאָגט, אַז ער האָט רעזיגנירט פון אָנפירן מיט דער ווילנער קהילה מיט זיין אייגענעם ווילן... ער איז פשוט מיד געוואָרן... פרעג איך מער נישט.

ווען מיר זענען אַרויס אויפן געסל און ער האָט דערזען ווי עס וואַרט אויף מיר מיין שוואַרצע מאַשין און ווי אַ ביסל ווייטער שטייט די גרינע מאַשין, וואָס באַגלייט מיך, — האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אָ, איר פאָרט דאָך מיט גרויס פאַראַד!״ נאָך דעם האָט ער שוין נישט געבעטן איך זאָל קומען דאַווענען מנחה אין שול אַריין. וויזט אויס, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט מיינע באַגלייטער מצרף זיין צום מנין. ביים אָנהייב פון געשפּרעך האָט ער געוואָלט איך זאָל קומען אין שול, וועט ער מיך באַ־קענען מיטן נייעם ראש הקהל.

איך גיי אַריין אין מיין אינטוריסט־אויטאָמאָביל און פּלוצלינג ווענדט זיך דער שאָפער צו מיר אין אַ גוטן ווילנער יידיש. לכתחילה האָב איך גאָר געמיינט, אַז ער איז אַ רוס.

„איך זע״, זאָגט ער, „אַז מען נעמט אייך דאָ אויף מיט „פאַראַד״ דער רב, דער גבאי און אַנדערע (אונטער „אַנדערע״ האָט ער געוויס גע־מיינט די גרינע מאַשין, וואָס קאָנקורירט מיט אים)... וויל איך אייך זאָגן, אַז דעם לעצטן שבת האָב איך געפייערט די בר־מצווה פון מיין בן־יחיד, זאָל

לעבן. דער רב האָט געהאַלטן אַ דרשה, מיין זונעלע האָט געלייענט די ברכות, וואָס מען האָט פון פריער אָנגעשריבן מיט לאַטיינישע אותיות, ווייל ווו צו לערנען אים אלף־בית האָבן מיר נישט אין ווילנע... איך האָב אויך געשטעלט כיבוד און מען האָט געטרונקען „לחיים״. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט ווי אַ מאָל און קיין תפילין האָב איך פאַר אים אויך נישט געהאָט ווו צו קויפן. אָבער דאַנקען גאָט דערפאַר. אַלזאָ, ווו זאָל איך אייך איצט פירן?״

„פירט מיך צו דער רעדאַקציע פון דער „פראַוודאַ״ („טיעסאַ״). איך האָב דאָרט אַ באַשטעלטן געשפּרעך מיטן רעדאַקטאָר זימאַנאַס״.

„אָ״, זאָגט דער שאָפער, „זימאַנאַס פאַרנעמט ביי אונדז די העכסטע שטעלע, וואָס אַ ייד האָט געקאָנט דערגרייכן אין דער ליטווישער רעפּוב־ליק״.

פאָרן מיר צו דער „פּראַוודאַ״, און כאָטש דאָס איז דער כשרסטער קאָמו־ניסטישער אַדרעס אין דער וועלט, פאָרט אונדז נאָך דורך די זיגזאַגן פון די ווילנער געסלעך דער גרינער אויטאָמאָביל.

דאָס יידישע לעבן אין ווילנע און אין קאָוונע

בעת מיין פריערדיקן וויזיט אין ווילנע, אין יאָר 1960, האָב איך זיך באַמיט צו טרעפן מיטן הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פּראַוודאַ״ אין ליטע — הענריקאַס זימאַנאַס. אָבער ווען איך בין געקומען אין זיין רעדאַקציע האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז אין קאָוונע, ווו מען עפנט אַ נייע דאַמבע אויפן ניעמאַן.

אַ באַקאַנטער ווילנער ייד, גראַד אַ לינקער, האָט מיר דאָן בכלל נישט געראָטן זיך זען מיט אים, ווייל ער זאָל זיין אַ פאַנאַטישער קעגנער פון דער יידישער פרעסע אין אויסלאַנד, ספּעציעל פון אַמעריקע, און אונדזער באַגעגעניש קאָן זיך ענדיקן מיט אַ שאַרפן מיינונגס־אויסטויש, וואָס איז „נישט געזונט״ פאַר מיר, ווייל איך בין נאָר אַ טוריסט און נישט קיין אָפיציעל־אַקרעדיטירטער צייטונגס־מענטש אין ראַטן־פאַרבאַנד.

דער דאָזיקער לעצטער אַרגומענט האָט מיך גאָר פאַראינטריגירט: „נו, אדרבא, לאָמיר טאַקע הערן, וואָס וועט מיר ענטפערן אויף מיינע פראַגן אַזאַ ייד, ווי זימאַנאַס, וואָס איך האָב וועגן אים געוווסט, אַז ער איז

אַ מאָל אַליין געווען אַ זשורנאַליסט אין יידיש? וואָס וועט מען מיר טאָן? אין ערגסטן פאַל — אַרויסשיקן פון ראַטן־פאַרבאַנד פאַר וועלן מאַכן אינטערוויוען אָנשטאָט אָנקוקן טוריסטישע מערקווירדיקייטן. איז פאַר איך דאָך סיי ווי אַרויס שוין פון לאַנד — דאָס איז מיין לעצטער טאָג אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז וואָס וועט מיך אַרן, אַז מען וועט מיך אַרויסשיקן מיט אַ ביסל פאַראַד?

אַלזאָ, מיט צוויי יאָר צוריק, איז טאַקע זימאַנאַס נישט געווען אין ווילנע, אָבער בעת מיין איצטיקן וויזיט איז ער פאַראַן אין שטאָט, אָבער נאָך נישט אין רעדאַקציע. לאָז איך איבער מיין נאָמען און טעלעפאָן און בעט אינפאָרמירן, צי ער וועט מיך שפּעטער אויפנעמען. עס דויערט נישט לאַנג און דער דירעקטאָר פון „אינטוריסט" איז מיר מודיע, אַז דער רעדאַקטאָר פון „פּראַוודאַ" האָט אים טעלעפאָנירט, אַז ער וויל מיך זען פאַר נאַכט דעם זעלבן טאָג אין רעדאַקציע.

איך באַמערק צום ערשטן מאָל אין די אויגן פון דעם שטענדיק דערשראָקענעם דירעקטאָר אַ שטיקל „אָפּשיי" פאַר מיין ווייניקייט; אויב דער מעכטיקער זימאַנאַס וויל מיך זען, איז דאָך אַ סימן, אַז איך בין גאָרנישט אַזוי טריף געוואָרן צוליב די רבנים און גבאים, וועלכע איך האָלט אין איין זוכן און באַזוכן.

האָב איך צייט, הייסט דאָס, אַ גאַנצן טאָג. אין נאָרמאַלע אומשטענדן וואָלט איך איצט גענומען אַ טעקסי, אָדער כאַטש אַן אויטאָבוס און געפאָרן אויף אַ פּאָר שעה קיין קאָוונע כאַפּן אַ קוק אויף דעם דאָזיקן אַמאָל אַזוי טייערן און נאָענטן יידישן צענטער. אָבער קאָוונע איז פאַרמאַכט פאַר יידישע טוריסטן און אַ באַזוך דאָרטן, אַפילו דער קירצסטער, איז פאַרבאָטן.

בין איך מוותר אויפן יצר־הרע אַ פאָר צו טאָן קיין קאָוונע. אָבער אַזוי ווי דער „אויבערשטער שיקט דאָך צו דעם טרינקער זיין ווייך", האָב איך אויף די טרעפּ פון דער סינאַגאָגע געטראָפן אַ פרוי, וועלכע האָט מיך פאַרהאַלטן מיט עפּעס אַ פראַגע. האָט מען זיך צערעדט, איז זי טאַקע פון קאָוונע. געקומען זיך זען מיט אַ טאָכטער און אייניקלעך אין ווילנע. דאָס איז אַן אינטעליגענטע פרוי, אַ געוועזענע קאַצעטלערין, און זי גיט מיר איבער אַ גרוס פון די יידן אין דער אַמאָליקער ליטווישער הויפּטשטאָט:

אין קאָוונע וווינען איצט אַרום דריי טויזנט יידן, כמעט אַלע פון אַמאָליקע שטעטלעך אין ליטע. נאָר אַ כ ט משפחות האָבן געלעבט אין דער זעלבער שטאָט בעתן קריג; אַלע איבעריקע זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן

דורך די נאַציס אָדער זיך צעשפּרייט איבער אַלע עקן וועלט. פֿאַראַן אויך אַ רב, אַ ייד פֿון אַ קליין שטעטל. מען רופֿט אים „דער געלערטער רב״, אָבער מיט קיין צו גרויסן אויטאָריטעט ביי יידן קאָן ער זיך נישט באַרימען.

עס איז נאָך פֿאַראַן די אַמאָליקע שיינע כאָר־שול אין צענטער פֿון דער שטאָט. האָט די מאַכט זי געוואָלט צונעמען פֿאַר אַן אַנדערן צוועק און געבן יידן אַן אַנדער פּלאַץ צו דאַווענען אין די פֿאָרשטעט. האָבן די יידן די גזירה דערוויל אָפּגעשריגן אויף אַ יאָר.

פֿאַראַן צווישן די יידן אין קאָוונע פֿיל „עמך״: קצבים, שניידער, שוסטערס, אויך אַ ביסל דאָקטוירים. די לעצטע לעבט זיך מאַטעריעל נישט שלעכט.

די שטאָט איז אָפּגעבויט געוואָרן זייער שיין — „ווי אַ באָנבאָניערקע״, — דריקט זיך אויס מיין אינפֿאָרמאַטאָרין. אָבער אונדזער יידישע שיינקייט ליגט אויפֿן „ניינטן פֿאָרט״ — דאָרט, — ווו די טויזנטער דערמאָרדעטע ברידער און שוועסטער זענען באַגראָבן...

„איר פֿרעגט, וואָס איז געוואָרן פֿון דער געביידע פֿון דער יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַנק אויף לאַזוויאַ אַלייע? דאָרט איז איצט אַ שטאָטישער מוזיי.

„און עס לעבט זיך אונדז אַלעמען שווער, אומעטיק, עלנט און פֿרעמד. און מען קוקט נאָך אַלץ נישט אין די אויגן די ליטווישע שכנים. ווי קען מען דאָס פֿאַרגעסן זייער באַציונג — מיט קליינע אויסנאַמען — בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע?״

דאָס איז דער אַזוי מצומצמדיקער, אָבער אויך אַזוי בולטער גרוס פֿון איצטיקן קאָוונע.

פֿינקטלעך זעקס פֿאַר נאַכט בין איך שוין אין דער רעדאַקציע פֿון „פּראַוודאַ״ („טיעסאַ״ אויף ליטוויש) און ווער אַריינגעפֿירט אין גערוימען קאַבינעט פֿון שעף־רעדאַקטאָר הענריקאַס זימאַנאַס. ער הייבט זיך אויף אַנטקעגן: אַ ברונעט פֿון מיטעלן וווּקס, אַ מענטש פֿון אַ יאָר פֿופֿציק, אַ פֿריינדלעכער און שמייכלענדיקער. ער באַגריסט מיך אין רוסיש. שפּעטער רעדן מיר סיי רוסיש, סיי יידיש.

איך ווייס פֿון פֿריער, אַז צו פֿיל באַליבט ביי זיינע יידישע מיטביר־גער אין ליטע, איז ער קיין מאָל נישט געווען, נישט פֿאַר דער מלחמה און אויך נישט איצט.

פיל שלעכטע מעשיות האָט מען מיר וועגן אים דערציילט — אָבער, איך פּרוביר זיך באַפרייען פון זיי בעת אונדזער לאַנגן געשפּרעך און אויס־אַרבעטן מיין אייגענע מיינונג.

ווייס איך דאָך, אַז ער איז איצט דער העכסטער באַאַמטער צווישן די יידן אין ליטע. אַז ער איז נישט נאָר דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פּראַוודאַ", נאָר אויך מיטגליד פון צ. ק. און פּרעזידיום פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי און אויך פון העכסטן סאָוועט. קיין אַנדער ייד איז אויף אַזאַ אָדער ענלע־כער שטעלע איז אין ליטע נישטאָ.

ער דערציילט מיר אין יידיש: „איך בין געבוירן מיט 52 יאָר צוריק אין אַ קליין דערפל הינטער סייני — „ישובניקעס" זענען מיר געווען. דער טאַטע איז געווען אַ פרומער ייד, אָבער צו מיין „בר־מצוה" איז ער גע־שטאָרבן, און מיר זענען געוואָרן אָרעם. איך האָב געלערנט אין מאַריאַמפּאָל אין אַ העברעיִשער שולע און שפּעטער אין קאָוונער גימנאַזיע. געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אויפן ביאָלאָגישן פאַקולטעט. אַריין דאַן אין דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי. געווען אַ לערער אין אַ יידישער שול און צוזאַמען מיטן פאַרשטאָרבענעם ד"ר מ. סודאַרסקי, אַרויסגעגעבן אַ לעגאַלע יידישע צייטונג מיט ראַדיקאַלער באַפאַרבונג. געווען אויך באַפריינדט מיטן „היאַס"־פאַרשטייער י. ראַזאַווסקי, וועלכער איז איצט אין ישראל. געהאַט פיל אַנדערע ציוניסטן אַלס פערזענלעכע פריינד, אָבער ציוניזם האָב איך באַקעמפט, אויך די יידישע סאָציאַליסטן פון „בונד" האָב איך שטאַרק באַ־קעמפט.

„אין דער צייט פון קריג בין איך געווען אַן אַקטיווער פּאַרטיזאַנער. מען האָט מיך פון אַ פּאַראַשוט אַראָפּגעוואָרפן הינטער פראָנט און דאָרט האָב איך פאַרגעזעצט מיין אַרבעט.

„דאָס האָב איך דאָך אייגנטלעך, אַרויסגעשלעפּט דעם דיכטער סוצקע־ווער, וועלכער איז דאַן אויך געווען אַ פּאַרטיזאַן און מיט אַ געהיימען עראָפּלאַן אים אַוועקגעשיקט איבערן פראָנט צו די רוסן. מען זאָגט מיר, אַ, סוצקעווער רעדט שלעכטס וועגן מיר... פאַר וואָס ?"

פאַר וואָס פילן זיך די ליטווישע יידן אַזוי דערדריקט, איינזאַם און דערשראָקן ?

פאַר וואָס האָט מען אויך אין ליטע פאַרווערט דאָס באַקן מצות ?

פאַר וואָס האָט מען אויסגעטיילט אין ווילנע צווישן די אַזוי־גערופענע „ספּעקולאַנטן", די גרופּע פון זיבן יידן, וועלכע מען האָט פאַרמשפּט צום

טויט נאָך אַ לאַנגן פּראָצעס, וואָס מען האָט געוויזן אויף טעלעוויזיע און סטענאָגראַפיש געבראַכט אין די צייטונגען? פֿאַר וואָס האָט מען גלייכצייטיק און אויף דער זעלביקער באַשולדיקונג־באַנק נישט געזעצט די גלחים און די נישט־יידן וואָס האָבן מיט יענע באַשולדיקטע מיטגעאַרבעט? דורך דעם איז דאָך אַ געוויינלעכער קרימינעלער פּראָצעס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנטיסעמיטישן אַקט און אַלס אַזעלכער איז ער אַנערקענט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. ווי אַנדערש וואָלט דאָס אַלץ אויסגעזען, ווען מען משפּט צוזאַמען די באַשולדיקטע גלחים, צי נישט־יידן מיט די יידן?

פֿאַר וואָס זענען פֿאַראַן אַזוי ווייניק יידן אויף אָנגעזעענע שטעלעס אין דער ליטווישער רעגירונג?

און ענדלעך, פֿאַר וואָס האָט ער, דער אַמאָליקער יידישיסט און זשורנאַליסט, זייענדיק אַ מיטגליד אין די העכסטע סאָוויעטישע אינסטאַנצן, גאָרנישט געטאָן, כדי די ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס זאָלן אויפלעבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד?

זימאַנאַס האָט מיר געגעבן די תשובות אויף מיינע פֿראַגן לויט זייער וויכטיקייט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט:

„1) מיינט נישט, אַז אפילו בעתן פּעריאָד פֿון „פּערזאָנען־קולט" און ספּעציעל די פּאָר יאָר נאָך דעם (איידער די ערשטע ביכער אויף יידיש זענען דערשינען) האָב איך נישט, אייף פֿאַרשידענע מאָסקווער באַראַטונגען אין די העכסטע אינסטאַנצן, באַרירט די פֿראַגע וועגן באַנייען די קולטור־טעטיקייט אויף יידיש. איך האָב געהאַט מעכטיקע שטיצער פֿון מיינע פֿאָרשלאַגן. אָבער זיי פֿלעגן דורכפֿאַלן צוליב קאַגאַנאָוויטשעס אָפּאָזיציע. מער קען איך אייך וועגן דעם נישט זאָגן.

„2) איר זאָגט, אַז מען האָט ביי אונדז אין ליטע פֿאַרווערט באַקן מצות?

* אגב, שטימט דאָס מיט מיין אייגענער דערפֿאַרונג מיט ל. קאַגאַנאָוויטש, וועלכן איך האָב געפֿרעגט אין אויגוסט 1956 די זעלבע פֿראַגע וועגן באַנייען די קולטור אויף יידיש. ער האָט דאַן טעמפּ און איינגעשפּאַרט געענטפֿערט: „יידן אַליין ווילן זיך אַריינגיסן אין ים פֿון דער רוסישער קולטור און זיי ווילן גאָרנישט צוריקקערן זיך צו יידיש". בעת אונדזער געשפּרעך איז קאַגאַנאָוויטש געווען דער ערשטער וויצע־פּרעמיער פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. ווער אין פּרעזידיום שטערט נאָך איצט צו ענדערן די באַציונגען צו די יידישע קולטור־באַדערפֿענישן, איז פֿאַרשטייט זיך אַ סוד. (ח. ש.)

אָבער אַלע יידן, וואָס האָבן געוואָלט האָבן דאָך געהאַט מצות. (איך רייס אים איבער: „זיי האָבן ריזיקירט און געבאַקן אומלעגאַל"). איך אַליין האָב דאָך ליב מצות און וואָלט אייך געגומען צו מיר אַהיים פּאַרזוכן די מצות־און־אייער, וואָס מיר האָבן געגעסן...

„3) פּאַר וואָס די געריכטס־מאַכט האָט אויסגעטיילט די יידישע ספּעקו־לאַנטן אויף אַ באַזונדערן פּראָצעס, איז אַ טעכניש־יורידישע און פאַרפּלאָנ־טערטע פראַגע, וועלכע איך נעם זיך נישט אונטער צו פאַרענטפערן. אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט: די טעג האָט זיך פאַרענדיקט דער פּראָצעס פון ביי־שאָף פון קלייפּעדע און דעם גלח פון שאַוועל, וועלכע זענען געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק צוזאַמען מיט רוסן און פאַליאַקן. אויך דעם פּראָ־צעס האָבן מיר געוויזן אויף טעלעוויזיע און באַשריבן אין די צייטונגען. זיי האָבן אַלע באַקומען פון אַכט ביז צען יאָר תפיסה"...

„אָבער נישט טויט־שטראָף, ווי די אַלע יידישע באַשולדיקטע!"

„ניין, נישט טויט־שטראָף! און לאָמיר וועגן דעם נישט דיסקוטירן".

איך פאַרבייס אַזש די ליפּן פאַר פאַרדרוס, אָבער איך דיסקוטיר נישט מער.

זימאַנאַס גיט צו ביי דער געלעגנהייט:

„איר זאָגט, אַז ווייניק יידן פאַרנעמען ביי אונדז הויכע שטעלעס. ביך איך דאָך אַליין די לעבעדיקע אָפּלייקענונג פון דעם. איך פאַרנעם איינע פון די העכסטע שטעלעס אין דער מלוכה, באַקום גאָר אַ הויכן געהאַלט, פאָר אַרויס אָפט אין אויסלאַנד און אויך ניו־יאָרק האָב איך אָפיציעל באַזוכט; איך בין פיין געקליידט, האָב אַ שיינע דירה"...

מוז איך מודה זיין, אַז איך האָב זיך ברייט צעשמייכלט אויף דער דאָזי־קער „טיראַדע". איך האָב אויך געשמייכלט אויף זימאַנאַס זאָג, אַז „יידן פילן זיך אין ליטע צווישן גוטע, פרידלעכע און פיינע שכנים"...

און דאָ הייבט זיך אָן דער טייל פון מיין געשפּרעך מיט זימאַנאַסן, ווען איך האָב דערפילט, אַז געראַכט איז ער, אַז איך, אַלס אַמעריקאַנער, קען אים אויף זיין פראַגע קיין באַפרידיקנדיקע תשובה נישט געבן. און די פראַגע איז געווען:

„פאַר וואָס שפּאַצירן אַרום אין שיקאַגאָ, אין פילאַדעלפיע, אין קאַלי־פאָרניע און אין אַנדערע פלעצער יידן־מערדער אויף דער פריי און זיי לעבן ביי אייך אין ווילטאָג? נאָט אייך דעם גאַנצן מאַטעריאַל, מיט די פאָטאָ־גראַפיעס, מיט די אַדרעסן פון די דאָזיקע מערדער, וועלכע מיר משפּטן

אונטער די אויגן, ווייל אַמעריקע זאָגט זיך אָפּ זיי אַרויסצוגעבן, מיר דאָ משפּטן און הענגען זייערע קלענערע געהילפן. פאַר וואָס?

„אויב איך האָב היינט געווידמעט אַזוי פיל צייט פאַר אייך, איז דאָס קודם־כל דערפאַר, ווייל איר האָט מיט אַ יאָר צוריק אין אייער ניו־יאָרקער צייטונג, אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, פאַרעפנטלעכט דעם אַרטיקל וועגן דעם מערדער פון די ווילקאָמירער יידן, מיעטשיסלאַוו פּאַשקעוויטשוס, וועלכער לעבט זיך פריי און אין לוקסוס ביי אייך, אין שיקאַגאָ.

„דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט אונדז געגעבן דער פאַרזיצער פון דער ווילנער קהילה גרשון קאַבאַס. מיר האָבן מיט באַפרידיקונג פעסטגעשטעלט, אַז עפּעס האָט זיך מסתמא ביי אייך אַ ריר געטאָן. אייער אַרטיקל איז אַפילו ציטירט געוואָרן דורך אונדזער טעלעגראַפן־אַגענטור.

„אָבער וואָס איז פון דעם געוואָרן? גאָרנישט! מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אויף גאַנצע זייטן פון אונדזערע צייטונגען דאָס עדות זאָגן פון יידן און נישט־יידן, וועלכע האָבן צוגעזען די סאַדיסטישע גרויזאַמקייטן פון דעם דאָזיקן פּאַשקעוויטשוס. מיר האָבן פאַרמשפּט צום טויט און טאַקע דערשאָסן זיינע קלענערע מיטאַרבעטער. און ער, דער הויפּט־מערדער לאַכט זיך גאָר אויס פון דעם אַלעמען. ער נעמט אויף דעם רעפּאָרטער פון דער „שיקאַגאָ טריביון״; ער ווייזט אים זיין נייע היים די הונדערטער ווינטשקאַרטן, וואָס ער האָט באַקומען צו ווייַנאַכט. ער זאָגט, אַז ער איז טאַקע געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאָליציייִשער אָפּטיילונג, אָבער ער איז קיין שום מאָרדן נישט באַגאַנגען.

„מיר דרוקן פאָטאָגראַפיעס פון מערדער, פאָטאָסטאַטן פון אויפשריפטן, וועלכע זענען מיט בלוט געמאַכט געוואָרן דורך זיינע קרבנות, איידער מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין אַן אַלגעמיינעם גרוב. די דאָזיקע אויפשריפטן רופן צו נעמען נקמה פאַר דעם טויט פון טויזנטער, וואָס זענען אומגעקומען דורך דעם זעלביקן פּאַשקעוויטשוס.

„נו, און איר דאָרטן, אין אַמעריקע, מאַכט אַ שוויג. אָבער איר קלאָגט זיך, וואָס אין ראַטן־פאַרבאַנד איז קיין יידיש טעאַטער נישטאָ...״

זימאַנאַס פאַרלירט ביסלעכוויַיז זיין רויקייט, וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטן בעת אונדזער ביז איצטיקן געשפּרעך. מען זעט אַז עס האָט זיך צעקאָכט אין אים דער אַמאָליקער ייִד פון דעם קליינעם שטעטל, דער גואל הדם, וועלכער דרימלט אין יעדן פון אונדז און זידט אויף, ווען אַ געשפּענסט פון אַ יידן־מערדער באַווייזט זיך.

ער נעמט אַרויס פון אַ שופלאָד עטלעכע צייטונגען, און ער זאָגט:

„נעמט דאָס מיט זיך. לייענט און שטודירט. דאָס איז אַ נייער פאַל פון אַ שרעקלעכן מערדער, וועלכער לעבט זיך רויק אין פילאַדעלפיע. זיין נאָמען איז אַנטאַנאַס אימפּולעוויטשוס. ער האָט אויף זיין געוויסן די יידן אין קאָוונע, אין באַראַנאָוויטש און אין סלאָנים. ער איז געווען דער קאָמאַנ־דיר פון דער ספּעציעלער ליטווישער פּאָליצייאישער בריגאַדע, וואָס טראָגט די פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אומצייליקע מערדערייען.

„מיר האָבן געכאַפּט זיבן פון זיינע מיטהעלפערס, אַלע נידעריקערע אין ראַנג, ווי ער, דער באַפעלגעבער. אין גיכן וועט פאַרקומען זייער עפנטלע־כער משפּט. און, גלייבט מיר, זיי וועלן אַלע מיט זייערע לעבנס באַצאָלן פאַר די פאַרגאַנגענע פאַרברעכנס.

„איז ווי אַזוי קענט איר, אַמעריקאַנער יידן, וועלכע האַלטן אונדז אין איין מאַכן פאָרוווּרפן פאַר אונדזער באַציונג צו יידן, נישט אויפשטורעמען די עפנטלעכע מיינונג קעגן דעם, וואָס אין פילאַדעלפיע זיצט דער הויפּט־שולדיקער אויף דער פריי, און ער לאַכט זיך אויס חוצפּהדיק פון אַלע באַ־שולדיקונגען קעגן אים, באַשולדיקונגען, וואָס זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורך דאָקומענטן און פאָטאָגראַפיעס. ער אַליין דערקלערט, אַז ער איז טאַ־קע געווען אַ פּאָליצייאישער מאַיאָר און דער קאָמאַנדיר פון אַ שטראָף־באַ־טאַליאָן, אָבער ער אַליין האָט קיין מענטשן נישט געמאָרדעט... מיר ווייסן, אַז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס פאַרנעמט זיך מיט זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן אַלע מערדערס, וואָס לעבן פריי אין אַמעריקע און אין קאַנאַדע. און זייער צאָל איז דאָך מער ווי הונדערט! מיר ווייסן אויך, אַז עס פאַרנעמט זיך מיט דעם אַזאַ יורידישער ספּעציאַליסט און גוטער ליטווישער ייד, ווי ד״ר נ. ראָבינסאָן. אָבער ווו זענען די רעזולטאַטן?

„ווען דער פּרעזידענט פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, ד״ר נחום גאָלדמאַן, וועלכער ווייזט אַרויס אַזוי פיל קעמפערישקייט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן מאַנען פון דעם ראַטן־פאַרבאַנד רעליגיעזע און קולטורעלע רעכט פאַר יידן — ווען ער וואָלט געקענט אָנווייזן אויף עפּעס אַ קאָנקרעטן רעזול־טאַט, וואָס דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט דערגרייכט, כדי צו כאַפּן און באַשטראָפן די דערמאָנטע מערדערס פון יידן, ווי אַנדערש וואָלטן מיר אויפ־גענומען זיינע אַלע באַמיונגען!

„איך בעט אייך בשום אופן נישט אָפּצופּטרן אַלס „פּראָפּאַגאַנ־דע״ די אַלע מאַטעריאַלן און געריכטס־פּראָטאָקאָלן, וועלכע מיר געבן

איך מיט. דאָס וואָלט געווען אַ טיפע באַליידיקונג פאַר די דער־מאָרדעטע! די דאָזיקע דאָקומענטן טריפן מיט בלוט און זיי שרייען צו נע־מען נקמה!״

אַז דער צווייטער טייל פון דעם געשפּרעך מיטן זימאַנאַס האָט מיך דערשיטערט, איז איבעריק צו זאָגן. עס קען מיר יאָ געפעלן אָדער נישט געפעלן די קאַריערע פון דעם רעדאַקטאָר פון דער „פּראַוודאַ״ און מיט־גליד פון דעם פּאָליט־ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי, אָבער איך קען נישט און טאָר נישט בלייבן גלייכגילטיק צו די דאָקומענטן און פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז אין אונדזער שכנות, אָט דאָ ביי אונדזער זייט, לעבן אין פרייהייט די מערדערס פון אונדזערע ברידער און שוועסטער. זיי לעבן פריי בלויז דערפאַר, ווייל די אַמעריקאַנער מאַכט האָט נישט קיין צוטרוי צו די פאַקטן, וואָס ווערן איר איבערגעגעבן דורכן ראַטן־פאַרבאַנד. און אויב אַפילו די פאַקטן זאָלן זיך אַרויסווייזן אַלס אמת, ווילן מיר נישט איבערגעבן די דאָזיקע פאַרברעכערס צו דער סאָוועטישער מאַכט, ווייל זיי זענען נישט זיכער, אַז דער משפּט קעגן זיי וועט זיין מיט יושר און גערעכטיקייט. אָט דאָס ווערט אָנגעגעבן אַלס דער מאָטיוו, פאַר וואָס מיר ענטפערן נישט פּאָזיטיוו אויף דער ביטע פון אַרויסגעבן זיי די מערדער, כדי מען זאָל זיי קענען משפּטן אויפן אָרט פון זייערע פאַרברעכנס.

נאָך אין אָנהויב פון דעם 17טן יאָרהונדערט האָט דער באַרימטער האָלענדישער געלערנטער הוגאָ גראָטיוס, „דער פאָטער פון אינטערנאַציאָ־נאַלן רעכט״, געוואָרפן די לאָזונג בנוגע פאַרברעכערס, וואָס באַהאַלטן זיך אין אַנדערע לענדער. ער האָט געזאָגט: „אַאוט פּונירע אַאוט טראַדערע״. איבערגעזעצט פון לאַטייניש מיינט עס: „אָדער שטראָף אַליין דעם פאַר־ברעכער, אָדער גיב אים אַרויס צו דעם לאַנד, וואָס פאָדערט אים״.

אויב דאָס איז געווען אמת מיט איבער דריי הונדערט יאָר צוריק, איז פאַר וואָס זאָל מען דעם דאָזיקן יורידישן פּרינציפּ נישט באַנוצן אין אונדזער צייט, נאָך דעם אינטערנאַציאָנאַלן נירענבערגער פּראָצעס?

אַגב, אויב מען געטרויט נישט דעם ראַטן־פאַרבאַנד, פאַר וואָס זאָל מען די דאָזיקע מערדערס אויף דער פריי נישט אַרויסגעבן צו מערבֿ־דייטש־לאַנד, ווו אַ ספּעציעל געריכט איז עטאַבלירט געוואָרן צו משפּטן פאַר פאַרברעכנס בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע פון אייראָפּע?

צי האָט מען דען ביי אונדז מורא, אַז אויך אַ מערבֿ־דייטש געריכט וועט צו שטרענג באַהאַנדלען די פּאַשקעוויטשוסעס און די אימפּולעוויטשוסעס?

ווען איך האָב איצט אין ווילנע זיך געטראָפן מיט ר׳ גרשון קאָב, וועל־כער האָט אַלס פאָרזיצער פון דער יידישער רעליגיעזער קהילה געשיקט צו מיר, מיט איבער אַ יאָר צוריק, דעם בריוו מיט די מאַטעריאַלן וועגן פאַשקעוויטשוסן, האָט ער געהאַט צו מיר די פאָלגנדיקע גערעכטע טענה:

„פאַר וואָס האָט איר אין אייער אַזוי טעמפּעראַמענטפולן אַרטיקל געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן אַ באַמערקונג, אַז אויב איך, קאָב פון וויל־נע, דערלויב זיך אייך צו שרייבן דירעקט קיין ניו־יאָרק, טו איך דאָס מסתמא לויט דער עצה פון דער מאַכט? פאַר וואָס האָט איר נישט געוואָלט גלייבן, אַז איך טו דאָס אַלס ייד, אַלס אָנפירער פון דער קהילה, וועמעס האַרץ איז מיט בלוט פאַרגאָסן געוואָרן, ווען מיר האָבן געלייענט וועגן דעם פּראָצעס פון פאַשקעוויטשוסן, מיט זיינע העלפערס און זייער עדות זאָגן וועגן דעם שעף, וועלכער געפינט זיך אין אַמעריקע? פאַר וואָס האָט איר אין אַ פאַס האַניק, ווי עס איז געווען אייער אַרטיקל וועגן די ליטווישע יידן, דווקא געוואָלט אַריינגיסן אַ לעפל סמאָלע, אייער חשד קעגן מיר?"

איך האָב זיך דערפילט אומבאַקוועם, אויסהערנדיק קאָבס פאָר־וורף, און איך האָב זיך פאַר אים אַנטשולדיקט.

לאָמיר פון דעסטוועגן צוגעבן אַ געוויסן פאַקט, וועלכן איך האָב נאָך קיין מאָל נישט פאַרעפנטלעכט:

גלייך נאָכן באַקומען מיט אַ יאָר צוריק דעם בריוו פון דער ווילנער קהילה מיט די מאַטעריאַלן וועגן פאַשקעוויטשוסן, בין איך געוואָרן אומ־רויק, און איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין שיקאַגאָ אויף מיין אייגענעם חשבון און זען צי קען מען עפּעס דאָרט טאָן.

איך בין צו ערשט אַוועק צו ד״ר נחמיה ראָבינסאָן, וועלכער האָט שוין פון פריער געהאַט אַלע אינקרימינירנדיקע מאַטעריאַלן. איך האָב אים גע־בעטן, אַז ער זאָל מיך פאַרבינדן מיט זיינע שיקאַגער פאָרשטייערס. דאָס איז גלייך געטאָן געוואָרן טעלעפאָניש.

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך זיך געטראָפן מיט די פאָר־שטייערס פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס מאַקס קאָפּשטיין און מאָריס קלינ־גער. איך האָב זיי געבעטן מיר צו געבן אַ באַגלייטער, כדי פערזענלעך צו באַזוכן דאָס הויז פון מערדער פאַשקעוויטשוס, לויט דעם אַדרעס, ווי עס איז געווען אָנגעוויזן אין דער ווילנער „פּראַוודאַ״. איך האָב אויך געוואָלט אָפּ־האַלטן אַ געשפּרעך מיט דעם רעפּאָרטער פון דער „שיקאַגאָ טריביון״, דאָ־

נאָלד יאַכוש, וועלכער האָט באַזוכט פּאַשקעוויטשוסן, און שפּעטער האָט ער געשריבן, אַז די באַשולדיקונגען קעגן דעם ליטווינער זענען „נאַריש״.

אין דער באַגלייטונג פון מ. קלינגער האָב איך באַזוכט דאָס הויז פון דעם פאַרברעכער. דאָס איז אַ נייע, שיינע ווילע. דאָרט האָב איך געטראָפן צוויי פּרעכע ליטווינישע פרויען. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, זע־נען זיי די טעכטער פון פּאַשקעוויטשוסן. זיי האָבן מיט כעס און מיט חוצפּה אויסגעשריגן, אַז פּאַשקעוויטשוס וווינט שוין דאָ נישט מער. זיי האָבן אויך געוואָלט וויסן, פאַר וואָס מיר באַאומרויקן אַן אומשולדיקן מענטשן...

שפּעטער זענען מיר אַוועק צו דער „שיקאַגאָ טריביון״, ווו דער אָפּ־טיילונג־רעדאַקטאָר, נאָך דעם, ווי ער האָט געהאַט אויסגעהערט מיין טע־נה, אַז זיין רעפּאָרטער האָט צו אָפּטימיסטיש און צו לייכטגלויביק איבער־געגעבן פּאַשקעוויטשוסעס נוסח פון דער געשיכטע — האָט מיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט דעם רעפּאָרטער יאַכוש.

אויך אים האָב איך אויפגעקלערט אין וואָס עס האַנדלט זיך. יאַכוש האָט מיר געזאָגט:

„איך בין גאָרנישט איבערצייגט, אַז פּאַשקעוויטשוס איז אַן אומשולדיק לעמעלע. מיין איינדרוק איז גראַד אַ פאַרקערטער, אָבער וועלכע באַווייזן האָב איך דען ?...״

נאָך מיין אַוועקפאָרן פון שיקאַגאָ האָט מאָריס קלינגער באַזוכט דעם אַסיסטענט־דירעקטאָר פון דעם „יו־עס נעטשוראַליזעישאָן אָפיס״ אין שי־קאַגאָ, כדי אויסצוגעפינען ווי עס האַלט מיט פּאַשקעוויטשוסעס בירגער־פּאַפּירן. דער דירעקטאָר האָט אים געוויזן די גאַנצע טעקע מיט מאַטעריאַלן וועגן פּאַשקעוויטשוסן.

ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן נישט בלויז די דאָקומענטן וואָס איך באַ־זיץ, נאָר נאָך פיל מער. דאָס זענען אַלץ קלאָרע באַשולדיקונגען, וועלכע קומען אָבער בלויז פון סאָוועטישע קוואַלן. דאָס איז דערווייל גענוג אָפּצו־האַלטן פּאַשקעוויטשוסן צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער. אָבער די אַלע מאַ־טעריאַלן זענען נישט גענוג איבערצייגנדיק, לויט דעם באַאַמטנס מיינונג, צו שטעלן פּאַשקעוויטשוסן פאַר אַן אַמעריקאַנער געריכט. אַנדערש וואָלט געווען דער פאַל, אויב בירגער פון אַמעריקע, קאַנאַדע, אָדער אַפילו פון מדי־נת ישראל, זאָלן צושיקן באַשולדיקונגען קעגן פּאַשקעוויטשוסן.

ביי דעם זענען מיר שטיין געבליבן.

סיי קעגן פּאַשקעוויטשוסן, סיי קעגן אימפּולעוויטשוסן זענען נויטיק

געשווירענע עדות־זאָגונגען, וועלכע עס איז ראַטזאַם צו שיקן צו ד״ר נ. ראָבינסאָן, יידישער וועלט־קאָנגרעס, 15 איסט 84־טע גאַס, ניו־יאָרק.

דערווייל האָט מיין רעדאַקציע־קאָלעגע פ. סאַנדלער באַקומען אַ בריוו פון זיינע נאָענטע קרובים אין ליטע. אין דעם דאָזיקן בריוו איז געלעגן אַ פולער סטענאָגראַפישער באַריכט פון פּראָצעס, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1962 איבער דער באַנדע מערדערס, וועלכע זענען געווען די מיטאַרבעטער און געהילפן פון דעם פילאַדעלפיער „אורח״ אימפּולעוויטשוס. דריי טעג האָט דער פּראָצעס געדויערט. און מען האָט אים געוויזן און געהערט אויף טעלעוויזיע און ראַדיאָ.

איך האָב די סטענאָגראַמעס גענוי דורכגעלייענט, נישט אויף איין מאָל, וואָרעם דער ווייטיק איז געווען צו גרויס, נאָר ביסלעכווייז, אין משך פון אַ וואָך.

וואָס זאָל איך אייך דאָ זאָגן? עס איז פּשוט אומדערטרעגלעך איבער־צוגעבן די סצענעס פון מאָרד, רויב, פאַרגוואַלדיקונגען, צו וועלכע די פאַר־האַרטעוועטע זיבן סאַדיסטן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק האָבן זיך מודה געווען.

אין ביישפּיל וועל איך אָבער יאָ ברענגען. דער פּראָקוראָר פרעגט דעם באַשולדיקטן מאַטיוקאַס:

„מען האָט דאָ געבראַכט באַווייזן, אַז דו האָסט פּערזענלעך אָנטייל גע־נומען אין פאַרניכטן אַרום צוואַנציק טויזנט סאָוועטישע בירגער. איז דאָס אמת?״

„איך ווייס נישט!״ — ענטפערט מאַטיוקאַס — „איך האָב אויף די פינגער זיי נישט געציילט״.

דער פּראָקוראָר: „צי האָסטו כאָטש אַ ביסל חרטה אויף דיינע מעשים״?

מאַטיוקאַס: „ניין! אויב איך האָב אָבער יאָ חרטה אויף עפּעס, איז עס בלויז דאָס, וואָס איך בין נישט באַצייטנס אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. איך וואָלט דאָרט רויק געלעבט, ווי מיין שעף לעבט זיך דאָרט איצט רויק אויס״.

מאַטיוקאַסעס שעף איז דער געוועזענער מאַיאָר פון דעם ספּעציעלן שטראָף־באַטאַליאָן, אַנטאַנאַס אימפּולעוויטשוס, וואָס געפינט זיך איצט אויף דער פריי, אין פילאַדעלפיע.

מאַטיוקאַס און זיינע חברים ליגן שוין איצט דערשאָסענע און פאַרשאָ־טענע אין אַ גרוב לעבן ווילנע.

אין דעם גאַנצן סטענאָגראַפישן באַריכט ווערט קיין איינציק מאָל נישט

דערמאָנט, אַז דער גרעסטער טייל פון די קרבנות זענען געווען יידן. עס רעדט זיך בלויז וועגן „בירגער" און „רויטאַרמייער".

צי שוין זשע האָט מען אין די ליטווישע רעגירונגס־קרייזן געהאַלטן, אַז ווען מען רופט אָן די קרבנות אַלס יידן, וואָלט די ליטווינער נישט אַזוי ענטוזיאַסטיש רעאַגירט אויף די טויט־אורטיילן קעגן די מערדערס?

*

איך האָב אין ווילנע אַ טייערן אַלטן חבר פון מיינע צייטן אין כאַרקאָוו. אים אַליין האָב איך שוין נישט געזען פערציק יאָר, ווען מיר האָבן זיך צע־שיידט אויפן כאַרקאָווער וואָקזאַל: ער און זיין ברודער זענען אַוועק קיין ליטע; איך בין געפאָרן קיין וואַרשע. אָבער געהערט האָב איך פון די ביידע ברידער גאָר אָפט: דער עלטערער איז פון ליטע אַוועק קיין ישראל, געוואָרן דאָרט אַ באַרימטער פירער און געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק. איך פלעג אים אָפט באַגעגענען.

דער ייִנגערער ברודער האָט אין ליטע פאַרנומען אַ פּראָמינענטע שטע־לע אויפן עקאָנאָמישן געביט, אָבער פוילן און ליטע זענען געווען צעקריגט און מען האָט פון וואַרשע קיין קאָוונע נישט געקענט פאָרן.

אויך די פרוי פון מיין ווילנער חבר האָט געהערט צו אונדזער כאַרקאָ־ווער קרייז, וווּ די „צעירי ציון"־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן און אַרויס־געגעבן פון זיך שפּעטערדיקע מיניסטאָרן, הגנה־פירערס, דיפּלאָמאַטן און אויך גאָר חשובע אַרעסטאַנטן — „אסירי ציון", וואָס האָבן צופוס געמאָסטן די סיבירער טייגעס.

איך ווייס, אַז חבר איקס אַרבעט נאָך איצטער אין אַ סאָוועטישער אינס־טיטוציע; איך ווייס אויך, אַז ער וווינט אין אַ קליין ענג דירהלע צוזאַמען מיט זיין זון דעם אינזשעניר. טעלעפאָניר איך צו זיי און דערהער די שטי־מע פון מיין חבר. זי ווערט אָבער פּלוצלינג דערשטיקט פון גערירטקייט, ווען ער דערהערט מיין נאָמען.

„איך וויל דיך זען — דיך און באַסיען. ווען איר קומען צו מיר אין האָטעל?" דערהער איך די תשובה: „ניין, צו דיר אין האָטעל קענען מיר נישט קומען. אפשר ערגעץ אין אַ קאַפע־הויז?" „גוט — זאָג איך — מאָרגן זיבן פרי — איידער דו גייסט צו דער אַרבעט". ווידער די ציטעריקע שטי־מע פון יענער זייט טעלעפאָן: „גוט, איך וועל זיך באַמיען מיר זאָלן קומען אין דער־און־דער קאַפע".

אָבער מאָרגן, זיבן אין דער פרי, איז אין יענער קאַפע אַריין נאָר אַן איינזאַמע פרוי. דורך דער געדיכטעניש פון די פאַרלאָפענע פערציק יאָר דערקען איך אין דער פרוי די אַמאָליקע בליענדיקע סטודענטקע באַסיע. דער מאַן האָט נישט געקענט קומען — איך דאַרף פאַרשטיין און מוחל זיין. מען איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן נאָך מיין טעלעפאָן: אַזוי פיל זיך דערמאָנט, אַזוי פיל גרוסן דערוואַרט. עס איז געבליבן, אַז דער מאַן זאָל נישט גיין... אָבער זי, וואָס אַרבעט שוין נישט אויף קיין שטעלע, זאָל זיך יאָ מיט מיר טרעפן.

באַשטעל איך קאַווע פאַר אונדז ביידן און קלייב זיך איבערגעבן די גרוסן פון זייער משפחה, מיט וועלכער איך האָב זיך באַגעגנט אין ישראל. איך קוק זי אָן: די אויגן קוקן אַרויס אַזוי ווי געשוואָלן פון טרערן אָדער שלאָפלאָזיקייט — זאָל דאָס זיין צוליב דער אומרויקער נאַכט, וועלכע זיי האָבן פאַרבראַכט נאָך מיין טעלעפאָן?

באַסיע באַוויזט נאָר אַ זופּ צו טאָן פון איר גלאָז, גייט אָבער פּלוצלינג אַריין אין קאַפע־הויז אַ סאָוויעטישער פּאָליציי־אָפיציר. ווי נאָר באַסיע דערזעט אים, גיט זי זיך אַ נערוועזן הייב אויף, גיט שנעל אַ זאָג אין רוסיש: „דאָ סווידאַניא" (אויף ווידערזען) און פאַרלאָזט מיך אַ דערשטוינטן.

גראַד דאַן ווען איך בין פון דער דאָזיקער אומעטיקער באַגעגעניש צוריקגעקומען אין מיין האָטעל, האָב איך אונטן אין וואַרטע־צימער באַגעגנט דעם מענטשן, מיט וועלכן איך האָב געשלאָסן באַקאַנטשאַפט דאָ אין ווילנע מיט צוויי יאָר צוריק. דאָס איז דער ליטאָגראַפישער אַרבעטער משה לערנער פון אורוגווייַ. אפשר וועלן זיך מיינע לעזער דערמאָנען, אַז לערנער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט אין די רוסיש־ליטווישע אַפּישן פון יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו אַריינגעשטעלט מיט יידישע אותיות דעם נאָמען פון דער פּיעסע און פון מחבר. אַזוי ווי קיין נאָרמאַלע „אלף־בית"־אותיות און בליי זענען אין ווילנע נישטאָ האָט דער גראַפיקער לערנער אויסגעשניטן פון אַ שוואַרצער צעראַטע דעם „אַלף־בית", נאָך וועלכן מען האָט געדרוקט אַפּישן.

משה לערנער, דאַרפט איר וויסן, איז געווען איינער פון יענער גרופּע ליטווישע „אידעאַליסטן", וואָס האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרלאָזן אורוגווייַ, וווּ ער האָט געהאַט פּרנסה בשפע, אַוועק נאָכן רוף פון „אַלטן סאָוועטיש־ליטווישן פאַטערלאַנד" און זיך אומגעקערט קיין ווילנע.

איך בין אַ ביסל איבערראַשט פון דער איצטיקער באַגעגעניש מיט לערנערן אין האָל פון מיין האָטעל.

מיר באַגריסן זיך וואַרעם און פריינדשאַפטלעך. איך גיב איבער לערנערן דעם גרוס פון זיין מאַמען און זיינע שוואָגערס. ער וויל זיך מיט מיר באַגע־גענען מאָרגן, ווען איך וועל שוין נישט זיין אַזוי פאַרנומען, אָבער מאָרגן גאַנץ פרי פאָר איך דאָך אַוועק. זאָג איך אים צו, אַז איך וועל בעת מיין נייעם וויזיט אין אורוגוויי ווידער זאָגן זיין משפחה, אַז ער און זיין זון פילן זיך גאַנץ גוט.

איך בין געווען אונטערן איינדרוק, אַז לערנער האָט בשום אופן מיך נישט אויסגעמיטן אין ווילנע, און אפשר גאָר האָט ער געזוכט די באַגעגע־ניש מיט מיר?

געפין איך אָבער אין דער קאָמוניסטישער צייטונג פון פאַריז („בייע פּרעסע" פון 22סטן יוני) אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ווילנע, אונטערגעשריבן פון איינעם ה. בלאָשטיין, אין וועלכער מען באַפאַלט מיך אַלס אַן אָנהענגער פון „קאַלטן קריג" און שונא פון ראַטן־פאַרבאַנד. און דערביי ווערט דער־ציילט, אַז דעם דערמאָנטן משה לערנער פאַרדריסט נאָך ביז היינט גאַנץ שטאַרק, וואָס ער האָט מיך נישט „אויסגעמיטן" בעת מיין זיין אין ווילנע...

בלאָשטיין פון ווילנע דאַרף דאָך פאַרשטיין, אַז איך האָב יאָ אַ מענטש־לעכע באַציונג צום גראַפיקער מ. לערנער און צו זיין אַלטער מאַמען אין אורוגוויי — וועל איך דעריבער מוזן דורכלאָזן די אמתע תשובה אויף דער פראַגע: ווער וועמען האָט אויסגעמיטן אין ווילנע: איך — לערנערן, צי לערנער מיך?

ווען מיין טייערער חבר איקס פון ווילנע האָט ווירקלעך אויסגעמיטן מיך צו זען אַן אַ פאַרוואָס, — האָב איך די תשובה געפונען אין די פון טרערן געשוואָלענע אויגן פון זיין פרוי.

אָבער אויך פון לערנערס אויגן האָב איך פּרובירט געפינען די תשובה אויף מיין שטומער פראַגע: „צוליב וואָס האָסטו געמאַכט דעם בייט פון מאָנטעווידעאָ אויף ווילנע?"...

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז אין ריגע און אין ווילנע בין איך געווען מיט אַ גרופּע פון אַמעריקאַנער דאַמען, וועלכע האָבן די היטלער־יאָרן פאַרבראַכט אין די געטאָס און לאַגערן פוןביידע שטעט.

די דאָזיקע ווילנער געבוירענע פרויען האָבן זיך געטראָפן מיט באַ־

קאַנטע פון אַמאָל; אַנדערע זענען געקומען זיך זען מיט זיי פון ווייטע שטעט; אַנדערע האָט מען באַזוכט אין זייערע וווינונגען אין ווילנע.

פון אַט די אַלע באַגעגענישן נעם איך אַרויס נאָר עטלעכע כאַראַקטע־ריסטישע:

פרוי איגרעק אין רוסלאַנד האָט געוווסט פון אַ בריוו, אַז די אַמעריקאַ־נער פריינדין אירע קומט אין אַ באַשטימטן טאָג קיין ווילנע. איז זי געקומען אַזש פון אַ שטעטל ביי דער פינלענדישער גרענעץ, ווו זי וווינט. אַזוי ווי זי האָט מורא געהאַט אַריינגיין אין האָטעל, האָט זי לאַנג געוואַרט אין גאַס ביז די אַמעריקאַנער גרופּע איז אַרויס.

„אפשר — זאָגט זי — דאַרף איך גאָרנישט אַזוי מורא האָבן? אָבער בעת סטאַלינס צייטן איז איר מאַן, דער אינזשעניר, געזעסן פינף יאָר אין תפיסה און זי אַליין — דריי יאָר. איצט איז זיי גוט. זיי פילן זיך אַ סך פרייער. זיי ביידע פאַרדינען גענוג אויף אַ שיין לעבן אין זייער ווייטן שטעטל. וויל זי, אַז מען זאָל איבערגעבן אַ גרוס איר שוועסטער אין שיקאַגאָ, מיט וועמען זי האָט פאַרלוירן די פאַרבינדונג. זי וויל אָבער, אַז מען זאָל זיך דורכשרייבן דורך אַ פריינדין אין ווילנע, נישט דירעקט. אפשר דאַרף מען נישט מורא האָבן, אָבער זי וויל זיין זיכערער — גענוג זיך אָנגעליטן אין די פריערדיקע יאָרן".

און דאָ איז די פריינדין פון קאָוונע. דער מאַן איז דאָרטן אַ קוואַליפי־צירטער בעל־מלאכה, פאַרדינט אָבער נאָר אַכציק רובל אַ חודש און דאָס איז גענוג אויף עסן אַליין. מ׳וואָלט אפשר עפּעס געקאָנט פאַרדינען „אין אַ זייט" — איז אָבער די מורא פאַר שטראָף גרויס: נישט לאַנג צוריק האָט מען איר מאַן גערופן אין דער פּאָליציי און געוויזן אים אַ פאָטאָגראַפיע ווי ער טראָגט אין גאַס אַ פאַרניר־ברעט אויף די פּלייצעס. האָט מען אים גע־פרעגט, ווו האָט ער דאָס ברעט גענומען? עס איז אַ נס, וואָס דאָס ברעט האָט ער גראָד געטראָגן צו זיין „נאַטשאַלניק" אין וווינונג אויף יענעמס באַפעל: זאָל זיך יענער פאַרענטפערן, צי ער האָט רעכט געהאַט הייסן ברענגען דאָס ברעט צו אים אין וווינונג. דער „נאַטשאַלניק" האָט זיך אַרויסגעדרייט. אָבער איר מאַן איז שוין איצטער שטאַרק פאַרזיכטיק: ער וויל נישט קיין פאָטאָגראַפיעס מער!

און אָט גייט די אַמעריקאַנער דאַמע אין שפּיטאָל, ווו זי האָט געאַרבעט נאָך פאַר דער מלחמה. אַלע דאָקטוירים און שוועסטער זענען שוין ליטווי־נער. אַלע אַמאָליקע פּוילישע מעדיצינישע אַרבעטער זענען אַוועק אָדער

אַנטלאָפן. געבליבן איז נאָר איין אַלטע פּוילישע קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז אויף עמעריטור. זי באַקומט דרייסיק רובל אַ חודש, און דאָס איז אַ הונגער־פּענסיע. לאָזט מען איר אַרבעטן אַלס באַדינערין, וואָס וואַשט און רוימט, באַקומט זי נאָך עפּעס און לעבט ווי עס איז.

דער אָנבליק אין דער שפּיטאָל־לאַבאָראַטאָריע איז אַ טרויעריקער: די דאָקטוירים און „שוועסטער" — אין כאַלאַטן, וואָס זענען אַמאָל ווייס געווען. די אַפּאַראַטן און די כלים — אָפּגעלאָזן. די אַמעריקאַנער דאַמע ווערט אַרומגערינגלט פון מעדיציניש פּערסאָנאַל, וואָס אינטערעסירט זיך מיטן געזונט־צושטאַנד אין אַמעריקע. דערהערט, אַז טובערקולאָז איז ביי אונדז כמעט אויסגעראָטן — רופט זיך אָן אַ ליטווישער דאָקטער: „און דאָ, ביי אונדז, צוליב דער נישט דערנערונג, ענגשאַפט אין די וווינונגען און די שווערע סאַניטאַרע באַדינגונגען — זענען די טויט־פאַלן פון טובערקולאָז נאָך אָפטער ווי פאַרן קריג. און עס פעלן אונדז אויך מעדיקאַמענטן".

אַ וויזיט ביים באַרימטן אַמאָל מעדיצינער פון דעם „טאָז" ד״ר פייגענבערג. ער איז שוין אין די הויכע זיבעציקער און פּענסיאָנירט. אויף דער טיר פון זיין וווינונג איז פאַראַן אַ כאַראַקטעריסטישע אויפשריפט: „קלאַפּט שטאַרקער, ווייל דאָס גלעקל קלינגט נישט!" ווען ער עפנט די טיר און דערזעט די דאַמע, איז זיין ערשטע פראַגע: „זענט איר פון ישראל?" פאַרזיכערט מען אים, אַז מען איז פון ניו־יאָרק. לאָזט ער גערן אַריין. ער פרעגט זיך נאָך אויף זיינע אַלטע קאָלעגן, וואָס וווינען אין ניו־יאָרק, ספּעציעל אויף ד״ר לייב וואָלמאַן, דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון אַמעריקאַנער „אָזע".

עס קומט אַריין דעם דאָקטערס איידעם — אַ ליטווינער. אויף דער פּאָדלאָגע שפּילן זיך קינדערלעך מיט פּלאַסטישע קעפּלעך — דער נייער „געמישטער" דור, וואָס וואַקסט אין ווילנער גאַונס שטאָט.

די אַמעריקאַנער דאַמע בעט דעם דאָקטער ער זאָל אָנטעלעפאָנירן און אַרויסרופן אירס אַ באַקאַנטן אינזשעניר, ווייל זי ווייס נישט, צי יענער, אַ באַרימטער קאָמוניסט, וועט איר ענטפערן, אויב זי וועט דירעקט צו אים טעלעפאָנירן. און זי דאַרף אים איבערגעבן גרוסן פון קרובים אין ניו־יאָרק.

דער אינזשעניר, אַ יונגערמאַן פון איבער פערציק, קומט צו פאָרן מיט זיין אייגענעם אויטאָמאָביל.

דער אינזשעניר איז פעסט און זיכער ביי זיך און דערציילט פון זיין לעבן; זיין ווייב און טעכטערל זענען איצט אויף זייער אייגענער זומער־וווינונג ביי דער אַזיערע נאַראָטש. ער פאָרט דאָרט זייער אָפט אין זיין אייגע־

נעם אויטאָמאָביל. סיי ער און סיי זיין פרוי זענען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. ער פאַרדינט מער ווי צוויי הונדערט רובל אַ חודש און דאָס סטייעט אויף אַלץ. זיי לעבן אַ קולטורעל לעבן און פאָרן אפילו אין אויסלאַנד אויף לוסט־רייזעס. מען האָט אים אויך דערלויבט פאַרקויפן דאָס „דאַטשע־הויז" פון זיין אומגעקומענעם שווער (אַ דאָקטער) פאַר צען טויזנט רובל, וואָס האָט דערלויבט שטאַרק צו הויבן זייער לעבנס־סטאַנדאַרט. ער לייגט פאָר די אַמעריקאַנער געסט זאָלן פאָרן מיט אים צום נאַראָטש און פאַרברענגען אויף זיין „דאַטשע".

דער דאָזיקער אויסנאַם שטרייכט אָבער נאָך מער בולט אונטער דעם געדריקטן לעבנס־שטייגער, וועלכן עס פירן דער גרויסער רוב פון דער באַפעלקערונג, וועלכע געהערן נישט צו די פּריווילעגירטע.

נאָך איין וויזיט מאַכן מיר אין גרויסן הויז אין צענטער פון שטאָט, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו די עלטערן פון דער אַמעריקאַנער מעדי־צינערין. דאָס איז אַ מאָל געווען איינע פון די שענסטע הייזער אין ווילנע.

מיר גייען אַריין אין הויף. עס איז שווער דורכצוגיין די בלאָטע און שמוץ. די דירות — רוינירטע צימערן, אין וועלכע עס קוועטשן זיך אין ענגשאַפט ליטווישע פאַמיליעס מיט אַ סך קינדער. אויף די טרעפּ — אַנגע־וואָרפענער שמוץ. ביי דעם אַריינגאַנג, ווו אַ ליטווישער פויער פאַרקויפט פּאָמעראַנצן פון אַ מולטער, ציט זיך אַ לאַנגע ריי, וואָס דערגייט אַזש ביז דער רודניצקי־גאַס. און די פּאָמעראַנצן זענען גאָרנישט ביליק: מער ווי צוויי רובל אַ קילאָ. מען פאַרקויפט נישט מער ווי אַ האַלבן קילאָ יעדערן.

דערמאָנט מען זיך, נישט ווילנדיק, אין יענע יידענעס, וואָס פלעגן פאַרקויפן די געפּרווירענע עפּל אויף די אַמאָליקע ווילנער הויפן.

אויך דאַן איז געווען אָרעם און שמוציק — אָבער עס איז געווען נאָך עפּעס: די גרויסקייט פון ווילנער טאַטעס און פון זייערע אויפגעוואַקסענע קינדער. איצט זע איך נישט מער ווי די אָפּגעלאָזנקייט און די פאַרעמדקייט.

און פאַר דער אַמעריקאַנער דאַמע, וואָס האָט אין דאָזיקן הויז איר ליכטיקע קינדהייט פאַרבראַכט — בלייבט נישט מער, ווי פאַרגיסן אַ טרער נאָך יענע טעג און יאָרן, וועלכע זענען פאַרטרונקען געוואָרן אין ים פון בלוט.

דורכפאָרנדיק ביאַליסטאָק

איך האַלט שוין ביים פאַרלאָזן ווילנע און דעם ראַטן־פאַרבאַנד בכלל. דאָס מאָל האָב איך פאַרבראַכט דאָ שיינע עטלעכע וואָכן, און נישט בלויז באַזוכט די הויפטשטאָט, נאָר זיך אויך אַ ביסל אָפּגערוט אין די קורערטער פון קרים און קאַווקאַז. איך האָב זיך באַגעגנט מיט פיל יידן פון אַזעלכע געגנטן, וואָס זענען פאַר טוריסטן פאַרמאַכט. און דאָך פיל איך, אַז איך האָב נאָך אַזוי פיל צו זען און צו וויסן, און אַז מיין רייזע־הונגער איז נאָך נישט אין גאַנצן געשטילט.

ליגן דאָך ווייט צו דרום די שטעט קישיניעוו אין בעסאַראַביע, און טשערנאָוויץ אין בוקאָווינע — שטעט, וועלכע האָבן זייער דורכויס יידישן כאַראַקטער נישט פאַרלוירן, שטעט מיט שרייבערס, דיכטערס און האַרע־פאַשניקעס, וועלכע איך דאַרף זען און באַשרייבן.

דער אינטוריסט־דירעקטאָר אין ווילנע וויל וואָס שנעלער פּטור ווערן פון מיר, און ער שעמט זיך נישט מיר צו זאָגן פאַר מיין אָפּפאָר:

„מאָרגן אין דער פרי ענדיקט זיך אייער וויזע. נעמט די באַן און פאָרט קיין פוילן".

פּרוביר איך אים זאָגן:

„אָבער די באַן שלעפּט זיך בוכשטעבלעך פון אַכט אין דער פרי ביז אַכט אַזייגער אין אָוונט. מיט דעם אַעראָפּלאַן אָבער, וואָס פליט אָפּ קיין וואַרשע מאָרגן פאַר נאַכט, וועט דאָך די רייזע נישט נעמען מער ווי אַנדער־האַלבן שעה. איך וועל גערן באַצאָלן פאַר דעם צימער און פאַרן עסן, אָבער לאָזט מיר וואַרטן אויף דעם אַעראָפּלאַן. אגב, איז דאָך די פלי־רייזע שוין באַצאָלט געוואָרן אין ניו־יאָרק, און פאַר דער באַן־רייזע דאַרף איך דאָך ספּעציעל צוצאָלן".

ניין, דער דירעקטאָר קען מיך די איבעריקע פאַר שעה אין ווילנע נישט איבערלאָזן. ער וואָלט צוליב דעם געדאַרפט אָנפרעגן טעלעפאָניש אין מאָסקווע, און דאָס קאָסט שוין טייערער, ווי דער באַן־בילעט.

עס בלייבט ווי ער וויל. און אַט בין איך שוין, אין דער באַגלייטונג פון דער אינטוריסט־פּריילין אויפן ווילנער וואָקזאַל. און אַט קומט שוין אָן דער צוג פון לעניגנראַד, וואָס דאַרף מיך דערפירן ביז דער פּוילישער גרענעץ.

אויפן וואַגאָן הענגט אַ שילדל „לעניגנראַד־קוזשניצע״. באַשערט גע־ווען דער קליינער, אומבאַקאַנטער סטאַנציע קוזשניצע, וועלכע ליגט צווישן גראָדנע און ביאַליסטאָק, צו ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַלער „שם דבר״. דאָרטן הייבט זיך אָן פּוילן, וואָס האָט פאַר דער מלחמה זיך געצויגן ביז אַ שטיק איבער ווילנע. איצט הייסט דאָס דאָזיקע שטיק לאַנד „סאָוויעטישע ליטע״ קיין גרענעץ צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און דער איצטיקער „גרויסער ליטע״ איז נישטאָ. וואָס איז דען פאַר אַן אונטערשיד?

אָבער פּוילן איז שוין גאָר אַן אַנדערער ענין.ביידע שכנים טראַקטירן זיך פאָרמעל, ווי צוויי באַזונדערע לענדער, מיט גרענעץ־וואַכן, מיט באַ־גאַזש־זוכן, מיט ספּעציעלע וויזעס אפילו.

מיין וואַגאָן ערשטער קלאַס איז כמעט פּוסט. עפּעס פאָרט יאָ אַ רוסי־שער יונגערמאַן, וואָס פּרובירט אין דער צייט פון דער רייזע עטלעכע מאָל צו פאַרבינדן מיט מיר אַ געשפּרעך. ער וויל וויסן, וועלכע זענען מיינע איינדרוקן פון ראַטן־פאַרבאַנד. איך ענטפער נישט גערן. איך גלייב אַפילו נישט, אַז אַזעלכע יונגעלייט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן וואַגאָן צאָלן פאַר זייערע בילעטן. ער איז פאַרשוווּנדן, ווען דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן ביי דער פּוילישער גרענעץ.

ווי געזאָגט, האָב איך לכתחילה געוואָלט פליען מיטן אַעראָפּלאַן, כדי צו פאַרקירצן דעם וועג. אָבער איצט, ווען איך זיץ אויפן דיוואַן ביים פענצ־טער פון וואַגאָן, און עס לויפן פאַרביי די וועלדער, פעלדער, און די נעמען פון די סטאַנציעס און די נעמען פון די שטעט און שטעטלעך הינטער די סטאַנציעס — איצט האָב איך גאָר קיין חרטה נישט, וואָס איך „שלעפּ״ זיך אין אַ צוג, וואָס פירט מיך צוריק צו די קינדער־יאָרן און צו די רייפערע יאָרן, ווען די אַלע נעמען האָבן פאַר מיר געהאַט אַזאַ גרויסע באַדייטונג.

די שעהען אין צוג דערמאָנען מיך אין דעם באַרימטן בוך פון עיטש. דזשי. וועלס: „די מאַשין פון דער צייט״. דער העלד אין יענעם בוך פליט אין אַ פאַנטאַסטישער מאַשין צוריק און פאָרויס אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער צוקונפט, אָנשטאָט צו פאָרן אין שטרעקעס פון שטח.

ווערט שוין די איצטיקע רייזע מיינע פאַרוואַנדלט אין אַ מין „יזכור־

בוך״, מיט זכרונות פון שטעט און פון מענטשן, וואָס זענען שוין אַוועק הינטער דעם בלוטיקן פאָרהאַנג פון דער געשיכטע און פון דער אייביקייט. די שטעט טראָגן נאָך אויך איצט די זעלביקע נעמען, און מענטשן וווינען נאָך איצט דאָרט אין הייזער און גייען אויף גאַסן. אָבער מ ײ ן וועלט, וואָס האָט דאָ געברויזט און געלעבט, איז שוין מער נישטאָ.

פאַרהאַלט זיך דער צוג אויף דער סטאַנציע פּאָרעטש, פון וואַנען אַ שמאָלע באַן ברענגט די פּאַסאַזשירן צום קוראָרט דרוזגעניק. פלעגט מען מיך דאָך נאָך אַלס קינד ברענגען יאָר נאָך יאָר אַהער אין די זומערדיקע חדשים. און עס האָט זיך דאָ געטומלט מיט יידן. און אָפן זענען געווען די הימלען מיט יוגנט און מיט פרייד.

דאָ, אין דרוזגעניק, האָב איך נאָך געזען און געהערט דעם גרויסן שלום־עליכם, און וויצמאַנען, און זשאַבאָטינסקין.

אַלס 8־יאָריק יינגל האָב איך זיך דאָ געשפּילט מיט אַ חברל, קובא ליפּשיץ, וועלכער איז איצט דער גרויסער אַמעריקאַנער סקולפּטאָר זשאַק ליפּשיץ. מען האָט אים דעמאָלט, צוליב מיר, געשמיסן. ער האָט מיך געהאַט געשלאָגן. צי וועט ער דאָס איצט מיר מוחל זיין ?

און דאָ, הינטער די ביימער, איז דאָס אָרעמע שטעטעלע ראָטניצע — פול מיט יידן געווען. פון דאַנען טאַקע איז אַרויסגעפלויגן אַ יונג פייגעלע, זבולון בערעביטשעז, וואָס איז איצט אַ באַדייטנדיקער פירער פון מעקסי־קאַנער יידנטום.

און שוין באַווייזט זיך די סטאַנציע גראָדנע, די היימשטאָט פון גרויסן צדיק ר׳ נחומקע, פון ליריקער לייב יפה, פון אַ קייט אַ גאַנצער פון רבנים, מיוחסים און געלערנטע.

דער טייך ניעמאַן, גאָר אונטן, איז איצט, אַזוי ווי אַ מאָל, אַרומגע־רינגלט מיט ליליפּוטן־הייזער פון דער „פאָרשטאָט״, אַריינגעטוליעט צווישן גרינע סעדער.

דאָ, ערגעץ וווּ, איז געשטאַנען דאָס הויז פון מיין עלטער־זיידן ר׳ חיים ליפּשיץ. זיין זון אליהו, מיין זיידנס יינגערער ברודער, שפּעטער אַ באַקאַנטער שרייבער און משכיל אין ליבוי, קורלאַנד, פלעגט וועגן זיין הויז זאָגן אין שפּאַס: „כל ביתי נאמן הוא״ — „מיין גאַנץ הויז איז אַ שטיק ניעמאַן״. אָבער מער ווי אַ ווערטער־שפּיל מיט דעם פּסוק אין „בהעלותך״ איז דאָ גאָרנישט געבליבן. די ווייס־קעפּיקע קינדער, וואָס שפּילן

זיך דאָ אונטן, ווייסן דאָך גאָרנישט, אַז אַלץ אַרום איז דאָ אַ מאָל פּול געווען מיט יידן.

אין גראָדנע גופא וווינען איצט אַרום צוואַנציק יידן, אָנשטאָט די צענדליקער טויזנטער, וואָס האָבן אָנגעפילט די שיינע, רויקע שטאָט ביים טייך ניעמאַן. און מיט קיין מנין דאַווענען זיי אויך נישט. און קיינער פון זיי איז לעצטן פסח נישט געקומען נאָך מצות קיין ווילנע, ווי פאַראַיאָרן.

*

אויף דער סטאַנציע גראָדנע בלייבט דער צוג שטיין כמעט צוויי שעה. דאָ נעמט מען צו די פּאַספּאָרטן. מען פירט דורך אַ רעוויזיע פון באַגאַזש. עס איז פאַראַן גענוג צייט צו שפּאַצירן אין גאַס, אַרום דער סטאַנציע און געדולדיק צו וואַרטן ביז מען וועט אָפּגעבן דעם געשטעמפּלטן פּאַס.

עס רעדט זיך אַזוי „געדולדיק וואַרטן". וואָרעם אין דער אמתן בין איך געוואָרן אומגעדולדיק, ווען אַן עלטערער גרענעץ־אָפיציר, מיט שליפעס פון אַ מאַיאָר, האָט גענומען אין זיין האַנט אַריין מיין פּאַס. ער האָט גע־לייענט אין דעם דיקן העפטל, מיט מער ווי הונדערט וויזעס. דערנאָך גיט ער מיך אַ פרעג מיט אַן איראָנישן שמייכל:

„פאַר וואָס שלעפּט איר זיך אַרום אַזוי פיל איבער דער גאַנצער וועלט? פאַר וואָס זאָלט איר זיך נישט באַזעצן אין אונדזער פאָטערלאַנד? מיט אייער רוסיש און מיט אייער בילדונג וואָלט איר דאָך ביי אונדז די שענסטע קאַריערע געמאַכט!"

נו, גיי, ענטפער אים, פאַר וואָס איך באַזעץ זיך נישט אָט דאָ, ווו מיין וויג איז טאַקע געשטאַנען.

מיין באַגאַזש עפנט מען אפילו נישט. דאָס האָט מיך אָנגענעם איבער־ראַשט. וואָרעם מען האָט מיר געהאַט געזאָגט אין ווילנע, אַז גראָדנע איז אַ „שווערע גרענעץ".

אָבער ווען דער מאַיאָר איז אויף גאַנצע אַנדערטהאַלבן שעה אַוועק ערגעץ מיט מיין פּאַס, האָט דאָס מיך שטאַרק דענערווירט. וואָס בין איך ווערט אָן דעם אַמעריקאַנער פּאַס אין מיין קעשענע אָט אָ דאָ, צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און פוילן?

פאַרן וואָקזאַל אין גראָדנע שטייען אויטאָבוסן מיט אויפשריפטן, וואָס דערוועקן ווייטאָגלעכע זכרונות. דער אויטאָבוס פאָרט קיין סקידעל; דער

אַנדערער קיין אַווגוסטאָוו־סוּוואַלק; דער דריטער צום קאַלכאַז אין אינדורי (אַמדור).

אין יעדן פון די ערטער האָב איך דאָך אין די יאָרן צווישן דיביידע וועלט־מלחמות אַ ים מיט ענערגיע אינוועסטירט ביים בויען די קאָאָפּעראַ־טיווע אינסטיטוציעס, געוועזן פאַרקניפּט אין פריינדשאַפט מיט די ישובים דאָרטן. ווייס איך אָבער, אַז איצט איז דאָס אַלץ מיט די רויכן אַוועק, אַז דער אַזוי־געררופענער, איצטיקער „קאַלכאַז״ אין אַמדור איז דאָס דער מאָנו־מענט נאָך דער וווּנדערבאַרער יחוסדיקער קהילה דאָרטן, וועלכע איך האָב צום ערשטן מאָל באַזוכט מיט פערציק יאָר צוריק. און איך ווייס אויך, אַז יענע אַמדור איז אין גאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. אויף איר פּלאַץ עקזיסטירט איצט אַ גרויסער דאָרף — אַ קאַלכאַז — אין וועלכן עס זענען באַשעפטיקט צוויי יידישע משפחות. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן זיי געשיקט קיין ווילנע אַ יונג בחורל ער זאָל דאָרט אין דער קהילה קויפן מצות פאַר זיי. פון אַנדערע שטעט אין דער געגנט איז מען נאָך מצות נישט געקומען.

דערווייל קומט צוריק דער מאַיאָר און ברענגט מיר מיין פּאַס. ער זאָגט:

„איר מוזט אונדז אַנטשולדיקן די פאַרשפּעטיקונג, ווייל ביי אייך אין דער סאָוויעטישער וויזע איז געשריבן, אַז איר דאַרפט זיך צוריקקערן דורך בריסק, נישט דורך גראָדנע. דער צוג דורך בריסק גייט פון ווילנע מאָרגן, פאַר וואָס האָבן זיי זיך אַזוי געאיילט אייך אַרויסשיקן דווקא היינט?״ אַלזאָ: „אָן אַ פאַר וואָס״...

און פּלוצלינג ווערט דער מאַיאָר גאָר אַן אַנדערער, פאַרלירט זיין שטייפקייט און גיט אַ זאָג:

„איך בין אויך אַ ייד פון שטעטל קרינקי, נישט ווייט פון דאַנען. און איך געדענק אייער נאָמען פון די צייטונגען פון פאַר דער מלחמה. ניין, איך וועל אייך נישט זאָגן מיין נאָמען, ווייל אלס קאָמאַנדיר פון דער גרענעץ־וואַך אין דער גאַנצער געגנט, דאַרף מען ביי אייך אין אויסלאַנד מיין נאָמען נישט וויסן. און איך האָב אויך אַ ביסל באַקאַנטע אין ניו־יאָרק, צו וועלכע מען האָט יאָ געדאַרפט שיקן אַ גרוס. און איך האָב דאָרטן אַ באַקאַנטן פון מיינע יוגנט־יאָרן, צו וועמען איך וועל שוין קיין גרוס קיין מאָל נישט שיקן: זיינע קלעפּ פלעגן מיט אַ באַזונדער סאַדיזם פאַלן אויף מיר און אויף אייניקע פון מיינע יונגע חברים״.

דער מאַיאָר רופט מיר יאָ אָן דעם נאָמען פון דעם קרינקער לאַנדס־מאַן אין ניו־יאָרק, אָבער צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות קען איך נישט דעם נאָמען דערמאָנען. ער דערציילט מיר ווייטער, אַז ער שטאַמט פון אָרעמע עלטערן, אַז בעתן קריג האָט ער מיט זיין העלדישקייט פאַרדינט אַ סך אויסצייכענונגען און אויך דעם העכערן אָפיצירן־ראַנג. מען האַלט אים ווייטער אין דינסט, כאָטש ער איז שוין איבער זעכציק יאָר און ער וואָלט געקאָנט אַרויסגיין אויף פענסיע.

עס דערהערט זיך אַ פייף און דער צוג רירט זיך צו דער לעצטער סטאַנציע אין ראַטן־פאַרבאַנד, צו קוזשניצע.

דאָרט שטייגן מיר אויס פון צוג מיט די געפּעק, גייען דורך דעם קאָרידאָר פון אַ הילצערנער „בודע" און שטייגן אַריין אין פוילישן צוג, אויף וועלכן עס הענגט אַ בלעטל: „קוזשניצאַ־בערלין".

אין אַ שעה אַרום געפינען מיר זיך אויף דער סטאַנציע ביאַליסטאָק.

איך ווייס, אַז פיל פון מיינע לאַנדסלייט וועלן אויפצוטערן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איך בין דורכגעפאָרן ביאַליסטאָק און זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף אַ באַזוך אין דער שטאָט פון מיין געבורט.

אָבער דער אמת איז, אַז נאָכן וויזיט מיינעם דאָרטן מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז מיר איצט שווער געווען ווידער דורכלעבן די בענקשאַפט און צער, וואָס בלייבט, ווען מען גייט דורך נאָך אַ מאָל דורך די אָפּגעבויטע און שענערע גאַסן פון מיין היימשטאָט, וואָס איז איצט באַוווינט פון פרעמדע.

איך האָב דאָן באַשריבן די פאַרזאַמלונג מיט מיר פון די עטלעכע צענדליק ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע האָבן מיך וואַרעם אויפגענומען. אָבער געוווּסט האָב איך, אַז די נאָענטע מיר מענטשן זענען שוין אַוועק: גע־שטאָרבן איז ציגעלניצקי, אַוועק קיין אויסטראַליע איז דער רעליגיעזער ראש־הקהל לייב ווידערמאַן. עס געפינען זיך אויף אָפּרו אין טשעכאָסלאָ־וואַקיי די איינציקע פאַרבליבענע פון דער אַמאָליקער אינטעליגענץ, — די ברידער זילבערבלאַט.

איך האָב דעמאָלט אויפן בית עולם געזוכט די מצבות פון טאַטע־מאַמע און זיי מער נישט געפונען. און די פאָטאָגראַפיע, ווי אַזוי מען פירט אַרויס מיינע שוועסטערס די דאָקטוירים — לאה און רחל — צוזאַמען מיטן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, האָב איך אָפּגעקויפט פון אַ פּאָליאַק און פּובליקירט אין „ביאַליסטאָקער שטימע"... איז וואָס זוך איך דאָ, וואָס וועל איך דאָ געפינען?

אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל איז פול געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס פאָרן מיטן צוג קיין וואַרשע.

איך געדענק דעם וואָקזאַל פון אַ מאָל און די מענטשן, וואָס פלעגן פאָרן קיין וואַרשע... איצטער זעט מען נישט צווישן זיי קיין יידישן פּנים.

דער צוג דרייט זיך לאַנגזאַם אַרום דער שטאָט און איך שטיי ביים פענצטערל. צוליבן רעמאָנט פון דער ליניע פאָרן מיר נישט דורכן וואַרשעווער וועג, נאָר מיר פאַרנעמען זיך אויף די פּאָליעסער רעלסן. האָב איך די מעגלעכקייט זען די לאַנגע יוראָווצער גאַס, ווייל דער צוג בלייבט העגגען אויפן בריקל איבערן טייכל, צו וועלכן מיר פלעגן גיין אויף „תשליך״. אָבער איצט בינדט מיך דאָ צו אַ פיל גרעסערער סימבאָל: דאָ איז געווען דאָס טויער פון געטאָ. פון דאַנען האָט מען אין אויגוסט 1943 אַרויסגעפירט די לעצטע יידן פון ביאַליסטאָק דירעקט קיין טרעבלינקע. און אָט אַזוי באַשרייבט דעם דאָזיקן „מאַרש פון ליידן״, אונדזער „וויאַ דאָלאָראָזאַ״, די פּאַרטיזאַנערין חייקע גראָסמאַן, וואָס האָט ווי אַ קריסטין געלעבט אויסער דער געטאָ און מיט אירע אייגענע אויגן צוגעזען דעם דאָזיקן מאַרש:

„עס ווערן אַרויסגעפירט דורך דער געסטאַפּאָ די לעצטע יידן. זיי גייען אין גלייכע רייען, ווי סאָלדאַטן. די קעפּ אויפגעהויבן. די טריט פעסט, נישט קיין קרעכץ און נישט קיין געוויין. מען זעט, אַז אַזוי האָבן זיי צווישן זיך אָפּגערעדט, כדי די שונאים אַרום, וואָס פילן אויס די גאַס, זאָלן זיך נישט פרייען. אין דער ערשטער רייע שפּרייזט שטאָלץ, — זיינע זילבערנע האָר אויפן קאָפּ שיינען אין דער זון, — דער ראש־הקהל, אפרים באַראַש״...

אָט אַזוי זענען אָט פון דער דאָזיקער יורעווצער גאַס אַרויס צו דער „עקדה״ די לעצטע ביאַליסטאָקער יידן. אַלע זענען אומגעקומען.

דער צוג פאַרהאַלט זיך ביי דער ראַגאַטקע פון דער אַמאָליקער וואַשליקאָווער גאַס, — די „פּיפּט עווניו״ פון מיין קינדהייט.

די נאַטור אַרום איז צעבליט, די קאַשטאַנעס הענגען אויף די שאָטנ־דיקע ביימער, און אין מיר צעזינגט זיך טרויעריק די „עלעגיע״ פון מאַסנעי.

„ווּו זענט איר, די טעג פון וואונדער־שיינעם מאַי, — פון לעבן יונג און פריי, — פון ליבע און פון פרייד אייביק ניי?״.

און דאָס האַרץ בלוטיקט פון בענקשאַפט און טרויער: „דאָס וועט שוין נישט צוריקקומען!״

און ווייטער פאָרן מיר פאַרביי די סטאַנציעס לאַפּי, טשיזשעוו, מאַלקין... דאָס איז דאָך טרעבלינקע, — די לעצטע סטאַנציע פאַר זיי, — אפשר די טייערסטע און ליבסטע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר פאַרהאַלטן זיך אויף דער סטאַנציע וואַרשע־פּראַגע.

דער לעצטער עטאַפּ — אין וואַרשע

איך מוז נאָך אַ מאָל אונטערשטרייכן דאָס, וואָס איך האָב שוין דערמאָנט בעת אַ פריערדיקן וויזיט אין וואַרשע:

„ניין, איך האָב נישט דעם איינדרוק, אַז איך געפין זיך דאָ אין אַ לאַנד, וואָס איז הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג פון דער מזרח־וועלט".

קיינער פון די אַמעריקאַנער, וועלכע באזוכן פוילן, האָט נישט דאָס געפיל, אַז מען שפּירט אים נאָך, אַז מען דאַרף זיך אַרומקוקן, אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט אַ וואָרט.

די מענטשן דאָ רעדן וואָס זיי האָבן אויף דער לונג און וואָס עס קומט זיי אויף דער צונג. אויב איר פאַרשטייט נאָר פּויליש, וועט איר אַפילו אָן פראַגן אויסהערן לאַנגע רייד פון טאַקסי־שאָפער, אָדער פון פאַרקויפער אין אַ קראָם, אָדער פון גלאָט אַ באַגעגנטן פאַרשוין, וועלכער דערקענט אין אייך, אַז איר זענט אַן אויסלענדער. זיי אַלע רעדן קעגן קאָמוניזם, קעגן דער רעגירונג און בכלל קעגן די לעבנס־באַדינגונגען אין לאַנד.

ווען עמעצער אין ראַטן־פאַרבאַנד וואָלט צו אייך אַזוי גערעדט, דעמאָלט וואָלט איר געקאָנט זיין זיכער, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַ פּאָליציי־אַגענט, וואָס וויל אייך אַריינציען אין אַ פאַסקודנע געשעפט.

אָבער נישט אַזוי אין פוילן. די פּאָליאַקן רעדן דאָ קעגן סיסטעם אין לאַנד, און מען זעט, אַז זיי האָבן קיין מורא נישט. און אויב איר האָט קיין מורא נישט צו הערן, ווען די פּאָליאַקן רעדן, כאָטש זעלטן זענט איר מסכים מיט געוויסע זידלערייען קעגן דעם רעזשים. די דאָזיקע זידלערייען שמעקן מיטן נוסח פון די אַמאָליקע ענדעקעס, פון יענע קאַ־

טויליש־רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וועלכע איר האָט נאָך געהאַסט אין אַמאָליקן פּוילן, און נאָך וועלכע איר בענקט גאָרנישט.

זאָגט אייך דער קאָנדוקטאָר אין א נאַכט־טראַמוויי:

„איך פאַרדין פיר זלאָטעס א שעה (דאָס איז אַרום צען סענט לויט דעםווירקלעכן ווערט). ווי אַזוי קען איך שפּייזן מיין ווייב און קינדער?״.

האָט איר מיטלייד מיט דעם אָרעמען אַרבעטער. וואָרעם עס איז טאַקע ווייטאָגלעך ווייניק אַזאַ פאַרדינסט.

אָבער דער קאָנדוקטאָר גיט דערביי צו:

„זיי דאָרטן, די נאַטשאַלניקעס, פאַרדינען הונדערט מאָל מער פון מיר. זיי פרעסן, זויפן, לאָזן זיך ווױלגיין. זאָל שוין קומען אַ מלחמה און זיי אַלע וועלן הענגען אין מיטן דער גאַס. איך וועל מיט מיינע אייגענע הענט זיי הענגען!״

דערהערט איר שוין דעם רוצחישן טאָן, יענע יוכע, וועלכע איר גע־דענקט נאָך פון די אַלטע פינצטערע צייטן, און איר ווינטשט, אַז קיין מאָל זאָל אַזאַ צייט נישט קומען, א צייט, ווען אָט דער פאַרשוין וועט נעמען די מאַכט אין זיינע הענט.

איר ווייסט, פאַרשטייט זיך, אַז מער ווי אַכציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זענען פּראַקטיצירנדיקע קאַטאָליקן, און מיט דעם אַליין שטייען זיי שוין אויסער דער גייסטיקער ווירקונג פון דעם הערשנדיקן קאָמוניסטישן רעזשים. און איר דערמאָנט זיך אין דעם אַפּאָקריפישן געשפּרעך, וואָס זאָל האָבן פאַרגעקומען מיט א צייט צוריק צווישן פּוילנס פירער גאָמולקאַ מיטן כינעזישן פּרעזידענט מאַאָ טסע־טונג, בעת גאָמולקאַס וויזיט אין פּעקין.

גאָמולקאַ פרעגט מאַאָ טסע־טונגן:

„וויפל כינעזער פון די זעקס הונדערט מיליאָן, וואָס איר פאַרמאָגט, זענען, לויט אייער אָפּשאַצונג, קעגנער פון דעם איצטיקן רעזשים?״

מאַאָ טסע־טונג פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און ער ענטפערט:

„אַרום דרייסיק מיליאָן, גלייב איך. נו, און ביי אייך?״

דערויף ענטפערט גאָמולקאַ:

„אויך נישט מער ווי דרייסיק מיליאָן...״

ווי זאָגט דער איטאַליענער: „סי נאָ ע ווערא, ע בען טראָוואַיאָ״ (אויב אַפילו עס איז נישט אמת, — איז דאָס אָבער גוט געמאַכט).

איך קום קיין וואַרשע, ווען עס איז שוין טונקל, פאַרפאַר איך, ווי שטענדיק, אין דעם באַקוועמען האָטעל „בריסטאָל". געיאָגט פון אַן אונטערבאַוווּסטזיניקן אומרו, לאָז איך זיך גלייך אַרויס מיט אַ שפּאַציר איבער די גאַסן, ווו איך האָב צענדליקער יאָרן געאַרבעט, געלעבט צווישן דער גרעסטער דעמאָלטיקער יידישער קהילה אין אייראָפּע.

און כאָטש איך ווייס, אַז מער ווי זעלבסטפּייניקונג וועל איך דורך דעם דאָזיקן שפּאַציר אין דער נאַכט איבער די נאַלעווקעס, איבער דער גענשע, דזשיקע, לעשנע, נישט דערגרייכן, שפּרייז איך נאָך איבער די איצט אַזוי פרעמדע, ניי־אויפגעבויטע גאַסן, כדי צו געפינען די שאָטנס פון אַ מאָל. בעת מיין ערשטן וויזיט, גלייך נאָך דער מלחמה, איז יענע גאַנצע געגנט געלעגן אין חורבות. דעמאָלט איז אַזאַ שפּאַציר אין דער נאַכט טאַקע געווען געפערלעך. אָבער דער ווינט פון די חרובע גאַסן מיט די אַ מאָל אַזוי ליבע נעמען האָט, ווי דער לוויה־מאַרש פון שאָפּענען, אַ ביסל געשטילט דעם ווייטאָג.

איצט, אַז די גאַסן זענען אויפגעבויט מיט נייאינקע בלאָקן הייזער, איז דער אומעט נאָך גרעסער. עפּעס איז פאַראַן אין דעם פון דעם געפיל פון אַ פאַריתומט קינד, וואָס זעט ווי זיין פאָטער פרייט זיך אַזוי מיט זיין ניי, פאַרפּוצט ווייב, מיט דעם קינדס שטיף־מאַמע. מיך אַרט נישט, אַז מען וועט מיך רופן „באַרבאַר" פאַר אָט דעם געפיל, אָבער די איצט אויסגעפּוצטע אין בלומען נאַלעווקי־גאַס רייסט אויף די אַלטע וווּנדן...

דערגיי איך ביז צו דעם פּרעכטיקן דענקמאָל פון די געטאָ־קעמפּערס. קוק איך זיך ווידער צו צו די פלאַמענדיקע געזיכטער פון מרדכי אַנילע־וויטש און פון זיינע חברים. און איך קוק אויך אָן די צווייטע זייט פון דענקמאָל, ווו יידן אין טליתים און מיט בערד זענען אין שטיין פאַראיי־ביקט געוואָרן, און איך האָב ווידער אַ גוט וואָרט פאַר דעם היינטיקן פּוילן:

דאָ שטעלט מען מאָנומענטן; מען לאָזט נישט פאַרגעסן די קרבנות און די קעמפּערס. מען בויט איצט דעם מצבה־מאָנומענט אין טרעבלינקע. נישט ווי אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו נישט אויף באַבי יאַר אין קיעוו און נישט אויף פּאָנאַר אין ווילנע, זענען קיין שום מאָנומענטן נאָך די אומגעקו־מענע יידן נישטאָ.

לעבן דעם פּלאַץ, ווו עס שטייט דער געטאָ־מאָנומענט אין וואַרשע ציט זיך אַ גאַס פון שפּאָגל־נייע הייזער פאַר אַרבעטער. די דאָזיקע גאַס



ד״ר חיים שאַשקעס לייגט אַ קראַנץ ביים דענקמאָל פון אויפשטאַנד
אין וואַרשעווער געטאָ

הייסט אויפן נאָמען פון יוסף לעוואַרטאָווסקי, דעם אַמאָליקן בחור פון ביעלסק־פּאָדלאַסקי, וועלכער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

גלייך אין דער פרי בין איך שוין אויף נאָוואָגרודזקאַ־גאַס נומער 5, ווו עס געפינט זיך די געבײַדע פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן.

גלייך ביים אַריינגאַנג געפין איך די פּאַרקויפס־שטעלע פון דער צייטונג „פאָלקס־שטימע", פון דעם גוט־רעדאַקטירטן זשורנאַל „יידישע שריפטן", און פון די ביכער, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „יידיש בוך". עס גיט אויף אייך אַן אָטעם מיט די געבענטשטע אותיות פון יידישן אלף־בית. מעגט איר גאַרנישט מסכים זיין מיט אַ סך זאַכן, וואָס זיי שרייבן, אָבער דער פאַקט אַליין, וואָס דער קליינטשיקער יידישער ישוב אין היינטיקן פּוילן, וועלכער באַשטייט פון אַ דריי צענדליק טויזנט צעזייטע און צעשפּרייטע יידן, האָט אַ צייטונג, אַ זשורנאַל, ביכער, אַ טעאַטער — דער דאָזיקער פאַקט אַליין פרישט אָפּ דעם אויסלענדישן באַזוכער. יאָ, פּוילן איז אַנדערש, ווי איר רוסישער שכן. און זאָלן געשטאַרקט ווערן די הענט פון די, וועלכע לאָזן נישט פאַרלאָשן ווערן די פלעמלעך פון דער יידישער קולטור אין פּוילן.

אויבן, אין דער רעדאַקציע, טרעפט איר די אַלטע גרופּע קולטור־טוערס: ה. סמאָליאַר, דוד ספאַרד, י. קאַרמאַן, מאַרק ראַקאָווסקי, און אַז איר וועט נאָך צורעכענען צו זיי דעם פּראָפעסאָר בערל מאַרק, וואָס טוט אַ וווּנדערבאַרע אַרבעט אין היסטאָרישן אינסטיטוט אויף טלאָמאַצקע, וועט איר פאַרשטיין פאַר וואָס איך ווינטש זיי אַלעמען דערפאָלג אין זייער קולטור־אַרבעט צווישן דעם ביסל איבערגעבליבענע יידן אויפן בית־עלמין פון די אויסגעמאָרדעטע יידן אין דעם פאַר אונדז אזוי עלנטן, היינטיקן פּוילן.

איך כאַפּ אַריין אויף אַ ווײַלע די קונסט־אויסשטעלונג אויפן צווייטן שטאָק פון דעם אַמאָליקן ווילנער מאָלער רפאל כוואָלעס. ער האָט דאָ איצט זיין בילדער־אויסשטעלונג. כ'בין מיט אים שוין זינט אַ פּאָר יאָר געוואָרן אַ מחותן. אויף דער וואַנט פון מיין שלאָפצימער הענגט זיין בילד „דער ווילנער גאון אויף די חורבות פון זיין שול". נישטאָ שוין איצט די חורבות אַפילו אויף דעם ווילנער שול־הויף; מען האָט זיי אָפּגערוימט. און מיט וואַנדאַלישער קולטורלאָזיקייט האָט מען דאָרט אויסגעבויט אַ

מאָדערן הויז, נישט איבערלאָזנדיק קיין סימן דורך אַן אויפשריפט כאָטש, אַז דאָ איז געשטאַנען דער קלויז פון ווילנער גאון. אָבער דאָס טאַלאַנטפולע בילד פון רפאל כוואָלעס האָט פאַראייביקט די חורבות און דעם סימבאָלישן גאון, וועלכער זיצט „שבעה״ ביי דער זייט.

אַ גרויסער עולם פילט אָן דעם זאַל פון דער אויסשטעלונג אין די אָוונטן.

גלייך נאָך דעם לאָז איך זיך צום איינציקן פלאַץ אין וואַרשע, ווו מען קאָן באַקומען אַ כשרן מיטאָג. דאָס איז אויפן הויף פון נאָזשיקס שול. ווי איך פאַרשטיי, ווערט די דאָזיקע קיך סובסידירט דורכן אַמעריקאַנער „דזשאָינט״. איך געפין דאָרט א פאָר צענדליק מענטשן, מערסטנטיילס פרויען, וועלכע עסן דאָרטן. אַ מיטאָג קאָסט אין גאַנצן זיבן זלאָטעס, ד. ה. אַרום דרייסיק סענט, לויטן אָפיציעלן קורס, אָדער צוועלף סענט, לויט דעם פרייען מאַרק.

די שטענדיקע געסט האָבן זיך געקלאָגט אויף דער קוואַליטעט פון די שפּייזן, כאָטש איך אַליין האָב גראָד באַקומען אַ גוט שטיקל פלייש. אויך זענען דאָרטן נישטאָ גענוג כלים. מען עסט, למשל, אָן מעסערס, און אויך אויף דעם קלאָגן זיך די באַזוכערס.

דערפאַר אָבער איז פאַראַן איצט אין וואַרשע אַ גרויסער רעסטאָראַן, וואָס ווערט אָנגעפירט פון יידן, און עס איז ווערט, אַז מען זאָל אים ווידמען אַ פּאָר שורות.

דאָס איז אַ גאַסטראָנאָמישער קאָאָפּעראַטיוו „אַמיקאַ״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק, מיט דער הילף פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, אכציק פּראָצענט פון זיינע מיטגלידער מוזן געהערן צו דער דאָזיקער געזעלשאַפט.

2 יידן אַרבעטן איצט אין דעם דאָזיקן רעסטאָראַן, ווי אויך אַ צאָל קריסטן.

קיין כשרער רעסטאָראַן איז דאָס נישט. אָבער אַז איר נעמט די שפּייזקאַרטע, טרעפט איר דאָרט אַזעלכע „כשרע״ געריכטן ווי טשאָלנט, קליסקעלעך מיט יויך, קישקע מיט צימעס, און דאָס גלייכן.

דער קוכער האָט אַמאָל געאַרבעט ביי גערטנער אויף לעשנע־גאַס. דאָס איז אַ מאָל געווען דער זאַמלפּונקט פון דער „אויבער־ און אונטער־וועלט״, וואָס האָט ליב געהאַט צו פרעסן.

דער קעלער פון רעסטאָראַן אויף דער אַמאָליקער אַריסטאָקראַטישער מאַניושקאָ־גאַס איז פול מיט עסערס. דער גרעסטער טייל אָבער זענען גראָד

גוים, וואָס זייער מאָגן איז פול מיט בענקשאַפט נאָך דעם יידישן „אַמאָל״. זע איך טאַקע ווי זיי פּרעסן טשאָלנט אין אַ מיטוואָך און זיי פאַרבייסן מיט פּעטן, שבתדיקן צימעס.

דערציילט מיר דער פאָרזיצער פון קאָאָפּעראַטיוו, אַ געוועזענער באַאַמטער אין דער פּוילישער דיפּלאָמאַטיע, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע יידן, וואָס קומען צו פאָרן פון דער פּראָווינץ, אַבי צו באַפרידיקן די „נאָס־טאַלגיע״ נאָך אַ ביסל טשאָלנט און אַ שטיקל קישקע.

און מען דאַרף אויך דערמאָנען, אַז איינער פון די קעלנערס, ווי אויך דער ייד, וואָס נעמט צו די קליידער, באַגעגענען אייך מיט אַ ברייטן „שאַלאָם״ און מיט אַ ביסל העברעיש! זיי זענען צוויי יורדים פון מדינת ישראל. אָבער ווען זיי געזעגענען זיך מיט אייך, פאַרגעסן זיי נישט צו זאָגן „להתראות״, „צום ווידערזען זיך איבער אַ יאָר און דווקא אין ירושלים...״

יאָ, נאָך אַ דערשיינונג האָב איך פעסטגעשטעלט אין וואַרשע: איך פאַרליר פון יאָר צו יאָר מיינע אַדרעסן, וואָס כ׳האָב פריער געהאַט. עטלעכע מענטשן זענען געשטאָרבן און עטלעכע האָבן עמיגרירט קיין מדינת ישראל. און גראָד געהערן די לעצטע צו דער פּראָפעסיאָנעלער און שטאַרק אַסימילירטע אינטעליגענץ.

אויך די דאָזיקע טאָלעראַנץ פון פּוילן צו אירע יידישע בירגער, וועלכע ווילן פאָרן קיין מדינת ישראל, דאַרף אָפּגעשאַצט און געלויבט ווערן.

און שוין. געענדיקט די רייזע הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג. דער אַעראָפּלאַן טראָגט מיך דירעקט אַהיים, קיין ניו־יאָרק.

קיעוו, 1963

אין יאָר 1963 האָב איך געמאַכט אַ רייזע איבער פּוילן, ראַטן־פאַרבאַנד און אין אַ ריי אַראַבישע לענדער. מיינע איינדרוקן פון דער דאָזיקער נייער נסיעה וועלן ווערן פאַרעפנטלעכט אין אַ נייעם בוך, אָבער צוליב דער שרייענדיקער אַקטועלקייט פון ענין „באַבי־יאַר", האָב איך באַשלאָסן אַריינצוגעבן די עטלעכע קאַפּיטלעך אין דעם דאָזיקן בוך.

דער מחבר

אויפן יידישן בית־עולם אין קיעוו

איך לאָז דערווייל דורך פאַרצייכענונגען און באַגעגענישן אין מאָסקווע און אין קיעוו. איך וועל צו זיי צוריקקומען. עס דריקן מיך די אָנגעזאַמלטע איינדרוקן פון לוקיאַנאָווער בית־עולם אין קיעוו און פון שרעקלעכן גרוב „באַבי־יאַר", וווּ קרוב הונדערט טויזנט יידן פון דער אוקראַינישער הויפּט־שטאָט האָבן זייער טויט געפונען.

קיין טוריסטן פירט מען נישט הינטערן שטאָט אין דער ריכטונג צום „באבי־יאַר". בעת מיין פריערדיקן וויזיט אין קיעוו, מיט לערך דריי יאָר צוריק, האָב איך געהאַט אַ קאָנפליקט צוליב דעם מיטן פאַרביסענעם „אינטוריסט־מיידל" אין קיעווער האָטעל, — איינע אַ קרילאָווא, וואָס איז נישט נאָר מיאוס, נאָר טאַקע אַ מיאוסע אַנטיסעמיטקע דערצו.

זי האָט מיר דאַן קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט די דערלויבעניש צו נעמען אַן אויטאָמאָביל קיין „באבי־יאַר" אַפילו אויף מיין אייגענעם חשבון (איך האָב דאַן נאָך נישט געוווּסט, ווי אַזוי מען פאָרט דאָרט צו).

געדענקען מסתם מיינע לעזער, אַז איך האָב די דאָזיקע קרילאָווא אָנגעקלאָגט אין דער מאָסקווער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון „אינטוריסט".

און אַט, בעת מיין איצטיקן וויזיט, ווי נאָר איך בין אַריין אין קיעווער אינטוריסט־האָטעל, איז גלייך מיר אַנטקעגנגעקומען די זעלבע קרילאָווא מיט איר גיפטיקן שמייכל: „איר האָט אייערס דערגרייכט און געבראַכט מיר שאָדן... (איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז מען האָט איר אויפן גרונט פון מיין אָנקלאַגע געגעבן אַ נידעריקערע שטעלע). — אָבער אין „באַבי־יאַר" וועל איך אייך ווידער נישט קאָנען שיקן"...

אָבער דאָס מאָל האָב איך געוווּסט וואָס צו טאָן. באַלד אויף צו מאָרגנס האָט מיך מיין גוטער פריינד, דער קיעווער פּראָפעסאָר, געפירט אין אַ ספּעציעל געדונגענעם אויטאָמאָביל צום לוקיאַנאָווער בית־עולם, וואָס ווערט איצט ליקווידירט און וווּ איך האָב געוואָלט זען דאָס קבר, פון וואַנען מען האָט נאָר וואָס אַרויסגענומען די ביינער פון בער באָראָכאָוו און זיי אוועקגעפירט צו קבורה קיין ישראל. און פון לוקיאַנאָווער בית־עולם צום „באַבי־יאַר" איז נישט ווייט.

דער פּראָפעסאָר האָט מיך געראַטן, איך זאָל דעם אויטאָמאָביל באַפרייען. ער האָט געוואָלט מיר זאָלן בלייבן ביידע אַליין, אָן נישט־נויטיקע שומרים.

דער דאָזיקער טייערער פריינד, אַן אַמאָליקער תלמיד פון באָראָכאָוון, האָט זיך אויסגעוואַלגערט אין די טורמעס און שפּעטער געמאָסטן די שניי־איקע טונדרעס פון קאַלטן סיביר אין צעריסענע שיך און אין שמאַטעס איינגעוויקלט. נאָך זיבעצן פינצטערע סטאַלין־יאָרן האָט מען אים רעהאַ־ביליטירט, צוריקגעגעבן אים זיין קאַטעדרע, און ווידער קנעלט ער מיט סטודענטן.

לכתחילה האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז אויך דער אַנדערער באַרימטער געלערנטער, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט מיט דריי יאָר צוריק, וועט אונדז באַגלייטן אויפן בית־עולם. אָבער יענער האָט זיך אַנטשולדיקט. עס גייט נישט וועגן אים — ער האָט נישט קיין מורא מיט מיר זיך צו טרעפן — עס גייט וועגן זיין זון, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגענומען אַ וויכטיקן אַמט אויפן געביט פון אטאָמישער וויסנשאַפט. וויל נישט דער פאָטער זיך טרעפן מיט אַן אַמעריקאַנער שרייבער. מען ווייסט קיין מאָל נישט, ווי דאָס קאָן משפיע זיין אויף דער פילבאַרער פּאָזיציע פון זיין זון.

מיר גייען אַריין אין דער הויפּט־אַלייע פון לוקיאַנאָווער בית־עולם. קעגן מיינע דערוואַרטונגען זעט מען דאָרט גרויסע גרופּעס מענטשן, איי־ניקע פון סלאַווישן טיפּ. זיי טראָגן הינטערן אָרעם קליינע קעסטעלעך, ווי „טרומנעס" פאַר קינדער. אַנדערע האַלטן אין האַנט ווייסע זעקעלעך מיט

עפּעס אָנגעפּילט. עס ווערט אונדז גלייך קלאָר, וואָס דאָ קומט פאָר: דאָס זענען געקומען קרובים אויסגראָבן די ביינער פון זייערע נאָענטע און איי־בערטראָגן זיי אויף אַן אַנדערן פּלאַץ, ווייל דער לוקיאַנאָווער בית־עולם ווערט פאַרשאָטן און מען גייט אויף אים בויען אַ מאָדערנע פאַרשטאָט.

אייגנטלעך איז דאָס אַ נאַטירלעכע זאַך, וואָס קומט פאָר אין דער גאַנ־צער וועלט. ווען עס וואָלט געווען אַנדערש, וואָלט דאָך דער ערדקוגל אין איין גרויסן בית־הקברות פאַרוואַנדלט געוואָרן. אָבער, אַז מען זעט מיט די אייגענע אויגן ווי מען וואַרפט אַרויס פון זייערע דירות די מתים, ווי עס וואַלגערן זיך נישט־אויפגעראַמטע מענטשלעכע ביינער און שאַרבנס, וואָס קוקן אויף אייך מיט בלינדע אויגן־לעכער — ווערט שווער אויפן געמיט.

מיר פאַרהאַלטן זיך ביי דער ווייסער מאַרמאָר־מצבה פון פּראָפ׳ עמנואל מאַנדעלשטאַם, דעם אַמאָליקן טרייען חבר פון טעאָדאָר הערצל. מיר געדענקען מאַנדעלשטאַמס געשטאַלט מיט דער ווייסער באָרד, מיט די לאַנ־גע האָר אויף דעם זעלטן שיינעם קאָפּ.

מיר זענען אָנגעקומען גראד דאַן, ווען אַ פּרוי אין שוואַרצן באַגלייט פון אַ מאַן, וואָס זעט אויס, ווי אַן עכטער אוקראַאינער, גראָבן אויס דאָס, וואָס איז געבליבן פון דאָזיקן פּראָפעסאָר, פון „שענסטן מאַן אין קיעוו״, ווי מען האָט אים גערופן.

מיר זעען, ווי אין ווייסן לייוונטענעם זעקעלע ווערט אַריינגעוואָרפן אַ הויפן געבליבענע ביינער און אַ צעבראָכענער קאָפּ־שיידל. און דאָס זעקעלע לייגט מען אַריין אין קעסטעלע, אין דער קינדערישער „טרומנע״. דאָס איי־ניקל טראָגט דאָס אַוועק אויף אַ פרעמדן בית־עולם, נאָך דעם, ווי דער קער־פּער פון שענסטן יידן האָט פופציק יאָר געפּוילט אויפן לוקיאַנאָווער בית־עולם.

קעגנאיבער דעם נאָר וואָס אויסגעגראָבענעם קבר פון מאַנדעלשטאַם געפינט זיך דער איצט שוין אָפענער קבר פון בער באָראָכאָוו. עס ליגט נאָך דערנעבן דער שטיין פון טונקעלן מאַרמאָר מיט דער אויפשריפט: „בער באָראָכאָוו — זאָלאָטאָנאָשי — 1881 — קיעוו 1917. אונטערגעשריבן — די פאַרטיי פועלי ציון. פון ביידע זייטן שטיין קען מען נאָך לייענען דאָס קאָנדערסירטע פּראָגראַם פון „פאָלטאַווער גאון״: „וויסנשאַפטלעכער יידי־שער סאָציאַליזם... יידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין פּאַלעסטינע... סאָציאַליסטישע יידישע קולטור — דאָס איז באָראָכאָוויזם״...

מיר ווייסן אַלע, אַז דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט בן־צבי האָט זיך

באַמיט ביים סאָוויעטישן פּרעזידענט ברעזשניאָוו, מען זאָל דערלויבן אי־בערפירן זיין חברס ביינער קיין ישראל.

דערוויס איך זיך אַז בעת מען האָט אויסגעגראָבן די ביינער אין דער אַנוועזנהייט פון ישראל־פאַרשטייער און פון אַ סאָוויעטישן באַאַמטן, האָט אַן אַלטער ייד פון דער סינאַגאָגע, געמאַכט דעם „אל מלא רחמים". און דער דאָזיקער אַכציק־יאָריקער ייד איז גאָר אַ נאָענטער קרוב פון אַרבעטער־פי־רער אין ישראל, יעקב זרובבל.

אין קיעוו ווינען נאָך עד־היום דריי אַמאָליקע אידעען־חברים פון באָ־ראָכאָוון — מענטשן אין די זיבעציקער, וועלכע פאַרנעמען נאָך היינט אויך באַדייטנדיקע פּאָזיציעס אין דער סאָוויעטישער וויסנשאַפט. זיי פלעגן קומען צום דאָזיקן שטילן קבר פון זייער לערער אין טאָג פון זיין יאָרצייט. און ווען זיי האָבן זיך צופעליק דערוווסט דעם טאָג און די שעה, ווען מען גייט אויס־גראָבן באָראָכאָווס ביינער, זענען זיי דיסקרעט אָנגעקומען אויפן בית־עולם און זיך באַהאַלטן הינטערן גרויסן מאָנומענט פון פּראָפ׳ מאַנדעלשטאַם.

דערציילט מיר איינער פון זיי: „איר פאַרשטייט, כל־זמן אין דער קיע־ווער ערד זענען געלעגן די ביינער פון אונדזער לערער און פירער, האָבן מיר נאָך געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר זענען דאָ נישט איינזאַם. אָבער איצט, אַז מען איז געקומען צונעמען דאָס, וואָס איז געבליבן פון אונדזער רבין — האָבן מיר מורא געקראָגן, אַז די שכינה טוט זיך פון אונדז אָפּ."

זענען מיר געשטאַנען הינטער יענעם שטיין און דורך טרערן צוגעזען די דאָזיקע טרויעריקע „צערעמאָניע". און אַז מען האָט די ביינער אַריינגע־שאָטן אין דעם ווייסן זעקעלע און פאַרחתמעט אין דעם קליינעם קעסטעלע, וואָס האָט נאָך דעם זעלבן טאָג געדאַרפט אָפּפליען קיין ישראל, האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל, וואָס דער נביא אלישע האָט געהאַט, ווען זיין רבי אליהו האָט זיך אויפן פייער־רייטוואָגן לאַנגזאַם אויפגעהויבן צום הימל. און איך האָב דאַן, אין שטילן פּיין, — פּונקט ווי אלישע אויסגעשריען מיט אַ דער־שטיקטער שטימע: „אָבי, אָבי, רכב ישראל ופרשיו" (טאַטע, טאַטע! ישראלס רייטוואָגן און זיינע רייטער! — מלכים ב׳, י"ב). און מיר דריי — אַלטע אפּיקורסים, אָבער מיטן כאַגאַזש פון חדרים, ישיבות — האָבן אָנגע־הויבן זאָגן „אל מלא רחמים".

די באַוועגונג אַרום די קברים, וועלכע מען גראָבט אין איילעניש אויס, האָט זיך אין משך פון אונדזער וויזיט אויפן בית־עולם פאַרשטאַרקט.

ד״ר חיים שאָשקעס

איך שפּאַציר מיטן פּראָפעסאָר דורך די אומענדלעכע אַלייען מיט וויל־דן גראָז און מיט וויינענדיקע ווערבעס באַוואַקסן. מיר זעען אַזוי בולט דעם ווילדן וואַנדאַליזם, וואָס שונאים, נישט דווקא פון דער פרעמד, נאָר טאַקע

דער אָדעסער רב ר׳ יוסף שוואַרצבלאַט און ר׳ אַלטער מאַזירער ביי די אויסגעגראָבענע ביינער פון ר׳ יוסף יויזל הורוויטש זצ״ל — אויפן בית־עולם אין קיעוו.

(פאָטאָגראַפירט דורך הרב בראָנשטיין)

די קיעווער „מיטבירגער״ האָבן דאָ אָפּגעטאָן: די שיינע מצבות זענען צע־שפּאָלטן; אויף אַלע, בוכשטעבלעך אויף אַלע, זענען צעבראָכן און באַשמירט די פאָטאָגראַפיעס פון די מתים. אויף איינִיקע זענען פאַראַן מי־

אוסע פּאָרנאָגראַפישע אויפשריפטן. אָט ליגט אַ גרויסע איבערגעקערטע מצבה פון ווייסן מאַרמאָר. עס איז אויסגעקריצט אויף איר אַ האַרץ, דורכ־געלעכערט מיט אַ פייל און אויף דעם אַן אויפשריפט: „וואַניאַ און גאַ־לאַטשקאַ האָבן זיך דאָ ליב געהאַט!״...

און פון דעם לוקיאַנאָווער בית־עולם האָט מען מיט אַ פּאָר וואָכן שפּע־טער אויסגעגראָבן און קיין ישראל אַוועקגעפירט די ביינער פון גרויסן נאָ־וואראדאקער ר׳ יוסף יויזל הורוויטש זצ״ל. מען האָט דאָס קבר צוויי טעג גאָך אַנאַנד געזוכט (דער ניו־יאָרקער הרב בראָנשטיין, דער אָדעסער רב שוואַרצבלאַט און אַ קיעווער תלמיד, ר׳ אַלטער מאָזירער). נאָר על פּי נס האָט מען דאָס קבר געפינען און די שליחות אויסגעפירט.

איך זע אויך אייניקע רואינירטע „אוהלים״ (געמויערטע געצעלטן־מצ־בות) אויף וועלכער דער מאַרמאָר, ווו די אויפשריפטן זענען געווען, איז צע־קלאַפּט מיט האַמערס דורך די וואַנדאַלן און עס זעען זיך אַ מאָל אַרויס אין די שערבלעך ווערטער ווי: „הרב״, „הגאון״ און דאַטעס. וואָלט זיך געפינען עמעצער, וואָס וואָלט פּאַר דעם געזאָרגט, — קען מען נאָך די אויפשריפטן רעסטאַווורירן און זיך דערוויסן, ווער פון די גדולי ישראל ליגט אונטער די שערבלעך.

אפשר איז צווישן זיי פאַראַן דער גרויסער מפורש, דער מלבי״ם (ר׳ מאיר לייבוש בן ר׳ יחיאל־מיכל), וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ם (1879) און איז דאָ באַהאַלטן.

איך קום דעם מלבי״ם אַ גרויסן חוב: מיין פאָטער ר׳ אברהם ז״ל האָט מיט מיר אין די שבתים געלערנט זיינע אַזוי קלוגע, מאָדערנע און זיסע פּי־רושים אויף דעם חומש און עד היום ליגן זיי מיר אין טעם. אפשר דאַרף מען אויך פּאַר זיינע ביינער געפינען אַן אַנדער מקום־מנוחה און זיי זאָלן נישט זיין דער פונדאַמענט פון די הייזער, וואָס דאָ ווערן געבויט?

און דאָ דערהערן מיר גאָר זינגען, — אַ פּרויען־שטימע זינגט אין אוקראַיניש. מיר זענען שוין ווייט אין פעלד — לעבן פּאַרקאַן, וואָס פירט צום „באַבי־יאַר״. אַ יונג שיקסל מיט אַ געבלומט טיכל אויפן קאָפּ קלייבט דאָ שוואָמען אין אַ קערבעלע און זינגט איר ליד צווישן שאַרבנס און קברים.

ד״ר חיים שאָשקעס

אין באַבי יאַר

דער קיעווער פּראָפעסאָר קוקט מיך אָן און גיט אַ זאָג: „איר זעט אויס מאָדנע בלאַס. די פּאָר שעה אויפן לוקיאַנאָווער בית־עולם האָבן אייך מיד געמאַכט. איז ווי איר וועט אויסהאַלטן די אויפטרייסלונג, וואָס שטייט אייך פאָר, ווען מיר וועלן אַרויפקלעטערן אויפן באַבי יאַר? פילט איר זיך גע־נוג שטאַרק ממשיך צו זיין?״

איך ווייס, אַז מיינע כוחות זענען שוין כמעט אויסגעשעפּט, אָבער איך וועל דאָך נישט דורכלאָזן דעם פּונקט אין קיעוו, צו וועלכן איך האָב נישט געקענט דערגרייכן בעת מיינע פריערדיקע צוויי וויזיטן.

מיר גייען אַרויס פון בית־עולם־טויער, הייבן זיך אויף אויף אַ משופּעדיקע וויסט בערגל און שוין, — מיר בלייבן שטיין: פאַר אונדזערע אויגן אַנטדעקט זיך אַ גרוב, אָדער ריכטיקער, אַ טאָל פול מיט גריבער שמוציקע וואַסערן און ווילדע גראָזן. אַ צענדליק פאַרדאַרטע בערעזע־בוימער רייסן זיך אַרויס און בליען ווי אויף צו להכעיס מיט גרינגע בלעטער־קרוינען.

מיר בלייבן שטיין אויפן ראַנד פון דאָזיקן אָפּגרונט צווישן צוויי לאַסט־אויטאָמאָבילן, פון וועלכע אַרבעטער שיטן זאַמד געמישט מיט אָפּפאַל אַהין, וווּ דער גרויל איז געשען: דאָס פאַרשיטן די קיעווער שטאָט־טאַטעס מיט שמוץ דעם טיפן קבר, וווּ קרוב הונדערט טויזנט אוקראַינישע מיטבירגער, — אויסשליסלעך יידן, — זענען אין די טעג פון סעפּטעמבער־אָקטאָבער פון יאָר 1941 דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס.

דאָס וויל מען אויסגלייכן דעם פּלאַץ, אויסטריקענען די בלאָטעס, פאַר־וואַנדלען אים פאַר אַ פונדאַמענט פון אַ נייער פאַרשטאָט מיט מאָדערנע הייזער, וואָס וועלן שטיין דאָ, וווּ די ערד האָט נאָך נישט ווי עס דאַרף צו זיין איינגעזאַפּט די צעשאָטענע ביינער פון די קרבנות. די נייע פאַרשטאָט וועט זיך אויך ציען אויף רעכטס און פאַרדעקן דעם לוקיאַנאָווער בית־עולם, וואָס ווערט ליקווידירט.

דער פּראָפעסאָר, וואָס האָט דורכגעמאַרשירט הונדערטער מיילן פון דער סיבירער טייגע באַוועגט איצט שווער זיינע פיס און זיין שטימע ציטערט: „מיר שפּרייזן איצט איבער צעריבענע ביינער, — ווער ווייס, אפשר מיינע משפחה־ביינער. איר פילט דעם שאַרפן געשטאַנק, וואָס טראָגט זיך פון יענע גרינלעכע וואַסערן, ווו זיי פוילן נאָך און מאָנען, און דערמאָנען?״

מיר לאָזן זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און דער ריח פון פונאַנדערפאַל

ווערט אומדערטרעגלעך. דער קאָפּ פאַרדרייט זיך. מיר דערגייען ביז דעם בלאָטיקן שטיק ערד, ווו מיט אַרום צוויי יאָר צוריק האָבן שכנים אוקראַינער אָנגעהויבן בויען נייע הייזער אין מיטן טאָל פון טויט. זענען געקומען שטורמישע רעגנס און צעווייקט די בלאָטיקע ערד, אויף וועלכער די נייע הייזער זענען געשטעלט געוואָרן, און די ערד האָט איר מויל געעפנט און איינגעשלונגען די הייזער מיט פיל מענטשן, — מען האָט אין די הונדערטער געשאַצט די קרבנות. צו פרי, צו פרי האָט מען געוואָלט „באַבי־יאַר" פאַר־וואַנדלען אין אַ שטאָט־קוואַרטאַל.

אָבער איצט מאַכט מען דאָס שוין מיט בעסערע טעכנישע מיטלען, קוקט! עס שיט זיך טרוקענע מיסט פון די לאַסט־אויטאָמאָבילן און דער גרוב פון באַבי־יאַר ווערט קלענער, קלענער. נאָך אַ האַלבן יאָר פון מיסט־שיטן וועט לויט די אויסרעכענונגען פאַרשווינדן דער גרוב, אויסגעגלייכט ווערן מיט דער ערד אַרום דעם באָדן. און איר זעט שוין פון דער ווייטנס, ווי די געגנט ווערט פאַרבויט מיט נייע הייזער. דוכט זיך אייך נישט, אַז די היי־זער דאַרט מאַרשירן אין רייען און ווילן באַלד מאַכן פאַרגעסן אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און איבערן באַבי־יאַר, דאָס קבורה־אָרט פון אַזוי פיל טויזנ־טער, וועט קיין מצבה פאָרט נישט שטיין?

איר געדענקט דעם פּאַטאָס, מיט וועלכן דער יונגער רוסישער דיכטער יעווטושענקאָ האָט פּראָטעסטירט קעגן זיין רעגירונג און פאָלק, וואָס צאָלט נישט אָפּ זיינע מיטבירגער־קרבנות כאָטש מיט אַ מצבה, וואָס זאָל דערציילן די קינפטיקע דורות וואָס דאָ איז געשען.

לאָמיר אַרויסנעמען עטלעכע סטראָפן פון יענעם ליד (אין דיכטער ל. פיינבערגס איבערזעצונג — איינע פון די צוועלף איבערזעצונגען אין יידיש):

„נישטאָ קיין דענקמעלער אין „באַבי־יאַר" —
אַ שאַרפער אָפּריס, ווי אַ קבר גרויער.
ס׳באַפאַלט אַ פּחד מיך. כ׳צייל די יאָרן שטאַר:
כ׳בין אַלט, ווי אַלט ס׳איז דאָס פאָלק ישראל.

אין באַבי יאַר — אַ ווישיקער געהוד,
ווי ריכטער קוקןביימער דאָ אין טרויער,
אַלץ שרייט דאָ שטיל, כ׳נעם אַראָפּ דעם הוט,
און פיל ווי כ׳ווער פאַמעלעך גרויער, גרויער.

ד״ר חיים שאָשקעס

און איך אַליין בין קלאַנגלאָזער געשריי אַצינד
פון טויזנטער באַגראָבענע אין אָט דעם מקום:
איך בין אַ יעדער דאָ דערשאָסן קינד,
און יעדער כ׳בין דערשאָסענער דאָ זקן.

קיין יידיש בלוט אין זיך פאַרמאָג איך ניט,
נאָר ביי יידן־פיינט מיט רשעות האַרטער, שלעכטער
בין איך פאַרהאַסט, ווי כ׳וואָלט געווען אַ ייד —
דערפאַר בין איך אַ רוס אַן עכטער״.

אָבער אין יענעם טאָג, ווען איך בין געשטאַנען ביים ראַנד פון באַבי־יאַר, איז דער דיכטער יעווטושענקאָ געלעגן אויף זיין דאַטשע לעבן מאָסקווע אַ צעבראָכענער, אַ צעדריקטער און באַשפיגענער דורכן הויפט פון מעכטיקן פאָטערלאַנד זיינעם ניקיטאַ כרושטשאָוו. נאָר וואָס האָט ער אין גרויסן זאַל פון קרעמל־פּאַלאַץ באַשולדיקט יעווטושענקאָן אין פעלשן געשיכטע. און וועלן געפעלן דעם „דעמאָקראַטישן מערב״.

„מיט וואָס פאַר אַ רעכט פאָדערט דאָס יעווטושענקאָ דעם דענקמאָל נאָר פאַר יידן? האָט מען דען נאָר יידן געקוילעט אין קיעוו?״

אָט דאָס איז געווען מער ווייניקער דער זין, פאַר וואָס דאָס ליד זיינס האָט אַזוי אויפגעבראַכט די הערשער פון קרעמל.

ווייס דען נישט כרושטשאָוו, אַז די אויפרופן וואָס די נאַציס האָבן צעקלעפּט און פונאַנדערגעטיילט אין אַלע הויפן האָבן זיך אָנגעהויבן מיטן וואָרט זשיד? „זשידי! צו אייך יידן, איז דאָס געווענדעט און מער צו קיינעם נישט! אַלע יידן דאַרפן זיך זאַמלען, — טאָג־איין, טאָג־אויס אין טאָל פון באַבי־יאַר לויט די גאַסן, ווו זיי האָבן געוווינט. די יידן דאַרפן מיטנעמען זייערע בעסטע קליידער, צירונג אויב זיי האָבן, — מען שיקט זיי דאָך איבער אין אַ ווייטער געגנט אויף אַרבעט, און ווינטער קומט אָן, — מוז מען זיין וואַרעם געקליידט״.

יידן, נאָר יידן, טאָוואַרישטש כרושטשאָוו! און ווער ווי איר ווייסט, ווי די שכנים, די אוקראַינער, האָבן אַרויסבאַגלייט די דאָזיקע קאַלאָנעס פון יידן — ווען אַלע האָבן שוין געוווסט וואָס עס ווערט געטאָן אין באַבי־יאַר מיט די טויזנטער, וואָס קומען אָן?

די „גאַס״ האָט דאָך געפייפט, געלאַכט, — מיט שפּאָט און זידלווער־

טער באַגלייט די טויטן־קאַלאָנעס פון די מאַרשירנדיקע קיין באַבי־יאַר יידן.

אַט וואָס דער יידיש־אוקראַיִנישער שרייבער איציק קיפּניס זאָגט וועגן „מאַרש״:

„מיין פריינד, לאָמיר גיין צופוס איבער די גאַסן, דורך וועלכע מען האָט זיי געפירט. לאָמיר נישט פאָרן מיט אַן אויטאָ אָדער מיטן טראַמוויי. זיי זענען געגאַנגען פון פאַדאָל און פון דעמיעווקע, פון קורעניאַווקע און פון שוליאַווקע, פון די ביידע וואַסילקאָווסקעס. פאַררעטעריש זענען אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון די הויפן גאַנצע און האַלבע משפחות — יונגע און באַיאָרטע, קליינע קינדער און אַלטע לייט. אָט דאָ אויף דער לוואָווסקער גאַס האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן ווי אין אַ טייך פון פאַרשניידונג און אומקום, זיי זענען געגאַנגען אָפּגענאַרטע און אַ פּחד האָט דאָס אַנגעוואָרפן אויף אַלע וואָס האָבן דאָס צוגעזען״...

און ווייטער דערציילט קיפּניס, דער זעלבער וואָס איז שפּעטער, נאָכן באַשרייבן דאָס אַלץ, לאַנגע יאָרן געווען פאַרשפאַרט אין סטאַלינס טורמעס און אפילו שוין אונטער כרושטשאָוון האָב איך אַליין אים אין יאָר 1956 נאָך אַלץ געטראָפן אַ פאַרשיקטן אין באַיאַרקי (בויבעריק) הינטער קיעוו, — דערציילט קיפּניס, פאַרשטענדלעך פאַרזיכטיק: „די פּעק מיט צרות און קלעמעניש דאַרפן בהדרגהדיק אויסגעלאָדן ווערן — איך מיין מיט דעם די עוולות פון די אייגענע (געמיינט די אוקראַיִנער — ח. ש.), וואָס דאַרפן נישט צעקלונגען ווערן, וואָס דאַרפן געלייזט ווערן אַן רעש, ווי אַזעלכעס, וואָס צווישן אייגענע דאַרף עס בלייבן״...

דער שטילער, צאַרטער קיפּניס שטיקט אין זיך די ביטערע עוולות, וואָס דאַרפן נישט צעקלונגען ווערן, „אַבי נישט שאַדן זיין מאַמע־היים, וועלכע איז נאָך אַלץ פאַר אים אַזוי חנעוודיק־ליב״...

ניין, ניין, — מיר אין דער פרייער וועלט האָבן נישט די זעלבע מורא און די זעלבע פּאַטריאָטישע פליכטן, וואָס קיפּניס האָט, ווען ער בעט מען זאָל די עוולות פון די שכנים דערשטיקן צווישן זיך און צווישן אייגענע זאָל דאָס בלייבן! אונדז קאָן נישט נויטן כרושטשאָוו, — ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט יעווטושענקאָן צוצושרייבן אַ פּאָר שורות צו זיין ליד — שורות, וואָס מאַכן אויך נישט־יידן קרבנות פון גרויסן „באַבי־יאַר״ בראָך.

„זשידי״ ! יידן ! — דאָס איז געווען דער איינציקער און דער פיינלעכער אַדרעס, וועמען דער בראָך האָט געטראָפן.

איך זעץ זיך צו מיטן פּראָפעסאָר אויף אַן איינגעפאַלענעם בוים און אָטעם די פאַרפוילטע לופט.

צו אונדז דערנענטערט זיך אַ קיעווער ייד, וואָס האָט נאָר וואָס געזוכט און געני־שטערט דאָ אויפן לוקיאַנאָווער בית־עולם. געזוכט דעם קבר פון זיין מאַמען, וועלכן ער האָט געוואָלט אויסגראָבן און די ביינער אַריבערטראָגן אויפן נייעם בית־הקברות.

ער האָלט אַפילו אין האַנט דאָס ווייסע לייוונטענע זעקעלע, אין וועלכן ער האָט זיך געקליבן די ביינער מיטנעמען. ער האָט אָבער דעם קבר נישט געקאָנט געפינען.

איז ער געקומען אויף קבר־אבות אין „באַבי־יאַר״ : דאָ האָט מען פאַר־שלעפּט זיין טאַטן און זיינע שוועסטער. ער אַליין איז דאַן אויפן פראָנט געווען.

זיצט דער ייד און שטאַרט מיט פאַרלאָשענע אויגן אויף דער בלאָ־טיקער ערד, ווו אַלע אַשן זענען אַ צונויפמיש פון אונדזערע ברידער און שוועסטער.

פילט דער ייד אָן זיין זעקעלע מיטן דאָזיקן אַש פון „אומבאַקאַנטן או־קראַינער ייד״. ער וועט דאָס האַלטן ביי זיך ביז זיין שעה וועט קומען.

דער קיעווער ייד הייבט אָן מיט גאַלע הענט שיטן צעריבענע בלאָטע־ערד אין זיין ווייסן, לייוונטענעם זעקעלע אַריין. ער זאָגט :

„וואָס פאַראַ שאַד, וואָס איך קען נישט אויף אויסנווייניק דעם „אל מלא רחמים״. עס וואָלט דאָך געווען א יושר, אַז מען זאָל ז יי אַלעמען מיט דער דאָזיקער תפילה דערמאָנען״...

נו, איך געדענק יאָ אויף אויסנווייניק די דאָזיקע רירנדיקע ווערטער. און כאָטש אַ קנויל פון טרערן שטיקט מיך שוין באַצייטנס אין האַלדז, שטעלן מיר זיך אַלע דריי אויף פון דעם געפאַלענעם בוים, אויף וועלכן מיר זענען געזעסן, און אין דער אומהיימלעכער שטילקייט וויין איך אויס די תפילה פאַר אָט די אַלע קדושים וטהורים — פאַר די ברידער און שוועסטער אונדזערע, וועלכע זענען דאָ אומגעקומען מיט אַלערליי מיתות משונות על קידוש השם.

דער פּראָפעסאָר, דער אַמאָליקער „איבערצייגטער״ אַטעיסט, כליפּעט, און אַן „אמן״ ציטערט אַרויס פון זיינע ליפּן, ווען איך ענדיק די תפילה.

דער קיעווער פשוטער ייד, דער בעל־מלאכה, שאָקלט זיך מיט פאַרשלאָ־סענע אויגן.

דער גרינער, בלאָטיקער טייך, וואָס העלפּט שוין מער ווי צוואַנציק יאָר פאַרוואַנדלען אין פאַרפוילטקייט די קערפּערס פון די אומגליקלעכע, דער־שאָסענע, דערשטיקטע און דערשטאָכענע, — דער דאָזיקער מאָדנער וואַסער־פלאַך הייבט זיך אָן פאַלדעווען אין שטילע כוואַליעס, אַזוי ווי עמעצער אונטן וואָלט אים אָנגעהויבן באַוועגן, אַזוי ווי עמעצער וואָלט דאָרט דער־הערט די ווערטער פון „אל מלא רחמים"...

און פון דער ווייטנס זעט איר די נייע הייזער, וועלכע ווערן דאָרט געבויט און רוקן זיך אַלץ נענטער צו אָט דעם גרוב, וואָס ווערט איצט מיט מיסט פאַרשאָטן. די הייזער, אַזוי ווי זיי וואָלטן געגאַנגען מיט אַן אַטאַקע אויף באַבי־יאַר, צו פאַרדעקן אים, אויסצומעקן אים און צו לאָזן אים אָן אַ מצבה, וועלכע זאָל כאָטש די קינפטיקע דורות דערמאָנען וואָס דאָ איז אַ מאָל געשען.

דערציילט דער ייד:

„ווען איך בין פון פראָנט געקומען און איך האָב געזוכט מיינע נאָענטע, האָב איך זיך, ווי אַלע אַנדערע צוריקגעקומענע קיעווער יידן, קוים דער־שלעפּט צו אָט דעם גרוב. עס זענען נאָך דעמאָלט די באַזונדערע גריבער געווען אָפן. שאַרבנס און ביינער האָבן זיך נאָך געוואַלגערט. דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געזען אַ קינדער־שיכעלע, אַ העמדל...

מען האָט דעמאָלט דערציילט וועגן דער גרעסטער שחיטה, וואָס איז געהאַט פאַרגעקומען גראַד ערב יום־כיפּור, צו כל־נדרי, אין יאָר 1941. דעמאָלט איז פאַר פיל, פיל טויזנטער יידן געקומען דער יום הדין... מען האָט דערציילט וועגן יידן, וועלכע זענען דאָ אַהער געקומען אין די טליתים, גרייט צו גיין אין בית המדרש אַריין.

מען האָט אויך דערציילט אַז איינער פון די דאָזיקע יידן, אַ באַקאַנטער סטאָליער־שניצער, אַן אַלטער ייד מיטן נאָמען ר׳ לוי, האָט מקדש השם געווען. ער האָט מיט אַ רידל דערהרגעט דעם דייטש, וועלכער האָט אים באַפוילן טיפער צו גראָבן דעם גרוב. ר׳ לוי האָט אַ הייב געטאָן דעם רידל און מיט דעם כל־נדרי־געשריי פון „על דעת המקום", האָט ער מיט דעם גאַנצן כוח געשפּאָלטן דעם קאָפּ פון דעם דייטש מיט דעם אויפגעהויבע־נעם רידל".

סיי דער קיעווער ייד און סיי דער פּראָפעסאָר האָבן נישט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער עפּיזאָד מיטן אַלטן ר׳ לוי, וועלכער האָט געשפּאָלטן דעם דייטשס קאָפּ, איז מיט גרויס טאַלאַנט און מיט אמת־פּרומען פּאַטאָס אויס־גענוצט געוואָרן דורך דעם פאַרפייניקטן סאָוויעטיש־יידישן דיכטער פּרץ מאַרקיש אין זיין פּאָעמע „מלחמה״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק דורך דעם „איקוף״־פאַרלאַג אין דעם זעלביקן יאָר, ווען מאַרקיש און די אַנדערע קאָריפייען פון דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך סטאַלינען.

און איראָניש־טראַגיש: די דאָזיקע פּאָעמע איז נאָך פול מיט לויב־געזאַנגען לכבוד סטאַלינען, און דער מאַנוסקריפּט איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק מיט אַ בריוו צו נחמן מייזילן גראָד אין דעם זעלביקן טאָג ווען פּרץ מאַרקיש איז אַרעסטירט געוואָרן אין מאָסקווע.

וויל איך כאָטש מיט אַ פּאָר פערזן פון מאַרקישעס פּאָעמע מזכיר זיין זיין נשמה אָט דאָ, ווען איך דערמאָן „באַבי־יאַר״.

דער דייטש האָט יעדער ווילע אַ שטאָט געטאָן אַ ריס,
און אידע איינוואוינערס געטריבן אויף הריגה.
געהערט האָט קאָוונע, ווי מען קוילעט בריסק;
געהערט האָט ווילנע, ווי מען קוילעט ריגע.
יעדעס בלעטעלע פון בוים — אַ מינדסט
האָט אָנגעריסן אויפן צוויג, ווי אַ געשוויר גאָר.
געהערט האָט מאָהילעוו, ווי מען קוילעט מינסק;
געהערט באַברויסק האָט, ווי מען קוילעט ווילנע.
פאַרצוקט האָט יעדע וויל אַן אַנדער שטאָט די פעסט,
און אָפּגעהילכט דער בראָך האָט מיט אַ ווילדער תקיעה.
געהערט האָט קיעוו, ווי מען שעכט אָדעס;
און מינסק געהערט האָט, ווי מען קוילעט קיעוו.
און ביים דניעפּער שוין דעם זעקסטן טאָג
געגאַנגען אַ שטאָט צום „באַבי־יאַר״ איז...

(פּרץ מאַרקיש, „מלחמה״, ז. 108.)

גראָד מיט עטלעכע וואָכן פריער, איידער איך האָב באַזוכט קיעוו, האָט אין מאָסקווער קרעמל דראָענדיק געקלונגען די רעדע פון ניקיטאַ

כרושטשאָוו צו די שרייבערס, קינסטלערס און מוזיקערס אין ראַטן־פאַר־באַנד.

איך האָב שוין צוויי מאָל געלייענט די סטענאָגראַמע פון דער דאָזיקער רעדע און איך געפין נאָך אַלץ אין איר אַ שלל מיט אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס זענען ווערט, אַז מען זאָל טיפער אין זיי אַריינקוקן, ספּעציעל די צאָל־רייכע נעמען פון פּאָליטיקערס און קינסטלערס, וועלכע זענען אין דער רעדע אַריינגעשלעפּט געוואָרן, און זיי דערציילן, אפשר קעגן כרושטשאָווס ווילן, סודות וועגן די נייע שטימונגען, וועלכע הערשן איצט אין קרעמל. די דאָזיקע שטימונגען זענען אין גאַנצן אַנדערש, ווי אין יאָר 1956, ווען כרושטשאָוו האָט געהאַלטן זיין באַרימטע רעדע אויף דעם 20־סטן צוזאַמענפאָר פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קעגן דעם „פּערזאָנען־קולט".

איך וועל זיך צו דער דאָזיקער רעדע נאָך אומקערן. אָבער איין פּונקט דאַרף מען שוין איצט דערמאָנען: די ווערטער פון כרושטשאָון וועגן יעווטושענקאָס „באַבי־יאַר":

„פאַר וואָס קריטיקירן מיר אַזוי דאָס דאָזיקע ליד? דערפאַר, ווייל דער מחבר האָט זיך געקענט אַ מ ת ד י ק באַווייזן און פאַראורטיילן די פאַשיס־טישע פאַרברעכערס פאַר די מאַסן־הריגות אין ,באַבי־יאַר'. אָבער עס באַקומט זיך פון דעם ליד דער איינדרוק, אַז נאָר די יידן אַליין זענען געפאַלן קרבנות פון די פאַשיסטישע רציחות, אין דער צייט, ווען עס זענען דאָרטן אומגעקומען נישט ווייניק רוסן, אוקראַינער און סאָוויעטישע מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. פון דעם דאָזיקן ליד איז צו זען, אַז דער מחבר האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין פּאָליטישע רייפקייט און אַז ער ווייס נישט די היסטאָרישע פאַקטן"...

(נאָך איניקע מאָל אין דער זעלביקער רעדע האָט כרושטשאָוו אָנגע־גריפט יעווטושענקאָן פאַר דעם דאָזיקן ליד אויסשרייענדיק: „דאָס איז נישט אמת!")

אָבער עס איז דאָך פּאָרט אמת! אין „באַבי־יאַר" זענען אומגעקומען אויסשליסלעך יידן! קיין איינציקער אַנדערער סאָוויעטישער מענטש האָט דאָרט זיין לעבן נישט פאַרלוירן!

אָט וואָס עס דערציילט אַ סאָוויעטיש־יידישע שרייבערין, דרוגאַ־ביצקאַ, וועלכע איז אַליין שוין געלעגן אין אַ גרוב אין באַבי־יאַר דערשאָסן צו ווערן, און אין דער לעצטער מינוט איז איר איינגעפאַלן אויסצושרייען

צו דעם אוקראַינישן וועכטער, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דעם דייטש, אַז זי ליגט דאָ אומשולדיק, ווייל זי איז גאָר אַ קריסטין! האָט מען זי טאַקע אין איילעניש אַרויסגעכאַפּט. וואָרעם עס האָט דאָך טאַקע געקאָנט פּאַר־קומען, חלילה, אַ טעות!

נאָר לאָמיר לאָזן דער שרייבערין דרוגאָביצקאַ דערציילן אין אירע אייגענע ווערטער (אַלמאַנאַך „דער שטערן״, קיעוו 1947):

„באַבי־יאַר״, דאָס ערשטע מאָל דערהער איך דעם נאָמען; דאָס ערשטע מאָל דערזע איך די לאַנגע, טיפע גריבער. מען לאָזט אונדז נישט זיך אַרומקוקן. מען הייסט אונדז זיך לייגן אויף דער ערד מיט דעם פּנים אַראָפּ.

שיכורע דייטשן שיסן מיט אויטאָמאַטן אין דער לעבעדיקער בריק פון האַלב־לעבעדיקע מענטשן. אַלע ליגן און וואַרטן אויפן טויט. פריער איז מען געשטאַנען. האָט מען באַפוילן זיך אויסצוטאָן. ביז מען פלעגט זיך אָנ־הייבן אויסטאָן פלעגט זיין שטיל. נאָר ווען מען האָט זיך שוין געשטעלט ביים ראַנד פון גרוב, האָבן זיך דערהערט נישט־מענטשלעכע געשרייען. קרעכצן זענען דערגאַנגען פונעם גרוב אַרויס. מען האָט געשאָסן אָדער מיט שפּיזן געשטופּט די לעבעדיקע אין גרוב אַריין. דאָס שרעקלעכסטע איז מיט די קינדער. זיי האָט מען נישט געשאָסן, נאָר געוואָרפן גלייך אין גרוב אַריין...

אָ, די קליינע, שרייענדיקע קינדער... מען האָט זיי דאָך געוואָרפן לעבע־דיקערהייט, זיי באַשאָטן מיט ערד, און אויף זיי ווידער געוואָרפן די צע־שאָסענע, טויט־פאַרגליווערטע קערפּערס. די ערד האָט זיך נאָך געהויבן, און אויף איר זענען שוין פרישע קערפּערס געוואָרפן געוואָרן״...

האָט מען דרוגאָביצקאַ אַרויסגענומען פון גרוב און מען האָט זי צוריק־געפירט צו דער געסטאַפּאָ. מען האָט זי געפּאַרשט דריי טעג, ביז זי האָט איבערגעצייגט די דייטשן, אַז זי איז טאַקע אַן אוקראַינערין. און מען האָט זי געלאָזט לעבן...

אַלזאָ, אַן אמת האָט געזאָגט יעווטושענקאָ. און כרושטשאָוו איז אויך דאָ, שוין צום וויפלטן מאָל, געשטרויכלט געוואָרן מיט אַ ליגן.

*

צוריק פון „באַבי־יאַר״ האָב איך פּשוט קיין כוח נישט געהאַט צו גיין און געמוזט זיך אָנשפּאַרן אויפן אָרעם פון דעם יינגערן פאַר מיר פּראָפעסאָר.

מיין אויטאָמאָביל, ווי דערמאָנט, האָב איך באַפרייט, ווי נאָר מיר

זענען אָנגעקומען צום דאָזיקן „טאָל פון טרערן״. זענען מיר געבליבן אָן אַ קאָמוניקאַציע־מיטל צוריקצופאָרן קיין קיעוו, ווייל אויטאָבוסן קורסירן דאָ נישט און אַ טאַקסי זעט מען אויך נישט אַרום. לייגט מיר פאָר מיין באַגלייטער איך זאָל זיך נאָך אַ ביסל אָנשטרענגען און דערגיין מיט אים ביזן מיליטערישן בית־עולם, וואָס איז פון דער אַנדער זייט פון באַבי־יאַר. דאָרט זעַנען פאַראַן בענק אוןביימער און בלומען און — מתים אַ סך, וואָס וועלן אונדז נישט שטערן אין אונדזער איינזאַמען שמועס.

עס איז געווען אַ גוטער איינפאַל אָפּצורוען אויפן באַנק פון מיליטערישן בית־עולם. דער אוקראַינישער פרילינג האָט זיך דאָ צעזונגען מיט דער שפּראַך פון סווישטשענדיקע פייגעלעך און שמעקעדיקע בלומען. דער ריח פון בעז פאַרשיכורט, און דער ווינט הוידעט מיט די צווייגן איבער אונדזערע קעפּ, קילט און באַרויקט.

אין משך פון די פּאָר יאָר, וואָס איך האָב נישט געשמועסט מיט מיין פריינד, באַמערק איך אין אים אַ בולטע ענדערונג אין דעם אופן פון לויבן די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון סאָוויעטישן רעזשים אין פאַרגלייך מיט די פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם.

ער ווייזט מיטן פינגער אויף די נייע בנינים — די מאָדערנע הייזער, די נייע קיעווער פאַרשטאָט — און ער זאָגט: „ביי אונדז זוכט מען נישט קיין קוואַלן ווו מען וועט נעמען די הונדערטער מיליאָנען, וואָס זענען נייטיק אויף צו בויען די פאַרשטאָט. מען קאַלקולירט אויך נישט, צי דאָס וועט לוינען אָדער נישט. נאָך דעם ווי מען באַשליסט, אַז די הייזער זענען דורכויס נייטיק — געפינט מען דאָס געלט. און אַזוי מיט אַלע אַנדערע הוצאות: בודזשעטן ווערן געמאַכט נישט לויט דעם צי עס וועט ל ו י נ ע ן אָדער נישט, נאָר לויט דער נויטווענדיקייט.

יאָ, איך ווייס, אייך אינטערעסירט די לאַגע פון יידן, פון די פּאָר הונדערט טויזנט יידן אין קיעוו.

עקאָנאָמיש לעבט זיך זיי נישט ערגער, אויב נישט בעסער, ווי די נישט־יידן. דאָס איז דערפאַר, ווייל דורות לאַנג, אונטער פאַרשידענע רעזשימען, האָט אַ ייד זיך אויסגעלערנט אָן עצה געבן... אַזוי מיט אַ דירה, אַזוי מיט בילדונג פון די קינדער. זענען דעריבער איצט די צאָל פון יידישע אַקאַדעמיש־אויסגעבילדעטע פאַכלייט — אינזשענירן, דאָקטוירים, לערער — אין אַזאַ פּראָפּאָרץ, ווי עס זענען אַ מאָל געווען קרעמער, וועלכע זענען דאָך איצטער פאַרשוווּנדן.

וועט איר פרעגן, ווי איז דאָס מעגלעך? אָט, זאָגט איר, אַז מען האָט אייך אינפאָרמירט, אַז אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט אין קיעוו, צווישן טויזנטער סטודענטן זענען נאָר פאַראַן אַ הייפעלע יידן, איז פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל יידישע דאָקטוירים? (אין מאָסקווער ראַיאָן, למשל, זענען פון אַכצן טויזנט דאָקטוירים זעקס טויזנט יידן — ח. ש.) די תשובה איז אַ פשוטע: די מערהייט דאָקטוירים (און אינזשיניערן און אַנדערע) האָבן אָנגעהויבן זייער ספּעציאַליזאַציע מיט צענדליקער יאָרן צוריק און איבערהויפּט אין די יאָרן נאָך דער מלחמה. די גאַנצע יידישע יוגנט, וואָס האָט געקעמפט אין דער מלחמה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין די הויכשולן נאָך בילדונג און דיפּלאָמען און דאַן זיי באַקומען אָן באַגרענעצונגען. פיל פון זיי זענען דאָס איצט דער שטאָלץ פון דער סאָוויעטישער וויסנשאַפט; די ספּעציאַליסטן אין די אַטאָמישע, כעמישע און פיזישע וויסנשאַפטן. און איר וועט געפינען טויזנטער יידישע סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן פון קאַזאַכסטאַן, קאַווקאַז, סיביר, ווו דער צוטריט איז פיל לייכטער, ווי אין הויפּטשטעט מאָסקווע, קיעוו, לענינגראַד אדג״ל״.

איך מוז עטוואָס צוגעבן צו די דערקלערונגען פון מיין פּראָפעסאָר, וועלכער איז אַ נאַטירלעכער פּאַטריאָט פון זיין סאָוויעטיש פאָטערלאַנד.

די באַגרענעצונגען אין די גרויסע באַרימטע אוניווערסיטעטן זענען פאַר יידן איצט שאַרפער, ווי אין די צייטן פון צאַר ניקאָלאַי און זיינע בילדונגס־מיניסטאָרן: דאַן האָט מען אָנגענומען פון פינף ביז צען פּראָצענט יידן אין די אוניווערסיטעטן פון מאָסקווע, קיעוו און פּעטער־בורג. איצט אָבער נעמט מען אין די דערמאָנטע אוניווערסיטעטן קיין צוויי פּראָצענט יידן נישט אָן! און עס שאַדט גאָרנישט, ווען מען זאָל דעם דאָזיקן אמת מיטן פולן מויל אויסשרייען: מיר דאָ האָבן גענויע ציפערן און אינפאָרמאַציעס...

מיין פּראָפעסאָר זעצט פאָר: „און דאָך פאַרנעמען יידן אַזאַ בכבודיקן אָרט צווישן אַקאַדעמיש־וויסנשאַפטלעכן פּערסאָנאַל אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין גאַנצן לאַנד זענען פאַראַן, למשל, 150 טויזנט גרויסרוסן און 24 טויזנט אוקראַינער צווישן וויסנשאַפטלעכן קאָלעקטיוו, אָבער יידן זענען פאַראַן 28 טויזנט, ד. ה. פּראָפּאָרציאָנעל אַרום צען מאָל מער ווי די רוסן אָדער אוקראַינער. און אַז עס קומט צו דער וויסנשאַפט, וואָס פאָרשט דעם אַטאָם און דעם חלל, מאַכן יידן אויס גאַנצע זעכציק פּראָצענט צווישן די וויסנשאַפטלער, און מיר זענען שטאָלץ מיט דעם״.

„און ווי האַלט דאָס מיט געמישטע חתונות?"

„איך בין נישט קיין אָנהענגער פון געמישטע חתונות און דעריבער מוז איך אייך זאָגן: ליידער אין זייער צאָל געוואַקסן און דער גאַנג הויך, פאַרגעסט נישט, אַז עס איז נישטאָ קיין יידישע דערציִונג, אַז די קינדער קענען נישט זייער רעליגיע, זייער געשיכטע און ווען עס קומען די קאָנסעקווענצן און מען זעט זיך אַרום, אַז מען האָט געמאַכט דעם טעות, איז שוין צו־שפּעט: קינדער — אָפט מאָל שונאים — זענען אויסגעוואַקסן אין דער אייגענער שטוב...

לויטן געזעץ קאָן אין אַ געמישטער הייראַט דער מאַן אָננעמען דעם פאַמיליע־נאָמען פון דער פרוי און עס איז נאָך אַלץ באַקוועמער צו טראָגן דעם נאָמען באָנדאַרענקאָ אין קיעוו, ווי למשל, זיין אַ ראַבינאָוויטש. און זאָל נישט אַזוי טרעפן ווי עס טרעפט: ווען עס ווערט געבוירן אַ קינד כאַפּט אים די שוויגער „שטילערהייט" און טויפט אים אָפּ אין צערקווע, און מיט דעם קומט דער סוף — עס פאַרשווינדט דער יידישער שורש אינגאַנצן".

לויט אַן אַרטיקל אין „איזוועסטיאַ" מיט אַ קורצער צייט צוריק ווערן געטויפט דורך באַבעס, מאַמעס, זיידעס, אַרום זעכציק פּראָצענט פון ניי־געבוירענע פּראַוואָסלאַווע קינדער. דער שרייבער פון אַרטיקל קלאָגט זיך, אַז אַפילו טאַטעס־קאָמוניסטן מאַכן צו די אויגן, ווען מען טראָגט אַוועק זייער קינד טויפן אין צערקווע.

אין דער זעלבער צייט ווייס איך פון זיכערע קוועלן, אַז נאָר אַרום פינף פּראָצענט יידישע יינגלעך ווערן געמלט. און צוליב דעם וואָס אין רוסלאַנד פעלן אויס רעגיסטרירטע מוהלים, זענען פאַראַן יידישע טאַטעס וואָס נעמען זיך אונטער אַליין מל זיין אַ ניי־געבאָרענעם זון, פאַרשטייט זיך, אין געהיים. דער רעזולטאַט: נישט ווייניק בלוט־פאַרגיסטונגען, ווי אויך אַרעסטן פון נישט־קוואַליפיצירטע מוהלים.

צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים וויל איך נישט מיין געלערנטן באַ־גלייטער באַלעסטיקן מיט דעליקאַטע פראַגן וועגן דער באַציאונג פון אוקראַינער יידן צו ישראל. אָבער די געלעגנהייט צו שטעלן אייניקע אַזעלכע פראַגן האָט זיך געמאַכט נאָך דעם זעלבן אָוונט.

און די תשובה איז געווען: „ישראל איז דער ליכטיקער פּונקט נישט נאָר ביים עלטערן דור, וואָס גייט אין דער סינאַגאָגע, נאָר ספּעציעל ביי אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט. וואָס מער אונדזערע צייטונגען טאַדלען ישראל.

זידלען אירע פירער, באַשולדיקן זיי אין אימפּעריאַליזם און מלחמה־קולט — אַלץ ווייניקער גלייבט מען זיי, אַלץ מער שטייגט די סימפּאַטיע צום קליינעם לאַנד. דאָס איז אין בלוט און קאָן נישט באַקעמפט ווערן דורך נאַרישע פּראָ־אַראַבישע אַרטיקלען.

„נעמט, למשל, דעם אַרטיקל: „דאָס טראַיאַנישע פערד אין אַפריקע״, וואָס האָט געזאָלט באַשולדיקן ישראל, אַז זי גנבעט זיך אַריין אין די אַפריקאַנישע לענדער, ווי די סאָלדאַטן אין הילצערנעם פערד פון דער גריכישער לעגענדע האָבן זיך אַריינבאַקומען אין דער פעסטונג טראָיאַ. האָבן מיר געלייענט די „באַשולדיקונג״, אַז דער „סולל בונה״ בויט הייזער און וועגן אין גאַנאַ, ליבעריע, ניגעריע; אַז ישראל־דאָקטוירים פאַרפלייצן קאָנגאָ און טאָגאָ און קאַמערון. און נאָך אַ שרעקלעכערע באַשולדיקונג: ישראל־אָפיצירן קומען קיין לעאָפּאָלדוויל מושטרירן די שוואַרצע... אַזאַ סקאַנדאַל! דער אַרטיקל דערציילט אויך, אַז ישראל גיט אויס אויף דעם צוועק פון אַריינדרינגען אין אַפריקע אַזש הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן. בקיצור, כיטרע יידעלעך גייען פאַרכאַפּן דאָס נייע אַפריקע און מיר מוזן דעריבער צוזאַמען מיט די אַראַבער שטיין אויף דער וואַך״...

וואָס אָבער האָבן אַ גרויסער טייל רוסישע יידן געלערנט פון דעם אַרטיקל?

„ערשטנס, אַז ישראל איז גאָר אַ רייכע און פּראָגרעסיווע מלוכה, אויב זי קאָן אונטערשטיצן מיט „הונדערטער מיליאָנען״ די נייע אָפּגעשטאַנענע און אָרעמע אַפריקאַנער מלוכות. דאָס איז דאָך, אַדרבא, זייער שיין און אין פולן הסכם מיט דער מאַרקסיסטיש־לענינסטישער לערע צו העלפן געוועזענע קאָלאָניעס וואָס שנעלער זיך באַפרייען פון אימפּעריאַליזם. קיינער וועט דאָך נישט חושד זיין ישראל, אַז זי גייט פאַרוואַנדלען צוריק אין אַ קאָלאָניע קאָנגאָ אָדער ניגעריע...״

און אויך האָבן די יידן זיך דערוווּסט, אַז ישראל האָט גאָר מיליאָנען צו שפּאָרן און גיט אַפריקע פּונקט אַזויפיל, אויב נישט מער, ווי דער מעכטיקער און רייכער ראַטן־פאַרבאַנד.

אָט אויף אַזאַ אופן האָט אַ בלעם־אַרטיקל, וואָס האָט געזאָלט פאַרשילטן ישראל, זיך פאַרוואַנדלט אין א הערלעכן „מה טובו״ — אין אַ לויב־געזאַנג.

אין דער קיעווער שול

נאָך אָפּליגן אַ פּאָר שעה און רוען און אויך נאָך אַ שטאַרקן זופּ פון אַרמענישן פּרעכטיקן קאָניאַק (דער פּרייז איז פּונקט דאָפּלט, ווי פון גוטן פראַנצויזישן קאָניאַק) האָט מיך דער אימפּעט אַ הייב געטאָן פון בעט, ווייל איך האָב זיך דערמאָנט, אַז פרייטיק איז היינט און מען דאַרף זיך איילן אויף פּאָדאָל, אין דער איינציקער קיעווער שול, כדי צו באַווייזן „מקבל שבת" זיין.

איך גלייב נישט, אַז אין ניו־יאָרק, למשל, ווו אויף יעדן ווינקל איז פאַראַן, ברוך השם, אַ פּלאַץ צו דאַווענען, וואָלט איך זיך אויך אויפגעהויבן אַ האַלב קראַנקער און געפאָרן אַזש קיין ברוקלין כדי נישט פארשפּעטיקן דעם „לכו נרננה"...

אָבער אין רוסלאַנד — אין וועלכער שטאָט עס זאָל נישט זיין — וועל איך דען דורכלאָזן די געלעגנהייט צו דאַווענען בציבור מיט יידן?

און — הנותן ליעף כח — איך בין מיט אַ טאַקסי לאַנג־לאַנג געפאָרן איבער די שיינע קיעווער גאַסן, פאַרבייגעפאָרן דעם דענקמאָל פון זיגע־ריש־אויסזעענדיקן מערדער־„העלד" באָגדאַן כמיעלניצקי (ער האָט יאָ אַ דענקמאָל...), דורכגעשניטן דעם בריק אויפן דניעפּער, און שוין בין איך — דאָרט, אין פּאָדאָל, ווו יידן האָבן אויך אין ניקאָלאַיס צייטן „פּראַ־וואָזשיטעלסטוואָ" (רעכט צו וווינען) געהאַט, און דאָ, ביים פאַרקאַן פון שולהויף באַפריי איך די טאַקסי.

ווען איך בין צוגעפאָרן צום הויף, אין וועלכן עס געפינט זיך די קיעווער שול, איז נאָך געווען ליכטיק און אַ שטיק פאַרן דאַווענען.

מיט יאָרן צוריק האָב איך זיך דאָ באַקענט מיטן קיעווער רב, ר' אברהם פּאַניטש און מיטן ציווילן פירער פון דער קהילה.

גלייך ביים אַריינגאַנג אין הויף זיצן אויף לאַנגע בענק עלטערע יידן און שמועסן שטיל. מען קען זען, אַז דאָס וואַרטן זיי אויפן דאַווענען.

פרעג איך ביים ערשטן פון זיי סיי אויפן רב, סיי אויפן גבאי.

„דער רב אונדזערער איז שטאַרק שלאַף און קומט שוין כמעט נישט אין שול אַריין. נו, און דער גבאי, דער אַלטער „פּרעדסעדאַטעל", איז שוין מער נישט אויף זיין שטעלע. אָט דאָרט אין שטיבל אַנטקעגן זיצט דער נייער גבאי".

איך האָב שוין אייגנטלעך פון פריער געוווּסט, אַז מיט אַ יאָר צוריק

איז דורכגעפירט געוואָרן אַ „רייניקונג״ אויף די שטעלעס פון די סינאַ־גאָגע־גבאים אין קיעוו, מינסק, ווילנע און לענינגראַד.

איך גיי פונדעסטוועגן אַריין אין שטיבל אויפן הויף — די סינאַגאָגע־קאַנצעלאַריע. זיצן דאָרט ביים טיש אייניקע עלטערע יידן. איינער פון זיי ענטפערט אויף מיין פראַגע, אַז ער איז דאָס דער פאַרוואַלטונגס־פאַרזיצער, און וואָס וויל איך פון אים? זאָג איך, אַז אייגנטלעך וויל איך גאָרנישט, נאָר כ׳בעט אים איבערצוגעבן אַ גרוס פון מיר דעם קראַנקן רב אַ. פאַניטש. מסתּם געדענקט ער מיך, דעם שרייבער פון אַמעריקע.

ענטפערט דער גבאי:

„אויב איר זענט אַן אַמעריקאַנער, טויגט איר איבערהויפּט נישט, ווייל מען שרייבט דאָרט שלעכטס וועגן אונדז״.

באַמערק איך רואיק, אָבער מיט באַק־ציינער:

„נישט נאָר שרייבט מען נישט קיין שלעכטס וועגן אייך, נאָר אונ־דזערע הערצער גייען אויס אין בענקשאַפט נאָך אייך, רוסישע יידן. פאַר וואָס זאָלט איר, אַ בית־המדרש־ייד, רעדן אַזוי בייז צו אַן אורח פון אַמעריקע? איך קען עס נישט פאַרשטיין. בעת מיינע פריערדיקע וויזיטן האָבן מיך סיי דעם רב, סיי דער גבאי באַגעגנט מיט דער גרעסטער פריינדלעכקייט.״

כאַפּט זיך אַרויס ביי אַ יידן, וואָס זיצט צוזאַמען מיטן גבאי: „אָט דעריבער טאַקע זענען זיי איצט מיט אונדז מער נישטאָ״...

דער „פרעדסעדאַטעל״ פאַרהאַלט אים שאַרף און פרעגט ווייטער:

„מיט וואָס קענען מיר אייך דינען?״

— איך וויל וויסן וויפל יידן עס קומען יעדן טאָג אין שול אַריין, צי מען לערנט בציבור אדג״ל.

באַקום איך אַ תשובה, אַז עס דאַוונט יעדן טאָג צוויי מנינים, אַז צווישן מנחה און מעריב לערנט מען חומש און „עין יעקב״, אַז דאָס ביסל לומדים פון אַמאָל איז שוין אויסגעשטאָרבן, ווי אויך, אַז ימים טובים איז די שול געפּאַקט, ווייל מען קומט צו לויפן פון דער גאַנצער שטאָט הערן דעם נייעם חזן מיטן גלענצנדיקן כאָר. אָט וועל איך באַלד אים הערן דאַווענען „קבלת שבת״, וועל איך אַליין לעקן די פינגער.

איידער מען גייט אַריין אין שול דערזעט מיך אַן עלטערער ייד, וועמען מיין פריינד, דער פּראָפעסאָר, האָט מיט אַ טאָג פריער דערציילט ווער איך בין און אַז איך וועל קומען צו „קבלת שבת״ אין שול אַריין. און

ער רופט אָן זיין נאָמען נאָכן געבן מיר „שלום עליכם", האָב איך זיך זייער דערפרייט. קען איך דאָך זיין ברודער, אַ באַרימטער פירער אין ישראל. ווייס איך שוין פון פריער, אַז אָט דער בכבודיקער ייד האָט כמעט 20 יאָר געשמאַכט אין די סטאַלין־תפיסות אַלס איינער פון די „אַסירי ציון" און זיין גייסט איז נישט געבראָכן געוואָרן. ער איז פון ווייטן נאָרימער קאָנצלאַגער צוריקגעקומען אַ דורכויס פרומער ייד, וואָס דאַוונט דריי מאָל אַ טאָג. ער לעבט פון זיין עלטער־פּענסיע, אַזוי ווי עס לעבן פון דעם — און קומען ווי עס איז אויס — אָט די אַלע יידן, וואָס איך זע אַרום זיך. מיר רעדן זיך אָפּ, אַז ער וועט מיך באַגלייטן נאָכן דאַוונען צוריק אין מיין האָטעל.

דער חזן איז באמת א גוטער און זיין „קבלת שבת" איז געווען אַ נחת־רוח צו הערן. ווען עס איז אָבער געקומען צו קדיש זאָגן בין איך געווען איבעראַשט, זעענדיק ווי כמעט אַלע אָנוועזנדיקע ביים דאַוונען האָבן זיך געשטעלט זאָגן קדיש. מסתם זענען געקומען אַ סך יידן „אבלים" פון די ווייטע געגנטן פון שטאָט.

אָן עדה פון יתומים און אבלים!

„קיין מצה באַקט מען שוין נישט אין אוקראַינע דאָס דריטע יאָר, עס איז פאַרבאָטן. אָבער קיין חמץ, חלילה, האָבן די, וואָס ווילן דאָס נישט, נישט געגעסן! מיר האָבן געבאַקן דעם „לחם עוני" אין אונדזערע אָרעמע קיכן און אין איילעניש, ווי די יידן אַמאָל אין מצרים"...

איצט הייבן מיר אָן שפּרייזן צוריק דעם לאַנגן וועג צו מיין האָטעל מיטן געוועזענעם „ציון־אַרעסטאַנט".

דערציילט ער:

איידער היטלער איז באַפאַלן רוסלאַנד זענען אַ דריטל איינוווינער אין קיעוו געווען יידן — אַרום אַ פערטל מיליאָן. היינט צו טאָג באַטרעפן יידן אַ 10־12 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. מיר רעכע־נען, אַז מיר ציילן איצט אַרום 150 טויזנט נפשות. איך דאַרף איך דאָך נישט זאָגן, אַז עס איז גאָרנישט געבליבן פון גאַנצן יידישן קולטור־אוצר: די טעגלעכע צייטונג, די שולעס, דאָס טעאַטער, דער פעדאַגאָגישער אינ־סטיטוט. די שול אויף פּאָדאָל, ווו מיר האָבן נאָר וואָס געדאַוונט, איז די איינציקע אין שטאָט. קיין מנינים זענען נישט דערלויבט און אַז מען כאַפּט זיי, ווערן די אָרגאַניזאַטאָרן באַשטראָפט.

וועגן ישראל ווייסן מיר אַ סך, ווייל מען הערט דעם ישראל־ראַדיאָ

און דאָס איז איצט נישט פאַרוועדט. עס הערן זיך צו אויך פיל טויזנטער יינגערע יידן, און דאָס איז וויכטיק.

מיר גייען פאַרביי אַ צוויי־שטאָקיק הויז אויף דער אַמאָליקער גרויס־וואָלאָדימירסקי־גאַס. באַמערקט מיין באַגלייטער: „אָט אין דעם הויז איז געווען אַ ביליקער האָטעל און אין איינעם פון זיינע צימערן איז אין ווינטער פון 1917 געשטאָרבן בער באָראָכאָוו. איך בין דאַן נישט נאָר געווען אויף זיין לוויה, נאָר אויף מיין גורל איז גראָד אויסגע־פאַלן צו מאַכן דעם „אל מלא רחמים״, ווען מען האָט זיינע ביינער עקס־הומירט, כדי זיי איבערצופירן קיין ישראל״.

און איצט זענען מיר אין האָטעל. מיין באַגלייטער באַגריסט זיך וואַרעם מיט עפּעס אַן אַלטן רוסישן מענטשן, וואָס זעט אויס ווי אַ שרייבער אָדער אַ לערער.

ער שטעלט אים פאָר פאַר מיר אַלס „וואַסילי וויטאַליעוויטש שולגין״.

פרעג איך איבער אַן איבעראַשטער: „ווי זאָגט איר? שולגין, דער אַמאָליקער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „קיעוולייאַנין״?

ענטפערט דער אַלטער רוס: „יאָ, דער זעלבער, וועלכער האָט אָראָפּ־געזעצט פון טראָן דעם צאַר ניקאָלאַי״...

דערמאָן איך זיך גלייך, אַז מיט אַ צוויי יאָר צוריק האָט דאָך מיט שול־גינען גאַנץ אַמעריקע געקלונגען, ער האָט אָנגעשריבן לויב־געזאַנגען פאַר דעם סאָוויעטישן רעזשים אין דער ניו־יאָרקער לינק־אָריענטירטער רוסי־שער צייטונג „רוסקי גאָלאָס״. פריער איז ער געזעסן צוועלף יאָר אין אַ תפיסה אין וויַיטן צפונדיקן נאָרים און טאַקע דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט מיין איצטיקן באַגלייטער פון דער סינאַגאָגע — דעם „ציון־אַרעסטאַנט״.

אָט זענען זיי די גרימאַסן פון דער געשיכטע: שולגין, דער אַמאָ־ליקער אַקטיווער אַנטיסעמיט און רעאַקציאָנער, אויף וועמענס גורל עס איז טאַקע אויסגעפאַלן, צוזאַמען מיט אַ צווייטן רעכטן פּאָליטיקער, אַלעק־סאַנדער גוטשקאָוו, אָנצונעמען די אַבדיקאַציע פון לעצטן צאַר — ער, זעט איר, לעבט און פירט איצט פּראָפּאַגאַנדע פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד (ער איז שוין אַלט 83 יאָר). און אַזוי פיל סאָוויעטישע גענעראַלן, שריי־בער, — אַזוי פיל קאָמוניסטישע פירער און מיטאַרבעטער פון לענינען האָט מען געשאָסן!

איך דערמאָן זיך, אַז אין יאָר 1919, בעת דער פינצטערער דעניקין־

הערשאַפט אין קיעוו — האָט דער זעלבער שולגין אָנגעשריבן אַ פּאָגראָם־אַרטיקל אין זיין צייטונג „קיעוולייאַנין", אין וועלכן ער האָט גערופן צו פאַרמאַטערן יידן מיט שרעק (דער אַרטיקל האָט געהייסן „פּיטקאָ סטראַ־כאָם", פאַרמאַטערט זיי, די יידן, מיט מורא!), דאָס איז געווען דאַן, ווען אין די גאַסן האָט מען געמאָרדעט, געפייניקט, געשענדעט. און דאָ האָט נאָך שולגין צוגעגעבן פייער און גערופן צו פאַרשטאַרקן די אינקוויזיציע פון מורא צווישן יידן. מיר אַלע, וואָס האָבן דאַן געלעבט אין אוקראַינע, וועלן יענעם אַרטיקל נישט פאַרגעסן! און מיר וועלן אויך נישט פאַרגעסן שולגינס שווער — דעם פּראָפ. פּיכנאַ, וועלכער האָט בעתן ביילים־פּראָצעס געפירט די פינצטערסטע פּאָגראָם־העצע קעגן יידישן פאָלק.

אמת, מיין באַגלייטער דערציילט מיר, אַז בעת שולגין איז געווען אויף קאַטאָרגע, האָט ער זיך גראָד געחברט מיט יידן, און נישט איין מאָל האָט ער אויף אַ דאָסטאָיעווסקישן, רוסישן שטייגער זיך געשלאָגן „על חטא" אויף זיינע זינד פון אַמאָל.

שולגין גיט מיר, אגב, זיין ביכל אויף רוסיש, „בריוו צו די רוסישע עמיגראַנטן", פון וועלכן עס איז מיר קלאָר געוואָרן דער שאַרפער זיגזאַג אין זיין לעבן. דאָס ביכל, אין הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן, האָט גע־דרוקט דער סאָוויעטישער מלוכה־פאַרלאַג. דאָס איז אַ הימן צו דעם ראַטן־פאַרבאַנד בכלל און צו כרושטשאָוון בפרט.

„כרושטשאָווס פּערזענלעכקייט האָט מיך פּשוט פאַרכאַפּט!" — זאָגט שולגין מיט ענטוזיאַזם.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט שולגין זיין טיראַדע פאַרענדיקט מיט אַ פראַגע:

„צי ווילט איר דען נישט, אַזוי ווי מיר דאָ, אַ וועלט, וואָס זאָל זיך פאַראייניקן און לעבן אין שלום און אין אחדות?".

און אויף דעם האָט געקענט זיין בלויז איין קורצער ענטפער: „הלוואי!".

— — — — — — — — — — —

אַ באַגעגעניש מיט אַ מיטליאָריקער יידישער פרוי — אַן אינזשע־נירין, וועלכע אַרבעט אין איינער פון די גרעסטע פאַבריקן — קען איך בשום אופן נישט פאַרגעסן, און איך ווייס נישט עד היום וואָס זי

האָט געמיינט ערנסט און וואָס איז געווען נישט מער ווי שפּאָט פון אירע אייגענע ווערטער.

די דאָזיקע קליינע פרוי, מיט דעם פּריצייטיק־צעקנייטשטן פּנים, אָבער מיט אַן אומהיימלעך פייערל אין אירע יונגע אויגן, איז אַ שוועסטער פון מיינעם אַ ניו־יאָרקער פריינד. ער האָט מיר געגעבן איר קיעווער אַדרעס, כדי איך זאָל איר אָפּגעבן אַ גרוס פון אים. בין איך געפאָרן צו זען אין אַ וויַיטער קיעווער פאָרשטאָט.

איך ווייס, אַז ביידע געהערן צו אַן אַמאָליקער, רייכער, ציוניסטיש־משכּילישער פאַמיליע אין דעם פאַררעוואָלוציאָנערישן קיעוו. איך ווייס אויך, אַז אַ שטיק נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען אין דער דאָזיקער פאַמיליע נאָך אַלץ געהאַלטן אַ העברעישן לערער און מען האָט די קינדער דערצויגן אין נאַציאָנאַלן גייסט.

בין איך דעריבער געווען פאַרוווּנדערט, ווען נאָך אַ קורצן שמועס האָט מיין אינזשענירין פּשוט נישט אויפגעהערט צו לויבן די אוקראַינישע סביבה, אין וועלכער איר קומט אויס צו אַרבעטן אין איר פּראָפעסיע, און אויך אויפן קולטור־געביט.

„די אַרבעטער באַציִען זיך צו מיר מיט ליבע און מיט רעספּעקט! איך פיל נישט קיין שום אַנטי־יידישע שטימונגען! פיל פון מיינע פריינד קלאָגן זיך יאָ אויף אַנטיסעמיטיזם. איך אָבער בין זייער צופרידן. מען האָרכט מיך בעת דער אַרבעט און מען פאַרלאַנגט פון מיר אויך, אַז איך זאָל אַרויסטרעטן וואָס מער אויף די קולטור־אונטערנעמונגען.

אמת, איך בין זייער פיל דורכגעגאַנגען בעת דער מלחמה קעגן די נאַציס. בעת מען האָט עוואַקואירט קיעוו, האָט מען מיך מיט מיין קליין טעכטערל און מיט מיין אַלטער מאַמען אַריינגעוואָרפן אין איילעניש אין אַ פראַכט־וואַגאָן. בעת דעם פאָרן איז מיין מאַמע געשטאָרבן און מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן דעם וואַגאָן, ווייל די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט. מיר האָבן געמוזט איבערלאָזן דעם טויטן קערפּער פון מיין מאַמען ביי אַ קריסטלעכן שכן, וועלכער איז מיט אונדז מיטגעפאָרן.

איז אָט זעט זיין בריוו, אין וועלכן ער שרייבט מיר, אַז ער האָט דער מאַמען געבראַכט צו קבורה. נו, איז ער נישט קיין מלאך?

אגב, זאָגט מיין ברודער די דאַטע ווען אונדזער מאַמע איז געשטאָרבן. זאָל ער דאָס אויסרעכענען לויט דעם יידישן לוח פאַר דעם יאָרצייט־טאָג...

ניין, כאַטש מיין מאַן איז דערהרגעט געוואָרן גלייך ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן, און איך האָב קוים דערצויגן אין נויט מיין טעכטערל, ביז צו איר חופּה, האָב איך זיך גאָרנישט אויף וואָס צו באַ־קלאָגן. מען איז דאָס אַלץ איבערגעקומען. און אַ יידישן מאַן האָב איך אויך מיין טאָכטער געגעבן. ווי דען אַנדערש ? איז מיר טאַקע גוט ווי די וועלט !...״

איך קוק אַריין אין אירע אויגן, וואָס גלאַנצן אַזוי מאָדנע, און איך דערמאָן זיך אין דעם גריכישן וואָרט „יופאָריאַ״, מיט וועלכן מען באַצייכנט אַ צושטאַנד פון איינגערעדטן גליק, פון אַ שטענדיקער, אומגעזונטער פריילעכקייט.

פאַר דעם סוף פון אונדזער שמועס שטעלט זיך די דאָזיקע פרוי אויף און אין א ביסל טעאטראלער פאָזע זאָגט זי צו מיר:

„איר פאָרט איצט קיין מדינת ישראל ? איז נעמט זשע מיט זיך מיט אַ שטיקל פון ביאַליקס אַ ליד, „אל הציפור״, וואָס איך געדענק פון אויסנ־ווייניק. איך געדענק דאָס דאָזיקע ליד אין גאַנצן, אָבער עס רעדן פאַר זיך אַליין די פאָלגנדיקע פיר שורות:

„התשאי לי שלום מאחי בציון,
מאחי הרחוקים־הקרובים ?
הוי מאושרים! הידעו ידוע
כי אסבול, הוי אסבול מכאובים ?״

(אין דער איבערזעצונג פון דיכטער י. י. שוואַרץ לייענט זיך די דאָזיקע סטראָפע ביאַליקס אַזוי:

„צי ברענגסטו אַ גרוס פון די ברידער אין ציון,
פון נאָענט־ווייטע ברידער אַ גרוס ?
אוי, גליקלעכע מענטשן, צי וויסן זיי, פילן,
וואָס דריקט און וואָס פייניקט מיין ברוסט ?״)

— — — — — — — — — — —

אין די ברענענדיקע אויגן פון דער דעקלאַמירנדיקער פרוי האָט אַ טרער אַ בלישטש געטאָן...

און איך בין אַוועק מיט מיינע ספקות:

„וואָס טראַכט זי ? וואָס מיינט זי ?...
צי לאַכט זי, צי וויינט זי ?...״

ד"ר חיים שאשקעס

ביבליאגראפיע

צוזאַמענגעשטעלט

פון יעפים ישורין

ניו־יורק, 1963

ד״ר שאָשקעס׳ ווערק:

1 קרעדיט קאָאָפּעראַציע

פאַרלאַג „קאָאָפּעראַטיווער פאַרבאַנד״, וואַרשע, 1927, 32 זייטן.

2 לענדער און שטעט

(רייזע־איינדרוקן) מיט בילדער

פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע 1930, 324 זייטן.

3 **POWIETRZEM LĄDEM I MORZEM (cztery kontynenty)**

Wyd. Ch. Brzoza, Warszawa, 1936 r., polish, 332 str.

4 ראַטנפאַרבאַנד אין 1936

יידישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק, וואַרשע, 1936, 143 זייטן.

5 **ROSJA SOWIECKA W R. 1936**

Wydawnictwo Ch Brzoza, Warszawa, 1937 r., polish, 120 str.

6 בלעטער פון אַ געטאָ טאָגבוך

פאַרלאַג ד״ר ח. ה. גלאַנץ, ניו־יאָרק, 1943. 126 זייטן.

7 **HENRY SHOSKES and VALERY TERESZENKO. The task of cooperatives in post war.**

Publisher Cooper League, Washington, D.C. 1943, english, 16 p.

8 עקזאָטישע רייזעס

פאַרלאַג יידישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק, וואַרשע, 1938, 138 זייטן.

9 **VIAJE SIN RETORNO**

Publ. Editorial Centuaro, Mexico D.F., 1945, 304 p., spanish. Translated from English by R. Spindola.

10 **NO TRAVELER RETURNS (Hitler's greatest crime).**

Doubleday, Doran, New York, 1945, 267 p., English.

11 פּוילן — 1946

(איינדרוקן פון אַ רייזע)

פאַרלאַג פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין בוענאָס־איירעס, 1946, 189 זייטן.

12 **A REVOLTA DO GUETO (Viagem sin Regrasso)**

Edicao Monte Scopus, Rio de Janeiro, 1947, 337 p., Portugesse, Translated from spanish.

13 אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...

קאַפּיטלעך זכרונות

פאַרלאַג פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין בוענאָס איירעס, 1949, 368 זייטן.

14 מיין רייזע אַרום דער וועלט

פאַרלאַג „אונזער בוך״, בוענאָס איירעס, 1951, 274 זייטן.

15 **YOUR WORLD AND MINE Travelogue**

Lipton Publishing Corp. New York 1952; 328 p.

16 בדרכי תבל

פרקי מסע

הוצאת נ. טברסקי, תל־אביב, תשי״ד, 1954. 236 זייטן.

17 דורך אומבאַקאַנטע לענדער

פאַרלאַג מאָנטע סקאָפּוס, ריאָ דע זשאַניירא, 595 זייטן און 6 זייטן בילדער.

18 EN PAISES LEJANOS
Publ. Editorial Candelabro, Buenos Aires, 1955. 222 p. Spanish. Translated from Yiddish.

19 מסעות ר׳ חיים
ריאַ. הויפּט־פּאַרקויף ביי „ציקאָ" ניו־יאָרק, 1957, 421 זייטן.

20 DEL CREMLIN A LOS PIRAMIDES
Edit. Candelabro, Buenos Aires, 1958. 292 p. Spanish. Translated by Shenderey.

21 מהקרמלין עד הפירמידות
הוצאת מ. ניומן, ירושלים—תל־אביב, תשי"ט—1959, 232 זייטן.

22 מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און יידן
אַ נסיעה איבער דריי קאָנטינענטן
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל, 19660 373 זייטן.

23 פון מאָסקווע ביז עבר הירדן
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל, 1961, 330 זייטן.

24 עולם ומלואו של ר׳ חיים
איבערגעזעצט פון יידיש אין רעדאַקציע „הצופה", תל־אביב.
הוצאת „המנורה", תל־אביב, 1964. 360 זייטן.

25 מיט יידן אין ווייטע לענדער
פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1964, 470 זייטן.

וועגן ד"ר חיים שאַשקעס אין ביכער, פּנקסים, לעקסיקאָנען און ענציקלאָפּעדיעס

26 טשערנאָוועצקי ז.
אַמעריקע דו ביסט גרויס. בוענאָס איירעס, 1956, ז"ז 61, 434.

27 יאַנאַסאָוויטש יצחק
דאָס יידישע לעבן אין פּוילן און דאָס לעבן פון די פּוילישע יידן נאָך דער מלחמה. יאָרבוך פון דער יידישער קהילה אין בוענאָס איירעס, 1954. ז"ז 264, 270.

28 מוקדוני א. ד"ר
אַרטור שיק. אין וואַרשע און אין לאָדזש, באַנד 2, בוענאָס איירעס, 1955, ז׳ 112.

29 הערשבערג א. ש.
שרייבערס געבאָרענע אין ביאַליסטאָק, אָדער ביאַליסטאָקער תושבים. פּנקס ביאַליסטאָק, 1949. ז׳ 424.

30 רייזען זלמן
חיים שאַשקעס. לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, פערטער באַנד, ווילנע, 1929, שפּאַלטן 504—505.

31 שטאַרקמאַן משה
יידישע ליטעראַטור אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. ביאָגראַפישע ווערק. אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ה׳. דובנאָוו־פאָנד און ענציקלאָפּעדיע־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1957, ז׳ 139.

32 ביאַליסטאָקער לעקסיקאָן
ביאַליסטאָק, 1935, ז׳ 182.

33 אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו.
(דוד תדהר), דף 2368, כרך 5.

33a INSTITUTE OF JEWISH AFFAIRS, WORLD JEWISH CONGRESS, NEW YORK, N.Y. 1962. Yiddish Literature, 1933—1961.

The Institute Anniversary Volume (1941—1961) p. 250. 268

34 **THE UNIVERSAL JEWISH ENCYCLOPEDIA, VOL. 9, NEW YORK, 1943. p. 518**

35 **WHO'S WHO in WORLD JEWRY.**
New York, 1955. p. 708.

36 **WHO'S WHO in U.S.A. (East)**
Chicago, 1954—55—57. The Marquis Company, pp. 991—992.

אַרטיקלען וועגן ד״ר שאָשקעס אין צייטונגען און זשורנאַלאָן

37 **צ. א.**
חיים שאָשקעס „פון מאָסקווע ביז עבר הירדן״. פאָלקסבלאַט, תל־אביב, 1 פעב. 1962.

38 **א־ן א.**
ווען מען האָט געציילט די יידן אין וואַרשע. דער גרוס פון ד״ר ח. שאָשקעס פאַר די לעזער פון „פאַריזער היינט״. פאַריזער היינט, פאַריז, 12 דעצ., 1939.

39 **אַבראַמאָוויטש הירש**
אַ רייזע איבער דעם היינטיקן פוילן. „פוילן 1946״. פון ד״ר ח. שאָשקעס. מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. 27 אפר. 1947.

40 **אלמי א.**
די וועלט דורך יידישע אויגן. דער טאָג, נ. י., 7 דעצ. 1952.

41 **אָקרוטני י.**
יידישע ליטעראַטור ביים סוף פון יאָר תשי״ט. אידישע צייטונג, ב.א. 25 סעפט. 1957.

42 **וואַרשאַווסקי יצחק [באַשעוויס]**
„מיין רייזע אַרום דער וועלט״ פון ד״ר ח. שאָשקעס. פאָרווערטס, נ.י. 2 מערץ, 1952.

43 **וואַרשאַווסקי יצחק [באַשעוויס]**
לייענער וואָס ווילן ניט לייענען נאָר שרייבן. פאָרווערטס, נ.י., 14 נאָוו. 1954.

44 **ביקל ד״ר ש.**
„איך זוך מיינע ברידער״. ד״ר חיים שאָשקעס מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער. טאָג מאָרגן־זשורנאַל, נ.י. 29 אַפר. 1961.

45 **ביקל ד״ר ש.**
„איך זוך מיינע ברידער״. אילוסטרירטע יידישע נייעס, מעלבורן, 9 יוני 1961.

46 **בן יעקב־שמואל**
ד״ר חיים שאָשקעס, דער פליענדער אַמבאַסאַדאָר. דער אַמעריקאַנער, נ.י. 25 יאַנ. 1952, ז׳ 2.

47 **בן משה**
„אונזער לאַנדסמאַן, ד״ר חיים שאָשקעס, **באַערט מיטן העכסטן עמבלעם פון איינציקער נעגער־רעפובליק.** ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. אַפריל, 1956, ז׳ 25.

48 **בראָקאַרזש חיים**
ד״ר ח. שאָשקעס „מיין רייזע אַרום דער וועלט״. דווקא, ב.א. יאַנ.־פעב. 1952, ז׳ 110.

49 **בר־חיים י.**
ד״ר חיים שאָשקעס אין מעלבורן. 1961.

50 **גאָלדבערג ב. צ.**
„דער רייזענדער שאָשקעס״ (וועגן זיין יידישן און העברעישן בוך), היימיש, תל־אביב, 3 אַפר., 1959, ז. 21.

51 **גאָלדבערג ב. צ.**
„פאַרוואָס סאָוויעטן האָבן עפנטלעך ניט

רייגנעוואָשן די יידישע שרייבער". טאָג מאָרגן־זשורנאַל, נ.י., 7 אויג. 1960.

52 גיטעלסאָן י.
ד״ר ח. שאָשקעס בוך „דורך אומבאַקאַנטע לענדער". ביאַליסטאָקער שטימע, נ.י., סעפט. 1955, ז' 28.

53 גלאַטשטיין יעקב
„פליענדיק, מיט משהס גלויבן". אידישער קעמפער, נ.י., 23 מערץ, 1962, ז״ז 13—14.

54 לעיעלעס א. [גלאַנץ]
וועלט און וואָרט. דער טאָג, נ.י., 10 נאָוו. 1951.

55 לעיעלעס א. [גלאַנץ]
משה בראָדערזאָן. טאָג מאָרגן־זשורנאַל, נ.י., 11 אויג. 1956.

56 גלאַנץ יעקב
ד״ר חיים שאָשקעס אַן אַנדער מין גאַסט. דער וועג, מעקסיקע, 4 מאַי, 1946.

57 גערשמאַן י.
וועגן שרייבער זענען פאַרבלענדט פון אַנטי־סאָוויעטיזם. מאָרגן־פרייהייט, נ.י., 6 מערץ, 1957.

58 גראָסמאַן וולאַדימיר
כרושטשאָוו און שאָשקעס. אונזער שטימע, פאַריז, 2 אָקט. 1956.

59 דאָמאַנקעוויטש ל.
דער שענסטער מאָנומענט דעם פוילישן יידנטום. אונזער וואָרט, פאַריז, 29 יאַנ. 1955.

60 ווידאַל כ.
ד״ר שאָשקעס האָט מעקסיקע שטענדיק אין זינען. דער וועג, מעקסיקע, 28 מאַי, 1960.

61 וויינשטאָק ב.
ד״ר ח. שאָשקעס — אונדזער ברוך־הבא דעם חשובן גאַסט צו זיין אָנקומען קיין אַרגענטינע.
Noticiero, Buenos Aires, Sept. 12, 1945.

62 זבאַר א.
קולטור־טוער, פען־מענטש און וועלט־רייזענדער. כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אונזער גאַסט ד״ר חיים שאָשקעס. אויסטראַלישע יידישע נייעס, מעלבורן, 9 יוני, 1961.

63 ד״ר זשיטניצקי ל.
„פונעם קרעמל ביז די פיראַמידן". ד״ר חיים שאָשקעס בוך. ד פרעסע, ב.א. 5 סעפטעמבער 1958.

64 טשאַרני דניאל
דער מתנגדישער חסיד (וועגן ד״ר חיים שאָשקעסעס נייעם בוך: „אַ וועלט וואָס איז פאַרביי). ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. יאַנ.־פעב. 1950, ז״ז 31—32.

65 טשאַרני דניאל
ד״ר שאָשקעס: „מיין רייזע אַרום דער וועלט". ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. אַפּר. 1952, ז״ז 19—21.

66 יאַסני א. וואָלף
היינטצייטיק יידיש לעבן אין ליכט פון חיים שאָשקעס רייזע ־ באַשרייבונגען. לעצטע נייעס, תל־אביב, 16 יאַנ. 1959.

67 יאַמפּאָלסקי י.
די פאַנטאַזיעס פון ד״ר חיים שאָשקעס. מאָרגן־פרייהייט, נ.י., 17 נאָוו. 1963.

68 ירדני מ.
ד״ר חיים שאָשקעס. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, נ.י. 31 אויג. 1956, ז״ז 9—11.

69 כאַנין נ.
אַ בריוועלע צו אַ פריינד. דער וועקער, נ.י., 1 סעפּט. 1956, ז״ז 8—9.

70 לאַזדייסקי חיים
„פוילן — 1946" (צו קבר אָבות אויף די חורבות פון די געטאָס) מעקסיקע, 1946.

71 **לאַזדייסקי חיים**
„**ד"ר חיים שאַשקעס דערציילט...**"
דער וועג, מעקסיקע, 9 מאַי, 1946.

72 **לאַזדייסקי חיים**
ווי ד"ר חיים שאַשקעס זעט די וועלט „דורך יידישע ברילן". מעקסיקאַנער לעבן, מעקסיקע, 21 מערץ, 1959, ז. 3.

73 **לאַזדייסקי חיים**
ווי ד"ר חיים שאַשקעס זעט די וועלט „דורך יידישע ברילן". דער אידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, 30 מערץ, 1959.

74 **לאַזדייסקי חיים**
ד"ר ח. שאַשקעס איז נאָך רייכער פון ראָטשילדן. קענעדער אָדלער, מאָנט־רעאַל, 31 מאַי, 1960.

75 **לאַזדייסקי חיים**
צווישן אַ צוריקקער פון רוסלאַנד און אַ רייזע קיין אַרגענטינע האָט ד"ר שאַשקעס דערווייל אין זינען מעקסיקע... אידישע צייטונג, ב. א., 5 יוני 1960.

76 **לעבעדיגער (דער)**
אויפן ליטעראַרישן יאַריד. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ.־י., 6 יוני, 1954.

77 **לעבעדיגער (דער)**
אונזער יידען־ענטדעקער, אַמאָל און היינט. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ.־י., 17 יוני, 1956.

78 **מאַרק בער**
פון וועלכע רעיעלע קוואַלן האָט דער „פאָרווערטס" געשעפּט אינפאָרמאַציע? מאָרגן־פרייהייט, נ.־י., 11 פעב., 1957.

79 **מוקדוני א. ד"ר**
אויף קבר־אבות „פוילן — 1946" פון ד"ר ח. שאַשקעס. מאָרגן־זשורנאַל, נ.־י., 31 אויג., 1947.

80 **מוקדוני א. ד"ר**
ד"ר שאַשקעס'עס „אַ וועלט וואָס איז פאַרביי". מאָרגן זשורנאַל, נ.־י., 28 אויג. 1949.

81 **מוקדוני א. ד"ר**
יידישע וואַנדערער און רייזנדע. וועגן ד"ר שאַשקעס דער רייזנדער. מאָרגן זשורנאַל, נ.־י., 30 נאָוו., 1951.

82 **מוקדוני א. ד"ר**
וואַגלער און רייזנדער. „מסעות ר' חיים". צוקונפט, נ.־י., מאַי־יוני 1958, ז"ז 250—251.

83 **מוקדוני ד"ר א.**
וואַגלער און רייזנדע. נייע יידישע צייטונג, מינכען, 13 יוני, 1958.

84 **נאָוויק ה.**
שאַשקעס „דעלי ווערט". מאָרגן־פרייהייט, נ.־י., 23 יוני, 1960

85 **ניגער ש.**
מעמוארן־ליטעראַטור. טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.־י. 3 מאַי, 1953.

86 **סולער חיים**
דער ייד מיט די פינטעלעך אין ווילנע. מאָרגן־פרייהייט, נ.־י., 20 יולי 1960.

87 **סולער חיים**
דער ייד מיט די פינטעלעך אין מאָסקווע. נאָך וועגן די רכילות פון ד"ר ח. שאַשקעס אין „טאָג". מאָרגן־פרייהייט, נ.־י., 22 יולי, 1960.

88 **סמאָליאַר ב.**
טויט־באַטאַליאָנען הערשן איבער יידן אין פוילן; געטאָ־געזעץ אין קראָקע. ייט"א־ביולעטין, יאַנואַר 1940.

89 **עפּשטיין א.**
ד"ר שאַשקעס דערציילט ביים מיטינג פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, וועגן די גרוילטאַטן אין דעם נאַצישן פוילן. דער טאָג, נ.־י., 7 פעב., 1940.

90 **פּאָזניאַק ש.**
אַרום ד"ר ח. שאַשקעס' רייזע הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג. פאַראויס, מעקסיקע, 1 אָקט., 1956, ז' 17.

91 פ.
הערצל־ביאַליק־אַקאַדעמיע מיט דער באַ־טייליקונג פון ד״ר שאַשקעס. אויסטראַ־ליער פּאָסט, מעלבורן, יולי, 1961.

93 פ־ן
ד״ר שאַשקעס האָט נאָך אַזוינס נישט געזען. פּאַראַויס, מעקסיקע, 15 פעב., 1950, ז׳ 20.

94 ל. פ.
אַן אייגנאַרטיקער שליח און זיין אייגנ־אַרטיקע שליחות. אידישע נייעס, מעל־בורן, 1961.

95 קאַמאַי ז.
מסעות ר׳ חיים. אידישער קעמפער, נ. י., 15 אויג., 1958, ז׳ 12.

96 קירשענבוים יעקב
אומצאָליקע יידישע קהילות אין פּוילן אָפּגעווישט געוואָרן, זאָגט ד״ר שאַש־קעס. מאָרגן־זשורנאַל, נ.י., 27 דעצ., 1939.

97 ראַבאַק א. א.
וווהין גייט די יידישע פּרעסע? פּרייע אַרבעטער שטימע, נ.י., 23 מערץ, 1957, ז׳ 4.

98 ראַבינאָוויטש שמואל לייב
אַמאָליקע יאָרן. תורה און חכמה אין גראָדנער גובערניע. ביאַליסטאָקער לע־בן, ברוקלין, סעפט. 1949, ז״ז 18—19.

99 ראַבינאָוויטש שמואל לייב
ד״ר חיים שאַשקעס אַ זעכציקער. ביאַ־ליסטאָקער שטימע, נ.י. אַפּר., 1951, ז״ז 6—9.

100 ראַוויטש מלך
„מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער״. קענעדער אַדלער, מאָנ־טרעאַל, 4 אויג., 1963.

101 ראַזאַנסקי שמואל
ד״ר ח. שאַשקעס „פּוילן — 1946״. אידישע צייטונג, ב.א., 9 יאַנ., 1948.

102 ראַפּאַפּאָרט י.
אין פּינטל אַריין. די יידישע פּאָסט, 9 יוני, 1961.

103 ראַקאָווסקי מאַרק
ווען אַ שרייבער האָט אַ צו רייכע פאַנ־טאַזיע. מאָרגן־פרייהייט, נ.י., 11 מערץ, 1957.

104 רובינשטיין מ.
שלום־עליכם צו ד״ר ח. שאַשקעס. די שטימע, מעקסיקע, 15 אָקט., 1955

105 ריווקין ב.
בלעטער פון אַ געטאָ־טאָגבוך דער טאָג, נ.י., 19 אַפּר., 1944.

106 רימון יצחק
ד״ר חיים שאַשקעס ברענגט קיין ישראל אַ דירעקטן גרוס פון די יידישע שריי־בער אין ראַטנפאַרבאַנד און פון דעם דאָרטיקן יידישן לעבן. קענעדער אַד־לער, מאָנטרעאַל, 18 סעפט., 1956.

107 רעגענסבערג ס.
טויזנטער יידן באַלאַגערן אַרב.רינג־ליי־צעאום, צו הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון נאַצי־גיהנום אין פּוילן. הערן דעם גרוס פון ד״ר שאַשקעס. פאָרווערטס, נ.י., 9 מערץ, 1940.

108 שולמאַן אברהם
ד״ר שאַשקעס לויבט שטאַרק יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן. פאָרווערטס, נ.י., 19 אויג., 1956

109 שטאַרקמאַן משה
קדיש אויף די חורבות. ד״ר חיים שאַשקעס: „פּוילן — 1946״. דער טאָג, נ.י., 6־ מערץ, 1947.

110 שטיינוואַקס פנחס
„מיט יידן״ — נייעסטער בוך פון ד״ר חיים שאַשקעס. קענעדער אַדלער, מאָנ־טרעאַל, 31 אָקט., 1960.

111 שטיינוואַקס פנחס
„מיט יידן״ — נייעסטער בוך פון ד״ר

חיים שאַשקעס אונזער וואָרט, פּאַריז, 5 נאָוו., 1960.

112 שטיינוואַקס פּנחס

„מיט יידן" — אַ ניי בוך פון ד"ר חיים שאַשקעס. נייע יידישע צייטונג, מינכען, 11 נאָוו., 1960.

113 שטיינוואַקס פּנחס

„מיט יידן" — נייעסטער בוך פון ד"ר חיים שאַשקעס. אידישע צייטונג, ב.א., 13 נאָוו., 1960.

114 שטיינוואַקס פּנחס

„מיט יידן" — נייעסטער בוך פון ד"ר שאַשקעס. דאָס יידישע וואָרט, סאַנטיאַגאָ, 18 נאָוו., 1960.

115 שטיינוואַקס פּנחס

דער נייעסטער בוך פון ד"ר חיים שאַשקעס. די שטימע, מעקסיקע, 17 דעצ., 1960.

116 שטיינוואַקס פּנחס

„מיט יידן" — דאָס נייעסטע בוך פון ד"ר חיים שאַשקעס. לעצטע נייעס, תל־אביב, 2 דעצ., 1960.

117 שטיינוואַקס פּנחס

אויף די וועגן פון חורבן. וועגן ד"ר חיים שאַשקעסעס נייע בוך „פון מאָסקווע ביז עבר־הירדן". אידישע צייטונג, ב.א., 22 יאַנ., 1962.

118 שטיינוואַקס פּנחס

ד"ר חיים שאַשקעס — אַ בן שבעים. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, מאַי 1962.

119 שטיינוואַקס פּנחס

ד"ר שאַשקעס אַ בן שבעים. דאָס יידישע וואָרט, וויניפּעג, 25 מאַי, 1962.

120 שטיינוואַקס פּנחס

ד"ר חיים שאַשקעס, צו זיין ווערן אַ בן שבעים. מעקסיקאַנער לעבן, מעקסיקע, 2 יוני, 1962.

121 שישלער הערש

ד"ר חיים שאַשקעס. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, נ.י., 15 נאָוו., 1951.

122 שייקעוויטש אברהם

דער פליענדער ביאַליסטאָקער אַמבאַסאַדאָר (אַ וואָרט אין צייט, צו ד"ר חיים שאַשקעס זיבעציקיאָריקן יובילעום). ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י., סעפּט., 1962, ד"ד 11—12.

123 שניידערמאַן ש. ל.

„אַט אַזוי לעבן איצט די יידן אין וואַרשע". באַקאַנטער רייזנדער און זשורנאַליסט ד"ר ח. שאַשקעס, ראַטעוועט זיך פון היטלער־גיהנום אין פּוילן און קומט קיין פּאַריז אויפן וועג קיין אַמעריקע. פּאַריז, דעצעמבער 1939.

124 שניידערמאַן ש. ל.

ד"ר חיים שאַשקעס געערט צו זיין זיבעציקסטן יובל. טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י., 10 אַפּר., 1962.

125 שניידערמאַן ש. ל.

חיים שאַשקעס צו זיין 70סטן יובל. די פּרעסע, ב.א., 9 מאַי 1962.

126 שעדלעצקי א.

ד"ר ח. שאַשקעס אין רעד. „דאָס נייע לעבן". דאָס נייע לעבן, לאָדזש, 2 מערץ, 1946.

127 שענדעריי מ.

אַ ברילאַנטענער באַלאַנס. אידישע צייטונג, ב.א., 20 אויג., 1951.

128 שענדעריי מ.

אינטערוויו מיט ד"ר חיים שאַשקעס. אידישע צייטונג, ב.א., 28 אויג., 1957.

129 שענדעריי משה

איבער וועגן און שטעגן פון דער יידישער וועלט (מסעות ר' חיים „איבער לענדער און קאָנטינענטן" פון ד"ר חיים שאַשקעס). אידישע צייטונג, ב.א., 1 סעפּט., 1957.

130 **שענדעריי מ.**
איין מאָנאָלאָג אָנשטאָט צוויי דיאַלאָגן.
(באַמערקונגען צו אַן אינטערוויו מיט
ד״ר ח. שאָשקעס). אידישע צייטונג,
ב.א., 18 מאַי, 1962.

131 **שעפּנער ב.**
**די גוטע בשורות, וואָס אַ פליענדיקער
ייד שיקט צו פון סאָוויעט־רוסלאַנד.**
פאָרווערטס, נ.י., 25 אויג., 1956.

נאָטיצן אין צייטונגען און זשורנאַלן וועגן ד״ר חיים שאָשקעס, מיט און אָן גענויע דאַטן

132 **אויסטראַלישע יידישע נייעס**
מעלבורן, 1961. דערפאָלגרייכער רעפעראַט פון ד״ר חיים שאָשקעס וועגן פוילנס היינט.

133 **אויסטראַלישע יידישע נייעס**
מעלבורן, 26 מאַי, 1961. רעפעראַט פון ד״ר חיים שאָשקעס.

134 **אויסטראַלישע יידישע נייעס**
מעלבורן, 2 יוני, 1961. גרויסער עולם אויפן ערשטן רעפעראַט פון ד״ר שאָשקעס.

135 **אויסטראַלישע יידישע נייעס**
מעלבורן, 14 יולי, 1961. פועלי־ציון אין מעלבורן; אָוונט מיט ד״ר ח. שאָשקעס.

136 **אויסטראַלישע יידישע נייעס**
מעלבורן, 14 יולי, 1961. קבלת־פּנים לכבוד ד״ר ח. שאָשקעס אין ביאַליס־טאָקער צענטער.

137 **אונזער וואָרט. פּאַריז**
10 אָקט., 1961. פייערלעכער קבלת־פּנים פאַר ד״ר חיים שאָשקעס, נאָך זיין צוריקקומען פון דער וועלט־רייזע קיין ניו־יאָרק.

138 **אונזער צייט, בוענאָס איירעס**
2 אויג., 1946. אויף אַ גרויסן אַקט האָט ד״ר שאָשקעס גערעדט וועגן די יידן אין פוילן.

139 **דאָס אידישע וואָרט**
12 יולי, 1946. ד״ר ח. שאָשקעס האָט אָפּגעגעבן אַ רירנדיקן גרוס וועגן די יידן אין פוילן.

140 **דאָס אידישע וואָרט**
19 יולי, 1946. דער אָפּשידס־אָוונט פאַר ד״ר חיים שאָשקעס אין פאַרבאַנד פון פוילישע יידן.

141 **אידישע צייטונג, ב.א.**
1945. ה׳ ד. גרויסמאַן באַריכט וועגן דער אַקטואַציע סאַן־פראַנציסקאָ. ד״ר שאָשקעס האָלט זיין עמאָציאָנעלע באַגריסונג.

142 **אידישע צייטונג, ב.א.**
1945. בראַזיליאַנער יידן שטיצן דעם „האַיאַס״ מיט באַדייטנדיקע סומעס.

143 **אידישע צייטונג, ב.א.**
1945. פאַרגעקומען דער פייערלעכער אָפּשידס־באַנקעט פאַר ד״ר שאָשקעס.

144 **אידישע צייטונג, ב.א.**
2 סעפּט. 1945. יידישער אימיגראַנטן שול־פאַראיין. ד״ר חיים שאָשקעס קומט קיין אַרגענטינע.

145 **אידישע צייטונג, ב.א.**
27 סעפּט., 1945. דעלעגאַט פון „האַיאַס״־„היצעם״ ד״ר שאָשקעס מאַכט אַ רירנדיקן אַפּעל צו ראַטעווען דעם יידישן שארית הפליטה.

146 **אידישע צייטונג, ב.א.**
1 אָקט, 1945. פייערלעכער שלוס־אַקט

פונעם ערשטן חינוך־צוזאַמענפֿאָר. ד״ר שאַשקעס׳ רעדע.

147 אידישע צייטונג, ב.א.

3 אָקט., 1945. געפייערט ביים קולטור־הויז „י. ל. פרץ״ אין ווישאַלינטש דאָס דערעפענען דעם נייעם אַקטן־סאַלאָן.

148 אידישע צייטונג, ב.א.

4 אָקט., 1945. צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן האָט אויפגענומען דעם ד״ר חיים שאַשקעס.

149 אידישע צייטונג, ב.א.

28 אָקט., 1945. אָפּשידס־באַנקעט לכבוד דעם ד״ר חיים שאַשקעס.

150 אידישע צייטונג, ב.א.

נאָוו. 1945. ד״ר ח. שאַשקעס אויפן גרויסן פאָלקס־מיטינג אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל.

151 אידישע צייטונג, ב.א.

2 דעצ., 1945. ד״ר חיים שאַשקעס היינט אויף דעם פינסקער אזכרה־אַקט.

152 אידישע צייטונג, ב.א.

11 יולי, 1946. היינט קומט אָן אַהער ד״ר חיים שאַשקעס.

153 אידישע צייטונג, ב.א.

14 יולי, 1946. נעכטן איז אָנגעקומען אַהער ד״ר חיים שאַשקעס.

154 אידישע צייטונג, ב.א.

22 יולי, 1946. רעפעראַט פון ד״ר חיים שאַשקעס אין „מעטראָפּאָליטאַן״.

155 אידישע צייטונג, ב.א.

22 יולי, 1946. זיצונג מיט ד״ר חיים שאַשקעס ביי די „צעירי ציון — התאחדות״.

156 אידישע צייטונג, ב.א.

26 יולי, 1946. דער אַלגעמיינער הילפּס־קאָמיטעט ביים ביאַליסטאָקער פאַרבאַנד האָט ביי אַ ספּעציעלער אויפנאַמע פאַרן ד״ר שאַשקעס, אָפּגענומען אַ גרוס פון זיין אַלטער היימשטאָט.

157 אידישע צייטונג, ב.א.

19 יוני, 1946. אַ האַרציקע אויפנאַמע אין דער חברה־קדישא לכבוד די געסט פון אונדזער ישוב.

158 אידישע צייטונג, ב.א.

29 יולי, 1946. מען מוז אַרויסראַטעווען די יידן פון פוילן.

159 אידישע צייטונג, ב.א.

27 יולי, 1946. ד״ר ח. שאַשקעס זאָגט: עס איז אַ מענטשלעכער חוב צו הערן דעם רוף און גרוס פון די ברידער אין פוילן.

160 אידישע צייטונג, ב.א.

14 אויג., 1946. דער „השומר הצעיר״ אין אַרגענטינע גיט איבער ד״ר שאַשקעסן אַ פאָן פאַר די יוגנט־קיבוצים אין פוילן.

161 אידישע צייטונג, ב.א.

14 אויג., 1946. די פייערלעכע מסיבה ביים שטאָט־קאָמיטעט פון „קרן קימת״ לכבוד די ה״ה מ. קייזערמאַן און ד״ר ח. שאַשקעס.

162 אידישע צייטונג, ב.א.

25 אויג., 1946. די משפחה פון „די אידישע צייטונג״ האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט ד״ר ח. שאַשקעס.

163 אידישע צייטונג, ב.א.

8 סעפּט., 1946. אַ האַרציקער אָפּשידס־מיטינג ביים אימיגראַנטן־פאַראיין פאַר ד״ר ח. שאַשקעס.

164 אידישע צייטונג, ב.א.

20 סעפּט. 1946. רייזע־נאָטיצן פון ד״ר חיים שאַשקעס.

164א אידישע צייטונג, ב.א.

12 סעפּט., 1954. ד״ר חיים שאַשקעס צו גאַסט אין קלוב „טלאַמאַצקע 13״.

165 אידישע צייטונג, ב.א.

12 אויג., 1954. זייער אַ גרויסער עולם

איז געקומען צום רעפעראַט פון ד״ר חיים שאָשקעס אין קהלה־סאַלאָ.

166 אידישע צייטונג, ב.א.

24 יולי, 1960. ד״ר חיים שאָשקעס איז נעכטן אָפּגעפאָרן פון אַרגענטינע.

167 אידישע צייטונג, ב.א.

13 סעפּט., 1961. ד״ר חיים שאָשקעס פאַרענדיקט פיר־חדשימדיקע וועלט־רייזע.

168 אידישע צייטונג, ב.א.

11 אַפּר., 1962. צוויי חשובע יובילאַרן זענען פאַרבונדן מיט אונדזער ישוב. ד״ר חיים שאָשקעס אַ בן שבעים.

169 אידישע צייטונג, ב.א.

23 אויג., 1962. ד״ר חיים שאָשקעס אויף אַ באַזוך אין בוענאָס איירעס.

170 אידישע צייטונג, ב.א.

28 אויג., 1962. גרויס אינטערעס האָט אַרויסגערופן דער ערשטער פאָרטראַג פון ד״ר חיים שאָשקעס.

171 אידישע צייטונג, ב.א.

28 אויג., 1962. אויפנאַמע אין ביאַלי־סטאָקער פאַרבאַנד פאַרן ד״ר חיים שאָשקעס.

172 אידישע צייטונג, ב.א.

9 סעפּט., 1962. ד״ר חיים שאָשקעס גע־זעגנט זיך מיטן אַרגענטינער ישוב.

173 אידישע צייטונג, ב.א.

24 יולי, 1963. ד״ר חיים שאָשקעס איז געקומען אויף אַ קורצן באַזוך אין ב. איירעס.

174 אידישער קוריער, שיקאַגאָ

13 פעב., 1940. ד״ר חיים שאָשקעס פון וואַרשע — גאַסט־רעדנער ביי וועלפער פאַנד קאָנפערענץ.

175 אידישער קוריער, שיקאַגאָ

25 פעב., 1940. היינט גרויסע קאָנפע־רענץ פון וועלפער פאָנד מיט דער באַטייליקונג פון הונדערטער אַרבע־טער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס.

176 אידישער קוריער, שיקאַגאָ

26 פעב., 1940. ד״ר חיים שאָשקעס ערן־גאַסט פון פוילישן פאַרבאַנד אין שי־קאַגאָ, היינט אָוונט.

177 אַפריקאַנער אידישע צייטונג

4 אויג., 1961. ד״ר שאָשקעס געקומען.

178 ביאַליסטאָקער לעבן, נ.י.

דעצ., 1939. אַ גרוס פון שלאַכטפעלד.

179 ביאַליסטאָקער שטימע, נ.י.

יאַנ.־פעב., 1950. ז׳ 43. אַ שמועס מיט ד״ר ח. שאָשקעס אויף צוריקוועגס פון זיין פלי איבער דער וועלט.

180 ביאַליסטאָקער שטימע, נ.י.

אַפּר., 1955, ז׳ 18. אונדזער לאַנדסמאַן ד״ר חיים שאָשקעס, געהערט אין אונ־דזער צענטער.

181 האַוואַנער לעבן, האַוואַנע

20 אַפּר., 1946. ד״ר חיים שאָשקעס קומט אָן היינטיקן דינסטיק קיין האַ־וואַנע.

182 היימיש, תל־אביב

יולי, 1959. ליטעראַטור־כראָניק. ד״ר חיים שאָשקעס.

183 דער וועג, מעקסיקע

4 מאַי, 1946. ד״ר חיים שאָשקעס האָט מיטגעבראַכט אַ שטיקל „ריינע יודען זייף״ פון פוילן...

184 דער וועג, מעקסיקע

27 יולי, 1946. דער אַלגעמיינער הילפס־קאָמיטעט ביים ביאַליסטאָקער פאַר־באַנד, האָט אויף אַ ספּעציעלע אויפ־נאַמע פאַר ד״ר שאָשקעס, אָפּגענומען אַ גרוס פון זיין אַלטער היימשטאָט.

185 דער וועג, מעקסיקע

19 יוני, 1947. ד״ר שאָשקעס אַלס שליח

ציבור פון ניי־אָנגעקומענע יידישע עמיגראַנטן.

186 **דער טאָג, ניו־יאָרק**

23 **דעצ.**, 1939. ד״ר שאָשקעס, פוילישׂ־יידישער פירער, קומט מאָרגן קיין ניו־יאָרק.

187 **טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י.**

10 **מאַי**, 1954. לייוויק, מעצקער, פּינסקי, שפּיגעל, ד״ר שאָשקעס און אַנדערע, געווינען פּרעמיעס פון קולטור־קאָנגרעס.

188 **טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י.**

14 **סעפּט.**, 1956. אַנטיסעמיטיזם אַלץ שטאַרק אין סאָוועט, זאָגט ד״ר שאָשקעס ביים צוריקקומען.

189 **טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י.**

15 **יאַנ.**, 1957. ד״ר חיים שאָשקעס ציט זיך צוריק פון „יונייטעד־האַיאַס״ אַמט.

190 **טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י.**

24 **יולי**, 1958. פּייערלעכער קבלת־פּנים אין „ייוואָ״ פאַר ד״ר חיים שאָשקעס.

191 **טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י.**

1 **אָקט.**, 1959. ד״ר חיים שאָשקעס צוריק פון זיין רייזע איבער פיל לענדער.

192 **טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י.**

29 **נאָוו.**, 1960. ד״ר חיים שאָשקעס האָט באַזוכט דריי אַראַבישע לענדער.

193 **טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י.**

2 **פעב.**, 1961. ד״ר חיים שאָשקעס צוריק פון זיין רייזע אין די אַראַבישע לענדער און ישראל.

194 **טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י.**

1 **סעפּט.**, 1961. ד״ר חיים שאָשקעס באַערט צו זיין צוריקקומען פון אַ וועלט־רייזע.

195 **טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י.**

18 **יוני**, 1962. מאָסקווער ישיבה איז נישט געשלאָסן, אָבער די רעגירונג לאָזט נישט די תלמידים גיין לערנען.

196 **טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ.י.**

11 **אַפּר.**, 1963. ד״ר חיים שאָשקעס פליט אָפּ היינט אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע.

197 **ידיעות פון ייוואָ, נ.י.**

אַפּר., 1962, **ז׳** 4. אָוונט לכבוד אברהם ליס און ד״ר חיים שאָשקעס.

198 **די יידישע פּאָסט, מעלבורן**

1961. ד״ר שאָשקעס וועגן אַפריקאַנער קאָנטינענט.

199 **די יידישע פּאָסט, מעלבורן**

26 **מאַי**, 1961. דער באַזוך פון ד״ר ח. שאָשקעס אין מעלבורן.

200 **די יידישע פּאָסט, מעלבורן**

2 **יוני**, 1961. יידן און יידישקייט אין ראַטנפאַרבאַנד. ערשטער רעפעראַט פון ד״ר חיים שאָשקעס אין „קדימה״.

201 **די יידישע פּאָסט, מעלבורן**

יולי, 1961. פוילישע יידן אין זייערע נייע ישובים. פאַרלעזונג פון ד״ר שאָשקעס פאַרן וואַרשעווער צענטער.

202 **די יידישע פּאָסט, מעלבורן**

7 **יולי**, 1961. די חודשדיקע זיצונג פון „באָרד״. די רעדע פון ד״ר שאָשקעס.

203 **די יידישע פּאָסט, מעלבורן**

14 **יולי**, 1961. ד״ר חיים שאָשקעס האָט פאַרלאָזן מעלבורן.

204 **יידישע שריפטן, וואַרשע**

סעפּט., 1956, **ז׳** 10. קולטור־געזעלשאַפטלעכע כראָניק.

205 **דער מאָמענט, מאָנטעווידעאָ**

30 **נאָוו.**, 1945. ד״ר חיים שאָשקעס.

206 **מאָרגן־זשורנאַל, נ.י.**

28 **דעצ.**, 1939. ד״ר שאָשקעס היינט ביים קאָמיטעט־מיטינג פון פוילישן פאַרבאַנד.

207 **מאָרגן־זשורנאַל, נ.י.**

24 יאַנ., 1940. ד״ר שאָשקעס וועט אַד־רעסירן מאַסן־מיטינג אין דעטראָיט.

208 **מאָרגן־זשורנאַל, נ.י.**

7 פעב., 1940. רופן גרויסע לאַנדסמאַנ־שאַפטן־קאָנפערענץ פאַר יידן אין פוילן.

208א **מאָרגן־זשורנאַל, נ.י.**

21 יאַנ., 1945. דער פליענדער ביאַליס־טאָקער, ד״ר שאָשקעס.

209 **מאָרגן־פרייהייט, נ.י.**

4 יולי, 1944. דער ניו־יאָרקער „פאַט־ראַל־קאָרפוס״ נייטיקט זיך אין פרייווי־ליקע.

210 **מאָרגן־פרייהייט, נ.י.**

4 יולי, 1962. וואָס ד״ר שאָשקעס האָט געזאָגט אין ריגע.

211 **נייע יידישע צייטונג, מינכען**

5 סעפט., 1956. קאַגאַנאָוויטש קעגן יי־דישער קולטור אין רוסלאַנד. ד״ר שאָש־קעס באַזוכט לאַזאַר קאַגאַנאָוויטשן.

212 **דער נייער מאָמענט, סאַן פּאַולאָ**

27 יוני, 1952. אַ שמועס מיט ד״ר חיים שאָשקעס.

212א **פּאַריזער היינט**

דעצ., 1939. ד״ר ח. שאָשקעס, פּויל־שער קאָנסול אין תל־אביב.

213 **די פּרעסע, ב.א.**

14 סעפט., 1945. די צעשטערונג אַרום דער הילפס־אַרבעט שטעלט אין סכנה די לעבנס פון די געראַטעוועטע יידן אין אייראָפּע, האָט געזאָגט ד״ר שאָש־קעס.

214 **די פּרעסע, ב.א.**

25 סעפט., 1945. דער היינטיקער לונטש לכבוד ד״ר שאָשקעס.

215 **די פּרעסע, ב.א.**

26 סעפט., 1945. ד״ר חיים שאָשקעס, דעלעגאַט פון „האַיאַס־היצעם״, אויפ־גענומען געוואָרן דורכן עקזעקוטיוו פון אַלגעמיינעם הילפס־קאָמיטעט ביים ביאַ־ליסטאָקער פאַרבאַנד.

216 **די פּרעסע, ב.א.**

27 סעפט., 1945 דער קבלת־פּנים פאַר ד״ר שאָשקעס פון אימיגראַנטן־שוץ־פאַראיין.

217 **די פּרעסע, ב.א.**

29 סעפט., 1945. פייערלעך געשלאָסן דער צוזאַמענפאָר פאַר דער יידישער דערציונג.

218 **די פּרעסע, ב.א.**

2 אָקט., 1945. ווידזשאַ־לינטש האָט גע־פּראַוועט אַ פּרעכטיקן קולטור־יום־טוב.

219 **די פּרעסע, ב.א.**

3 אָקט., 1945. ד״ר חיים שאָשקעס ביי די „צעירי ציון־התאחדות״.

220 **די פּרעסע, ב.א.**

5 אָקט., 1945. די אויפנאַמע פאַר ד״ר שאָשקעס אין צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן.

221 **די פּרעסע, ב.א.**

8 אָקט., 1945. אַ רידיקע יידישע דע־מאָנסטראַציע קעגן ווייסן בוך און פאַר אַ קאָמאָנוועלט אין ארץ־ישראל.

222 **די פּרעסע, ב.א.**

15 אָקט., 1945. דער אזכרה־אַקט נאָך די געפאַלענע קדושים אין ביאַליסטאָ־קער געטאָ.

223 **די פּרעסע, ב.א.**

17 אָקט., 1945 געשאַפן אַ פאָנד פון הונדערט טויזנט פּעזאָס (100,000) פאַר עמיגראַציע־צוועקן דורכן אַלגעמיינעם הילפס־קאָמיטעט ביים ביאַליסטאָקער פאַרבאַנד.

224 **די פּרעסע, ב.א.**

2 דעצ., 1945. פּאָזיטיווער רעזולטאַט פון ד״ר שאָשקעס אונטערהאַנדלונגען מיט דער כונטאַ.

225 **די פרעסע, ב.א.**

16 **יולי, 1946.** ד״ר ח. שאָשקעס באַ־ריכטעט פאַר פרעסע־פאַרשטייער זיין שליחות־רייזע אין פוילן און דייטש־לאַנד.

226 **די פרעסע, ב.א.**

19 **יולי, 1946.** חברה־קדישא האָט אויפ־גענומען געסט פון ישוב.

227 **די פרעסע, ב.א.**

24 **יולי, 1946.** ד״ר חיים שאָשקעס וועט דערציילן וועגן זיין גרוס פון אַרגענ־טינער יידן צו די יידן אין די לאַגערן פון אייראָפּע.

228 **די פרעסע, ב.א.**

14 **יולי, 1946.** פייערלעכע זיצונג מיט ד״ר שאָשקעס ביי די „צעירי ציון התאחדות״.

229 **די פרעסע, ב.א.**

8 **סעפט., 1946.** דער אָפּשידס־מיטינג פאַר ד״ר ח. שאָשקעס אין „העברעאי־קאַ״.

230 **די פרעסע, ב.א.**

30 **אויג., 1957.** ד״ר ח. שאָשקעס אין רעדאַקציע „די פרעסע״.

431 **די פרעסע, ב.א.**

8 **סעפט., 1957.** שרייבער־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג״ נעמט אויף ד״ר חיים שאָשקעס.

232 **די פרעסע, ב.א.**

27 **מאַי, 1960.** ד״ר חיים שאָשקעס באַ־זוכט „די פרעסע״.

233 **די פרעסע, ב.א.**

15 **יוני, 1960.** אַ גרויסער עולם איז גע־קומען צום רעפעראַט פון ד״ר חיים שאָשקעס אין דער קהלה.

234 **די פרעסע, ב.א.**

15 **יוני, 1960.** זונטיק דער פאַרטראַג פון ד״ר חיים שאָשקעס אין דער קהלה.

235 **די פרעסע, ב.א.**

24 **אויג., 1962.** ד״ר חיים שאָשקעס אין „די פרעסע״.

236 **די פרעסע, ב.א.**

30 **אויג., 1962.** דער רעפעראַט פון חיים שאָשקעס אין דער קהלה, „מיט יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון ראַטנפאַרבאַנד״.

237 **די פרעסע, ב.א.**

11 **סעפט., 1962.** דער עונג־שבת אין קלוב „טלאַמאַצקע 13״ לכבוד ד״ר ח. שאָשקעס.

238 **די פרעסע, ב.א.**

19 **יולי, 1963.** ד״ר חיים שאָשקעס וועט באַריכטן „ווי איך האָב געזען די יידן אין אייראָפּע״.

239 **פאָלקסבלאַט, מאָנטעווידעאָ**

29 **גאָוו., 1945.** שליח פון „האַיאַס־הי־צעם״ אין מאָנטעווידעאָ, ד״ר שאָש־קעס

240 **פאָלקסבלאַט, מאָנטעווידעאָ**

23 **דעצ., 1954.** ד״ר שאָשקעס באַקומט באַערונג אין ניו־יאָרק.

241 **פאָרווערטס, נ.י.**

30 **דעצ., 1939.** יידן מיט האַלב אָפּגע־שוירענע בערד זינגען „התקוה״ פאַר דייטשן אין די וואַרשעווער גאַסן.

242 **פאָרווערטס, נ.י.**

1940. צוויי שיפן ברענגען אַהער 650 יידישע פליכטלינגען.

243 **פאָרווערטס, נ.י.**

1940. ד״ר שאָשקעס דערציילט אין רעדאַקציע „פאָרווערטס״ וועגן וואַרשע אונטער דער נאַצי־הערשאַפט.

244 **פאָרווערטס, נ.י.**

1940.ד״ר שאָשקעס רעדט היינט אָוונט פאַר היגע פוילישע יידן.

245 **פאָרווערטס, נ.י.**

יאַנ. 1940. ד״ר שאָשקעס שילדערט

גרויל־בילדער פון נאַצי־בעסטיאַליטעטן אין פוילן, ביי דעטראָיטער מאַסן־מי־טינג.

246 פאָרווערטס, נ.י.

15 יאַנ. 1940. מאַסן־מיטינג מיט ד״ר ד״ר שאַשקעס פון פוילן, היינט אָוונט אין משה שול.

247 פאָרווערטס, נ.י.

ביים מיטינג פון די פאַראייניקטע יידי־שע געווערקשאַפטן.

248 פאָרווערטס, נ.י.

5 פעב., 1940. ד״ר שאַשקעס רעדט וועגן פוילן אויף דער טעאַטער־ראַדיאָ־שטונדע, מאָרגן פרי.

249 פאָרווערטס, נ.י.

5 פעב., 1940. ד״ר חיים שאַשקעס און אַדאָלף העלד היינט ביי די פאַראיי־ניקטע יידישע געווערקשאַפטן.

250 פאָרווערטס, נ.י.

26 פעב., 1940. ד״ר שאַשקעס שיל־דערט די שוידערלעכע טראַגעדיע פון די פוילישע יידן ביים וועלפער פאָנד קאָנפערענץ אין טשיקאַגאָ.

251 פאָרווערטס, שיקאַגאָ

27 פעב., 1940. לעבעדיקער גרוס פון פוילישן נאַצי־גיהנום, דאָנערשטיק אָוונט אין דאָגלאַס־פּאַרק־טעאַטער.

252 פאָרווערטס, שיקאַגאָ

28 פעב., 1940. מאַסן־מיטינג מיט ד״ר שאַשקעס אָפּגעלייגט אויף אַ וואָך, צו־ליב זיין קראַנקהייט.

253 פאָרווערטס, שיקאַגאָ

5 מערץ, 1940. ד״ר שאַשקעס וועט באַ־ריכטן פון נאַצי־גיהנום און משה אוי־שער וועט מאַכן אַ הזכרה נאָך די יידישע קרבנות, דאָנערשטיק אין דאָג־לאַס־פּאַרק־טעאַטער.

254 פאָרווערטס, שיקאַגאָ

6 מערץ, 1940. קומט מאָרגן הערן דעם לעבעדיקן גרוס פון נאַצי־גיהנום און פאַרגיסן אַ טרער נאָך די יידישע פּאָג־ראָם־קרבנות.

255 פאָרווערטס, שיקאַגאָ

7 מערץ, 1940. ד״ר שאַשקעס גיט היינט אָפּ אַ גרוס פון נאַצי־גיהנום אין פוילן, אין דאָגלאַס־פּאַרק־טעאַטער.

256 פאָרווערטס, דעטראָיט

31 מערץ, 1940. בענדזשאַמין ווינטער און ד״ר חיים שאַשקעס, הויפּט־רעדנער ביים פאָלקס־מיטינג פון פוילישע יידן אין דעטראָיט.

257 פאָרווערטס, נ.י.

30 אָקט., 1960. נייער בוך פון ד״ר חיים שאַשקעס שילדערט זיינע באַגעגענישן אין די ווייטסטע ווינקלען פון דער וועלט.

258 פאָרווערטס, נ.י.

21 יאַנ., 1962. קבלת־פּנים אין „ייוואָ״ פאַר אברהם ליס און ד״ר חיים שאַש־קעס.

259 פרייוועלט, מעקסיקע

10 מאַי, 1946. ד״ד שאַשקעס דערציילט וועגן זיין רייזע איבער אייראָפּע.

260 קענעדער אָדלער

17 סעפּט., 1960. נייער בוך פון ד״ר חיים שאַשקעס שילדערט זיינע באַגע־גענישן אין דריי קאָנטינענטן.

261 די שטימע, מעקסיקע

11 מאַי, 1946.רעפעראַט פון ד״ר שאַש־קעס.

262 די שטימע, מעקסיקע

30 נאָוו., 4 שרייבער פרעמירט געוואָרן.

263 דער שפּיגל, ב.א.

1945, ד״ר חיים שאַשקעס.

264 דער שפּיגל, ב.א.

יולי, 1946. פרעסע־קאָנפערענץ פו ד״ר

חיים שאָשקעס מיט יידישע זשורנאַליסטן.

265 דער שפיגל, ב.א.
מאַי, 1960, ז׳ 14. ד״ר חיים שאָשקעס אין בוענאָס איירעס.

266 **NOTICIERO, BUENOS AIRES.** July 10, ,1945.
אַ גרויסן רושם און וויכטיקע רעזולטאַטן האָט איבערגעלאָזן די 1טע לאַנדקאָנפערענץ פון חינוך.

267 **NOTICIERO, BUENOS AIRES.** Sept. ,14, 1945.
נאָך אַ פּאַראייניקטע יידישע אַקטיווע הילפס־אַרבעט איז בכוח צו ראַטעווען אַ סך טויזנטער יידישע נפשות פון אומקום, האָט דערקלערט ד״ר שאָשקעס.

268 **NOTICIERO, BUENOS AIRES.** Spt., 27, 1945.
דער דרינגנדיקער רוף פון ד״ר שאָשקעס צו ראַטעווען די רעשטלעך פון געפייניקטן אייראָפּעישן יידנטום.

269 **NOTICIERO, BUENOS AIRES.** Oct., 3, 1945.
אַן אויפנאַמע פאַר ד״ר שאָשקעס אין צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע.

270 **NOTICIERO, BUENOS AIRES.** Oct., 4, 1945.
אויפנאַמע פאַר ד״ר שאָשקעס אין פויליש יידישן פאַרבאַנד.

271 **NOTICIERO, BUENOS AIRES.** Oct., 4, 1945.
ד״ר חיים שאָשקעס מיט אַ באַזוך אין דער „פּראָטערנידאַד אַגראַריאַ״.

272 **NOTICIERO, BUENOS AIRES.** Oct., 7, 1945.
דער גראַנדיעזער פּראָטעסט־אַקט אין לונאַ־פּאַרק. רעדע פון חיים שאָשקעס.

אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן ד״ר שאָשקעס אין פרעמדע שפראַכן, מיט און אָן גענויע דאַטן

273 **ABEL, DAVID**
Dr. Shoskes tells of interviews with Persian Shah. The Jewish Herald, Johannesburg, Aug. 8, 1961.

274 **„AHONDE VAMOS", Rio**
Dr. Henry Shoskesz

275 **ARMS, VAL.**
Arms around the Country. The National Herold, N.Y. July 9, 1944.

276 **L.B.**
N.Y. C.P.C. Pour la victoire. Julliet 8, 1944.

277 **BALCAZAR, PABLO**
La grandiosa epopeya del pequeno Pueblo Judio; uno de los factores de la victoria. Vida Internacional, Medellin, COLOMBIA. Junio 6, 1946.

278 **COHEN, YOSEL**
In The Jewish World. The Workmen's Circle Call, New York. March 1940, P. 9 and 11.

279 **ELLIOTT, JOHN**
Jews in Poland Ask to Escape Anti-Semitism. Herald-Tribune, European Edition. March 8, 1946.

280 GLUSBERG, LEONARDO
En Paises Lejanos. Por Jaim Shoskes. Dava, No. 62, Buenos Aires, Enero-Febrero 1956. P. 99.

281 GORALSKI, H.
Passaic. Jutro obchód Wrześniowy. Nowy Świat, Sept. 11, 1943.

282 HAYES, FRANK L.
Jewish Refugee Backs Horror Charges. Daily News, Chicago, February 27, 1940.

283 JOVER, MARCELO
El Dr. Shoskes Revela Como Fue Manejado un Movimiento Secreto. Manana, Mexico, Nov.

284 LEVISKY, FERNANDO
O que aguarda o povo judeu como fim da guerra? Debate. Rio de Janeiro, Sept. 7, 1945.

285 R.B.M.
Vida — Noticias. Manana. Num. 86, Abril 21, 1945.

286 MARGOSHES, DR. S.
A Mid-Winter Night's Tale. Dinner at eight. Conversation about Poland. The Yellow Badge. The Day N.Y. January 28, 1940.

287 MIBASHAN, NOEMI
Viaje Sin Retorno. Por Henry Shoskes. Libros, Buenos Aires, 1945.

288 ROBLES, NELSON
De Tres Millones de Judios Polacos, los nazis solo dejaron setenta. Diario Popular, Colombia, Junio 4, 1946.

289 SCHWARTZ, HARRY
Soviet Printing Hebrew Prayers. New York Times, Sept. 23, 1956.

290 TAFT, ROBERT A.
Speech in the Senante of the United States (on Dr. Shoskes Report). Congressional Record, Sept. 4 and 25, 1941.

291 TYGEL, Z.
Dr. Shoskes Is Saddend By Fate of Jews. Jewish Review, Jan. 14, 1940.

292 TYGEL, Z.
Two Million Jews Enslaved. The Southern Jewish Weekly, 1940.

293 E.V.
Aqui Tiene Ud. Jabon fabricado con grasa Humana... Conversacion con Henry Shoskes. Jornala Lima, Junio 30, 1946 (PERU).
Our Favorite Yiddish Paper. The Jewish Spectator, New York, Feb.

294 WEISS-ROSMARIN, TRUDE
1958, P. 7.

295 ZOLOTAREFF, MEYER
Refugee Tells Nazi Terror in Poland. Herald-American, Chicago, Feb. 26, 1960.

296 סוועט גרשון
אַלבאָם גאָראָדאַ בעלאָסטאָקאַ. **נאָוואָיע רוסקאָיע סלאָוואָ, ניו־יאָרק, 10 יוני** 1951 (רוסיש).

297 סעדיך אַנדריי
אינדעיסקי וואָפּראָס פּורפּורנאָיע אָבלאַ־קאָ אי בודושטשיע אַמעריקאַנסקיע גראַזשדאַניע אָכראַניאַיוט פּאָריאַדאָק איוו ניו־יאָרקע. נאָוואָיע רוסקאָיע סלאַוואָ, **ניו־יאָרק, 2 יוני 1944 (רוסיש).**

298 עבערגאַרדט
אַרמיאַ דאָמאַשניעוואָ פראָנטאַ.
רוסקי גאָלאָס, **ניו־יאָרק, 2 יוני 1944** (רוסיש).

asilo para millares de judios que han Sobrevivigo en Europo. Visita el Equador el Dr. H. Shoskes.

312 CONGRESS BULLETIN N.Y.
Dec. 29, 1939. Urges relief action ot save Polish Jewry. Dr. Henryk Szoszkes Report Appaling Desitution in Jewish Comunities.

313 LA CRONICA, Lima
Junio 29, 1946. Habla para "La Cronica" El Renombrada Novelista Norte americano H. Shoskes.

314 DAILY NEWS, N.Y.
Jan. 15, 1940. Nazis Sought Jewish Girls, Consul's Story.

315 DETROIT CHRONICLE
Winter, Shoskes, to speak April 7.

316 DETROIT EVENING NEWS
Jan. 26, 1940. Polish Invasion Described by Eyewitness.

317 DETROIT EVENING NEWS
Jan. 25, 1940. Banker to tell of nazi rule in Poland.
R 1. ŃŃps7yB

318 FREE PRESS, Detroit
Polish refugee to speak here.

319 FREE PRESS, Detroit
Jan. 25, 1940. All Poland Made a Jail By Nazis, Fugutive Asserts.

320 FREE PRESS, Detroit
April 8, 1940. City Jews end refugee Drive.

321 DETROIT JEWISH CHRONICLE
Jan. 1940. Dr. Szoszkes Coming Here For Lecture on Januaury 25.

299 „ריזשסקיע איזוועסטיא"
אינטערוויו ס' דאקטארעם שאשקעס,
אגענציא נאוואסטי, יוני 1961 (רוסיש).

300 AFRICAN JEWISH TIMES
August 4, 1961. Return visit.

301 AUSTRAL. JEWISH NEWS.
1961. A Messege by Dr Shoskes.

302 AUSTRALIAN JEWISH NEWS
1961. A Jew Among Arabs.

303 AMERICAN JEWISH TIMES
March 1940. A message from Poland.

304 ASLI, Rio
Das barricadas de Vasivia a capitan de Exercito norte-americano. As aventuras de Henry Shoskes, autor de librero Viajem se retorno...

305 ASUNCION, Paraguay
Agosto 27, 1946. Illego El Doctor Henri Shoskes.

306 ASUNCION, Paraguay
Agosto 28, 1946. "Viaje sin Retorno", Narracion Sernea de un Historiador Objectivo.

307 DAILY ARGUS
Dec. 14, 1943. Poland Deserves Place of Honor in New Europe, Dr. Shoskes Says.

308 AUFBAU, New York
Sept. 02, 1940. The Jewish Battle for a new Poland.

309 CHINA DAILY, N.Y.
Val. 4 Nr. 232 (Chinese), Apr. 7, **1944.**

310 EL COMMERCIO, Quito, Equador
Junio 23, 1946. Dr.. Henry Shoskes.

311 EL COMMERCIO, Quito
Junio 23, 1946. En busca de un

Dr. H. Shoskes.

333 DZIENNIK POLSKI
23 stycznia 1940. Dr. H. Szoszkes z Warszawy wygłosi odczyt o położeniu Żydów polskich.

334 DZIENNIK POLSKI
23 stycznia 1940. Gość z warszawskiego piekła.

335 DZIENNIK POLSKI
25 stycznia. 1940. Ludność Polski bez względu na rasę i religię jest przeciw Niemcom i wierzy w zwycięstwo i odrodzenie Polski, twierdzi Dr. Henryk Szoszkies z Warszawy.

336 DZIENNIK POLSKI
27 stycznia 1940. Dr. Szoszkies w radio.

337 DZIENNIK ZWIĄZKOWY (ZGODA)

27 lutego, 1940. Przywódca warszawskich Żydów mówi w Chicago o okrucieństwach hitlerowców w Polsce.

338 EAST SIDE NEWS N.Y.
Dec. 23, 1939. Polish Leader Arrives Today.

339 ESTRADO JUDIO, Paraguay
Sept. 9, 1946. El Paraguay **Armitiria** a Hebreos Desplazados.

340 CARIOCA, Rio
Aug. 30 1945. O que aguarda o povo Israelita com o fim da guerra?

341 FURNITURE INDEX
March 1940. Fugutibe in Polish Invasion Tells of Experiences with a radio.

322 DETROIT JEWICH CHRONICLE
Jan. 19, 1940. Dr. Szoszkes Here Jan. 25, Eminent Polish Leader To Address Public Meeting.

323 DETROIT JEWISH CHRONICLE
Jan. 26, 1940. The Visit of Dr. Henry Szoszkes.

324 DETROIT JEWISH CHRONICLE
Jan. 26, 1940. Dr. Henry Szoszkes To Speak at number of meetings.

325 DETROIT NEWS
Jan. 25, 1940. Refugee Financier Greeted by Poles.

326 DETROIT NEWS
Jan 26, 1940. Revival of Nation is Vital.

327 DETROIT TIMES
Apr. 1940. Refugee Relief Drive Closed.

328 DIARIO CARIOCA, Rio de Janeiro
Agosto 30, 1945. Falara hoje ads Israelitas do Rio o escritor Henry Shoskes.

329 DAILY NEWS, Detroit
Jan. 23, 1940. Fled from Nazis.

330 DETROIT NEWS
Jan. 25, 1940. Refugee Financier Greeted by Poles.

331 DETROIT NEWS
Jan. 26, 1940. Saw Poland Invaded.

332 DIARIO DIRETRIZES, Rio de Janeiro
Agosto 29, 1945. Conferencia do

352 JORNAL ISRAELITA, Rio
Proclamada a Campanna de Socordo a os Judeus Sobrevinentes de guerra.

353 JORNAL ISRAELITA, Brazil
Sept. 19, 1946. Das Barricadas de Varsovie a capitao do Exercito notre-americano.

354 JORNAL ISRAELITA, Rio
Oct. 27, 1945. Vaia S. Paulo o Dr. Henry Shoskes.

355 JEWISH PRESS, San Antonio, Texas
Feb. 23, 1940. Polisg aid groups confab. March 10.

356 JEWISH REVIEW, N.Y.
"Sees new immigration opportunites in Latin America".

357 EL LIBERAL, Bogota
Mayo 31, 1946. 500 Mil Europeos Vendrian a Amrica.

358 MONTERAL DAILY STAR
Dec. 6, 1944. Speaks tomorrow Dr. Chaim Shoskes.

359 EL MUNDO, Havana
Avril 24, 1946. Doctor Henry Shoskes.

360 MUNDO ISRAELIA, Buenos Aires
July 3, 1946. En Mission de la Hias El Doctor H. Shoskes Liego el Jueves.

361 MUNDO ISRAELITA, Buenos Aires
July 9, 1945. El Dr. Shoskes Arribaba En breve a nuestra capital.

362 MUNDO ISRAELITA, Buenos Aires

342 CODZIENNA GAZETA HANDLOWA, Warszawa
7 list. 1933. Jak Ameryka walczy z kryzysem.

343 G.L.F. WEEK
June 15, 1942. Polish Cooperator.

344 O GLOBO, Rio de Janeiro
Aug. 27, 1945. Comite de resepco junta a Sociedade Beneficiento Israelita do Rio de Janeiro.

345 GŁOS POLSKI, Paryż
12 grudnia 1939. Dr. Henryk Szoszkies — Konsulem R.P. w Tel-Awiwie.

346 DAILY HEBREW JOURNAL Toronto
Jan. 18, 1, 1943. Polish Jews in Canada confering here today.

347 HOME NEWS, N.Y.
Dec. 21, 1939. Conte di Savoia here with 35 exiles who began trip to U.S. two monthes ago.

348 HOME NEWS, N.Y.
Dec. 23, 1939. Dr. H. Shoskes will report an Poland

349 LA HORA, B. Aires
Julio 10, 1946. Ala despobiacion causada por la guerra y el hambre en Europa sigue el deseo de fuga declaraciones nos hace el Doctor Henry Shoskes.

350 IMPENSA ISRAELITA, Rio
Setembro 20, 1946. Das Barricadas de Varsowie. A capiodo Exercio notre-americano.

351 JORNAL ISRAELITA
Oct. 20, 1945. Regressou o dr. Shoskes.

373 NEW YORK HERALD TRYBUNE
Mar. 1942. Cooperatives exiled Chief Organize Here.

374 NEW YORK POST
Jan. 15, 1940. Nazis Demanded Poles establish Army Brothels.

375 NEW YORK POST
Feb. 20, 1940. Nazis "Destroying Jews" Dr. Szoszkes Tells of terror.

376 LA PRENSA, Buenos Aires
Junio 20, 1946. Con en Dr. Henry Shoskes. director de la Immigracion Hebrew en N. America.

377 NEW YORK STAATS-ZEITUNG
Feb. 8, 1940. Warschauer Bank Direktor spricht in Brooklyn. Dr. Schoschkes schildert die Lage der Juden in Polen.

378 NEW YORK SUN
FEb. 20, 1940. Tells Terrors of nazi rule. Dr. Shoskes calls Poland concentration camp.

379 THE NEW YORK TIMES
Dec. 10, 1939. Jews' Plight Held Critical in Poland.

380 THE NEW YORK TIMES
Dec. 22, 1393. The Conte di Savoia from the war zones of Europe.

381 THE NEW YORK TIMES
Dec. 24, 1939. Leading Polish Jew Here.

382 THE NEW YORK TIMES
March 6, 1942. Extinction feared by Jews in Poland.

Sept. 15, 1945. Realizose una conferencia de prensa con el Dr. H. Shoskes.

363 MUNDO ISRAELITA, Buenos Aires
Sept. 29, 1945. El Miercoles fue objeto de una demonstracion el Dr. H. Shoskes.

364 MUNDO ISRAELITA, Buenos Aires
Dec. 1, 1945. Regresara a los E.U. El Doctor H. Shoskes.

365 MUNDO ISRAELITA, Buenos Aires
Julio 30, 1955. En paises lejanos por Jaim Shoskes.

366 MUNDO JUDIO, Santiago
1945. Como nuevo, el Dr. Shoskes enfrento a los Nazis defediendo a Judios "Polacos".

367 MUNDO JUDIO, Santiago
1945. Delegado de la Hias fue recibidido por el canciller.

368 MUNDO JUDIO, Santiago
1945. El Dr. Henry Shoskes Liegara a nuestra capital el proximo lunes.

369 THE NATIONAL HEROLD N.Y.
July 11, 1944. City Patrol.

370 NASZA TRYBUNA, N.Y.
Odznaczenie Dra Szoszkieca.

371 NEW YORK HERALD TRI—BUNE
Dec. 24, 1939.

372 NEW YORK HERALO TRIBUNE
Feb. 21., 1940. Benefit Aims at $ 15.000 for Polish Wars reufugees.

393 DAILY STAR
Apr. 9, 1940. Commemorate Tragic Heroism of Polish Jews.

394 NOWY ŚWIAT
Sep. 30, 1940. Mowa Dr. Henryka Szoszkiesa wygłoszona na wiecu w Dniu Żałoby w sali Cooper Union w Nowym Jorku.

395 RAND DAILY MAIL, Johanesburg
Aug. 1, 1961. African Jews.

396 REVISTA ISRAELITA of Mexico
Visita del Dr. Shoskes.

397 THE ROYAL RECORDER N.Y.
Aug. 17, 1939. Dr. Shoskes, Famous As Author, Traucler, Speaks At Lodge.

398 EL SIGLO, Santiago
Dec. 1945. Proximo visita a Chile del Dr. Henry Shoskes. Enviado de la Central de la Hicem.

399 EL SIGLO, Santiago
Dec. 14, 1945. Economista Judio Da Hoy Una Chabla.

400 THE STANDARD, Buenos Aires
Sept. 12, 1945. Seeks Jewish Migration to Latin America.

401 THE STANDARD, Buenos Aires
Dr. H. Shoskes Arrives.

402 TIEMPO, Bogota
May 31, 1946. H. Shoskes Estudio La Immigracion de Poblecido Judio.

383 THE NEW YORK TIMES
March 8, 1942. Post-War Program Mapped by Co-ops.

384 THE NEW YORK TIMES
Aug. 11, 1956. Soviet Outlines Yiddish Revival.

385 NER, Jerusalem
March 1956, P. 19. Dr. H. Shoskes A Jewish Traveller in Egypt.

386 NEWS OF CHICAGO'S
$ 2,250,000 Campaign: Folks Division Organized; Pledged to raise $ 100.000.

387 A NOITE, QUINZA-FEIRA, Rio
Agosto 30, 1945. O quie Aguarda o Povo Israelita Com O Fim Da Guerra? Interessante palestra do Dr. Henry Shoskes.

388 DIARIO da NOITE, Rio
Aug. 30, 1945. Falara hoje ads Israelitas do Rio, o Escritor Henry Shoskes.

389 A NOITE, San Paulo
Nov. 6, 1945. Dolorosos ecos da sanha nazista em Varsovia.

390 NOWY ŚWIAT
30 grudnia 1940 Gość z warszawskiego piekła, Dr. Henryk Szoszkies 0calał wprost cudem — podkreśla solidarność Polaków i Żydów.

391 NOWY ŚWIAT
10 luty, 1940. Żołnierze czy rabusie?

392 LA PRENSA,
Abril 6, 1944. Se solicita mas personal para servir en el cuerpo de patrulla civil de N.Y.

403 TIEMPO, Mexico
Julio 13, 1945. Un gran Libro.

404 TIMES, Chicago
Feb. 25, 1940. Here Dr. Shoskes

405 TRAVEL, Bristol, Conn.
June 1952, P. 45. "Your World and Mine" by Dr. Henry Shoskes.

406 LA TRIBUNA, Lima
Junio 29, 1946. Las Infendencias Politicas: Obstaculo Para Resolva El Problema Sionista.

407 UNIVERSAL, Mexico
May 11, 1946. "Un Armazon Sobre Escombos" eso La Polonia Actual.

408 ZIONIST RECORD
Shoskes gets into Jordan.

409 **איזוועסטיא**
בעדסטוועננאַיע פּאַלאַזשעניע פּאַלסקיע יעוורעיעוו איוו פּאַלשע, מאַסקווע, 9 סעפּט. 1941 (רוסיש).

410 LIBROS RECIBIDOS HENRY SHOSKES
Viaje Sin Retorno.

411 Rabino Algazi y Dr. Henry Shoskes Fueron Reciados por el **Comité Represantivo, Santiago.**

412 Z posiedzenia Polsko-Czechosłowackiego Komitetu Współpracy, **Feb. 17, 1940 (New York).**

413 NOWY ŚWIAT N.Y.
1940. Księża katoliccy muszą zamiatać ulice w Warszawie.

414 NOWY ŚWIAT, N.Y.
1942. Pożegnanie P. Konsula Generalnego Dra Sylwestra Griszki przez Żydów polskich w Nowym Jorku.

415 POST, Melbourne
1961. Shoskes Tells of USSR Jews.

416 HERALD, Melbourne
1961. Dr. Shoskes on African Problem.

417 HERALD, Melbourne
1961. Shoskes Second Kadimah Lecture.

418 1961. Dr. Shoskes Arriwes in Melbourne Fresh from Audience with Shah.

419 July 7, 1961. South Africa Heading For Bloodshed; Melbourne.

420 NOTICIERO, Buenos Aires
פּייערלעכע „קרן־קימת״־אויפנאַמע פאַר ד״ר שאָשקעס.

421 NOTICIERO, Buenos Aires
ד״ר חיים שאָשקעס וועט באַריכטן: „ווי איך האָב געפונען די יידן אין אייראָפּע״.

422 NOTICIERO, Buenos Aires
די גרויזאַמע רעאַליטעט פאַר יידן אין פוילן, שילדערט ד״ר חיים שאָשקעס אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ.

423 NOTICIERO, Buenos Aires
אויף אַ ריזיקן אַקט האָט ד״ר שאָשקעס גערעדט וועגן די יידן פון פוילן.

אַלגעמיינע באַמערקונג

ליידער באַזיצן מיר נישט די הונדערטער אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן ד״ר ח. שאָשקעס, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אייראָפּעיש־יידישע צייטשריפטן, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, סעפּטעמבער 1939.

ביז איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „המנורה“:

אַנאַ פראַנק — **טאָגבוך פון אַ מיידל.**

ש. פראַנק — **טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ.**

באָריס פּאַסטערנאַק — **דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 2 בענד.**

מ. מאַן — **דאָס הויז צווישן דערנער** (18 ישראל־נאָוועלן)

ראָבערט סענט דזשאָן — **דוד בן־גוריון** (לעבנסגעשיכטע פון אַן אומגעוויינ־לעכן מענטש).

מיכאל וויכערט — **זכרונות, 1־טע טייל.**

מיכאל וויכערט — **וואַרשע, זכרונות 2־טע טייל.**

מיכאל וויכערט — **יידישע אַליינהילף.**

מיכאל וויכערט — **מלחמה 1945—1939**, זכרונות 3טער באַנד.

אַנדרעי שוואַרץ־באַרט — **דער לעצטער פון די צדיקים.**

שלמה שנהוד — **מיט חלום איבער תהום**, לידער.

לענאַ קיכלער־זילבערמאַן — **מיינע הונדערט קינדער**, מיט אַ פאָרוואָרט פון רחל ינאית בן־צבי — ישראל־פרעזידענטס פרוי.

אבא גאָרדין — **שלמה המלך**, היסטאָרישער ראָמאַן.

אבא גאָרדין — **משה**, זיין לעבן און לערע.

משה וויטיעס — **מסות על ספרות** (עסייען וועגן ליטעראַטור). — העברעיש.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו — **פרי גני (פירות פון מיין גאָרטן)**, (לידער אין העברעיש).

ד״ר יעקב צינעמאַן — **עמיל זאָלאַ**, אַ לעבן פון אַ שרייבער און קעמפער. (פרעמירט דורך אַדאָלף־ניומאַן פאָנד).

מ. צאַנין — **תל־עולם.** מסע על פני 100 קהילות נחרבות. (העברעיש).

אברהם קריב — **ליטא מכורתי — מיין היימלאַנד ליטע.** עברית־יידיש.

יחזקאל בראַנשטיין — **פון אייגן הויז.** עסייען און שרייבער, וואָס איך האָב געקענט.

מאיר זימל טקאַטש — **מיין האָב און גאָב.** געזאַמלטע פּערזן. **2־טער באַנד.**

פּיאָטער ראָוויטש — **דם השמים.** פון פראַנצויזיש (העברעיש).

ד״ר ר. בן־שם — **אני והוא.** פסיכולוגיה פרוידיאנית (העברעיש).

רחל אויערבך — **מרד גיטו וארשה** (העברעיש).

דב שילאַנסקי — **מוזלמאַן (ענגליש).**

הרב אברהם העפּטערמאַן — **אַזוי לעבן יידן.** רבנים, ראַבאַיס און סתם־יידן
אין אַמעריקאַנער כתרילעווקע.
י. גאָלדקאָרן — **פון וועלט־קוואַל.** קליינע עסייען וועגן גרויסע מענטשן.
א. בוסתן — **חיים ווייצמאַן.** לעבן און ווערק.
יעקב זינגער — **דער יונגער דזשייקאָבס,** ראָמאַן.
י. גאָלדקאָרן — **לאָדזשער פּאָרטרעטן.** אומגעקומענע שרייבער.
ד״ר ח. שאָשקעס — **מיט יידן אין ווייטע לענדער.**
ד״ר ח. שאָשקעס — **עולם ומלואו של ר׳ חיים שאָשקעס** (העברעיש).
א. גאָפּלאַט — **געשטויגן און געפלויגן.** ישראל אויף פּריילעך.

ביכער אין דרוק:

ש. י. עגנון — **פון דאַנען און פון דאָרטן.** 7 סיפורים און נאָך איינער.
ש. ראָזענבערג — **שבתי צבי.** היסטאָרישער ראָמאַן.
א. בייזער — **פיר זענען זיי געווען.** ראָמאַן.
מ. ש. גשורי — **ירושלים עיר המוסיקה** (העברעיש).
ב. אפּשטיין — **בערבות הפּאמפּה** (העברעיש)
ד״ר י. הרציג — **נדודי במלחמה ויאסלו עירי.**

צענטראַלע פאַרשפּרייטונג פאַר דער גאַנצער וועלט פון:

ש. אַש — **דער נביא.**
מ. צאַנין — **פולער העברעיש־יידישער ווערטערבוך,** 2 בענדער.
מ. צאַנין — **שבתדיקע שמועסן.**
יצחק גרינבוים — **פון מיין דור.**
יהושע שלייען — **איינער האָט זיך געראַטעוועט.**
לעאָן יוריס — **עקזאָדוס,** 3 בענד.
יצחק פּערלאָוו — **מיינע 7 גוטע יאָר.**
לאָרד ראַסעל — **די בייטש פון האַקנקרייץ.**
ז. שניאור — **די משומדתטע.**
ז. שניאור — **אַ טאָג עולם־הזה.**
אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל, 1963.